STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05676

IKUF-ALMANAKH : 1967

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איקוף־אַלמאַנאַך

1967

איקוף־אלמאנאך

1967

איקוף פארלאג

ניו־יאָרק

צונויפגעשטעלט און רעדאקטירט
דורך
נחמן מייזיל

YKUF - ALMANAC
1967

Edited by
NACHMAN MEISEL

שער־בלאַט געצייכנט דורך י. זעלדין

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Avenue
New York, N. Y. 10003
1967

Copyright by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)

Printed by
Grenich Printing Corp.
151 West 25th Street
New York, N. Y. 10001
166

אינהאַלט:

זייט

א. גאָלדבערג: **צו די לייענער** — — — — — — — — — — — — — 7

בער מאַרק: **די יידישע היסטאָריאָגראַפיע אין אונדזערע טעג** — — — — — 11

נחמן מייזיל: **מאָריס ראָזענפעלד אין ליכט פון דער יידישער קריטיק** — — 60

אַלכסנדר האַרקאַווי: **קאַפּיטלען פון מיין לעבן** — — — — — — — — — — 81

נחמן מייזיל: **דוד בערגעלסאָן דער דראַמאַטורג און זיין פּיעסע „מיר וועלן לעבן"** — — — — — — — — — — — — — — — — 107

וויכטיקע דאַטעס אין לעבן און שאַפן פון דוד בערגעלסאָן — — — — — — — — 126

דוד בערגעלסאָן: **כ'וועל לעבן! — לא אמות כי אחיה — (דראַמע אין 3 אַקטן)** 131

בער גרין: **די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע** — — — — — — — — — — 181

קלמן מרמר: **וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען אין יידיש** — — — — — — — 204

פּראָפ. שמואל אייזענשטאַדט: **משה (מאָריץ) העס** — — — — — — — — — — 212

הויפּט־דאַטעס פון משה העס' לעבן און שאַפן — — — — — — — — — — — 249

יצחק קאַצענעלסאָן: **דאָס ליד וועגן ראַדזינער** — — — — — — — — — — 252

מאַקס עריק: **יוסף אָפּאַטאָשוס טרילאָגיע** — — — — — — — — — — — — 298

מ. ירדני: **קאָמפּאָזיטאָרס ביים יידישן טעאַטער אין אַמעריקע** — — — — — 309

זלמן זילבערצווייג: **שעקספּיר אין יידיש און אויף דער יידישער בינע** — — — 327

הויפּט־דאַטעס אין לעבן און שאַפן פון דעם נסתר — — — — — — — — — — 347

וויכטיקסטע דאַטעס אין לעבן און שאַפן פון פּרץ מאַרקיש — — — — — — — 352

א. ר. מלאכי: **מענדעלע ווי אַ פאַרלעגער און אַ הסכמה־געבער** — — — — 358

נ. הייקין: **ווי האַלט עס מיט דער פּראָדוקציע פון יידישע ביכער?** — — — 365

ביישטייערער פאַרן איקוף־אַלמאַנאַך — — — — — — — — — — — — — 370

צו די לייענער

אין 1961 איז דערשינען דער ערשטער איקוף־אַלמאַנאַך. אין אַריינפיר־וואָרט האָט די רעדאַקציע אויסגעדריקט די האָפענונג, „אַז מיר וועלן ניט בלייבן שטיין בײַם ערשטן איקוף־אַלמאַנאַך און, אַז דער צווייטער וועט קומען נאָך אין 1962". ווײַזט אויס, אַז ניט אַזוי לײַכט ווערן וואונטשן רעאַליזירט אין אונדזער יידיש קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער איצטיקער אַלמאַנאַך דערשיינט מיט אַ היפּשער פאַרשפּעטיקונג.

דער צווייטער אַלמאַנאַך איז פון אונדז פאַרטראַכט געוואָרן גלייך נאָך דער דערשיינונג פון ערשטן. אַ סך פון די אַרבעטן זיינען געשריבן געוואָרן, אויב ניט אין 1962, איז במשך פון 1963. אין גאַר אַ גרויסער מאָס, אין דער סאַמע גרעסטער מאָס, איז דער איצטיקער אַלמאַנאַך אַ רעזולטאַט פון דער אַרבעט, וואָס נחמן מייזיל האָט געטאָן, איידער ער איז אַוועק קיין ישראל, אין מאַי, 1964.

די אַרבעטן זיינען אָבער בפירוש ניט פאַרעלטערט געוואָרן. דאָ און דאָרט וואָלטן זיך מסתמא געפאָדערט צוגאָבן און טײלווײַזע שינויים. מיר האָבן אַ צײַט אָפּגעהאַלטן דאָס פאַרעפנטלעכן דעם אַלמאַנאַך, ווייל דער פאַרשטאָרבענער פּראָפעסאָר בער מאַרק האָט פאַרלאַנגט פון דער רעדאַקציע ניט אַריינצוגעבן זיין אַרבעט, ביז ער וועט זי דערגאַנצן מיט אַ צאָל „וויכטיקע מילואים אויפן סמך פון נייע מאַטעריאַלן", וואָס ער האָט צוגעקראָגן. אין משך פון מער ווי אַ יאָר האָט ער געפּרואווט, פון אָנהויב אַ האַלב־בלינדער און שפּעטער שוין אינגאַנצן בלינד און מסוכן קראַנק, קאָרעגירן און אַריינשטעלן די צוגאָבן. ער האָט שוין אָבער ניט באַוויזן די אַרבעט צו פאַרענדיקן. די רעדאַקציע האָט באַשלאָסן דרוקן די זייער וועריטפולע אַרבעט פון פּראָפ. בער מאַרק אַזוי ווי ער האָט זי אָריגינעל געשריבן, אָנהייב 1962.

דער ערשטער איקוף־אַלמאַנאַך האָט געפּרואווט פאַרסך־הכלען די ערשטע זעקס צענדליק שטורמישע יאָרן פון יידישן לעבן איבער דער וועלט אין 20טן יאָרהונדערט. דער אַלמאַנאַך האָט אָפּגעשפּיגלט דאָס יידישע קולטור־לעבן אין אַ צאָל לענדער — פּוילן, ישראל, פראַנקרייך, רומעניע און, דער עיקר, אין אַמעריקע. גלייכצייטיק, האָט דער אַלמאַנאַך אויך געפּרואווט פאַרהיטן אַ צאָל ווערטפולע שאַפונגען, וואָס זיינען ביז דעמאָלט ניט געווען געדרוקט, אָדער וואָס זיינען פאַרלעגן געוואָרן אין קנאַפּ־פאַרשפּרייטע אויסגאַבעס.

אין דעם ברייטן זין פאָלגט דער איצטיקער, צווייטער אַלמאַנאַך נאָך דעם פּלאַן פון דעם ערשטן. מיר ברענגען דאָ אי אַ צאָל אָריגינעלע אַרבעטן, וואָס זיינען אין ערגעץ ניט דערשינען, אי עטלעכע אַרבעטן, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין פּעריאָדישע אויסגאַבעס, וועלכע ס'איז איצט שווער צו געפינען.

מיר האָפן, אַז אויך דער צווייטער איקוף־אַלמאַנאַך וועט זיין אַ וויכטיקער

צושטייער צו דער יידישער ליטעראַטור. די אָפּהאַנדלונגען וואָס מיר ברענגען דאָ זיינען פון אַ דויערנדיקער ווערט, זיי וויקלען פונאַנדער אַ ברייטע פּאַנאָראַמע פון יידישן קולטור־לעבן און יידישן שאַפן. אפילו די איבערגעדרוקטע אַרבעטן וועלן זיין אַן אַנטפּלעקונג פאַר אַ סך יידישע לייענער, וואָס האָבן זיי קיינמאָל ניט געזען, אָדער אויב געזען — פון לאַנג שוין פאַרגעסן.

און כאָטש פּאַרשפּעקטיקט, ווילן מיר מיטן טיפּיש יידישן בטחון און מיט דער אַנטשלאָסנקייט ווייטער צו בויען אונדזער קולטור, פּאַראַפראַזירן די רייד פון דעם אַריינפיר צו אונדזער ערשטן אַלמאַנאַך:

„לאָמיר האָפן אַז מיר וועלן נישט בלייבן שטיין ביים צווייטן איקוף־אַלמאַנאַך, און אַז דער דריטער וועט קומען גאָר אין גיכן".

***

די דערשיינונג פון דעם אַלמאַנאַך פאַלט זיך צונויף מיטן 30טן יובילעי פון דעם „יידישן קולטור־פאַרבאַנד", וואָס איז צום לעבן געקומען ביי דעם אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז, אין סעפּטעמבער, 1937.

דער יידישער קולטור־פאַרבאַנד, „איקוף", איז געבוירן געוואָרן אין אַ צייט ווען דער שאָטן פון גרויסן נאַציאָנאַלן אומגליק, וואָס דער היטלעריזם האָט אויף אונדז געבראַכט — דער גרעסטער חורבן אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק! — איז שוין געהאָנגען ווי אַ וואָלקן איבערן פאָלקס־לעבן. דער פּאַריזער קאָנגרעס, וואָס האָט פּראָקלאַמירט, אַז „דאָס יידישע פאָלק איז ניט אָפּצוטיילן פון דער יידישער קולטור און אַז די יידישע קולטור איז ניט אָפּצוטיילן פון דעם יידישן פאָלק", האָט דעריבער דערקלערט, אַז כדי צו פאַרהיטן דאָס פאָלק און פאַרזיכערן זיין גייסטיקן המשך דאַרף דער ניי־געשאַפענער פאַרבאַנד פאַרטיידיקן די יידישע קולטור פון אירע „דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע שונאים". פון די איקוף־צווייגן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן ווי אַ רעזולטאַט פון דעם פּאַריזער צוזאַמענפאָר, האָבן בלויז די אַמעריקאַנער אָפּטיילן, אין טייל דרום־אַמעריקאַנער לענדער און אין צפון־אַמעריקע, פונקציאָנירט אָן אַן איבעררייס. די אַנדערע זיינען צעשטערט און פאַרשניטן געוואָרן.

***

דער איקוף אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז, צוליב די אינטערנאַציאָנאַלע אַנט־וויקלונגען, געוואָרן דער צענטראַלער נערוו פון דעם אַלוועלטלעכן קולטור־פאַר־באַנד. אין משך פון דריי צענדליק יאָר האָט דער איקוף געפירט אַן אומדערמיד־לעכן, אויסגעהאַלטענעם און זייער שווערן געראַנגל צו רעאַליזירן אין לעבן דעם אָנזאָג פון פּאַריז, צו באַוואָרענען, פאַרשאַנצן און פאַרטיפן די יידיש־וועלטלעכע פאָלקס־קולטור.

דאָס זיינען געווען קריטישע יאָרן ניט נאָר אין לעבן פון איקוף, נאָר אין דער יידישער וועלטלעכקייט אין אַמעריקע בכלל. אין משך פון די דרייסיק יאָר זיינען פאָרגעקומען אַנטוויקלונגען, וואָס האָבן ראַדיקאַל געענדערט דאָס פּנים פון דער יידישער אַמעריקע: דער הי־געבוירענער עלעמענט שטעלט מיט זיך איצט פאָר אַרום 80־85 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג; אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג איז אַריבער אין די פאָרשטעט; דער עקאָנאָמישער צוזאַמענשטעל פון

דער באַפעלקערונג האָט זיך באַדייטנדיק געענדערט — אַ גרויסער טייל איז אַריבער אין די אַזוי־גערופענע ווייס־קאַלנער פאַכן, אין די פּראָפעסיעס, אַ היפּשער טייל איז פאַרמיטלקלאַסט געוואָרן. די אַנטשטייאונג פון ישראל, דער חורבן פון די מזרח־אייראָפּייאישע יידישע ישובים, דער וואוקס אין סינאַגאָגע־אָנגעהעריקייט — די אַלע פאַקטאָרן האָבן באַדייטנדיק געביטן דאָס פּנים פון יידישן לעבן, פאַרענגט די ווירקונג־ספערע פון דער יידישער וועלטלעכקייט.

אין דער צייט און אין פּנים פון די אַלע ענדערונגען האָט דער איקוף אין די פאַראייניקטע שטאַטן געפירט אַן אומדערמידלעכן געראַנגל צו פאַרהיטן זיינע פאַרגעשריטן־וועלטלעכע פּאָזיציעס. ניט קוקנדיק אויף אומגעהייערע שוועריקייטן, אָפטע פאַרלוימדונגען און רדיפות, האָט די אָרגאַניזאַציע פאַרהיט, סיי אין צענטער און סיי אין די באַזונדערע שטעט, אַ קערן פון איבערגעגעבענע, אויס־געפּרוּווטע און באַוואוסטזיניקע קולטור־טוער. דאָס איז אַן עלעמענט־טוער, וואָס איז באַזעלט מיט אַ געפיל פון אחריות און עקשנות און מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז מער ווי פריער איז אין דעם היסטאָרישן מאָמענט נויטיק, אין יידישן לעבן אין אַמעריקע, אַ וועלטלעכער סעקטאָר, וואָס זאָל זיך באַטראַכטן ווי דער המשך פון אַ וויכטיקן נאַציאָנאַל־פאָלקישן אויסדרוק — דעם פאַרגעשריטענעם סעקולאַריזם.

ביים פאַרסך־הכּלען די ערשטע דריי צענדליק יאָר פון זיין עקזיסטענץ, ווייזט דער איקוף מיט שטאָלץ אָן אויף זיינע פאַרצווייגטע טעטיקייטן — די נאָרמאַלע דערשיינונג פון איקוף אָרגאַן, „יידישע קולטור״, אין משך פון 28 יאָר; דעם האַלבן מיליאָן ביכער, וואָס דער איקוף־פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן; די כסדרדיקע פונק־ציאָנירונג פון די איקוף־צווייגן, סעקציעס און לייען־קרייזן. די אַלע קולטור־פונק־ציעס זאָגן עדות אויף דער וויטאַלקייט פון דער יידישער פאָלקס־קולטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ענדערונגען אין דער וועלטלעכער קולטור־אַרבעט דאַרפן פאָרקומען, ווי אַ רעזולטאַט פון טיף־גייענדיקע שינויים אין יידישן לעבן, אָבער די באַזישע איינשטעלונג פון דעם איקוף ווי אַ קולטור־באַוועגונג, וואָס היט אָפּ און איז ממשיך דעם פאַרגעשריטן־וועלטלעכן כאַראַקטער פון דער יידישער קולטור, אַריינגערעכנט דעם קאַמף פאַר דער יידישער שפּראַך, וועט בלייבן אַ דויערנדיקע און אַ דורותדיקע.

די יידישע קולטור איז נאָך אַלץ ניט צום אָפּטיילן פון יידישן פאָלק, דאָס יידישע פאָלק איז נאָך אַלץ ניט צום אָפּטיילן פון דער יידישער קולטור.

***

זינט דער אַלמאַנאַך איז פאַרטראַכט געוואָרן, איז דער מענטש, וואָס איז געווען זיין הויפּט־אַרכיטעקט, דער לאַנג־יאָריקער רעדאַקטאָר פון איקוף זשורנאַל, „יידי־שע קולטור״, און דער רעדאַקטאָר פון דעם איקוף־פאַרלאַג, נחמן מייזיל — אַוועק פון דער וועלט. דער אַלמאַנאַך איז אייגנטלעך נחמן מייזילס לעצט־רעדאַגירטע איקוף־אויסגאַבע. ער האָט נאָך באַוויזן ניט נאָר זען די קאָרעקטורן, נאָר אויך אַ צאָל פון די געשטעלטע זייטן. אין דעם אַלמאַנאַך איז פאַרקערפּערט ניט נאָר

זיין שעפערישקייט און זיין אַרבעט, נאָר אויך זיין אינערלעכער צאַפּל, זיין אייפער, זיין ברען. ער האָט מער ווי צוזאַמענגעשטעלט אַן אַלמאַנאַך, ער האָט אים בפועל ממש געפּאָטערט. אין דעם זין איז דער איציקער אַלמאַנאַך דאָס לעצטע בוך אין אַמעריקע, וואָס נחמן מייזיל האָט, צוזאַמען מיט דער איקוף־רעדאַקציע, קאָמפּילירט און רעדאַגירט.

זאָל דער לייענער, צוזאַמען מיט דעם פאַקטישן מאַטעריאַל, וואָס דער אַלמאַנאַך ברענגט אים, אויך דערשפּירן דעם אָטעם פון דעם גרויסן גערטנער פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט דאָס בוך אַזוי זאָרגפעלטיק און מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט און ליבע צוזאַמענגעשטעלט — נחמן מייזיל.

פאַר דעם איקוף־פאַרלאַג,

א. גאָלדבערג

ב. מאַרק / וואַרשע

די יידישע היסטאָריאָגראַפיע אין אונדזערע טעג

(די ענדערונגען פון דער לעצטער תקופה און דער איצטיקער צושטאַנד)

1.

די צוויי עקסטרעמען אין דער אַלגעמיינער היסטאָריאָגראַפיע

געשיכטע איז איינער פון די הויפּט־עלעמענטן, וואָס דריקן אויס און פאַרמירן איינצייטיק דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פון אַ פאָלק. פונקט אַזוי איז געשיכטע אַ גרונט־עלעמענט, וואָס דריקט אויס און פאַרמירט דעם באַוואוסטזיין פון אַ קלאַס. געשיכטע איז אין אַ געוויסן זין פאַר אַ פאָלק און פאַר אַ קלאַס דאָס, וואָס דער שלשלת־היוחסין פון אַ משפּחה איז פאַר אירע וויטערדיקע דורות, פאַר אירע קינדס־קינדער. געשיכטע פאַרבינדט די ווייטע פאַרגאַנגענהייט מיט דער קעגנוואַרט און וואַרפט אַ שיין אויף דער טענדענץ פון דער צוקונפטיקער אַנטוויקלונג. דער געשיכטלעכער באַוואוסטזיין שטעקט אינעם געדעכעניש פון דעם קלענסטן קעמערל פון דער מענטשהייט — פון דער משפּחה. שוין דורך דעם דערציילן וועגן זיידן ווערט אין דער משפּחה געשאַפן אַ רינגעלע אין דער געשיכטלעכער קייט פונעם ציבור. פון מסורה בעל פּה פאַרמירט זיך אויס געשיכטע שבכתב.

אויף אַן אינטערעסאַנטן אופן האָט דעם דאָזיקן פּראָצעס אַרויסגעבראַכט שלום אַש אין זיין ביבלישן ראָמאַן „משה״. די זקנים, וואָס זיינען געזעסן פאַרשטעקט אין באַהעלטענישן, אין די באַדינגונגען פון דער עגיפּטישער קנעכטשאַפט, האָבן געחזרט די דערציילונגען פון אַמאָל, איבערגעבנדיק דעם ווייטערדיקן דור וועגן די אבות און וועבנדיק אַזוי אַרום די געשיכטלעכע פאַרבונדנקייט און גאַנצקייט פון זייער שטאַם.

אין אַ נאָך־טיפערן אופן שילדערט די אַנטוויקלונג פון דער מסורה אַלס געגנעזע פון דער קינפטיקער געשיכטע טאָמאַס מאַן אין זיין גראַנדיעזן ראָמאַן וועגן יעקבס זין און יוספס גורל. אין דער אור־אַלטער מסורה איז ניט געווען קיין אידעאַליזאַציע פון דער פאַרגאַנגענהייט, עס איז געווען גרויס אָפּשיי פאַר די אבות, אָבער זייער לעבן האָט די מסורה אויפגעפאַסט רעאַליסטיש, מיט אַלע שוואַכקייטן פון מענטשלעכן כאַראַקטער. ערשט שפּעטער זיינען די דאָזיקע געשטאַלטן קאַנאָניזירט געוואָרן, שוין ביים שרייבן די געשיכטע, אָבער אויך דעמאָלט זיינען פאַרבליבן גרויסע שטיקער פון געשיכטלעכן אמת, עד היום הזה.

אַ סך קריטיש־געשטימטע פאָרשער האָבן באַצווייפלט די ווירקלעכקייט, די

אמתע געשיכטלעכקייט פון דער מסורה, אין וועלכער דער מיטאָס האָט געשפּילט ניט קיין קליינע ראָל. אָבער אַצינד, נאָך די וועלט־באַרימטע געפינסן פון די פאַרשריבענע ליימענע טאָוולען אין סומערן־לאַנד (דרום־מעסאָפּאָטאַמיע) און נאָך די גרויסע רעוועלירנדיקע אויסגראָבונגען אין ישראל, יאַרדאַניע, סיריע, עגיפּטן ווייזט זיך אַרויס, אַז דער ווירקלעך־געשיכטלעכער עלעמענט וועגט אין דער מסורה (און אין תנ"ך) ווייט אַריבער דעם מיטאָס. מיר לעבן איצט איבער אַ צייט פון גרויסן טריאומף פונעם געשיכטלעכן אמת אין דער ביבלישער פאַרשריבענער מסורה און אויך אין דער מסורה פון די שפּעטערדיקע צייטן. מיר לעבן אין אַ צייט פון אַ געוואַלטיקער אַנטוויקלונג פון דער אַרכעאָלאָגיע. אַ דאַנק איר ווערן אויסגעברייטערט אונדזערע ידיעות וועגן די גאָר אַלטע צייטן. דאָס איז נוגע דער געשיכטע פון אַ סך פעלקער און בפרט פון יידישן פאָלק. די דאָזיקע אויסגראָבונגען ניט בלויז וואָס זיי באַרייכערן אונדזער וויסן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט. זיי העלפן וואַרפן אַ שיין אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די פעלקער. זיי דערווייזן, אַז מען קאָן אַנטפּלעקן דעם סוד פון אויפשטיין פון פעלקער, פון דער פאָרמירונג פון די ספּעציפישע פאָרמען פון זייער אַנטוויקלונג, און פון שקיעה פון פעלקער, פון די סיבות פון זייער פאַלן. דאָס איז נוגע ניט בלויז די סומערן און מעסאָפּאָטאַמיע, ניט בלויז יהודה און רוים, נאָר אויך אַ ריי סלאַווישע פעלקער, וועגן וועלכע מען האָט ביז איצט געוואוסט בלויז, ווען זיי זיינען אויפגעטראָטן אויף דער געשיכטלעכער אַרענע אַלס אויספאָרמירטע מלוכה־אָרגאַניזמען. למשל, וועגן פּוילישן פאָלק ווייסט מען איצט, אַ דאַנק די נייסטע אויסגראָבונגען, אַז זיין געשיכטע איז מיט אַ סך יאָרהונדערטער עלטער ווי מען האָט געוואוסט ביז אַצינד. אַדאַנק די אויסגראָבונגען דערוויסט מען זיך איצט אויך וועגן די כוזרים אַ סך מער ווי מען האָט געוואוסט פריער. אַזוי אַרום ווערט נאָכאַמאָל באַשטעטיקט די אַלטע טעזע, אַז געשיכטע איז סיי אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם עבר, סיי אַ „מאַגיסטער וויטע", אַ לערער פון לעבן, אַ וועגווייזער אויף דער צוקונפט.

און ניט בלויז אַדאַנק אַרכעאָלאָגיע. עס איז פאַראַן אַזאַ מין „אַרכעאָלאָגיע", וואָס באַשטייט ניט אין גראָבן אונטער דער ערד, נאָר אין נישטערן אין אַלטע אַרכיוון. ביזן היינטיקן טאָג זיינען נאָך פאַראַן גרויסע דאָקומענטן־זאַמלונגען, אויף וועלכע עס האָבן זיך אָנגעהויפט גאַנצע גאַרנס פון „שטויב" און צו וועלכע קיינער האָט נאָך ניט געהאַט קיין דריסת הרגל. און מיטאַמאָל רירט זיך צו צום דורותדיקן „שטויב" די האַנט פונעם פאָרשער, וועלכער ווערט טיילמאָל געפירט דורך אַ שפּור און טיילמאָל דורכן אינסטינקט, און אַמאָל טרעפט ער פשוט על־פי צופאַל.

אַזאַ געשעעניש האָב איך אָבסערווירט, זייענדיק מיט צוויי יאָר צוריק אין יוגאָסלאַוויע. אַ דאָרטיקער (ניט־יידישער) היסטאָריקער האָט צופעליק אַרויסגעשלעפּט פון אַרכיוואַלער פאַרגעסנקייט אַ פּאַק דאָקומענטן, וואָס זאָגן עדות, אַז די ערשטע אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער איז געווען אין... סאַלאָניק, מיט עטלעכע צענדליקער יאָרן פריער נאָך איידער אהרן ליבערמאַן און אַנדערע האָבן געשאַפן דעם ערשטן סאָציאַליסטישן קרייז אין ווילנע און דעם יידישן אַרבעטער־פאַראיין אין לאָנדאָן. עס קלינגט אַ ביסל מאָדנע, אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז אייניקע פון די

פּיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען געווען ספרדים, פּאָרט־אַרבעטער, שניידער און אַנדערע, אין דער אַלטער יידישער סאַלאָניק־קהילה, און זיי זיינען שוין געווען באַהויכט מיט אַ סאָציאַליסטישן אידעאַל, אַרויסגעגעבן אַ ריי קעמפּער און מאַרטירער. ווי אַזוי עס איז צו דעם געקומען און צי עס איז געווען אַ שטיקל שייכות צווישן זיי און די פּיאָנערן פון יידישן סאָציאַליזם אין מזרח־איי־ראָפּע, דאָס איז נאָך לעת עתה ניט קלאָר, ביז עס וועט קומען אַ געהעריקער היס־טאָריקער און עס אויספאָרשן.

עס מוז אָבער דאָ גליך געזאָגט ווערן, אַז — צו אונדזער גרויסן באַדויערן — איז די לעצטע ציַיטן דער אינטערעס פון די פאָרשער צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט. חוץ איינצלנע פּובלי־קאַציעס, ס׳רוב פון פּאַרטייאישן אָדער „יזכור״־כאַראַקטער, האָט זיך די פאָרש־אַרבעט איבער דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אַ רוק געטאָן פאַראויס זייער פּאַוואָליע. און עס זיינען פאַראַן סיבות פאַר דער דאָזיקער נעגאַטיווער דערשיינונג, וועגן וועלכע עס וועט נאָך זיין אַ רייד שפּעטער. און דאָס איז שייך ניט בלויז צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. חוץ אין געוויסע לענדער פון מזרח־איירָאָפּע, וואו די פאָרשונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג דאַרף דינען צו וועקן דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין און דעם יחוס עצמו פון פּראָלעטאַרישן קלאַס און אויך דינען ווי אַ לעבן־לערער אויף להבא, זיינען פאַראַן זייער ווייניק צענטערס פון אָט דעם געשיכ־טע־סעקטאָר, וואָרעם די אויפמערקזאַמקייט אי פון די פאָרשער, אי פון די לייענער איז אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר־צענדליק צוגעשפּיצט צו די צוויי עקסטרעמע פּונקטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע: צום אַלטערטום פון איין זייט און צו דער נייסטער צייט — פון דער צווייטער. מיט אַנדערע ווערטער: צו דעם בראשית פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע און קולטור, און — צו די איבערלעבונגען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָדער ווי מיסטיקער זאָגן: צום אויפקום און צום אונטערגאַנג פון דער מענטשלעכקייט. און אָפטמאָל זאָגן עס אויך מאָדערנע פאָר־שער, מענטשן מיט אַ ראַציאָנאַליסטישן בליק אויף געשעענישן און בפרט אויף געשיכטע.

די אויפטרייסלונגען, וואָס זיינען געקומען אין משך פון די יאָרן 1933־1945, האָבן אַריינגעבראַכט, צווישן אַנדערע, אויך אַ טיפע ענדערונג אין דער באַציאונג צו געשיכטע. דער מיטלאַלטער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ מאַגנעט פאַרן פאָרשער און אַ אינטערעס פאַרן לייענער. וואָרעם באמת, וואָס זיינען די שייטערהויפנס און די אינקוויזיציעס פון מיטלאַלטער לגבי דעם פעלקער־מאָרד פון „דריטן רייך״? אמת, עס זיינען נאָך פאַראַן געוויסע טונקעלע ערטער אין דער געשיכטע פון מיטל־אַלטער, אָט האָט, למשל, די לעצטע יאָרן אַן עקספּעדיציע פון ירושלימער אוני־ווערסיטעט אַרויסגעצויגן פון אַרכיוואַלער חשכות פון די שפּאַנישע אינקוויזיציע־טריבונאַלן אַ זייער וויכטיקן, ביז איצט אומבאַקאַנטן מאַטעריאַל וועגן לעבן און קאַמף פון די שפּאַנישע יידן, בפרט פון די אנוסים. און דאָך האָט דאָס דערוועקט דעם אינטערעס פון יחידי סגולה און איז ניט געוואָרן אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון דער עפנטלעכער אויפמערקזאַמקייט, אַזוי ווי די צוויי עקסטרעמע אַנטפּלע־

קונגען, וועגן וועלכע מיר האָבן פריער גערעדט.

עס זיינען געווען אַ מאָל צייטן, ווען אַ גאַנצע פּלעיאַדע פאָרשער האָט זיך גיריק פאַרנומען מיטן אויפקום פון קאַפּיטאַליזם און מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג — דאָס לעצטע בפרט נאָך די רעוואָלוציעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען ביי דער שקיעה פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. הגם אין געוויסע ערטער ווערן די דאָזיקע טע־מעס קאָנטינואירט, האָבן זיך אָבער אין צענטער איצט, אין די יאָרן נאָך דער צוויי־טער וועלט־מלחמה, אַרויסגערוקט די צוויי גרונט־טעמעס, איינע אַ באַנייטע און אויסגעברייטערטע, די צווייטע אַ שפּאָגל־נייע: דאָס אַלטערטום און די נייסטע געשיכטע.

אַ באַקאַנטער פּוילישער היסטאָריקער האָט מיר דאָ אַנומלטן געזאָגט: איך אַליין אַרבעט איבערן 18טן און 19טן י״ה, נאָר צוערשט לייען איך אַרבעטן וועגן אַלטערטום און דער אָקופּאַציע־צייט, וועגן דעם אָנהייב פון דער ציוויליזאַציע און וועגן דער געשיכטע פון אונדזער גרויליקער צייט. אַ באַקאַנטער פּוילישער סאָצי־אָלאָג האָט אין אַ שמועס מיר געזאָגט: דער געבורט פון יעדער ציוויליזאַציע איז מיר אינטערעסאַנט, און פּונקט אַזוי איז וויכטיק די נייסטע געשיכטע, ווי אַזוי די נאַצי־באַרבאַרן האָבן זיך פאַרמאָסטן צו פאַרניכטן די מענטשלעכע קולטור. ער איז אויסן געווען צו סוגעסטירן די פאָרשונג פון דעם בראשית פון די יידן אין פּוילן און פון זייער טראַגישן סוף אונטער די נאַציס. הקיצור: ווידער צוויי עקסטרעמע פּונקטן.

פאַרשטייט זיך, אַז פון שטאַנדפּונקט פון יידישן פאָלק און זיין געשיכטע קאָן אַזאַ צוגאַנג טראָגן אין זיך ערנסטע געפאַרן, ווייל עס ווערט דורך דעם באַדראָט די אומצערייסלעכקייט פון דער יידישער געשיכטע, וואָס אין אירע תקופות צווישן דעם אַלטערטימלעכן יהודה און דער נייסטער צייט פון אומקום פון אייראָפּייאישן יידנטום און פונעם אויפקום פון מדינת ישראל ליגט די אַנטשטייאונג און פאָרמי־רונג פון קאָלאָסאַלע ווערטן, בפרט פון גייסטיקן כאַראַקטער. אויפן יידישן געביט ווערט אָבער די דאָזיקע געפאַר געמילדערט דורכן אומשטאַנד, וואָס אינעם אינטע־רעסן־קרייז פון דעם היסטאָרישן בראשית גייט אויך אַריין די פּראָבלעמאַטיק פון די באַגינענס פון די יידישע ישובים אין אייראָפּע און אַמעריקע. ממילא קאָן ווערן אויסגעפּילט דער געפאַרפולער בלויז, וועגן וועלכן מיר האָבן אויבן סיגנאַליזירט.

פון וואַנען עס נעמט זיך דער צוגעשפּיצטער אינטערעס פאַר דער געשיכטע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז קלאָר. עס האַנדלט זיך ניט בלויז אין אַרויס־ברענגען דעם מאַקאַברישן שטאָף, נאָר אויך דעם אופן פון היטלערס קומען צו דער מאַכט און די פאַרשאָלטענע קאָנסעקווענץ פון שאָוויניזם, מיליטאַריזם און ראַסיזם, אַלס דערקענטעניש פון דער פאַרגאַנגענהייט און אַלס וועגווייזער (אָדער וואָר־נונג) פאַר דער צוקונפט.

די ליטעראַטור אויף דער דאָזיקער טעמע איז אין אַ סך לענדער זייער גרויס, הגם איר ניוואָ איז ניט תמיד גלייך. עס איז גענוג אָנצואווייזן אויף דעם ווערק פון דעם אַמעריקאַנישן פאָרשער ווילִיאַם שירער „דער אויפקום און דער אונטער־גאַנג פון דריטן רייך״ 1), וואָס האָט געשלאָגן דעם רעקאָרד פון דעם מין ליטעראַ־

טור סיי אין אַמעריקע, סיי אין אייראָפּע. אויב נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען גרויס דער אינטערעס צו דער ליטעראַטור וועגן די סודות פון צאַרישן הויף און צו דער געשיכטע פון דער רוסלענדישער פעברואַר־און אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז איצט קאָלאָסאַל אויסגעוואַקסן דער אינטערעס צו דער ליטעראַטור וועגן די נאַצי־גדולים און צו די ליידן־און ווידערשטאַנד־פּראָבלעמאַטיק פון די פעלקער אין די אָקופּירטע לענדער. איך מיין דאָ ניט קיין אַבסאָלוטן אינטערעס, וואָרעם אַ גרויסער טייל מענטשן, פאַרקערט, וויל אַוועקיאָגן פון זיך די ליטעראַטור פון גרויל. איך מיין דאָ די ריכטונג פון די פאָרשערישע און באַשרייבערישע אַרבעטן, וועלכע אַנטשפּרעכן אַ טייל פון דער אין געשיכטע פאַראינטערעסירטער לייענערשאַפט. דער רעקאָרד פון שירערס ווערק (און די אומצופרידנקייט פון געוויסע קרייזן פון מערב־דייטשלאַנד, און ניט בלויז נעאָ־נאַצישע, אין שייכות מיטן דאָזיקן ווערק) ווייזט, אַז אויב עס האַנדלט זיך וועגן ערנסטן לייענער, איז זיין אינטערעס צו דער נייסטער געשיכטע געשטיגן. עד כאן וועגן אַמעריקע. בנוגע די געוועזענע אָקופּירטע לענדער פון אייראָפּע, איז דער אינטערעס צו דער נייסטער געשיכטע אַ סך גרעסער, וואָרעם איר שטאָף איז פאַרן אָרטיקן לייענער אַ לעבעדיקע זאַך, לייענענדיק, זעט ער פאַר זיך די קאָנקרעטע שטעט, גאַסן, וועלדער, עקזעקוציע־פּלעצער, תפיסות, טויט־לאַגערן, זיינע באַקאַנטע מענטשן און זיינע אייגענע שווערע איבערלעבונגען. געשיכטע און קעגנוואַרטיקע ווירקלעכקייט, געשיכטע און אייגן לעבן גיסט זיך דאָ צונויף אין איינס.

איינצייטיק ווירקט ביים לייענער דער אַקטועלער מאָמענט, די פּראָבלעמאַטיק פון היינטיקן טאָג: אין שכנות געפינט זיך דאָס לאַנד, פון וואַנען די שווערד פון פאַרלענדונג איז אַרויס, און וואו דער עלעמענט פון רעוואַנש, פון מיליטאַריזם און ראַסיזם לעבט נאָך און רייסט זיך צו נייע מעשים תעתועים. ער לייענט און ער באַוויינט די קרבנות, ער לייענט און ער אָטעמט מיט שנאה צו די פאָן דער באַכס, צו די האהנס, און בפרט צו די שפּיידעלס, הויזינגערס, אָבערלענדערס און גלאָבקעס, וועלכע געפינען זיך ווידער אויף דער אויבערפלאַך פון פּאָליטישן לעבן אָדער וואַרטן פאַרטאַיעט אין אַ ווינקל, כדי צו שטעלן זיך אין געהעריקן מאָמענט „צום באַפעל״. דאָס זיינען שוין ניט די געשיכטע־ביכלעך וועגן דעם ווייטן קיסר נעראָן, וואָס האָט אונטערגעצונדן רוים, אָדער וועגן די הונען, וועלכע זיינען אַריבער ווי אַ וויכער איבער בליענדיקע ישובים און געלאָזט נאָך זיך אַ מדבר. אין יענע גאָר ווייטע צייטן האָבן אָט די פאַרוויסטער געלאָזט נאָך זיך טויט און טרערן. אָבער דאָס זיינען היינט ממש מעשה־ביכלעך אין פאַרגלייך מיט די איצטיקע הונען וועלכע אָטעמען מיט אונדזער לופט און זיינען בכוח אומצוברענגען די וועלט מיט די נייסטע שרעקלעכע וואָפן. פון דאַנען — דער גרויסער פאָרשערישער און עמאָציאָנעלער אינטערעס צו דער נייסטער געשיכטע.

דאָס אַלץ איז פאַרשטענדלעך.

אָבער פאַרוואָס אַלטערטום? און פאַרוואָס ווידער דער בראשית פון פעלקער? די סיבות פון דעם דאָזיקן געשטייגערטן אינטערעס זיינען פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער. וועגן איינער איז שוין געווען אַ רייד: די שטרעבונג צו דערגרונטעווען,

אין קעגנזאַץ צו דער היטלעריסטיש־שפּענגלערישער טעאָריע וועגן דער שקיעה פון דער אייראָפּייאישער ציוויליזאַציע, איר בראשית. אַ צווייטע סיבה שטעקט אין דער שוין פריער אָנגעוויזענער געוואַלטיקער אַנטוויקלונג פון די אויסגראָבונגען. איינע פון די גרעסטע געשעענישן אין דער היסטאָריאָגראַפיע וועגן די אור־אַלטע צייטן זיינען די אימפּאָנירנדיקע געפינסן פון דער אויף ליימענע טאָוולען פאַרשריבענער ליטעראַטור פון די סומערן — אַ פאָלק, וואָס האָט מיט פינף טויזנט יאָר צוריק באַוואוינט די שטחים פון דרום־מעסאָפּאָטאַמיע און איז געווען דאָס וויגעלע פון דער ציוויליזאַציע און קולטור אויפן נאָענטן מזרח, אַ סך פריער פאַר די אשורים, בבלים, יהודה און גריכנלאַנד. די אַנטפּלעקטע קולטור פון די סומערן מאַכט אַן איבערקערעניש אין דער „אייביקייט" און „פאַרהייליקטקייט" פון די טעקסטן פון תנ"ך, וואָס אַ טייל פון זיין מיטאָלאָגיע איז אין אַ געוויסער מאָס אַ וויטערשאַפונג אָדער אַ פּאַראַפראַזע פון דער סומערישער. ניט קיין וואונדער, וואָס דאָס לעצטע סינטעטישע היסטאָרישע בוך וועגן די סומערן און זייער קולטור פון דעם אַמעריקאַנישן אָריענטאַליסט שמואל־נח קרעמער[2]) האָט געשלאָגן אַן ענלעכן רעקאָרד, ווי לגבי דער געשיכטע פון דער היטלער־תקופה דאָס דערמאָנטע שוין אין בוך פון אַ צווייטן אַמעריקאַנער, שירער.

אַן ענלעכע פאַרשפּרייטקייט האָט דערגרייכט דאָס בוך פון דעם איטאַליענישן פאָרשער פון דער אַנטיקער סעמיטישער קולטור, סאַבאַטינאָ מאָסקאַטי „די קולטור פון די אַלטערטימלעכע סעמיטישע פעלקער" — דאָס איז אַ סינטעז פון אַלע נייסטע אויסגראָבונגען און אויספאָרשונגען וועגן דעם וויגעלע פון דער מענטשלעכער קולטור אין די אור־אַלטע לענדער פון די סעמיטן, בתוכם יידן[2א]). מאָסקאַטי גיט־אָן אַ ביבליאָגראַפיע פון ממש הונדערטער ווערק אויף דער טעמע פון די אור־אַלטע סעמיטישע קולטורן, וואָס זיינען דערשינען בלויז אין משך פון די פופציקער יאָרן. קיין שום סעקטאָר פון דער היינטצייטיקער געשיכטע־שרייבונג קאָן זיך ניט רימען מיט אַזאַ רעקאָרד־ציפער פון ווערק און שטודיעס. דאָס איז ווידער אַ באַווייז וועגן דעם גרויסן אינטערעס צו דער געשיכטע פון דער אור־אַלטער צייט.

חוץ די דאָזיקע מאָמענטן לאָזט זיך ביי באַזונדערע פעלקער באַמערקן אויך אַ דראַנג צו דערגרונטעווען דעם באַגין פון זיין אייגענער געשיכטע, למשל, ביי געוויסע פעלקער, וואָס גייען אַריין אין באַשטאַנד פון ראַטנפאַרבאַנד. אַ וויטערדיקע סיבה באַשטייט אין זוכן אַ געוויסע אַנאַלאָגיע מיט דער היינטיקער וועלט־פאַרטיילונג. געוויסע אַמעריקאַנער און ענגלישע היסטאָריקער זוכן אַנאַלאָגיעס צווישן דעם גורל פון דער רוימישער אימפּעריע מיטן היינט, צווישן דער פאַרטיילונג פון דער דעמאָלטדיקער וועלט אויף די שטחים פון רוימישער און פּאַרטישער הערשאַפט — מיט דער פאַרטיילונג פון די איינפלוס־ספערן אין דער איצטיקער וועלט. בפרט צייכנט זיך אויס, אין דער הינזיכט, דער ענגלישער סינטעטיקער טאָינבי, וואָס וועגן זיינע גרויסע געשיכטלעכע קווער־שניטן עס הערשן אין די קרייזן פון די היסטאָריקער־ספּעציאַליסטן ערנסטע ספקות. ניט געקוקט אָבער אויף די אָדער יענע סיבות, איז אַ פאַקט, אַז אַדאַנק די דאָזיקע ווערק ווערן אַנטפּלעקט נייע דערשיינונגען פון דעם לעבן פון אַלטערטום, וועגן וועלכן מען האָט געמיינט, אַז דאָס איז שוין אַן אָפּגעשלאָסן קאַפּיטל אין דער היסטאָריאָגראַפיע.

אויב עס גייט אין ספּעציפישע שטריכן און טענדענצן פון דער היסטאָריאָ־גראַפיע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז כדאי צוצואווארפן נאָך איין נייעס. דאָס איז דער פּרוּאוו צו שאַפן דעם חוט השדרה פון דער געשיכטע פון שוואַרצן קאָנטינענט, אין וועלכן עס זיינען געגרופּן געוואָרן צום לעבן נייע מלוכות. עס איז נאָך אַ פראַגע, צי פאַרמאָגן די נעגערישע שבטים אין אַפריקע, וועלכע הייבן זיך אָן צו פאַרוואַנדלען אין פעלקער, זייער געשיכטע. שווין־זשע פאַרמאָגן זיי דאָס, וואָס מען רופט אָן נאַציאָנאַלער זכרון, אַזאַ מסורה, וועלכע פאַרבינדט באמת דעם אור־אַלט מיט דער קעגנוואַרט? דאָך ווערן פּרוּאוון געמאַכט, סיי דורך סאָוועטישע סיי דורך מערבדיקע פאָרשער. אין איצטיקן מאָמענט איז נאָך צו פרי צו שרייבן וועגן דעם, אָבער די עצם טענדענץ איז כדאי צו סיגנאַליזירן, ווען מען רעדט בכלל וועגן געוויסע ענדערונגען אין די זוכענישן פון דער היסטאָריאָגראַפיע אין דער תקופה נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די אַלע שינויים, וועגן וועלכע עס איז געווען אַ רייד, זיינען נוגע אַלע פאַרמען פון דער געשיכטע־שרייבונג: די פּובליקאַציע פון דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, די אַנאַליטישע און סינטעטישע ווערק, די פּאָפּולאַריזאַטאָרישע חיבורים און די מעמואַריסטיק. אויף אַ גאַר באַזונדערן און ספּעציפישן אופן געשטאַלטיקן זיך די ענדערונגען אין דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע.

.2

די צענטערס פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה

יידישע סאָציאָלאָגן און היסטאָריאָגראַפן זיינען מחויב אין זייערע כוללדיקע ווערק צו נעמען אין אַכט און אַנאַליזירן די טיפע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער קאָנסטעלאַציע פון יידישן פאָלק אין רעזולטאַט פון דעם נאַצישן פאַרניכטן זעקס מיליאָן יידן אין אייראָפּע, פון פאַרטיליקן צענטראַלע יידישע מאַסן־ישובים. אַנערקענענדיק אין דער פולער מאָס דעם ממש הערואישן אָנשטרענג פון דעם קליינעם יידישן ישוב אין פּוילן ביים בויען יידישע קולטור און די פּרוּאוון פון רעסטאַווּרירן דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־לעבן אין אַנדערע אייראָפּעיאישע לענדער, טאָר מען אָבער איינצייטיק ניט פאַרמאַכן די אויגן אויפן היס־טאָרישן פאַקט, אַז דער שווער־פּונקט פון יידישן שאַפן, אָדער דאָס, וואָס ש. דובנאָוו האָט אָנגערופן „העגעמאָנישע צענטערס", האָט זיך אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אַי־בערגערוקט ערגעץ אַנדערש. אויב דאָס איז ריכטיק לגבי דעם יידיש־געזעלשאַפט־לעכן און יידישן קולטור־לעבן, איז עס — ווי מיר וועלן שפּעטער זען — נאָר טיילווייז פּאַסיק צו דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע. אָבער אויך אין דעם געביט זיינען פאָרגעקומען גרויסע געאָגראַפישע און אינהאַלטלעכע ענדערונגען.

וואו האָבן זיך געפונען די צענטערס פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע אי־נעם פּעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות?

איידער מיר וועלן פּרוּוון ענטפֿערן אויף אָט דער פֿראַגע, לאָמיר זיך אויפֿ־קלערן, וואָס איז דער פּשט: צענטערס פֿון היסטאָריאָגראַפֿיע?

קודם־כל לאָמיר מאַכן קלאָר דעם ענין צענטערס (בלשון רבים) און ניט צענטער. יעדעס „נאָרמאַל" פֿאָלק, ד"ה יעדעס פֿאָלק, וואָס זיין מערהייט לעבט קאָנצענטרירט אויף איין טעריטאָריע, פֿאַרמאָגט בדרך כלל איין באַשטימטן צענטער פֿון זיין קולטור און ממילא אויך אַ געשיכטע־שרייבונג, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט איין קאָנצענטרירטן פֿאָלק. אוודאי זיינען אין דער געשיכטע פֿאַראַן פֿאַלן, ווען דער היסטאָריאָגראַפֿישער צענטער פֿון אַ פֿאַרשקלאַפֿט פֿאָלק טראָגט זיך טיילווייז איבער אין גלות. למשל, דער גרויסער פּוילישער היסטאָריקער פֿון 19טן י"ה, יאָאַכים לעלעוועל, האָט זיינע וויכטיקסטע ווערק געשאַפֿן אויף עמיגראַציע אין בעלגיע. אַזוי אויך אַ טייל איטאַליענישע אַנטי־פֿאַשיסטישע היסטאָריקער פֿון די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן פֿון אונדזער יאָרהונדערט. אָבער אויך דעמאָלט זיינען די גלות־היסטאָריקער ניט אימשטאַנד צו שאַפֿן אַן אמתן פֿאָרשונגס־צענטער, ווייל די קוואַלן, די אַרכיוון און גרונט־ביבליאָטעקן זיינען פֿאַרבליבן אינעם לאַנד, פֿון וואַנען זיי זיינען גולה געווען.

אַנדערש איז עס ביי יידן. צוליב דער צעשפּרייטקייט פֿון יידישן פֿאָלק און צוליבן היסטאָריש גאַנץ שנעלן פֿאַרוואַנדלען זיך פֿון יידישע עמיגראַציעס אין טיילן פֿון די אַלט־איינגעזעסענע יידישע ישובים אין די נייע לענדער, שאַפֿן זיך אין זיי אַלץ נייע יידישע היסטאָריאָגראַפֿישע צענטערס. אמת, דער נעכטן, וועלכער ליגט אינעם יסוד פֿונעם היסטאָרישן פֿאָרשן, שטעקט אין דער אַלטער היים, אָבער היות די נייע היים פֿאַרמאָגט אויך בדרך כלל אַן אייגענעם יידישן נעכטן, גיסן זיך מיט דער צייט צונויף די צוויי פֿאָרשונגס־שטראָמען אין איין היסטאָריאָגראַפֿיע, בפֿרט, אַז די יידישע היסטאָריקער בדרך כלל אָנערקענען די טויזנט־יאָריקע געשיכטע פֿון יידישן וועלט־פֿאָלק. זעלטן ווער פֿון די יידישע היסטאָריקער פֿון אונדזער צייט, אפֿילו דער ראַדיקאַלסטער, וועט, למשל, קוואַליפֿיצירן בר־כוכבא פֿאַר אַ יודעער און ניט פֿאַר קיין ייד. און דאָס איז ניט בלויז די פֿראַגע פֿון סוביעקטיוון און עמאָציאָנעלן צוגאַנג, נאָר דער עיקר פֿון וויסנשאַפֿטלעכער אויפֿפֿאַסונג, וואָרעם אַן אמתער היסטאָריקער, וועלכער זוכט די גענעזיס פֿון דערשיינונגען, מוז אָנערקענען די קייטלדיקייט פֿון דער יידישער געשיכטע, דעם געבורט פֿון איין ישוב דורך אַ צווייטן, אַזש רעטראָספּעקטיוו ביזן ארץ־ישראל־מזרחדיקן פּעריאָד. די טענדענץ פֿון די דייטשישע חכמת־היהדות־היסטאָריקער, וועלכע האָט געפּרוּווט צו צעררייסן די דאָזיקע קייט, האָט שוין לאַנג באַנקראָטירט. איר פּסעוודאָ־מאַרקסיסטישע אויפֿלאַגע, פֿאַרקערפּערט אין אָטאָ העללערס „אונטערגאַנג דעס יודענטומס", איז אָפּגעפֿרעגט געוואָרן אומדירעקט דורך יידיש־סאָוועטישע היסטאָריקער (ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה), וועלכע האָבן די קנאים, בר־כוכבא און רבי עקיבא אַריינגענומען אין דער פּראָגרעסיווער טראַדיציע פֿון יידישן פֿאָלק און אויך פֿון סאָוועטישן יידנטום.

די געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק האָט אַ פֿאַרנעם פֿון אַ וועלט־געשיכטע, וואָרעם אויב אין היינזיכט פֿון צייט כאַפּט זי אַרום דריי טויזנט יאָר, ד"ה כמעט אַלע

פּאַרמאַציעס פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, נעמט זי אַרום אין זין פון געאָגראַפישער אויסשפּרייטונג אַ סך טעריטאָריעס, כמעט אַלע ציוויליזירטע לענדער. מחמת דעם האָט דער סינטעטיקער פון דער יידישער געשיכטע פאַר זיך די שווערע אויפגאַבע צו קאָרעלירן צוויי ליניעס: איינע, אַזוי צו זאָגן, אַ ווערטיקאַלע, און די צווייטע אַ האָריזאָנטאַלע, ד״ה: די ליניע פון דער געשיכטע פון געגעבענעם יידישן ישוב און די ליניע פון דער געשיכטע פונעם באַשטימטן לאַנד, וואו די יידן לעבן און שאַפן. פון דאַנען שטאַמט די פּילפּאַרביקייט און פּראָבלעמען-קאָמפּליצירטקייט פון דער יידישער געשיכטע.

איינצייטיק האָט יעדער באַזונדערער יידישער היסטאָריקער — דער דאָקומענטן-אַנטדעקער און דער מאָנאָגראַפיסט — צו טאָן מיט דער געשיכטע פון יידן אין דעם באַשטימטן לאַנד. די ציגל צו דעם גראַנדיעזן בנין פון דער יידישער וועלט-געשיכטע ווערן געשאַפן אין קאָנקרעטע באַדינגונגען פון אַ באַשטימטן לאַנד און אויפן סמך פון די אָרטיקע לאַנד-אַרכיוון און לאָקאַלער יידישער גייסטיקער שאַפונג און דאָקומענטאַציע. אַלע די מאָמענטן מוזן גענומען ווערן אין אַכט, ווען עס איז אַ רייד וועגן דער פּילצענטערדיקייט פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע, וועלכע פאַרמאָגט אָבער — לאָמיר דאָס באַזונדערס שטאַרק באַטאָנען — איין געמיינזאַמען פאַרשונגס-אָביעקט: דאָס יידישע פאָלק, און איין בשותפותדיקן צענטראַלן פּראָבלעם: דעם „סוד״ פון זיין עקזיסטענץ טראָץ אַלעמען און זיין צושטייער צו דער געשיכטע, צו דער ציוויליזאַציע און אינטעלעקטועלער שאַפונג פון דער מענטשהייט.

און אַ היסטאָריאָגראַפישער צענטער בכלל דריקט זיך אויס סיי אין שאַפונגען פון גרויסע פאָרשער-יחידים, סיי אין גאַנצע היסטאָרישע שולן, אין אינסטיטוטן, סעמינאַרן, קאָלעקטיווע אַרבעטן און בכלל אַטמאָספער. אין די אַמאָליקע צייטן איז געווען אַ דערשיינונג פון שאַפן דורך יחידים גרויסע סינטעטישע ווערק, וועלכע האָבן אַרומגעכאַפּט גאַנצע געשיכטעס פון פעלקער, למשל דער אוקראַאינער גרושעווסקי צי אונדזערע גרעץ און דובנאָוו. אַדאַנק אַזעלכע גרויסע סינטעטיקער האָבן זיך געשאַפן נאַציאָנאַלע צענטערס פון היסטאָריאָגראַפיע. איינצייטיק זיינען אויפגעקומען אוניווערסיטעטישע, אַקאַדעמישע און געזעלשאַפטלעך-אינסטיטוטישע צענטערס (למשל ווילנער ייוואָ). לאָמיר דערביי ניט פאַרגעסן, אַז אין געוויסע לענדער זיינען בשעתם אויפגעקומען צענטערס פון פאָרשן געשיכטעס פון אַנדערע לענדער, פעלקער און רעליגיעס, אַ שטייגער — דער באַקאַנטער צענטער פון פאָרשן די געשיכטע פון ישראל און יהודה אין דייטשלאַנד, דורך די דאָרטיקע פּראָטעסטאַנטישע געלערנטע פון 19טן י״ה. אָבער דער ציל פון אָט די פאָרשונגען איז געווען ניט דאָס יידישע פאָלק ווי אַזעלכעס, נאָר דער אויפקום פון קריסטנטום.

אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט-מלחמות האָבן זיך די וויכטיקסטע צענטערס פון יידישער היסטאָריאָגראַפיע געפונען אין: ראַטנפאַרבאַנד, פּוילן און דייטשלאַנד. אין יענער צייט זיינען אויפגעקומען די צענטערס אין ארץ-ישראל און פאַראייניקטע שטאַטן. צענטערס פון קלענערן באַטייט האָבן זיך געפונען אין

אַ ריי אַנדערע לענדער, פון וועלכע עס איז כדאי אויסצורעכענען טשעכאָסלאָוואַקיע, פראַנקרייך, ענגלאַנד, טערקיי. לאָמיר זיך באַגרענעצן צו די דאָזיקע ישובים, הגם מיט אַ געוויסער באַוואָלהונג פון נאָך עטלעכע, וועלכע מיר מיידן אויס, ווייל אונדזער אָפּהאַנדלונג איז ניט קיין ענציקלאָפּעדיע, נאָר אַ באַטראַכטערישע, און דאָס אָרט איז געגוג מצומצמדיק.

דער יידישער היסטאָריאָגראַפישער צענטער אין ראַטנפאַרבאַנד איז אַנטשטאַנען אין אידעאָלאָגישן קאַמף מיט דעם אַלטן גרויסן צענטער אין צאַרישן רוסלאַנד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך היסטאָריקער פון אַזאַ פאַרנעם ווי שמעון דובנאָוו, יולי העסען און אַנדערע, און פריער נאָך דורך דעם רוס בערשאַדסקי. די יידיש-סאָוועטישע היסטאָריאָגראַפיע, וועלכע האָט זיך לכתחילה און דער עיקר געווידמעט דער טעמאַטיק פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, איז דערנאָך אַריבער צו דער פאַרשונג פון דער געשיכטע פון יידן אין פעאָדאַלן פוילן און ליטע, פון וועלכע ס'איז אַרויסגעקומען דער נייער יידישער ישוב אין רוסלאַנד, פון דער געשיכטע פון די יידן אין רוסלאַנד ביים אָנהייב פון קאַפּיטאַליזם, צום טייל אויך צו דער געשיכטע פון השכלה און חסידיזם, פון ליטעראַטור און טעאַטער. ווי שוין געזאָגט, האָט זיך די דאָזיקע היסטאָריאָגראַפיע ביים סוף פון די 30קער יאָרן אַ קער געטאָן אין אַ געוויסער מאָס צו די פּראָבלעמען פון דער העראָאישער געשיכטע פון יהודה אין דער רוימישער תקופה. הגם אַ חוץ מינסק (ביז אַ געוויסער צייט) איז קיין אָרגאַניזירטער צענטער פון יידישער היסטאָריאָגראַפיע אין ראַטנפאַרבאַנד ניט געווען, האָט זי דאָך אַרויסגעגעבן אַ ריי אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע ווערק פון ערשט-ראַנגיקן באַטייט. בוכבינדער, קירזשניץ, ראפעס, אַגורסקי, פרידלאַנד און אַנדערע אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, סאָסיס, הייליקמאַן, באָראָוואָי אין דער געשיכטע פון די רוסלענדישע יידן אין דער תקופה פון פעאָדאַליזם, מאַרגאָליס אין דער געשיכטע פון די יידן אין רוסלאַנד ביים אָנהייב פון קאַפּיטאַליזם, ווינער בנוגע דער השכלה, יודיצקי אין געביט פון אַלטערטימלעכן יהודה און חסידיזם (און אויך אויפן פעלד פון יידישן אַנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג), בראַכמאַן און פיל אַנדערע — האָבן אַ שטויס געטאָן די אַנטשפּרעכיקע פאָרשונגען פאָראויס.

בנוגע דעם אַלטערטום און די אָנהייבן פון מיטלאַלטער האָבן זיך מיט דער דעמאָלטדיקער יידישער געשיכטלעכער פּראָבלעמאַטיק פאַרנומען אויך אַנדערע, ניט-יידישע סאָוועטישע היסטאָריקער. צי דאָס איז געווען באַגינסטיקט דורך די פאָרשונגען פון דעם אויפקום פון רעליגיעס, אָדער דורך ווויסנשאַפטלעכע דיספוטן מיט בירגערלעכע פאָרשער פון מערב-אייראָפּע, צי טאַקע דורך דעם ווילן צו פאָרשן געוויסע פּראָבלעמען פון יידישער געשיכטע ווי אַזעלכע — אַזוי צי אַנדערש, אָבער די רעזולטאַטן זיינען געווען אין היסטאָריאָגראַפישן הינזיכט פּאָזיטיווע. אַזוי אַרום זיינען אין די 20קער און 30קער יאָרן צוגעקומען נייע פאָרשונגען וועגן דעם ביבלישן פּעריאָד פון דער יידישער געשיכטע — פון די סאָוועטישע געלערנטע ניקאָלסקי און לוריע, וועגן דעם אויפשטאַנד פון די מכבייער — פון ראַנאָוויטש3 (ראַבינאָוויטש) אין זיין ברייט-אויספאַסנדיקן ווערק וועגן

העלעניזם, וועגן דער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור פון די יידן אין יהודה אין דעם רוימישן פעריאָד און אין אייראָפּע תחילת דעם מיטלאַלטער — פון דעם אַקאַדעמיקער טיומעניעוו 4). ווי עס איז דער שטייגער אין די יידישע היסטאָריקער־קרייזן אין דער מערב־וועלט מבטל צו מאַכן אַלע יידישע היסטאָריאָגראַפישע דערגרייכונגען, וואָס קומען פון מזרח און צענטראַל־אייראָפּע, זיינען דורך זיי ניט „באַמערקט" געוואָרן אַזעלכע וואָגיקע וויסנשאַפטלעכע ווערק ווי טיומעניעווס און ראַנאָוויטשעס. עס איז ניט וויכטיק, צי מען מוז מסכים זיין מיט דער באַזונדערער טעזע פון די צוויי באַדייטנדיקע סאָוועטישע פאָרשער, אָבער עס איז קלאָר, אַז זיי האָבן צונויפגעזאַמלט אַ ריזיקן מאַטעריאַל און געפאָרשט די יידיש־היסטאָרישע פּראָבלעמען מיט גרויס אחריות און וויסנשאַפטלעכער אָביעקטיוויקייט, און דער עיקר: זיי האָבן אַוועקגעשטעלט די יידישע פּראָבלעמען ניט אָפּגעריסענערהייט, נאָר אין קאָנטעקסט און אויפן פאָן פון די אַרומיקע וועלט־געשעענישן און ענדערונגען, און דווקא אַזוי אַרום באַקומען די יידישע פּראָבלעמען — דער אויפשטאַנד פון די מכבייער, דער קאַמף פון יידן קעגן רוים, די ווירטשאַפטלעכע פונקציע פון די יידן אינעם ערשטן פעריאָד פון מיטלאַלטער — זייער באַשטימטן פּלאַץ און זייער חשיבות אין וועלט־פּאַרנעם.

דאָס זעלביקע קאָן געזאָגט ווערן וועגן די אַרבעטן פון דעם טראַגיש־אומגעקומענעם יידיש־סאָוועטישן געלערנטן זרח גרינבערג איבער יאָסיפוס פלאַוויוסעס היסטאָרישע ווערק.

איינצייטיק האָט יידישער היסטאָרישער שטאָף געדינט אין אַ געוויסער מאָס אַלס מקור פאַר פאָרשן די ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע באַציאונגען ביי אַנדערע פעלקער. למשל, דער יידישער געלערנטער סאַלאַדוכאַ איז, אין די ראַמען פון די פאָרשונגען פון דער סאָוועטישער אָריענטאַליסטיק, געזעסן איבערן תלמוד און אויסגעפאָרשט די ווירטשאַפטלעכע, און בפרט פיסקאַלע באַציאונגען אין מעסאָפּאָטאַמיע (היינטיקער איראַק) אויפן סמך פון תלמוד בבלי. הגם אין דעם פאַל איז דער ציל פון דער פאָרשונג ניט געווען דאָס יידישע פאָלק, האָט אָבער די פאָרשונג גופא (אויפן סמך פון די מאַטעריאַלן פון תלמוד) געמוזט מיטווירקן צו אַ געוויסער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג פון די טעקסטן פונעם תלמוד גופא.

די ספּעציפיק פון דער יידיש־סאָוועטישער און סאָוועטישער היסטאָריאָגראַפיע אויף יידישע טעמעס איז באַשטאַנען אין אַרויסרוקן ווי אַ הויפּט־פאַקטאָר דעם קלאַסן־מאָמענט אויפן געזעלשאַפטלעכן, קולטור־און רעליגיעזן געביט — אין דער יידישער געשיכטע. אַזעלכע אַרבעטן, ווי אַשר מאַרגאַליסעס בוך וועגן דעם קאַמף פון די יידישע מאַסן קעגן קהל ביי דער שקיעה פון פעאָדאַליזם פון דער פּוילישער שליאַכטישער מלוכה 5), אָדער ווי אבא לעווס וועגן דער נעגאַטיווער באַציאונג פון יידישן קלער צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג (הגם די דאָזיקע אַרבעט שטייט ניט אויף קיין וויסנשאַפטלעכער מדרגה), געהערן צו אוניקאַלע חיבורים אין דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע. אַזוי אויך אין אַ געוויסער מאָס א. יודיצקיס אַרבעט וועגן די סאָציאַלע באַציאונגען אין יהודה אין דער תקופה פון בר־כוכבא.

די טראַגישע געשעענישן פון די יאָרן 1937-1936 האָבן אויף אַ לענגערער צייט שטום געמאַכט די יידישע היסטאָריאָגראַפיע אין ראַטנפאַרבאַנד. די צענ־טערס פון יידישער היסטאָריאָגראַפיע אין ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע האָבן פּאַק־טיש אויפגעהערט צו עקזיסטירן. די היסטאָריקער זיינען אָדער אַוועק צו אַלגע־מיינע היסטאָריאָגראַפישע געביטן (למשל באָראָוואָי) אָדער זיך באַזעצט אין מאָסקווע, וואו עס האָט זיך איינגעהאַלטן, קודם־כל אַדאַנק דעם יידישן שעפערישן צענטער, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום דעם פאַרלאַג „עמעס", אַ גרופּע פון באַ־דייטנדיקע יידיש־סאָוועטישע געשיכטלער (מאַרגאָליס, יודיצקי, הייליקמאַן, סאָסיס און בראַכמאַן). קיין קאָאָרדינירטע אַרבעט איז ניט געפירט געוואָרן. ערשט דער יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט האָט געגעבן די איניציאַטיוו סיי צו שאַפן אַן אַרכיוו (פון די בייסטע געשעענישן) סיי צו אַקטיוויזירן די היסטאָריקער. אַדאַנק דעם האָט סאָסים אָנגעשריבן אַ סינטעטישע אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין רוסלאַנד. נייע אַרבעטן האָט פּלאַנירט מאַרגאָליס. אין די קרייזן פון „עמעס"־פאַרלאַג איז אויפגעקומען דער געדאַנק אַרויסצוגעבן אַ סינטעטישע געשיכטע פון יידישן פאָלק אין רוסיש, אַ מין „נייעם גרעץ", ווי מען האָט זיך דעמאָלט אויסגעדריקט. דאָס דאָזיקע ווערק האָט געדאַרפט מאַכן אַ קאָלעקטיוו. און בעיקר: עס זיינען געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען צו שאַפן אַ מאָנומענטאַל קאָלעקטיוו ווערק וועגן דער מאַרטירי‌אָלאָגיע און ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון די סאָוועטישע יידן אין די אָקופּירטע געביטן און וועגן אַנטייל פונעם יידישן פאָלק אין די פראָנט־קאַמפן פון דער סאָוועטישער אַרמיי קעגן די דייטשישע אינוואַזאָרן. ווי באַוואוסט, זיינען די דאָזיקע פּלענער געבליבן הענגען אין דער לופט מחמת די טרויעריק־באַקאַנטע געשעענישן פון די יאָרן 1948-1952.

אָבער געוויסע ניט־פאַרעפנטלעכטע ווערק פון דעם פעריאָד פונעם אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט זיינען דאָך פאַרבליבן. איך מיין דאָ אין דער ערשטער ריי די אָנגעשריבענע אַרבעט פון דעם באַקאַנטן היסטאָריקער סאָסיס, וועלכער לעבט איצט אין מאָסקווע, זיין סינטעטישע געשיכטע פון יידישן פאָלק אין רוס־לאַנד פון דעם פעריאָד פון די צעטיילונגען פון פוילן ביז סוף 20קער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, ד"ה ביז דעם סאָוועטישן פעריאָד פון רעקאָנסטרוקציע אין דער יידישער סביבה 6). עס זיינען אויך פאַרבליבן כתבים פון פאַרשטאָר־בענעם אבע לעוו. אַן ערגערן גורל האָט געהאַט אַ צווייטע סינטעטישע געשיכטע פון די יידן אין רוסלאַנד — פון משה ראַפּעס, וועלכער האָט זי, ווי עס גיבן איבער עדי ראיה, געשריבן אין אַ לאַגער אויפן צפון, וואו דער מחבר איז געשטאָרבן, און זיין ווערק איז ניטאָ.

די שפּראַך, אויף וועלכער עס איז געשאַפן געוואָרן די יידישע היסטאָריאָ־גראַפיע אינעם פאַררעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד, איז אין גרונט געוומען געווען די רוסישע. אויך בוכבינדער האָט זיין פּיאָנערישע געשיכטע פון דער יידישער אַר־בעטער־באַוועגונג געשריבן אין רוסיש. אַ קלענערער טייל היסטאָריקער האָט געשריבן אין עברית, למשל יוסף קלויזנער, וועלכער האָט געדרוקט גרעסערע היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען אין „השלוח", וואו ער האָט נאָך אחד־העמען איבער־

גענומען די הויפּט־רעדאַקציע. עס איז ניט וויכטיק דאָס אָרט, וואו דער „השלוח" איז דערשינען — די דאָזיקע אויסגאַבע איז געווען אַ פּראָדוקט פון רוסלענדישן יידנטום. אויך די מאָנאָגראַפיסטן פין, בובער, האַראַדעצקי א"א האָבן געשריבן העברייאיש. דער איינציקער גרויסער יידיש־רוסישער פאָרשער, וואָס האָט זיין לעבנס־ווערק אָנגעשריבן אין יידיש, איז געווען ישראל צינבערג, וואָס זיין „גע־שיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן", הגם זי איז געשאַפן געוואָרן אינעם סאָוועטישן פּעריאָד, האָט זי דאָך אידעאָלאָגיש געשטאַמט פון דער פריערדיקער תקופה. כאָטש אין צינבערגס אַרבעט איז אין אַ געוויסער מאָס קאָנטיק אויך דער איינ־פלוס פון דער נייער צייט.

די יידיש־סאָוועטישע היסטאָריאָגראַפיע האָט זיך אונטערשיידט פון דער פריערדיקער ניט בלויז אידעאָלאָגיש און טעמאַטיש (דער אַקצענט אויף דער גע־שיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון קלאַסן־קאַמף), נאָר אויך שפּראַכלעך: זי האָט געשאַפן אין יידיש. מען קאָן דרייסט זאָגן, אַז אין דעם שפּראַכן־מאָמענט האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אַ געוויסער אידעאָלאָגישער אַספּעקט: דער ווילן צו שאַפן יידישע געשיכטע־ווערק אין דער שפּראַך פון פאָלק און פאַרן פאָלק. בוכבינדער איז אין דעם זין אפילו ניט קיין אויסנאַם, ווייל ער געהערט, פּונקט ווי י. צינבערג, צום סאָוועטישן פּעריאָד בלויז טעריטאָריעל, אָבער ניט אידעאָ־לאָגיש. ביידע זיינען ניט געווען קיין מאַרקסיסטן, בעת די יידיש־סאָוועטישע היסטאָריאָגראַפיע האָט זיך אָן אויסנאַם אָנערקענט צום מאַרקסיסטישן וועלט־באַנעם. די סאָוועטישע ניט־יידישע היסטאָריקער, וועלכע האָבן געשריבן אויף יידישער טעמאַטיק, האָבן זייער ווערק, פאַרשטייט זיך, געשאַפן אין רוסיש.

אַ פולשטענדיקער קעגנזאַץ צו דער יידיש־סאָוועטישער היסטאָריאָגראַפיע איז געווען די יידיש־דייטשישע, וועלכע האָט זיך רעאַליזירט סיי דורך באַזונ־דערע מאָנאָגראַפישע אַרבעטן, בעיקר פון די יידישע קהילות, סיי דורך דעם צענ־טער פון דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין וורצלאַוו (ברעסלע). די שפּראַך פון די אַלע אַרבעטן איז געווען דייטש, זייער גייסט — אין גרעסטן טייל: יודאַאיזם און זיין אַפּאָלאָגעטיק. די פאַרשיידענע קהילה־מאָנאָגראַפיעס — מיר רעדן דאָ נאָר וועגן דעם פּעריאָד פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — האָבן זיך פאַרנו־מען דער עיקר, לויטן טראַדיציאָנעלן גייסט, מיט דער געשיכטע פון די פריווי־לעגיעס, סינאַגאָגעס, בית־עלמינס, רבנים, געלערנטע און פּאַטריצישע משפחות. פונדעסטוועגן, אַזוי ווי די יידיש־דייטשישע פאָרשער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט גרינטלעכקייט, איז אין די דאָזיקע אַרבעטן פאַראַן אַ שלל מיט מאַטעריאַלן, זייערע קוואַלן באַזירן אויף אויטענטישע אַרכיוואַלע דאָקומענטן, אָפטמאָל געפינט מען אין זיי אַ וויכטיקן עקאָנאָמישן מאַטעריאַל. בכלל איז ווייטער אָנגעגאַנגען אין די דייטשישע קהילות די גוטע טראַדיציע צו שאַפן די געשיכטע פון אייגע־נעם ישוב.

אַלס אַ צענטער פון יידיש־דייטשישער היסטאָריאָגראַפיע האָט זיך אין די יאָרן 1918־1938 אויסגעצייכנט דער יידיש־טעאָלאָגישער סעמינאַר אין וורצלאַוו (ברעסלע), וואו עס האָט נאָך אַלץ געהערשט דער גייסט פון צבי־היינריך גרעץ.

אין אָט דעם סעמינאַר איז געשאַפן געוואָרן אין די אויבנדערמאָנטע יאָרן אַ צאָל גרינטלעכע מאָנאָגראַפיעס אויך אויף ריין־געשיכטלעכע טעמעס, למשל: וועגן די עלטסטע יידישע ישובים אין שלעזיע, וועגן דער געשיכטע פון מסחר ביי יידן אין גרויס פוילן אין 17טן און 18טן י״ה, וועגן דער יידישער פּראָבלעמאַטיק אין דער תקופה פונעם „פעלקער־פרילינג״ (1848) א״א. אַ טייל פון די מאַשין־שריפטן אָדער כתב־ידן פון די דאָזיקע דיפּלאָם־אַרבעטן זיינען געפונען געוואָרן נאָך דער מלחמה און געפינען זיך אין די זאַמלונגען פונעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע. דער טעאָלאָגישער סעמינאַר איז אַדאַנק דעם געווען אַ צוצי־אָרט פאַר יונגע יידישע היסטאָריקער פון פוילן און אַנדערע לענדער, וואָרעם ער האָט זיך — ווי מיר זעען — געווידמעט ניט בלויז דער פּראָבלעמאַטיק פונעם גייסטיקן יודאַאיזם, נאָר אויך פון מאָדערן־אויפגעפּאַסטער יידישער געשיכטע. צווישן אַנדערע האָט דאָ אַ געוויסע צייט געאַרבעט בערנאַרד (דוב) ווייַנריב פון פוילן, אַ מחבר פון ערנסטע שטודיעס פון יידישערווירטשאַפט־געשיכטע (איצט אין אַמעריקע, אינעם דראָפּסי־אוניווערסיטעט). דאָ האָט אָנגעהויבן זיינע אַרבעטן בערנאַרד בריללינג — איצט אַ היסטאָריקער פון די דייטשישע יידן.

דער יידיש־דייטשישער היסטאָריאָגראַפישער צענטער איז חרוב געוואָרן דורך דעם נאַצישן רעזשים. אין יאָר 1938, נאָך דעם נאָוועמבער־פּאָגראָם (קריסטאַל־נאַכט), איז געשלאָסן געוואָרן דער טעאָלאָגישער סעמינאַר און די ברעסלער יידיש־וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפט, און איר אויסגאַבע — די מאָנאַטשריפט צו דער געשיכטע און וויסנשאַפט פון יידנטום, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1851 דורך זכריה פראַנקעל — האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. איר לעצטער רעדאַקטאָר איז געווען פּראָפ. י. היינעמאַן. עס איז אויך ליקווידירט געוואָרן דער צענטער פון יונגע יידישע היסטאָריקער אין בערלין וואָס איז געווען אָנגעפירט דורך פּראָפ. איתמר עלבאָגען, דעם מחבר פון דער געשיכטע פון יידן אין דייטשלאַנד (1935). עס איז איבערגעשניטן געוואָרן די עקזיסטענץ פון דער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַאיקאַ״, וועלכע האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן — אונטער דער רעדאַקציע פון דר. י. קלאַצקין און דר. נחום גאָלדמאַן — בלויז עטלעכע בענדער. עס איז אָבער געבליבן דער „יודישער לעקסיקאָן״ (אין פינף בענדער), וועלכער האָט באַוויזן אַרויסצוגיין ביזן סוף פאַר היטלערס קומען צו דער מאַכט — אַ ביז היינט זייער ווערטפולע אויסגאַבע מיט אַ שלל נייע מאַטעריאַלן און אַ רייכער קוואַל בעיקר בנוגע דער געשיכטע פון די יידן אין דייטשלאַנד ביז דער ווימאַרער רעפּובליק איינגעשלאָסן. בנוגע די דייטשישע יידן אין די ערשטע יאָרן פונעם נאַצי־רעזשים איז פאַרבליבן דער קורצער, אָבער אויסגעצייכנטער, הגם מחמת צענזור־טעמים אַרומגעשניטענער, „פילאָ־לעקסיקאָן״ — איינער פון די לעצטע מאָנומענטן פון יידיש־גייסטיקער און בפרט יידיש־היסטאָריאָגראַפישער שאַפונג פון די יידן אין דייטשלאַנד אונטערן שאָטן פון דעם האַקנקרייץ (אַרויס אין יאָר 1935).

ווען מען נעמט אַרום מיטן בליק די גייסטיקע שאַפונג פונעם פאַרטיליקטן דייטשישן יידנטום און בפרט זיין צושטייער צו דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע,

קאָן מען זיך ניט באַפרייען פון דעם פיינלעכן איינדרוק, אַז מיר — די וועלטלעכע און פּראָגרעסיווע יידן — באַגייען אַן עוולה לגבי דעם דייטשישן יידנטום, קוואַליפי־צירנדיק זיין גייסטיקן עזבון ווי אַ „יעקיש"־אַסימילאַטאָרישע און אַלטפרענקיש־אַפּאָלאָגעטישע דערשיינונג. טראָץ איר אָפּגעפרעמדקייט פון אונדזערע יידישע פאָלקסטימלעכע קוועלן, האָט די יידיש־דייטשישע קולטור איבערגעלאָזט גרויסע ווערטן, און די מאָדערנע יידישע היסטאָריאָגראַפיע וועט זיך אָן זיי ניט קאָנען באַגיין. בערלין איז חוץ אַלעמען אין משך פון אַ געוויסער צייט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַ צענטער פון היסטאָריאָגראַפיע פון מזרח־איראָפּייאישן יידנטום. אמת, דער צענטער איז געווען אַ ציטווייליקער, דער דייטשישער פאַשיזם האָט אים פאַרטריבן און ליקווידירט. אָבער אין אָט דעם צענטער איז דורכגעפירט געוואָרן די דייטשישע איבערזעצונג (דורך אהרן שטיינבערג) און פאַרעפנטלעכונג פון שמעון דובנאָווס צען־בענדיקער געשיכטע. אינעם דאָזיקן צענטער איז גע־שאַפן געוואָרן די צוויי־בענדיקע געשיכטע פון די יידן אין פּוילן און רוסלאַנד — פון יוסף מייזל 7), וועלכער האָט צו איר אויסגענוצט די רייכע דאָקומענטאַציע, וואָס עס האָט אָנגעזאַמלט זיין שווער, שפּ"ר (ש. פּ. ראַבינאָוויטש), דער איבער־זעצער און דערגענצער פון גרעצן אויף העברייאיש. יוסף מייזלס ווערק איז, לײ־דער, ניט „באַמערקט" געוואָרן דורך אונדזערע היסטאָריקער. אין בערלין האָבן אויך אַ צייט געשאַפן די געשיכטלער פון די רוסישע יידן יוסף ברוצקוס, ח. באַראָ־דיאַנסקי, א. מענעס, דר. מאַרקווישניצער, א. טשעריקאָווער, אויך דער פאָרשער פון חסידיזם און פּוילישן רביניזם א. האָראָדעצקי. אין בערלין האָט זיך אַ צייט געפונען אַ צענטער פון יידישע געשיכטלעך־עקאָנאָמישע פאָרשונגען (מיט יעקב לעשטשינסקין און אַנדערע). פון דעם דייטש־יידישן היסטאָריאָגראַפישן צענטער זיינען אַרויסגעקומען די אָנפירנדיקע יידישע היסטאָריקער אין ישראל יצחק (פריץ) בער און גרשום שלום, און אויך דער פאַרשטאָרבענער באַרימטער יידי־שער אַלטערטום־פאָרשער אויגען טויבלער און אויך אַ ריי אַנדערע.

צווישן ראַטנפאַרבאַנד און דייטשלאַנד ליגט פּוילן. און זאָל עס ניט קלינגען סימבאָליש: די יידיש־פּוילישע היסטאָריאָגראַפיע האָט אינעם צווישן מלחמות־פּעריאָד געשאַפן אַ מיטן־פּאָזיציע צווישן דעם יידיש־סאָוועטישן און יידיש־דייטשישן צענטער. אין די פריערדיקע צייטן, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז איין חלק פון דער יידיש־פּוילישער היסטאָריאָגראַפיע, די פון גרויס־פּוילן, געווען אַ טייל פון דער יידיש־דייטשישער און געווען געשריבן אין דייטש. אַ צווייטער חלק האָט גראַוויטירט צום גרויסן יידיש־רוסישן צענטער. זייערע ערשטע אַרבעטן האָבן מ. באַלאַבאַן און י. שיפּער, צווישן אַנדערע, געדרוקט אויך אין די יידיש־רוסישע געשיכטע־אויסגאַבן. אין וואַרשע און צום טייל אין מזרח־גאַליציע איז אויפגעקומען די אייגענע יידיש־פּוילישע היסטאָריאָגראַפיע, וועלכע האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פולשטענדיק איבערגעריסן מיט דער אַסי־מילאַטאָרישער שול פון קראָכמאַל, נוסנבוים, קאַמפּנער און אַדעלבערג, פאַר וועל־כע עס איז פאַרבליבן מער סענטימענט איידער היסטאָריאָגראַפישע טראַדיציע בלויז ביי איין יידיש־פּוילישן היסטאָריקער פון אונדזער צייט, ביי יעקב שאַצקי.

די גרונטלייגער פון דער מאָדערנער יידיש־פּוילישער היסטאָריאָגראַפיע פּראָפּ׳ משה שאָר, פּראָפּ׳ מאיר־שמואל באַלאַבאַן, ד״ר יצחק שיפּער, מתתיהו מיזיש און ד״ר נ. געלבער. הגם זיי האָבן אין גרונט געשריבן אין פּויליש (אָדער דייטש), האָבן אָנגעהויבן די ליניע פון וויסנשאַפטלעכער, אויף אַרכיוואַלע דאָקומענטן קאָנסטרו־אירטער, און אין סאָציאָלאָגישן גייסט געשאַפענער יידישער נאַציאָנאַלער היסטאָ־ריאָגראַפיע. דער צווייטער שיכט פון בויער פון יידישער היסטאָריאָגראַפיע אין פּוילן, מיט רפאל מאהלער, עמנואל רינגעלבלום, ישעיהו טרונק און אַנדערע בראש, האָבן געשאַפן דער עיקר אין יידיש און אַריינגעפירט אין זייער פאָרשונגס־מעטאָד דעם מאַרקסיזם.

אַחוץ אינדיווידועלע שעפער, האָט זיך די יידישע היסטאָריאָגראַפיע אין פּוילן קאָנצענטרירט אין דריי צענטערס: אינעם ייוואָ אין ווילנע און וואַרשע, אין פּראָפּ׳ באַלאַבאַנס סעמינאַר אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט און אינעם יודאַאיסטישן אינ־סטיטוט אין וואַרשע אויף טלאָמאַצקע 5, וואו די לייטונג האָט געהערט צו די פּראָפעסאָרן שאָר און באַלאַבאַן. די דריי צענטערס האָבן זיך אונטערשיידט אין אַ ריי הינזיכטן.

די ראָל פונעם ווילנער ייוואָ האָט נאָך עד־היום נישט באַקומען די געהעריקע אָפּשאַצונג אַלס צענטער פון פאָרשן די יידישע געשיכטע און פאָלקס־קולטור. דאָס איז געווען אַ נייע דערשיינונג אין יידישן קולטור־לעבן. סיי אין דער פּעריאָ־דישער צייטשריפט „ייוואָ־בלעטער״, סיי אין די באַזונדערע אימפּאָזאַנטע בענדער „היסטאָרישע שריפטן״ זיינען געוואָרן אָפּגעדרוקט גרונטיקע אַרבעטן וועגן דער יידישער געשיכטע אין פּוילן און ליטע און אויך אין אַנדערע לענדער, און בפרט וועגן דעם באַגין פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. צווישן דעם ייוואָ־צענטער אין ווילנע און זיין אָפּטיילונג אין וואַרשע איז געווען אַ מעטאָדאָלאָגישער אונטערשייד, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די וואַרשעווער היסטאָריקער זיינען אין תוך געווען מאַרקסיסטן. אַן אונטערשייד האָט אויך געהערשט צווישן די לעצטע און באַלאַבאַנס אוניווערזיטעט־סעמינאַר, וואָס איז געווען ממש אַ קוזניע פון יידיש־פּוילישער היסטאָריאָגראַפיע מיט צענדליקער מאַגיסטער־אַרבעטן, פון וועלכע אַ טייל האָט זיך אָפּגעראַטעוועט און געפינט זיך אין די זאַמלונגען פונעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע. די דאָזיקע אַרבעטן כאַפּן אַרום אַ ברייטע צייט, פון 15טן ביזן סוף 19טן י״ה און באַזירן אין אַ גרויסער מאָס אויף אַזעלכע דאָקומענטן, וועלכע זיינען פאַרניכטעט געוואָרן בעת די געשעענישן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. לאָמיר אויך דאָ צוגעבן, אַז באַלאַבאַנס אוניווערזיטעט־סעמינאַר איז עד־היום נישט דערשאַצט געוואָרן.

אין קעגנזאַץ צו אַלע אויבן אָנגעוויזענע צענטערס איז דער יודאַאיסטישער אינסטיטוט געבליבן שטיין אויף די אַלטע פּאָזיציעס פון דער דייטשישער חכמת־היהדות און, חוץ געציילטע פאָרשונגען, למשל פונעם דאָצענט מנחם (עדמונד) שטיין וועגן פילו האלכסנדרוני, נישט געשטויסן די יידישע היסטאָריאָגראַפיע פאָרויס. בעת יעדע נייע אַרבעט פון די פריער דערמאָנטע צענטערס, סיי די געדרוקטע, סיי די נישט פאַרעפנטלעכטע (די מאַגיסטער־אַרבעטן), האָבן פאַרמאָגט עפּעס נייעס

און געשאַפן נאָך אַ שטאַפּל צו נאָך אַ ציגל צום בנין פון דער יידישער היסטאָריאָ־גראַפיע.

די יידישע היסטאָריאָגראַפיע אין צווישן־מלחמהדיקן פּוילן, מיט איר ברייטן מעטאָדאָלאָגישן און אידעאָלאָגישן פעכער, האָט אַנטפּלעקט אַ סך נייע בלעטער פון דער יידישער געשיכטע: די פולע אָדער טיילווייזע געשיכטע פון אַ ריי יידישע קהילות און בפרט וואַרשע (רינגעלבלום), קראָקע (דערגענצט אין יענע יאָרן דורך באַלאַבאַנען), לאָדזש (פיליפּ פרידמאַן), ביאַליסטאָק (הערשבערג), פּיעטריקאָוו (פיינקינד), פּלאָצק (טרונק), ווילנע און אַנדערע, די געשיכטע פון יידישן דרוק־וועזן, מעדיצין־וועזן, אַרכיטעקטור, קונסט, עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן און בפרט האַנדל (שיפּער), דער אַנטייל פון יידן אין פּוילישע אויפשטאַנדן, יידישע אַרבע־טער־באַוועגונג, געשיכטע פון יידן אין פּוילן אין ערשטער העלפט פון 19טן י״ה (אייזענבאַך), יידישע סטאַטיסטיק פון אַמאָל (שימקעוויטש). עס איז היינט כמעט פאַרגעסן געוואָרן די אויסגעצייכנטע דריי־בענדיקע אויסגאַבע אין פּויליש „די יידן אין ווידער אויפגעלעבטן פּוילן" אונטער דער רעדאַקציע פון שיפּער, טאַרטאַ־קאָווער און האַפטקא (8), מיט גרינטלעכע שטודיעס און רייכן מאַטעריאַל. עס איז ביז היינט פאַרבליבן אַ יחיד במינו באַלאַנאַנס סינטעטישע געשיכטע פון די יידן אין פּוילן (אַלס דריטער טייל פון זיין געשיכטע פון די יידן און זייער ליטעראַ־טור) (9), וואָס איז אַרויס אין פּויליש און אויף וועלכער עס האָט זיך דערצויגן אַ דור יידישע גימנאַזיאַלע יוגנט.

לאָמיר צו דעם צוגעבן די ביז היינט נישט־איבערגעשטיגענע ווערק וועגן גע־שיכטע פון יידישער ליטעראַטור, שפּראַך, טעאַטער פון מאַקס וויינרייך, מאַקס עריק, יצחק שיפּער, נח פּרילוצקי, נחמן מייזיל און דעם גרונטיקן לעקסיקאָן פון יידישער ליטעראַטור, שפּראַך און פּרעסע פון זלמן רייזען. די יידישע היסטאָריאָגראַפיע אין פּוילן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָלקס־באַוועגונג, זי האָט אַרויסגעגעבן פון זיך לערן־ און טעקסט־ביכער, זי האָט אינספּירירט טויזנטער פאָלקס־מענטשן דורכצופירן זאַמלונגען פון פּנקסים, כתבי־יד, אַלטע דרוקן, אַלטע חפצים, פאָלקס־מעשיות, פאָלקס־הומאָר. זי האָט אַריינגעצויגן דעם בעסערן לייענער און צו־הערער אין דיסקוסיעס. זי האָט זיך נישט באַגרענעצט צו געשיכטע פון יידן אין פּוילן. זי האָט אַרויסגעוויזן די נאָבעלע אַמביציע זיך צו פאַרמעסטן אויף פּראָבלעמען פון אַלגעמיין־יידישער און אויך אַלגעמיינער געשיכטע. רפאל מאהלער, יצחק שיפּער, מאיר באַלאַבאַן און פיליפּ פרידמאַן האָבן זיך פאַרנומען — יעדער פון זיי מיט זיין אייגענעם מעטאָד — מיט פאַרשן פּראָבלעמען פון יידישער וועלט־געשיכטע. רפאל מאהלערס פּאָלעמיק מיט יחזקאל קויפמאַן (פון ישראל), זיינע ווערק וועגן קראים, חסידות און השכלה, י. שיפּערס אַרבעטן וועגן רענעסאַנס ביי יידן האָבן געמאַכט אַ רושם און אַרויסגערופן מיינונגס־אויסטוישן ווייט מחוץ די גרענעצן פון פּוילן. מ. באַלאַבאַן האָט, ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, גע־שריבן אַ לערן־ביכל אויך וועגן יידישער געשיכטע בכלל — אין אַלטערטום, מיטל־אַלטער און דער ביציייט. פיליפּ פרידמאַן האָט זיך פאַרנומען אויך מיט דעם בראשית פון די יידישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע.

מען האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט נישט־יידישער געשיכטע אין יידיש.

דער מחבר פון די דאָזיקע שורות האָט אין „טאָמאַר"-פאַרלאַג אַרויסגעגעבן די ערשטע צוויי בענדער פון „די געשיכטע פון סאָציאַלע באַוועגונגען אין פוילן" (וואו עס איז אויך אין אַ געוויסער מאָס געגומען געוואָרן אין אַכט דער יידישער אַספּעקט). די טעמעס פון יידיש-פּוילישער און אַלגעמיינער יידישער געשיכטע זיינען אָפּט דערשינען אויף די שפּאַלטן פון דער פאַרצווייגטער און פּאָפּולערער יידישער פּרעסע פון וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק, לאָדזש, קראָקע, לעמבערג. דער אינטע־רעס פונעם לייענער איז געווען זייער גרויס. איך געדענק דעם שטאַרקן איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר און מיינע נאָענטע געמאַכט די ידיעה פון אַ ריי תפיסות, וואו פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן געלייענט מיין „געשיכטע פון די סאָציאַלע באַ־וועגונגען אין פוילן", דורכגעפירט איבער איר דיסקוסיעס און אַרויסגעשיקט פון הינטער די קראַטעס אַ גרוס דעם מחבר.

אַדאַנק די דערגרייכטע צו אונדז מאַטעריאַלן פונעם רינגעלבלום־אַרכיוו איז באַוואוסט אַז אין די שוידערלעכע באַדינגונגען פון די געטאָס האָט נישט אויפ־געהערט צו קלאַפּן דער דופק פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע. שוין אָפּגע־רעדט פונעם קאָלאָסאַלן באַטייט פון די אונטערערדישע געטאָ־אַרכיוון גופא, וואָס זייער עצם שאַפן און עקזיסטענץ פאַרקערפּערט אין זיך די געשיכטע־פאַרמירנדיקע מיסיע פון דער היסטאָריאָגראַפיע, דעם גרויסן היסטאָריש־מאָראַלישן „זכור" און דעם גלויבן אין דעם איבערלעבן און המשך פון פאָלק ווי אַזעלכן. ע. רינ־געלבלום פאַרצייכנט אין זיין פונדאַמענטאַלן טאָגבוך אַז י. שיפּער און מ. באַלאַבאַן האָבן אין געטאָ געשאַפן נייע ווערק וועלכע זיינען אַוועק מיטן פייער. אין דעם רינגעלבלום־אַרכיוו גופא האָט זיך קאָנסערווירט די אַרבעט פונעם יונגן היסטאָריקער הרב שמעון הובערבאַנד: די שאלות־ותשובות־מקורים צו דער געשיכטע פון די סלאַווישע לענדער. עס האָט זיך אין די בלעכערנע קעסטלעך אָפּגעראַטעוועט אַ טייל פון יחזקאל ווילטשינסקיס אַרבעט וועגן די יידן אין דער צייט פון דעם פּוי־לישן אויפשטאַנד אין נאָוועמבער 1830, און אויך נאָטיצן פון רינגעלבלום גופא צו דער געשיכטע פון דער השכלה אין וואַרשע. היסטאָרישע אַרבעטן זיינען גע־שריבן געוואָרן אין ווילנער געטאָ (לייב טורבאָוויטש), אין אַן אַרבעטס־לאַגער (מי־זיש), אין אָקופּירטן ביאַליסטאָק (א. ש. הערשבערג). פון דעם אַלעמען איז נישט געבליבן קיין זכר.

די גרויסע יידיש־פּוילישע היסטאָריאָגראַפיע איז אומגעקומען צוזאַמען מיטן פאָלק אין די טראַגישע יאָרן 1942־1944. זי האָט געטיילט דעם גורל פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע אין דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע און אַנדערע אייראָפּייאישע לענדער. די מלחמה און די יידן־פאַרטיליקונג האָט אָפּגעווישט דעם יידישן היסטאָריאָגראַפישן צענטער אין פּראַג, וואו עס האָט געווירקט אַ יידישע היסטאָרישע געזעלשאַפט און עס איז רעגולער דערשינען אַ יידישע היסטאָרישע צייטשריפט אין דייטש, מיט דער מיטווירקונג פונעם באַדייטנדיקן היסטאָריקער שמואל שטיינהערץ. די פאָרשונגען, וואָס זיינען דאָ געדרוקט געוואָרן, האָבן אַרומ־גענומען אַ ברייטן פּעריאָד, אָנגעהויבן מיטן באַגין פונעם יידישן ישוב אין בעהמען און מערן. ווין איז געווען אַ זיץ־אָרט פון אַ ריי באַדייטנדיקע יידישע היסטאָריקער, וועלכע האָבן געשעפּט פון די רייכע דאָרטיקע אַרכיוון. אַ צייט האָט דאָ געאַרבעט

ד״ר נ. געלבער. נאָכן היטלעריזירן בערלין האָט זיך אַ טייל פונעם דאָרטיקן צענ־טער, פון דער מזרח־איראָפּיאישער יידישער היסטאָריאָגראַפיע, איבערגעטראָגן קיין פּאַריז, וואו די צענטראַלע פיגור איז געווען א. טשעריקאָווער. די אַלע צענ־טערס זיינען אונטערגעגאַנגען מיט דער דייטשישער אינוואַזיע.

אין משך פון דעם צווישן־מלחמות־פּעריאָד איז געוואַקסן דער צענטער פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע אין ארץ ישראל. דער פאַקט פון גרינדן דעם יידישן (העברייאישן) אוניווערזיטעט אין ירושלים האָט אין אַ שטאַרקן אופן סטימולירט די אַנטוויקלונג פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע אין אָט דעם נייעם צענטער. זיינע הויפּט־געשטאַלטן האָבן זיך רעקרוטירט פון פאַרשיידענע סביבות און זיינען אָנגעקומען אין לאַנד אין פאַרשיידענע צייטן. פון דער פאַרשיידנקייט פון די סביבות און צייטן שטאַמען אויך די סיבות און סטימולן פון זייער קומען קיין ארץ ישראל און דאָס האָט באַאיינפלוסט די ריכטונג פון זייערע פאַרשערישע אַרבעטן. איינער פון די הויפּט־שעפער פון דער נייער ארץ־ישראלדיקער היסטאָריאָגראַפיע פּראָפ׳ יוסף קלויזנער איז געקומען אַהער אַן אידעאָלאָגיש אויספאָרמירטער — אַן אַלטער ציוניסט און העברייאיסט, מיט אַ באַגאַזש פון פאָרשונגען נישט בלויז פון דער העברייאישער ליטעראַטור, נאָר אויך אוראַלטער יידישער געשיכטע. בן־ציון די־נאַבורג (דינור) איז געקומען, נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, מיטן אינערלעכן באַגער צו קאָנטינואירן די געשיכטע־שרייבונג פון יידן אין רוסלאַנד און בכלל אין דער דיאַספּאָרע. אַ דריטע הויפּט־געשטאַלט פון דעם ירושלימער צענטער, יצחק בער, איז געווען אַן עולה פונעם נאַציזירטן דייטשלאַנד. אַזוי אויך יוסף מייזל. דער לעצטער איז אין ארץ ישראל געווען ווייניק שעפעריש, אָקעגן־זשע די ערשטע דריי האָבן ערשט דאָ פאַנאַנדערגעשפּרייט זייערע פליגל, הגם יעדער איינער אין אַן אַנדער ריכטונג. קלויזנער האָט געפירט זיינע אַרבעטן אין צוויי ריכטונגען: די געשיכטע פון דער העברייאישער ליטעראַטור און די געשיכטע פון ארץ־ישראל אין אַלטערטום. אויף ביידע געביטן האָט ער געשאַפן מאָנומענטאַלע ווערק, נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָ און דאָרטן האָט ער געקאָנט אין מעטאָדאָלאָגישן זין אַרויסווייזן שוואַכקייטן. קלויזנערס פיל־בענדיקע ליטעראַטור־געשיכטע איז, דוכט זיך, ביזן היינטיקן טאָג דאָס בעסטע אינפאָרמירנדיקע ווערק אויף דעם געביט און קאָן גוט דינען אויך דעם פאָרשער, למשל, פון יידישער און נישט בלויז העבריי־אישער השכלה. זיין געשיכטע פון די חשמונאישע צייטן איז אין איר צייט אויך געווען די בעסטע אויף דעם געביט.

פּראָפ׳ דינורס אַרבעטן זיינען געגאַנגען אין דער ריכטונג קודם כל פון פאַר־עפנטלעכן דאָקומענטן און מאַטעריאַלן צו דער וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק אין זיין ברייטער אויסגעשפּרייטקייט. פּראָפ׳ בער האָט פאַרגעזעצט זיינע איינציק־אַרטיקע שטודיעס וועגן דער געשיכטע פון יידן אין קריסטלעכן שפּאַניע, וועלכע ער האָט דורכגעפירט מיט אַ גרויסער פאַרטיפונג, און הגם ער האָט אין זיינע פּרינ־ציפּיעלע אַרטיקלען קריטיקירט דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד, האָט ער דאָך אַלס פאָרשער אַריינגעבראַכט אַ סך נייעס אינעם שטח פון עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און אינערלעך־קאַמפּס־עלעמענט פון די יידן אין שפּאַניע — זאַכן, וועלכע זיינען פריער געווען ווייניק באַוואוסט (ד״ר שיפּער האָט פאַר דער מלחמה אין אַ פאָרטראָג

אין וואַרשע כמעט אינסטינקטיוו באַרירט דעם מאָמענט פון קלאַסן־קאַמף ביי די יידן אין שפּאַניע, ער האָט אָבער נישט פאַרמאָגט אַזעלכע מאַטעריאַלן, ווי דאָס האָט געהאַט אין זיין רשות פּראָפ׳ בער, וועלכער איז לאַנג געזעסן אין די שפּאַנישע אַרכיוון).

מיט דער צייט האָבן זיך אַחוץ דעם ירושלימער אוניווערזיטעט־צענטער, צו וועלכן עס זיינען שפּעטער צוגעקומען יינגערע היסטאָריקער, ווי פּראָפ׳ ישראל היילפּערין, דער אַרויסגעבער פון „פּנקס מדינת פוילן" און ווי פּראָפ׳ גרשום שלום, דער פאָרשער פון די יידישע מיסטישע באַוועגונגען, געשאַפן אין לאַנד צענטערס פון פאָרשן די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּאַלעסטינע, די געשיכטע פון דער התישבות און פון די קיבוצים (בראַסלאַווסקי). אויך דער קרייז פון היסטאָריקער פון מזרח־ און צענטראַל־איראָפּיאישן יידנטום האָט זיך אויסגעברייטערט. עס זיינען צוגעקומען פאָרשער מיט גרויס באַגאַזש און אַזאַ פאַר־נעם, ווי ד״ר נ. געלבער פון פוילן, ד״ר דוד פלוסער און ד״ר אביגד פון פּראָג. אַחוץ דעם האָט דער אוניווערזיטעט גופא אָנגעהויבן אַרויסגעבן אייגענע יונגע היס־טאָריקער. דאָס אַלץ שעפּט נאָך ווייט נישט אויס די קאַדרען פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע אין ארץ־ישראל אינעם צווישן־מלחמות־פּעריאָד. עס פעלן נאָך אין אונדזער רשימה די אַרכעאָלאָגן בראש מיט פּראָפ׳ סוקעניק און אַזעלכע פאָר־שער פון אַלטערטום, בפרט פון דעם יודעאָ־גריכישן פּעריאָד, ווי א. טשעריקאָ־ווער (10), אָדער ווי דער פאָרשער פון דער תקופה נאָך בר־כוכבאס אויפשטאַנד גדליה אלון. הקיצור: פּאַראַלעל מיטן אונטערגאַנג פון די אַלטע יידישע היסטאָ־ריאָגראַפישע צענטערס אין איראָפּע אין אָנהייב 40־קער יאָרן איז געוואַקסן אַלץ מער דער נייער צענטער אין ארץ ישראל.

אין דער זעלביקער תקופה האָט זיך אויך גענומען אַנטוויקלען דער יידיש־היסטאָריאָגראַפישער צענטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכער האָט פּראָפי־טירט פון דעם צופלוס פון פרישע קרעפטן פון איראָפּע. דאָס פּוילישע יידנטום האָט אין דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד „געשאָנקען" דער יידיש־אַמעריקאַנישער היסטאָ־ריאָגראַפיע צוויי היסטאָריקער פון אַ הויכער מדרגה און פון צוויי אַנדערע אויפ־פאַסונגען פון געשיכטלעכן שטאַף, ווי: פּראָפ׳ שלום באַראָן און ד״ר יעקב שאַצקי. דער ערשטער, אַ געקומענער פון פּוילישע ישיבות און ווינער יידישע און אַלגע־מיינע הויכשולן, האָט זיך שוין אינעם באַהאַנדלטן פּעריאָד אַרויסגערוקט אויפן אויבן־אָן פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע מיט זיין גרויסן סינטעטישן ווערק וועגן די סאָציאַלע און רעליגיעזע פּראָבלעמען אין דער יידישער געשיכטע. זיין אַנטאַגאָניסט און קריטיקער, י. שאַצקי, אַ געקומענער פון אַ פּוילישער טראַדיציע און אַ פאַראַנקערטער אין דעמאָקראַטישן יידישיזם, האָט אַנטוויקלט אַ טעטיקייט אויף פאַרשיידענע פעלדער פון יידישער היסטאָריאָגראַפיע, בפרט פון פּוילישן יידנטום: עקאָנאָמיק, סאָציאַלע פּראָבלעמען, שול־וועזן, טעאַטער, ליטעראַטור. אין זיין אויסגעצייכנטן ווערק, דעם פאַרוואָרט צו נתן־נטע האַנאָווערס „יון מצולה", האָט ער זיך אויסגעטיילט סיי מיט געניטער קענטשאַפט פון דער ליטעראַטור, סיי מיט אָביעקטיוויטעט דערפירטער אָפּטמאָל צום היסטאָרישן רעוויזיאָניזם, מיט וואָס ער האָט זיך אונטערשיידט פון פּראָפ׳ באַראָן, וועלכער ביי זיין גרויסער

בקיאות און אויסגעצייכנטער סינטעטישער פעאיקייט איז אָבער נישט אינגאַנצן פריי פון אַ געוויסער אַפּאָלאָגעטישקייט.

איך ווייס אָבער נישט — און איך פיל זיך נישט דערצו באַרופן — צי קאָן מען שוין ריידן בנוגע די פּאַראַיינינקטע שטאַטן ווי וועגן אַ צענטער פון יידישער היסטאָריאָגראַפיע. קודם כל איז נאָך קיין אמתע היסטאָריאָגראַפיע פון אַמעריקאַנישן יידנטום גופא נישט געווען. עס זיינען געווען איינצלנע היסטאָריקער און געציילטע ווערק וועגן יידישער פאַרגאַנגענהייט אין אַמעריקע. צווישן די פאָרשער דאַרף מען אויסרעכענען פּראָפ׳ דזשייקאָב מאַרקוס פון היברו יוניאָן קאָלעדזש אין סינסינאַטי, דעם אויסגעצייכנטן יודאַאיסט ד״ר יהושע בלאָך פון דער עפנטלעכער ביבליאָטעק אין ניו-יאָרק, דעם ראַביי בערטראַם קאָרן פון פילאַדעלפיע. אַלס אייגנטלעכער היסטאָריקער דאַרף ווערן אָקצעפּטירט נאָר פּראָפ׳ מאַרקוס. עס האָט זיך געשאַפן אַ יידיש-היסטאָרישע געזעלשאַפט מיט אַ סטאַבילן אָרגאַן „דזשואיש סאָשל סטאַדיס״ אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפ׳ באַראָן, ד״ר קאָפּל פּינסאָן און דעם פון פוילן געקומענעם ד״ר אברהם דוקער. דער דאָזיקער אָרגאַן איז געווען מער געווידמעט יידישער סאָציאָלאָגיע ווי געשיכטע.

איינצלנע יידישע היסטאָריקער זיינען געווען צעשפּרייט איבער עטלעכע לענדער. למשל דער געשיכטלער פון די ספרדישע יידן, פּראָפ׳ סעסיל ראָט אין ענגלאַנד, צי דער יידישער געלערנטער, וואָס האָט זיך נאָר טיילווייז אינטערעסירט מיט געשיכטע ד״ר עהרענפּרייז אין שוועדן.

שוין דער דאָזיקער קורצער איבערבליק ווייזט, אַז אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט-מלחמות האָבן זיך די דריי צענטראַלע צענטערס פון יידישער היסטאָריאָגראַפיע אין אייראָפּע און צום טייל אויך אין דער וועלט געפונען אין פוילן, ראַטנפאַרבאַנד און דייטשלאַנד.

נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה איז געקומען אַ גרויסע ענדערונג.

3.

דער היינטיקער היסטאָריאָגראַפישער צענטער אין ישראל

דער גרעסטער און וויכטיקסטער היינטצייטיקער יידישער היסטאָריאָגראַפישער צענטער איז בלי ספק מדינת ישראל. דאָס הייסט נישט אַז עס מוזן דווקא זיצן דאָרטן די בעסטע ספּעציאַליסטן אין אַלע אָן אויסנאַם געביטן. אָבער דאָס הייסט יאָ, אַז די יידישע היסטאָריאָגראַפיע אין אַלע אירע פאַרשיידנקייטן און אַלס צענטראַלע דערשיינונג מיט אַ ברייטער קאַדרען- און אָפּנעמער-באַזע, אויפן באָדן פון אַ פאָלק אָן אָרגאַניזירטן אין מלוכהשע ראַמען, געפינט זיך אין ישראל, וואו זי ווייזט איינצייטיק אַרויס אַ טענדענץ פון וואוקס. דער פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון יידישע אוניווערזיטעטן (אין ירושלים און לעצטנס אויך אין תל-אביב), די גראַדע ליניע, וואָס ציט זיך פון די גרונט-שולן ביז די הויכשולן אויף דער באַזע פון דער זעלביקער שפּראַך און קולטור, די שטרעבונג אַרומצוכאַפּן אַלע תקופות פון דער יידישער געשיכטע, דער כסדרדיקער צופלוס פון קאַדרען. די גרויסע צאָל סעמינאַרן,

אוניווערזיטעטישע און קיבוצישע, דאָס שאַפן נאַציאָנאַלע אַרכיוון, כתב־יד־ זאַמ־לונגען און מוזייען, די מעגלעכקייט פון קאָנפראָנטירן די אַלטע געשיכטע מיטן נאָך עקזיסטירנדיקן שטייגער פון די פאַרשיידענע עטנישע גרופן — דאָס אַלץ העלפט מיט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע.

אין ישראל, ווי אין אַ יידישן לאַנד, איז חוץ דעם פאַראַן נאָך איין זייער וואָגי־קער באַגינסטיקנדיקער מאָמענט, וועלכער קאָן ביי אַ געהעריקער ריכטונג ברענגען בעסערע וויסנשאַפטלעכע רעזולטאַטן ווי ערגעץ אַנדערש. אין אַלע אַנדערע לענדער, וואו יידן בילדן אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, ליגט אויף דער דאָרטיקער יידישער היסטאָריאָגראַפיע, ווילנדיק נישט ווילנדיק, דער חותם פון גרעסערער אָדער קלענערער אַפּאָלאָגעטיק (נישט בלויז אין רעליגיעזן, נאָר אויך אין נאַציאָנאַלן זין). דער „למה יאמרו הגויים" — באַווירקט דעם דאָרטיקן יידישן היסטאָריקער אַמאָל באַוואוסטזיניק, אַמאָל אינסטינקטיוו, אָבער די דאָזיקע העמונג ווירקט. עס עק־זיסטירט די מורא פאַר „קאָמפּראָמיטירן" די יידן און זייער געשיכטע. די דאָזיקע העמונג איז פאַראַן ווייניקער ביי היסטאָריקער, וועלכע אָנערקענען דעם קלאַסן־קאַמף ווי אַ פאַקטאָר אין דער יידישער געשיכטע, און מער ביי די אַנדערע פאַר־שער. איך וויל דערמיט, חלילה, נישט זאָגן, אַז אַלע יידישע היסטאָריקער פון די נישט־ישראל־לענדער געפינען זיך אונטער דעם דרוק. די בעסטע היסטאָריקער באַמיען זיך שטענדיק צו דערגרונטעווען דעם אמת. אין דער הינזיכט זיינען באַ־קאַנט די פּאָלעמיקעס: באַלאַבאַן—שיפּער (וועגן דעם פּראָבלעם, פון וואַנען די יידן זיינען געקומען קיין פּוילן), פון שאַצקי—באַראָן (וועגן דעם כאַראַקטער פון די יידישע קהילות פאַרצייטנס), פון שאַצקי—העריץ (וועגן דער צייט פון ת"ח, ות"ט), פון פרידמאַן—ווייבריב (וועגן סטאַטיסטיש־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דער יידי־שער געשיכטע), פון מאהלער—קויפמאַן (וועגן דעם עצם כאַראַקטער פון דער יידישער געשיכטע) וכדומה. אָבער מען דאַרף מודה זיין, אַז אין אַ יידישן לאַנד, וואו דער אַדרעסאַט פון דער היסטאָריאָגראַפיע איז קודם כל דער ייד, דאַרף לכל הפחות די סכנה פון דעם אַפּאָלאָגעטישן דרוק זיין קלענער.

צי דאָס איז טאַקע אַזוי אין דער פּראַקטיק, צי נוצן אויס די ישראלדיקע היס־טאָריקער די דאָזיקע געלעגנהייט? דאָס איז נאָך אַ פראַגע. סיי די יראת־הכבוד־באַציאונג צום טראַגיש פאַרשניטענעם עבר אין אייראָפּע, סיי דער דרוק פון רע־ליגיעזן מאָמענט, סיי אַ באַשטימטער קאָנסערוואַטיזם, סיי די דאָמינירנדיקע טע־מאַטיק פון די גייסטיק־רעליגיעזע געביטן בילדן אַ העמענדיקן פאַקטאָר אויך פאַר געוויסע ישראלדיקע היסטאָריקער. ביי טייל דאָרטיקע געשיכטלער הערשט די איבערצייגונג, אַז די יידישע רעליגיעזע קוועלן זיינען דער עיקר פאַרן יידישן פאָרשער, אָפטמאָל וויכטיקער ווי דער אַרכיוואַלער דאָקומענט, וואָס שטאַמט פון אַ „גויישן" מקור (פון אַ געריכט אָדער אַמט). דער באַגריף „קהלה" פאַרשטעלט אָפטמאָל דאָס יידישע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לעבן אין ברייטן זין. פאַרשטייט זיך, אַז עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע ריכטונגען אין דער ישראלדיקער היס־טאָריאָגראַפיע, און די צייט וועט באַוויזן, ווער וועמען עס וועט גובר זיין. אָבער ביי די אַלע באַוואָרענישן טאָר מען נישט צומאַכן די אויגן אויפן פאַקט, אַז ישראל איז היינט דער הויפּט־צענטער פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע — סיי אין

הינזיכט פון פירנדיקע שעפערישע פערזענלעכקייטן, סיי אין זין פון אַ געדיכטן שעפערישן צענטער, סיי אין פרט פון הויכע לערן־אַנשטאַלטן, אַרכיוון, שטודיר־ביבליאָטעקן, מוזייען.

ישראל איז בכלל אַ לאַנד, וואָס יעדער שפּאַן פון זיין ערד איז געשיכטע. יעדעס טאָל און בערגל רופט אַרויס היסטאָרישע רעמיניסצענצן, וואָס ליגן, אַזוי צו זאָגן, אינעם בלוט פון דעם תושב אָדער טוריסט. אונטערן אויבערפלאַך פון דער ישראל־ערד דרעמלען אוצרות פון געשיכטלעכערווירקלעכקייט. ווען מען גייט איבער די ישראל־וועגן, מוז אויפקומען אויפן געדאַנק די עלטסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק, די תקופה פון אַלטערטום און אין אַ פיל קלענערער מאָס די שפּעטערדיקע. דער „אַרכיוו" פון די ישראלדיקע, יידישע קדמוניות ליגט אינעם לאַנד גופא. עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס סיי די איינוואוינער פון לאַנד, סיי דער רוב פון זיינע היסטאָריקער לאָקט קודם כל די אַלטערטימלעכע געשיכטע פון כנען, ישראל און יהודה. דאָס איז נישט בלויז אַ פראַגע פון דער קולטור־פּאָליטיק פון דער רעגירונג. דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס אַ פאַרשטענד־לעכע דערשיינונג. ווען דער פראַנצויזישער סטודענט שפּאַנט איבער פּאַריז זעט ער פאַר זיך ווי לעבעדיק די אַנדענק־ערטער פון די רעוואָלוציעס און אויפשטאַנדן. ווען דער פוילישער סטודענט קומט קיין קראָקע, אימפּאָנירט אים דער קעניגלעכער וואַוועל־שלאָס. דער ייד זעט אין פוילן די שפּורן פון דעם אומקום און ווידער־שטאַנד פון זיין פאָלק. דער זעלביקער ייד וועט זייענדיק אין ישראל זען — אומ־אָפּהענגיק פון זיין איינשטעלונג — די ערטער, וואו עס האָבן געקעמפט די חשמונאים, אין ירושלים וועט ער באַטרעטן די ערד, וואו עס זיינען געשטאַנען די קנאישע קעמפער קעגן רוים, און פון די אויסגראָבונגען פון אונטער דער ערד וועלן צו אים אַרויסשרייען די נעמען פון ביבלישע שטעט און פון בר־כוכבא. און די אויס־גראָבונגען פון דעם נאָך־מלחמה־פּעריאָד זיינען דאָך טאַקע אימפּאָנירנדיקע. אַרום די רעזולטאַטן פון די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען שאַפט זיך אַ נייע גרויסע יידישע וויסנשאַפט מיט אַ טיפן אָפּקלאַנג נישט נאָר ביי יידן, נאָר אויך אין דער גאַנצער וועלט.

אַרום די ישראלדיקע אַרכעאָלאָגן און אַלטערטום־פאָרשער יגאל ידין, אביגד, מזר, יבין און אַנדערע זאַמלען זיך יונגע קאַדרען און עס שאַפט זיך אַ סביבה און אַן אַטמאָספער פון אַ נייעם צווייג פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע. דער דאָ־זיקער צווייג פאַרמאָגט נישט בלויז אַ וויסנשאַפטלעכע חשיבות, נאָר האָט אויך אַ באַ־טייט פון שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און פון דעם סאָציאַלן אַספּעקט פון דער עלטסטער יידישער געשיכטע. די קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען אויף דעם געביט זיינען, אָביעקטיוו גענומען, געוועגדט קעגן דער טעאָלאָגישער און אַפּאָ־לאָגעטישער ריכטונג אין דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע. זיי וואַרפן אַ נייע שיין אויף דער גייסטיקער קולטור פון די יודאַישע יידן, זיי אַנטפּלעקן נאָך מער ווי פריער זייער אידעאָלאָגישע דיפערענציאַציע, די ראַדיקאַלע אָפּאָזיציעס קעגן די רייכע און כהנישער אַריסטאָקראַטיע, די אַקטיוו־פּאַטריאָטישע געפילן, דעם באַוואוסטזיין פון גערעכטיקע מלחמות, דעם שטייגער און קולט פון יענע צייטן וכדומה. די געפונענע בריוו פון בר כוכבא זיינען פון אַן אומגעהייערער ווערט,

אויב מען וועט נעמען אין אַכט, אַז ביז אַט דעם גליקלעכן מאָמענט איז וועגן דאָזיקן העלדישן פירער פון דעם אַנטי־רוימישן אויפשטאַנד געווען באַקאַנט בלויז דאָס ווינציקע, וואָס האָט זיך געפונען — אין אַ טענדענציעזן גייסט — אין תלמוד, און די פּאָר ווערטער אין דער גריכישער כראָניק פון דיאָ קאַסיאָ און פון געוויסע קירכלעכע אָבות.

פאַר דער יידישער, און בפרט ישראלדיקער, היסטאָריאָגראַפיע פון דער עלטסטער תקופה עפענען זיך גלענצנדיקע פּערספּעקטיוון פון אַנטוויקלונג. קיין שום אַנדערע היסטאָריאָגראַפיע וועט דאָ נישט פאַרטרעטן ישראל. די פּרוּוון פון געוויסע „רעוויזיאָניסטישע" יידישע פאָרשער, עלעהיי פּראָפ' צייטלין פון אַמעריקע, צו מינימיזירן די אַנטדעקונגען פון קומראַן, פון די „מגילות גנוזות", האָבן געליטן אַ דורכפאַל.

אָבער נישט בלויז די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען. אין דעם נאָך־מלחמה־פּעריאָד האָט פאַרגעזעצט אין אַ ברייטן פאַרנעם זיינע אַרבעטן דער גרויסער ישראלדיקער היסטאָריקער פּראָפ' יוסף קלויזנער. אין יאָר 1952 איז דערשינען זיין ביי־באַאַרבעטע, אויסגעברייטערטע און צום טייל ביי־אָנגעשריבענע פינףבענדיקע „היסטוריה של הבית השני" (11), וועלכע נעמט אַרום די גרונט־פּעריאָדן פון שיבת ציון ביזן חורבן בית שני, נאָכן פאַלן פון דעם גרויסן אויפשטאַנד קעגן רוים. נישט געקוקט אויף געוויסע „מאָדערניזמען", מיט וועלכע פּראָפ' קלויזנער באַנוצט זיך אין דער דאָזיקער אומפאַנגרייכער אַרבעט (למשל, די פאַרגלייכן פון די פאַרשיידענע סאָציאַל־אידעאָלאָגישע גרופּעס פון דעם יידישן אויפשטאַנדלאַגער צו: מענשעוויקעס, באָלשעוויקעס און אַנאַרכיסטן, וכדומה), און וועלכע פּאַסן נישט צוליב דער אַנדערשקייט פון די היסטאָרישע תקופות, איז אָבער דאָס ווערק ביזן היינטיקן טאָג אַ יחיד במינו און נעמט אין אַכט די נייסטע, פאַר קלויזנערס צייט, קוועלן און ליטעראַטור, די מגילות גנוזות איינגעשלאָסן.

אויב מיר וועלן צו פּראָפ' קלויזנערס ווערק צוגעבן אַזעלכע ווי ד״ר שמחונים נייע וויסנשאַפטלעכע, ערודיציעפולע עדיציע פון פלאַוויוסעס „יידיש־רוימישע מלחמה" (12), ווי ייבינס אַלטע און ש. אבראַמסקיס נייע בר־כוכבא־מאָנאָגראַפיעס (13), ווי די אַרבעטן, וואָס שטעקן אין דער פילבענדיקער (נאָך נישט פאַרענדיקטער) אנציקלופּדיה מקראית און אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע, ווי די אַרבעטן וועגן דעם באַגין פון ארץ־ישראל פון פּראָפ' מזר, ווי יגאל ידינס גרויסע מאָנאָגראַפיע וועגן דער פאַעמע פון דער מלחמה פון די בני־אור קעגן די בני חושך (14) מיט אַ טיפן אַנאַליז פון דער דעמאָלטדיקער סטראַטעגיע, ווי גדליה אלונס ווערק וועגן די יידן אין יודעאָ נאָכן אויפשטאַנד פון בר־כוכבא (14א), און פיל אַנדערע, וועלן מיר קומען צו אַן אויספיר, וואָס באַשטעטיקט פולשטענדיק די טעזע וועגן דער אַנוואַקסנדיקער חשיבות און גרויסקייט פון דעם יידישן היסטאָריאָגראַפישן צענטער אין ישראל.

ווי באַקאַנט, הערשט אין געוויסע קרייזן פון ישראל, בפרט אין די אַ.ג. כנענישע, די מיינונג, אַז דער עיקר אין דער יידישער געשיכטע איז איר אָנהייב און איר קעגנוואַרט, די אַלטערטימלעכע תקופה און דער נייער צייט־אַלטער זינט די גערעַנגלענישן און דער שאַפונג פון מדינת ישראל. די דאָזיקע איינשטעלונג

פאַרמאָגט אויך אַ פּאָליטישן אונטערשלאַק און איז עלול צו צערייסן די גאָלדענע קייט פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער געשיכטע. די כנענישע איינשטעלונג האָט נישט קיין שייכות מיט דער כאַראַקטעריסטישער דערשיינונג פון דער צוויי־עקסטרעמען־פּאַראינטערעסירונג אין דער נייסטער היסטאָריאָגראַפיע אין דער וועלט, הגם זי קאָן — אויפן יידישן באָדן — נאָך מער פאַרשפּיצן די אויביקע דערשיינונג, און דאָס וועט געוויס זיין צום שאָדן פון דער יידישער געשיכטע־פאָרשונג און פון דער יידישער נאַציאָנאַלער קולטור. צום לויב פון דער ישראלדיקער היסטאָריאָגראַפיע דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זי האָט זיך בדרך כלל נישט געלאָזט פאַרפירן אויף די כנענישע אומוועגן, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער אַלטערטימלעכער סעקטאָר, בפרט מיט זיינע אַרכעאָלאָגישע דערגרייכונגען און לאָקאַלן געשיכטלעכן קאָלאָריט, לאָקט און קאָן פאַרכאַפּן.

אין דער ישראלדיקער היסטאָריאָגראַפיע פון דער נייסטער צייט זיינען רעפּרעזענטירט — אינדיווידועל און קאָלעקטיוו — כמעט אַלע וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דער יידישער דיאַספּאָרע־געשיכטע. כמעט אַ ווייסער פלעק איז נאָר די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, און פאַרהעלטניסמעסיק שוואַך איז נאָך פאַרטראָטן די נייע געשיכטע פון ארץ־ישראל גופא. אין אַנדערע געביטן האָט די ישראלדיקע היסטאָריאָגראַפיע צו פאַרצייכענען אין משך פון דעם לעצטן צייט־אָפּשניט אַ גאַנצע ריי ערשט־קלאַסיקע דערגרייכונגען.

דער ישראלדיקער צענטער האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי גרונטיקע מאָנאָגראַפיעס:

וועגן דעם קאַראַאיזם און זיינע ערשטע עטאַפּן (ד״ר אנקורי (15), שטאַמט פון מערב־גאַליציע).

וועגן די יידן אין קריסטלעכן שפּאַניע (ניי־באַאַרבעט פון פּראָפ׳ יצחק בער 16), עולה געווען, ווי געזאָגט, פון דייטשלאַנד; ער שאַפט אויך אין אַנדערע געביטן, למשל, וועגן דעם אָנהייב און די יסודות פון דער אָרגאַניזאַציע פון די יידישע קהילות אין מיטלאַלטער).

וועגן יצחק אברבנאל (ד״ר ב. נתניהו (17), געבוירן אין וואַרשע).

וועגן דער גייסטיקער שאַפונג פון די יידן אין צענטראַל־ און מערב־איירעפּע אין מיטלאַלטער (פּראָפ׳ א. אורבאך (18).

וועגן ספר יוסיפון (ד״ר דוד פלוסער, עולה געווען פון טשעכאָסלאָוואַקיע).

וועגן די יידן אין איירעפּע אין מיטלאַלטער און שפּעטערדיקער תקופה (ד״ר הלל בן־ששון (19), שטאַמט פון פוילן).

וועגן דער סאָציאָלאָגיע פון יידן סוף מיטלאַלטער און אָנהייב נייער צייט אין איירעפּע (ד״ר יעקב כ״ץ (20), שטאַמט פון דייטשלאַנד).

וועגן דער באַוועגונג פון שבתאי צבי (פּראָפ׳ גרשום שלום (21), שטאַמט פון דייטשלאַנד; ער אַרבעט איצט איבער אַ מאָנאָגראַפיע וועגן יעקב פראַנק און איבער דער געשיכטע פון חסידיזם).

און די נייע סינטעטישע געשיכטע פון יידישן פאָלק, וואָס אירע פיר בענדער, בנוגע דער תקופה פונעם אויפקום פון קאַפּיטאַליזם זיינען שוין אַרויס (פּראָפ׳ רפאל מאהלער (22).

ווייטער איז כדאַי אויסצורעכענען: די דאָקומענטן־זאַמלונגען פון פּראָפ׳ בן־

ציון דינור (23) (די גאַנצע דיאַספּאָרע־געשיכטע), וועלכער פאַרנעמט זיך אויך ווי־טער מיט דער געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד; פון דעם ביאַליסטאָק־אַפּשטאַמיקן פּראָפ׳ ישראל היילפּערין (נאָך דעם פּנקס ועד הארצות — דער פּנקס מדינת מערין; ער שרייבט אויך וועגן יידישער געשיכטע אין פּוילן, בפרט אין 18טן י״ה (24); און דעם גרויסן קאָדעקס פון די דאָקומענטן פון די אינקוויזיציע־טריבונאַלן אין שפּאַניע, וואָס ווערט געגרייט צום דרוק דורך דער גרופּע פון פּראָפ׳ בערס תלמידים מיטן ד״ר ביינארט (שטאַמט פון ריגע) בראש, וועלכע האָט איינגעאָרדנט אַן עקס־פּעדיציע קיין שפּאַניע און געבראַכט פון דאָרטן די מאַטעריאַלן.

אַלע אויסגערעכנטע מאָנאָגראַפיעס און דאָקומענטן־זאַמלונגען זיינען איינציק־אַרטיקע, נאָך נישט איבערגעשטיגענע פּאָזיציעס אין דער יידישער היסטאָריאָ־גראַפיע.

לאָמיר צו דעם צוגעבן נאָך אַנדערע אַרבעטן, ווי למשל פון ד״ר שמואל עטינגער (געבוירן אין לענינגראַד) וועגן דער באַציאונג פון דער מאָסקאָוויטישער מלוכה צו די יידן און דער לאַגע פון די יידן אין אוקראַינע אין 17 י״ה (25), פון ד״ר רות קעסטענבערג (שטאַמט פון טשעכאָסלאָוואַקיע) וועגן דער יידישער געשיכטע אין דער תקופה פון פעאָדאַליזם אין אייראָפּע (26), פון פּראָפ׳ גויטיין וועגן דער גע־שיכטע פון די אָריענטאַלישע יידן און אַנדערע ספּעציאַליסטן.

מיר האָבן בכיוון אָנגעגעבן די אָפּשטאַם־לענדער פון די ישראלדיקע היס־טאָריקער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז צווישן די אַלע אויסגערעכנטע, וועלכע פאַר־נעמען זיך מיט דער דיאַספּאָרע־געשיכטע, איז נישט פאַראַן קיין איין סאַברע. דאָס זיינען אַלץ געקומענע פון אייראָפּע אין רייפן אָדער גאָר יונגן עלטער. פון דער צווייטער זייט איז כדאַי צו באַטאָנען דעם פאַקט, אַז צווישן די אויסגערעכנטע איז שוין דאָ אַ גרופּע דערצויגלינגען פון דעם ירושלימער אוניווערזיטעט גופא: אנקורי, בן־ששון, עטינגער, נתניהו און אַנדערע.

די ישראלדיקע היסטאָריאָגראַפיע קאָנצענטרירט זיך אין אַ גאַנץ באַדייטנ־דיקער מאָס אַרום דריי לפי ערך רעגלמעסיק־דערשיינענדיקע צייטשריפטן: „ציון", „תרביץ" (אָרגאַן פאַר גייסטיקער שאַפונג) און „קרית ספר" — די איינציקע אין דער וועלט יידישע (העברייאישע) ביבליאָגראַפישע צייטשריפט.

ווי געזאָגט, שטעלט זיך שוואַכער פאַר די געשיכטע־שרייבונג פון דער אַר־בעטער־באַוועגונג. פון גרעסערע פּאָזיציעס פון דעם געביט קאָן מען אויסרעכענען: פּראָפ׳ שמואל אייזנשטאַדטס צווייבענדיקע סינטעטישע אַרבעט פון דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג (אַ ביסל שוין פאַרעלטערט (27), עדמונד זילבערנערס מאָנאָגראַפיע וועגן דער באַציאונג פון דעם מערב־אייראָפּייאישן סאָ־ציאַליזם צו דער יידן־פראַגע אין 19טן י״ה (28), (אַ גרינטלעך ווערק, אָבער איינ־זייטיק אַ ביסל טענדענציעז, מיטן טראַפּ אויף זען אומעטום אַנטיסעמיטיזם) און די אַרבעט פון דעם קיבוצישן (השומר הצעיר) היסטאָריקער פּרץ מרחב וועגן דער געשיכטע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג (29). קיין גרינט־לעכע און אָריגינעלע פאָרשונגען וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון דער יידישער אַר־בעטער־באַוועגונג זיינען כמעט נישט בנמצא.

דאַקעגן האָט זיך במשך די לעצטע יאָרן אָנגעהויבן, בפרט אין די אוני־

ווערזיטעט־סעמינאַרן, אַ באַוועגונג צו פאָרשן די יידישע געשיכטע אין די לעצטע יאָר־צענדליקער פון פאַריקן יאָרהונדערט, דער עיקר אַלס אַריינפיר צו דער תקופה פון חורבן. עס גייט אויך אָן אַן אַרבעט צו פאָרשן די געשיכטע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג (ד״ר נ. געלבער און דער דירעקטאָר פון אַרכיוו־ציוני ד״ר אַלעקס ביין).

די אַרכיוון און מאַטעריאַלן צו דער חורבן־תקופה (1945־1933) זיינען דער עיקר קאָנצענטרירט אין „יד ושם״ און צום טייל אויך אינעם „קיבוץ לוחמי הגיט־אות״. די אַרבעט איבער דער דאָזיקער פּראָבלעמאַטיק ווערט — חוץ אין די צוויי אינסטיטוציעס — געפירט אויך אין דעם ירושלימער אוניווערזיטעט, אין דעם נייעם אינסטיטוט פון היינטצייטיקער יידישער געשיכטע און קולטור אונטער דער לייטונג פון פּראָפ׳ דיניוס („יהדות זמננו״), אין דער קאַטעדרע פון ד״ר מ. דוואָ־זשעצקי אויפן בר־אילן־אוניווערזיטעט, אין דעם ניי־אַנטשטייענדיקן אַנילעוויטש־מוזיי ביים הקיבוץ הארצי (אונטער דער אָנפירונג פונעם דיכטער און געוו. פּאַר־טיזאַנישן קאָמאַנדיר אבא קאָוונער) און צום טייל אויך אין דעם זשאַבאָטינסקי־מוזיי.

מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון „שואה ומרד״ פאַרנעמט זיך אויך די „אנציקלופדיה של גלויות״ (בראש מיט יצחק גרינבוים און ד״ר ח. באַרלאַס). די פריערדיקע גלייכגילטיקייט פון געוויסע ספערן צו דער דאָזיקער טעמאַטיק איז גובר געוואָרן אַ דאַנק דעם אייכמאַן־פּראָצעס, וועלכער זאָל האָבן אויסגעאיבט אַ שטאַרקן איינ־דרוק אויף דער יוגנט, אָבער אויף זיכער שטויסט ער שוין אַצינד די ישראלדיקע היסטאָריאָגראַפיע שטאַרק אין דער ריכטונג פון דער יידישער פּראָבלעמאַטיק פון דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַזוי אַרום קאָן געזאָגט ווערן, אַז אויך אויפן געביט פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע פון דער חורבן־תקופה ווערט ישראל אַ הויפּט־צענטער, אָבער נישט דער אויסשליסלעכער.

עס איז שווער צו זאָגן נביאות, אין וועלכער ריכטונג עס וועט זיך אַנטוויקלען דער דאָזיקער סעקטאָר פון דער ישראלדיקער היסטאָריאָגראַפיע. ביים היינטיקן טאָג האָט ער אַרויסגעגעבן בלויז עטלעכע ווערק. די אין ישראל פאַרעפנטלעכטע ווערק פון ד״ר יוסף קערמיש (וועגן סטראַטעגיע ראַפּאָרט צו ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ (30), ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי און אַנדערע זיינען אַ רעזולטאַט פון פריערדיקע פאָרשונגען. דער „יד ושם״, וועלכער פאַרמאָגט צווישן אַנדערע עטלעכע לאַנגיאָריקע פאָרשער פון דער חורבן־טעמאַטיק (י. קערמיש, נחמן בלומענטאַל, נ. עק, רחל אויערבאַך א. אַ.), איז ביז היינט מער אַן אַרכיוו (מיט אַ זייער ברייטן פאַרנעם) און אַ דענקמאַל, ווי אַ וויסנשאַפטלעכער צענטער און ווי די מאָנאָגראַפיע פון צבי בראון און ד״ר לעווין וועגן דער אונטערערד פון קאָוונער געטאָ, ווי נחמן בלומענטאַלס פּובליקאַציעס פון די פּראָטאָקאָלן פון ביאַליסטאָקער יודנראַט און נאָך עטלעכע מעמואַריסטישע ביכער, איז קיין גרונטיקע ווערק נישט אַרויסגעגעבן. עס איז צו האָפן, אַז די ריזיקע דאָקומענטאַציע פונעם אייכ־מאַן־פּראָצעס, וועלכע געפינט זיך אין רשות פון „יד ושם״, וועט סטימולירן די דאָזיקע ביז גאָר וויכטיקע אינסטיטוציע צו קענען געפינען אַ וועג צו סעלעקציאָ־נירן די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט פון דער אַלגעמיינער און צו געבן אַ חשובן, ווי

עס פּאַסט פֿאַר אַזאַ אינסטיטוציע, ביישטייער צו דער יידישער היסטאָריאָגראַפֿיע פֿונעם טראַגישסטן פּעריאָד.

דעם קליינעם אָבער ענערגישן צענטער פֿון דעם קאַצענעלסאָן־מוזיי אינעם „קיבוץ לוחמי הגיטאות" אונטערשיידט פֿון דעם גרויסן, רייכן און מאָדערן־איינגעאָרדנטן „יד ושם" נישט בלויז די צאָל, נאָר אויך די ריכטונג פֿון פֿאָרשן און דער אינהאַלט. חוץ איין אַלטער אַרבעט פֿון ד"ר קערמיש, האָט זיך דער „יד ושם" נישט פֿאַרנומען עד־היום מיטן פּראָבלעם פֿון יידישן ווידערשטאַנד. ווי עס דרינגט אַרויס פֿון דער פּרעסע, איז די אויסשטעלונג פֿון „יד ושם" אין ניו־יאָרק געגאַנגען אין דער ריכטונג פֿון דער אַבסאָלוט פֿאַלשער פֿראַגע: פֿאַרוואָס זיינען די יידן אין דער אָקופּירטער אייראָפּע נישט געווען פֿעאיק צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד? — אַנשטאָט צו ווייזן ממשותדיק, ווי אַזוי ס'האָט יאָ אויסגעזען דער יידישער ווידערשטאַנד אין זיינע פֿאַרשיידענע אַספּעקטן, און אויב ער איז ערגעץ אָדער אין געוויסע פּעריאָדן נישט געווען — טאָ וואו זיינען די סיבות? אויך אויפֿן אייכמאַן־פּראָצעס, ביי זיין גאַנצן ריזיקן אויפֿטו, האָט מען עטלעכע מאָל איבערגעחזרט די קשיא: פֿאַרוואָס האָבן יידן נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד? שוין־זשע ווען עמעצן איינפֿאַלן צו שטעלן אַזאַ פֿראַגע די סאָוועטישע קריגס־געפֿאַנגענע, וואָס זיינען געווען פֿאַרשפּאַרט אין באַדינגונגען פֿון הונגער און מגיפֿות הינטער שפּיציקע דראָטן אונטער דער וואַך פֿון געציילטע דייטשישע זעלנער? אָבער אויפֿן אייכמאַן־פּראָצעס זיינען לכל הפּחות אַרויסגעטראָטן אַזעלכע עדות ווי יצחק צוקערמאַן, צביה לובעטקין, אברהם בערמאַן, אבא קאָוונער, ישראל גוטמאַן, דוד ווּדאָווינסקי און אַנדערע יידן פֿון געוויסע געטאָס און לאַגערן, וואו עס איז געווען אַ ווידערשטאַנד, הגם מען קאָן האָבן גערעכטיקע טענות, הלמאַי זיינען אין דעם פּעכער פֿון די ווידערשטאַנד־כּוחות נישט געווען פֿאַרטראָטן אַלע אָן אויסנאַם אידעאָלאָגישע שטרעמונגען פֿון יידישן פֿאָלק און אַלע אָן אויסנאַם פֿאָרמען פֿונעם ווידערשטאַנד. אָבער אַזוי צי אַנדערש — דער ווידערשטאַנד־מאָמענט איז אויפֿן אייכמאַן־פּראָצעס געווען רעפּרעזענטירט, אָקעגן־זשע אויף דער אויבן־דערמאָנטער אויסשטעלונג (איך בין זיך סומך אויף די פּרעסע־שטימען) — נישט.

אינעם קיבוץ לוחמי הגיטאות ווערט דער טראָפּ געלייגט טאַקע אויפֿן ווידערשטאַנד, וואָס קומט צום אויסדרוק אין די פֿאַרשיידענע זכרונות־ביכער און מאַטעריאַלן, וואָס דער קיבוץ האָט אַרויסגעגעבן. דעם דאָזיקן פּראָבלעם איז געווידמעט סיי דער „ספר מלחמות הגיטאות", סיי דעם דערמאָנטן קיבוץ, סיי דער צוויי־בענדיקער „ספר הפּרטיזנים", וואָס עס האָט אַרויסגעלאָזט די גרופּע פֿון די „השומר הצעיר"־קעמפֿער, אינעם פֿאַרלאַג „ספרית הפּועלים" (31).

מיט דעם קורצן איבערבליק שעפּט זיך נישט אויס דער היסטאָריאָגראַפֿישער צענטער אין ישראל. אַ וואָגיקן צושטייער צו דער יידישער היסטאָריאָגראַפֿיע גיט דער מכון בן־צבי אין ירושלים מיט זיינע פֿאָרשונגען פֿון דער געשיכטע און קולטור פֿון די מזרחדיקע יידן און בכלל פֿון די שבטים, די אַ. ג. נדחי ישראל. אַ שייכות מיט היסטאָריאָגראַפֿיע האָט דער דאָרטיקער יידיש־סאָציאָלאָגישער צענטער מיט פּראָפֿ' אריה טאַרטאַקאָווער בראש, די רעדאַקציעס פֿון די ענציקלאָפּעדיעס, די עטנאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ד"ר יום־טוב לעווינסקי

און אַ גאַנצע ריי אינסטיטוציעס, לאַנדסמאַנשאַפטן און פּריוואַטע פּערזאָנען. די קיבוצים זיינען אויך אַן אייגנאַרטיקער צענטער פון אַ געוויסן מין געשיכטע־פאָרשונג. דאָס אַלץ צוזאַמען שאַפט אין ישראל אַ געשיכטלעכע אַטמאָספער, מיט אַלע אירע פאַרשיידנאַרטיקייטן.

4.

איז פאַראַן אַ היסטאָריאָגראַפיע פונעם אַמעריקאַנישן יידנטום?

ווען איך פּרוּוו מאַכן — פון מיין ווייטקייט — אַ פאַרגלייך פון דעם ישראל־דיקן היסטאָריאָגראַפישן צענטער מיטן יידיש־אַמעריקאַנישן, דאַכט זיך מיר, אַז דער לעצטער פאַלט אויס אין ליכט פון דער אַנאַלאָגיע אַ סך בלייכער. קודם כל לאָזט זיך דאָ נישט באַמערקן קיין גרעסערע אַנטוויקלונג פון דער היסטאָריאָגראַפיע פונעם אַמעריקאַנישן יידנטום גופא. די וויכטיקסטע און וואָגיקסטע פּאָזיציע איז די, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1950 און איז עד־היום נישט געוואָרן איבערגעשטיגן, דהיינו — די דאָקומענטירטע געשיכטע פון די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פון ד״ר מאָריס שאַפּעס (32). עס זיינען אין משך פון דער צייט געמאַכט געוואָרן געוויסע סינטעטישע פּרוּוון אַנצוצייכענען דעם היסטאָרישן וועג פון דעם אַמע־ריקאַנישן יידנטום, אָבער זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף דער מדרגה פון אַן אויס־פירלעכן רעפעראַט און נישט פון קיין טיף־גרייכנדיקע שטודיעס, למשל דער רעפעראַט פון פּראָפ׳ שלום באַראָן אויפן צווייטן וועלט־קאָנגרעס פון די יידישע וויסנשאַפטן אין ירושלים, אין יאָר 1957.

אין שייכות מיט די פייערונגען פון 300 יאָר זינט דער אַנטשטייאונג פונעם יידישן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין יאָר 1954, איז דערשינען אַ ריי אויסגאַבעס, בתוכם אויך אין יידיש (פון ביילין, ביק). אָבער זיי האָבן זיך פאַר־האַלטן אויף דער מדרגה פון פראַגמענטאַרישקייט, ביאָגראַפישקייט און פּאָפּולאַרי־זאַציע, הגם אויך דאָס איז וויכטיק. מיט פאָרשן די געשיכטע פון אַמעריקאַנישן יידנטום אויפן סמך פון אַרכיוואַלע דאָקומענטן פאַרנעמט זיך דער נישט־אַמעריקאַ־נישער היסטאָריקער פּראָפ׳ מאהלער. די צוויי צענטערס אַרום די צייטשריפטן „דזשואיש סאָשעל סטאַדיס״ און „ייוואָ־בלעטער״ האָבן ביז איצט נישט קיין סך זיך געווידמעט דער פאָרשונג פונעם אָרטיקן ישוב. די ברייט־פאַנאַנדערגעבליטע יידישע העכערע שטודיעס־נעץ מיט אירע אוניווערזיטעטישע קאַטעדרעס, אינסטי־טוטן און טעאָלאָגישע (ניו־יאָרק) צי האַלב־טעאָלאָגישע (סינסינאַטי) סעמינאַרן, ווידמען זיך קודם־כל דער חכמת היהדות בכלל, דער גייסטיקער קולטור און דער אַלטער יידישער געשיכטע. אין הינזיכט פון אַ יידיש־היסטאָריאָגראַפישן צענטער, וואָס זאָל בויען די פאָרשונג און באַשרייבונג פון דער געשיכטע פון די יידן אויפן אָרט, איז נאָך דאָס זעקסמיליאָניקע, רייכע און געזעלשאַפטלעך אַנטוויקלטע און אַקטיווע אַמעריקאַנישע יידנטום שטאַרק דיסטאַנסירט.

וואו עס שטעקן די סיבות פון אַט דער נעגאַטיווער דערשיינונג, איז מיר — אַ פרעמדן און ווייטן — שווער צו אורטיילן. דער וואונדער איז נאָך גרעסער מחמת

דעם, וואָס די דריי־הונדערט־יעריקע געשיכטע פון די יידן אין אַמעריקע פאַר־מאָגט דאָך — אין פאַרגלייך מיט דער פאַרגאַנגענהייט פון די יידן אין אייראָפּע און אין די איסלאַם־לענדער — אָן אַן ערך ווייניקער מאַרטיראָלאָגישן שטאָף און אַ סך פּראָגרעסיווע קאַפּיטלעך און עלעמענטן. זי פאַרמאָגט אַזאַ פאַרשיידנקייט, וואָס דאַרף לאָקן דעם פּראָבלעמען־פאַראינטערעסירטן היסטאָריקער, ווי למשל די פאַרשיידנפּלאַסטנדיקייט און פאַרשיידנקולטורישקייט פון די עמיגראַציעס (פון ספרדישע יידן, אונגאַריש־דייטשישע, מזרח־איראָפּיאישע), ווי די פּיאָנערישקייט פון דעם ישוב, ווי דער גרויסער סעקטאָר פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי די שאַפונג אין יידיש (ווי דאָס ווערט אַזוי סוגעסטיוו אילוסטרירט אין נחמן מייזילס באַקאַנטער אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין יידישן וואָרט״), וכדומה. דער פּרעכטיקער אַלבאָם, וואָס איז אַרויס אין שייכות מיט די 300־יאָר־פייערונגען (33), איז די בעסטע אילוסטראַציע פאַר אונדזער טעזע. און עס איז כאַראַקטעריסטיש: די אַרטיקע געשיכטלעכע טעטיקייט איז צום שטאַרקסטן געוואָרן אויפגעהויבן דורך היסטאָרי־קער און פּאָפּולאַריזאַטאָרן פון לינקן לאַגער. די קאָנסערוואַטיווע אַרטיקע יידישע היסטאָריאָגראַפיע גייט, אַלנפאַלס ביז איצט, אין דער ריכטונג פון אַ נייער אויפלאַגע פון חכמת ישראל און פון רעפאָרמירטער טעאָלאָגישער פּראָבלעמאַטיק.

אין דעם צווישן־מלחמה־פּעריאָד זיינען די פאַראייניקטע שטאַטן געוואָרן אַ צענטער פון אַ המשך פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע פון די ישובים אין איירָאפּע. דער ייוואָ האָט זיך איבערגעטראָגן קיין אַמעריקע מיטן ציל ממשיך צו זיין זיין אַלטע מיסיע פון פאָרשן די יידישע געשיכטע אין פּוילן, ליטע און צום טייל רוס־לאַנד. אויף דעם געביט זיינען אין אַמעריקע געשאַפן געוואָרן עטלעכע גרויסע ווערק, אַ שטייגער: ד״ר יעקב שאַצקיס דריי־בענדיקע „געשיכטע פון יידן אין וואַרשע״ (34) (דער פערטער באַנד איז געבליבן אַ נישט־אויסגעפירטער), די קאָ־לעקטיווע אַרבעט פון דער קאָנדענסירטער געשיכטע פון די יידן אין פּוילן, שלום הערצס פּאָפּולערע געשיכטע פון די יידן אין אוקראַינע, אַ ריי אַרבעטן געדרוקטע אין די „ייוואָ־בלעטער״ און אַנדערע אויסגאַבעס.

עס איז אַנטשטאַנען אַ נייער צענטער פון דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג: דער אַרכיוו א. נ. פון פראַנץ קורסקי, וואו עס געפינט זיך נישט בלויז דער אַרויסגעראַטעוועטער פון איירָאפּע, פון בערלין און דערנאָך פּאַריז אַרכיוו פון „בונד״, נאָר אויך אַנדערע וויכטיקע מאַטעריאַלן, און פון וועלכן עס שעפּן די געציילטע היסטאָריקער, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט אָט דער טעמאַטיק. פון דעם צענטער קומט אַרויס די פּלאַנירטע פיל־בענדיקע געשיכטע פון „בונד״ (35). עס האָט זיך אינעם יידיש־אַמעריקאַנישן צענטער געשאַפן דאָס באַדייטנדיקע קעמערל פון דער חורבן־געשיכטע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר פיליפּ פרידמאַן, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי ווערק אין ענגליש (36), און חוץ דעם — ד״ר יעקב ראָבינזאָן, ישעיהו טרונק און נאָך אייניקע.

דער וויכטיקסטער אויפטו אויף דעם געביט איז דער אַרויסגעלאָזטער ביי דער מיטווירקונג פון „יד ושם״ ברייטאומפאַסנדיקער באַנד פון דער ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער געשיכטע אין דער טראַגישער צייט פון דער צווייטער וועלט־

מלחמה (37). דאָס איז אַ פּיאָנעריש ווערק מיט אַ סך מעלות און אויך נישט ווייניק חסרונות, וועלכע באַשטייען קודם כל אין דער נישט גענוגנדיקער קלאָרקייט ביים צונויפשטעלן די מאַטעריאַלן און אין אַרויסלאָזן פון אויג אַ ריי פּאָזיציעס (למשל ביים אָנגעבן די דערשינענע איבערזעצונגען פון סטראָאָפּס ראַפּאָרט ווערט אויסגעמיטן די יידישע, פון דעם מחבר פון די דאָזיקע שורות, דערשינען אין „יידיש בוך" (38). ווי געזאָגט, איז די ביבליאָגראַפיע די וויכטיקסטע פּאָזיציע, וואָס איז אַרויס אין דעם יידיש־אַמעריקאַנישן צענטער. קיין גרונטיקע מאָנאָגראַפיעס און דאָקומענטן־זאַמלונגען (אַחוץ אַנטאָלאָגיעס, וואָס האָבן אַ צווייט־ראַנגיקע היסטאָריאָגראַפישע ווערט) זיינען דאָ נישט דערשינען, טראָץ דעם וואָס דער דאָזיקער צענטער פאַרמאָגט די געהעריקע מיטלען און וואָס אין אַמעריקע געפינען זיך וויכטיקע דייטשישע אַרכיוון. אין אַן אַנדער סביבה איז אַנטשטאַנען אַזאַ ווערק ווי ד״ר ראול הילבערגס — וועגן דעם אומקום פון די יידן אין איראָפּע (39) — וועלכער קומט אָבער צו פאַלשע אויספירן סיי מחמת דער נישט־גענוגנדיקער קענטעניש פון די קוואַלן און פאַקטן, סיי צוליב דער טענדענציעזער איינשטעלונג. ליידער זיינען די ווערק פון די יידישע פאָרשער אין איראָפּע און בפרט פון פוילן ווייניק אָדער אינגאַנצן נישט באַקאַנט אין אַמעריקע, דעריבער איז דער אַמעריקאַנישער רעצענזענט נישט אימשטאַנד צו פאַרגלייכן די מאַטעריאַלן און אויספירן פון ד״ר הילבערג מיט די דאָקומענטן און אַנאַליז פון די יידיש־איראָפּייאישע פאָרשער, ממילא טויכט אויף פאַר זיי ראול הילבערגס ווערק ווי אַ „רעוואָלאַציע" און ווי אַ לעצט וואָרט.

אויך די דייטשישע יידן, וואָס האָבן געפונען אַ מקום מקלט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, האָבן דאָ אויפגעשטעלט אַ צענטער פון דער היסטאָריאָגראַפיע. די אַמעריקאַנישע אָפּטיילונג פון דעם לעאָ־בעק־אינסטיטוט און די רעגולער דערשיינענדיקע האַלביאָריקע בענדער אונטער דער רעדאַקציע פון פּראָפ׳ גואידאָ קיש קאָנטינואירן דעם נוסח פון דער שוין באַהאַנדלטער היסטאָריאָגראַפיע. לעצטנס האָט זיך אויך אַקטיוויזירט אַ יידיש־רוסישער צענטער, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזט אין רוסיש אַ באַנד געשיכטע פון די יידן אין רוסלאַנד (40) — אויך געשריבן אין אַלטן גייסט פון אַפּאָלאָגעטיק.

אויב עס גייט אין דער גאַנצקייט פון דער יידישער געשיכטע, אין איר פוילן דורותדיקן פאַרנעם אָנהייבנדיק פון מיטלאַלטער, רוקט זיך אַרויס אויפן מזרח פון דעם יידיש־אַמעריקאַנישן היסטאָריאָגראַפישן צענטער פּראָפ׳ שלום באַראָן (פון קאָלומביא־אוניווערזיטעט) — איינעם פון די צוויי (לעבן פּראָפ׳ רפאל מאהלער) בייע סינטעטיקער. זיין גרויסע פיל־בענדיקע און נאָך נישט פאַרענדיקטע סאָציאַלע און קולטור־געשיכטע פון יידישן פאָלק דערשיינט גלייך אין עטלעכע שפּראַכן (41). מיט די אָנהייבן פון דער יידישער געשיכטע אין פוילן פאַרנעמט זיך ד״ר בערנאַרד ווײַנריב (פון דראָפּסי־אוניווערזיטעט (42), וועלכער האַלט זיך סיי אין דעם פּראָבלעם, סיי אין אַנדערע, אין דער ליניע פון אַ געוויסן רעוויזיאָניזם לגבי אַלטע אָנגענומענע מיינונגען, אויפן סמך פון אויטענטישע דאָקומענטן און כתבי־יד. פונקט ווי באַראָן, וויזט אויך ווײַנריב אַרויס אַ אינטערעס צו דער פּראָבלעמאַטיק פון דער גייסטער געשיכטע פון די יידן, — דערווייל לויטן סינטעטישן און היס־

טאַריאַזאַפישן נוסח (פּראָפ׳ באַראָנס רעדע אויפן אייכמאַן־פּראָצעס, ד״ר וויינריבס אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין אייראָפּע נאָך דער מלחמה).

די קאַדרען פון דער יידיש־פּוילישער היסטאָריאָגראַפיע אין אַמעריקאַנישן צענטער זיינען במשך די לעצטע יאָרן געוואָרן באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט. דער פּריי־ציטיקער טויט פון פאָרשער פון אַזאַ הויכער מדרגה ווי קלמן מרמר (43), ד״ר יעקב שאַצקי, ד״ר פיליפּ פרידמאַן, מאַרקווישניצער האָט אַרויסגעריסן פון אונדזער היסטאָריאָגראַפיע אירע גרויסע מיטבויער, נישט לאָזנדיק אויף זייער פּלאַץ קיין גלייכע ממשיכים. ביי די ווייניקע קאַדרען, וואָס זיינען פאַרבליבן, דראָט דער יידיש־פּוילישער היסטאָריאָגראַפיע אין אַמעריקע די סכנה פון איינשרומפּונג. בנוגע דער דאָרטיקער היסטאָריאָגראַפיע פון אַמעריקאַנישן ישוב ווי אַזעלכן ווילט זיך בלייבן אַן אָפּטימיסט — אין אָנגעזיכט פון דעם סוף־כל־סוף קוואַנטיטאַטיוון וואַקס פון אַמעריקאַנישן יידנטום. די דאָזיקע היסטאָריאָגראַפיע וועט זיך מוזן מאַכן אַ וועג אינעם אידעאָלאָגישן און מעטאָדאָלאָגישן קאַמף מיט דעם נעאָ־טעאָלאָגיזם און אַפּאָ־לאָגעטישקייט, אַ וועג צו אמת וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, קודם־כל אין די אַרכיוון.

אַז אַזוי קאָן געשען, ווייזט דער ביישפּיל פון דרום־אַמעריקע, לעת־עתה פון איין פאָרשער פון אַרגענטינע — ד״ר באַלעסלאַוו לעווין, אָבער ווי באַוואוסט טרעפט עס אָפט אין די התחלותן פון היסטאָריאָגראַפיעס, אַז איין מתמיד מאַכט אַ וועג פאַר אַ גאַנצן דור. די דערגרייכונגען פון באָלעסלאַוו לעווין אויפן געביט פון פאָרשן דעם קאַיאַר פון יידישן ישוב אין דרום־אַמעריקע אויפן סמך פון די אַרכיוון פון די אָרטיקע אינקוויזיציע־טריבונאַלן (44) ווערן פאַרשוויגן אָדער נישט דערשאַצט דורך די עפנטלעכע יידיש־היסטאָריאָגראַפישע צענטערס פונקט ווי מאָריס שאַפּעסעס דערגרייכונגען אינעם שטח פון דער עלטסטער געשיכטע פון די יידן אין צפון־אַמעריקע.

ביידע פאַרהעלטענישמעסיק יונגע היסטאָריקער זיינען פאָרשער פאַר עקסע־לאַנס, און מען דאַרף זיי ביידע באַטראַכטן פאַר גרונטלייגער פון דער מאָדערנער יידישער היסטאָריאָגראַפיע אין ביידע אַמעריקעס. די יידישע עפנטלעכקייט איז מחוייב צו שטיצן די אַרבעט פון די צוויי און סטימולירן אַ קאַדרען־המשך, וועלכער וועט גאַראַנטירן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די היסטאָריאָגראַפיעס פון די צוויי יונגע אין דער יידישער געשיכטע מאַסן־ישובים, וועלכע געפינען זיך אין סאַמע בלי פון זייער אַנטוויקלונג.

5.

דאָס פייער פון יידישער היסטאָריאָגראַפיע אין אייראָפּע איז נישט אינגאַנצן פאַרלאָשן

נישט געקוקט אויף דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן אייראָפּייאישן יידנטום אין די יאָרן 1933־1945, נישט געקוקט אויפן פאַרשווינדן פון שעפערישע מאַסן־ישובים און אויך פון דער קינסטלעכער העמונג פון דער

יידישער גייסטיקער שאַפונג אין געוויסע לענדער פון אייראָפּע, זיינען דאָך נישט אַלע פון זיי פאַרשוואונדן ווי שעפערישע צענטערס פון דער היינטצייטיקער יידישער היסטאָריאָגראַפיע. קעמערלעך פון יידישער געשיכטע־פאָרשונג זיינען נאָך פאַראַן אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע, האָלאַנד, דענעמאַרק, פוילן, בולגאַריע, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע, יוגאָסלאַוויע, דייטשלאַנד און ראַטנפאַרבאַנד. אין ענגלאַנד איז טעטיק, למשל, פּראָפ׳ סעסיל ראָט, דער פאָרשער פון דער געשיכטע פון די ספרדישע יידן און פון די מאַראַנען און דער מחבר אויך פון סינטעטישע ווערק (45). ער האָט אויך אָנגעהויבן פאָרשן די סאָציאַלע געשיכטע פון ענגלישע יידן. אין איטאַליע איז דאָ נישט לאַנג געגרינדעט געוואָרן אַ צענטער צו פאָרשן די געשיכטע פון די יידן אונטערן רעזשים פונעם פאַשיזם און אין דער מלחמה־צייט, אונטער דער אָנפירונג פונעם יונגן היסטאָריקער ד״ר גואידאָ וואלאברעגא; דער דאָזיקער צענטער גיט אַרויס אַ פערטל־יאָר־שריפט אין איטאַליעניש (46). אין האָלאַנד ווירקט דער גוט־באַקאַנטער פאָרשער פון דער אַלטער ליטעראַטור אין יידיש, ד״ר לעאָ פוקס, וועלכער איז איינצייטיק אַ מחבר אויך פון היסטאָרישע אַרבעטן. אין דענעמאַרק אַרבעט ד״ר רפאל עדעלמאַן. אין בולגאַריע — ד״ר אשר חנניאל און אליהו אשכנזי, וועלכע האָבן אַרויסגעלאָזט אַ באַנד פון אויפשריפטן פון אַלטע מצבות ווי אַ מקור צו פאָרשן די אַלטע געשיכטע פון די יידן אין בולגאַריע (47); אַ פאָרשער־קרייז ביי דער דאָרטיקער קאָנסיסטאָריע האָט אַרויסגעגעבן אַ באַנד פון ביאָגראַפיעס פון יידישע קעמפער קעגן פאַשיזם און היטלעריזם (48). אין אונגאַרן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, דורכן קרייז פון פאָרשער ביים יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר אין בודאַפּעשט אַ דאָקומענטן־ווערק וועגן די אָפּשטאַם־וואָרצלען און אָנהייבן פון דעם יידישן ישוב אין דעם דאָזיקן לאַנד ביז דעם סוף פון 13טן י״ה (49). אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָט נאָך דער מלחמה געווירקט אַ היסטאָריקער־קרייז מיט ד״ר מילינקאָוואַ, ד״ר מונעלעס, ד״ר איזשי ווייל און אַנדערע, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם יידישן מוזיי אין פּראָג און אַרויסגעלאָזט אַ באַנד וועגן די מצבות־אויפשריפטן און אַ ריי אַרבעטן צו דער אַלטער געשיכטע פון יידן אין טשעכיע (50); דער רב הראשי פון בראַטיסלאַוואַ, אליהו כ״ץ, האָט אַרויסגעגעבן אין אַ שרייב־מאַשין אויסגאַבע אַ געשיכטלעכע אַרבעט וועגן דעם אומקום פון די סלאָוואַקישע רבנים. אין רומעניע גופא איז קיין פאַרלעגערישער צענטער נישט אויפגעקומען, אָבער די עטלעכע יידישע היסטאָריקער פון דעם לאַנד, פּראָפ׳ מאיר הלוי, י. קאַראָ און גאָלדבערג, דרוקן זייערע אַרבעטן — וועגן דער געשיכטע פון יידן אין רומעניע — אין די „בלעטער פאַר געשיכטע״, וואָס עס גיט אַרויס דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין פוילן. דער קליינער, 6000־קעפּיקער יידישער ישוב אין יוגאָסלאַוויע, וועלכער אַנטוויקלט זייער אַ אינטענסיווע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טעטיקייט (אין סערביש), פאַרמאָגט אַ היסטאָריש־מוזייאַלישע קאָמיסיע און גיט אַרויס יאָריקע אַלמאַנאַכן (51), וואו עס ווערן פאַרעפנטלעכט ערנסטע געשיכטע־אַרבעטן פון יידישע און סערביש־כאָרוואַטישע היסטאָריקער, וואָס זייערע פאָרשונגען כאַפּן אַרום דעם ברייטן צייט־אָפּשניט פון אַלטערטום, פון דעם באַגין פון די יידישע ישובים אין די לענדער פון דער היינטיקער יוגאָסלאַוויע ביז דער אָקופּאַציע־תקופה איינגעשלאָסן; עס איז גענוג אויסצו־

רעכענען אַזעלכע דאָרטיקע היסטאָריקער, וועלכע דרוקן אַרבעטן וועגן דער געשיכטע פֿון יידן אין יוגאָסלאַוויע, ווי: פּראָפּ׳ מיראָסלאַוואַ דעספּאָט, פּראָפּ׳ לאַדאָסלאַוו גלעזינגער, ד״ר בראַנימיר גאַבריצעוויטש, פּראָפּ׳ יאָריאָ טאַדיטש, ד״ר וואוק ווינאַווער, דאַצענט זדענקאָ לעווענטאַל, פּראָפּ׳ אברהם פּינטאָ, ד״ר חיים קמחי, פּראָפּ׳ שמואל קמחי. אין דייטשלאַנד גייען אַרויס ערנסטע מאָנאָגראַפֿיעס און דאָקומענטן־זאַמלונגען: די אַרבעט פֿון סעלמאַ שטערן וועגן ר׳ יאָסעלע ראָזענהיים פֿון די צייטן פֿון פּויערים־קריג אין דייטשלאַנד (52), די אַרבעטן פֿון ד״ר בערנאַרד בריללינג צו דער געשיכטע פֿון יידן אין ברעסלע און אַנדערע שטעט (53), די אַרבעט פֿון פּ.ל. ערליך וועגן דער געשיכטע אין דייטשלאַנד, די מאָנאָגראַפֿיעס פֿון ז. עזריה וועגן דער געשיכטע פֿון יידן אין קעלן (54), די דריי בענדער דאָקומענטן צו דער געשיכטע פֿון די יידן אונטער די נאַציס פֿון לעאָן פּאָליאַקאָוו און יוסף וואולף (55) און אַנדערע. אין אַ מערב־דייטשישן פֿאַרלאַג איז דערשינען די מאָנאָגראַפֿיע וועגן טערעזיענשטאַדט פֿון ד״ר ה. נ. אַדלער (56), אַ טשעכישער ייד, וואָס וואוינט איצט אין לאָנדאָן. אין דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק זיינען דערשינען אין דייטשישער איבערזעצונג אַ קאָלעקטיוו ווערק (דאָקומענטן־זאַמלונג) פֿון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, וועגן דעם אומקום פֿון די יידן אין פּוילן (57), און די מאָנאָגראַפֿיע פֿון דעם מחבר פֿון אָט די שורות וועגן אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ (58). עס איז אונדז באַוואוסט, אַז אַ יידישער פֿאָרשער אין מזרח־דייטשלאַנד, העלמוט עשוועגע, פֿאַרענדיקט אַ ווערק וועגן אומקום פֿון דייטשישן יידנטום. אין מערב־דייטשלאַנד ווערן אין געוויסע יידיש־דייטשישע קרייזן געמאַכט אָנשטרענגונגען אויפֿצולעבן אַ שטיקל יידיש־היסטאָריאָגראַפֿישן צענטער, לויטן אַלטן נוסח. עס איז אַנטשטאַנען אַ צענטראַלע אינסטיטוציע, דער לעאָ־בעק־אינסטיטוט, וועלכע פֿירט אָבער איר טעטיקייט קודם־כל אין לאָנדאָן, ישראל און אַמעריקע, און אַ סך ווייניקער אין דייטשלאַנד, אַ סימן, אַז דאָ איז נישט אַזוי לייכט אויפֿצולעבן דאָס, וואָס איז אַזוי גרויזאַם פֿאַרשניטן געוואָרן. אַלנפֿאַלס זיינען פּרוואוון פֿאַראַן און געוויסע פּאָזיציעס זיינען, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן, דערשינען (59).

בנוגע דעם ראַטנפֿאַרבאַנד איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אויב אין די ערשטע נאָכמלחמה־יאָרן איז אין די אַקאַדעמישע היסטאָרישע אויסגאַבעס און אין די לערן־ביכער פֿאַר די הויכשולן דער יידישער געשיכטלעכער מאָמענט גענומען געוואָרן אין אַכט, איז ער זינט דעם אָנהייב פֿון די 50־קער יאָרן אין די דאָזיקע פּובליקאַציעס פֿאַרשוואונדן. דאַקעגן אין געוויסע ווערק, געווידמעטע דעם אַלטערטום, עקזיסטירט דער יידישער מאָמענט יאָ. למשל, אויף דער טעמע פֿון די מגילות גנוזות זיינען דערשינען אין רוסיש דריי פּובליקאַציעס: פֿון פּראָפּ׳ יאָסיף דאַווידאָוויטש אַמוסין, ד״ר הילער (הלל?) ליוושיץ און אַנאַטאָלי וואַרשאַווסקי (אַ פּאָפּולאַריזאַטאָרישע (60). אַלע דריי מחברים זיינען יידן און ווייזן אַרויס גוטע קענטעניש אין דער יידישער (העברייאישער) היסטאָרישער ליטעראַטור. ליוושיצעס אַרבעט וועגן דעם אויפֿשטאַנד פֿון יודעא קעגן רוים, וועלכער איז אויסגעפֿירט געוואָרן אויפֿן מינסקער אוניווערזיטעט, איז נאָך נישט דערשינען. צוזאַמען מיט אָט די אַרבעטן פֿון קדמוניות־כאַראַקטער איז אונדז באַקאַנט איין פּרוואו מצד אַ יידיש־סאָוועטישן פֿאָרשער צו שאַפֿן אַ כוללדיק ווערק פֿון דער געשיכטע פֿון די סאָוועטישע יידן אין

די יאָרן 1941־1944, ד. ה., וועגן אומקום פון די יידן אין די אָקופּירטע געביטן און זייער ווידערשטאַנד; דער מחבר איז דער יידיש־סאָוועטישער וויסנשאַפטלער יעקב קאַנטאָר. צי צווישן די צוויי קלאַמערן — אַלטערטום און נייסטע צייט — ווערט נאָך עפּעס געשאַפן, איז נישט באַוואוסט. דאָס שאַפן די סינטעטישע געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד פון פּראָפ׳ י. סאָסיס, וועגן וועלכער עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, געהערט פּאַקטיש צום פריערדיקן פּעריאָד.

פאַר דער געפילן־וועלט פון די יידישע געלערנטע, היסטאָריקער און שפּראַך־קענער פון אַלטערטום, וועלכע זיינען טעטיק אין דער סאָוועטישער היסטאָריאָ־גראַפיע און אָריענטאַליסטיק, זיינען כאַראַקטעריסטיש די ווערטער פון דער ווידמונג, וועלכע דער געלערנטער י. נ. ווינניקאָוו האָט אָנגעשריבן צו זיין אַרבעט „אַ פּרוּאוו פון אַ ווערטערבוך און אַ קאָנקאָרדאַנץ פון דער פּאַלעסטינער טראַדיציאָנעלער ליטעראַטור", און געמלעך: „מיין לאַנגיאָריקע אַרבעט ווידמע איך דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין בן יחיד איזראַיל (ישראל) ווינניקאָוו, וועלכער איז געפאַלן בעת דער גרויסער פאַטערלענדישער מלחמה אויפן פראָנט ביי לענינגראַד, אין אויגוסט 1941, אין עלטער פון 22 יאָר" (61).

ווי עס איז צו זען פון דעם איילִיקן איבערבליק, זיינען טאַקע אין די אויס־גערעכנטע לענדער נישט אַנטשטאַנען צוריק קיין יידיש־היסטאָריאָגראַפישע צענ־טערס, אָבער דאָס פייער פון דער פאָרשונג און באַשרייבונג פון דער אַלטער און נייסטער יידישער געשיכטע איז אין זיי נישט געוואָרן אויסגעלאָשן. און דאָס זאָגט עדות וועגן דעם טיפן היסטאָרישן באַוואוסטזיין, וואָס שטעקט ביי די דאָרטיקע יידן. אין דעם רוב דערשינענע אַרבעטן לאָזט זיך באַמערקן די שוין אָנגעווי־זענע פּאָלאַריזאַציע: פון איין זייט די קאָיאָרן פון די ישובים (אונגאַרן, בולגאַריע, יוגאָסלאַוויע, רומעניע), פון דער צווייטער — די אָקופּאַציע־צייט (בולגאַריע, יוגאָסלאַוויע, סלאָוואַקיע).

אין אונדזער איבערבליק פון איראָפּע פעלן צוויי לענדער, וועלכע מיר טיילן אויס באַוואוסטזיניק באַזונדער: דאָס זיינען פראַנקרייך און פּוילן, פּאַריז און וואַרשע. אין די ביידע לענדער געפינען זיך באַדייטנדיקע היסטאָריקער יחידים און דער עיקר — עס עקזיסטירן דאָרטן צענטראַלע יידישע אַרכיוואַלע און היס־טאָריאָגראַפישע אינסטיטוציעס. אין ביידע צענטערס פאַרנעמט מען זיך סיי מיט דער אַלטער יידישער געשיכטע פון די צוויי לענדער, סיי מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון דער חורבן־תקופה.

עס איז געווען אַ צייט, ווען אין פראַנקרייך איז געפירט געוואָרן אַ פאָרשונג־אַרבעט וועגן דער אַלטער געשיכטע פון יידן אין פראַנקרייך. דער „רעווי דע עטיד זשואיוו", וואָס איז אַרויסגעקומען פון די יאַהודישע ספערן, האָט זיך פאַר־נומען לרוב מיט דער גייסטיקער געשיכטע פון יידן בכלל. עטלעכע ערנסטע פאָרשער — בתוכם ראָבערט אַנשעל (62), ז. שייקאָווסקי און מילנער — האָבן זיך פאַרנומען, יעדער לויט זיין שטייגער און מיט זיינע מיטלען, מיט דער געשיכטע פון יידן אין פראַנקרייך פאַרצייטנס און אין דער תקופה פון דער רעוואָלוציע און פון נאַפּאָלעאָן. זיי האָבן געזוכט דערפּאָלגרייך אין פראַנצויזישע אַרכיוון, בפרט ז. שיי־קאָווסקי, און אויסגענוצט די אַלטע זאַמלונגען פון יידישע ביבליאָטעקן. אין דער

לעצטער צייט לאָזט זיך אויך אין פראַנקרייך מערקן אַ געוויסע פּאָלאַריזאַציע. די וויכטיקסטע ווערק קאָנצענטרירן זיך אַרום פּראָבלעמען פון דעם באַגין פון יידישן ישוב אין פראַנקרייך פון איין זייט און פון דער מלחמה־צייט — פון דער צווייטער. די פאָרשונגען פון ערשטן מין ווערן געפירט אין פּאַריזער אוניווערזיטעט, אונ־טער דער לייטונג פון דעם גאַליציע־אָפּשטאַמיקן היסטאָריקער ד״ר בערנאַרד בלו־מענקראַנץ, וועלכער איז דער מחבר פון אַ וואָגיקן ווערק אין פראַנצויזיש וועגן דעם עלטסטן אין מיטלאַלטער יידישן ישוב אין פראַנקרייך, געבויט אויף אַרכיוואַלע דאָקומענטן (63). דער מחבר באַהאַנדלט קודם כל די עיקרדיקע פראַגע: די באַ־ציאונג פון דער קריסטלעכער סביבה צו די יידן, וואָרעם אונטער דער ווירקונג פון אָט דער באַציאונג האָבן זיך דאָך געשטאַלטיקט די מעגלעכקייטן און ממילא די פאָרמען פון יידישן ווירטשאַפטלעכן, געזעלשאַפטלעכן און ממילא אויך גייסטיקן לעבן.

און ווידער קומען מיר צו אַ נישט פריילעכער דערשיינונג: אַזאַ ווערק, מיט אַזאַ ערשט־קלאַסיקער דאָקומענטאַציע און אַזאַ וואָגיקן פּראָבלעם, איז דורך די יידישע היסטאָריקער אין אַמעריקע און ישראל נישט „באַמערקט״ געוואָרן. אַ ברייטערן אָפּקלאַנג אין דער יידישער וועלט און צום טייל אויך פראַנצויזישער געזעל־שאַפט האָט דער צווייטער יידיש־היסטאָריאָגראַפישער צענטער אין פּאַריז: דער צענטער פון היינטצייטיקער יידישער דאָקומענטאַציע, וועלכער איז געשאַפן גע־וואָרן נישט דורך קיין היסטאָריקער, נאָר דורך אַ כלל־טוער מיט אַ וואַרעמער באַציאונג צו יידישער געשיכטע און קולטור, יצחק שניאורסאָן. דער דאָזיקער צענטער האָט אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל ווערק, מאָנאָגראַפישע און דאָקומענטן־זאַמלערישע, צו דער געשיכטע פון די יידן אין פראַנקרייך אין דער תקופה פון חורבן. אין די ראַמען אָדער אַרום דעם דאָזיקן צענטער, דעם גרעסטן אויף דעם געביט אין מערב־אייראָפּע, אַרבעטן וויסנשאַפטלעך די היסטאָריקער ביליג, מאַזאָר, פּאָליאַקאָוו, שטיינבערג, דאָ האָט געאַרבעט דער פאָרשטאַרבענער דוד קנוט, דער מחבר פונעם ערשטן בוך וועגן יידישן ווידערשטאַנד אין פראַנקרייך. די דערגריי־כונגען פון ביליג, מאזאַר, פּאָליאַקאָוו זיינען אַריין ווי דויערהאַפטיקע ווערטן אין דער נייסטער יידישער היסטאָריאָגראַפיע (64). אַ ברייטן שם האָבן אויך באַקומען די אויסשטעלונגען, געווידמעט דער חורבן־תקופה, וואָס עס האָט אָרגאַניזירט דער אומדערמידלעכער און איינפּאַלערישער יצחק שניאורסאָן צוזאַמען מיט זיינע מיטאַרבעטער און צום טייל מיטן מיטהילף פונעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט פון וואַרשע. עס דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז דער פּאַריזער „צענטער פון היינט־צייטיקער יידישער דאָקומענטאַציע״ פירט נישט קיין סיסטעמאַטישע און אָרגאַ־ניזירטע טעטיקייט אויפן וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן געביט. אין דעם זין איז ער מער ענלעך צום „יד ושם״, מער מאָנומענט ווי פאָרשונגס־צענטער, הגם ער גיט אַרויס רעגולער אַ פּערטליאַר־שריפט אין פראַנצויזיש (65) און האָט היינטער זיך, ווי געזאָגט, אַ ריי ערנסטע און ווערטפולע פּובליקאַציעס.

אין פּאַריז איז פאַראַן נאָך איין צענטער פון דער אָקופּאַציע־געשיכטע — ביים „אוניאָן״, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי וויכטיקע פּובליקאַציעס. דער

לייטער פון די דאָזיקע אַרבעטן איז דוד דיאַמאַנד, וועלכער האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן די יידישע העלדן פון פראַנצויזישן ווידערשטאַנד (65א).

בכלל זיינען אין אייראָפּע פאַראַן דריי דאָקומענטאַציע־ און פאָרש־צענטערס פון דער חורבן־געשיכטע: דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין וואַרשע, דער דאָקומענטאַציע־צענטער אין פּאַריז און די „ווינער־לייברערי" אין לאָנדאָן — דאָס איז אַן אַרכיוואַלע און ביבליאָטעקאַרישע אינסטיטוציע מיט אַ באַזונדערן אַקצענט אויף ביבליאָגראַפיע פון דעם נאַציזם און פון דער יידישער געשיכטע אונטערן נאַצי־רעזשים, געשאַפן ערב דער מלחמה דורך אַ גרופּע יידישע פּליטים פון היטלער־דייטשלאַנד בראש מיטן אַלטן כלל־טוער פון דייטשישן יידנטום ד"ר אַלפרעד ווינער. דער פערטליאָר שריפט פון דער „ווינער־לייברערי" א. נ. ביולעטין פון „ווינער־לייברערי" (66) דערשיינט אין לאָנדאָן רעגולער, אין ענגליש. אַן ערנסטע דערגרייכונג פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע איז די ביבליאָגראַפיע פון דער חורבן־תקופה, וואָס זי האָט אַרויסגעלאָזט (67).

חוץ די דריי איז כדאַי אויסצורעכענען דעם „מיזיניקל", דעם דערמאָנטן שוין יידישן דאָקומענטאַציע־צענטער אין איטאַליע (מילאַנאָ) און די לאַנג עקזיסטירנדיקע היסטאָריש־מוזיאַלישע קאָמיסיע ביי דער פעדעראַציע פון די יידישע קהילות אין יוגאָסלאַוויע (בעלגראַד). איטלעכער פון אָט די צענטערס פירט זיין טעטיקייט אין גייסט פון דער אייגענער טראַדיציע, הגם אין פאַל פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט קומט צו דער אידעאָלאָגיש־מעטאָדאָלאָגישער מאָמענט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן נאָך־מלחמהדיקן, נייעם פּוילן.

6.

דער בייטראָג פון דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע צו דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע

אויב די אויסגערעכנטע דאָקומענטאַציע־צענטערס פון פּאַריז, לאָנדאָן און מילאַנאָ פאַרנעמען זיך מיט דער נייסטער געשיכטע פון יידישן פאָלק, ווייזט אַרויס די טעטיקייט פונעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע אַ מער־ברייטערן פאָרשונגס־אינטערעס, הגם אין תוך האָט ער זיך ספּעציאַליזירט אין דער געשיכטע פון דער אָקופּאַציע־צייט. דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט האָט געשאַפן אַ באַנייטן יידיש־היסטאָריאָגראַפישן צענטער, אויף די חורבות פון דעם אַלטן בלוטיק־פאַרשניטענעם, און מיט אַן איינשטעלונג אויף נייע מעטאָדאָלאָגישע מיטלען. דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט באַמיט זיך אויסצופילן דעם עווענטועלן חלל, וואָס קאָן זיך שאַפן אין רעזולטאַט פון דער שוין דערמאָנטער פּאָלאַריזאַציע פון די היסטאָרישע פאַראינטערעסירונגען. די רעזולטאַטן פון די אַרבעטן סיי פון די אינעוויניקסטע, סיי פון די אויסערלעכע מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט ווערן געבראַכט צום אויסדרוק אין די צוויי צייטשריפטן פונעם אינסטיטוט, אין דער יידישער און פּוילישער שפּראַך (68), און אין די באַזונדערע מאָ־

נאָגראַפישע דאָקומענטן און זאַמלערישע פּובליקאַציעס פון זיינע מיטאַרבעטער, די קאָלעקטיווע און יחידישע.

די פּרינציפּיעלע איינשטעלונג פונעם אינסטיטוט איז אויף דער גאַנצער געשיכטע פון יידישן פאָלק, און דעריבער זיינען אין זיינע ראַמען דורכגעפירט געוואָרן אַזעלכע אַרבעטן ווי: די גענעזע פון דער יידישער רעליגיע (מיכאל אַסטור־טשערניכאָוו), די עלטסטע געשיכטע פון יידן אין קרים און דרום־רוסלאַנד (דאָצענט בנימין נאַדעל (69), די עלטסטע העברייאישע כתבי־יד אין אייראָפּע פּראָפ׳ טאַדעאוש לעוויצקי), דער רענעסאַנס ביי יידן אין איטאַליע (בער מאַרק און אפרים קופּפער (70), אָדער די פּראָבלעמאַטיק פון דער יידן־אויסראָטונג אין אַלע לענדער פון דער אָקופּירטער אייראָפּע (דאָצענט אהרן אייזנבאַך), צי די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין מערב־אייראָפּע, למשל אין דייטשלאַנד (ב. מאַרק (71) און אין פראַנקרייך (לילי בערגער (72). פאַר אַט דער פּרינציפּיעלער איינשטעלונג איז פּילזאָגעוודיק דער פאַקט, וואָס אין די אויסגאַבעס פונעם אינסטיטוט זיינען געווען געדרוקט אויסלענדישע יידישע היסטאָריקער ווי: ד״ר נ. געלבער, פּראָפ׳ י. היילפּערין און פּראָפ׳ ר. מאהלער פון ישראל (73), פּראָפ׳ ס. ראָט פון ענגלאַנד, ד״ר ל. פוקס פון אַמסטערדאַם, דוד דיאמאנד פון פּאַריז, פּראָפ׳ מ. הלוי פון בוקאַרעשט און י. קאַראַ פון יאַס. עס זיינען אויך געוואָרן איבערגעדרוקט פראַגמענטן פון די אַלטע ווערק פון ד״ר י. שאַצקי, פּראָפ׳ מ. באַלאַבאַן, ד״ר י. שיפּער און ד״ר ע. רינגעלבלום. אַזוי אַרום ווערט ממשותדיק איבערגעוואָרפן אַ בריק צווישן איין יידיש־היסטאָריאָגראַפישן צענטער און אַ צווייטן, צווישן איין דור יידישע היסטאָריקער און אַ צווייטן. פון דער סביבה פונעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט איז אַרויס די וויסנשאַפטלעך־באַאַרבעטע טעקסטן־זאַמלונג פון דער אַלטער שאלות־ותשובות־ליטעראַטור ווי אַ מקור צו פאָרשן די געשיכטע פון די סלאַווישע לענדער און זייערע יידישע ישובים אין מיטלאַלטער (74).

אָבער אין תוך גענומען מוז די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט פונעם אינסטיטוט זיין צוגעשפּיצט צו דער געשיכטע פון די יידן אין פּוילן און דאָס הן מחמת טראַדיציע און המשך, הן ווייל זיינע פאָרשער אַרבעטן אויפן סמך פון די אַרכיוון, וואָס געפינען זיך אין לאַנד. אין דער הינזיכט פון פאָרשן די געשיכטע פון די יידן אין פּוילן האָט דער וואַרשעווער יידישער אינסטיטוט די אויבערהאַנט איבער אַלע אַנדערע יידיש־היסטאָריאָגראַפישע צענטערס, וואָרעם טראָץ דער פאַרלענדונג פון דער מלחמה־צייט זיינען נאָך אין פּוילן פאַרבליבן די גרונטיקע אַרכיוון, וואָס זייער רוב איז נאָך געווען פאַרשלאָסן אָדער אומבאַקאַנט פאַר די גרויסע היסטאָריקער פון פריערדיקן דור, פאַר מ. שאַר, מ. באַלאַבאַן, י. שיפּער, י. שאַצקי און אַנדערע.

די דאָזיקע אויבערהאַנט זעט אויס צו זיין נאָך שטאַרקער, אויב עס האַנדלט זיך אין דער אָקופּאַציע־פּראָבלעמאַטיק. אויב גלייך נאָך דער מלחמה האָט זיך דער הויפּט־קוואַל פון די דאָקומענטן פון דעם געביט געפונען דער עיקר אין פּוילן, איז די דאָזיקע באַזע נאָכן פּוילישן אָקטאָבער 1956 נאָך מער געוואָרן אויסגעברייטערט, אַדאַנק דעם עפענען אַ סך פריער פאַרשפּאַרטע אַרכיוון און אַנדערע זאַמלונגען.

און די עצם־עקזיסטענץ פון אַן עפנטלעך אַנערקענטן אינסטיטוט, אונטער

דער השגחה פון אַזאַ וויסנשאַפטלעך־אויטאָריטאַטיווער אינסטיטוציע ווי די פּוילישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, איז אַ וויכטיקער פאַקטאָר נישט בלויז אין זין פון שאַפן אַ היימישע אַטמאָספער פאַר יידישע פאָרשער, נאָר ווי אַ סטימול־כוח פאַר געוויסע פּוילישע געלערנטע, וועלכע זעען אַדאַנק דעם אַ פּערספּעקטיוו פאַר זייערע פאָרשונגס־אָנשטרענגונגען אויך אויפן אָפּשניט פון יידישער געשיכטע־טעמאַטיק, סיי פון אַלטע, סיי פון נייע צייטן.

אַזוי אַרום — וואָס־זשע איז דער דויערהאַפטיקער בייטראַג פונעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, פון אַט דעם גרעסטן און אין תוך גענומען איינציקן ברייט־פאַרמאָסטענעם יידישן פאָרשונגס־צענטער אין אייראָפּע, צו דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע ?

אין די ראַמען פונעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט איז גרינטלעך אויסגעפאָרשט געוואָרן דער פּראָצעס און פאַרנעם פונעם יידישן אומקום אין אָקופּירטן פּוילן — אין די אַרבעטן פון א. אייזנבאַך, ט. בערענשטיין, ד. דאַמבראָווסקאַ, א. רוטקאָווסקי א. אַ..

עס איז אויסגעפאָרשט געוואָרן דער גרעסטער אַקט פון דעם יידישן ווידערשטאַנד, דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ — אין די אַרבעטן און בפרט אין דער לעצטער מאָנאָגראַפיע פון ב. מאַרק אין פּויליש „דער קאַמף און דער אומקום פון וואַרשעווער געטאָ" (75). און אַזוי אויך וועגן דעם קאַמף פון ביאַליסטאָקער געטאָ (76).

עס איז געמאַכט געוואָרן אַן ערנסטער צושטייער צו דערקענען די ליטעראַרישע שאַפונגען אין די געטאָס און לאַגערן — אין דער אַרבעט פון ב. מאַרק און אין דער נייסטער זאַמלונג פון רות פּופּס (77).

עס איז אויסגעפאָרשט געוואָרן די פּאָליטיק פון דעם היטלעריזם לגבי די יידן און איר אַנטוויקלונג — אין דער מאָנאָגראַפיע פון א. אייזנבאַך (78).

די אַלע טעמעס ווערן נאָך קאָנטינואירט, אָבער אין פּוילן הסכם מיטן אמת דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז אין די אַלע אויבן אויסגערעכנטע געביטן האָט ביז היינט קיין שום יידיש־היסטאָריאָגראַפישער צענטער און קיין שום מחבר דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט נישט פאַרטראָטן און נישט איבערגעיאָגט.

אָבער נישט בלויז אויפן געביט פון חורבן און ווידערשטאַנד פון דער לעצטער תקופה. אויך אויפן אָפּשניט פון דער עלטערער יידישער געשיכטע אין פּוילן איז דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט ביים היינטיקן טאָג כמעט דער איינציקער, וואָס קאָנטינואירט די דאָזיקע אַרבעט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן און אויפן סמך פון אַרכיוואַלע דאָקומענטן.

עס ווערן געפירט פאָרשונגען (און געוויסע רעזולטאַטן זיינען שוין געוואָרן פאַרעפנטלעכט) וועגן דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן אין 16טן און 17טן י"ה, אפילו וועגן די ספרדים, וואָס זיינען קאָלאָניזירט געוואָרן אין זאַמאָשטש (י. שאַפּראַן־מאָרגענשטערן), אין 18טן י"ה (ד"ר יעקב גאָלדבערג), אין 19טן י"ה (דאָצענט א. אייזענבאַך, אברהם וויין, דאָצענט דוד פיינהויז א. אַ.). עס גרייט זיך צום צווייטן באַנד פון דער סינטעטישער געשיכטע פון די יידן אין פּוילן (דאָס מאָל מיט אַ וויסנשאַפטלעכן אַפּאַראַט אויפן סמך פון ברייטע אַרכיוואַלע זוכענישן) דער

מחבר פון די דאָזיקע שורות. אַפילו בנוגע דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג ווערן געמאַכט נייע פאָרשונגען, למשל ל. בוימגאַרטען — וועגן יידן אין דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ און „ערשטן פּראָלעטאַריאַט״, ישראל שײַן — אַ ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער אַרבעטער־פּרעסע אין די יאָרן 1918־1938, וכדומה. עס איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז עס וועט באַנײַט ווערן אַ פאָרשונג־געביט, אויפן סמך פון אומבאַקאַנטע אַרכיוואַלע דאָקומענטן, איבער דער עלטערער געשיכטע פונעם „בונד״.

די אָקאָרשט אָנגעצייכנטע רשימה שעפּט ווייט נישט אויס דעם דיאַפּאַזאָן פון די פאָרש־אַרבעטן פון דעם אינסטיטוט און פון די פאָרשער פון אויסן, וואָס גרופּירן זיך אַרום אים. אָט איז אין די אויסגאַבעס פונעם אינסטיטוט געוואָרן אָפּגעדרוקט אַ נייע אַרבעט פון דעם אַלט־באַקאַנטן פוילישן נומיזמאַטיקער, פּראָפ׳ גומאָווסקי, וועגן די פוילישע מטבעות מיט די העברייאישע אויפשריפטן אין 12טן און 13טן י״ה (79). די אַרבעט האָט אַרויסגערופן גרויס אָנזען אין די קרייזן פון ספּעציאַליסטן אין ישראל. אַ שטיק גאָר אַלטע יידישע געשיכטע אין פאָר־צייטיקן פוילן!

אָבער אויף דער אַרבעט פונעם אינסטיטוט ליגט ווי אַ לאַסט דער מאַנגל פון קאַדרען און בפרט פון יוגנט. אָבער דאָס איז שוין אַן ענין, וואָס בינדט זיך מיט די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פונעם יידישן ישוב אין פוילן.

די אַרבעטן פונעם אינסטיטוט וועלן ווייטער גיין אין די צוויי ריכטונגען: עלטערע געשיכטע פון די יידן אין פוילן און די פּראָבלעמאַטיק פון דער תקופה פון חורבן און ווידערשטאַנד. בנוגע דער ערשטער ליניע איז כדאַי צו זאָגן, אַז עס ווערט דורך אַ קאָלעקטיוו געגרייט אַ גרויסע זאַמלונג פון נייע דאָקומענטן וועגן יידישן אָנטייל אין דעם פוילישן אויפשטאַנד פון די יאָרן 1863־1864. בנוגע דער צווייטער: עס וועט ווייטער געפאָרשט ווערן דער אומקום־פּראָצעס פון די נאָך נישט באַאַרבעטע דיסטריקטן, עס וועט ווערן אויסגעברייטערט די טעמאַ־טיק פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג מיט דער כוונה אַרויסצוגיין פון די ד׳ אמות פון פוילן און אַרומצונעמען ווי ווייט מעגלעך אַלע אָקופּירטע לענדער פון אייראָפּע, און עס וועט געמאַכט ווערן אַן אָנשטרענג אַרויסצוגעבן די גאַנצע ירושה פון די אָפּגעראַטעוועטע ליטעראַרישע שאַפונגען פון די געטאָס.

אַזוי אַרום קאָן מען דרייסט זאָגן, אַז הגם דעם סאַמע אויבן אָן פון דער הײַנטצײַטיקער יידישער היסטאָריאָגראַפיע האָבן פאַרנומען נייע צענטערס, ווערט אָבער די יידישע היסטאָריאָגראַפיע אין פוילן, טראָץ דער פאַרלענדונג פון די מלחמה־יאָרן און דער קליינצאָליקייט פונעם ישוב, טראָץ אַלע שוועריקייטן, דאָך קאָנטינואירט און קאָן זיך אַרויסווייזן מיט ערנסטע דערגרייכונגען און בתוכם אויך אַזעלכע, וועלכע שטעלן זיך פאָר ווי יחידים במינם אין דער גאַנצער יידישער היסטאָריאָגראַפיע.

און די רעגולער דערשיינענדיקע צײַטשריפטן זײַנען אויך „עפּעס״, בפרט אַז מיט זייער ניוואָ בדרך כלל האָט מען זיך נישט וואָס צו שעמען.

7.

אַ שטיקל סך־הכל און עטלעכע פּאָסטולאַטן

ווען מען נעמט אַרום מיטן בליק דאָס גאַנצע בילד פון דער היינטיקער יידישער היסטאָריאָגראַפיע, מיט אירע ליכט־ און שאָטן־זייטן, רוקט זיך אָן די זייער וויכ־טיקע פראַגע: צי האָט די יידישע היסטאָריאָגראַפיע פון די לעצטע 18 יאָר, ד. ה. די יידישע געשיכטע־שרייבונג פון דער קורצער תקופה נאָך דער מלחמה אַ רוק געטאָן די פאָרשונג און קענטעניש פון יידישער געשיכטע פאָרויס, צי — פאַרקערט — זי ווייזט אַרויס סימנים פון סטאַגנאַציע?

די תשובה איז אומבאַדינגט אַ פּאָזיטיווע. די יידישע היסטאָריאָגראַפיע במשך די 18 יאָר האָט געמאַכט אַ ברייטן שפּאַן פאָראויס. אמת, אַ ריי גרונטיקע אַרבעטן פון אַזעלכע בויער פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע, ווי פּראָפ׳ באַראָן, פּראָפ׳ בער, פּראָפ׳ קלויזנער, זיינען נישט בלויז פאַרזייט געוואָרן פאַר דער מלחמה, נאָר זיינען שוין צום טייל דעמאָלט געשריבן געוואָרן. דאָך איז זייער קרוינונג גע־קומען אין משך פון די לעצטע יאָרן. און דאָך איז די יידישע היסטאָריאָגראַפיע אינעם לעצטן פּעריאָד באַרייכערט געוואָרן נישט בלויז מיט רעוועלירנדיקע דאָ־קומענטן, נאָר אויך מיט נייע ווערק צו דער געשיכטע פון די יידן אין אַלטערטום, מיטלאַלטער און אויך נייער צייט.

ווען אַ פאַרגלייך מיט די פריערדיקע תקופות, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן גרעצן און דובנאָוון, דעם ייוואָ, דעם ירושלימער אוניווערזיטעט און די געשיכטע־קרייזן אין ראַטנפאַרבאַנד, טאָר בפירוש נישט זיין קיין רייד, ווייל יענע דורות היסטאָריקער זיינען נישט באַלאַסטן געוואָרן פּלוצעם מיט אַזאַ נייער און ברענענדי־קער אויפגאַבע ווי פאָרשן די דירעקטע חורבן־תקופה, וואָס עס האָט געקראָגן ממש בלשון קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו דער יידישער געשיכטלער פון היינט. שטעלט זיך פאָר, וויפל כוחות און ענערגיע, וויפל שעפערישע פּערזענלעכקייטן עס האָט צוגערויבט אָט די נייע טראַגישע טעמאַטיק ביי די קאַדרען פון דער היינט־צייטיקער יידישער היסטאָריאָגראַפיע, וויפל היסטאָריקער, וואָס האָבן געפאָרשט די אַלטע דורות, האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע פריערדיקע „שלאַכט־פעלדער" און איבערגיין אויף די נייע פּאָזיציעס פון דער חורבן־ און ווידערשטאַנד־תקופה! ד״ר פיליפּ פרידמאַן איז אין דער הינזיכט ווייט נישט געווען קיין בן יחיד. הגם מען דאַרף זאָגן, אַז פון דער צווייטער זייט האָבן זיך, צוליב דער דרינגענדיקער פאַראינטערעסירונג מיט דער חורבן־טעמאַטיק, אַריינגעצויגן אין דער פּראָבלעמאַ־טיק פון יידישער געשיכטע מענטשן, וועלכע וואָלטן אפשר אין אַן אַנדער לאַגע בכלל געבליבן פרעמד דעם געשיכטלעכן באַרוף.

אַזוי צי אַזוי — די נייסטע יידישע היסטאָריאָגראַפיע האָט אַריינגעפירט אַ צאָל פרישע ווערטן אין דער ביז איצטיקער און האָט אַרויסגעפירט אין דער עפנט־לעכקייט די שפּאָגל־נייע טראַגישע געשיכטע פון אונדזער דור און דערמיט גע־

עפנט דאָס קאַפּיטל פון דער היינטצייטיקער יידישער געשיכטע — אַ זאַך, וועלכע וואָלט אין אַן אַנדער סיטואַציע געבליבן אַ קנין בלויז פאַר סאָציאָלאָגן.

די גרעסטע דערגרייכונגען האָט די היינטצייטיקע יידישע היסטאָריאָגראַפיע (נישט פון דער חורבן־תקופה) צו פאַרצייכענען אויפן געביט פון אַלטערטום, פון אַנטיקן ארץ ישראל.

אַנערקענענדיק אַ ריי דערגרייכונגען אין די שפּעטערדיקע היסטאָרישע פּע־ריאָדן, דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז עס זיינען נאָך אַלץ געבליבן נישט אויסגע־פאָרשט, עס זיינען נאָך אַלץ געבליבן ווייסע פלעקן צווישן אַנדערע די פאָלגנ־דיקע תקופות און פּראָבלעמען.

1. די געשיכטע פון די יידן אין די לענדער פון איסלאַם.

2. די געשיכטע פון די יידן אין די לענדער פון ביזאַנץ (הגם עס איז פאַראַן אַ נייע באַאַרבעטונג פון ישראלדיקן היסטאָריקער אבי־יונה, אָבער דאָס איז אַן אָנהייב).

3. די געשיכטע פון די יידן אין ארץ ישראל פון די צייטן נאָך בר־כוכבאס אויפשטאַנד ביז דער אינוואַזיע פון די אַראַבער.

4. די סיטואַציע און ראָל פון די יידן אין דער תקופה פון דער אינוואַזיע פון די באַרבאַרישע שבטים און פון רוימס פאַלן.

5. דער אָנהייב פון די יידן אין פּוילן.

6. די געשיכטע פון די יידן אין שפּאַניע (יאָ! וואָרעם ביז איצט איז אונדז באַקאַנט בלויז די געשיכטע פון זייערע ליידן און פון זייער גייסטיקער שאַפונג, אָקעגן־זשע זייער אינערלעכע געשיכטע און די געשיכטע פון זייער זעלבסטשוץ איז ערשט אַצינד געוואָרן אָנגעהויבן דורך פּראָפ׳ בער).

7. די קאָמפּליצירטע יידישע פּראָבלעמאַטיק פון 19טן י״ה אין אייראָפּע.

איך האָב בלויז אַרויסגעכאַפּט עטלעכע פּראָבלעמען און תקופות פון „צווישן אַנדערע". אָבער איטלעכער פון זיי איז אַ גאַנצע וועלט צו פאָרשן. און זיינען דען שוין פאַראַן גענוגנדיק גרונטיקע אויספאָרשונגען פון די קרייץ־צוגן, גזירות ת״ח ות״ט, דעם מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזם? און פון געוויסע גייסטיקע דער־שיינונגען? למשל, וואָס ווייסן מיר וועגן אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי חיוי הבלכי? און — לאָמיר געבן אַ ווייטן שפּרונג — וועגן דעם פאָלקלאָר אויף לאַדינאָ און בכלל וועגן דער לאַדינאָ־קולטור? הונדערטער פּראָבלעמען, נישט־געלייזטע אָדער לחלוטין נישט אָנגערירטע, קאָן מען אויסרעכענען ווי פּאָסטולאַטן צו נייע פאָרשונגען אויפן ריזיקן שטח פון אונדזער פיל טויזנטיאָריקער געשיכטע.

עס וואָלט געווען נאַאיוו צו שטעלן בנוסח פאָדערונג צו אונדזער היינטצייטיקער היסטאָריאָגראַפיע, זי זאָל לייזן אַלע אויבן־אָנגעצייכנטע פּראָבלעמען, זי זאָל אויס־פילן אַלע בלויזן. אָבער דאָס איז אַ סך אָפּהענגיק פון דער איינשטעלונג פון די יידישע הויכשולן און אינסטיטוטן, פון די יידישע פּראָפעסאָרן און זייערע סע־מינאַרן, צו סטימולירן ביי דעם יונגן דור פאָרשער די ריכטונג, די טעמע. אמת, אין אַ ריי געביטן איז דער יידישער פאָרשער הילפלאָז, ווייל, למשל, די אַרכיוון אין די אַראַבישע לענדער זיינען פאַר אים פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער, די וואַ־טיקאַן־אַרכיוון זיינען אויך נישט צוטריטלעך, פאַראַן אויך אַרכיוון פון געוויסע

וועלטלעכע מלוכות, צו וועלכע דער יידישער פאָרשער האָט נישט קיין צוטריט. אָבער אָט די שטערונגען זיינען דאָך נישט אומעטומיקע. דאַרף מען זיך אַקטיווירן אין די פעלדער, וואו מען קען שניידן.

אפשר האָב איך אַ טעות, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אין דער היינטיקער צייט און ביי די ריזיקע בלויז, וואָס זיינען פאַראַן, דאַרף דער יידישער היסטאָריקער מער ווידמען זיין ענערגיע דער פאָרשונג פון נישט באַרירטע געביטן, איידער אַוועקגעבן זיין צייט און זיינע מעגלעכקייטן דער עיקר דעם נייעם סינטעז. לאָמיר דאָס לאָזן לעת עתה פאַר לערן־ביכער. לאָמיר מער טאָן אויפן געביט פון באַזייטיקן די ווייסע פלעקן אויף דעם יידישן געשיכטע־אַטלאָס. לאָמיר זיך אַלץ מער גראָבן אין די אַרכיוון און כתב־ידן, פונקט ווי די אַרכעאָלאָגן גראָבן זיך אונטער דער ערד. לאָמיר דערווייל אָפּלאָזן די קאָמענטאַרן און די קאָמענטאַרן פון די קאָמענטאַרן און זוכן דאָס נייע, פרישע פאַקטן, וועלכע זיינען פאַרן היסטאָריקער, ווי פאַר איטלעכן וויסנשאַפטלער, ווי לופט צו אָטעמען פאַרן בעל־חי.

דערביי איז אויך נויטיק אַ געוויסע קאָאָרדינירונג פון די אַלע באַזונדערע יידישע היסטאָריאָגראַפיעס אין זייער געאָגראַפישער צעשפּרייטקייט. קאָאָרדינירונג איז היינט דער לאָזונג אין אַלע נאַציאָנאַלע היסטאָריאָגראַפיעס, און ווער איז נאָך מער פאַראינטערעסירט אין אַ קאָאָרדינירונג ווי די יידישע, טאָקע מחמת איר פילצענטערדיקייט און צעשפּרייטקייט!

אָבער וואָס זעען מיר? אַנשטאָט קאָאָרדינירונג — אַן אָפּגעריסנקייט און אָפּפרעמדעניש, אַנשטאָט קעגנזייטיקער דערגענטערונג, אינפאָרמאַציע־אויסטויש און איינאַנדערנדיקע דערוואַרעמעניש — אַ גלייכגילטיקע באַציאונג, פאַרשווייגונג און אפילו שטילער באַיקאָט אַזש ביז אומפאַרשטענדלעכער שנאה. דער לאָקאַלער שאָוויניזם און דער איבערגעטריבענער אייגן־יחוס־געפיל פאַרמאַכט טיר און טויער פאַר קאָאָרדינירונג און צוזאַמענאַרבעטן, צום גרויסן שאָדן פון דער געמיינזאַמער יידישער געשיכטע־פאָרשונג.

נישטאָ עד־היום קיין יידיש־היסטאָריאָגראַפישער אינפאָרמאַציע־צענטער. דער ירושלימדיקער „קרית ספר" גייט אַרויס זעלטן, אָבער אַזוי צי אַזוי איז ער בלויז פאַר ענגע ספּעציאַליסטן. אין אונטערשייד צו אַלע היסטאָריאָגראַפישע צענטערס אין דער וועלט, וואָס אין זייערע צייטשריפטן איז אַ גרויסער טייל געווידמעט דער רעצענזיע און דער ביבליאָגראַפיע, איז די דאָזיקע עיקר־זאַך אין אַזעלכע ערנסטע אָרגאַנען ווי „ציון" בכלל נישט בנמצא, און אין דעם „דזשוּאיש סאָשעל סטאַדיס" איז דער דאָזיקער סעקטאָר איינזייטיק און טענדענציעז. אין די „ייוואָ"־אויסגאַבן איז נאָכן טויט פון דעם זייער ענערגישן אויף דעם אָפּשניט ד"ר שאַצקי דער דאָזיקער סעקטאָר אויך פאַראָרעמט געוואָרן.

איז עס מעגלעך „ביי די גוים", עס זאָלן פאַרשוויגן ווערן אַזעלכע פּיאָנערישע ווערק, ווי פון שאָפּעס, לעווין און בלומענקראַנץ? ווי די אויסגאַבעס פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט? ווי קאָן זיך נאָרמאַל אַנטוויקלען אַ יידישע היסטאָריאָגראַפיע אָן אַ כסדרדיקער עפנטלעכער אינפאָרמאַציע בכל תפוצות ישראל וועגן אַלע וויכטיקע פּובליקאַציעס?

די יידישע פּרעסע בדרך כלל יאָגט זיך נאָך סענסאַציעס. אַמאָליקע צייטן

פלעגן אין די יידישע צייטונגען אין פוילן דערשיינען אָפּהאַנדלונגען וועגן איט־לעכן היסטאָרישן בוך פון אַ געוויסער ווערט. היינט איז דער מנהג פאַרשוואונדן.

די גרעסטע שולד טראָגן די יידישע היסטאָריקער אַליין. זיי ווילן נישט שרייבן קיין אָפּהאַנדלונגען און רעצענזיעס וועגן ווערק פון קאָלעגן. זיי ווילן אפילו נישט פּאָלעמיזירן. אַוועק די צייט פון פּרינציפּיעלע פּאָלעמיקעס. באַקוועמער איז שווייגן אָדער טויט־שווייגן.

און עס קאָן דאָך זיין אַנדערש. ווי עס איז שוין געוואָרן אָנגעוויזן, באַוועגט זיך די יידישע היסטאָריאָגראַפיע פאָרויס. עס האָבן זיך געשאַפן נייע צענטערס. אָבער די צענטערסליידן אויף איבערגעטריבענעם לאָקאַלן פּאַטריאָטיזם און אויף אַ ביטול־באַציאונג צו אַנדערע. די צענטערס ווילן לעבן אָפּגעשלאָסן, פאַר זיך אַליין. זיי פאַרגעסן, אַז די יידישע היסטאָריאָגראַפיע מוז זיך אַנטוויקלען אומעטום, וואו דאָס יידישע פאָלק לעבט און שאַפט.

די וועלט־קאָנגרעסן פון די יידישע וויסנשאַפטן, וואָס זיינען שוין דריי מאָל אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ירושלים, וואָלטן געקאָנט אין הינזיכט פון אונדזערע פּאָסטולאַטן שפּילן אַ גרויסע פּאָזיטיווע ראָל, ווען זיי וואָלטן זיך נישט פאַרהאַלטן אויפן שטאַפּל פון דורכשמועסן זיך און פון מאַניפעסטאַציע, נאָר וואָלטן דורך זייער עקזעקוטיוו געוועזן טעטיק אין משך פון די עטלעכע־יאָריקע הפסקות צווישן איין קאָנגרעס און צווייטן. אינגאַנצן אַנדערש וואָלט אויסגעזען די לאַגע, ווען די דורך זיי אויסגעווײלטע ראַטן און אויספיר־קאָמיטעטן וואָלטן ממשותדיק רעאַ־ליזירט די קאָאָרדיניר־אַרבעט: דורך סעמינאַרן און קאָלאָקוויאומס, רעגיאָנעלע טרעפונגען און אַרויסגעבן אַ קאָאָרדיניר־ און אינפאָרמיר־צייטשריפט, דורך שאַפן נייע היסטאָרישע צענטערס, אינפאָרמירן וועגן אַרכיוון און פּובליצירן אין דער פּרעסע און ראַדיאָ ידיעות. ליידער, איז דאָס אַלץ נישט געשען. און אַ גרויסער טייל פון די יידישע היסטאָריקער פילט זיך עלנט, איזאָלירט, אָן אַ סביבה.

און עס זיינען דאָך פאַראַן אַזוי פיל מעגלעכקייטן. דאָס האָב איך זיך איבער־צייגט, למשל, בעת מיין לעצטן באַזוך אין בעלגיע. פאַראַן אַ דאָקומענטן־באַזע, פאַראַן קוואַליפיצירטע מענטשן מיטן בעסטן ווילן, פאַראַן פאַרשטייעניש — עס פעלט בלויז איניציאַטיוו, ענערגיע און קאָאָרדינאַציע. אָבער אין אַזאַ בעלגיע קומט מען בלויז נעמען — נעמען געלט, נעמען דאָקומענטן, נעמען און נישט געבן. וואָרעם דאָס שאַפן אויפן אָרט אַ זאַמל־ און פאָרש־צענטער איז וויכטיק נישט בלויז פאַר דער היסטאָריאָגראַפיע, נאָר פאַרן הייבן דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און דעם זעלבסטווערט פון דעם יידישן ישוב אויפן אָרט. פאַרקערט, אַדאַנק דעם שאַפן אַ לאָקאַלן צענטער פאַרגרעסערט מען די מעגלעכקייט פון דאָקומענטן־אויסטויש, פון באַרייכערן דורך דעם אַ גרעסערן צענטער.

די היינטצייטיקע יידישע היסטאָריאָגראַפיע איז — טראָץ דעם אויפקום פון גרויסע כוללדיקע צענטערס, און בפרט אין מדינת ישראל — נאָך אַלץ אַ פיל־גרייכנדיקע ספּעציאַליזאַציע, אַזוי איז אויך לעבנס־וויכטיק אַ קאָאָרדינאַציע און גרייכנדיקע ספּעקולאַציע, אַזוי איז אויך לעבנס־וויכטיק אַ קאָאָרדינאַציע און אַ קעגנזייטיקער דרך ארץ.

אין אונדזער אַרומיקער צייט איז יידישע היסטאָריאָגראַפיע מער ווי תמיד

אַ פאַקטאָר פון פלעגן דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פון דעם יידישן פאָלק. זי קאָן און דאַרף זיין אַן אידעאָלאָגיש געווער קעגן אַסימילאַציע פון איין זייט און נעאָ־טעאָלאָגיזם פון דער צווייטער. כדי אויסצופירן איר היסטאָרישע ראָל מוז די היסטאָריאָגראַפיע קודם־כל דערגרונטעוועז זיך צו די קוואַלן פון געשיכטלעכן אמת און באַזירן אויף פילזייטיקע קוואַלן פון דער ערשטער האַנט. ווי אַ היסטאָריאָגראַפיע פון אַ פאָלק אַ צעשפּרייטן איבער דער וועלט און אַ צעגלידערטן אין באַזונדערע, אָפּט קעגנערישע אידעאָלאָגישע סעקטאָרן, זיינען אומבאַדינגט נייטיק געמיינזאַמע צוזאַמענטרעפן, קעגנזייטיקע דערקענונג און מיינונגס־אויסטויש, וואָס זאָל איר פאַרטרעטן דאָס, וואָס עס פאַרמאָגן די געשיכטלער פון אַנדערע פעלקער: איין מלוכה מיט איין קאָנצענטרירטן פאָלק און אַ בשותפותדיקע אַרכיוואַלע באַזע.

יולי 1962.

הערות

(1) William L. Shirer: The Rise and Fall of the Third Reich, A History of Nazi Germany, New York 1960.

(2) Samuel Noah Kramer: From the tablets of Sumer, Colorado 1956.

(2a) Sabatino Moscati: Le antiche civita semitiche. Bari 1958.

(3) A. B. Ranowitsch: Ellinizm i jewo istoritscheskaja rol, Moskwa-Leningrad 1950.

(4) A. Tiumieniew: Jewrei w drewnosti i w srednije wieka, Petierburg 1922.

(5) א. מארגוליס: יידישע פאָלקסמאַסן אין קאַמף קעגן זייערע אונטערדריקער (עטיודן), מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע 1940.

(6) I. D. Sosis: Otscherki istoriji jewrejskowo naroda w Rossyji (rukopis).

(7) Dr. Josef Meisl: Geschichte der Juden in Polen und Russland, Berlin 1921.

(8) Zydzi w Polsce odrodzonej, 3 tomy, redakcja: Dr. I. Schiper, Dr. A. Tartakower, A. Haftka, Warszawa 1930.

(9) Dr. Majer Bałaban: Historja i literatura żydowska, T. III, Historja Żydów w Polsce, Lwów-Warszawa-Krakków 1925.

(10) א. צ'ריקבור: היהודים והיונים בתקופה ההלניסטית (תל־אביב). (ער איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק).

(11) פרופ' ד"ר יוסף קלוזנר: היסטוריה של הבית השני, 5 כרכים, ירושלים 1952.

(12) יוסף בן מתתיהו (יוסיפוס פלויוס): תולדות מלחמת היהודים עם הרומאים, מתורגם מן המקור היוני על ידי ד"ר י. נ. שמחוני עם מבואות, הערות ומפתחות, תל אביב תשט"ו.

(13) שמואל ייבין: מלחמת בר־כוכבא, ירושלים 1952. ש. אַברמסקי: בר־כוכבא נשיא ישראל, תל־אביב 1961.

(14) יגאל ידין: מגילת מלחמת בני אור בבני חושך, ירושלים 1955. פונעם זעלביקן מחבר: המגילות הגנוזות במדבר יהודה, תל אביב 1957.

(14א) ג. אלון: תולדות היהודים בארץ ישראל בתקופת חמשנה והתלמוד תל אביב 1954.

(15) Zvi Ankori: The Correspondence of Tabias ben Moser the Karaite of Constantinople, New York 1959.

און זיין ברייט אומפאַסנדיק ווערק וועגן די קאַראַאימער אין מיטלאַלטער.

(16) יצחק בער: תולדות היהודים בספרד הנוצרית, תל אביב 1959.

(17) B. Netanyahu: Don Isaac Abravanel, Statesman and Philosopher, Philadelphia 1953.

(18) אפרים א. אורבך: בעלי התוספות, תולדותיהם, חיבוריהם ושיכתם, ירושלים 1955; פונעם זעלביקן מחבר: ספר ערוגת הבשם, ירושלים, „מקיצי נרדמים", תש"ז.

(19) ח. ה. בן־ששון: פרקים בתולדות היהודים בימי הבינים, תל אביב 1958.

(20) יעקב כ"ץ: מסורת ומשבר, החברה היהודית בימי הבינים, ירושלים 1958.

(21) גרשם שלום: שבתי צבי והתנועה השבתאית בימי חייו, תל אביב תשי"ז. פון זעלביקן מחבר: ראשית הקבלה, ירושלים 1948.

(22) רפאל מאהלער: דברי ימי ישראל, דורות אחרונים, פיר בענדער, מרחביה, 1952, 1954, 1958. אין פאַרלאַג פונעם „איקוף", ניו־יאָרק, זיינען די ערשטע צוויי בענדער אַרויס אין יידיש.

(23) ב. דינבורג: תולדות ישראל. ישראל בגולה 1. תל־אביב, 1926 און ווייטערדיקע.

(24) ישראל היילפּערין: פנקס מדינת פולין און תקנות מדינת מעהרין, „מקיצי נרדמים" ירושלים תשי"ב, און אויך זיינע צאָלרייכע אַרטיקלען אין „ציון".

(25) ש. אטינגר: חלקם של היהודים בקולוניזציה של אוקראינה („ציון", שנה כ"א, ספרים ג־ד, 1956).

(26) זע דעם רעפעראַט פון ד"ר רות קעסטענבערג אויפן צווייטן קאָנגרעס למדעי היהדות אין ירושלים, יולי־אויגוסט 1957.

(27) שמואל איזנשטדט: פרקים כתולדות תנועת הפועלים היהודית (2 בענדער), „ספרית פועלים" מרחביה.

(28) אדמונד זילברנר: הסוציאליזם המערבי ושאלת היהודים, מחקר בתולדות המחשבה הסוציאליסטית במאה התשע־עשרה, ירושלים 1955.

(29) פרץ מרחב: תולדות תנועת הפועלים הבינלאומית מאביב־העמים עד טבח־העמים, מרחביה 1954.

(30) מרד גיטו וארשה בעיני האויב, הדין־וחשבונות של מפקד גיטו וארשה הגנדל יירגן שטרופ, מבוא והערות מאת יוסף קרמיש, ירושלים 1959.

(31) ספר מלחמות הגיטאות, בין החומות, במחנות, ביערות, עורכים: יצחק צוקרמאן ומ. בסוק, עין חרוד 1954; ספר הפרטיזנים היהודים, מערכת; מ. גפן, ח. גרוסמן, ש. חולבסקי, י. סגל, א. קובנר, ר. קורצאק, מרחביה 1958 (2 בענדער); ישראל גוטמן: אנשים ואפר, ספר אושביץ־בירקנאו, „ספרית פועלים", מרחביה 1957.

(32) Morris U. Schappes: A Documentary History of the Jews in the United States 1654-1875, Preface by Joshua Bloch, New York 1950.

(33) Morris U. Schappes: The Jews in the United States, A Pictorial History, 1654 to Present, New York, 1958.

(34) ד"ר יעקב שאַצקי: געשיכטע פון יידן אין וואַרשע, „ייוואָ", ניו־יאָרק, ב' 1, 1947, ב' 2, 1948, ב' 3, 1949. פונעם זעלביקן מחבר: אין שאָטן פון עבר, בוענאָס־איירעס 1947, און: קולטור־געשיכטע פון דער השכלה אין ליטע, בוענאָס־איירעס 1950.

(35) די געשיכטע פון בונד, ערשטער באַנד, רעדאַקציע: ג. אַראָנסאָן, ס. דובנאָוו־ערליך, ש. הערץ, ע. נאָוואָגרודסקי, ח. ש. קאַזדאַן, ד"ר ע. שערער, ניו־יאָרק 1960.

(36) Philip Friedman: Martyrs and Fighters, New York 1954; The Jewish Ghettos of the Nazi Era, New York 1954; Their brothers Keepers, New York 1957.

און: דער לובלינער רעזערוואַט און דער מאַדאַגאַסקאַר־פּלאַן, ניו־יאָרק 1953 (סעפּאַראַט־אָפּדרוק פון די „ייוואָ־בלעטער", ב' 37).

(37) Jacob Robinson and Philip Friedman: Guide to Jewish History under Nazi Impact, Jad Washem and Jiwo Institute for Jewish Research, with forewords by professors Benzion Dinur and Salo W. Baron, New York 1960.

(38) דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, געזאַמלט און מיט אַ פאָרוואָרט און באַמערקונגען פון ב. מאַרק, יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט, „יידיש בוך", וואַרשע 1953. די זייטן 293־376 נעמען אַרום דעם פולן ראַפּאָרט פון גענעראַל סטראָאָפּ מיט הערות.

(39) Raul Hilberg: The Destruction of the European Jews, Chicago 1961.

(40) Kniga o russkom jewrejstwie, sbornik statiej, New York 1960.

(41) Salo Wittmayer Baron: The Jewish Community, its History and Structure to the American Revolution, Philadelphia 1948 (3 volumes); A Social and Religious History of the Jews, 1953-1957 (5 volumes).

די ערשטע אויפלאַגע איז געווען אין 1937, די צווייטע — אין 1952.

(42) Bernard D. Weinryb: Origins of Eastern Jewry ("Commentary" vol. 24, 1951).

אויך: תעודות לתולדות היהודים בפולין („חורב" תשט"ח).

(43) אהרן ליבערמאַנס בריוו, מיט אַן אַריינפיר און דערקלערונגען פון קלמן מארמאָר, ייוואָ, ניו־יאָרק 1951.

(44) זע די אַרטיקלען און שטודיעס פון באַלעסלאַוו לעווין אין „דוקא" (בוענאָס־איירעס), נומערן: 13, 14־15 און 16 1952, 18־19, 20, 21 פון 1954, 22־23, 26 פון 1955.

(45) סעסיל ראָט האָט אויסגעברייטערט דעם קרייז פון זיינע פאָראינטערעסירונגען און שרייבט אויך אויף דער טעמע פון די מגילות גנוזות, ער בינדט אויך אָן אין דער יידישער געשיכטע אין פוילן וכדומה.

(46) Gli Ebrei durante il fascismo, Quaderni dei Centro di Documentatione Ebraica Contemporana, Torino, 1962.

(47) Dr. Aszer Chananel, Eli Eszkenazy: Ewrejski Izbrori za obszczestweno-ikonomiszeskoto razwitie na balkanskite zemi prez XVI wek, Blgarska Akademia na Naukite, Sofia 1958.

(48) Ewrei zaginali w antifaszystkata borba, Sofia 1958.

(49) Fülop Grünwald, Sandor Scheiber: Magyar-Zsido Okleveltar. Budapest, 1959.

(50) Otto Muneles, Milada Vilimkowa: Stary żidowsky hrbitow w Praze, Praha 1955.

(51) Jevrejski Almanach, Savez Jewrejskih Opstina Jugoslavije, Belgrad 1954, 1955-1956, 1957-1958, 1959-1960; The Crimes of the Fascist Occupants and their Collaborators against Jews in Jugoslavia, Belgrade 1957.

(52) Selma Stern: Josel von Rosheim, Leo Baeck-Institut, Stuttgart 1959;

(52a) S. Adler-Rudel: Ostjuden in Deutschland 1880-1940, Leo Baeck-Institut, Tübingen 1959; H. G. Adler: Die Juden in Deutschland, von der Aufklärung bis zum Nationalsozialismus, München 1960.

(53) Bernhard Brilling: Geschichte der Juden in Breslau von 1454 bis 1702, Stuttgart 1960; Urkundliche Nachweise über die ersten Ausiedlungen der Juden in den Westfälischen Städten des Mittelalters bis 1350, Köln 1959 (Sonderdruck); Zur Geschichte der Juden in Dortmund und der Grafschaft im Mittelalter, Dortmund.

(54) אַרויס אין יאָר 1959, ערליכס בוך איז אַרויס אין 1958.

ד. ב. בריללינג: ראשית התישבותם של היהודים בברסלא (תדפיס מתוך „ציון").

(55) Leon Poliakow, Josef Wulf: Das Dritte Reich und die Juden, Dokumente und Aufsätze, Berlin 1955; Das Drite Reich und seine Diener, Dokumente, Berlin 1956; Das Dritte Reich und seine Denker, Dokumente, Berlin 1959.

(56) H. G. Adler: Theresienstadt 1941-1945, Tübingen 1960 (2 Auflage).

(57) T. Berenstein, A. Eisenbach, A. Rutkowski, B. Mark. Faschismus-Getto-

Massenmord, Dokumentation über Ausrottung und Widerstand der Juden in Polen während des zweiten Weltkrieges, "Rütten und Loening", Berlin 1960.

(58) B. Mark: Der Aufstand im Warschauer Getto, "Dietz Verlag" Berlin 1959.

צווייטע אויפלאַגע, די ערשטע איז אַרויס אין 1957. דאָס בוך איז אַרויס אויך אין: יידיש, פויליש, טשעכיש, פראַנצויזיש, שפּאַניש (אַרגענטינע), פּאָרטוגעזיש ((בראַזיל) און דאַרף אינגיכן דערשיינען אין האָלענדיש.

(59) Josif Davidovitsch Amusin: Rukopisi miortwowo moria, Moskwa 1959.

Giler (Gilel?) Markowitsch Liwschic: Kumranskija rukopisi i ich istoritscheskoje znatschenije, Minsk 1959.

Anatolij Warschawski: Rukopisi miortwowo moria, Moskwa 1960.

(60) I. N. Winnikow: Opyt slowaria i konkordancja palestinskoj tradicionnoj litieratury ("Palestinskij Sbornik" Nr. 5, 1960).

(61) Robert Anchel: Les Juifs de France, Paris 1946.

(62) Bernhard Blumenkranz: Juifs et Chretiens dans le Monde Occidental (430-1096), Paris 1960.

(63) Josephe Billig: Le Commussariat General au questions juives, Paris 1955. Michel Mazor: La Cité engloutie, Paris 1955.

L. Poliakow: La condition des Juifs en France sous l'occupation italienne, Paris 1946.

(64) Le Monde Juif, Revue du Centre de Documentation Juive Contemporaine, Paris.

(65) David Diamant: Heros jiufs de la Résistance française, Paris 1962.

(66) Wiener Library Bulletin, London.

(67) Persecution and Resistance under the Nazis, London 1960.

(68) „בלעטער" פאַר געשיכטע" און Biuletyn Zydowskiego Instytutu Historycznego.

(69) ב. נאַדעל: יידן אין מזרח־אייראָפּע פון די עלטסטע צייטן ביז דער מאָנגאָלישער אינוואַזיע, וואַרשע „יידיש בוך" 1960.

פון זעלביקן מחבר: די עלטסטע יידישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע, וואַרשע „יידיש בוך" 1961.

(70) B. Mark, F. Kupfer: Odrodzenie a Zydzi we Wloszech, Warszawa 1953 (odbitka).

פאַרגלייך אויך די אַרבעט פונעם ישראלדיקן היסטאָריקער — נחמן דרוזדוב: די יידן אין איטאַליע אין דער גאָלדענער תקופה, „י. ל. פּרץ־פאַרלאַג", תל־אביב 1961 (איבערזעצט פון עברית).

(71) ב. מאַרק: די בוים־גרופּע, אַ יידישע אַנטי־פאַשיסטישע יוגנט־גרופּע אין דייטשלאַנד (1937־1942) אין די „בלעטער פאַר געשיכטע", וואַרשע 1961).

(72) Ruch oporu Żydów we Francji ("Biuletyn Zydowskiego Institutu Historycznego" Nr 33, 1960).

(73) אין פאַרלאַג פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט איז אַרויס דאָס ווערק פון ד"ר ר. מאהלער: יידן אין אַמאָליקן פּוילן אין ליכט פון ציפערן (1958).

(74) F. Kupfer, T. Lewicki: Zródla hebrajskie do dziejów slowian i niektórych innych ludów środkowej i wschodniej Europy, Wrocław-Warszawa 1956.

(75) B. Mark: Walka i zagłada warszawskiego getta, Warszawa 1959.

צווייטע אויפלאַגע.

(76) ב. מאַרק: דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ, וואַרשע 1950. פאַראַן אויך אַ צווייטע, אַרגענטינער אויפלאַגע.

(77) ב. מאַרק: אומגעקומענע שרייבער פון די געטאָס און לאַגערן, „יידיש בוך", וואַרשע 1954.

רות פּופּס: לידער פון געטאָ (זאַמלונג), „יידיש בוך", וואַרשע 1962.

(78) A. Eisenbach: Hitlerowska polityka zakłady Zydów, Warszawa 1961.

צווייטע אויפלאַגע. פאַראַן אויך אַ יידישע איבערזעצונג פון דער ערשטער אויפלאַגע.

(79) M. Gumowski: Monety hebrajskie za Piastów ("Biuletyn Zydowskiego Instytutu Historycznego" Nr 41, 1962).

נחמן מייזיל

מאָריס ראָזענפעלד אין ליכט פון דער יידישער קריטיק
(צו זיין 100סטן געבוירנטאָג)

.1

מאָריס ראָזענפעלד איז געבוירן געוואָרן דעם 28טן דעצעמבער 1862 און איז געשטאָרבן דעם 22טן יוני 1923, באַלד נאָך דעם ווי מ׳האָט געפייערט זיין 60טן געבוירנטאָג. זיין שאַפונגס־וועג האָט זיך געצויגן אַ 35 יאָר, פון סוף 1886 ביז מיטן 1923. עס איז געווען אַ וועג פון זיגזאַגן, פון באַרג אַרויפן און באַרג אַראָפּן. אַט איז ער געווען באַקאַנט, באַוואוסט, באַרימט און געטראָגן געוואָרן אויף די הענט, און אַט איז ער געווען עלנט, פאַרלאָזן און פאַרגעסן פון פריינט און נאָענטע. אַט איז ער געקרוינט געוואָרן פאַרן באַליבטסטן און אָנגעזעענסטן יידישן דיכטער און אַט האָט מען זיך פון אים אָפּגעטרייסלט און אפילו זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן זיינע שאַפונגען. פון די העכסטע הויכן איז ער אַראָפּגעפאַלן אין די ניי־דעריקסטע אָפּגרונטן. די אָפּרופן וועגן אים גופא און וועגן זיינע לידער זיינען געווען פאַרשיידן, — אַט פול מיט לויב־געזאַנגען און אַט — שאַרף־קריטישע, נעגאַטיווע, אַראָפּרייסנדיקע. ער האָט אַדורכגעמאַכט פיל איבערוואַנדלונגען, געליטן שאַרפע נויט, פריער — ווי אַ שאַפּ־אַרבעטער און דערנאָך — אויך ווי אַ שרייבער, אַ דיכטער, אַ מיטאַרבעטער פון פאַרשידענע צייטונגען און צייטשריפטן.

אַוודאי וואָלט מען באַדאַרפט, לכל הפחות צו זיין 100טן געבוירנטאָג, אַרויס־געבן אַ פולע, פולשטענדיקע מאָנאָגראַפיע פון זיין לעבן און שאַפן. אָבער אַט איז געוואָרן 40 יאָר ווי ער איז געשטאָרבן, און ביז איצט האָט ער און מיר נישט זוכה געווען צו אַן ערנסט און וואָגיק ווערק וועגן איינעם פון די וויכטיקסטע און טאַלאַנטפולסטע יידישע דיכטער.

אין אונדזער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג ווילן מיר ווייזן, ווי מען האָט אין דער יידישער קריטיק אויפגענומען און אויפגעפאַסט מאָריס ראָזענפעלד. פאַרשטייט זיך, אַז מיר פרעטענדירן כלל נישט אויסצושעפּן אַלדאָס וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן אים.

קודם־כל אייניקע פּרטים צו זיין לעבנס־געשיכטע.

זלמן רייזען אין „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָ־לאָגיע" (ווילנע, ב. 4, ז״ז 141־164) ברענגט אויסצוגן פון פיליפּ קראַנצס ביאָ־גראַפיע וועגן מ. ראָזענפעלדן אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן: „געפלאָגט זיך אין די שוויצשעפּער האָט אַ שניידער מאָריס ר. אַ יאָר פּופצן. געאַרבעט שווער מיט נאָדל און אייזן פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט און געלעבט אין

אייביקן דחקות, גאַנץ אָפט ממש געהונגערט מיט זיין געזינד אין די אָרעמסטע און ענגסטע דירות פון געטאָ. אָבער די נאַטור האָט אים באַשאַפן אַ דיכטער, און ווען ער האָט נאָר געקאָנט, האָט ער זיך גענומען פאַר דער פעדער און געצאָלט צינז דער מוזע. די בילדער און געשטאַלטן זיינען געווען פונקט אַזוי טרויעריק און פינצטער ווי זיין אַנגעווייטאָגטע נשמה. ער האָט נישט געקאָנט נישט־שאַפן, ער האָט נישט געקאָנט צווינגען זיין מוזע צום אַנטשוויגן ווערן. אָפט געפלייסט זיך גובר צו זיין, כדי איינגאַנצן זיך אָפצוגעבן דער אויסמאַטערנדיקער אַרבעט זיינער, ווי די אַלע שניידער אַרום אים, און פאַרדינען מער אַ ביסל, ער פלעגט נישט אויסהאַלטן די דאָזיקע עינוים, פלעגט זיך בעמען פאַר דער פען און האָט אויסגעגאָסן זיין נשמה אין לידער, וועלכע האָבן געקלונגען אַלץ שטאַרקער און שענער און פונדעסטוועגן נישט געפונען אין ערגעץ קיין אָפּקלאַנג אַחוץ ווי ביי אַזעלכע אומגליקלעכע ווי ער. — מערקווירדיק איז, וואָס ער האָט געשריבן לידער פון דיכטערישע קראַפט און געפיל שוין דאַן, ווען ער האָט נאָך קיין שום אַנונג ניט געהאַט פון דער פערזיפיקאַציע״...

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין 1897 פאַר דעם ענגליש־יידישן ליטעראַטור־היסטאָריקער לעאָ ווינער, דערציילט מאָריס ראָזענפעלד, אַז ער האָט אָנגעהויבן שרייבן געדיכטן אין עלטער פון 14 יאָר (דאָס מיינט אַרום 1875־1876). זיינע ערשטע לידער זיינען געווען נאַציאָנאַלע — „שפעטער, אַריינ־פאַלנדיק אין די סוועטינג־שעפּער פון לאָנדאָן און ניו־יאָרק, האָב איך גענומען זינגען אַרבעטער־לידער, וועלכע זיינען געוואָרן זייער פּאָפּולער״...

וואָס שייך איינפלוסן, — זאָגט מ. ראָזענפעלד, — אַז „דאָס ערשטע ווערק, וואָס האָט אויפגעוועקט אין מיין האַרץ דאָס געפיל צום דיכטן, איז געווען די ביבל. שפעטער האָב איך געלעזן די מאָדערנע העברייאישע ווערק, ווי אדם הכהן לעבנ־זאָנס און (י. ל.) גאָרדאָנס געדיכטן״... ערשט אין עלטער פון 20 יאָר „האָב איך גענומען שטודירן די דייטשע קלאַסיקער, איך האָב כמעט געלעזן אַלע גרויסע דיכטער און שריפטשטעלער דייטשלאַנדס... צו מיין 25טן יאָר האָב איך געלעזן שעקספּיר אין שלעגעלס (דייטשער) איבערזעצונג. און ביז מיין 30טן יאָר האָב איך געלעזן דאַנטע, ווירגיל און האָמער אין דייטשער און ענגלישער איבערזעצונג... („זאַמלביכער״, 1, ניו־יאָרק 1936, איבערגעדרוקט אין „מאָריס ראָזענפעלדס בריוו״, ייוואָ, בוענאָס־איירעס, 1955, ז״ז 26־27).

געבוירן אין אַ דאָרף באָקשאַ, סואוואַלקער געגנט, איז ער אין 1882 אַוועק קיין אַמעריקע, אויפן וועג זיך פאַרהאַלטן עטלעכע חדשים אין אַמסטערדאַם, אָבער שנעל האָט ער אַן אַנטוישטער פאַרלאָזט אַמעריקע און צוריקגעקומען אַהיים. אין 1883 קומט ער קיין לאָנדאָן און נאָך 6 חדשים קערט ער זיך אום צוריק קיין סואוואַלק. און ווידער, שוין מיט דער פרוי און צוויי קינדער, לאָזט ער זיך נאָך אַמאָל קיין לאָנדאָן, וואו ער מאַטערט זיך אָפּ דריטהאַלבן יאָר ביז ענדלעך — סוף זומער 1886 קומט ער צום צווייטן מאָל קיין אַמעריקע, וואו עס הייבט זיך אָן זיין שווער לעבן ווי אַן אַרבעטער און ווי אַ דיכטער.

ערשט דעם 17טן דעצעמבער 1886, אין עלטער פון 24־25 יאָר, ווערט אָפּ־געדרוקט מ. ראָזענפעלדס ערשט ליד „דאָס יאָר 1886״ אין נ׳ 26 פון „דער יידישער

פאָלקסצייטונג" אין ניו־יאָרק. דאָס צווייטע ליד קומט אין נ׳ 28 פונעם 14טן יאַנואַר 1887, און דאָס דריטע — „דאָס וויג־ליד" — אין נ׳ 30. זיין ערשטע לידער־זאַמלונג „דיא גלאָקקע", „פאָלקס־לידער־אונד רעוואָלוציאָנערע געדיכטע", דער־שיינט אין ניו־יאָרק אין 1888, 68 ז"ז, וואָס האָט 28 לידער. זיין צווייט בוך לידער „בלומענבעטטע" גייט אַרויס אין ניו־יאָרק אין 1890.

אַזוי איז מאָריס ראָזענפעלד אַריינגעטראָטן, נאָך פיל פלאָגן און מאַטערנישן, אין דער יידישער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און גענומען זיך באַטייליקן רעגלמעסיק אין דער דעמאָלסטיקער יידישער פרעסע.

זלמן רייזען שרייבט: „מיט דער דערשיינונג פון דער „אַרבייטער צייטונג", איז מ. ראָזענפעלד געוואָרן איר אָפיציעלער דיכטער. כמעט אין יעדן נומער פאַרעפנטלעכט ער אַ געדיכט, דאָרט האָט ער אָפּגעדרוקט זיינע בעסטע אַרבעטער־לידער. זיינע לידער פלעגן געזונגען ווערן אין די שעפּער, אין די טענעמענט־הייזער, אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און אַרבעטער־קאָנצערטן. אַליין אַן אויס־געצייכנטער דעקלאַמאַטאָר, פלעגט ער אויך אויפטרעטן אויף די פאַרשיידענע אונ־טערנעמונגען פון די סאָציאַליסטן און יוניאָנס, ביז ער האָט פאַרלאָזט דעם שאָפּ און זיך געפּרואווט דורכשלאָגן אַלס דעקלאַמאַטאָר אויף די אונטערנעמונגען, וואָס אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן פאַר אים אַראַנזשירט, ניט נאָר אין ניו־יאָרק"...

אַזוי ווי פון די אַלע אויפטריטן האָט ער קיין לעבן נישט געמאַכט, האָט ער זיך געמוזט צוריק אומקערן אין שאָפּ, הגם ער איז נישט געווען צוליב זיין שוואַכן געזונטצושטאַנד, פעאיק צו פיזישער אַרבעט. די אַרבעט אין שאָפּ איז געווען ממש איבער זיינע כוחות. פינף אַזייגער באַגינען פלעגט ער אַוועק אין שאָפּ, וואוהין זיין טעכטערל פלעגט אים ברענגען פרישטיק, און ער פלעגט צוריקקומען ערשט אין אָוונט. דער אויסגעמאַטערטער פרעסער־דיכטער איז קראַנק געוואָרן, אויפ־געהערט צו אַרבעטן און דאַן, באין ברירה, גענומען „פעדלען" מיט זיינע לידער־ביכלעך, זינגען זיינע לידער און דערביי פאַרקויפן אַ ביכל. ער איז אין צייט געווען אָנגעשטעלט דורך דער שניידער־יוניאָן, אַרומצוגיין איבער די שניידער־שעפּער, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע. פאַרביטערט און דער־צאָרנט פון זיין לאַגע, גיט ער אַרויס אין 1894 אַ סאַטיריש וואָכנבלעטל „דער אַשמדאַי", צוזאַמען מיט א. מ. שאַרקאַנסקי, מיט אַ מאָטאָ „הך הכפתור וירעשו הספים" (האַק אין מאָרדע, אַז די ציין זאָלן טרעשטשען!") וואו ער גריפט אָן די שרייבער און אַרויסגעבער... אָט אַזוי ציט זיך דאָס לעבן ביים דיכטער אין די יאָרן, ווען ער פאַרעפנטלעכט לידער, סאַטירעס, פעליעטאָנען פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער און ווערט. אָפטמאָל גייט אַריבער זיין פאַרביטערונג אַלע גרענעצן, און ער איז נישט איבערקלייבעריש אין זיינע מינדלעכע און שריפטלעכע אַרויסטריטן.

.2

זלמן רייזען ברענגט אָן אויסצוג פון מ. ראָזענפעלדס ביאָגראַף פּיליפּ קראַנץ, (י. ראָמבראָ, 1858־1922): „איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו לייענען און דרוקן די ערשטע לידער זיינע, ווען איך האָב געלעבט אין לאָנדאָן, און שטענדיק פלעג

איך נשתומם ווערן פון זייער וואונדערלעכער קראַפט, טראָץ דעם פעלן פון די פעסטגעשטעלטע פאָרמען... זיינע לידער האָבן אַזוי שטאַרק און בולט אָפּ־געשפּיגלט דאָס לעבן, בפרט פון די שניידער, אין געטאָ, זיי זיינען געווען אַדורכ־געדרונגען מיט אַזאַ שטאַרקן געפיל פון ליבע און ברידערלעכקייט, אַז ביסלעכווייז האָבן זיי געלאָזט שפּורן אין געטאָ. ער פלעגט זיי אַליין דעקלאַמירן אויף פאַר־זאַמלונגען און פאַרוויילונגס־אָוונטן, און אייניקע פון זיי האָט מען אָנגעהויבן צו זינגען אין די שעפּער און (אין) הייזער פון יידישן קוואַרטאַל״... (דאָרט ז׳ 150).

ראובן בריינין, דער העברייאישער קריטיקער, וועלכער האָט סוף 19טן יאָרהונדערט געלעבט אין אויסלאַנד און בכלל וויניק באַקאַנט געווען מיט דער יידישער ליטעראַטור און אירע שרייבער און וועלכער האָט דערצו אין יענע יאָרן געקוקט מיט ביטול אויף די יידישע דיכטער, דערציילט אין אַן אַרטיקל, געשריבן אין 1902, אַז „ישראל זאַנגוויל, דער באַוואוסטער יידיש־ענגלישער דערציילער האָט מיך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף מאָריס ראָזענפעלדן און איך האָב ניט געוואוסט ווער ער איז. אין אַ קורצער צייט נאָך דעם געשפּרעך מיט זאַנגווילן איז דער־שינען אַן ענגלישע איבערזעצונג פון ראָזענפעלדס לידער. די ענגלישע צייטונגען האָבן פיל אַרטיקלען וועגן זיי געשריבן און זיי זייער שטאַרק געלויבט. די אַמע־ריקאַנישע צייטונגען האָבן ראָזענפעלדס נאָמען געהויבן ביז אין הימל. איך האָב אויך זיך דערוואוסט, אַז בערטהאָלד פייוועל, דער רעדאַקטאָר פון דער „וועלט״, גרייט־צו אַ דייטשע איבערזעצונג פון ראָזענפעלדס לידער, דאַן האָב איך מיר איינ־געשאַפט ראָזענפעלדס שירים אין אָריגינאַל, אין זשאַרגאָן, איך זאָל קאָנען אַליין באַאורטיילן זייער ווערט, און ניט גלויבן וואָס אַנדערע זאָגן מיר; איך זאָל הערן דעם דיכטער אין זיין שפּראַך, און ניט ווי זיינע איבערזעצער ריכטן אים צו.

„איך האָב דורכגעלעזן ראָזענפעלדס זשאַרגאָן־לידער און בין געווען אַנט־ציקט. איך האָב געפונען אין זיי הייסע געפילן, אַ יידישע, טיף־פּאָעטישע נשמה, געזונטע געדאַנקען, אַ רייכע שפּראַך, גלענצנדע בילדער, און אַ ברידערלעכע ריינע ליבע צו אַלע אָרעמע און אומגליקלעכע, צו אַלע דערנידעריקטע און פאַר־פאָלגטע. וויפל פאַרשטענדעניש האָט אונדזער פּאָעט פאַר אַלע ביטערקייטן פון גלות. ער באַקלאָגט די גערעכטיקייט, וואָס ווערט צעטראָטן אונטער די פיס. ער באַקלאָגט די שיינקייט, וואָס ווערט דערשטיקט, די יוגנט, וועלכע ווערט פאַר־וועלקט. אָך, ווי ער האָט ליב די פרייהייט, מענטשן־ערע, דעם בלויען הימל, די שיינע בלומען, דעם שטרייט פאַר דעם אמת! אָך, ווי ער האַסט די מאַשין אין אַמעריקע, וועלכע האָט געמאַכט זיינע אָרעמע ברידער פון רוסלאַנד פאַר קנעכט; די מאַשין, וועלכע זויגט אונדזער בלוט, אונדזער מאַרך און וועלכע מאַכט מענטשן פאַר סקעלעטן, פאַר ציפער, פאַר אירע דינער, און פאַר מאַשינען.

„וואָס מער איך האָב געלעזן זיינע לידער, האָב איך מער באַוואונדערט זיין קונסט. אַלץ קלינגט און זינגט; עס גייט טיף אין האַרצן. יעדעס ליד ציט, צופּט און רייסט־אויף אונדזערע אַלטע וואונדן, אָדער אויך די נייע פריש־געבאַקענע וואונדן אין האַרצן. אָבער גלייך מיט די שמערצן ברענגען זיי באַלזאַם, פאַרגעניגן און טרייסט, ווי יעדעס קונסט־ווערק. עס ווערט, דאַכט זיך, גרינגער אויפן האַרצן, ווען מען לייענט ראָזענפעלדס געדיכטן; די טרערן קומען ווי אַ גאולה״.

און ווייטער זאָגט ראובן ברײַנין:

מ. ראָזענפעלד איז אַ מאָדערנער, ד. ה., היינטוועלטיקער מענטש און דאַרום פילט ער טיף די אַלע אומגערעכטיקייטן, וואָס אונדזער איינער פילט, דאַרום זוכט ער זיין „איך", דאַרום איז אים אַזוי טייער, אַזוי ליב די זעלבשטענדיקייט, דאַרום איז ער אַזוי מאָט און מיד און זוכט רוע, גליק, טרייסט ביי דער מוטער־נאַטור. ער איז אָבער צו גלייכער צייט אַ מאָדערנער ייד, און דאַרום פילט ער אַזוי שטאַרק די ביטערקייט פון גלות און רייסט זיך נאָך אונדזער אַלטן פאָטערלאַנד, דאַרום פילט ער אַזוי שמערצלעך די באַזונדערע יידישע צרות. ער איז דורך־און־דרוך מענטש און דורך־און־דורך ייד און דערצו — דער עכטער, געבוירענער פּאָעט, אַ פאָלקס־דיכטער, ער לעבט און ליידט, האָפט און שטרעבט צוזאַמען מיט זיינע ברידער".

און זייער ריכטיק האָט דאַן אָפּגעשאַצט מ. ראָזענפעלדן ראובן ברײַנין:

„מ. ראָזענפעלד איז אָבער ניט נאָר אַ קלאָג־מוטער, ניט נאָר אַ איכה־זאָגער, אַ קינות־מאַכער, — ער קאָן אויך לאַכן, שפּאָטן איבער דעם שטאַרקן, איבער דעם בלוט־זויגער, איבער דעם פאַלשן, איבער דעם בלינדן פאַנאַטיקער. ניט נאָר טרערן האָט ער, אָבער אויך גאַל. ניט נאָר ווערטער פון טרייסט פאַר די שוואַכע, אָבער אויך שאַרפע ווערטער, אָנגעזעטיקטע מיט גיפט פאַר די שטיינערנע הערצער. ער פאַרמאָגט אויך איראָניע, וויץ און אַ ביסל בדחנות פון בעסטן סאָרט. די אַלע אייגנשאַפטן האָבן דעם יידן אין גלות געדינט אַלס בעסטע געווער. גאַל־ביטערע איראָניע, שפּיז־שאַרפן וויץ, פאַרניכטנדער שפּאָט, דאָס האָבן מיר געזאַמלט מיט פליס אין אונדזערע גייסטיקע אוצרות אין די לאַנגע דורות, וואָס דער פיינט האָט אונדז געטראָטן אונטער זיינע פיס. פון דעם רייכן אוצר האָבן געשעפּט מיט פולע הענט היינע, בערנע, סאַפיר, גאָרדאָן, קאָמינער, פרוג און אַנדערע".

און אָט ווי ברײַנין מאָלט אים נאָך זיין באַגעגעניש מיטן דיכטער:

„ראָזענפעלד איז אַ ברונעט, מיטעלער וואוקס. צוויי שוואַרצע פינקל־פייערגלענצנדע אויגן, מיט אַ פאַרטרוימטן אויסדרוק, באַלייכטן זיין פאַרכמאַרעטן געזיכט. פון ערשטן אויגנבליק קאָן מען גלייך מערקן, אַז עס שטייט פאַר אונדז אַ פּאָעט פון אַן אומגליקלעכן פאָלק; אַ פּאָעט, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין צרות און טרערן, וועלכער איז באַשטימט מער צו וויינען און קלאָגן, ווי צו זינגען און זיך צו פרייען. ראָזענפעלדן פעלט די פרייע, רואיקע, ריטמיש־שיינע באַוועגונג און דער אָפענער, פאַרטרויענספולער בליק. מ'זעט, אַז אויף דעם פּאָעטס פּלייצעס ליגט די משא פון אַ שווערן לעבן. די משא פון אייגענע און פרעמדע יסורים. אָבער זיין שיינער שטערן איז ווי געשאַפן צום דיכטער־קרוין. די מוזע, די געטין פון דער פּאָעזיע האָט זיין שטערן געקושט, ווען דער דיכטער איז נאָך אין וויגל געלעגן, און דאַרום איז ער אַזוי שיין".

אַזוי האָט געזען ראובן ברײַנין מאָריס ראָזענפעלדן.

3.

מאָריס ראָזענפעלד האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרקן טעמפּעראַמענט, וועלכן ער גופא האָט אָפּטמאָל נישט געקאָנט צוימען. אַדאַנק דעם טעמפּעראַמענט האָט ער

געשאַפן לידער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין גלייכן צו זיך אין דער יידישער פּאָעזיע, אָבער אַדאַנק אָט דעם נישט־געצוימטן טעמפּעראַמענט זיינען ביי אים געבוירן געוואָרן אויך „ווילדע" לידער, האַסטיקע אַרויסטרעטונגען, וואָס האָבן אַרויסגערופן בייז בלוט און פאַרשאַפט אים שונאים אפילו צווישן זיינע פאַרערער.

ש. ניגער, אין איינעם פון זיינע פריסטע אַרטיקלען, געשריבן אין 1913, אין ווילנער „יידישע וועלט", שטעלט זיך אָפּ אויף דעם באַזונדערן עלעמענט אין מ. ראָזענפעלדס שאַפן. „געשמאַק, קולטור, דאָס וואָס מען רופט אָן מאָס, טאַקט, איז ביי אייניקע אַנדערע יידישע ליריקער פאַראַן מער געוויס ווי ביי ראָזענפעלדן, — אָבער טעמפּעראַמענט — ניטאָ אַזוי פיל, ווי ביי אים. אַז מיר רעדן וועגן געפיל ביי ראָזענפעלדן, מיינען מיר טאַקע ניט סתם געפיל, נאָר אַלץ דעם עקספּלאָזיוון געפיל, דעם, וואָס שטופּט זיך אַרויס אויף דרויסן, וואָס לאָזט זיך הערן... ראָזענפעלד איז דער רווישיקסטער, דער ענטוזיאַסטישסטער פון אַלע ליריקער („דער ענטוזיאַסט ליגט מיר אין די ביינער", זאָגט ער ערגעץ אין זיין פּראָזע וועגן זיך אַליין)"...

ש. ניגער ווייזט אָן, אַז זיינע ווייניקער פּולקאַמענע לידער, זיינען „מער כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין פּאָעטישן טעמפּעראַמענט. ס'זעט אויס ווי אַ פּאַראַדאָקס, ס'איז אָבער אַזוי. צו ראָזענפעלדס פּאָעטישן סטיל פּאַסט אַ געוויסע פּאָעטישע און סטיליסטישע אומפּולקאָמענהייט. „פּאַסט" — מיינען מיר: ס'איז אַזוי, און אַנדערש קאָן ניט זיין. דער רעדנער, דער וואָס רעדט צו אַן עולם, צו אַ פיל־קעפּיקער מאַסע, ניט צו אַ יחיד, גיט ניט אַכטונג אויף יעדן איינציקן וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס... — דער רעדנער וויל ניט מיט זיין קונסט־ווערק באַרואיקן, נאָר, פאַרקערט, אויפרודערן דעם עולם... — — — און דאָס ווילן אויך די פּאָעטן פון ראָזענפעלדס שניט, ווייל אויך זיי זיינען רעדנער אין אַ געוויסן זין"...

„...ער איז פּאַטעטיש — זאָגט ש. ניגער — וואו אים פעלט אויס דער אמתער פּאַטאָס; וואו ער פעלט אים ניט, איז ער פייערלעך און פייערדיק, רעדנעריש און דראַמאַטיש... ער איז דער פּאָעט פונעם אויסרוף־צייכן"...

אויף דעם דעקלאַמאַטאָרישן מאָמענט אין ראָזענפעלדס דיכטונג ווייזט אָן ב. ריווקין אין זיין אַרטיקל „מאָריס ראָזענפעלד — דער ערשטער אַרויסצובאַפרייען זיין ליד פון אונטער דער תכלית־דיסציפּלין" („יידישע דיכטער אין אַמעריקע", ניו־יאָרק 1947, ציקאָ־פאַרלאַג ב. 1). ער ווייזט אָן, אַז „מען קאָן נישט גענוי כאַראַקטעריזירן דעם אינהאַלט פון ראָזענפעלדס ליד, ביז עס וועט נישט אָנגעוויזן ווערן, אַז די באַשטעלערישקייט פון זיין ליד דריקט זיך נאָך מער אויס אין דער פאָרם, ווי אין דעם אינהאַלט. די פאָרם איז דירעקטע ווענדונג, דעקלאַמאַציע. עס איז דערלאַנגט געוואָרן צום עולם פון דער ליטעראַרישער בינע אין דער אויס־פורעמונג פון ראָזענפעלד ליד... איידער ער איז געוואָרן אַ בן־בית אין דער פּרעסע, האָט ראָזענפעלד זיך באַגעגנט פּנים אל פּנים מיטן עולם, אַראָפּדעקלאַמירנדיק אָדער אפילו אַריינזינגענדיק זיין ליד פון דער ליטעראַריש־מוזיקאַלישער בינע, וואָס איז דאָ אויפגעקומען גלייכצייטיק מיט דער סאָציאַליסטישער טריבונע; די געזאַנג־דעקלאַמאַציע האָט באַגלייט די אַגיטאַציע אין זעלביקן יוניאָן־האָל... ער האָט אפילו געחלומט צו ווערן אַן אומרייזנדיקער פּאָעט־זינגער־דעקלאַמאַטאָר... ער

האָט אפילו אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ געדרוקטן דעקלאַמאַטאָר, מיט אַנווייזונגען, מיט וועלכע ניגונים די לידער זאָלן געזונגען ווערן... (ז״ז 39־46).

און ב. ריווקין ברענגט אַ אינטערעסאַנטן פאַרגלייך פון מ. ראָזענפעלדס ליד מיט א. רייזענס, „וואָס איז דאָך אויך אַדרעסירט צום עולם... רייזענס ליד איז געשריבן אין אַ חדר און דאַרף געלייענט ווערן אין חדר — ביחידות — און אין שטילקייט... ראָזענפעלדס ליד איז בפירוש געשריבן געוואָרן פאַרגעטראָגן צו ווערן בפרהסיה, פאַר אַן עולם, וואָס איז זיך צונויפגעלאָפן פון זודיקן גרויסן ניו־יאָרק. עס טאָר נישט זיין שטיל. עס מוז בעמען מיט קול, אָדער מיט טרערן, איבערשרייען, איבערוויינען איז קיין חסרון נישט. אדרבא. עס מוז זיין אָדער מעלאָדראַמאַטיש, שטורמען ווי אַ ים — און וועלכער ים שטורעמט נישט אין זיין ליד? — אָדער סענטימענטאַל („מיין ייִנגעלע״ — אַ גוט ליד, מען פילט טאַקע די טרער צווישן די שורות אויך). ניגון מוז זיין, אָבער עס מאַכט נישט, אַז די ווערטער וועלן נישט אַזוי איבערקלייבעריש זיין...״ (ז״ז 40־41).

4.

אַנדערע קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער האָבן געהאַט אַ בעסערע מיי־נונג וועגן ראָזענפעלדס דיכטערישער מייסטערשאַפט, וועגן זיין פערז. עס זאָגט דר. מ. פינעס אין סוף פון זיין לענגערער אָפּהאַנדלונג וועגן מאָריס ראָזענפעלד (זי האַלט אין זיין „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור״, וואַרשע 1911, אַ 50 זייטן): „לויט דער שיינקייט פונעם פערז האָט מ. ראָזענפעלד נישט קיין גלייכן אין דער יידישער ליטעראַטור... לויט זיין קונסט און טאַלאַנט וואָלט ראָזענפעלד פאַרנומען זאָגאַר אין רייכערע ליטעראַטורן אַ שיינעם, בכבודיקן אָרט. פרוג, וועלכער האָט אָנגעפאַנגען צו שרייבן אַ ביסל פריער, און האָט געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף די פּאָעטישע טריט פון זיין חבר, וואָס איז יינגער פאַר אים מיט צוויי יאָר, איז באַלד אַריבערגעיאָגט געוואָרן דורך אים. מ. ראָזענפעלד באַזיצט צוגלייך מיט פרוגן, און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, דעם ריטמוס־אינסטינקט און דאָס געפיל פאַר דעם סימבאָלישן ווערט פון די טענער. אין אַלע זיינע לידער איז די פאָרם גלענצנד צוגעפאַסט צום אינהאַלט. אַמאָל איז עס די קליינע סטראָפע פון פיר קורצע פערזן, אַמאָל איז עס אַ סטראָפע פון 8 פערזן און 12 און 11 זילבן, אַמאָל ווידער זיינען עס אַנדערע קאָמבינאַציעס פון די פערזן און פון די גראַמען; מיט דעם אַלעמען באַנוצט זיך דער פּאָעט מיט זעלטענער קונסט, כדי אַרויסצובאַקומען אַזאַ מוזיקאַלישן עפעקט, וואָס זאָל האַרמאָנירן מיט דעם געפיל, וואָס ער דריקט אויס, אָדער מיט דער זאַך, וואָס ער באַשרייבט. אין ראָזענפעלדס לידער קאָן מען אַמבעסטן דערלערנען די יידישע ריטמיק״... (ב׳ 2, ז׳ 113).

מ. פינעס באַרירט די פאַרשיידענע, ליטעראַרישע ווירקונגען, וואָס ראָזענ־פעלדס טאַלאַנט האָט געהאַט אויף זיך. די ווירקונגען האָבן געקאָנט זיין זייער באַדייטנדיק און צאָלרייך. ראָזענפעלד ווייס (קען) די דייטשע און ענגלישע ליטעראַטורן, און זייערע פּאָעטן האָבן זיכער מיטגעהאָלפן, ווען זיין טאַלאַנט האָט זיך געבילדעט, נאָר מער פאַר אַלעמען האָט ראָזענפעלד גענומען ביי היינען, און אָפט

באַגעגנט מען אַ וואָרט, אַ פּראַזע־ווענדונג, וואָס איז אַרויסגענומען פון דעם דייטשן פּאָעט. וואָס ס׳איז שייך צו דעם עצם פון זיינע לידער, איז ער שטענדיק אָריגינעל, ווייל ראָזענפעלד איז אַלעמאָל אויפריכטיק״... און ריכטיק גיט צו ד״ר מ. פּינעס: „ער האָט באַזונגען נאָר אַזעלכע זאַכן, וואָס ער האָט אַליין אי־בערגעלעבט, און האָט זיי באַזונגען נאָר אונטער יענער פאָרם, און וועלכער זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט זיין גייסט און זיין פאַנטאַזיע (ב. 2, ז״ז 112־113)״.

.5

אָט די הויכע מיינונג פון מאָריס ראָזענפעלדס מייסטערשאַפט און פּולקאָמקייט פון זיין פערז טיילן נישט אַנדערע קריטיקער און שרייבער.

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי אין אַ רעצענזיע איבער מ. ראָזענפעלדס לידער־זאַמ־לונגען זאָגט, אַז „ראָזענפעלדס פּאָעזיע — דאָס איז אַ רייכהאַלטיק, „גאָלדטראָגנד זאַמד־פעלד״, — אַזוי רופט מען אין יענע זאַמדיקע סטעפּעס, אין וועלכע עס גע־פינען זיך ניט נאָר איינצלנע גאָלד־קערנער, צונויפגעמישט מיט פּשוטן זאַמד, נאָר אויך גאַנצע „קלומפּן״, גאַנצע שטיקער אמתע ריינע גאָלד. די אויבן־דער־מאָנטע שירים זיינען אַזעלכע גאָלד־קלומפּן, און די איבעריקע זיינען כמעט אַלע, אויף וויפל מיר געדענקט זיך, מער זאַמד ווי גאָלד״...״

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי ציטירט פאַרשיידענע לידער, און ער פירט אויס: „עס גלויבט זיך כמעט ניט, אַז די גוטע און די שלעכטע שירים ראָזענפעלדס זאָלן שטאַמען פון איין און דער זעלבער פעדער... וואָס מער מיר דענקען וועגן ראָזענ־פעלדס טאַלאַנט אַלץ מער ווערט אונדז קלאָר, אַז זיין גבורה ליגט דאָרטן, וואו ער האָט צו טאָן מיט דער נאַטור און מיט דעם אינדיווידועלן לעבן פון דעם מענטשן, מיט יענע אייביקע פריידן און אייביקע ליידן, וואָס בלייבט די אייגענע פאַר אַלע דורות, אונטער וועלכע געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן די מענטשן זאָלן ניט לעבן. אין אַזעלכע שירים פילט איר, אַז ראָזענפעלד האָט ניט נאָר אַן אייגענע איינ־בילדונגס־קראַפט — דער ערשטער באַדינג פון אַ פּאָעטישן טאַלאַנט — נאָר אויך אַן אייגענעם קאָפּ און אַן אייגן הארץ. זיין געפילס־וועלט ווערט געוויס באַשטראַלט פון וואָלט וויטמאַנס קלאָרער זון, אָבער אין איר טראָגן זיך אַרום אייגענע וואָלקנס, וואָס פאַרשטעלן אָדער פאַרטונקלען אָפּט וואָלט וויטמאַנס זון, און די וואָלקנס שטאַמען פון יענעם וועלט־שמערץ, אָדער בעסער, „לעבנס־וויי״, וואָס לאָזט ניט די נשמה צעגיין אין גאַנצן אין „שיר השירים״, און טרייבט זי צו „איוב״ און „קוהלת״... („וויזיע און געדאַנק״, איקוף, ז״ז 168־170).

אָבער — שרייבט ווייטער ד״ר ח. זשיטלאָווסקי — „אַ גאַנץ אַנדערער ראָזענ־פעלד איז דער, וואָס פאַרלאָזט דעם מענטשנס אייביקע געפילס־וועלט און די נאַטור און (ער) גייט איבער צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, צו סאָציאַלער און נאַציאָ־נאַלער ליריק און סאַטירע. מערקווירדיק! זיין באַרימטקייט שטאַמט גראָד פון דער סאָציאַלער ליריק, אָבער אין איר האָט ער ניט אַרויסגעבראַכט קיין איין ווירק־לעך־אָריגינעלן פּאָעטישן מאָטיוו״.

און דאָ קומט אַ פאַרגלייך מיט מאָריס ווינטשעווסקין, וואָס איז, לויט ד״ר

ה. זשיטלאָווסקי, „אין דעם פּרט אַ סך טיפער, ערנסטער און אָריגינעלער, איידער ראָזענפעלד, וועמעס שירים עס זיינען דאָ אָפטמאָל פּשוט איבערגעזונגענע פון ווינטשעווסקי אָדער עדעלשטאַט. אמת, אין רעכטן מיטן סענטימענטאַלע דעקלאַמאַציע, וואָס פון איר באַשטייט דאָס רוב פון זיין סאָציאַלער האָב־רחמנות ליריק, גנבענען זיך אַריין אַ פּאָר קערנער אמתע פּאָעזיע"... און ווייטער זאָגט ד"ר ה. זשיטלאָווסקי, אַז „די נאַציאָנאַלע ליריק איז אַ ביסל בעסער איידער די סאָציאַלע, אָבער ליידט שטאַרק פון געקינסטלטן פּאַטאָס און ביליקער התפּעלות"... (ז"ז 170־171).

און ווען אייניקע קריטיקער האָבן טענות און מאַכן פאָרוואורפן מ. ראָזענפעלדן, וואָס ער איז נישט געהיט מיט דער יידישער שפּראַך, און אַז זיין יידיש איז אַ צעפלאָסענער, קומט ד"ר זשיטלאָווסקי און באַטאָנט, אַז „איין זאַך מוזן מיר אָבער מודה זיין: אַלע דריי בענד האָבן אַ רייכן שפּראַך־ווערט, וואָס טאָר נישט אונטערגעשאַצט ווערן אין דעם איצטיקן אַנטוויקלונגס־פּעריאָד פון אונדזער ליטעראַטור. ראָזענפעלד האָט געוויס אַ רעכט צו זאָגן: „דאָס לעבן קאָן קיין זאַך מיר ברענגען, איך זאָל ניט קאָנען דאָס בעזינגען. / מיין שפּראַך איז ברייט ווי אַלע ימ'ען / און שיין ווי מאַי אין פולן בליען, / איך זינג, און מיינע לידער גליען / אין טויזנט פאַרבעדיקע פלאַמען"..."

ד"ר ה. זשיטלאָווסקי האָט געשריבן דעם אַרטיקל אין 1910. ער האָט פאָרעדיקט מיט דער האָפנונג און וואונטש, אַז „די פלאַג־יאָרן פון זיין לעבן זיינען שוין צו ענד; אַז אונדזער דיכטער וועט איצטער זיין אין דער לאַגע צו זוכן און געפינען זיך אַליין און נעענטער באַקאַנט ווערן מיט דער נאַטור, גרענעצן און באַדינגונגען פון זיין טאַלאַנט. דעמאָלט וועט ער געוויס אַליין נעמען אויף זיך די טרחה איבערצואוואַשן זיין גאָלד־זאַמד און ניט געבן אונדז קיין רוי מאַטעריאַל. ערשט דעמאָלט וועט זיך אויך אינגאַנצן אַנטפּלעקן די אמתע געשטאַלט פון זיין זשעני און ערשט דעמאָלט וועט מען קאָנען אויספאָרשן, ווי ווייט און הויך עס טראָגן אים זיינע פליגלען". (ז' 172).

אָבער, ליידער, זיינען אָט די גוטע וואונטשן און ברכות נישט מקוים געווען אין דער פולער מאָס. דעם יידישן דיכטער איז נישט באַשערט געווען אין די קומענדיקע יאָרן קיין רו און קיין גינסטיקע מעגלעכקייטן פאַר שעפערישער שלימות, פאַר קאָנען דערהייבן זיך און זיין גרויסן דיכטערישן טאַלאַנט. די סביבה און באַדינגונגען פון זיין לעבן, די פלאָגן, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף אים, האָבן אים אַלץ מער צערודערט.

אָבער אויך אין די סאַמע שווערסטע מאָמענטן, זיינען ביי אים געווען דיכטערישע התגלותן.

6.

רירנדיק און פול מיט טיפער ליבשאַפט און אַכטונג שרייבט קלמן מרמר וועגן מאָריס ראָזענפעלדן, מיט וועלכן ער האָט זיך באַקענט אין 1906 און דערנאָך באַפריינדט געוואָרן מיט אים. ער האָט זיך אויך איבערגעשריבן מיט אים, און

די בריוו האָבן אַ ליטעראַריש־קינסטלערישן ווערט. אויפן סמך פון זיינע פּערזענ־לעכע באַגעגענישן מיטן דיכטער, שרייבט ק. מרמר, אַז „מאָריס ראָזענפעלד האָט געוואוסט, אַז ער באַזיצט אַ וואולקאַנישע קראַפט. ער האָט פון (וועגן) זיך גע־זונגען: „מיין ליד האָט זיך ווי לאַוואַ דורכגעבראָכן". נאָר ראָזענפעלדן איז אויך ניט פרעמד געווען די שטילע, צאַרטע ליריק, וואָס גיט איבער די אינטימסטע באַוועגונגען פון דער נשמה... („דער אָנהייב פון דער ייד. ליטעראַטור אין אַמע־ריקע", 1944, ז' 75).

ריכטיק באַטאָנט ק. מרמר, אַז „מאָריס ראָזענפעלד איז געבליבן אַ ליריקער אויך אין זיינע אַרבעטער־לידער. ער איז ניט געווען קיין דרויסנדיקער וועקער, ניט קיין מיטפּילנדיקער באַוויינער. ער איז אַליין געווען דער העלד פון זיינע לידער. ער האָט באַוויינט זיין אייגענעם שיקזאַל אין דעם „סוועט־שאַפּ". ער האָט געשאָלטן דעם „באָס" מיט „טויטע קללות", געבענקט צו (נאָך) דער שיינער נאַטור און גע־חלומט פון אַ שענערן, בעסערן לעבן. די אַרבעטער האָבן באַלד דערפילט, אַז ראָזענפעלדס געוויין, קללות, בענקשאַפט און חלומות זיינען די זייעריקע. האָבן זיי אָנערקענט זיין ליד, עס דעקלאַמירט און געזונגען נאָך איידער דער ליטעראַטור־טעמפּל האָט זיך פאַר אים געעפנט" (ז"ז 76־77).

ק. מרמר האָט גוט געקענט מ. ראָזענפעלדס לעבן און געוואוסט, ווי שווער עס האָט אויף אים געווירקט דער שאַפּ, די בויט, די קראַנקהייטן, דער טויט פון זיין יונגן זון. ער שרייבט: „...ווען מ'האָט ראָזענפעלדן פאַרגוואָרפן, פאַרוואָס ער האַלט כסדר אין וויינען, האָט ער געענטפערט, אַז די צייט, ווען ער „וואָלט העל געלאַכט", האָט ער פאַרלאָרן אין שאַפּ, אין דער „שקלאַפן־נאַכט"... און כאָטש ער שאַפט שוין איצט „אַלס שרייבער, ניט אַלס שטעפּער", דאָך שווימט נאָך אים אין זיין בלוט „דער אומעט פון די שעפּער"...

און ק. מרמר גיט צו: „די פּען און די שער גייען ביי מאָריס ראָזענפעלדן האַנט אין האַנט.ביידע קאָנען זיין קייטן צו פאַרשקלאַפן, און ביידע קאָנען אויך זיין געצייג פון באַפרייען...

עטלעכע יאָר נאָך מ. ראָזענפעלדס טויט (אין 1929) האָט קלמן מרמר גע־שריבן: „איצט איז מאָריס ראָזענפעלדס חשובער פּלאַץ אין דער יידישער ליטע־ראַטור פעסט עטאַבלירט. ניטאָ אויך מער קיין מיינונגס־פאַרשיידנהייטן וועגן זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם פּיאָנערישן יידישן אַרבעטער־ליד, פון וועלכן ער, ראָזענפעלד, איז דער באַדייטנדיקסטער פאַרשטייער" (ז' 74).

און אַט נאָך אַן אָפּשאַצונג פון אַן אַמעריקאַנער־יידישן קריטיקער.

אין דער „צוקונפט" 1913, נ' 10 איז פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון דעם אַמאָל גאַנץ אָנגעזעענעם יידישן קריטיקער אין אַמעריקע, בן־יקיר, אין וועלכן ער שרייבט צווישן אַנדערן:

„...די אַכציקער און ניינציקער יאָרן פונעם לעצטן יאָרהונדערט האָבן גע־בראַכט דער יידישער אינטעליגענץ צוויי אידעאַלן: דאָס אויפלעבן פון דעם יידישן פאָלק און די באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס. דער ערשטער אידעאַל איז געווען פאַרבונדן מיט דער חובבי־ציון־באַוועגונג; דער צווייטער — מיט דעם סאָציאַליזם. דער ערשטער אידעאַל האָט באַגייסטערט דעם דיכטער ש. פרוג;

דער צווייטער האָט געטריבן אין קאַמף דעם פּאָעט מ. ווינטשעווסקי. פרוג און ווינטשעווסקי זיינען געווען גאַנצע פערזענלעכקייטן. זייערע נשמות זיינען ניט געווען צעריסן. זייער גלויבן איז געווען אומבאַרירט. זיי האָבן געוואוסט וואָס זיי האָבן געוואָלט...

„גאַנץ אַנדערש איז געווען מאָריס ראָזענפעלד. דער קרעכץ פון דעם אַרבעטער־שקלאַף האָט אים אויפגעטרייסלט; ער האָט אים אָבער ניט פאַרטויבט. דער שטראָם פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג האָט אים פאַרכאַפּט אין די יונגע יאָרן; ער האָט אים אָבער אין גאַנצן ניט פאַרנומען. ער איז געוואָרפן געוואָרן פון כוואַליע צו כוואַליע. זיי האָבן אים ניט פאַרשלונגען די כוואַליעס, ער איז אָבער אויך אויפן ברעג ניט אַרויסגעקומען... (ז׳ 1019).

„...ראָזענפעלד האָט ׳קיין באַשטימטע ריכטונג ניט׳. ער איז אַ פּאָעט פון מאָמענט, אַ נביא פון טאָג. בייט זיך דער מאָמענט, בייטן זיך זיינע געפילן, בייטן זיך זיינע מאָטיוון. דערפאַר איז ראָזענפעלד אַלץ און גאָר ניט; דערפאַר ווערט איר אים געפונען צווישן אַלע פּאַרטייען און קלייזלעך, און קיינע פון זיי רעכנט אים ניט אַלס אַן אייגענעם... — — — דער גרויסער טאַלאַנט פון מ. ראָזענפעלד איז אַמבעסטן אויסגעדריקט אין זיינע סוביעקטיווע לידער. ווייל ער ווערן אַ פילאָסאָף, קומט ביי אים אַרויס אַ נאַאיווער, כמעט קינדישער פּעסימיזם...

„ראָזענפעלד — זאָגט וויטער בן־יקיר — דענקט ניט, ער פילט בלויז. ער האָט ניט קיין וועלט־אַנשויאונג; ער האָט אָבער שטימונגען, וואָס זיינען טיף־גענוג צו מאַכן דעם דיכטער באַגרייפן די וועלט אַלס אַן עמק הבכא... ראָזענפעלד איז אַ מייסטערהאַפטער פערזן־מאַכער. דאָס איז איינע פון זיינע גרעסטע מעלות, אָבער אויך זיין גרעסטער חסרון... אייניקע קריטיקער ווילן האָבן, אַז ראָזענפעלד איז אויסגעוועבט געוואָרן די לעצטע יאָרן. דאָס איז ניט אין גאַנצן אמת. פראָ־פּאָרציאָנעל שאַפט איצט ראָזענפעלד פּונקט אַזוי פיל גוטע לידער ווי אַמאָל. ווייל ער שרייבט זייער פיל, שרייבט ער, נאַטירלעך, מער שלעכטע זאַכן ווי אַמאָל. ער מיסברויכט זיין טאַלאַנט... ער מאַכט נאָכמאַכונגען נאָך זיך אַליין און פראַדוצירט גראַמען און פּאַראָדיען...״ און בן־יקיר פאַרענדיקט זיין אַרטיקל: „ראָזענפעלד איז ניט בלויז אַ גרויסער דיכטער, ער איז אויך איינער פון אונדזערע בעסטע פּראָזע־שרייבער און פעליעטאָניסטן״... (ז׳ 1022).

7.

אין פאַרשיידענע צייטן האָבן איינע און די זעלביקע שרייבער־קריטיקער פאַרשיידן אויפגענומען מאָריס ראָזענפעלדן און פאַרשיידן געשאַצט און כאַראַקטעריזירט זיינע דיכטערישע שאַפונגען. מען איז לכתחילה געווען צו ראָזענפעלדן שטרענג, אים שאַרף קריטיקירט, אַרויסגעטיילט זיינע חסרונות, זיינע שוואַכקייטן, און מיט יאָרן שפּעטער, איבערהויפּט — נאָך זיין טויט, געמאַכט אַליין אַ רעוויזיע פון דער נעגאַטיווער מיינונג וועגן זיין דיכטונג.

אין אַן אַרטיקל פון מ. אָלגין פאַרעפנטלעכט אין זיין בוך „אין דער וועלט פון

געזאַנגען", ניו־יאָרק 1919 (מסתמא געשריבן פריער), ווערט געזאָגט, אַז „אין ראָזענפעלדס לידער זעען מיר מערסטנס סימפּלע (פּשוטע), עלעמענטאַרע געפילן. זיי האָבן ניט קיין איבער טענער, זיי האָבן ניט קיין שאַטירונגען, זיי זיינען מוראדיק נאַקעט, און אין זייער נאַקעטקייט זיינען זיי וואולגאַר... — — — מאָלט מען דאָס עלעמענטאַרע, איז שוין זעלבסט פאַרשטענדלעך, אַז ס'קאָן ניט זיין קיין גרויסער אויסוואַל אין שטאָף, און אַז די זעלבע זאַך קומט אויס איבערצוחזרן עטלעכע מאָל. געפינט איר טאַקע, אַז דעם אַרבעטערס נויט, מידקייט, אוממעגלעכקייט צו געניסן דאָס (פון) לעבן ווערט ביי ראָזענפעלדן באַהאַנדלט אין צענדליקער לידער — און דערביי קומען כמעט ניט צו קיין נייע שטריכן. עס ווערט נאָר איבערגעקייט דאָס זעלביקע מיט אַנדערע — אָפּטמאָל מיט ענלעכע — ווערטער... און אַזוי איז אויך מיט די קאַמף־מאָטיוון. עס איז אַזוי פּשוט, אַזוי אדם־נאַקעט די עמפּינדונג פון האַס צום רייכן, וועלכער לעבט פון זיין פּראַצע, און עס איז אַזוי עלעמענטאַר דער אַנטשלוס צו פאַראייניקן זיך מיט די איבעריקע אַרבעטער כדי אָנצולערנען דעם „באָס". פאַר יעדן אַרבעטער באַזונדער איז אפשר געווען שווער צו דערטראַכטן זיך צו אָט צו דעם איינפאַכן געדאַנק. היסטאָריש איז דאָס אפשר געווען איינע פון די וויכטיקסטע דערוועקונגען אינעם מענטשנס פּסיכיק. אָבער מיר, די היינטיקע לעזער, וויסן שוין דאָס אַלץ! און אפילו דער מיטלמעסיקער אַרבעטער וועט דאָ געפינען ווייניקער, ווי ער אַליין האָט איבערגעלעבט"...
אָבער מ. אָלגין פאַרגעסט, אַז מ. ראָזענפעלד האָט אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן זיינע לידער נאָך אין 1886, ווען דער „מיטלמעסיקער אַרבעטער" האָט זיך נאָך נישט „דערטראַכט" צו די געדאַנקען, צו דעם פּלאַמיקן פּראָטעסט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון מ. ראָזענפעלדס דיכטערישע בונטאַרישע וויי־און־צאָרן געשרייען.

און מ. אָלגין גייט ווייטער אין זיין נעגאַטיווער אָפּשאַצונג פון ראָזענפעלדס פּאָעזיע. „ראָזענפעלד — שרייבט ער — איז ניט נאָר אַ דיכטער פון אַרבעט, נאָר אויך — פון נאַציאָנאַלע געפילן. און וואָס זעען מיר ביי ראָזענפעלדן? דער זעלביקער סימפּליציזם (פּשוטקייט, איינפאַכקייט), די זעלביקע מגושמדיקע ניט־אינדיווידואַליזירטע עלעמענטאַרע געפילן"...

און ווייטער: „די טיפסטע מדרגה פון סימפּליציזם דערגרייכט ראָזענפעלד אין זיינע ליבע־לידער. דאָ, וואו דיכטער וויקלען געוויינלעך פאַנאַנדער זייער גאַנצע פאַרבן־פּראַכט, דערשיינט ער פאַר אונדז אין אַזאַ נאַקעטקייט, אַז עס כאַפּט אונדז אָן אַ שוידער. יעדער פון די פאַרשיידנאַרטיקע ליבע־געפילן האָט ער פאַרשטאַנען אַזוי אָפּצושיילן, באַראַבעווען, אַרויסשטעלן אין זיין אורשפּרונגלעכער גראָבקייט, אַז איר שפּירט אייניקע פון זיינע לידער ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג".

און „ווען ראָזענפעלד פּרוּווט זיך אויפהויבן אַ ביסל העכער, פּרוּווט זיך אַ לאָז טאָן אין אַ וועלט פון קאָמפּליצירטע געפילן, דאָ באַקומט זיך אַן אומדערטרעגלעכער דיסאָנאַנס, אַ שרעקלעכער ריס צווישן אינהאַלט און פאָרם".

אַזוי האָט מ. ראָזענפעלד און זיין דיכטעריש שאַפן אויסגעזען אין מ. אָלגינס אַ פריערדיקער אָפּשאַצונג.

אָבער אין 1923, באַלד נאָך מ. ראָזענפעלדס פריצייטיקן און טראַגישן טויט,

האָט מ. אָלגין גאָר אַנדערש אויפגעפאַסט דעם דיכטער און זיין שאַפן. ער האָט זיין אַרטיקל אויך אָנגעהויבן מיט די נעגאַטיווע שטריכן. ער האָט געשריבן: „ראָזענפעלד אַליין איז געווען אַ מענטש אָן קולטור, און דאָס האָט אַרויפגעלייגט אַ פאַטאַלע פּראָסטקייט אויף זיינע לידער און פעליעטאָנען. ער איז אָפט געווען באַנאַל אָדער וואולגאַר, ווען אים איז אויסגעקומען צו באַהאַנדלען די אינטימערע באַוועגונגען פון דער נשמה. ראָזענפעלד איז אפילו אין זיין גלאַנץ־עפּאָכע געווען נישט זעלטן אַ שקלאַף צו גראַמען, צו הילכיקע ווערטער, צו טראַדיציאָנעלער, ד. ה. פאַלשער פּאַטעטישקייט"...

אָבער דאָך געפינט שוין מ. אָלגין אַן אַנדערע מער־ריכטיקע באַצייכענונג וועגן מ. ראָזענפעלדן, ער זאָגט ווייטער, אַז „ער איז געווען איינער פון די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע יידישע דיכטער. אין אַ צייט, ווען די מאַסן האָבן נאָר געקענט בדחנים און פּורים־שפּילער, ווען אפילו דאָס וואָרט „דיכטער" האָט געקלונגען פרעמד און ווילד פאַר דעם דורכשניטלעכן יידן, האָט ראָזענפעלד אַוועקגעלייגט זיין שער און אייזן און אָפּגעגעבן זיין לעבן דער לידער־שרייבעריי. ער האָט גע־ליטן, ער האָט געהונגערט. ער האָט געאַרבעט אין רעדאַקציעס פאַר צעבראָכענע גראָשנס, ער האָט געגראַמט פעליעטאָנען, אָבער ער האָט דערביי געהאַלטן הויך די פאָן פון דיכטונג. ער האָט מלחמה געהאַלטן פאַר זיין פּראָפעסיע. ער האָט דורך זיין פּאָפּולאַריטעט געוואונען אַ פּלאַץ פאַר די, וואָס זיינען געקומען נאָך אים"...

און ווייטער זאָגט שוין מ. אָלגין: „ראָזענפעלד איז געווען אַ מייסטער פון יידיש. ער איז נישט נאָר געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן געהאַמערט און געקנאָטן און געפיילט און געפורעמט די מיט ווילד־פלייש באַוואַקסענע פאָלקס־שפּראַך, נאָר ער האָט פון איר געמאַכט אַ כּלי. ער איז אפשר געווען דער ערשטער קראַפט־פולער יידישער דיכטער"...

און עס קומט אַ פאַרגלייך מיט ש. פרוגן, און אָלגין זאָגט: „בשעת פרוג האָט די שפּראַך פאַרווייכט און פאַרצערטלט — נישט אָן דעם איינפלוס פונעם ווינענדיקן נאַדסאָן — האָט ראָזענפעלד אַריינגעגעבן אייזן אין זיינע שורות; בשעת פרוג האָט זיך מער געקימערט וועגן דער זילבערדיקייט פונעם פערז־קלאַנג, איז ראָזענפעלד געפאָרן מיט ברייטע שווערע רעדער אָדער געכוואַשטשעט מיט בייטשן".

און דער אָלגין־אַרטיקל, געשריבן נאָך מ. ראָזענפעלדס טויט, ווערט פאַר־ענדיקט מיט די שורות, אַז „ער איז געווען אַ פּערזענלעכקייט מיט אַ סך שאַפנ־דיקן כּוח, מיט אַ סך פאַרשיידנאַרטיקייט, מיט מער מעגלעכקייט ווי ער האָט פאַרווירקלעכט. אויב ער האָט זיך געקלאָגט, אַז אים האָט אויפגעגעסן פריער די שאַפּ, נאָך דעם די צייטונגס־אַרבעט, איז ער אפשר געווען גערעכט. אין אַ גינסטיקערער סביבה, וואָלט ער אַ סך מער געגעבן. אָבער אויך דאָס, וואָס איז נאָך אים געבליבן, איז אַ מאָנומענט, אַ שטיק געשיכטע, אַ גאַנצער פּאַס אין דער יידישער קולטור־אַנטוויקלונג, אַ טיפער צייכן, איינגעקריצט אין האַרצן פון דורות".

8.

ב. וולאַדעק האָט אין 1907 פאַרעפנטלעכט אַ זייער נעגאַטיוון אַרטיקל וועגן מאָריס ראָזענפעלדן (איבערגעדרוקט אין בוך „ב. וולאַדעק”, ניו־יאָרק 1936), וואו ער זאָגט, אַז „אָפט איז ער מער גראַמען־מאַכער, אַלס דיכטער, מער עם־הארץ אַלס כוהן, מער באַראַבאַנשטשיק, אַלס מוזיקער, מער בעל־מלאכה אַלס קינסטלער, מער שרייער, אַלס נביא; אָפט רוישן זיינע לייכטע קלינגענדיקע גראַמען, ווי דאָס ראָד פון אַ מיל, וואָס דרייט זיך, גאַרנישט מאַלנדיק, און זיינע ווערטער זייַנען מער ווי אַלץ דעקאָראַציעס, ווייניקער ווי אַלץ פּייזאַזשן...” אַזוי שאַרף, אַזוי ביטער־שאַרף כאַראַקטעריזירט ב. וולאַדעק דעם דיכטער מאָריס ראָזענפעלד. און ב. וולאַדעק, ווי מ. אָלגין, זיינען דאָך געווען אַרבעטער־טוער,ביידע האָבן געהערט אין יענער צייט צו אַ יידישער אַרבעטער־פּאַרטיי, צום „בונד”. און געכאַפּט זיך, אַז ער איז צו־הארב, אומברחמנותדיק־הארב צום דיכטער, זאָגט ווייטער ב. וולאַדעק ווערטער, וואָס פאַרלייקענען דאָס פריער־געזאָגטע. „דאָך — שרייבט וולאַדעק — ניט ווייניקער אָפט איז ער דער אמתער קינסטלער, דער ווירקלעכער דיכטער־טראַגיק (ער). אין פיל פון זיינע לידער — און פאַר די וועלן מיר אים שענקען די ניט־ווייניקע פסולת זיינע — דערשיינט ער פאַר אונדז אין זיין גאַנצן גרויסן וואוקס, מיט אַ שטורמיק הארץ, אַ באַלעבטן בליק, און (מיט) אַ נשמה, אַ צאַרטע, ווי דאָס קלונג פון אַ סטרונע, און אַ ברויזנדע, ווי די תהומען פון ים.

„איך ליב דעם ווינט, איך ליב דעם ים,
דען ווי דער ערשטער בין איך עלנט
און ווי דער צווייטער רוישט מיין האַרץ...”

און ווען איר הערט ווי ער קרעכצט:

„קראַנק איז איינער פון אונדזביידן,
זאָגט: בין איך עס, צי די וועלט?”

„פילט איר דעם שיינעם וועלט־שמערץ זיינעם, און עס ווערט פאַרוואונדעט דאָס האַרץ, ווי עמעץ וואָלט אין אים מיט אַ שאַרפן שטיין געטראָפן”... (ז' 340).

און ווייטער זאָגט ב. וולאַדעק ווערטער, וואָס פאַרגיטיקן דעם פריערדיקן האַרבן פסק־דין אויפן דיכטער: „... אָבער אויך דאַן, ווען ער, „דער טרערן־מיליאָנער” ווייִנט, שילדערנדיק דאָס אַרבעטער־לעבן, וועט איר עס מער פילן איידער זען מיט די אויגן. ער איז צו שטאָלץ אום צו גיסן וואַסער־טרערן — עדות פון אומבאַהאָלפנקייט — ער איז צו אַן אַרבעטער, צו־ווייניק זיס־זויערער בעל־רחמים, ווייכהאַרציקער פילאַנטראָפּ, אום דורך די טרערן לייכטער (צו) מאַכן זיין פּיין. מער נישט — ער שטשירעט אויס די ציינער, פירט צוזאַמען די ברעמען, פרעסט צונויף די פויסטן און שרייט פון ווייטיק און באַליידיקונג:

„וואָס רוקט איר אַלץ די פלייש אין זיך
און שמייסט צו מיר די ביינער?
וואָס מיינט איר, וואָס? אַ הונט בין איך,
אַ הונט מיט קהלשע ציינער?”

„מאָריס ראָזענפעלד, דער שניידער, פאַרשטייט אַ סך בעסער די פּסיכאָלאָגיע פונעם אַרבעטער, איידער אַלע געלערנטע באַזינגער פון דעם אַרבעטערס נויט. ער אַפּעלירט ניט צום יושר און רחמנות, ער מאַכט ניט קיין בעטלער־אויגן צום רייכן טיש, ווי דאָס קומט אויס אָפט, למשל, ביי רייזענען, ער וויל ניט אַרויסרופן קיין טרערן פון חרטה און תשובה ביי זיינע אונטערדריקער. ער זאָגט ניט: „גיט מיר אויך", „איך דאַרף", ער זאָגט: „מיר קומט, איך וויל"...

און ווייטער זאָגט ב. וולאַדעק: „מיט בלוט און גאַל שפּריצט און (איז) באַ־שפּריצט זיין דיכטערישע פעדער, דערום איז ער אַזוי שטאַרק אין דער סאַטירע..." און נאָך: „מאָריס ראָזענפעלד, דער גרויסער שניידער, שטעפּט אויס אויפן גרויען פאָן פון דער גרויער אַלטעגלעכקייט פונעם אַרבעטער־לעבן די קינסטלערישע בלוטיקע קווייטן פון ענוים און שמערץ"... און „ער איז אויך אַ גרויסער מאָלער. ער האָט די זעלטענע גאַבע (אייגנשאַפט) אין אייניקע קורצע שורות צו געבן אַ פאַרענדיקט, בוילעט בילד"...

הקיצור, ער האָט געזאָלט שעלטן, און אַזוי טאַקע אָנגעהויבן, און גענומען בענטשן, און מיט לויב־געזאַנגען האָט ער פאַרענדיקט זיין אַרטיקל־אָפּשאַצונג.

און נאָך מער געפינט ב. וולאַדעק גוטע ווערטער פאַר מאָריס ראָזענפעלדן אין זיין אַרטיקל געדרוקט גלייך נאָך דעם דיכטערס טויט („צוקונפט", יולי 1923), וואָס ער האָט אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „מאָריס ראָזענפעלד האָט ניט באַ־שאַפן קיין נייע שולע אין דער יידישער פּאָעזיע, האָט ניט אָנגעצייכנט קיין נייעם וועג. און דאָך האָט ער איבערגעלאָזן אַזאַ טיפן דויערנדיקן איינדרוק (איינפלוס, ווירקונג?) אויף אונדזער דיכטונג, אַז כל זמן יידיש וועט זיין די שפּראַך פון די יידישע מאַסן, וועט ער ווערן באַטראַכט אַלס איינער פון די גרעסטע פּאָעטן, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט"...

און אָפּשטעלנדיק זיך אויף דער צייט, ווען ער האָט געשאַפן, און אויף דער סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט און געווירקט, זאָגט ב. וולאַדעק: „....און דאָך נאָך אַלעמען איז ער אין תוך געווען אַן אמתער דיכטער פון העכסטן ראַנג. ער איז עס געווען, ווייל ער האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן טעמפּעראַמענט און אַ פיינע פאַרשטעלונגס־קראַפט, די צווי וויכטיקסטע זיילן אין דעם טעמפּל פון יעדער פּאָעזיע. פאַר אים און נאָך אים איז נאָך ניט געווען קיין יידישער שרייבער, וואָס זאָל באַזיצן אַזוי פיל זודיקע ליידנשאַפט, אַזאַ פולבלוטיקייט ווי מאָריס ראָזענפעלד" (ב. „וולאַדעק", ז' 346). און „וואָס ער זאָל ניט האָבן געשריבן, וואָס פאַר אַ פערז און וואָס פאַר אַ מאָס, ער זאָל ניט האָבן געברויכט, האָט ער שטענדיק אַלץ דער־זאָגט, און געמאַכט אַזוי קלאָר, אַז ס'האָט ניט געקאָנט זיין קיין שום צווייפל וועגן דעם וואָס ער האָט געמיינט. אייניקע פון זיינע לירישע לידער זיינען טאַקע וואונ־דערבאַר דערמיט, וואָס זייענדיק אמת טיף, זיינען זיי אין דער זעלבער צייט אויך אַזוי קלאָר און איינפאַך"... (ז' 346).

9.

אויף דער אומגעצוימטקייט, אויף דער סטיכייאישקייט פון מאָריס ראָזענפעלדס דיכטונג ווייזן אָן פיל קריטיקער, אויך אַזעלכע, וואָס זיינען זיינע גרויסע פאַרערער.

דאָס איז געווען דער חסרון אין ראָזענפעלדן, וואָס האָט שווער און שלעכט געווירקט אויף זיין גרויסן דיכטערישן טאַלאַנט.

עס שרייבט נ. ב. מינקאָוו אין זיין גרעסערער עסיי וועגן מאָריס ראָזענפעלד (אין זיין בוך „יידישע קלאַסיקער פּאָעטן״, ניו־יאָרק 1937), אַז „די רויע עלעמענטן אין ראָזענפעלדס אימפּעט, פּונקט ווי די נאַטור אין אירע אויסברוכן, זיינען צעשטע־רעריש. זיי זיינען, אמת, אַ דערשיינונג פון אַ זעלטענעם כוח און פון אַן אַנטבלויזטן ווילדן אורשפּרונג, — אַ געשאַנק פון [ביין] גאָר געציילטע פּאָעטן. אָבער איז ניט די דאָזיקע דערשיינונג, פּונקט ווי זי איז אין דער נאַטור, אַ זינלאָזע און צעשטערנ־דיקע, אויב זי ווערט ניט געצאַמט און אויסגעפורעמט אין אַ הויכער אָרדענונג, וואָס דערהויבט דעם מענטשן?... ראָזענפעלדס דינאַמישקייט איז געווען אומגע־צאַמט, ניט קאָנטראָלירט, און דערפאַר — אין די לעצטע יאָרן אויסגעשעפּט״... „אין יענע לידער, וואו זיין אימפּעט האָט ניט פּאַרפּלייצט דעם אינהאַלט, וואו די קלאָרקייט האַלט אין די קערנדיקייט, אַנטפּלעקט זיך ראָזענפעלד ווי אַ זעלטענע קלאַסישע דערשיינונג אין דער יידישער דיכטונג. ער טראָגט דורך דאָס טיטאַנישע אין אים אין אַ שוואונגיקער טעמפּאָ, ברייטן פאַרנעם און פילבאַדייטנדיקן, קרעפ־טיקן טאָן״... (ז״ז 71־72).

און ווייטער זאָגט נ. ב. מינקאָוו, אַז „זיין שטורעמדיקע ענערגיע איז געווען זיינע אַן אינדיווידועלע אייגנשאַפט, זיין מעלה. דער חסרון אָבער פון זיין אומקרי־טיש־פּרימיטיוון אופן פון באַהאַנדלען זיין מאַטעריאַל ליגט אין זיין סביבה, אין זיין קלאַס, וואָס איז געווען באַרויבט פון וועלכע ניט איז קונסט־קולטורעלע מעג־לעכקייטן״... (ז׳ 73).

מאָריס ראָזענפעלד זאָגט עס אַליין אין אַ ליד, אַז ער „אַליין האָט די אומגליקן געטראָגן״ און אַז „ניט קיין צוקוקער״ איז ער געווען, נאָר „מיט מיר אַליין איז עס געשען״.

„ער איז געווען — זאָגט נ. ב. מינקאָוו — אינגאַנצן פאַרטראָגן מיט דעם שטראָם פון סוביעקטיווע איבערלעבענישן און באַטראַכטונגען. זיין טעמפּעראַמענט האָט נאָך צוגעגעבן מער טראַגישעס דערמיט, וואָס ער האָט ניט געקאָנט אָפּווייכן פון דער ווירקלעכקייט און זיך אַריבערטראָגן אין אַ וועלט פון טרוימען. זיין אומדערמיד־לעכע רויע שטראָמיקייט האָט אַנטפּלעקט דאָס טראַגישע אין דעם סאַמע נאָענטסטן און גשמיותדיקסטן פון אונדזער לעבן... דער מאַטעריאַל פון זיינע לידער האָט זיך שטענדיק געפונען אַרום אים״... (ז״ז 78־79).

און נ. ב. מינקאָוו גיט צו, אַז „זיין דירעקט שאַרפע טעמפּאָ, מיט אירע ריט־מיש־מוזיקאַלישע אייגנשאַפטן, מיטגעריסן פון דער ליידנשאַפט אויסצודריקן זיך האָט אַנגעלאָדן זיינע ווערטער מיט אַ פרישן, שלאַגנדיקן קוואַל פון פשטות, וואָס איז אין זיין לאַנגן לויף אָפּגעשוואַכט געוואָרן. זיין הערצאַישע טעמפּאָ איז פאַר־לוירן און פאַרפלאַכט געוואָרן. די פאַרפלאַכונג האָט זיך געוואָרצלט אין דעם מעכאַנישן אופן פון נאָכמאַכן זיך אַליין, שטיצנדיק זיך דערביי אויפן זכרון״... ער „לאָזט אָפּט אויס וואָקאַלן צוליבן וואוילגאַנג און מעטריק־באַלאַנס, ווי ער

האָט זיי פאַרשטאַנען, אָנשטאָט נאָכצוטראַכטן און איבערבויען די שורה. דאָס קאָן אפשר דערקלערט ווערן ווי אַ רעזולטאַט פון זיין האַסטיקייט בלויז אין יענע לי־דער, וואו דער טאָן איז אַ פּלוצעם־דערהויבענער. אָבער אין לידער, וואו די דער־הויבנקייט פון טאָן פאַלט, זעט זיך בוילעט זיין מעכאַנישער מעטאָד, וואָס מיס־ברויכט די ,ליצענציא פּאָעטיקא׳״...

אָבער נאָך די אַלע באַוואָרענישן, נאָך די אַלע פאַרוואורפן, וואָס נ. ב. מינקאָוו מאַכט מאָריס ראָזענפעלדן, קומט ער צום אויספיר, אַז „סיי זיינע דורכפאַלן און סיי זיינע דערגרייכונגען זיינען געווען פון אַזאַ ברייטן פאַרנעם, וואָס האָט זיך מיט אים באַוויזן צום ערשטן מאָל אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע. זיינע חסרונות, וואָס זיינען באַשטאַנען מערסטן אין ניט באַצווינגען זיין מאַטעריאַל און אין ניט קאָנטראָלירן זיין וואולקאַנישע קראַפט, זיינען שנעלער [גיכער] געווען די חסרונות פון זיין עפּאָכע״...

און דער סך־הכל, וואָס נ. ב. מינקאָוו מאַכט, בנוגע צו מאָריס ראָזענפעלדס ראָל אין דער יידישער פּאָעזיע:

„זיין דינאַמישער שוואונג, וואָס פלעגט, צייטנווייז, דערהויבן זיין ליד ביז פּאַטאָס און עקסטאַז. זיין אומדערוואַרט־סובלימירטער, פּאָעטישער איבערברוך פון איין שטימונג אין דער צווייטער, און זיין קערנדיקער, פול־טאָניקער ליריזם, וואָס פאַרלירט ניט זיין פולקייט און טאָן־אַרט אין געלייטערטע מאָמענטן פון לאַמענט און מעלאַנכאָליע״ (ז׳ 98).

זייער טרויעריק און טראַגיש זיינען געווען די לעצטע יאָרן פון דעם גרויסן יידישן דיכטער. יואל סלאָנים, וואָס האָט זיך אָפט געטראָפן מיט מ. ראָזענפעלדן, דערציילט אין זיין אַרטיקל „נאָכן טויט פון מאָריס ראָזענפעלד״ (פאַרעפנטלעכט אין „טאָג״ סוף יוני 1923): „אַן עלנטער, אַ פאַרלאָזענער, כמעט אַ פאַרוואָגלטער איז ער געווען די לעצטע יאָרן. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט, קיינער האָט זיך נישט געקימערט וועגן אים און קיינער האָט נישט אַ טראַכט גע־טאָן, נישט נאָר וועגן זיין עקאָנאָמישער לאַגע, נאָר אויך נישט וועגן זיין גייסטיקן מצב. נאָך מער, ווער עס האָט נאָר געקאָנט, האָט אויפגעהויבן די פויסט אויף אים, אָדער מיט אַ שמייכל פון ליצנות גערעדט וועגן אים. ער, דער דיכטער, וואָס איז געוואוינט געווען צו קעניגלעכע אויפנאַמעס; ער, וועלכער האָט געהאַט דעם כבוד געשעצט צו ווערן פון די גרעסטע אין איראָפּע און אַמעריקע; ער, מאָריס ראָזענפעלד, איז געוואָרן דאָ אַ ליצנות און אַ שפּאַס פאַר מענטשן, וואָס האָבן נישט געקאָנט דערגרייכן צו זיינע קנעכלען״...

10.

וואָס־ווייטער, וואָס־שפּעטער, האָט מען אַלצמער גענומען אויפנעמען און אַרויסברענגען מאָריס ראָזענפעלדן און זיין וויכטיקע ראָל און זיין גרויס באַטייט פאַר דער יידישער דיכטונג בכלל און פאַר דער אַמעריקאַנער בפרט אין אַן

אַנדער ליכט, מען האָט פאַרזען, זיך באַמיט צו פאַרזען זיינע חסרונות און אַנגעהויבן מער אַרויסרוקן און באַטאָנען זיינע מעלות טובות.

אַט, למשל, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, וואָס האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט דער פאָרשונג פון די עלטערע יידישע דיכטער אין אַמעריקע, מיט די פּיאָנערן־דיכטער, — פאַר אים וואַקסט אויס מאָריס ראָזענפעלד אין אַ וויכטיקער דיכטערישער פּערזענלעכקייט. פאַר אים האָט „אין דער אויסגעוואָרצלטקייט פונעם יידישן אימי־גראַנטן־פאָלק, אין דער האָוועניש און זוכעניש, און אויך אין טרוימעניש פון די שיף־ברידער, געראָטעוועטע פון דעם בוזעם פון ים" — פאַר ב. י. ביאַלאָסטאָצקין „איז אויפגעגאַנגען, האָט אויפגעשיינט דער נאָמען: מאָריס ראָזענפעלד", און ער טיטולירט אים: „דער ערשטער פולער, פאַרביקער, יידישער ליריקער, ערשטער קינסטלערישער פּאָעט צווישן די דעמאָלטדיקע סאָציאַלע דיכטער" („חלום אין וואָר", 1956, ז' 447).

און אין גרויס און טיפער התפעלות פאַר מאָריס ראָזענפעלדן, שרייבט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, אַז „מאָריס ראָזענפעלד האָט גאָר אין אָנהייב זיך אויך אַנטפּלעקט ווי אַ סאָציאַלער דיכטער. נאָר ער האָט געגעבן ניט נאָר דעם סוועט־שאָפּ, ער האָט שוין אויך געגעבן סביבה. ער האָט דערזען ניט סתם דריי שוועסטער, ניט סתם אַ בלינדן, — נאָר אַ יידישן בלינדן, יידישע שוועסטער, וועלכע זיצן געבויגן איבער דער ביי־מאַשין".

און נאָך: „מיט דעם זשום פון די מאַשינען האָט זיך דעמאָלט אויך צעזשומט אויף דער איסט־סאַיד מ. ראָזענפעלדס ליד: ׳עס רוישן אין שאַפּ אַזוי ווילד די מאַשינען, אַז אָפטמאָל פאַרגעס איך אין רויש ווער איך בין; איך ווער אין דעם שרעקלעכן טומל פאַרלוירן, מיין לאַך ווערט דאָרט בטל, איך ווער אַ מאַשין׳... דאָס וואָרט ׳איך׳ איז דאַן געווען אַ נייעס אין דער סאָציאַלער דיכטונג, פריער איז די דיכטונג געווען אומפּערזענלעך, אָבער ביי ראָזענפעלדן איז אַריינגעטראָטן דאָסליריש־פּערזענלעכע. דאָס איז געווען אַן אויפטו"... (ז"ז 447־448).

„אין גאַנג צום סאָציאַלן ליד — שרייבט ווייטער ב. י. ב. — האָט מ. ראָזענ־פעלד דערזען דעם אַפּרייטער, דערזען דאָס יתומל אויף דער איסט־סאַיד און דאָס פאַרבענקטע יידישע אַרבייטער־מיידל, ער האָט דערזען די פאַרפּירטע און דאָס אָרעמע געזינד. און דאָס דערזעענדיק, האָט ראָזענפעלד, דער כוחדיקער דיכטער, אויפגעהויבן זיין שטים מעשה־פּראָטעסט און געזאָגט: ׳אַזוי ווי איר קאָנט די גע־פערלעכע מויל פון ווילדן וואולקאַן ניט פאַרמאַכן — אַזוי וועט איר אויך ניט פאַר־מאַכן דעם קראַטער פון צאַרן, פון דעם, וואָס איר האַלט איצט פאַרשקלאַפט — ווען ער וועט דערוואַכן׳"...

„אָבער מאָריס ראָזענפעלד איז בלויז ביים סאָציאַלן ליד ניט געבליבן. באַלד איז געקומען זיין נאַציאָנאַלער מאָטיוו: ׳דער יידישער מאַי׳, וואו ער דערציילט, אַ היפּש ביסל סענטימענטאַל, אָבער פּאָעטיש רירעוודיק און טאַקע אויך רירנדיק, ווי דער אַלטער ייד גייט אַרום אַ פאַרלוירענער, מיט אַ שטורמישן געמיט, אויף אַ פעלד, וואָס בליט, אַ פרעמד פעלד! און מאָריס ראָזענפעלד זאָגט: ׳יעדע בלום

און יעדער דאָרן טרייבט מיט אים אַ ווילדן שפּאַס: דער סטאַבון קוקט אָן מיט צאָרן, און די קראָ שרייט מיט כעס!'" (ז' 448).

און ב. י. ב. באַטאָנט, אַז „צוגלייך מיט די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע מאָטיוון האָט זיך ביי ראָזענפעלדן באַלד אויך באַוויזן דאָס ריין־לירישע"...

.11

און אָט איז מען געקומען צו מאָריס ראָזענפעלדס 100סטן געבוירנטיאָר, און פאַר דער יידישער קריטיק איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע — וואָס איז ער געווען פאַר זיין צייט און וואָס איז ער איצט, פאַר אונדז אין ליכט פון אונדזער איצ־טיקער תקופה און אין פאַרבינדונג מיט די אַלע אַנטוויקלונגען פון אונדזער יידיש קולטור־שאַפערישן לעבן און מיט דעם האַסטיקן וואוקס פון אונדזער יידישער דיכטונג.

מיט אַנדערע ווערטער: האָבן די עטלעכע צענדליק יאָר, זינט מאָריס ראָזענ־פעלד האָט אויפגעהערט שאַפן און ווירקן, לחלוטין אים דערווייטערט פון אונדז, אים אַוועקגעשטעלט אינגאַנצן און דורכאויס מחוץ דעם דרך־המלך, דעם ברייטן שליאַך פון אונדזער כסדרדיקן הין־און־צוריק גאַנג און דער אַלץ־לעבעדיקער און ווירקנדיקער קולטור־שאַפערישער געשיכטע, אָדער פאַרקערט — ער איז נאָך אַלץ אַ שאַפערישער כוח, אַ קוועלנדיקער קוואַל, אַ נישט־אויסגעלאָשענער פייער־זייל...

אין די יובל־טעג — האָבן מיר באַטאָנט — באַדאַרפן מיר דעריבער ניט אָפּ־קומען מיט פאַרטיקע ליוב־געזאַנגען און מיט שוין־באַקאַנטע באַצייכענונגען און כאַראַקטעריסטיקעס, נאָר מיר באַדאַרפן מיט ווייט־גייענדיקע אַנאַליזן און אַנאַלאָ־גיעס, מיט נייע מאָס־און־וואָג און אַלזייטיק און ערנסט אַרויסברענגען זיינע מעלות און חסרונות, די ליכט און שאָטן אין אים, און זען, אויף וויפל די אַוועקגייענדיקע יאָרן האָבן אים דערווייטערט אָדער, פאַרקערט, דערנענטערט צו אונדז. עס וועלן אַוועקפאַלן די אומסימפּאַטישע, אָפּטמאָל־ווילדע אַרויסטריטן זיינע, עס וועט באַ־זייטיקט ווערן דער שוים, וואָס איז אַרויפגעשוואומען אויבנאויף בעתן קאָכן, זידן און צאָרנען, — און עס וועט בלייבן דאָס וויכטיקע, דאָס תוכיקע וואָס עס איז געווען אין זיין בונטאַרישער, מאַנענדיקער דיכטונג.

מיר מוזן געדענקען, אַז פון דער גרופּע דיכטער־פּיאָנערן אין אַמעריקע, פון די גרויסע זיבנער, די גרונט־לייגער פון דער אַמעריקאַנער יידישער דיכטונג, — מ. ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַדט, יוסף באָוושאָווער און זייערע וויכטיקסטע מיט־צייטלער, רוקט זיך אַרויס מאָריס ראָזענפעלד ווי דער שטאַרקסטער, פולבלוטיקער יידישער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער דיכטער. ער איז אָנגעלאָדן מיט מער פול־ווער, פאַרמאָגט מער טעמפּעראַמענט, מער לייַדנשאַפט. ער איז אויך אין דער זעלביקער צייט מער יחידיש, אינדיווידואַליסטיש, און דערביי אויך מער כלליש און פאָלקיש. ער האָט צוגעטראָגן, צוגעגעבן פלייש און בלוט דער אַלגעמיין־רע־וואָלוציאָנער יידישער דיכטונג, און זי איז געוואָרן מער נאָענט און אייגן די יידישע

פאָלקס־און אַרבעטס־מאַסן. ער האָט אין זיינע לידער געגעבן אַ פולערן אויסדרוק זייערע איבערלעבענישן, טראַכטענישן און געפילן. און אַז מען האָט אים פאָרגע־וואָרפן, אַז ער איז נישט אויסגעהאַלטן, אַז ער וואַרפט זיך פון ריכטונג צו ריכטונג, האָט ער דורך זיינס אַ ליד באַרעכטיקט עס און געשטאַלצירט מיט דעם. אין זיין לענגערן ליד „ווי איך זינג" קלערט ער אויף זיין אופן פון רעאַגירן און דיכטן:

„אַזוי זינג איך מיין ערלעך ליד,
אַוואו עס וועלקט און וואו עס בליט, —
האָב קיין באַשטימטע ריכטונג ניט.
איך זינג — דאָס זינגען איז מיין ציל,
און יעדעס ליד איז אַ געפיל.

איך קלער ניט וואו, איך קלער ניט ווען,
אַט פלוצלונג גיט אין האַרץ אַ ברען,
עס גיט אַ קלעם, עס גיט אַ שפּאַר,
אַמאָל די פרייד, אַמאָל דער צער, —
דאָס קומט פון ברוסט און ניט פון קאָפּ,
און די נשמה נאַר ניט אָפּ..."

ער איז טאַקע אין תוך מער זאָגער ווי זינגער. ער מאַכט אָפּט פון זיין פען אַ שווערד, פון זיין פעדער — אַ געווער, מיט וועלכע ער קעמפט מיט די שונאים. און אין זיין אויפגערייצטן (און אָפט אויפגעהעצטן) געמיט־צושטאַנד, האָט ער געזען אַרום, אין זיין סביבה, שונאים, וואָס לויערן אויף אים.

יאָ, ער איז געווען דער דיכטער פון גרויסן און מעכטיקן דיאַפּאַזאָן. אָפט האָט ער געבראַוויכט אין זיין זינגען און שפּילן טרומייטן און פויקן, אָפט און אָפטער ווי פידלען און פלייטן.

דאָס איז געווען אין זיין כאַראַקטער, און צו דעם האָבן אים געשטויסן די שווערע לעבנס־באַדינגונגען.

און איצט ווייסן מיר דאָך, און אין רעטראָספּעקט פון יאָרן באַגרייפן מיר אַלץ מער, אַז ער האָט געהאַט אַ זייער שווער און ביטער לעבן. ניט נאָר אין די יונגע יאָרן, ערב און אין אָנהייב פון זיין דיכטער־שאַפן, נאָר ער האָט שרעקלעך גע־ליטן און איז אויך געווען, געראַכט צי אומגעראַכט, פאַרביטערט, צעררייצט און צע־וויטיקט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. און ווי אַ אימפּולסיווע, סענסיטיווע נאַטור האָט ער יעדע זאַך אויפגענומען זייער קרענקלעך און זיך גענומען שטאַרק צום האַרצן, און שאַרף רעאַגירט דערויף דורך זיין פּאָעזיע און פּראָזע.

מיר טאָרן אין קיין פאַל ניט צוגיין צום דיכטער מיט פאַרטיקע שטאַמפּאָווע מאָס און וואָג. די סטרונעס פון ראָזענפעלדס האַרפע זיינען געווען ביז גאַר אָנגע־צויגן, און אַ ליאַדע ריר האָט געמאַכט זיי ציטערן. ווידערשפּרוכן און קאָנטראַסטן האָבן שטענדיק זיך געראַנגלט אין אים, און די ווירקלעכקייט, די סביבה, די לעבנס־באַדינגונגען האָבן אים צוגעשטעלט איבערגענוג אויפרייץ־און אויפרייס־שטאָף, וואָס האָט כסדר אין אים עקספּלאָדירט.

אין איינעם פון זיינע עפּיגראַמען זאָגט ער:

„הייסן קיל אונדז זיין און גוט,
לעבן רואיק, מיט בטחון,
ווען אין האַרץ דאָס רויטע בלוט,
אויפגעהיצט פון עוולהס גליט,

מוז פאַר כעס זיך ווילד צעקאָכן.
אַך, ווי קאָן מען בלייבן קיל,
ווען די רשעות איז צופיל ?"

און ווי, באמת, קאָן מען פון אַזאַ שטורמישער ברויזנדיקער נאַטור פאַרלאַנגען רו, האַרמאָניע, גלייכגעוויכט, באַזאָכטקייט און באַטראַכטקייט?

⁂

אינעם 100סטן געבוירנטאָג זיינעם איז די יידישע קריטיק פון פאַרשיידענע ריכטונגען און שטרעמונגען נאָך אַמאָל און ווידעראַמאָל פונדאָסניי צוגעפאַלן צו די שטראָמיקע קוואַלן פון מאָריס ראָזענפעלד און אין פאַרשיידנערליי קלענערע און גרעסערע אָפּהאַנדלונגען באַמיט זיך אַרויסצוברענגען דעם גרויסן יידישן דיכטער מיט אַלע זיינע ליכט־און שאָטן, — אין תוך מער ליכט, ווי שאָטן.

זלמן רייזען, ע״ה, האָט אין זיין „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור״ (ווילנע, 1929, ב׳ 4) געשריבן צווישן אַנדערן: „...די ליטעראַטור וועגן מאָריס ראָזענפעלד אין פאַרשיידענע שפּראַכן איז זייער גרויס, זי באַשטייט אָבער בלויז פון צייטונגס־אַרטיקלען אָדער — אין בעסטן פאַל — פון זשורנאַל־אַרטיקלען, און עד־היום איז ניטאָ קיין ערנסטע מאָנאָגראַפיע און אפילו [נישט] קיין אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון דעם גרויסן יידישן דיכטער״.

און אויך איצט, באַלד 35 יאָר ווי די דאָזיקע ווערטער זיינען געשריבן און 40 יאָר נאָך זיין טראַגישן און פריצייטיקן טויט (ער איז געשטאָרבן דעם 22טן יוני 1923) איז נאָך אַלץ ניטאָ קיין פולע, פולשטענדיקע און אויסשעפּנדיקע מאָריס ראָזענפעלד־ מאָנאָגראַפיע.

אָבער די פיל צענדליקער אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען, די ספּעציעלע זאַמלונגען און נומערן, געווידמעט דעם דיכטערס לעבן און שאַפן, האָבן אָן קיין ספק דערוועקט אַ נייעם אינטערעס, אַ נייע ליבשאַפט און פאַרערונג צום גרויסן פאָלבלוטיקן און ליידנשאַפטלעכן יידישן דיכטער.

יוני 1963.

א. האַרקאַווי און די „קאַפּיטלען פון מיין לעבן"

אלכסנדר האַרקאַווי איז געבוירן געוואָרן דעם 5טן מאַי 1863, אין נאָוואָגרודעק, ווייסרוסלאַנד. ער איז געקומען קיין אַמעריקע, אַ יונגערמאַן פון 19 יאָר, מיט דער באַרימטער גרופּע „עם עולם", נאָך די שווערע פּאָגראָמען פון 1881. געקומען אַהער מיט די פיינסטע טרוימען און פּלענער צו גרינדן דאָ קאָלאָניעס אויף קאָמור־ניסטישע יסודות. אָנגעטראָפן אויף פאַרשיידענערליי שוועריקייטן, און שטאַרק מאַטערנדיק זיך צוצושלאָגן זיך צו עפּעס אַ לייטישן מעמד, האָט ער אין 1885 פאַר־לאָזט אַמעריקע און זיך באַזעצט אין פּאַריז. דאָרט פאַרפאַסט ער זיין ערשטע פילאָלאָגישע אַרבעט אין העברייאיש „שפת יהודית", וואו ער גיט אַ היסטאָרישן איבערבליק איבער דער יידישער שפּראַך און פאַרפאַסט אויך אַ יידישע גראַמאַטיק און ער דערווייזט אַז „יידיש איז אַ שפּראַך אַזוי ווי אַלע קולטור־שפּראַכן".

געקומען צוריק קיין אַמעריקע אין 1886, האָט ער דאָ אַרויסגעגעבן אַלס „ערשטעס ביכל" פון אַ „שפּראַך־וויסנשאַפטלעכער ביבליאָטעק", אַ בראָשור „דיא אידיש־דייטשע שפּראַך" (36 ז"ז), וואו „ס'ווערן אַרומגערעדט די תקנות (אייגנ־שאַפטן) פון דעם זשאַרגאָן, וועלכער ווערט געברויכט כמעט ביי אַ העלפט יידן"...

אין די אַלע וויטערדיקע יאָרן האָט א. האַרקאַווי אַרויסגעגעבן פיל פאַרשיי־דענערליי לערנביכער, ווערטערביכער פון ענגליש און יידיש, העברייאיש, רוסיש און פּויליש. אייניקע פון זיי זיינען פיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן, מיט אַלץ נייע ענדערונגען און צוגאָבן.

אין 1893 דערשיינט זיין „פאָלשטענדיגעס ענגליש־יודישעס ווערטערבוך מיט דער אויסשפּראַכע פון יעדען וואָרט אין יודיש" (768 גרויסע, געדיכטע זייטן)... אין 1913 גיט ער אַרויס זיין „אוצר לשון המקרא" — העברייאיש־ענגליש ווער־טערבוך (790 ז"ז), און ער פאַרפאַסט אויך אַן אילוסטרירטע מאַטעמאַטישע, פיזישע און פּאָליטישע געאָגראַפיע (772 ז"ז). ער האָט פאַרעפנטלעכט נאָך און נאָך טאָשן־ווערטער ביכער, פּאָפּולערע בראָשורן וועגן גרויסע אַמעריקאַנער...

אין 1933 איז פאַרצייכנט געוואָרן איבער דער יידישער וועלט זיין 70טער גע־בוירנטאָג מיט אַ געהויבענער פייערונג אין ניו־יאָרק, ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ יובל־שריפט מיט אַ רייכער האַרקאַווי־ביבליאָגראַפיע.

אין אַן אַרטיקל וועגן א. האַרקאַווי, צו זיין 70טן געבוירנטאָג, האָט א. ר. מלאכי, באַוואוסטער ליטעראַטור־פאָרשער, געשריבן, אין העברייאיש, אַז „אלכסנדר האַר־קאַווי איז איינער פון די פּיאָנערן פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע... ער אַליין האָט ער רעדאַקטירט אייניקע צייטשריפטן און זיך באַטייליקט אין כמעט אַלע יידישע צייטונגען, וואָס זיינען דערשינען אין אַמעריקע זינט מיטן די 80ער יאָרן, און וואָס דערשיינען ביז היינט צו טאָג... ער איז געווען אַקטיוו־שאַפעריש ווי אַ רעדאַקטאָר, איבערזעצער, לעקסיקאָגראַף, היסטאָריקער, פילאָלאָג, פאַרפאַסער־

פאַרטייטשער פון לערנביכער״... און צו זיין 75טן געבוירנטאָג האָט קלמן מרמר (1876־1956) צווישן אַנדערן געשריבן וועגן א. הארקאַווי (מאַי 1938), אַז „א. האַר־קאַווי איז געווען דער ערשטער אין אַמעריקע צו שאַפן וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן אויפן געביט פון דער יידישער שפּראַך״... און „ווי אַלע פּיאָנערן, האָט א. האַרקאַווי זיך באַטייליקט אויף אַלע געביטן פון דער יידישער ליטעראַטור... געשריבן לידער, פעליעטאָנען, פּאַראַדיעס א. אַז. וו. זיין לעבנסאַרבעט איז אָבער געווען און פאַרבליבן די פאַרשונג פון דער יידישער שפּראַך״...

באַלד נאָך דעם, ווי מ׳האָט געפייערט זיין 70טן געבוירנטאָג, האָט אל. האַר־קאַווי אַרויסגעגעבן אַ ביכל אין העברייאיש, „פּרקים מחיי״ (דערשינען אין „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני״, ניו־יאָרק, 1934, 62 ז״ז). צום ביכל האָט ער צוגעגעבן אַ פאָרוואָרט „דבר אל הקוראים״ (אַ וואָרט צו די לייענער).

מיר ברענגען דאָ שורות פון אָט דעם פאָרוואָרט, וואָס ווייזן, וואָס פאַר אַ באַ־שיידענער און האַרציקער און ליבער מענטש ער איז געווען. ער שרייבט צווישן אַנדערן: „איך פיל אין זיך, אַז איך באַדאַרף זיך פאַרענטפערן פאַר די לייענער, וואָס איך גיי זיי געבן מיין לעבנס־געשיכטע. איך ווייס, אַז איך בין נישט קיין גרויסער מענטש, און ס׳איז דאָך אָנגענומען, אַז דער עולם האָט נישט קיין אינטע־רעס פאַר דער לעבנס־געשיכטע פון אַ פּריוואַטן מענטשן, סיידן ער איז אַזוי גרויס ווי שלמה מיימון, מרדכי אהרן גינצבורג אָדער „צלפחד בן חשים התחה [משה לייב ליליענבלום]... איך רעכן זיך נישט פאַר אַ גרויסן מענטש; אָבער עס זיינען אויך דאָ גאַנץ־געוויינלעכע מענטשן, וואָס זייער לעבנס־געשיכטע פאַרמאָגט גענוג שטאָף צו פאַרווילן אָדער פאַראינטערעסירן אַ לייענער. איך האָב די העזה צו טראַכטן, אַז איך געהער צו אָט־דעם מין. איך האָף, אַז די לייענער וועלן מסכים זיין מיט מיר נאָך דעם, ווי זיי וועלן איבערלייענען די קאַפּיטלען פון מיינע לעבנס־פּאַסירונגען. מיין פּריוואַט לעבן איז פאַרבונדן מיט די לעבנס־באַדינגונגען פונעם כלל, און אין דער לעבנסגעשיכטע פון אַ מענטשן פון אַ באַשטימטן קרייז און ריכטונג ווערט די געשיכטע, מער אָדער ווייניקער, אויך די געשטאַלט פון אָט־דעם קרייז און ריכטונג. די באַוואוסטע דענקער האָבן אָנערקענט, אַז די געשיכטע פון איין מענטשן, אויב נאָר זי פאַרמאָגט אין זיך וויכטיקס, איז אינטערעסאַנט ווי אַ בלעטל, ווי אַ קאַפּיטל אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון דער מענטשהייט. ביזן עלטער פון 19 יאָר האָב איך געלעבט אין מיין היימלאַנד, אין רוסלאַנד, און געווען פאַרבונדן מיט די דאָרטיקע לעבנס־באַדינגונגען. אין מיין לעבנס־געשיכטע וועלן די לייענער געפינען די געשיכטע פון אַ יידן, וואָס איז אַ האַלבער רוס און אַ האַלבער אַמעריקאַנער. איך וויל גלויבן, אַז די לעבנס־געשיכטע פון אַזעלכע מיני פּריוואַטע מענטשן וועט מיטהעלפן צו שאַפן, און אויפצושטעלן אַ בילד פון דער געשיכטע פון די רוסלענדישע יידן אין אַמעריקע״.

די „קאַפּיטלען פון מיין לעבן״ האָב איך איבערגעזעצט זומער 1939 נישט נאָר מיט זיין וויסן און גוטווילן, נאָר יעדעס קאַפּיטל האָב איך אים פאַרגעלייענט אין מיין איבערזעצונג, ער האָט עס אויפמערקזאַם אויסגעהערט, פאַרריכט דאָ און דאָרט אַ וואָרט, און אָפט פלעגט ער זיך צעוויינען, קוקן אויף מיר און אַ פאַרגאַפּטער

פרעגן: „האָב איך טאַקע אַזוי געשריבן?" פון די 16 קאַפּיטלען אינעם ביכל האָב איך איבערזעצט בלויז איינִיקע, אָנגעהויבן פון קאַפּ. 9. אויך די ערשטע קאַפּיטלען האָבן אַ קולטור־היסטאָרישן ווערט.

מיר דרוקן זיי דאָ איבער, ווייל „יידישע קולטור", וואו די קאַפּיטלען זיינען געדרוקט געווען, זיינען אַ יקר־המציאות, אויך דער אָריגינאַל „פּרקים מחיי" איז איצט שווער צו קריגן.

אַלכסנדר האַרקאַווי איז געשטאָרבן דעם 2טן נאָוועמבער 1939, ס'ווערט היי־יאָר 25 יאָר, ווי ער איז אַוועק פון אונדז.

זאָלן די „קאַפּיטלען פון מיין לעבן", וואָס דערציילן וועגן מאָמענטן פונעם לעבן פונעם פאַרדינסטפולן פאָרשער און קענער, דעם פלייסיקן טוער אויפן געביט פון מאַסן־קולטור, — זיין אַ באַשיידענער צושטייער צו זיין אָנדענק.

נ. מ.

אַפּריל, 1964

אלכסנדר האַרקאַווי

קאַפּיטלען פון מיין לעבן

1. נאָך די פּאָגראָמען פון די 80ער יאָרן

די יאָרן 1881־1882 זיינען פאַר די יידן אין רוסלאַנד געווען שווערע און גרויזאַמע. עס זיינען אויסגעבראָכן אין דרום־רוסלאַנד שוידערלעכע פּאָגראָמען, וואָס האָבן אַ תל געמאַכט פון יידנס האָב און גוטס און אויפגערודערט דאָס גאַנצע יידישע לעבן. מאַסן יידן זיינען געלאָפן צו דער גרענעץ, כדי פון דאָרטן לויפן ווייטער. אין יענער צייט האָבן זיך אין אייניקע רוסישע שטעט אָרגאַניזירט קרייזלעך פון יידישע יוגנט־לייט, פון דער שטודירנדיקער יוגנט, מיטן צוועק צו פאָרן קיין אַמעריקע, איינצואָרדענען זיך ביי ערד־אַרבעט. פרילינג 1882 האָט זיך אַזאַ מין באַוועגונג אָנגעהויבן אויך אין ווילנע, צווישן די ווילנער יידישע אינטעליגענטן, און עס האָט זיך דאָרט געבילדעט אַזאַ מין קרייזל. אויך איך, וואָס כ׳האָב געוואוינט אין ווילנע, בין צוגעשטאַנען צו אַזאַ גרופּע. איך בין דאַן אַלט געווען קוים ניינצן יאָר. לויט די תקנות פון דער חברה, האָט יעדער איינער פון די מיטגלידער באַדאַרפט צוגרייטן זיבעציק רובל אויף דער רייזע. מיין קרובה, וואָס האָט געהאַט אַן אויג אויף מיר, האָט מסכים געווען אויף מיין רייזע קיין אַמעריקע.

ערד־אַרבעט, קאָלאָניזאַציע איז דעמאָלט געווען אַ אידעאַל ביי דער יידישער אינטעליגענץ אין רוסלאַנד. עס זיינען דאַן געווען צוויי שטרעמונגען אינעם יידישן לעבן. איינע האָט געהאַלטן פון אַן עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע (ישוב ארץ־ישראל) און די אַנדערע האָט געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע לטובת דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע.ביידע אָט די ריכטונגען זיינען געווען טיף פאַרבונדן מיטן יידישן פאָלק. מער ניט יעדע איינע האָט אויסגעקליבן אַן אַנדער לאַנד פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אירע אידעאַלן. אָט די צוויי ריכטונגען האָט מען דאַן גערופן לויט די לענדער, וואוהין זיי האָבן געשטרעבט: „פּאַלעסטינצעס״ און „אַמעריקאַנצעס״.

דאָס פּראָבלעם „פּאַלעסטינע אָדער אַמעריקע״ האָט דאַן שטאַרק באַשעפטיקט די יידישע שרייבער און טוער אין רוסלאַנד. אין 1881 האָט דער באַרימטער שרייבער מ. ל. ליליענבלום פאַרעפנטלעכט אַ שאַרפן אַרטיקל וועגן אָט דער פראַגע אין דער רוסיש־יידישער צייטשריפט „ראַזסוועט״. אָנהייב 1882 האָט י. י. לינעצקי אָפּגעדרוקט אַ בראָשור אין יידיש „אַמעריקע צי ארץ ישראל״. די ביידע שרייבער האָבן געשטיצט דעם געדאַנק פון ישוב ארץ ישראל. אין רוסלאַנד זיינען דאַן געווען זעקס צייטונגען פאַר יידן: אין רוסיש — „ראַזסוועט״, „רוסקי יעווריי״ און „וואָסכאָד״, „המליץ״ אין פּעטערבורג און „הצפירה״ אין וואַרשע, אין יידישע

צייטשריפט — „פּאַלקסבלאַט" אין פּעטערבורג. דער „ראַזסוועט", „המליץ" און „פּאַלקסבלאַט" זיינען געווען אָנהענגער פון ארץ ישראל, די איבעריקע צייטונגען האָבן געפּרעדיקט די עמיגראַציע קיין אַמעריקע.

פון די צוויי דערמאָנטע ריכטונגען אין דער יידישער וועלט איז די ריכטונג „אַמעריקאַנער" געווען די שטאַרקסטע און גרעסטע. די עמיגראַנטן, וואָס זיינען געלאָפן פון די רוסישע שטעט קיין אויסלאַנד, האָבן זיך געגויטיקט אין הילף. די „פּאַלעסטינצעס" האָבן באַקומען שטיצע פון רוסישע יידן, און די „אַמעריקאַנער" האָבן אַרויסגעקוקט אויף הילף פונעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט, וואָס איז באַקאַנט געווען מיטן נאָמען „היברו אימיגראַנט עיד סאָסייעטי".

די ווילנער גרופּע, צו וועלכער איך בין צוגעשטאַנען, האָט געהאַט אַ צוואַנציק מיטגלידער, אַ טייל פון זיי גימנאַזיע־שילער פון די העכערע קלאַסן. זיי האָבן איבערגעריסן זייער שטודירן כדי צו ווידמענען זיך דער ערד־אַרבעט, אָבער קיינער פון אונדז האָט קיין באַגריף ניט געהאַט וועגן אָט דער אַרבעט. מיר זיינען אַלע געווען יונגע נאַאיווע טרוימער. אין דער יידישער וועלט איז אַרויס אַ קול „ערד־אַרבעט", האָבן מיר זיך געלאָזט נאָך אים. אין אונדזער פאַנטאַזיע האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט, אַז עס וועט אונדז גרינג זיין צו ווערן פּויערן, און באַזונדערס — אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן, וואָס האָט פון ווייטן אויסגעזען פאַר אונדז ווי אַ גן־עדן. אין מיינעם אַ בריוו צום ברודער, פון 19טן מערץ 1882, האָב איך געשריבן פּאָלגנדיקע באַגייסטערטע ווערטער: ...„איך האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און איך פאָר קיין אַמעריקע... איך האָף, אַז דאָרט וועל איך געפינען רו און אָפּרו, ווייל אַמעריקע איז אַ געבענטשט לאַנד אין אַלע הינזיכטן... איך וועל דאָרט ווערן אַן ערד־אַרבעטער".

אונדזער קרייז איז געשאַפן געוואָרן פעברואַר 1882. די ערשטע אַרבעט איז געווען צו קומען אין פאַרבינדונג מיטן „עם עולם" — אַ חברה, וואָס האָט שוין עקזיסטירט פון פריער אין קיעוו, — זי זאָל אונדז נעמען אונטער אירע פליגל. מיר האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק אַנצושליסן זיך אין דער קיעווער גרופּע, ווייל זי האָט שוין געהאַט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דעם ניו־יאָרקער קאָמיטעט צו העלפן די עמיגראַנטן און אפילו באַקומען פון דאָרט אַ צוזאָג צו שטיצן זי ביים אַריבערפאָרן קיין אַמעריקע. די קיעווער גרופּע האָט גערן אָנגענומען אונדזער פאָרשלאָג, און מיר זיינען פאַראייניקט געוואָרן אונטער דעם נאָמען „עם עולם". דאַן האָבן זיךביידע גרופּעס צונויפגערעדט וואו זיך צו טרעפן, כדי ווייטער פאַרצוזעצן צוזאַמען די נסיעה קיין אַמעריקע. מיר האָבן באַשטימט דעם טרעף־פּונקט אין ליווערפּול (ענגלאַנד), וואו מיר וועלן זיך זעצן אינאיינעם אויף דער שיף. די ביידע גרופּעס האָבן געהאַט עלטסטע, אַנפירער. דער ראש פון דער קיעווער גרופּע איז געווען ב. אַלייניקאָוו, ע"ה, אַ סטודענט פון אוניווערסיטעט, וואָס איז דערנאָך געווען אַן אַדוואָקאַט אין ניו־יאָרק, דער אָנפירער פון אונדזער גרופּע איז געווען דער גימנאַזיסט א. קאַספּע (דערנאָך אַ דאָקטער־מעדיצין אין ניו־יאָרק).

די מיטגלידער פון אונדזער ווילנער גרופּע פלעגן זיך פון צייט צו צייט צונויפקלייבן כדי צו באַטראַכטן פאַרשיידענע פראַגן און צו מאַכן די נויטיקע הכנות

צו דער רייזע. איינע פון די הויפּט־באַדינגונגען איז געווען — צו שאַפן אַ געמיינ־זאַמע קאַסע פאַר אַלע מיטגלידער. אונדזער לעצטע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען סוף אַפּריל 1882 אויף אַ בערגל אַרום „זשעלעזנאַיאַ כאַטקאַ״, הינטער ווילנע. דאָרט האָבן מיר באַשטימט דעם טאָג פון אונדזער אָפּפאָר, אָנהייב מאַי. מיר זיינען צוגעטראָטן צו מאַכן די לעצטע פאַרבערייטונגען צו דער רייזע: איך האָב צוגע־גרייט די נויטיקע מלבושים, זיך צעזעגנט מיט מיינע פריינט און קרובים אין ווילנע, איינגעפּאַקט דאָס ביסל זאַכן, און דער עיקר — מיינע ביכער, און זיך גענומען לערנען ענגליש.

2. מיר פאָרן קיין אַמעריקע

עס איז געקומען דער טאָג אַרויסצופאָרן פון ווילנע. צען אינדערפרי האָבן מיר אַלע זיך געדאַרפט טרעפן אויף דעם ווילנער וואָקזאַל. ווען עס איז געקומען די צייט צו פאַרלאָזן די שטאָט, האָט זיך דערוועקט אין מיר אַ שטאַרקע צוגעבונדנ־קייט און בענקשאַפט צום געבוירנלאַנד און עס האָט מיר גענומען באַנג טאָן, וואָס איך פאַרלאָז דאָס לאַנד און פאָר קיין אַמעריקע. אָבער פאַרפאַלן, חרטה צו האָבן — איז שוין געווען צו־שפּעט. מיט אַ געבראָכן געמיט האָב איך זיך אָפּגעזעגנט מיט פריינט און זיך געלאָזט צו דער באַן, וואו עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די מיטגלידער פון אונדזער גרופּע.

פון ווילנע האָבן מיר זיך געלאָזט פאָרן צו דער ריכטונג פון אַ קליין ליטוויש שטעטל ביי דער פּרייסישער גרענעץ. מיר זיינען געקומען אַהין נאָך מיטאָג און פאַרפאָרן אין אַן אכסניא אויסער דער שטאָט. דאָרט האָבן מיר געטראָפן אַ יידן, וואָס האָט זיך אונטערגענומען אַריבערפירן אונדז איבער דער גרענעץ. מיר האָבן אָפּגעמאַכט צו דריי רובל פון אַ מענטש. פאַרנאַכט איז דער ייד געקומען אין אַ גרויסן וואָגן און האָט אונדז אָפּגעפירט צו דער גרענעץ. דאָרט האָט ער אונדז באַ־פוילן אַראָפּצוקריכן פון דער פור. מיר זיינען פאַרבליבן איינע אַליין: דער ייד איז אַוועק פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער גרענעץ־וואַך. מיר האָבן דערוייל געכאַפּט דעם אמתן ציטער: „ווער ווייסט, אַט וועט אונדז באַמערקן דאָס גרענעץ־מיליטער, וועט אונדז פאַקן און דאַן זיינען מיר פאַרפאַלן!״ אין אַ שעה אַרום איז צוריקגעקומען דער ייד אין דער באַגלייטונג פון אַ קריסט. זיי האָבן אונדז גע־הייסן גיין נאָך זיי. מיר האָבן געפאָלגט און ווי שאָף נאָכגעגאַנגען. די גרענעץ־פּאַס איז געווען ליימיק און פול גריבער מיט וואַסער. אָבער עס העלפט ניט. מיר האָבן געשפּאַנט און זיינען אַלע שטאַרק מיד געוואָרן. נאָך אַזאַ אַרומבלאָנקען איבער אומבאַקאַנטע ערטער זיינען מיר לסוף אָנגעקומען אין דער דייטשישער שטאָט איידטקונען. די קורצע צייט פון אונדזער שלעפּן זיך האָט זיך אויסגעצויגן פאַר אונדז ווי אַ שטיק אייביקייט. אַז די באַגלייטער האָבן אונדז ענדלעך דערקלערט, אַז מיר זיינען שוין אויסער רוסלאַנד, איז קיין סוף ניט געווען צו אונדזער פרייד.

קיין איידטקונען זיינען מיר אָנגעקומען נאָך האַלבער נאַכט. מיר זיינען אַריין אין אַ האָטעל. מיר האָבן דאָרט איבערגעביסן, פאַרטרונקען מיט דייטשן ביר און

זיינען געווען זייער צופרידן, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזן אונדזער אכזריותדיקע היימ־לאַנד און באַטראַטן מיט אונדזערע פיס די דייטשישע ערד, וואָס האָט זיך דאַן אויסגעצייכנט מיט איר הויכער קולטור און גוטער באַציאונג צו די בירגער. מיר זיינען מידע אַנידערגעפאַלן און געשמאַק איינגעשלאָפן. אינדערפרי האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט און פריידיקע זיך געלאָזט שפּאַצירן איבער דער שטאָט. מיר האָבן געטראָפן אין די גאַסן גרופּעס מענטשן. מיר האָבן געכאַפּט מיט זיי אַ שמועס וועגן דייטשלאַנד און וועגן דער באַציאונג פון דער באַפעלקערונג צו איר רעגירונג. די אָרטיקע בירגער האָבן געלויבט אין טאָג אַריין דייטשלאַנד און מיט שטאָלץ דער־ציילט וועגן דער ליבע און איבערגעגעבנקייט, וואָס עס הערשט ביי די בירגער צו זייער מלוכה. איך האָב ביי איינעם געפרעגט, ווי די יידן באַציען זיך דאָ אין לאַנד צו מיליטער־דינסט, דערויף האָט מיר דער מאַן געענטפערט, אַז דאָ גייט מען גערן דינען; אויב עס ווערט ווער עס איז פאַרבראַקירט, טוט עס אים שטאַרק באַנג. און ער האָט מיר דערציילט אַ מעשה וועגן איינעם אַ יידן אין איידטקונען, וואָס מען האָט אים, צוליב אַ חסרון, ניט געוואָלט צונעמען אין מיליטער, האָט ער זיך געלאָזט פיל קאָסטן, און אַז עס האָט דאָך ניט געהאָלפן, האָט ער געהאַט גרויסע יסורים דערפון. דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ גרויס וואונדער, און איך האָב מיר געטראַכט: זעט דעם אונטערשייד צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד!

אין איידטקונען האָבן מיר פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג און דערנאָך האָבן מיר זיך געלאָזט מיט דער באַן קיין האַמבורג. אין אָט דער האַפן־שטאָט זיינען מיר געווען צוויי טעג. דאָ איז געווען אַ הילף־קאָמיטעט פאַר די יידישע עמיגראַנטן, וואָס זיינען דאַן געקומען אין די טויזנטער אויפן וועג קיין אַמעריקע. צו אָט דעם קאָמיטעט האָבן מיר זיך געווענדט מיט דער בקשה צו קויפן פאַר אונדז שיף־קאַר־טעס אויף אַן ענגלישער שיף צו אַ ביליקערן פּרייז, וואָס דער קאָמיטעט האָט גע־קראָגן. מיר האָבן עס געפּועלט, און אַזוי אַרום האָבן מיר פאַרשפּאָרט פון אונדזער אַלגעמיינער קאַסע אַ ביסל געלט. פון האַמבורג האָבן מיר זיך געלאָזט אויף אַ שיף דורכן צפון־ים צו דער שטאָט האַרטלעפּול אין ענגלאַנד, און פון דאָרט זיינען מיר געפאָרן מיט דער באַן צו דער האַפן־שטאָט ליווערפּול, וואו מיר האָבן אָפּגעשמועסט זיך צו טרעפן מיט דער קיעווער גרופּע „עם עולם". די גרופּע איז געקומען אין פיר טעג אַרום. עס איז געווען פאַר אונדז אַלעמען אַ גרויסע שמחה, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט אונדזערע פאַרבינדעטע פון קיעוו. די פירער פון דיביידע גרו־פּעס האָבן אַרומגעשמועסט פאַרשיידענע ענינים, און עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז זיי און מיר זיינען פאַרבונדן און פאַראייניקט ווי ברידער פון איין חברה. די קיעווער גרופּע איז באַשטאַנען פון אַ זיבעציק מאַן, מענער און פרויען. דאָס רוב — יונגע לייט, אינטעליגענטן, אויך אַזעלכע טרוימער ווי מיר. צווישן די קיעווער מיטגלידער איז אויך געווען דער שפּעטערדיקער דיכטער דוד עדעלשטאַט, ער איז דאַן אַלט געווען אַן אַכצן יאָר. די באַגעגעניש פון די ביידע גרופּעס איז פאָרגע־קומען דעם 15טן מאַי נאָכמיטאָג. אין יענעם טאָג האָבן מיר זיך אַרויפגעזעצט אויף דער שיף „בריטיש פּרינס" און פאַרנאַכט האָט די שיף זיך געלאָזט אין ווייטן וועג אַריין און אונדז אַלעמען געפירט אין דעם נייעם לאַנד.

די שיף „בריטיש פּרינס" איז געווען ווי אַ שווימענדיקע שטאָט, זי האָט גע־פירט אַ מאַסע מענטשן. אַלע וואָס זיינען געפאָרן פון רוסלאַנד, אויסער אונדזערע גרופּעס, זיינען געווען יחידים, זיי זיינען געפאָרן קיין אַמעריקע צו זוכן אַרבעט, יעדער איינער לויט זיין פאַך און באַגער. די מיטגלידער פון אונדזער „עם עולם" האָבן געקוקט אויף דער מאַסע פון אויבן אַראָפּ: „עפּעס אַ קליינינקייט! זיי אַלע פאָרן קיין אַמעריקע גלאַט אַזוי, און מיר, מיר האָבן פאַר זיך אַ געהויבענעם אידע־אַל, מיר גייען וויזן דער וועלט, אַז אויך יידן קענען זיין ערד־אַרבעטער!" און אונדזער פאַנטאַזיע האָט אונדז געמאָלן בילדער, ווי מיר זיצן אויף אונדזער אייגע־נעם באָדן אין אַמעריקע און באַאַרבעטן די פעלדער און גערטנער! מיר זיינען געווען זיכער, אַז מיר וועלן דערגרייכן אונדזער ציל אין דעם נייעם לאַנד. מיר האָבן שוין אויף דער שיף געפירט הייסע דעבאַטן צווישן זיך וועגן די אינסטיטו־ציעס, וואָס מיר וועלן אויפבויען אין אונדזער ישוב, וועגן די ביכער, וואָס מיר וועלן פאַרשאַפן זיך אין אונדזערע ביבליאָטעקן, און בעיקר האָבן מיר ניט געקאָנט אַדורכקומען צווישן זיך אין דער פראַגע, צי וועלן מיר אויפבויען אַ שול צום דאַווענען אָדער ניט. אין אָט דער פראַגע איז דער רוב געווען קעגן. פון גרויס פרייד און גליק, וואָס אונדז דערוואַרט אין אַמעריקע, האָבן מיר די גאַנצע צייט געטאַנצט און געשפּרונגען און געזונגען לידער. ניט געקוקט אויף די שטאַרקע שטורעמס און ניט געקוקט אויף דער ים־קראַנקייט, וואָס מיר האָבן געליטן, זיינען מיר אַלע געווען פריילעך.

ווי גליקלעך זיינען מיר געווען אויף אונדזער רייזע איבערן שטורמישן אַט־לאַנטישן ים.

3. מיר קומען אָן קיין אַמעריקע

דעם 30טן מאַי, 15 טעג נאָך דעם, ווי אונדזער שיף איז אַרויס פון ליווערפּול, זיינען מיר צוגעקומען בשלום צום ברעג פון צפון־אַמעריקע און זיינען אַראָפּ אויף דער יבשה. אונדזער שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי פילאַדעלפיע, פּענסילוועניאַ. אויף מאָרגן האָבן מיר זיך געזעצט אויף דער באַן צו פאָרן קיין ניו־יאָרק, וואו עס האָט זיך געפונען דער קאָמיטעט צו שטיצן די אימיגראַנטן. מען האָט אונדז גע־בראַכט אין „קעסל־גאַרדן", וואָס האָט זיך געפונען אין דרום פון ניו־יאָרק. דער „קעסל־גאַרדן" איז געווען אַ קיילעכדיקע געביידע אויף דער באַטערי גאַס. דער בנין איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1805, עס איז געווען אַ פעסטונג און עס האָט זיך גערופן טאָקע „פאָרט קלינטאָן". דערנאָך אין לויף פון עטלעכע יאָר איז דאָרט געווען אַ אָפּערע־הויז און אויך אַ זאַל, וואו מען האָט מקבל פּנים געווען גאָר חשובע געסט. פון 1855 ביז 1891 האָט מען דאָ אויפגענומען די אימיגראַנטן, וואָס האָבן געשטראָמט קיין ניו־יאָרק פון פאַרשיידענע לענדער. אין אָט דעם אָרט האָבן מיר זיך אָפּגערוט פון אונדזער וווייטן און שווערן וועג. אונדזער הויפּט־פירער, דער ראש פון דער קיעווער גרופּע, איז אַוועק אין „אָפיס" פונעם קאָמיטעט צו שטיצן

די אימיגראַנטן, וואָס האָט זיך געפונען אין דער סטייט גאַס, איבערצוגעבן דאָרט וועגן אונדזער קומען און דערוויסן זיך וואָס זיי קענען טאָן פאַר אונדז.

זינט אונדזער חברה „עם עולם" איז געגרינדעט געוואָרן ביז מיר זיינען געקו־מען קיין ניו־יאָרק, פאַר אָט דער צייט זיינען אָנגעקומען מאַסן יידן פון רוסלאַנד. זייער צאָל איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געמוזט אויפשטעלן אין הויף פון „קעסל גאַרדן" אַ גרויסע הילצערנע געביידע, — אַ שוץ פאַר רעגנס און אויף נאַכט־לעגער פאַר די עמיגראַנטן, אָבער ס'איז געווען וויניק. דער גאַנצער פּלאַץ אַרום „קעסל גאַרדן" איז געווען פול־געפּאַקט מיט עמיגראַנטן. אויף די גאַסן אַרום דעם פּלאַץ, אויף די סטייט און די גרינוויטש גאַסן, ווי אויך אויף דער אַהייב פון בראָד־וויי, זיינען געזעסן אויף דער ערד ווייבער מיט קליינע קינדער אויף די הענט, זיי האָבן ניט געהאַט קיין ווינקל וואו צוצושפּאַרן דעם קאָפּ. צוליב דעם געוואַלדיקן שטראָם עמיגראַנטן, וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד, איז דער קאָמיטעט אויך ניט געווען בכוח צו טאָן עפּעס וויכטיקס פאַר זיי, האָט ער זיך באַגנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט באַזאָרגט די גרויסע מאַסע מיט ברויט.

די קאָמיטעט־מיטגלידער האָבן אויפגענומען אונדזער פאָרשטייער זייער העפ־לעך, אָבער דערביי האָבן זיי אים געמאָלדן, אַז אין דער איצטיקער לאַגע קאָנען זיי פאַר אונדזער גרופּע גאָרנישט ניט טאָן, אָבער אַזוי ווי מיר זיינען דאָך געקומען קיין אַמעריקע אויף זייער אַ צוזאָג, נעמען זיי אויף זיך צו שטיצן אונדז די ערשטע צייט מיט עסן און מיט אַ דירה צום וואוינען. אַז אונדזער פאָרשטייער איז צוריק־געקומען און אונדז מיטגעטיילט וואָס מ'האָט אים אין קאָמיטעט געענטפערט, זיי־נען מיר ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן אין אַ טיפן תהום. „אויס מיט ערד־אַרבעט. עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם פון אונדזער טרוים!" און אַנדערע האָבן מיט באַדויערן געמורמלט: „אַ שאָד, וואָס מיר האָבן זיך געלאָזט אַהער!" אמת, מיר האָבן זיך גיך באַרואיקט און זיינען צו זיך געקומען. ווען מיר האָבן געזען וויפל פון אונדזערע ברידער וואַלגערן זיך אויף די גאַסן און האָבן ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, זיינען מיר געווען צופרידן לכל הפחות פון דעם צוזאָג צו געבן אונדז דערווייל אַ מקום מנוחה און צו שפּייזן אונדז.

די חברה צו שטיצן עמיגראַנטן האָט דאַן אויפגעהאַלטן אַ היים אין גרינ־פּאָינט, אויף לאָנג איילאַנד ביי ניו־יאָרק. דאָרט האָט מען געגעבן די עמיגראַנטן אַ ווינקל און אויך עסן אַ קורצע צייט, זיי זאָלן צו זיך קומען נאָך דער רייזע. אין אָט דעם הויז האָט מען אונדז געבראַכט, און מיר זיינען דאָרט געווען אַ זיבן טעג. מיר האָבן גערעכנט צו פאַרברענגען אין דעם עמיגראַנטן־הויז עטלעכע וואָכן, אָבער אין אַ וואָך אַרום האָט מען אונדז געבעטן גיין. דאָס האָט אונדז שטאַרק ניט געשמעקט, און מיר האָבן באַשלאָסן קעגן דעם ווילן פון די קאָמיטעט־מענטשן צו בלייבן דאָרט. אַז די באַאַמטע האָבן געזען, אַז מיט כוח וועלן זיי מיט אונדז גאָרנישט אויפטאָן, האָבן זיי זיך געלאָזט אויף אַן אַנדער וועג... אויפן אַכטן טאָג זיינען צו אונדז געקומען צוויי שליחים פונעם ניו־יאָרקער קאָמיטעט און אונדז איינגעשמועסט צו גיין אין באָד אַריין. מיר זיינען געווען קויטיק פון וועג און זיי־נען צופרידן געווען צו טאָן עס. די שליחים האָבן אונדז איבערגעפירט קיין ניו־

יאָרק, און דאָרט, פון יענער זייט טייך, האָבן זיי אונדז דערקלערט, אַז מיר קענען מער ניט פאַרבלייבן אין גרינפּאָינט. יאָ, „זיי האָבן אונדז טאַקע געפירט אין באָד אַריין!״ — האָבן מיר שפּעטער איבערגעחזרט דאָס באַקאַנטע יידישע ווערטל.

איך מוז זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן אונדזער פּירעכץ אין דעם עמיגראַנטן הויז. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר זיינען געווען מענטשן אידעאַליסטן, אָבער דאָך האָבן מיר זיך געהאַלטן ניט גאָר לייטיש. אמת, די באַדינגונגען אין הויז זיי־נען געווען ניט קיין גוטע. דער אויפזעער פונעם הויז איז געווען אַן אַלטער דייטשער ייד מיט מאָדנע מאַנירן און מעטאָדן. און אַזוי ווי מיר האָבן ניט געפאָלגט זיינע אָנווייזונגען און פאָדערונגען, זיינען געווען שטענדיקע סכסוכים צווישן אים און אונדז. אייניקע פון אונדז פלעגן אים ממש דערגיין די יאָרן. אַט האָט איינער ביי־נאַכט, ווען דער אַלטער איז שוין געלעגן אין זיין בעט, געגומען שרייען, אַ צוויי־טער האָט געקרייט ווי אַ האָן, אַן אַנדערער האָט זיך געציקלט ווי אַ חזן, איינער האָט געהאַלטן אַ מגידישע דרשה און גאָר אַן אַנדערער האָט געהאַקט פּערזן ווי אַ בדחן, און אַזוי ווייטער. אַז דאָס איז דערגאַנגען צום קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, זיינען געקומען חשובע דעלעגאַטן אונדז צו מוסרן. אָבער דאָס האָט גאָרניט געהאָלפן; ווי נאָר די שליחים זיינען צוריק אַוועק, האָבן מיר ווידער אָנגעהויבן פּראַווען אונדזערע שטיק.

דער קאָמיטעט צו העלפן די עמיגראַנטן האָט אונדז דאָך ניט פאַרלאָזט; זיי האָבן אונדז ווייטער געשטיצט. מיר זיינען פאַרבליבן אין ניו־יאָרק, זיי האָבן באַ־שטימט פאַר אונדז הילף אויף נאָך אַ חודש צייט און געדונגען פאַר אונדז אַ גרויס צימער אויף דער דיוויזשאָן גאַס נומ. 4 מיט אַ האַלב. מען האָט געקויפט פאַר אונדז אַן אויוון צום קאָכן. מיר אַליין האָבן פאַרוואַלטעט מיטן הויז. מיר האָבן אויסגע־טיילט אַ ספּעציעלן מענטש, וואָס זאָל קאָכן פאַר אונדז און אויך באַשטימט אַן אויפזעער אויפן עסן. מיר האָבן אַליין געקאָכט, אָבער מיר האָבן קיין אַכט ניט געלייגט אויף דער ריינקייט. דאָס גאַנצע מעבל איז באַשטאַנען פון אַ לאַנגן טיש און לאַנגע הילצערנע בענק. מיר זיינען געשלאָפן אויף אונדזערע פּעקלעך אויף דער פאָדלאָגע. בלויז די פרויען און אַ פּאָר בחורים האָבן זיך געדונגען בעטלעך צום שלאָפן אין די נאָענטע האָטעלן, ווייל אין צימער איז קיין פּלאַץ ניט געווען פאַר אַלעמען.

ווען מיר זיינען געווען אינעם עמיגראַנטן־הויז, האָבן מיר גאָר פאַרגעסן, אַז אָט־אָט און מיר וועלן דאַרפן איינגיכן אַוועק. מיר האָבן ניט געטראַכט וועגן מאָרגן און גאַנצע טעג געזעסן אין הויז. צווישן איין סעודה און דער אַנדערער פלעגט זיך איינער אַרומדרייען הין און צוריק אין צימער און דעקלאַמירן רוסישע לידער, אין דער זעלבער צייט פלעגט אים קרייצן אַ צווייטער מיט אַ בוך פון פּוילישן מיצקעוויטש; איינער פון אונדז איז זיך געזעסן ערגעץ אין אַ ווינקל און פלייסיק געלייענט אַ בוך, אָדער גאָר געשריבן אַ ליד אָדער אַן אַרטיקל; ביים אויוון איז געשטאַנען אַ גרופּע יונגע לייט און זיך געקריגט מיטן קאָכער פאַר די צו־קליינע פּאָרציעס עסן, וואָס ער גיט; אויף די פּעקלעך, וואָס זיינען געווען צעוואָרפן אי־בערן צימער אויף דער פאָדלאָגע, זיינען געלעגן אייניקע, פאַרוואָרפן די הענט

אויף דער ברוסט און מיט די אויגן געווענדט צום סופיט — אַט אַזעלכע מיני סצע־נעס האָט מען כסדר געזען אין אונדזער צימער אויף דיוויזשאַן גאַס.

אין אַט דער דירה האָט זיך באַוויזן נאָך איינער אַן עמיגראַנט — אברהם קאַהאַן פון ווילנע (שפּעטער דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס") וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע זעקס וואָכן נאָך אונדז. ער האָט צייטווייליק געוואוינט מיט אונדז, און איז געווען אַזוי אומגליקלעך ווי מיר, די איבעריקע מיטגלידער פון „עם עולם". צווישן אונדזער גרופּע איז אויך געווען די פריילין אַננאַ בראָנשטיין פון קיעוו, וואָס איז דערנאָך געוואָרן די לעבנס־באַגלייטערין פון אב. קאַהאַן.

אייניקע פון אונדז האָבן זיך גענומען זוכן אַרבעט. אַ פּאָר האָבן זיך געלאָזט פּעדלען, און אייניקע — און אויך איך צווישן זיי — האָבן באַשלאָסן גיין אַרבעטן. דאַן איז גרינג געווען צו קריגן אַרבעט ביים אויסלאָדן משא פון די שיפן, ווייל די האַפן־אַרבעטער האָבן געסטרייקט. מיר האָבן נאָך דאַן ניט געוואוסט דעם פּשט פון סטרייקער און סקעבס, און געגאַנגען בעטן אַרבעט ביי די שיפן. מען האָט אונדז גערן צוגענומען, און מיר זיינען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. מיר האָבן באַדאַרפט פירן האַנט־וועגעלעך צו די שיפן, אָנלאָדן אויף זיי קעסטלעך אָדער זעק מיט סחורה און זיי אַראָפּפירן אין די סקלאַדעס, וואָס אויפן ברעג. עס איז גע־ווען זייער אַ שווערע אַרבעט. דעם ערשטן טאָג זיינען מיר צוריקגעקומען אַהיים מיד און אויסגעשעפּט. אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו דער אַרבעט און זיינען שוין ניט אַזוי מיד געוואָרן. אין די קעסטלעך און זעק, וואָס מיר האָבן אויסגעלאָדעוועט פון די שיפן, איז געווען פאַרשיידענע פּרוכט: מאַנדלען, ניס, פייגן, טייטלען א. א. עס האָט שטאַרק געלאָקט, און מיר האָבן זיך ניט געקענט איינהאַלטן און גענאַשט. מיר האָבן געשלעפּט פון די זעקלעך נאַשע־רייען און קיינער האָט אונדז אין דעם ניט געשטערט. מיר האָבן באַקומען אַ דאָלער מיט 70 סענט אַ טאָג. די אַרבעט אויף די שיפן האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. עס האָבן ניט געלאָזט די סטרייקנדיקע אַרבעטער. אַז מיר האָבן נאָך אַ וואָך אַר־בעט באַקומען דעם אָפּצאָל, זיינען די סטרייקנדיקע אַרבעטער אָנגעפאַלן אויף אונדז, די „סקעבן". די האַפן־באַאַמטע האָבן גערופן פּאָליציי, וואָס האָט אונדז אָפּגעפירט אַהיים.

מיר האָבן זיך שוין מער ניט אומגעקערט צו אַט דער אַרבעט.

4. דער „עם־עולם" צעפאַלט זיך. איך גיי זוכן אַרבעט

נאָך דעם, ווי מיר זיינען אָפּגעווען אַ חודש צייט אינעם עמיגראַנטן־הויז אויף דיוויזשאַן גאַס, איז אונדזער „עם עולם"־קרייז צעפאַלן געוואָרן, און זיינע מיט־גלידער האָבן זיך געלאָזט יעדער איינער אויף אַן אַנדערן אייגענעם וועג. ביים פאַנאַנדערגיין זיך האָט יעדער פון אונדז אַרויסבאַקומען פון דער אַלגעמיינער קאַסע דאָס רעשט ביסל געלט, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף זיין חלק, אַ פינף דאָלער אויף אַ מענטשן. מיט אַט דער קליינער סומע האָט מען זיך געלאָזט זוכן אַרבעט און גליק. אַט ערשט איז מען געווען איין גרופּע, איין קרייז מיט געמיינזאַמע צילן

און אידעאַלן, און מיטאַמאָל האָט יעדער איינער זיך געלאָזט אין אַ פֿאַרשיידענער זייט צו זוכן אַ באַשעפֿטיקונג לויט זיין אייגענעם איינזען און אייגנשאַפֿטן.

איך האָב דאָך זיך ניט געוואָלט אָפּזאָגן פֿון דעם געדאַנק פֿון ערד־אַרבעט און אַלץ געזוכט אַ באַשעפֿטיקונג אין אָט דער ריכטונג. אין יענער צייט האָבן גוט־באַזיצער און פֿאַרמער געזוכט צווישן די ניי־געקומענע עמיגראַנטן הענט און הילף פֿאַר זייערע פֿאַרמס. אין דעם „קעסל גאַרדן" האָט דאַן עקזיסטירט אַ ביוראָ, וואָס האָט מיטגעהאָלפֿן צו זוכן אַרבעט פֿאַר די עמיגראַנטן. איך האָב מיך געווענדט צו אָט דער ביוראָ מיט דער בקשה, מען זאָל מיר געפֿינען אַ באַשעפֿטיקונג ביי ערד־אַרבעט. צו מיין גליק האָט זיך באַוויזן אין ביוראָ אַן אייגנטימער פֿון אַ קליי־נעם גוט אינעם דאָרף פֿאַלינג פֿון דער דאַטשעס־קאָונטי אינעם ניו־יאָרקער שטאַט. דער פֿאַרמער האָט מיר באַשטימט שכירות צוועלף דאָלער אַ חודש מיט עסן. זייער צופֿרידן פֿון דעם פֿאָרשלאָג האָב איך זיך געלאָזט מיט אים אין דער פֿאַרם אינעם זעלבן טאָג.

דאָס איז געווען דעם 6טן יולי 1882, זעקס וואָכן נאָך אונדזער קומען קיין אַמעריקע.

איידער מיר זיינען אַרויסגעפֿאָרן פֿון ניו־יאָרק און אויך די ערשטע פֿאַר טעג פֿון מיין קומען קיין פֿאַלינג, בין איך ניט איין מאָל געווען אין אַ פֿאַרלעגנהייט, וואָס האָט אַרויסגערופֿן ביים באַלעבאָס שטוינונג. מיין באַלעבאָס איז געווען אַ קריסט, און איך האָב ביי מיר אָפּגעמאַכט ניט צו עסן ביי אים קיין פֿלייש, איך האָב ניט געקאָנט אָנקוקן קיין חזיר. עס מיינט ניט, אַז איך בין געווען פֿרום און דער־פֿאַר בין איך געווען געהיט אין כשר און טריפֿס. איך האָב פּשוט ניט געקאָנט פֿאַרליידן קיין חזיר־פֿלייש. ווען מיר זיינען געקומען אויף דער סטאַנציע, האָט מיין באַלעבאָס מיך אַריינגעפֿירט אין רעסטאָראַן און באַשטעלט פֿאַר אונדז ביידן צווויי פֿאָרציעס מיטאָג. דער קעלנער האָט צוגעטראָגן פֿאַר אים און פֿאַר מיר צווויי שטיקער פֿלייש, וואָס האָט אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי חזיר. איך האָב זיך ניט צוגערירט צו דעם. אַז מיין באַלעבאָס האָט עס באַמערקט, האָט ער מיר דערלאַנגט די שפּייז־קאַרטע, איך זאָל פֿאַר זיך אויסקלייבן עפּעס אַנדערש. אַז דער קעלנער איז צוגעקומען צו מיר, האָב איך אים אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויף אַ שורה אין דער שפּייז־קאַרטע — עס האָט באַדאַרפֿט זיין עפּעס אַ זאַך, וואָס איז געמאַכט מיט אייער. דער מאכל האָט געטראָגן אַ נאָמען פֿון צווויי ווערטער, און דאָס ערשטע איז געווען „עגס" (אייער). איך האָב ניט געוואוסט דעם טייטש פֿון־נעם צווייטן וואָרט, — איך בין נאָך דאַן געווען אַ קנאַפּער למדן אין ענגליש. דער קעלנער איז אַוועק, און צו מיין איבערראַשונג האָט ער מיר געבראַכט עפּעס אַ מין טייער געטראַנק, געמישט מיט אייער. מיין באַלעבאָס האָט באַמערקט מיין טעות און גוטמוטיק געלאַכט פֿון מיר.

קיין פֿאַלינג זיינען מיר אָנגעקומען פֿאַרנאַכט. דער טיש ביים באַלעבאָס איז שוין געווען געגרייט צום אָוונט־ברויט, און די באַלעבאָסטע האָט אויך מיך פֿאַר־בעטן צום טיש. עס זיינען געווען אָנגעגרייט פֿאַרשיידענע מינים פֿלייש, וואָס האָבן מיר אויסגעזען ווי חזיר. איך האָב מיך אָפּגעהאַלטן פֿונעם עסן. מיין באַלעבאָס

האָט זיך געחידושט, פאַרוואָס איך עס ניט קיין פלייש, האָב איך ניט קיין סך גע־טראַכט און אים געענטפערט אַז רוסן עסן ניט קיין רינד פלייש, נאָר הינער. דער באַלעבאָס האָט געשטוינט: סאַראַ מאָדנע מענטשן די רוסן זיינען! און באַפוילן צו געבן פאַר מיר הערינג.

נאָכן אָונט־ברויט האָט מיר די באַלעבאָסטע אָנגעוויזן אַ צימער. איך האָב מיך גלייך געלייגט שלאָפן, כדי אויפצושטיין מאָרגן גאַנץ פרי צו דער אַרבעט. און טאַקע מאָרגן קאַיאָר, אַ זייגער פיר, האָט מיך דער באַלעבאָס אויפגעוועקט און מיך אָנגעהויבן צוצוגעוואוינען צו דער אַרבעט.

דאָס ערשטע איז געווען — מעלקן די קי. איך האָב אָט די מלאכה זיך גלייך אויסגעלערנט. און אַזוי האָב איך געמאָלקן אַכט קי אין דער פרי און פאַרנאַכט. די ערשטע טעג האָב איך געהאַט גענוג מי און זאָרג מיטן מעלקן. די קי האָבן זיך געפּאַשעט אויף דער לאָנקע, און ווי נאָר איך פלעג דערנעענטערן זיך צו זיי זיינען זיי אַנטלאָפן. איך האָב געהאַט אַן עסק נאָכיאָגן און פאַקן זיי. און עס האָט געטראָפן, אַז ווען איך בין נאָכגעלאָפן איין קי, איז געקומען אַ צווייטע און איבער־געקערט דאָס שעפל מילך, וואָס כ׳האָב געהאַט שוין אָנגעמאָלקן פון אַן אַנדער קו. אין דער איבעריקער צייט פונעם טאָג האָב איך געטאָן פאַרשיידענע אַנדערע אַר־בעטן אין פעלד און אין גאָרטן. איך פלעג איבערקערן די טרוקענע ערד, מיט די פיס אָנגעשטאָפּט שטרוי אין די וועגענער, וואו די שנייד־מאַשין האָט ניט גע־קאָנט דערגרייכן. איך פלעג אַזוי אַרבעטן ניט ווייניקער ווי זעכצן שעה אַ טאָג.

דער סדר פונעם טאָג אויף דער פאַרם איז געווען אַזאַ: פון פיר גאַנץ פרי ביז זיבן האָב איך געמאָלקן די קי, זיבן אַ זייגער געגעסן פרישטיק, און דערנאָך בין איך געווען פאַרנומען אין פעלד ביז מיטאָג־צייט, אַ זייגער צוועלף. נאָכן מי־טאָג — ווידער אין פעלד און אַזוי האָב איך געאַרבעט ביז ס׳איז געקומען די צייט ווידער צו מעלקן די קי. דאָס האָט געדויערט פון זעקס ביז אַכט. אָפּגעגעסן דעם אָונט־ברויט, בין איך נײַן אַ זייגער אַ מידער אַוועקגעפאַלן אין בעט. זונטיק איז געווען דער איינציקער אָפּרו־טאָג, אָבער אויך זונטיק האָב איך געהאַט פליכטן אויף פליכטן אין דער פאַרם. איך האָב געדאַרפט געבן עסן די קי, צוגעהאָלפן מיין באַלעבאָס ביי די פערד, געשאַרפט העק, מעסער און די זעג און געטאָן אַנדערע קלענערע אַרבעטן. אין די פרייע מינוטן האָב איך מיך געלערנט ענגליש ביי מיין באַלעבאָסעס אייניקל, אַ יונג בחורל, אָדער איך האָב אַריינגעקוקט אין דעם „העיקרים״, דאָס איינציקע ספר, וואָס כ׳האָב מיט זיך מיטגענומען פון ניו־יאָרק אין דער פאַרם.

די ערשטע צוויי וואָכן האָב איך מיך געפילט גאַנץ גוט און בין געווען צופרידן מיט מיין לעבן אויפן דאָרף. איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט פון דער אַרומיקער נאַטור, פון די פּראַכטפולע לאַנדשאַפטן, און די אַרבעט גופא אין פעלד האָט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן. אינגיכן אָבער האָב איך אָנגעהויבן פילן אַ מידקייט, און די אַרבעט איז מיר אַלץ שווערער געוואָרן. איך האָב דעריבער געשפּירט, אַז כ׳וועל עס ווייטער ניט אויסהאַלטן און באַשלאָסן ביי זיך פאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק,

זוכן אַנדערע גליקן. איך האָב אָבער געוואָרט אויפן סוף פון דעם חודש, כדי צו באַקומען מיינע שכירות פאַר אַ חודש אַרבעט.

אויף דער זעלבער פאַרם האָט געאַרבעט נאָך אַ יידישער בחור, וואָס איז אָנ־געקומען אַהער מיט אַ טאָג פאַר מיר. אָט דער יונגערמאַן איז נאָך ווייניקער פון מיר געווען צופרידן פון דער אַרבעט און ער האָט געוואָרט מיט אומגעדולד, דער חודש זאָל זיך וואָס־גיכער ענדיקן און מען זאָל קאָנען אַוועק.

צום חודש פון אונדזער זיין אין פאָלינג, דעם 6־טן אויגוסט, האָבן מיר גע־מאָלדן אונדזער באַלעבאָס, אַז מיר ווילן מער ניט פאַרבלייבן ביי אים און געבעטן די שכירות, צו צוועלף דאָלער לויטן אָפּמאַך. אָבער ווי דער באַלעבאָס האָט דער־הערט, אַז מיר פאַרלאָזן אים, איז ער אַריין אין אַ רציחה. עס איז געווען סאַמע ברען פון אַרבעט אין פעלד, ער האָט זיך זייער גענויטיקט אין אונדזער הילף. ער האָט געפּרואווט אונדז איינשמועסן, מיר זאָלן דאָך פאַרבלייבן, אָבער מיר האָבן זיך געהאַלטן ביי אונדזערס. ווען ער האָט געזען, אַז ער קאָן מיט גוטן מיט אונדז גאָרנישט ניט טאָן, האָט ער באַשלאָסן אונדז באַשטראָפן. ער האָט גענומען טענהן: „מיט אייער פאַרלאָזן מיך אין דער צייט, וואָס איך נויטיק מיך אַזוי אין אייער הילף, ברענגט איר מיר שאָדן, איך דאַרף איצט פּטרן צייט און געלט און זוכן אַנ־דערע אַרבעטער אויף אייער אָרט, וועל איך דערפאַר אָפּרעכענען ביי אייך דעם היזק!” אָבער דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן. מיר זיינען איינגעגאַנגען, ער זאָל אונדז געבן בלויז אַ טייל פון די שכירות, איידער צו בלייבן ווייטער אַרבעטן אין דער פאַרם. נאָך אַ שאַרפן ווערטער־אויסטויש האָט אונדז דער באַלעבאָס געגעבן צו פיר אָדער פינף דאָלער, און מיר זיינען אַוועק פון דער פאַרם.

לכתחילה האָבן מיר זיך געלאָזט צו דער באַן־סטאַנציע, געוואָלט קויפן בי־לעטן און פאָרן קיין ניו־יאָרק. אָבער אויפן וועג צו דער באַן האָבן מיר זיך גע־כאַפּט, אַז עס איז אַ שאָד אויסצוגעבן די לעצטע פאַר דאָלער אויף דער באַן און קומען דערנאָך קיין ניו־יאָרק אָן אַ פּרוטה געלט. האָבן מיר דעריבער באַשלאָסן גיין צופוס קיין ניו־יאָרק, און צו פאַרשפּאָרן די רייזע־הוצאות.

פון פאָלינג קיין ניו־יאָרק איז אַ מהלך פון אַרום אַכציק מייל. מיט דער באַן מאַכט מען עס פאַר אַ צוויי־דריי שעה, אָבער צופוס האָט עס גענומען ביי אונדז אַ צוויי טעג מיט אַ האַלבן. אמת, מיר וואָלטן עס געקאָנט מאַכן אַ ביסל שנעלער, מיר האָבן זיך אָבער ניט געאיילט און ניט געהאַט צו וואָס זיך צו איילן. די גרויסע גליקן, וואָס עס האָבן אונדז דערוואַרט אין ניו־יאָרק? ווען מיר האָבן אויפן וועג אָנגעטראָפן אַ וואַסערל, האָבן מיר זיך אויסגעבאָדן און זיך פיין אויסגערוט. ווען מיר זיינען פאַרביי אַ דאָרף, האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן דאָרט, זיך באַקאַנט מיט דעם שטייגערלעבן. מיר האָבן אין וועג זיך אָפּט אָפּגעשטעלט, ווען מיר זיינען געגאַנגען פאַרביי די רעלסן־שנורן און באַזונדערס ביי די שמאָלע בריקלעך, וואו די צוגן לויפן פאַרביי. אויפדערנאַכט האָבן מיר זיך געלאָזט אָן דער זייט פון דער באַן־ליניע, געפונען ערגעץ אַן אָרט צווישן גראָזן, אונטער ביימער און מיט די פּעקלעך צו־קאָפּנס האָבן מיר געכאַפּט אַ דרימל ביז די זון איז אויפגעגאַנגען. די נעכט זיינען געווען פאַר אונדז אַן אָפּקומעניש. מיר זיינען געווען אָנגעטאָן לייכט, זו־

מערדיק, זיינען מיר פון דעם טוי נאַס דורך און דורך געוואָרן און געכאַפּט דעם אמתן ציטער. אין דער צווייטער נאַכט האָבן מיר געהאַט נאָך אַן ערגערע צרה: מיר האָבן געמאַכט אונדזער געלעגער אויף אַ לאַנקע און דאָרט האָבן מיר געליטן פון דער צווייטער מכה פון דער „הגדה״: מיר זיינען געלעגן מיד און אויסגעמאַ־טערט פון דעם טאָג גיין, האָבן אויף אונדז אָן אויפהער געשפּרונגען זשאַבעס.

אויפן וועג פון פּאַלינג קיין ניו־יאָרק האָבן מיר אָנגעטראָפן אַרבעטער, וואָס האָבן געלייגט אין דער ערד וואַסער־רערן. דער אויפזעער האָט אונדז פאַרגעלייגט צו בלייבן אַרבעטן ביי די רערן פאַר אַנדערטהאַלבן דאָלער אַ טאָג, מיר אָבער האָבן ניט מסכים געווען. עס האָט אונדז געצויגן קיין ניו־יאָרק.

דעם 18טן אויגוסט נאָכמיטאָג זיינען מיר צוגעקומען צו ניו־יאָרק. מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דער שטאָט־באַן און געקומען ביז דער בוירי־גאַס, און פון דאָרט זיך געלאָזט צום עמיגראַנטן־האָטעל „קעסל גאַרדן״.

5. ווידער אין ניו־יאָרק

אין „קעסל גאַרדן״ האָב איך געטראָפן אַ גרויסן עולם, אַ פיל גרעסערן ווי איך האָב איבערגעלאָזט, איידער כ׳בין אַוועק אין דאָרף. דער חודש־צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דער פאַרם, האָט זיך פאַר מיר שטאַרק אויסגעצויגן, איך האָב געמיינט, אַז פאַר דער צייט האָט זיך מי יודע וואָס אָפּגעטאָן אין ניו־יאָרק. אָבער דאָ האָט זיך נאָך מער געקאָכט. צו די פריערדיקע עמיגראַנטן זיינען צוגע־קומען נייע און נייע. צווישן דעם המון מענטשן האָב איך אָנגעטראָפן מיינע חברים פון ווילנע און פון קיעוו, וואָס זיינען געקומען מיט מיר צוזאַמען, איך האָב זיי גע־טראָפן אָרומבלאָנקען פאַרלוירן און אָן אַ ציל. זיי האָבן זיך שטאַרק געחידושט, הלמאי איך האָב פאַרלאָזן די פאַרם און צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, וואו די עמיגראַנטן וואַלגערן זיך און הונגערן ממש. זיי האָבן מיך געשטראָפט פאַר מיין לייכטזין, וואָס האָט מיך ווידער געבראַכט קיין ניו־יאָרק. זייערע שטראָף־רייד האָבן מיר געשטאָכן ווי שפּילקעס, און עס האָט מיך גענומען שטאַרק פאַרדריסן, פאַרוואָס איך האָב פאַרלאָזט דאָס אָרט, וואו איך האָב געהאַט עסן צו זאַט.

„וואָס טוט מען איצט?״ — האָב איך זיך געפרעגט. מיינע חברים האָבן מיר געראָטן, איך זאָל צוריקגיין קיין פּאַלינג אין דער פאַרם. אָבער איך האָב ניט גע־האַט קיין חשק זיך צוריקקערן אַהין. איך האָב געטראַכט און געטראַכט און באַ־שלאָסן גיין אַרבעטן ביי די וואַסער־רערן, וואָס כ׳האָב אָנגעטראָפן אויפן וועג פון פּאַלינג קיין ניו־יאָרק. איך האָב פאַרגעלייגט מיינע חברים, זיי זאָלן מיט מיר מיטגיין, און דריי פון זיי זיינען מיט מיר געגאַנגען צופוס צו דעם פּונקט וואו מען האָט געלייגט די וואַסער־רערן. דאָס אָרט איז געווען אַרום דער ווהייט פּליינס שטאָט אין ניו־יאָרקער שטאַט. מיר זיינען אַרויס גאַנץ פרי און אַזוי געגאַנגען אַ גאַנצן טאָג. ביינאַכט האָבן מיר זיך געלייגט אָפּרוען אַרום דער באַן־ליניע, וואָס איז געווען ניט ווייט פון דעם אָרט, וואוהין מיר זיינען געגאַנגען. אַרום דער באַן־סטאַנציע זיינען געשטאַנען לײדיקע וועגענער און מיר האָבן זיך דאָרט, מיט דער

דערלויבעניש פון די באַן־באַאַמטע, וואָס האָבן אויף אונדז רחמנות געהאַט, גע־לייגט שלאָפן. עס איז געווען אומעטום גוט באַקאַנט, אַז פון רוסלאַנד קומען אומ־גליקלעכע עמיגראַנטן קיין אַמעריקע, און די באַפעלקערונג האָט אַרויסבאַוויזן צו זיי מיטגעפיל, מיטלייד. אויף מאָרגן האָבן מיר זיך געלאָזט ווייטער, ביז מיר זיינען דערגאַנגען צום אָרט, וואו מען האָט געגראָבן די גריבער פאַר די וואַסער־רערן. די אַרבעטער האָבן אונדז זייער פריינטלעך אויפגענומען, אָבער צו אונדזער גרוי־סער אַנטוישונג האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז איצט באַדאַרף מען מער ניט קיין נייע מענטשן, עס זיינען שוין דאָ איבערגענוג אַרבעטער.

מיט אַ שווער און געבראָכן געמיט האָבן מיר זיך צוריקגעקערט קיין ניו־יאָרק און זיך אויסגעמישט מיט דער גרויסער מאַסע עמיגראַנטן, וואָס האָט פאַרפולט דעם „קעסל גאַרדן". דער מצב פון די עמיגראַנטן איז געווען מוראדיק. מען האָט אַרויסגעקוקט ווי קליינע קינדער אויף דער הילף פון דעם קאָמיטעט, וואָס האָט געשטיצט די אָנגעפאָרענע. דער קאָמיטעט האָט ניט געקאָנט אַלעמען העלפן, און דאָס איינציקע וואָס ער האָט געטאָן — מען האָט געגעבן די עמיגראַנטן אַן אומ־זיסטיקן מיטאָג, וואָס האָט זיי געראַטעוועט פון הונגער. צו אָט דעם צוועק האָט מען אָרגאַניזירט עס־פּונקטן אויף דער גריבוויטש גאַס, וואו מען האָט געטיילט עסן פאַר די פּאַרטיעס עמיגראַנטן. עס זיינען געווען גאַנץ מאָגערע און שיטערע שפּייזן. די באַלעבאַטים פון די רעסטאָראַנען האָבן געוואָלט וואָס־מער פאַרדינען, האָבן זיי עס געטאָן אויפן חשבון פון די אומגליקלעכע הונגעריקע עמיגראַנטן. אויף פרישטיק, וואָס דער קאָמיטעט האָט געצאָלט פאַר אים צען סענט פון אַ מענטשן, האָט מען געגעבן אַ גלאָז קאַווע, וואָס האָט אויסגעזען ווי ברודיק וואַסער, און אַ שטיק ברויט, וואָס דער פּרייז איז ווייניקער פון אַ סענט. ווען עס איז געקומען די צייט פונעם עסן, איז געווען אַ שפּאַרעניש און אַ געדראַנג, דער עולם איז געווען הונגעריק, און יעדער איינער האָט געוואָלט זיין פון די ערשטע. די, וואָס זיינען געקומען עסן, האָבן באַדאַרפט מיטברענגען אַ קוויטל פונעם קאָמיטעט, וואָס איי־נער פון די באַאַמטע האָט געטיילט דעם עולם אין גאַס. דאָס פאַנאַנדערטיילן די קוויטלעך צווישן דעם עולם האָט פאַרנומען פיל צייט, און יעדער האָט געוואַרט אומגעדולדיק אויף זיין ריי. אייניקע האָבן נאָכגעמאַכט די קוויטלעך, כדי וואָס גיכער זיך אַריינצובאַקומען אינווייניק און שטילן דעם הונגער.

עס האָט געטראָפן, אַז די אומגליקלעכע עמיגראַנטן אין דעם „קעסל גאַרדן" האָבן שוין מער ניט געקאָנט איבערטראָגן די שווערע לאַגע און פון גרויס פאַר־ביטערונג האָבן זיי געמאַכט ממש אַ פּאָגראָם. עס פלעגן קומען אַנגעזעענע טוער פון קאָמיטעט צו שטילן די געמיטער, מען פלעגט איינטענהן מיט די עמיגראַנטן. די סצענעס, וואָס מען האָט זיך אָנגעזען צווישן די פאַרלוירענע עמיגראַנטן, האָבן פאַרשאַפט פיל יסורים. איך וועל דאָ פאַרצייכענען איין סצענע, וואָס האָט דאַן דערשיטערט דעם גאַנצן עולם אַרום. איינער אַ יונגערמאַן, וואָס האָט געהונגערט און אַ צייט ניט געהאַט קיין ריין העמד אויף זיין לייב, איז אַריינגעלאָפן אין אָפיס פון קאָמיטעט אויף דער סטייט גאַס, צעריסן אויף זיך דאָס שמוציקע העמד און גענומען שרייען: „נאָט, זעט, וואָס פון מיר איז געוואָרן!" דער פּראָפעסאָר מיכל

האַלפּערן, ז״ל, וואָס האָט זיך געפונען אין אָפּיס, האָט זיך צעוויינט אויפן קול ווי אַ קליין קינד ביי אָט דער מוראדיקער סצענע.

אָט די אַלע אומגליקן איז באַשערט געווען איבערצולעבן די עמיגראַנטן, ווייל זיי זיינען געווען זייער ניט פּראַקטיש. דאָס יאָר 1882 איז גראָד געווען אַ גליקלעך יאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, עס איז געווען גענוג אַרבעט פאַר טויזנטער הענט. אָבער די עמיגראַנטן האָבן ניט געוואוסט און ניט פאַרשטאַנען וואו צו זוכן באַשעפטיקונג. בלויז געציילטע האָבן אויסגענוצט די גוטע סיטואַציע אין לאַנד, זייער צאָל אָבער איז געווען קליין. באַזונדערס האָבן געליטן די אידעאַליסטן, וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע מיט גרויסע צילן און אויפגאַבן, וואָס זיינען ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. זיי זיינען פאַרבליבן דערשלאָגן, אַנטמוטיקט, און ניט גע־האַט קיין ווילן אָנצוהייבן עפּעס אַנדערש. דאָס לעבן אָבער האָט זיך געטאָן זיינס. מען האָט צוביסלעך געגומען זיך אויסניכטערן, און סוף זומער האָט יעדער איינער זיך געוואָרפן צו זוכן פאַר זיך אַ תכלית אין דעם לעבן אַרום.

6. איך גיי פון מלאכה צו מלאכה

דער זומער איז פאַראיבער, און צוביסלעך האָט דער „קעסל גאַרדן" אָנגע־הויבן זיך אויסצולײדיקן. די עמיגראַנטן האָבן זיך געלאָזט איבער דער שטאָט און געגומען זוכן עפּעס אַן אַרבעט אָדער אַ באַשעפטיקונג. אויך איך מיט מיינע חברים האָבן פאַרלאָזט דאָס אָרט און זיך געלאָזט איבער דער שטאָט צו פאַרדינען אויפן לעבן. די ערשטע זאָרג איז געווען — געפינען ערגעץ אַן אָרט וואו אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ. קיינער פון אונדז האָט ניט געהאַט קיין סענט ביי דער נשמה. אייניקע האָבן באַוויזן צו קריגן אַ וויגקל וואו צו וואוינען אָן אַן אַדערויף אָפּריער, און די איבעריקע זיינען פאַרבליבן ווי אויפן וואַסער. איך בין געווען איינער פון די אומ־גליקלעכע, וואָס האָבן ניט געקאָנט געפינען קיין דירה. בין איך עטלעכע נעכט געשלאָפן אויף די טרעפּ אין איינעם אַ הויז אויף לודלאָוו גאַס, וואו עס האָבן גע־וואוינט מיינע באַקאַנטע. איך האָב געהאַלטן, אַז כ׳האָב דאָס רעכט אויסצוציען זיך אויף די טרעפּ פון אַ הויז, וואו עס וואוינען מיינע פריינט. וואו איך האָב גענו־מען דאָן געלט אויף עסן, — געדענק איך שוין איצט ניט.

אין אָט דער ביטערער צייט האָב איך געזוכט אַרבעט דורך די אַנאָנסן אין די צייטונגען. איך פלעג יעדן פרימאָרגן כאַפּן די דייטשע צייטונג „ניו־יאָרקער שטאַטסצייטונג", וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק. אין איינעם אַ טאָג האָב איך געפּאַקט אַן אַנאָנס, אַז עס ווערט געזוכט אַ געפּעס־וואַשער אין אַ רעסטאָראַן. עס איז געווען גאַנץ פרי. איך בין גלייך אַוועק אַהין. צו מיין גרויס פרייד האָט מען מיך צוגענומען צו דער אַרבעט. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דאַרפן בלויז וואַשן דאָס געשיר — די שיסלען, גאָפּל, לעפל און מעסער. אָבער דער באַלעבאָס האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ גרויסן קעסל, וואָס אין אים זיינען פאַרבליבן פאַרטריקנטע רעשטלעך פון אונטן און פון אַלע זייטן פונעם נעכטיקן געקעכטס. ער האָט מיר געהייסן אַרויסטראָגן דעם קעסל אין הויף אַריין, אַרונטערצושטעלן אונטער דער

פּאַמפּע און רייניקן אים פון אַלע זייטן. מיט גרויס פלייס האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט, אָבער דאָס איבערבלייבעכטס אינעם קעסל איז געווען האַרט ווי אַ שטיין, און איך האָב עס בשום אופן ניט געקאָנט אַראָפּקראַצן פון קעסל. איך האָב איינגע־זען, אַז עס איז ניט פאַר מיינע כוחות אָט די אַרבעט אין רעסטאָראַן און כ'האָב באַ־שלאָסן צו זוכן אַנדערע גליקן. איך האָב אָבער זיך געשעמט צו זאָגן עס דעם באַ־לעבאָס, און איך האָב באַשלאָסן צו פאַרשווינדן ניט באַמערקטערהייט. איך האָב גענומען זוכן אַן אַרויסגאַנג פון הויף, געוואָרפן אַן אויג אַהער און אַהין און געפּאַקט אַ טירל, וואָס פירט פון הויף אין דרויסן אַרויס. בין איך טאַקע ניט באַמערקטערהייט אַוועק. עס האָט מיר זייער ווי געטאָן דאָס האַרץ אויף דעם באַלעבאָס פון רעסטאָ־ראַן, וואָס צוליב מיר האָט ער געוויס פאַרשפּעטיקט מיטן מיטאָג פאַר זיינע עסערס.

אין יענער צייט האָב איך מיך באַקאַנט מיט איינעם אַ יונגנמאַן פון ווילנע, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריקל פון בראָנז־אָרנאַמענטן. אָט דער יונגערמאַן האָט מיר געראָטן זיך צו ווענדן אין דער פאַבריק, וואו ער איז געווען באַשעפטיקט. הגם איך האָב ניט געהאַט קיין ידיעה אין דער אַרבעט, האָב איך אים געפאָלגט, געקומען צום באַלעבאָס און געבעטן מיך צונעמען אויף אַרבעט. מען האָט מיך צוגענומען אין דער פאַבריק. דאָס ערשטע, וואָס מען האָט מיך געלערנט, איז געווען צו פיילן מיט אַ פייל. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען מיך אויסגעלערנט צו פּאָ־לירן און שלייפן אויף אַ טאָקערניי. איך בין שנעל געוואָרן אַ פאַכמאַן. מיין געהאַלט אין אָט דער פאַבריק איז געווען לכתחילה צוויי דאָלער אַ וואָך און אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מען מיר צוגעגעבן נאָך צוויי, האָב איך שוין געהאַט פיר דאָלער אַ וואָך. מען האָט געאַרבעט צען שעה אַ טאָג — פון זיבן אינדערפרי ביז זעקס פאַרנאַכט (אַ שעה האָט מען געגעבן אויף עסן מיטאָג). אין די פרייע שעהן האָב איך געלערנט ענגליש און אויך געשריבן אַרטיקלען. איך האָב דאַן צווישן אַנדערן אָנגעשריבן די געשיכטע פון יאָהאַן גוטענבערג, דעם דערפינדער פון דרוק. איך האָב מיך געהאַלטן דאַן פאַר אַ גרויסן בר־מזל, אָבער לאַנג האָט ניט געדויערט מיין גליקלעכע לאַגע. אין אַ דריי חדשים אַרום איז געוואָרן ווייניקער אַרבעט אין דער פאַבריק און מען האָט מיך משלח געווען.

איך האָב ווידער אַמאָל געפונען אַרבעט ווי אַ געפּעס־וואַשער אין אַ רעסטאָ־ראַן, וואָס עס האָט געהאַלטן איינער אַן עמיגראַנט אין אַ קעלער אויף דעם ראָג פון לודלאָוו און קאַנאַל גאַס. עס איז געווען זייער אַ שווערע אַרבעט און איך האָב באַקומען באַצאָלט זייער ווייניק. נאָך אַ צוויי וואָכן זיך מוטשען האָב איך פאַרלאָזט דאָס אָרט און גענומען זוכן עפּעס אַ לייכטערע באַשעפטיקונג.

ווען איך האָב פאַרלאָזט דעם רעסטאָראַן, האָב איך געהאַט אין טאַש בלויז איין דאָלער. דאָס האָט מיר דער באַלעבאָס אָפּגעצאָלט פאַר צוויי וואָכן אַרבעט. העלפט האָב איך באַצאָלט פאַר אַ וואָך דירה־געלט, און דאָס איבעריקע האָב איך באַהאַלטן אויף אַדורכצולעבן ביז וואַנעט איך וועל קריגן אַרבעט. איך האָב גע־האָפט, אַז כ'וועל אינגיכן געפינען אַ באַשעפטיקונג. אָבער אַ טאָג נאָך אַ טאָג איז אַוועק און איך האָב קיין אַרבעט ניט געקראָגן. אויפן פינפטן טאָג בין איך גע־בליבן אָן אַ סענט אין טאַש און אין אַ וואָך אַרום בין איך געבליבן אָן אַ ווינקל

וואו איבערצונעכטיקן. דער באַלעבאָס, וואו איך האָב געוואוינט, האָט מיך ניט געוואָלט האַלטן ביז איך וועל אים פּאָראויס ניט אָפּצאָלן דירה־געלט. בין איך ווידער געבליבן ווי אויפן וואַסער.

און כדי ניט אויסצוגיין פון הונגער און ניט פאַרפרוירן פאַר קעלט, האָב איך זיך געלאָזט איבער די הייזער פון מיינע חברים, וואָס האָבן געהאַט מער מזל פון מיר. איך בין געווען אַ שותּף צו זייערע מאָגערע מיטאָגן און געכאַפּט אַ דרימל וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. אָבער איבערנעכטיקן ביי אַ חבר איז אויך ניט געווען אַזוי פּשוט. די באַלעבאַטים פון מיינע פריינט האָבן ניט געלאָזט שלאָפן אין זייערע הייזער אַ פרעמדן מענטשן. איך האָב איין מאָל געמוזט פאַרברענגען אַ נאַכט אינדרויסן אונטערן הימל.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענע נאַכט. עס איז געווען שטאַרק קאַלט און איך בין אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. שלאָפן ערגעץ אין אַ קאָרידאָר אויף טרעפּ, אָדער ערגעץ אין אַ טראָק, האָב איך מורא געהאַט, בין איך געצוואונגען געווען אַרומצובלאָנקען איבער די גאַסן. איך בין אַרומגעגאַנגען פון איין גאַס אין דער צווייטער. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אַרום דער בויערי און קאַנאַל גאַס. יעדעס מאָל, וואָס איך בין צוגעקומען צו דער עלעוועיטעד סטאַנציע אויף קאַנאַל און עלען, האָב איך געקוקט אויפן זייגער וואָס איז געהאַנגען אויף דעם שפּיץ סטאַנציע, געוואָלט וויסן וויפל עס איז נאָך פאַרבליבן צו זון־אויפגאַנג. די צייט האָט זיך זייער לאַנג געצויגן. אַז איך האָב ענדלעך, נאָך עטלעכע מאָל אַרומדרייען זיך הין און צוריק דערזען, אַז דער ווייזער האַלט שוין ביי פינף, האָב איך ממש אויפגעלעבט. אַריין ערגעץ וואו אין אַ הויז איז נאָך געווען צו־פרי, איך האָב אָבער מיך געפרייט, וואָס אָט־אָט וועט טאָג ווערן און אין נאָך אַ שעה־צוויי וועל איך קאָנען אָנקלאַפּן ערגעץ־וואו אין אַ טיר. איך האָב מיך געשלעפּט מיט די לעצטע כּוחות, זיך געשאָקלט ווי אַ שיכּור און געציטערט פון קעלט.

נאָך פיל באַמיאונגען האָב איך געפונען אַ צימער ביי גוטע מענטשן, וואָס האָבן מסכּים געווען מיר געבן אַ ווינקל מיטן תּנאי, איך זאָל זיי אָפּצאָלן ווען איך וועל קריגן אַרבעט.

דערווייל איז געקומען די צייט, ווען מען האָט אָנגעהויבן צו באַקן מצות אויף פּסח. איך האָב באַשלאָסן זוכן אַרבעט אין אַ מצות־בעקעריי. עס איז מיר גרינג אָנגעקומען. אין דער ערשטער מצות־בעקעריי וואוהין איך האָב זיך געווענדט, האָט מען מיך גלייך צוגענומען. מען האָט געצאָלט אין דער בעקעריי זייער ווייניק. נאָך עטלעכע טעג אַרבעט איז מען אַנטלאָפן. דערפאַר איז לייכט געווען צו קריגן דאָרט אַרבעט. אין די מצות־בעקערייען זיינען געווען באַשעפטיקט די ערשט־געקומענע עמיגראַנטן, עס איז גרינג געווען פאַר די בעקערס אַריינצונאַרן זיי און ווי פּיאַווקעס אויסזויגן זייער מאַרך און בלוט. מען האָט גענומען אַ מענטשן צו דער מלאכה, און ניט באַשטימט קיין שכירות. מען האָט אים געלאָזן אַרבעטן אַ גאַנצע וואָך כּדי זיך איבערצייגן וויפל ער איז ווערט. אָבער אַז עס איז אַוועק די וואָך, האָבן זיי משלח געווען דעם גרינעם מיט אַ פּאָר סענט. די אַרבעט־שעהן אין די מצה־בעקערייען האָבן זיך געצויגן פון צוויי פאַרטאָג ביז ניין־צען ביינאַכט.

מיין אַרבעט אין דער מצה־בעקעריי איז באַשטאַנען צו דרייען די שווערע מאַשין, וואָס האָט געקנאָטן דאָס טייג. עס איז געווען אַ שווערע מלאכה, כלל ניט פאַר מיינע כוחות, וואָס זיינען געווען אָפּגעשוואַכט פון ניט־דערעסן און פון שטענ־דיקע זאָרגן. איך האָב מיט די לעצטע כוחות געטאָן די אַרבעט און זיך באַמיט עס זאָל זיין גוט. און אַזוי ווי איך האָב ניט געהאַט קיין געלט אויף עסן, האָב איך מיך געשפּייזט מיט די מצות פון דער בעקעריי. עס איז געווען אָנגענומען, אַז די בעקעריי־אַרבעטער האָבן געקאָנט עסן מצות וויפל זייער האַרץ גלוסט. עס איז מיר אָבער גיך נמאס געוואָרן צו קייען טרוקענע מצות. איך האָב אומגעדולדיק געוואַרט אויפן מאָמענט, ווען עס וועט זיך ענדיקן די וואָך און איך וועל באַקומען מיינע פינף דאָלער. ווען אָבער עס איז געקומען דער טאָג, און איך האָב באַדאַרפט באַ־קומען מיינע שכירות, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז איך האָב זיך ביטער אָפּגענאַרט. דער בעקער האָט מיר דערלאַנגט בלויז צוויי מיט אַ האַלבן דאָלער. איך בין געווען אויסער זיך פון פאַרדרוס און פאַרלאָזט אָט די פאַרשאָלטענע אַרבעט.

דאָס מאָל האָט לאַנג ניט געדויערט, און איך האָב געפונען אַ נייע אַרבעט אין אַ פאַבריק וואו מען האָט צוגעגרייט נאַטראַן־קוילן צוליב זייף. איך האָב באַ־דאַרפט מישן אַזאַ מין פּעך, אַריינגיסן זי אין אַ קעסל און טונקען דאָרט די שטיקער נאַטראַן (כדי מ'זאָל זיי קאָנען אויפהיטן פון דער לופט). איך האָב באַקומען באַ־צאָלט אַ פינף דאָלער אַ וואָך און בין געווען זייער צופרידן. אָבער אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָב איך געמוזט זיך אָפּזאָגן פון מיין שטעלע, ווייל דער שטויב און דער גערוך האָבן שלעכט געווירקט אויף מיין געזונט. איך בין אַוועקגעפאַלן אַ קראַנקער און געמוזט ליגן אין בעט.

אַז איך בין צוריק געקומען צו די כוחות, האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט מער ניט פאַרנעמען זיך מיט שווערער פיזישער אַרבעט. איך האָב גענומען זוכן אַ לייכטע באַשעפטיקונג, וואָס זאָל מיך באַפרידיקן און וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו מיין געזונט.

איך האָב ווידער גענומען זוכן אַרבעט און ענדלעך זיך דערשלאָגן צו אַזאַ מין באַשעפטיקונג, וואָס איז מיר געווען נאָענט צום האַרצן.

7. איך קריג אַרבעט אין אַ בוכהאַנדלונג

אין יענער צייט האָט זיך אויף דער איסט־בראָדוועי אין ניו־יאָרק געפונען אַן אַלטער מוכר ספרים ר' ירוחם צבי קאַנטאָראָוויץ. איך האָב זיך מיט אים באַ־קאַנט, און איך פלעג באַקומען מיינע בריוו אויפן אַדרעס פון זיין בוכהאַנדלונג. עס איז מיר דעריבער אויסגעקומען אָפט אַריינצוקומען צו אים. אָט דער קאַנטאָ־ראָוויץ האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט מיר, און איינמאָל, ווען איך בין אַהין אַריינגעקומען נאָך בריוו, האָט ער מיר פאָרגעלייגט צו אַרבעטן אין זיין בוכהאַנד־לונג. איך האָב גערן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. עס זיינען מיר שוין געווען אי־בערדריסיק מיינע אַלע זוכענישן און די שווערע פיזישע אַרבעט, בין איך געווען צופרידן צו זיין אָנגעשטעלט אין אַ בוכהאַנדלונג און זיך פאָרען אַרום ביכער און ספרים.

מיין געהאַלט איז געווען אַ גאַר קליינער. ניט מער ווי צוויי דאָלער אַ וואָך. אָפטמאָל פלעגט מיך מיין באַלעבאָס רופן צו זיך אַהיים אויף מיטאָג און אַזוי אַרום בין איך געוואָרן ביי אים אַ שטוב־מענטש. דאָ בין איך צוביסלעך געקומען צו די כוחות און אַנגעהויבן פאַרגעסן מיינע זאָרגן און די ביטערע לאַגע. חוץ דעם, וואָס די אַרבעט איז געווען אַ לייכטע, האָט עס פאַרנומען ביי מיר ניט דעם גאַנצן טאָג, און איך האָב געהאַט צייט צו פאַרנעמען זיך מיט לערנען און אויך צו לייענען און צו שטודירן.

קאַנטאָראָוויצעס בוכהאַנדלונג איז געווען פּאָפּולער אין דעם יידישן ניו־יאָרק. אין יענער צייט זיינען אין ניו־יאָרק געווען בלויז דריי יידישע בוכהענדלער, און קאַנטאָראָוויץ האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט פון זיי. אין זיין בוכהאַנד־לונג האָט מען געקאָנט קריגן ניט נאָר אַלערליי געוויינלעכע רומל־ספרים, נאָר עס זיינען אויך געווען סדורים און מחזורים מיט איבערזעצונגען אויף ענגליש און דייטש. עס איז אויך געווען צו קריגן ביכער פון די דייטשע ראַבינערס, און באַ־זונדערס די באַוואוסטע ווערק פונעם באַרימטן ראַבינער יעלינעק, וואָס די אַמע־ריקאַנער רעפאָרמירטע ראַבאַיס האָבן זיך באַנוצט מיט זיי פאַר זייערע דרשות.

קאַנטאָראָוויץ האָט געהאַט אין זיין בוכהאַנדלונג אויך השכלה־ספרים.

זיין בוכהאַנדלונג האָט דעריבער געדינט ווי אַ צענטער פאַר אַלערליי משכילים, רבנים און ראַבאַיס, וואָס זיינען דאַן געקומען פון דייטשלאַנד, רוסלאַנד און פוילן. אָט די פאַרשיידענע מענטשן האָבן מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט. צווישן אַנדערע פלעגט באַזוכן די בוכהאַנדלונג דער אַדוואָקאַט דזש. פּ. סאָלאָמאָן, דער גרינדער פון דעם ענגלישן וואָכנשריפט „היברו סטאַנדאַרד".

בכלל האָט די דייטשע שפּראַך פאַרנומען אין יענער צייט אַ באַדייטנדיקן אָרט צווישן די יידישע עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד. עס פלעגן דעריבער שטאַרק פאַר־שפּרייט ווערן סדורים און מחזורים מיט דייטשער איבערזעצונג. עס זיינען דער־שינען אויך צייטשריפטן פון יידן און פאַר יידן אין דער דייטשער שפּראַך. דער ראַבאַי אייזיק ווייס האָט דאַן אַרויסגעגעבן אַ וואָכנשריפט אין דייטש אונטערן נאָ־מען „דעבאָראַ". עס איז אויך אַרויסגעגאַנגען אַ יידישע צייטונג „דזשואיש העראָלד" אין צוויי שפּראַכן, אין ענגליש און אין דייטש.

הגם איך האָב נאָך מיינע אַלע שווערע און אומאַנגענעמע אַרבעטן ממש אויפ־געלעבט אין אָט דער בוכהאַנדלונג, אָבער דאָך בין איך ניט אינגאַנצן געווען צו־פרידן מיט מיין מצב. איך האָב אַלץ געשטרעבט צו אַן אַנדערער, העכערער באַ־שעפטיקונג, ס'האָט מיך געצויגן צו שרייבעריי און דערווייל האָב איך באַשלאָסן זיך צו נעמען צו מלמדות.

נאָך צוויי יאָר אַרבעטן אין אָט דער בוכהאַנדלונג, בין איך געוואָרן אַ פּריוואַט־לערער פון שפּראַכן. אין יענער צייט האָט אָבער לערעריי צווישן די אימיגראַנטן ניט אַריינגעבראַכט קיין סך געלט. איך אָבער בין ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלן, ווייל איך האָב געהאָפט דורך לערעריי צו דערשלאָגן זיך צו מיין ציל — צו ווערן אַ יידישער שרייבער.

איך וויל זיך אַ ביסל אָפּשטעלן אויף מיין באַלעבאָס ירוחם צבי קאַנטאָראָוויץ.

ער איז געווען אַן אינטערעסאַנטער טיפּ אין דעם יידישן ניו־יאָרק פון די 80ער יאָרן. קאַנטאָראָוויץ איז געווען אַ פרומער און אַ ייד אין די יאָרן, און דאָך האָט ער געטראָגן מאָדערנע קליידער און געגאַנגען אין אַ צילינדער־הוט. ער פלעגט גיין יעדן טאָג דאַווענען און נאָך דער תפילה האָט ער געלערנט צוזאַמען מיט די אַלע אַנדערע יידן אַ פּרק משניות, אַ בלאַט גמרא אין דעם קליינעם שולכל, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון זיין בוכהאַנדלונג. מען האָט געהאַט צו אים גרויס אַכטונג און מען פלעגט זיך אָפט צו אים ווענדן מיט פאַרשיידענע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו יידן און יידישקייט. ער איז געווען דערצו אַ גבאי פון ר׳ מאיר בעל נס־פּושקע, און אויך אַ מוהל. ער האָט ביי אָרעמעלייט קיין געלט ניט גענומען, ביי רייכערע פלעגט ער פאַרלאַנגען פאַר מוהל זיין אַריינצואוואַרפן אין דער ר׳ מאיר בעל נס־פּושקע. ער איז געווען דערצו אַ ייד אַ פּיקח און אַ שאַרפזיניקער.

איך דערמאָן מיך איניקע זאַכן, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון:

איין מאָל איז אַריינגעקומען אין זיין בוכהאַנדלונג אַ דייטשער ייד און געבעטן, מען זאָל אים געבן אַ סידור מיט איבערזעצונג פון אַלע תפלות אויף דייטש. האָט קאַנטאָראָוויץ דערלאַנגט אים אַ סידור און געזאָגט צו אים: „אַלץ, אַלץ, מיין הער־רעלע, איז איבערגעזעצט, אפילו דער פּרייז איז אויך איבערגעזעצט. (אויף דייטש באַטייט דאָס וואָרט „איבערזעצן״ אויך אַ העכערונג אין פּרייז).

קאַנטאָראָוויץ האָט אַמאָל סוף זומער באַקומען אַ בריוו פון אַ קליינער קהילה אין אַמעריקע מיט אַ בקשה, ער זאָל זיי אַרויסשיקן אַ יונגן חזן אויף ראש־השנה. קאַנטאָראָוויץ האָט געהאַט אַ באַקאַנטן חזן, אַן עלטערן ייד, שוין אַריבער די זיבע־ציקער. ערב ראש־השנה האָט ער געשיקט דעם חזן אין דער קהילה, ער האָט עס ספּעציעל געטאָן דעם לעצטן טאָג, כדי די קהילה זאָל קיין צייט ניט האָבן אים צוריקצושיקן. גלייך נאָך ראש־השנה האָט קאַנטאָראָוויץ באַקומען אַ בריוו, וואו מען האָט אים פאַרגעוואָרפן, הלמאי ער האָט זיי געשיקט אַן אַלטן חזן אַנשטאָט אַ יונגן. דערויף האָט קאַנטאָראָוויץ זיי געענטפערט, אַז אויף וויפל ער ווייסט, האָט דער חזן, וואָס ער האָט זיי געשיקט, דאָ ניט לאַנג חתונה געהאַט, און וויפל ער איז אַלט — דאָס איז אים ניט גענוי באַקאַנט (דער חזן האָט טאַקע דאַן צום דריטן מאָל חתונה געהאַט).

צווישן די דריי בוכהענדלער איז געווען נאָך איינער אַ טשיקאַווער טיפּ. ער האָט געהייסן היימאַן סאָקאָלסקי. לאָמיר וועגן אים דערציילן אַ ביסל: אין זיין בוכהאַנדלונג זיינען דערהויפּט געווען סידורים און מחזורים מיט ענגלישער און דייטשער איבערזעצונגען, וואָס ער האָט איבערגעדרוקט פון סטערעאָטיפּן, וועלכע ער האָט אָפּגעקויפט פון דעם דרוקער פּראַנק,— דער גרינדער פון אַ יידישער דרוקעריי אין ניו־יאָרק פון די 80ער יאָר אין 19טן יאָרהונדערט. היימאַן סאָקאָלסקי איז געקומען קיין אַמעריקע אין די 60ער יאָרן. ער האָט אָנגעהויבן אין אַמעריקע זיין טעטיקייט אויף אַ זייער אָריגינעלן אופן. ער פלעגט אַרומפאָרן איבער די קליינע פּראָווינץ־שטעט, און געטראָפן יידן, וואָס לעבן פאַרפרעמדט און דערוויי־טערט פון יידישקייט און האָבן ניט קיין מעגלעכקייט אויפצובויען בתי־מדרשים און אָרגאַניזירן יידישע קהילות. איז ער געפאַלן אויף אַזאַ מין זאַך: ער פלעגט

אַרויספאָרן אויף אַ פורל, מיטנעמען מיט זיך אַ ספר תורה מיט טלית און תפילין און אַזוי אָנשפּאַרן אין די פּאַרוואָרפנסטע שטעטלעך און דערפער. האָט ער אָנ־געטראָפן אויף יידן, האָט ער פאַר זיי פאַרגעלייענט אַ פּרשה פון דער סדרה (אויך אין די טעג וואָס מען לייענט ניט אין דער תורה) און געגעבן זיי לייגן טלית און תפילין. יידן אין די דערפער האָבן אים פיין אויפגענומען און דערפאַר גוט באַצאָלט. אַזוי אַרום האָט ער אויפגעקליבן אַ שיין ביסל געלט און אויפגעעפנט אַ יידישע בוכהאַנדלונג. היימאַן סאָקאָלסקי איז געווען אַ שיינער ייד און זיך זייער פיין אָנ־געטאָן. מען האָט אים אין ניו־יאָרק שטאַרק רעספּעקטירט.

עס איז בכלל געווען דאַן אַ אידילישע צייט אין דעם לעבן פון די יידן אין אַמעריקע.

8. אַמאָליקע יידישע דרוקערייען און צייטונגען

דער וואָס קען די איצטיקע יידישע דרוקערייען, וואו עס דרוקן זיך ביכער און וואו עס ווערן אַרויסגעלאָזט די גרויסע יידישע צייטונגען, און פאַרגלייכט זיי מיט די יידישע דרוקערייען אין ניו־יאָרק און מיט די יידישע צייטשריפטן מיט אַ 50 יאָר צוריק, דער קען באמת דערשטוינט ווערן איבער דעם ריזיקן פאָרשריט, וואָס אָט די איידעלע אינדוסטריע האָט אַדורכגעמאַכט אין לויף פון אָט דער צייט.

יידישע דרוקערייען אין אַמעריקע זיינען שוין געווען פון לאַנג. נאָך אין אָנ־הייב פונעם 19טן יאָרהונדערט זיינען דורך קריסטלעכע פאַרלעגער אין לאַנד אַרויס־געגעבן געוואָרן ביכער, וואָס האָבן געהאַט העברייאישע ווערטער אָדער זאַצן. שפּעטער זיינען אין ניו־יאָרק אַרויסגעגעבן געוואָרן סידורים און מחזורים מיט גאַנצע זייטן העברייאיש (צום ביישפּיל, ליסערס אויסגאַבע) און אפילו אַן אָפּגע־קירצטע ביבל מיט פיל העברייאישע זייטן (לעווינסקיס). אָבער ביז די 70ער יאָרן זיינען די יידישע דרוקערייען נאָך אַלץ געווען באַשרענקט אויף אַ געוויסן מין אויסגאַבן.

ווי די יידישע דרוקערייען אין לאַנד האָבן אויסגעזען די ערשטע צייט אָנהייב די 70ער יאָרן, בין איך ניט אין שטאַנד צו זאָגן: איך קען נאָר איבערגעבן, ווי איך האָב געפונען די דרוקערייען אין יאָר 1882, ווען איך בין אַהער געקומען.

אין יענער צייט האָב איך דאָ געטראָפן אין ניו־יאָרק בלויז צוויי יידישע דרו־קערייען — שרהזאָנס און בלייערס. עס זיינען געווען זייער אָרעמע אונטערנעמונ־גען, סיי לויט זייער אויסשטאַטונג און סיי לויט זייערע געשעפטן. די ערגסטע אָרעמקייט איז באַשטאַנען אין די דרוק־אותיות. די שריפט, וואָס דיביידע דרוקער האָבן באַנוצט, איז געווען פון דעם סאָרט, וואָס היינט באַצייכנט מען עס שוין מער נישט. דער אויסזען פון די אותיות איז געווען פון ערגסטן מין. דערצו זיינען זיי נישט געווען גלייך אין מאָס. זיי האָבן געהאַט אויף זיך פינטעלעך, מען האָט זיי געקאָנט אָנרופן „וישקהו"־כתב, געווען געפינטלט ווי דאָס וואָרט „וישקהו" אין דער תורה. אויך די פּרעס־מאַשין און דאָס פּאַפּיר, וואָס די דרוקערייען האָבן באַ־נוצט, זיינען געווען פון ערגסטן סאָרט. אַ צירקולאַר אָדער אַ בלאַט, וואָס מען האָט

דאַן געדרוקט אין אַ יידישער דרוקעריי פון ניו־יאָרק איז געווען אַזוי שווער צו לייענען ווי אַ שלעכטע האַנטשריפט. דאָך האָט געמוזט זיין אַ גרויסער פּראָגרעס אין פאַרגלייך מיט דעם, ווי עס איז געווען דער צושטאַנד פון דער יידישער דרוקעריי מיט אַ צען יאָר פריער. דאַן זיינען נאָך ניט געווען קיין סוחרישע דרוק־אונטערנעמונגען. איך זאָג עס דערפאַר, ווייל איינער אַ געוויסער ה׳ בוכנער האָט אין יאָר 1873 אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלעטל („די יידישע צייטונג") ליטאָגראַפיש. איך האָב געהערט, אַז אויסער די צוויי דערמאָנטע דרוקערייען, איז אין ניו־יאָרק געווען נאָך איינע אַ יידישע דרוקעריי, איך אָבער האָב זי נישט געזען. אפשר האָט זי עקזיסטירט מיט אַ פּאָר יאָר פריער פאַר אָט די צוויי.

יידישע צייטשריפטן האָבן זיך באַוויזן אין אַמעריקע מיט אַ קנאַפּע 70 יאָר צוריק. די ערשטע אונטערנעמונג פון דעם מין לויט ווי איך האָב געהערט פון פערזאָנען וואָס האָבן זיך געפונען אין אַמעריקע פון לאַנג, איז געווען אַ בלעטל, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער צייט פונעם באַרימטן רובינשטיין־פּראָצעס, כדי צו באַפרידיקן דעם נייגיר פונעם יידישן עולם, וועלכער איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אָט דעם פּראָצעס. אויב איך האָב קיין טעות נישט האָב איך אָט דאָס בלעטל מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק ביי איינעם געזען. לויט ווי איך געדענק, איז עס געווען גראָד נישט שלעכט געדרוקט, און עס איז אפילו געווען אין בלעטל אַ פּאָר אילוסטראַציעס. דאָס ליטאָגראַפיש בלעטל „די יידישע צייטונג", וואָס איך האָב פריער דערמאָנט, איז געווען אַ רעגלמעסיקע וועכנטלעכע אויסגאַבע. עס זיינען דערשינען פון אָט דעם בלעטל אַ 10־11 נומערן. עס איז באַשטאַנען פון אַ פיר קליינע זייטן און עס האָט נאַטירלעך פאַרמאָגט זייער ווייניק מאַטעריאַל: אַ ביסעלע נייעס, נאָטיצן פון חברות, אַ פּאָר אַנאָנסן און אַ בטלנישער פעליעטאָן. די שפּראַך פון דעם בלעטל איז געווען אַ געמיש פון דייטש מיט העברייאישע ווערטער און פראַזן. אַ פאָטאָגראַפישע קאָפּיע פון דער ערשטער זייט פון נומער 10 פון דער־אָ ליטאָגראַפישער צייטונג איז געדרוקט געווען אין דעם „יידיש־אַמעריקאַנישן פאָלקס־קאַלענדאַר פון יאָר תר״ס".

צו דער צייט, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, אין 1882, האָב איך געטראָפן אין איינציקע צייטונג אין יידיש, — דאָס איז געווען שרהזאָנס וועכנטלעכע אויסגאַבע „די יידישע גאַזעטן", וואָס איז דאַן אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף 41 איסט־בראָדוויי, ניו־יאָרק. אַ ביסל שפּעטער האָט זיך באַוויזן אין ניו־יאָרק אַ בלעטל מיטן נאָמען „וואָכנבלאַט", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען, ווי מיר ווייזט אויס, אויפן זעלביקן אָרט, וואָס די „גאַזעטן", הגם עס איז געווען אָנגעגעבן דער אַדרעס פון אָפּיס אויף קאַנאַל גאַס. אין 1884־1885 האָט שרהזאָן אַרויסגעגעבן אַלע דינסטיק די „פאָלקסצייטונג", וואָס ער האָט איבערגענומען פון דעם פריערדיקן פאַרלעגער טאָפּאָלאָווסקי. די שפּראַך פון די צייטונגען איז געווען דייטשמעריש.

די „יידישע גאַזעטן" פון יענער צייט פלעגט געבן צוביסלעך אַלגעמיינע און יידישע נייעס, קורצע פּאָליטישע איבערזיכטן און ראָמאַנען. די פּאָליטישע איבערזיכטן פון אָט דער צייטונג זיינען געווען כמעט פון זעלבן שטייגער ווי „על המדינות בו יאמר", וואָס פלעגט זיך דרוקן אין דעם העברייאישן „המגיד".

אַלץ אין אַט דער צײַטונג איז געשריבן געוואָרן כמעט פון אײן פּערזאָן, אויסער די ראָמאַנען. דער ראָמאַן־שרײַבער אָדער דער איבערזעצער פון די „גאַזעטן“ איז געווען אַ געוויסער ה׳ עהרליך, אַ פּראָפעסאָר פון קרייאָן בילדער. די שפּראַך פון זײַנע ראָמאַנען איז געווען די שפּראַך פון די אַנדערע אָפּטיילונגען אין די „יידישע גאַזעטן“ — געיידישטער דײַטש.

אין יאָר 1882 האָבן די „יידישע גאַזעטן“ געהאַלטן ביים פינפטן יאָרגאַנג. מיר איז ווייניק באַקאַנט וועגן איר עקזיסטענץ די ערשטע עטלעכע יאָר, אָבער פון דער צייט, וואָס איך בין געקומען קיין אַמעריקע, איז איר צושטאַנד מיר גוט באַוואוסט. זי איז געווען אין אַ נעבעכדיקער לאַגע. די צירקולאַציע איז געווען זייער קליין, אַז עס איז געווען ווייניק פאַר אַ ייִנגל זי צו פאַרטיילן. פאַר אַנאָנסן איז נאָך דאַן קיין פאָדערונג נישט געווען ביי יידן, אַזוי אַז די הכנסה פון אַ גאַנצן יאָר אַנאָנסן וואָלט ניט געקלעקט אַרויסצוגעבן איין נומער פון אַ היינטיקער צייטונג. די „גאַ־זעטן“ איז אַרויסגעגאַנגען כמעט רעגלמעסיק, אָבער דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון עקשנות און נישט פון די גוטע געשעפטן, וואָס די צייטונג האָט געמאַכט. קיין געשעפטס־מאַן וואָלט ניט אָנגעהאַלטן אַן אַנדער עסק, ווען עס וואָלט געגאַנגען אַזוי שלעכט ווי עס טוט אָפּט אַן אַרויסגעבער פון אַ צייטונג. דאָ איז מען פאַר־בונדן מיט אַמביציע. דער צייטונג־אייגנטימער וועט אַזוי לייכט נישט נאָכגעבן, ווי די געשעפטן זאָלן נישט גיין שלעכט. און ווען עס איז געווען אַ געלעגנהייט נישט אַרויסצוגעבן קיין נומער, האָבן די אַרויסגעבער פון די „גאַזעטן“ גערן עס אויסגע־נוצט. אַזעלכע געלעגנהייטן זיינען געווען די יידישע יום־טובים. דאַן פלעגן נו־מערן נישט דערשיינען מיטן אַלטן יידישן אויסרייד „מפני קדושת החג“ (צוליב יום־טוב איז דער נומער נישט אַרויס).

אַ יאָר אָדער אַ יאָר מיט אַ האַלב נאָך מיין אָנקומען קיין אַמעריקע, האָב איך אויסגעפונען, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז אויסער די „יידישע גאַזעטן“ שוין פון אַ יאָר פיר געווען נאָך אַ יידישע צייטונג אין יידיש. דאָס איז די „איזראַ־עליטישע פּרעסע“ פון ה׳ עטעלזאָהן. אָט די צייטונג איז לכתחילה דערשינען אין שיקאַגע, הערנאָך איז זי אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין ניו־יאָרק. זי איז געווען איין יאָר יינגער פון די „גאַזעטן“.

די „איזראַעליטישע פּרעסע“ איז געווען אַ צייטונג פונעם זעלביקן מין ווי די „גאַזעטן“ — די זעלבע שפּראַך און דער זעלביקער מין אַרטיקלען, נאָר עטוואָס ריינער געדרוקט. איר צירקולאַציע איז געווען זייער קליין — פיל קלענער ווי די צירקולאַציע פון די „גאַזעטן“. פאַר מיינע אויגן האָט אַ באַקאַנטער באַלעבאָס פון איסט־בראָדוויי געפרעגט דעם אַרויסגעבער פון דער „איזראַעליטישע פּרעסע“, ווי גרויס עס איז די צירקולאַציע פון דער צייטונג, האָט יענער געענטפערט: „ביין הונדערט!“ די „איזראַעליטישע פּרעסע“ האָט געהאַט איר אָפיס אין הויז פון דער קאָלוואַריער שול אין פייק גאַס. די צייטונג האָט נישט לאַנג עקזיסטירט. אין אַ קאַרגן יאָר נאָך איר איבערפירן זיך קיין ניו־יאָרק איז זי אונטערגעגאַנגען.

די „יידישע גאַזעטן“ און די „איזראַעליטישע פּרעסע“ זיינען געווען ביטערע קאָנקורענטן. אַ קאָנקורענץ פאַר אַ נישטיקער עקזיסטענץ. די אַרויסגעבער זיינען

געווען זייער אָרעם, און זייערע צייטונגען זיינען געווען נאָך אָרעמער. עס האָט זיי געפעלט אין דעם עסק נישט קיין הונדערטער דאָלאַרן, נאָר עס האָט זיך אָפט געהאַנדלט אין אַ פּאָר דאָלער, אויף די סאַמע קליינע הוצאות.

אַז מען נעמט אין זינען די אָרעמקייט פון די אַרויסגעבער, קאָן מען שוין זיך פאָרשטעלן ווי עס האָט געהאַלטן מיט די זעצער, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די שריפט־קאַסטנס. עס זיינען דאַן געווען געציילטע יידישע זעצער, און זיי זיינען פשוט געשטאָרבן פון הונגער. זיי פלעגן אַרבעטן פאַר דריי־פיר דאָלער אַ וואָך און פלעגן אָט די סומע נישט באַקומען אויסגעצאָלט פינקטלעך.

און וואָס פאַר אַן ענדערונגען עס זיינען פאָרגעקומען אין די יידישע דרוקערייען, אין די יידישע צייטונגען פאַר אָט דער צייט!

יאָ, ווער עס האָט געזען דעם צושטאַנד פון די יידישע דרוקערייען און צייטשריפטן מיט אַ פופציק יאָר צוריק און גייט זיי פאַרגלייכן מיט דער לאַגע פון דעם יידישן דרוק־וועזן און צייטונגען ביי היינטיקן טאָג, דער ווערט דערשטוינט מיט דעם ריזיקן פאָרשריט, וואָס די דרוק־אינדוסטריע און צייטונגס־וועזן ביי יידן האָבן פאַר די פינף צענדליק יאָר אַדורכגעמאַכט.

1934

נחמן מייזיל

דוד בערגעלסאָן דער דראַמאַטורג און זיין פּיעסע „מיר וועלן לעבן”

.1

דוד בערגעלסאָן איז באַקאַנט אין דער יידישער ליטעראַטור־וועלט ווי דער מייסטער פון דערציילונג און פון ראָמאַן. גאָר ווייניק ווייסט מען און מ׳האָט אויך ווייניק געשענקט אויפמערקזאַמקייט אין דער קריטיק און אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג דוד בערגעלסאָנען דעם דראַמאַטורג, דעם מחבר פון אַ צאָל פּיעסעס, וואָס אייניקע פון זיי האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג אויף דער בינע. וואָס דאַרפן מיר גיין ווייט — י. דאָברושין אין זיין גרויסער דוד בערגעלסאָן־מאָנאָגראַפיע (מאָסקווע, 1947), וואָס האַלט 342 זייטן, דערמאָנט אפילו ניט זיינע דראַמאַטישע שאַפונגען. דוד בערגעלסאָן גופא האָט אין די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פון זיין שאַפן זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיט דראַמאַטורגיע. און עס איז אפשר געווען נאַטירלעך, — וייל אין די יאָרן, ווען ער איז געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט ווי אַ שרייבער, איז אין זיין היימשטאָט קיעוו, קיין לייטיש יידיש טעאַטער ניט געווען. און בכלל האָט ער אַמאָל קיין באַזונדערן אינטערעס פאַר טעאַטער ניט אַרויסגעוויזן. און אינטערעסאַנט, ער גופא האָט גראָד ליב געהאַט אין זיינע יונגע יאָרן און אויך שפּעטער אַליין אויסצושפּילן, אין ענגע היימישע קרייזן, קאָמישע סצענקעס, נאָכמאַכן האַוואַיעס און באַוועגונגען פון כלערליי טיפּן און באַזונדערס — פון פרויען.

איך דערמאָן מיך אין אַ פּיעסע, וואָס מירביידע, דוד און איך, האָבן אַמאָל פאַרפאַסט, — אַמאָל, נאָך איידער ער, בערגעלסאָן, איז באַקאַנט געוואָרן אין דער ליטעראַרישער וועלט מיט זיין ערשטלינג ווערק מיטן „אַרום וואָקזאַל” (1909). ווי אַרום מיר זיינען געקומען צו אָט דער דראַמאַטישער אַרבעט, איז מיר איצט שווער צו דערקלערן. מסתמא זיינען געווען אין יענער צייט, אַרום 1906־1907, סיבות, וואָס צוויי יונגע לייט, אָנפאַנגער, האָבן פּלוצלונג זיך פאַרנומען צו פאַרפאַסן אָדער דראַמאַטיזירן אַ שטיק אין אַ 3־4 אַקטן. די מעשה איז אַזוי געווען: מיר האָבן איבערגעלייענט (מיר פלעגן אָפט לייענען ביכער און ביכלעך אינאיינעם אָדער גלייכצייטיק!) אין רוסיש־יידישן „וואָסכאָד” ש. אַנסקיס לענגערע דערציילונג „פּיאָנערן”, איז אונדז איינגעפאַלן זי צו אינסצעניזירן. און אַזוי ווי מיר האָבן איינגעזען, אַז עס פעלט דער נויטיקער „אַריינפיר” אין דער אַקציע פון דער דערציילונג, האָבן מיר צוגעשריבן אַן אייגענעם אַקט, וואָס נאָך אים זיינען שוין געגאַנגען צוויי אָדער דריי אַקטן לויט אַנסקיס סיפּור־המעשה. די פאַרפאַסטע

דראַמע, פֿיין איבערגעשריבן, אין אַ העפֿט מיט שוואַרצע גלאַנציקע ווייכע טאָולען, איז מגולגל געוואָרן קיין ווילנע, צום שרייבער דן קאַפּלאַנאָוויטש, וועלכער האָט מסתמא געהאַט דאָן פֿאַרבינדונגען מיט אַ בעסערער יידישער טעאַטער־טרופּע. וואָס עס איז געשען דערנאָך מיטן כתב־יד, — האָבן מיר זיך, זעט אויס, שפּעטער ווייניק אינטערעסירט. איך געדענק נאָר, אַז קאַפּלאַנאָוויטש האָט זיך גוט אָפּגערופֿן וועגן דער פֿאַרפֿאַסטער פּיעסע און געזוכט פֿאַר איר אַ סצענישן תיקון. אָבער מיר זיינען דערנאָך ביידע אַוועק אין דער ליטעראַטור אויף אַנדערע וועגן און לחלוטין אַרויסגעלאָזט פֿון געדאַנק און אויג אונדזער „דראַמאַטורגישן עקספּערימענט".

אָבער אַז דוד בערגעלסאָן האָט יאָ אַ שייכות צום יידישן טעאַטער, זעען מיר אין דעם זילבערצווייג־מעסטל „לעקסיקאָן פֿון יידישן טעאַטער" (דערשינען אין יאָר 1931, באַנד 1), וואו עס ווערט צווישן אַנדערן איבערגעגבן וועגן אים: „...ווען עס גרינדעט זיך אין מאַי 1918 די דראַמאַטישע סטודיע ביי דער קיעווער 'קולטור־ליגע', איז בערגעלסאָן ביז סעפּטעמבער 1920 געווען איר דירעקטאָר און ליטעראַרישער לייטער און (ער) באַטייליקט זיך אין דער רעזשי און אין די לימודים. בערגעלסאָן האָט באַאַרבעט זיין דערציילונג 'דער טויבער' אַלס אַ דראַמע אין 3 טיילן, און פֿראַגמענטן פֿון איר אָפּגעדרוקט אין דער ניו־יאָרקער 'פֿרייהייט', 1927. די פּיעסע אונטערן נאָמען 'אויבן און אונטן' אונטער דער רעזשי פֿון משה ראַפּאַלסקי (אַגב, אונדזער אַ יוגנט־חבר פֿון קיעוו! — נ. מ.), מוזיק פֿון א. קריין, דעקאָראַציעס פֿון טישלער. און דעם 27סטן אַפּריל 1929 איז זי אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין האַמעל דורכן 'ווימט'. די פּיעסע אונטערן נאָמען 'די ברויט־מיל' איז אין 1930 דער־שינען אין ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. קלעצקין. די פּיעסע איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף דייטש דורך ד"ר פּרינץ פֿאַרן (בערלינער) פּיסקאַטאָר־טעאַטער. סוף מערץ 1929 איז דורך דעם שיקאַגער יידישן דראַמאַטישן געזעלשאַפֿט־קאָלעקטיוו פֿאַרגעלייענט געוואָרן, מיטן אָנטייל פֿון מחבר, זיין איין־אַקטיקע קאָמעדיע, 'אין יידישן סאָוועטישן געריכט', וועלכע איז שפּעטער אויפֿגעפֿירט געוואָרן (רעזשי יעקב מעסטל) דורך 'אַרטעף' אין קאַרנעגי האָל, אין ניו־יאָרק. אין דער 'פֿרייהייט' פֿון מערץ־אַפּריל 1929 זיינען געדרוקט געווען פֿראַגמענטן פֿון בערגעלסאָנס דריי אַקטיקער דראַמע 'ביים טעלעפֿאָן', וועלכע איז צום בערגעלסאָן־אָוונט אין ניו־יאָרק געלייענט געוואָרן מיטן אָנטייל פֿון מחבר דורכן 'אַרטעף'..." (ז' 199).

עד כאן — דער „לעקסיקאָן פֿון יידישן טעאַטער".

און איצט וועלן מיר גיין ווייטער:

דוד בערגעלסאָן איז צוגעטראָטן צו פֿאַרפֿאַסן אַ דראַמע ערשט אין 1927, פֿולע 18 יאָר נאָכן דעביוטירן אין דער יידישער ליטעראַטור מיטן „אַרום וואָקזאַל", וואָס האָט אים גלייך געמאַכט אַ נאָמען און אים אַוועקגעשטעלט אין מזרח־וואַנט פֿון דער יידישער ליטעראַטור. עס איז גוט באַקאַנט, און מיר איז שוין אייניקע מאָל אויסגעקומען צו שרייבן וועגן דעם, אַז נאָך איידער בערגעלסאָן האָט פֿאַר־ענדיקט זיין „אַרום וואָקזאַל", אין 1908, האָט ער שוין אָנגעשריבן די דערציילונג „דער טויבער", וואָס איז געלעגן איבער אַ יאָר צייט ביי הלל צייטלין, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן זאַמלהעפֿטן „נייע צייט" און צוגעזאָגט די דערציילונג פֿאַר־

עפּנטלעכן, אָבער עס זיינען אַרויס איין העפט נאָך דער צוויטער, און „דער טויבער" האָט אַלץ געוואַרט, ער זאָל דערזען די ליכטיקע שיין. און ערשט נאָכן דערשיינען פון „אַרום וואָקזאַל", האָבן מיר אין קיעוו אָפּגעדרוקט די דערציילונג אין דעם „יידישן אַלמאַנאַך", וואָס איז דערשינען אין 1910, אינעם קונסט־פאַרלאַג, וואָס מיר האָבן געהאַט אָרגאַניזירט, אינאיינעם מיט מ. ל. ציטראָן (וועגן דעם זע אויס־פירלעכער אין מיין בוך „פאַרגייער און מיטצייטלער", ניו־יאָרק, 1946, ז"ז 330־334).

אין זיין הקדמה צו „דוד בערגעלסאָן" (מאָסקווע 1947) שרייבט י. דאָברושין: „דער טראַגישער אינהאַלט פון דער געשיכטע וועגן די צוויי טויטן, דער פּאַרטיפּט־קאָמפּליצירטער סוזשעט פון דער דערציילונג, וואָלט געקאָנט דינען ניט נאָר פאַר אַ נאָוועלע, נאָר אויך פאַר אַ גרעסערן קינסטלערישן לייוונט, אַלנפאַלס — פאַר אַ גרויסער דערציילונג, אויב מען זאָל נעמען בפרט אין אַכט די גריילעכע מעג־לעכקייט צו פאַרברייטערן די לאַקאָניש־ אויפגעשטעלטע מאַסן־סצענעס, די קאַרגע אויסגעצייכנטע דיאַלאָגן און מייסטערישע נאַטור־שילדערונגען, ווי אויך די גרוי־סע צאָל פּערזאָנען, וואָס ווערן אויף דעם אָדער יענעם אופן אַרויסגעפירט אין דער דאָזיקער נאָוועלע". און י. דאָבראשין גיט צו: „העכער צוואַנציק פּערזאָנען פּי־גורירן ביי בערגעלסאָנען אין דער דערציילונג 'דער טויבער', — פון זיי — אַ ביין, וואָס שטייען אויפן פאָדערגרונט, אויסער דער צענטראַלער געשטאַלט פונעם טויבן גופא. דאָס אַליין באַווייזט די מייסטערשאַפט פון דעם דעמאָלט נאָך יונגן שרייבער־אָנפאַנגער, וואָס האָט אויסגעזעצט זיי אַלעמען אויף אַ באַגרענעצטן שטח פון אַ קלע־נערער דערציילונג (ז"ז 8־9).

2.

אין מיין ביכל „דוד בערגעלסאָן" (ניו־יאָרק, 1940) האָב איך געשריבן, אַז „דוד בערגעלסאָן האָט איבערגעמאַכט אין 1929 (ס'דאַרף זיין 1927) זיין דערציילונג אויף אַ דראַמע און זי אַ נאָמען געגעבן 'אויבן און אונטן'. ער האָט די ראַמען פון דער דערציילונג שטאַרק פאַרברייטערט, ער האָט אַרויסגעבראַכט פולער וואָווע ביקס גבירישע שטוב, געגעבן די ברויט־מיל מיט אירע אָנגעשטעלטע, אַרויסגע־בראַכט די קאָנטאָר מיט די תבואה־הענדלער און תבואה־מעקלער און אויך געגעבן די קיך, וואו דעם טויבנס טאָכטער, אסתר, לעבט איבער די טראַגעדיע מיט מענדל, דעם רייכן זונדל, וואָס פירט זי צו זעלבסטמאָרד. אין דער פּיעסע האָט בערגעלסאָן געגעבן נאָכאַנאַנד, איינס נאָכן אַנדערן, דאָס לעבן אויבן, אין דער גבירישער שטוב, און אונטן — אין קיך אָדער אַרום דער פאַבריק. דער צושויער האָט פאַר זיך כסדר צוויי באַזונדערע וועלטן. די אַקציע טראָגט זיך איבער פון איין וועלט אין דער צווייטער. עס ווערט געגעבן פולער און גאַנצער די גבירישע פאַמיליע, אין וואָך און אין יום־טוב (איין לענגערע סצענע קומט פאַר שמחת־תורה ביי די הקפות). וואָווע וויל רייך ווערן אויפן חשבון פון די אָרעמע, ער הייבט די פּרייזן אויף דעם מעל, וואָס די מיל אַרבעט אויס. עס קומט צו אַ מין הונגער־בונט פון די שטעטלשע אָרעמלייט. אָט דער מאָמענט איז אין דער דערציילונג אינגאַנצן נישטאָ. עס איז

אַזוי אַרום אַרויסגעבראַכט אַ פאַרשאַרפטער קלאַסן־קאַמף אין אַן אַמאָליקער יידישער שטאָט, מיט סטרייקנדיקע אַרבעטער און מיט פּאָליציי, וואָס דערשטיקט דעם סטרייק לויט דער בקשה פונעם גביר...״ ווייטער ווערן אויסגערעכנט נאָך טיפן און סצענעס, וועלכע זיינען אַריינגעבראַכט אין דער פּיעסע, כדי צו באַטאָנען וואָס־מער דאָס לעבן אויבן און דאָס לעבן אונטן. די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ קלענערער שטאָט אין אוקראַינע פאַר 1905. עס איז אַפילו אַריינגעבראַכט אַ „חבר פון צענטער, צאַלי״, אָבער דער דעה־זאָגער איז מער דער טויבער מיט דער האַק, איידער צאַלי מיט דער פּראָקלאַמאַציע. מער אויפבּרויז, מער בלינדער בונט, ווי צילבאַוואוסטער קאַמף״ (ז״ז 14־15).

בכלל איז בערגעלסאָנס „דער טויבער״ געווען אַ וויכטיקע טעאַטראַלע געשע־עניש. מיר שיקן אָפּ דעם לייענער צו דער לענגערער אָפּהאַנדלונג, וואָס מיר האָבן פאַרעפנטלעכט אין די „ליטעראַרישע בלעטער״ (פעברואַר 4, 1929): „דוד בער־געלסאָנס ׳דער טויבער׳ אין ווייסרוסישן יידישן מלוכה־טעאַטער״. מיר האָבן דאָרטן דעם אינטערעסאַנטן מאָקעט צו דער פּיעסע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „אויבן און אונטן״, און צייכענונגען פון די הויפּט־שפּילער. אין דער מעלדונג, וואָס מיר האָבן דאַן באַקומען פון דער אָנפירונג פונעם ווייסרוסלענדישן יידישן מלוכה־טעאַטער איז צווישן אַנדערן געזאָגט געוואָרן: „... בויען בויען מיר די זאַך אין אַ פּרינציפּ פון איינצייטיקער האַנדלונג — דער מאָקעט פונעם קינסטלער א. טישלער שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַרכיטעקטור־מאָלערישע קאָנסטרוקציע און איז געבויט נישט לויט דיסאָנאַנסן נאָר אין אַ פולער האַרמאָניע. די רעכטע זייט שטעלט מיט זיך פאָר: דער אויבערשטער שטאָק — דער מיל־גאָרן, דער אונטער־שטער שטאָק — קאָנטאָר. די לינקע זייט: — אונטן די קיך, אויבן — דעם ביקס וואוינונג. די גאַס ריגלט אַרום די געביידע, אין הינטערגרונט גייט די הויב־מאַ־שין... אַזאַ געבוי גיט די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען די האַנדלונג איינצייטיק. די אַלגעמיינע קאָמפּאָזיציע פון דער פּיעסע גופא איז אַן עקספּרעסיאָניסטישע. בערגעלסאָן, ווי אַן אויסגעשפּראָכענער אימפּרעסיאָניסט, בויט באַזונדער שטיקלעך אין אימפּרעסיאָניסטישער מאַניער. די אייגנאַרטיקייט שטויסט דעם טעאַטער צו זוכן די עקספּרעסיע פון דער פאָרשטעלונג אין שטימונגספולע עפּיזאָדן, וועלכע קומען פאָר איינצייטיק אויף אַלע פּלענער. קורץ געזאָגט — דאָס איז די דינאַמיק דורך סטאַטיק. די אידעאָלאָגישע ציל־איינשטעלונג: דער אַרבעטער־קלאַס אין זיך. דאָרט איז נישטאָ קיין קאַמף פון קלאַסן־באַוואוסטזיין, נאָר פון קלאַסן־אינסטינקטן״.

אין דער זעלביקער אָפּהאַנדלונג ווערט דערציילט: „...מ׳דאַרף דאָ דער־מאָנען, אַז דער באַוואוסטער דייטשער רעזשיסער ערווין פּיסקאַטאָר, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט פאַריקן יאָר מיט זיינע עטלעכע אינטערעסאַנטע טעאַטער־אויפפירונגען (׳האָפּליאַ, מיר לעבן׳, ׳ראַספּוטין׳, ׳דער בראַווער סאָלדאַט שוויק׳ *) האָט געהאַט בדעה צו עפענען דעם היי־יאָריקן טעאַטער־סעזאָן מיט אַט דער בער־

*) די דאָזיקע פּיסקאַטאָר־אויפפירונג האָבן מיר, בערגעלסאָן און איך, געזען אין בערלין און געוואַלדיק הנאה געהאַט.

געלסאָן־פּיעסע. צוליב פאַרשיידענע סיבות איז פּיסקאַטאָרן נישט געלונגען צו פאַרבלייבן ביי זיין טעאַטער. גאַנץ מעגלעך, אַז די פּיעסע וועט אפשר אויפגעפירט ווערן אין ניו־יאָרק, וואו בערגעלסאָן געפינט זיך איצט. עס זיינען אויך געפירט גע־וואָרן אונטערהאַנדלונגען דורך דער היגער [וואַרשעווער — נ. מ.] 'ווילנער טרופּע' אויפצופירן די פּיעסע אין וואַרשע"... (ז' 63).

***

די פּיעסע „דער טויבער", אָדער „אויבן און אונטן" אָדער „די ברויט־מיל" איז געשפּילט געוואָרן אין פּוילן, אין ראַטנפאַרבאַנד און אין אַנדערע לענדער. אַנגעזעענע אַקטיאָרן האָבן זיך באַטייליקט אין אַרויסברענגען די שאַרפע בערגעל־סאָנישע געשטאַלטן. אין וואַרשע איז די פּיעסע רעזשיסירט געוואָרן דורך דוד הערמאַן, דעם טויבן האָט געשפּילט א. סאַמבערג, יאָסעלע באָבצעס — דוד לעדער־מאַן, וואָווע ביק — א. ראָטמאַן, אסתר — קלאַראַ סעגאַלאָוויטש,ביילקע — דיאַנא בלומענפעלד, יואליק, (וואָס אין דער דערציילונג איז ער פּיניע, דעם פאַרבערס זון, אַ ראָמאַנטישע געשטאַלט אַ פידלער) — רחל האלצער א.א.וו. צו דער 100סטער פאָרשטעלונג האָבן מיר פאַרבעטן קיין וואַרשע דוד בערגעלסאָנען, וועלכער האָט זיך געוואַלדיק געפרייט מיט דער אויפפירונג און גאָר נתפּעל געווען פון א. סאַמ־בערגן — דעם טויבן. עס געדענקט זיך גוט דער פייערלעכער מיטאָג ביי אונדז אין הויז, אין וואַרשע, וואו זיי ביידע האָבן זיך געהאַלדזט און געקושט.

מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער, מסתמא אין 1932, איז „דער טויבער" אויפגעפירט געוואָרן אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, רעזשיסירט פון ראַדלאָוון, און דעם טויבן האָט געשפּילט שלמה מיכאָעלס (און שידלא), יאָסעלע באָבצעס — בנימין זוסקין, וואָווע ביק — כאַזאַק, אסתרן — שרה ראָטבוים, מענדל — משה גאָלדבלאַט.

אוודאי קאָן מען רעדן גענויער וועגן דעם, ווי די פאַרשיידענע שוישפּילער האָבן אויפגעפאַסט די דערמאָנטע ראָלן און ווי זיי האָבן זיי פאַרגעשטאַלטיקט אויף דער בינע.

מיר וועלן אַרויסכאַפּן אַ פּאָר שורות פון פּרץ מאַרקישן וועגן מיכאָעלס אַלס דער טויבער: „...ס'איז צום באַוואונדערן, ווי דער מיטלוואוקסיקער מיכאָעלס, ווי נאָר ער טראָגט זיך אַריין אויף דער בינע אין גורל פון זיין געשטאַלט, ווערט זיין פיזישע מעטריק, די אונטערגעוואָרפענע צו באַשטימטע געזעצן פון מאָס, — אַ באַדינגלעכע... מען קאָן עס אויף אַ גלענצנדיקן אופן זען אין בערגעלסאָנס 'טויבן', וואו אויף דער בינע באַוועגט זיך אַ גאַנצער מאַסיוו, וואו דער וואוקס און די פעסטקייט ווערן באַשטימט דורכן איינדרוק פון דער דערוואָרגענער שטים פון זיינער, וואָס רייסט ערגעץ זיך שלאָגן מיט דער גאַנצער פאַסקודנער וועלט" (ש. מיכאָעלס־זאַמלונג, מאָסקווע, 1948, ז' 50).

י. דאָברושין שרייבט וועגן דער מיכאָעלס־געשטאַלט פונעם טויבן, אַז „אין דער ראָל האָט ער זיך מיט לייב און לעבן אָפּגעגעבן דער טראַגישער סטיכיע פון דער דאָזיקער געשטאַלט, אויפשטעלנדיק אין דער פולער גרייס דעם מענטש, וואָס איז גרויזאַם פאַרשקלאַפט אין די אוממענטשלעכע קאַפּיטאַליסטישע באַדינ־

גונגען. מיטן טויבן האָט מיכאָעלס אויפגעעפנט אַ נייע סעריע געשטאַלטן, וואָס ער האָט פון איצט אָן אויף אַ נייעם וועג, פולקאָם רעאַליסטישן, אַוועקגעשטעלט אויף זיין ליניע פון קאַמף פאַר דער לעבנס־איבעראַנדערשונג און וועלט־ענדערונג".

און ווייטער שרייבט י. דאָברושין, אַז „מיכאָעלס האָט איינמאָל דערציילט, אַז דער געדאַנק צו שפּילן דעם קיניג ליר איז ביי אים אויפגעקומען אויף דער פּרעמיערע פון „טויבן". די טראַגיש־אויסגעפורעמטע ראָל פונעם טויבן האָט אים געפירט צו דער שעקספּירישער טראַגישער פיגור". (דאָרט, ז' 142).

און אינטערעסאַנט, ווי עס פלעכטן זיך אַריין „דער טויבער" ביי מיכאָעלסן אין די אַנדערע וויכטיקע סצעניש געשטאַלטן, וואָס ער האָט געשאַפן. י. נוסינאָוו, אין זיין אַרטיקל „די מיכאָעלס־טראַדיציע", באַטאָנט: „מיכאָעלס האָט בדרך כלל ניט געוואוסט פון אַזאַ ריס צווישן זיינע געשטאַלטן פון אַמאָל און זיינע געשטאַלטן פון סאָוועטישע פּיעסן, בפרט דאָן, ווען דער דראַמאַטורגישער מאַטעריאַל איז געווען פון דער נויטיקער קינסטלערישער קוואַליטעט. און אַזעלכע צווי מיכאָעלס־געשטאַלטן ווי דוד בערגעלסאָנס 'דער טויבער' און פּרץ מאַרקישעס 'זיווגל אָוואַדיס', וואָס שטייען אין דער כראָנאָלאָגיע פון מיכאָעלסעס שאַפן צווישן בנימין השלישי און טביה דעם מילכיקן, טראָגן כלל ניט אַריין קיין דיסהאַרמאָניע אין דעם מיכאָעלס־אַנסאַמבל, פאַרקערט, זיי פאַרפולקאָמען אים מיט אמתער פאַרב און קלאַנג". (ז' 169).

אַזאַ וויכטיקע ראָל האָט געשפּילט בערגעלסאָנס „דער טויבער" אינעם אַמאָליקן פּרעכטיקן מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, ווי אויך אין דעם קינסטלעריש־סצענישן גאַנג און וואוקס פון דעם גרויסן שלמה מיכאָעלס.

.3

נאָך דעם קאָלאָסאַלן דערפאָלג פון „דעם טויבן" האָט דוד בערגעלסאָן דראַמאַטיזירט זיין ווערק „מידת הדין", וואָס דער מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער האָט געשפּילט, אונטער דער רעזשי פון שלמה מיכאָעלס. די צענטראַלע ראָל פון פיליפּאָוו האָט געשפּילט דער שוישפּילער שידלאַ, די בלאָנדע — שרה ראָטבוים. ווייזט אויס, קיין באַזונדערן דערפאָלג, האָט אָט די פּיעסע ניט געהאַט. קיין מאַטעריאַלן, קיין אויספירלעכע ידיעות וועגן דער פּיעסע, וועגן דער אויפפירונג, וועגן די געשטאַלטן, ווי זיי זיינען אויסגעפורעמט געוואָרן און ווי עס איז געווען דער אָפּקלאַנג ביים טעאַטער־עולם און ביי דער קריטיק, — האָבן מיר, ליידער, ניט איצט אונטער דער האַנט. מען דאַרף זיי נאָכזוכן אין דער סאָוועטישער פּרעסע.

דאָס איז געווען אין יאָר 1934. פון יענער צייט האָבן מיר אַ ידיעה, אַז די מאָסקווער ראַדיאָ האָט אָפּגעגעבן אַ ספּעציעלע אוידיציע לכבוד דעם יידישן מלוכה־טעאַטער. עס זיינען דעמאָנסטרירט געוואָרן דריי עטאַפּן פונעם דאָזיקן טעאַטער: שלום־עליכמס „200 טויזנט", דוד בערגעלסאָנס „דער טויבער" און מ. דאַניעלס „יוליוס". עס האָבן זיך באַטייליקט מיכאָעלס, זוסקין א. א. די אוידיציע

האָט געדויערט איבער אַ שעה צייט״ (זע מיין בוך „דאָס יידישע שאַפן אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד״, ניו־יאָרק, 1959, ז׳ 164).

און ניט נאָר אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט זיך דערוועקט אַ אינטערעס צו בער־געלסאָנס ווערק, וואָס קאָנען דראַמאַטיזירט ווערן, אויך אין אַמעריקע, און בעיקר — אין ניו־יאָרק הייבט מען אָן אָפּטער זיך ווענדן צו דוד בערגעלסאָן. אָט דער־ציילט יעקב מעסטל אין זיין ביכל „70 יאָר טעאַטער־רעפּערטואַר״ (ניו־יאָרק, 1954), אַז „דער ׳אַרטעף׳״, וואָס יעקב מעסטל איז געווען איינער פון די לערער און רע־זשיסערן, האָט אין די יאָרן 1929־1933 אויפגעפירט אין דער סטודיע און אין טע־אַטער דוד בערגעלסאָנס אייגאַקטער און אינסצענירונגען: ׳אין אַ סאָוועטישן גע־ריכט׳, ׳בירגער וואָלי ברענער׳, ׳ביים טעלעפאָן׳״ (ז״ז 53, 65, 98, 102).

עס קומט אַ לענגערער איבעררייס אין בערגעלסאָנס דראַמאַטורגישער טעטי־קייט. מעגלעך דערפאַר, וואָס ער איז געווען פאַרנומען מיט אַנדערע ליטעראַרישע ווערק. ער פאַרעפנטלעכט דאָס בוך „בירא־בידזשאַנער״ (1934), דאָס בוך „צווישן לעבעדיקע מענטשן״ (1936), ער אַרבעט אויפן צווייטן טייל פון זיין „ביים דניעפּער״. און באַלד הייבט זיך אָן די צווייטע וועלט־מלחמה, דער אַריינמאַרש פון די היטלע־ריסטישע באַנדעס־מערדער אין אייראָפּע (1939) און אין סאָוועטנפאַרבאַנד (1941) און אַזוי ווייטער.

ווייזט אויס, אַז שוין אינעם ערשטן יאָר פון דער נאַצי־דייטשער אָקופּאַציע פון אַ טייל פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד פאַרנעמט זיך דוד בערגעלסאָן אָנצושרייבן אַ פּיעסע אויף דער־אַ ברענענדיקער און טראַגיש־גרויליקער טעמע. און אַ סימן האָבן מיר, אין דעם געשפּרעך, וואָס איך האָב געהאַט מיט ש. מיכאָעלס בעת זיין באַזוך אין ניו־יאָרק, אין מאַי 1943, האָט ער מיר געזאָגט: „מיר שפּילן איצט פּ. מאַרקישעס ׳אָן אויג פאַר אַן אויג׳, מיר גרייטן דוד בערגעלסאָנס אַ קריגס־פּיעסע ׳כ׳וועל לעבן!׳״ הייסט עס, אַז שוין אָנהייב 1943 האָט בערגעלסאָן שוין געהאַט פאַרפאַסט די דראַמע, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן מיט אַ יאָר שפּעטער אין „הבימה״ (אין העברייאיש) און ביי אונדז אין ניו־יאָרק, מיט צוויי יאָר שפּעטער, ווי מיר וועלן זען ווייטער. עס זעט אויס, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז די דאָזיקע פּיעסע ניט אויפגעפירט געוואָרן, אַזוי פאַרזיכערט אונדז אין אַ בריוו דער טעאַטער־קריטיקער און פאַרשער י. ליובאָמירסקי. אַנדערע ווידער דערציילן, אַז מ׳האָט די דאָזיקע פּיעסע יאָ געשפּילט אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

עס איז אויך וויכטיק צו באַמערקן, אַז אינעם דערמאָנטן שמועס האָט ש. מי־כאָעלס אונדז געזאָגט, ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז „מיר האָבן זיך גע־ווענדט (מיט אונדזער רעפּערטואַר) צו אונדזער העראָאישער געשיכטע״, אַז „אַגב, דוד בערגעלסאָן גרייט איצט אַ נייע היסטאָרישע פּיעסע ׳דוד ראובני׳, וואָס וועט אַריין אין אונדזער טעאַטער גאָר אינגיכן׳״. (זע „דאָס יידישע שאַפן אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד״, ז׳ 68).

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן איצט אויף דער פּיעסע „דוד ראובני״ און איר גורל, און דערנאָך וועלן מיר רעדן גענויער וועגן דער דראַמע „מיר וועלן לעבן״, וואָס מיר גיבן זי איצט אין אונדזער „איקוף־אַלמאַנאַך״.

.4

ווי מיר זעען, האָט דוד בערגעלסאָן פֿאַרטראַכט צו שרײַבן די ראובני־דראַמע נאָך אָנהייב 1943, און אפֿשר נאָך פֿריער. דאָס וואָלט אונדז געקאָנט דערציילן, ציפּעלע, בערגעלסאָנס פֿרוי.

דער מאַנוסקריפּט פֿון פֿרינץ „ראובני" איז אונדז צוגעשיקט געוואָרן אין סוף 1944, און אין די „יידישע קולטור" נומערן 1, 2, 5, 6, 1946 איז ער פֿאַרעפֿנט־לעכט געוואָרן. דער אונטערקעפּל איז געווען „דראַמאַטישע פּאָעמע אין פֿינף בילדער". דאָס בילד איינס הייבט זיך אָן פֿון דער סצענע, ווי „פֿונעם גאָרטן אין שלאָס ביים באַנקיר דאַ פּיזא זעט מען אַרויס דעם ווימלדיקן האַפֿן א.א.וו." און עס רעדט דינה די ערשטע ווערטער: „ווי נאָר די זון פֿאַרגייט א.א.וו."

סוף 1946 איז „פֿרינץ ראובני" דערשינען אין „איקוף" אין בוכפֿאָרם, מיט אַן אונטערקעפּל „דראַמע אין פֿיר אַקטן — זעקס בילדער", 126 זייטן. אין דער רובריק „נייע ביכער" אינעם זשורנאַל „יידישע קולטור", דעצעמבער 1946 איז דאָ אַ באַמערקונג: „די איצטיקע אויסגאַבע איז אַ נייע באַאַרבעטונג, וואָס בער־געלסאָן האָט צוגעשיקט צום איקוף־פֿאַרלאַג און (זי) האַלט איצט פֿיר אַקטן — זעקס בילדער". צו דער נייער באַאַרבעטונג איז צוגעגעבן אַ „בילד איינס" אויף „אַ צעוויגטער שיף, באַלויכטן מיט פֿאַקלען", וואָס פֿירט „דערשראָקענע מענטשן, וואָס טוליען זיך איינער צום אַנדערן", ווען מען די מאַטראָסן, אונטער דער אָנפֿי־רונג פֿונעם קאַפּיטאַן, וואַרפֿן איינציקווייז אין ים אַריין. דאָ האָבן מיר אויך צווישן די פּאַסאַזשירן דאַגאַ פּירעס (שלמה מולכו) און די יונגע דינה (וואָס איז פֿאַרשטעלט פֿאַר אַן אַלטער פֿרוי). דאַגאַ פּירעס (דער פּאָרטוגאַלער מאַן) נעמט זיך אָן פֿאַר די פֿאַרפֿאָלגטע יידן אויף דער שיף. ער זאָגט אגב: „אים, איין מאָל בלויז האָט מען געקרייצט, און מיך דער ליגן הערט בישט אויף צו קרייצן טאָג נאָך טאָג... מער קאָן איך ניט!" (ז' 13).

ביים פֿאַרגלײַכן די ביידע טעקסטן, פֿון דעם וואָס איז געדרוקט אין זשורנאַל, און פֿון דעם בוכפֿאָרם, זעען מיר פֿיל אויסבעסערונגען און צוגאָבן וואָס זיינען געמאַכט אין דער נייער באַאַרבעטונג. די דראַמאַטישע פּאָעמע „פֿרינץ ראובני", לויט איר פֿאָרם און אינהאַלט, איז בכלל גאָר אַ נייעס אינעם שאַפֿן פֿון בערגעלסאָן. קודם־כל — דער געשיכטלעכער שטאָף און די אַלע געשטאַלטן, וואָס ווערן אַרויס־געבראַכט אין דעם ווערק און די טיף־יידישע מאָמענטן, וואָס זיינען פֿול־איבער־פֿולט מיט דערהויבענע נאַציאָנאַלע מאָטיוון און מאָנונג־און וואָרנונג רייד קעגן וועלט, קעגן די אַלערליי באַדריקער, קעגן דער הערשנדיקער רעליגיע און קעגן די מאַכטהאָבער. און דער שאַרפֿער שטרייט צווישן די פֿאַרשיידענע יידן, וואָס פֿאַר־טרעטן אַלערליי טראַדיציעס, וועלכע ווערן מיט האַרבע ווערטער קריטיקירט און באַקעמפֿט. דוד בערגעלסאָן האָט אַקטואַליזירט די היסטאָרישע עפּיזאָדן, ער האָט אין די ווערטער אַריינגעלייגט היינטצייטיקע ליידנשאַפֿט און צאָרן, וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן און באַקומען איצט די מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען זיי דורך די גע־שטאַלטן, די בונטאַרישע ווידערשפּעניקער.

5.

עס איז קלאָר, אַז ראובני־בערגעלסאָן רעדט דאָ היינטצייטיקע ווערטער, ווען ער ווענדט זיך צו מאנטינא (דעם אַסימילאַטאָר) און זאָגט צו אים:

„...אָן זין
אַ פּלי צו מאַכן קאָן איין פויגל נאָר,
אדון מאנטינא. אַ גאַנצער פויגל־מין,
בעת ער פליט פון לאַנד צו לאַנד אַריבער,
איז אין דעם גרויליק־קראַקען, אין דעם דרייעק
פון זיין הויכן אָנגעשטרענגטן שוועבן
באַהאַלטן עפּעס אַ באַדערפעניש״. (ז׳ 70).

און ווען מאנטינא זאָגט ראובנין:

„איך בין אַ מענטש פון שטרענגן, שטרענגן וויסן״.

ענטפערט אים דוד בערגעלסאָן און ער מיינט דערביי זיכער די היינצייטיקע מאנטינאס:

„כ׳וויס, געהערט: אין מענטשס מוח,
האָט איר דערלערנט עפּעס זייער וויכטיקס
און צווישן גרויס־געלערנטע אייער נאָמען
האָט איר פאַראייביקט. פאַר אַ וועלט, אַ וועלט
אַ גאַנצער, גרויסעס האָט איר אויפגעטאָן,
און ניט דאָס מינדסטע גאָר פאַר אייער פאָלק —
וואָס איז דאָס: גרויסע רייכקייט אָדער דלות? (ז׳ 71).

מען קאָן ציטירן נאָך שטעלן פון ראובניס ווערטער, אין וועלכע עס ווערן אַרויסגעבראַכט די שטאָלצע, ווירדיקע רייד פון דעם קינסטלער דוד בערגעלסאָן, וואָס ער שליידערט מיט געוואַגטקייט די אַלע שוואַכע, אָפּטריניקע פון אַמאָל און פון זיין טראַגישער צייט.

ראובני (געבליבן אַליין, פּרוּווט די שאַרף פון שווערד), רעדט צו זיך:

„יאָרהונדערטער געדרימלט ס׳האָט אין האָרץ
פון ייד דער דראַנג צו קאַמף אָט דעם, וואָס איך
צום אויפלעבן באַנייס געבראַכט כ׳האָב איצט.
און איך גיי אָפּ... צו דיר מיין וועגווייזער
און לערער דוד אל־ראי, מיט פיר
יאָרהונדערט צוריק דו האָסט די שווערד

דעם פאָלק אין האַנט געגעבן. נאָך בר־כוכבא
דעם פאָלק האָסטו געדינט, און איך נאָך דיר
דער צווייטער בין...״ (ז׳ 105).

אינטערעסאַנט, ווי דוד בערגעלסאָן רופט זיך איבער מיט היסטאָרישע גע־שטאַלטן פון אַמאָל.

און ווען בענעווידא (די פרוי) זאָגט צו ראובני:

„דיין פאָלק לעסטערסט איצט, דו שעלסט?״

ענטפערט איר דערויף ראובני:

„איך שעלט עס ניט און בענטש עס ניט — דאָס טוט
דער אָפּגעפּרעמדטער ייד מאַנטינא. טיף
ביי זיך אין האַרץ דאָס פאָלק איז ער מבזה.
צו יידן זאָגט ער: ׳הערט, איר זייט אַ פּגר!׳
— — — — — — — — — — — — — — — —
ער איז ביי אונדז דער גרעסטער, גרעסטער שנאָרער!
דאָס פאָלק איך בענטש ניט און איך שעלט עס ניט.
איך לייד מיט דעם אינאיינעם...״

ווידעראַמאָל, ווי דוד בערגעלסאָן ברענגט צום אויסדרוק זיינע געפילן דורך די אַרויסגעבראַכטע געשטאַלטן.

ראובני פאַרלאַנגט פון פאָלק:

„...מיט דיין קראַפט
באַשיץ דאָס לעבן, מיט דיין בלוט!...״ (ז׳ 110).

און וויכטיק און ווירדיק זיינען די ווערטער פון ראובני (אין לעצטן אַקט). ער רעדט צו די באַוואָפנטע:

„איר זייט מיין פאָלק! און אייער אַלטער וואונטש
האָב איך אין האַרצן ביי זיך געטראָגן, ווען
פאַר לענדער פאַרגעשטעלט איך האָב זיך דאָ
אַלס פרינץ פון אייער לאַנד. ניט אויסגעטראַכט
איז דאָס געווען — באַנייט איך האָב דעם טרוים
פון דורות: אייגענע פיר איילן קומט
אַ פאָלק ניט נאָך זיין טויט בלויז, נאָר אין לעבן!״

סאַראַ קלאָרע און קרעפטיקע ווערטער!

און נאָך אַזאַ שורה:

„דו קעמפסט, מיין פאָלק — דאָס הייסט: דו לעבסט, מיין פאָלק!״

מיר ווייסן ניט געענוי, וואָס פאַר אַ נוסח, וואַריאַנט איז געניצט געוואָרן פאַר

דער אויפפירונג. זיינען געמאַכט געוואָרן ענדערונגען, אויסבעסערונגען אָדער פאַרקירצונגען ביים גרייטן די פּיעסע?

מיר ווייסן נאָר, אַז די לעצטע חדשים און וואָכן און טעג פון זיין לעבן, סוף 1947 און אָנהייב 1948, האָט ש. מיכאָעלס מיט פייער און ברען, מיט התלהבות און דערהויבנקייט פלייסיק געגרייט די פאָרשטעלונג. ער איז געווען דער רעזשיסער און אויך געשפּילט די ראובני־ראָל (ווי אַלעמאָל, האָט אים געדאַרפט פאַרבייטן שידלאָ), די ראָל פון שבתי, דעם לץ — בנימין זוסקין, בענווענידא — שרה ראָטבוים, שלמה מולכו — חיים ספּיוואַק, א.א.וו. מוזיק — ל. פּולווער. דוד בערגעלסאָן האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די פּראָבן, וועלכע האָבן געדויערט וואָכן און חדשים. די פּיעסע איז שוין געווען פאַרטיק אין דער סטודיע־בינע און באַדאַרפט שוין אָנהייב יאַנואַר 1948 אַריבערגעפירט ווערן פאַר ענדגילטיקע פּראָבן אויף דער גרויסער בינע. דערווייל איז ש. מיכאָעלס אָפּגעפאָרן אויף אַ פּאָר טעג קיין מינסק, פון וואַנעט ער איז שוין „געקומען" ניט קיין לעבעדיקער, נאָר אַ דערמאָרדעטער, אַ צעמזיקטער. די שונאי־ישראל און די שונאי־יידיש האָבן גלייכצייטיק אויך אַ תל געמאַכט פון דער „פּרינץ ראובני"־פאָרשטעלונג און פאַרענדיקט אויך (ווי אין דער פּיעסע) מיט מיכאָעלס־ראובני... ווי באַקאַנט, איז נאָך מיכאָעלס דערמאָרדונג דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע געפירט געוואָרן דורך בנימין זוסקין, און מאָדנע זיינען די לעצטע ווערטער אין דער דראַמע פון ראובני (מיכאָעלס) צו שבתי (זוסקין):

„שבתי!... די שלאַכט פיר ווייטער... מיין צוואה
דורך דיר איך לאָז, איך שטאַרב: 'דו קעמפסט, מיין פאָלק,
דאָס הייסט — דו לעבסט, מיין פאָלק'..." (ז' 1926).

שרה ראָטבוים האָט מיר איבערגעגעבן פיל פּרטים וועגן דער דערהויבענער שטימונג, וועגן דעם לויטערן עקסטאַז, וועגן דעם זעלטענעם געמיט־צושטאַנד, וועגן דעם טראַנס, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען ש. מיכאָעלס, בערגעלסאָן און צוזאַמען מיט זיי — דער גאַנצער אַנסאַמבל בעתן גרייטן די פּיעסע. עס איז אָבער ניט באַשערט געווען ניט בערגעלסאָנען, ניט מיכאָעלס און ניט דעם יידישן מלוכה־טעאַטער צו דערלעבן צו דער וואונדערלעכער אויסטערלישער פאָרשטעלונג. זי איז פאַרבליבן דאָס ניט־דערזונגענע און ניט־געזונגענע שוואַנען־ליד פון דוד בערגעלסאָן, פון ש. מיכאָעלס און פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער...

6.

עס איז באמת צום באַוואונדערן, וואָס ביי דעם שרעקלעכן מאַנגל פון אָריגינעל־יידישן רעפּערטואַר, האָט מען עד־היום, — מער ווי 18 יאָר, ווי „פּרינץ ראובני" איז פאַרפאַסט געוואָרן, ניט דערטראַכט זיך אינעם יידישן און אויך העברייאישן טעאַטער אויפצופירן אָט די אייגנאַרטיקע אינטערעסאַנטע פּיעסע, מיט וועלכער

עס זיינען ענג פֿאַרבונדן די נעמען פֿון דוד בערגעלסאָן, שלמה מיכאָעלס און פֿון דעם וואונדערבאַרן אומגעבראַכטן מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער.

אָבער לא אלמן ישראל.

עס האָט זיך דאָך געפֿונען אַ גואל, וואָס האָט געגעבן אַ סצענישן תיקון דער דראַמע אין מדינת ישראל. און ניט אין אַ סטאַבילן פּראָפֿעסיאָנעלן העברייאישן טעאַטער, נאָר אין אַ קיבוץ רמת מנשה, אין דער פֿערזאָן פֿון דעם שוישפּילער און רעזשיסער ישראל בעקער. ער האָט שטודירט אין מאָסקווע ביים יידישן מלוכה־טעאַטער און בייגעוואוינט ביי די צוגרייטונגען פֿון „ראובני", וואָס מיכאָעלס האָט מיט אַזאַ אייפֿער געגרייט לאַנגע חדשים.

אין „יידישע קולטור" נומער 9, נאָוועמבער 1958, האָבן מיר פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרטיקל פֿון ישראל בעקער „דוד בערגעלסאָנס 'פּרינץ ראובני'." מיר וועלן ברענגען פֿונעם אַרטיקל אייניקע אויסצוגן, וואָס גיבן אונדז איבער די מאָטיוון פֿון דער פּיעסע, ווי אויך אייניקע פּרטים וועגן דער געפּלאַנטער מאָסקווער אויפֿפֿירונג. „דוד בערגעלסאָן — שרייבט ישראל בעקער — האָט אונדז נאָך זיין טראַגישן טויט איבערגעלאָזט בירושה אַ מערקווירדיקע און אינטערעסאַנטע דראַמאַטישע פּאָעמע, וואָס טיילט זיך אויס פֿון אַלע זיינע באַקאַנטע שאַפֿונגען... די פּיעסע איז ניי סיי בנוגע דער טעמע, וואָס בערגעלסאָן האָט אויסגעקליבן, סיי בנוגע די קינסטלערישע מיטלען, וואָס ער האָט אָנגעווענדט אויף אַריינדרינגען און אויסדריקן דעם געמיט און די געפֿילן פֿון די יידן ביים סוף פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה".

און ווייטער: „...דער שרייבער גייט צו צו די היסטאָרישע פֿאַקטן וועגן דוד ראובני און זיינע נסיעות — ניט בלויז כדי אויפֿצושטעלן זיי געשיכטלעך־ליטעראַריש, נאָר אויך כדי דורך זיי אַריינצובליקן אין דעם געמיט־צושטאַנד און געפֿילן, וואָס האָבן באַוועגט דאָס יידישע לעבן אין דער צייט פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער בויט זיין פּיעסע דרייסט, געוואָגט. ער באַנוגנט זיך ניט מיט קיין רמזים און באַהאַלט זיך ניט הינטער אַ גאַלעריע באַוואוסטע היסטאָרישע געשטאַלטן, וואָס האָבן שוין ניט איין מאָל געפֿונען זייער תיקון אין אַנדערע דראַמאַטישע שאַפֿונגען. פֿון צווישן זיינע נאָענטע פֿריינט, וואָס אין זייער קרייז האָט ער געווירקט, קלייבט בערגעלסאָן אויס די מער־אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן און טוט זיי אָן די דרויסנדיקע קליידער פֿון די באַוואוסטע היסטאָרישע געשטאַלטן. דוד ראובניס מזרחדיקן פּרעכטיקן פֿיל־קאָלירנדיקן צויבער־מאַנטל האָט ער אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף די אַקסלען פֿון שלמה מיכאָעלס. דעם לץ־מיצל פֿון שבתי האָט ער אָנגעטאָן אויף בנימין זוסקין; די ביטערקייט און סם פֿון דעם משומד מאַנטינאַ, וואָס איז אַ קרוב למלכות, האָט ער אַריינגעשפּריצט אין די, וואָס זיינען אים באַקאַנט געווען מיט זייער לייכטזיניקייט, און אַזוי ווייטער" (ז"ז 19־20).

די אויפֿפֿירונג פֿון „פּרינץ ראובני" אינעם קיבוץ רמת מנשה האָט אַרויסגערופֿן אין דער ישראל־פּרעסע אינטערעסאַנטע אָפּרופֿן, וואָס וואָלט כדאי געווען ציטירן מערערע שטעלן פֿון זיי.

מיר וועלן זיך באַגנוגענען מיט אַ פּאָר ציטאַטן פֿונעם לענגערן אינטערעסאַנטן

אַרטיקל פון דניאל בן נחום „צוואתו של דור אובד" (די צוואה פון אַ פאַרלוירענעם דור), וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין תל־אביבער „על המשמר" (סעפּטעמבער 1958). ער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט, אַז „די לעצטע דראַמע פון ד. בערגעלסאָן, איינער פון די גרעסטע יידישע שרייבער פון אונדזער דור, איז זיכער ווערט, מען זאָל זי אויפפירן, אויף אונדזערע בינעס אין ישראל... און אַ באַזונדערן זכות האָט געהאַט דער קיבוץ רמת מנשה, וואָס צום צענטן יאָרטאָג פון זיין אויפקום, האָט מען אויס־געלייזט די דראַמע פון פאַרגעסנקייט און געבראַכט זי פאַר דעם עולם צושויער און פייערער, מיט דער הילף פון דעם דיכטער ק. א. ברתיני, וואָס האָט ספּעציעל איבערגעזעצט די דראַמע פאַר דער דאָזיקער אויפפירונג, און פונעם רעזשיסער, דעם ׳הבימה׳־שוישפּילער — ישראל בעקער... עס איז קיין צופאַל נישט, וואָס דער קיבוץ, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן דורך פאַרבליבענע פון דער שארית־הפליטה, האָט אויסגעקליבן אָט די דראַמע, וועלכע פאַרקערפּערט זייער גורל און קאַמף. וועט אָט די איינדרוקספולע פאַרשטעלונג דורכשלאָגן אַ וועג פאַר דער בערגעלסאָן־שאַפונג צום פּראָפעסיאָנעלן ישראל־טעאַטער, וואָס ראַנגלט זיך אַזוי שווער מיט אויסוואַל פאַר אַ פּאַסיקן רעפּערטואַר און וועלכער האָט די גאַנצע צייט פאַרזען אָט די וואָגיקע און באַדייטפולע דראַמע?"

דניאל בן נחום זאָגט ווייטער אין זיין אָפּהאַנדלונג, אַז די צווי לעצטע דראַמאַ־טישע ווערק פון דוד בערגעלסאָן און באַזונדערס — זיין „דוד ראובני" זיינען אַ שאַרפער קער אין זיין שאַפן... ווי פיל פון די אָנגעזעענע דערציילער, איז דוד בערגעלסאָן ניט געווען באַזונדערס שטאַרק אין דער דראַמאַטורגישער קונסט, הגם ער האָט געהאַט אַ ידיעה אין דער בינע־טעכניק. אָבער וואָס שייך זייער אי־דייאישן אינהאַלט — זעען מיר דאָ אַ נייע אַנטפּלעקונג. דער אינהאַלט שיידט זיך שאַרף אָפּ פון זיינע פריערדיקע ווערק און פון זייער צילבאַוואוסטקייט, — ער מערקט אָפּ און באַטאָנט אַן איבערברוך אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פונעם שרייבער, און מעגלעך אויך פון דער גאַנצער אַנטוויקלונג פונעם סאָוועטישן יידנטום, וואָס מיר האָבן אַזוי וויניק דירעקטע באַווייזן און סימנים פון דעם, וואָס עס טוט זיך ביי אים אינווייניק".

ווייטער מאַכט דניאל בן נחום אַ אינטערעסאַנטן פאַרגלייך צווישן „לא אמות כי אחיה" און „פּרינץ ראובני". אין דער ערשטער פּיעסע, וואָס איז געשאַפן גע־וואָרן בעת דעם צווייטן וועלט־קריג, טוט אַ לייכט־אויף ווי אַ בליץ און באַלויכט די טונקלענישן פונעם גורל פון יידישן פאָלק, אָבער עס ווערט ניט באַלויכטן געננוג פון אינווייניק, אין דער צייט, וואָס אין „ראובני" ווערט שוין מער און טיפער אַרויס־געבראַכט דער יידישער שיקזאַל. קאָן זיין, אַז די היסטאָרישע דיסטאַנץ פון דער טעמע האָט מעגלעך געמאַכט צו קאָנקרעטיזירן און קלאָרער אַרויסצוברענגען די לאַגע. און דאָס האָט אויך מעגלעך געמאַכט, אַז דאָס פּינטעלע ייד פונעם מחבר זאָל אַרויסקומען שאַרפער... בן נחום גיט צו, אַז עס איז קיין ספק ניט, אַז די וואונדערלעכע געשטאַלט פון דוד ראובני איז אויסגעקליבן געוואָרן דורך בערגעל־סאָנען ווי אַ טעמע פאַר זיין דראַמע, כדי צו קאָנען דורך איר ברענגען צום אויס־דרוק די אַקטועלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אים געמאַטערט, ווי אויך די היינטציי־

טיקע פֿאַסירונגען און אידײאישע גערענגלעניש... און בן נחום שטעלט זיך אָפּ אויף אַ צאָל הײנטצײטיקע מענטשן־געשטאַלטן, װאָס בערגעלסאָן זאָל זײ האָבן געהאַט אינזינען בײם אַרויסברענגען די היסטאָרישע געשטאַלטן...

עס איז אינטערעסאַנט װי ש. ניגער האָט אין אַן אַרטיקל װעגן דוד בערגעלסאָנס דראַמע „פּרינץ ראובני" (װאָס איז אין 1946 פֿאַרעפֿנטלעכט געװאָרן דורכן איקוף) באַמיט זיך אָפּצוזײסן דאָס װערק און אַרײנגעטײטשט אין איר בלויז סאָװעטישע פּראָפּאַגאַנדע (דער אַרטיקל איז אַרײַן אין ש. ניגערס בוך „יידישע שרײבער אין סאָװעט־רוסלאַנד", ניו־יאָרק, 1958, ז"ז 327־333). ש. ניגער שרײבט צװישן אַנדערן: „...בערגעלסאָן האָט פֿאַרן הויפּט־העלד פֿון זײַן דראַמע געמאַכט ראובנין און ניט שלמה מולכון. ראובני איז פֿאַר אים װיכטיקער דערפֿאַר, װאָס ער קאָן דינען זײַנע פּאָזיטיװע פּאָליטיש־אידעאָלאָגישע צילן, — און בערגעלסאָנס ‚פּרינץ ראובני' איז, אַזוי װי כמעט אַלע אַנדערע פּראָדוקטן פֿון דער סאָװעטישער ליטעראַטור, פֿרײַער פֿון אַלץ אַ װערק מיט אַ פּאָליטיש־אידעאָלאָגישער טענדענץ..." (ז' 328). ש. ניגערן געפֿעלט נישט בערגעלסאָנס אויפֿפֿאַסונג פֿון דוד ראובני, װײַל ער „שטימט אות באות מיט דער ‚ליניע' פֿון דער סאָװעטישער פּראָפּאַגאַנדע אין די יאָרן פֿונעם צװײטן װעלט־קריג. כ'זאָג ‚אות באות', װײַל בערגעלסאָנס ראובני איז ניט נאָר בדרך כלל אַ יידישער באָלשעװיק. ער איז עס אויך אין פּרטים..." און איז עס נאָך װײניק, גיט ש. ניגער צו נאָך אַ פּאָר שורות, װאָס באַדאַרפֿן דערנידעריקן ראובנין און גלײכצײטיק בערגעלסאָנען: „און ראובני איז, װי געזאָגט, בערגעלסאָן אַלײן. איז עס ריכטיק? אידענטיפֿיצירט זיך טאַקע בערגעלסאָן מיט פּרינץ ראובני? כ'בין גענויגט צו ענטפֿערן יאָ אויף דער פֿראַגע — בתנאי, אַז מען זאָל צום ערנסטן און גראָדליניקן ראובנין מצרף זײַן זײַן פֿרײַנט און דינער דעם לץ שבתי. בערגעלסאָן איז ראובני פּליוס שבתי... — — — מיט טיפֿן צער האָב איך, לײענענדיק ‚פּרינץ ראובני', געטראַכט: אפֿשר איז בערגעלסאָנס בענקען נאָך פֿרײַען יידישן װאָרט־שאַפֿן אַזוי גרויס, אַז ס'איז בײ אים, אַזוי װי בײ שבתין, רעכט איבערצוקרימען יידן, אַבי ‚כאַטש' אין צירק זײַן פֿרײ אַ ייד — זאָל זײַן אפֿילו אין די קלײדער פֿון אַ לץ". און ניגער פֿירט אויס: „בערגעלסאָן־ראובני ‚קעמפֿט' צו פֿיל און בערגעלסאָן־שבתי לצװעװעט צו פֿיל צו קאָנען שאַפֿן אַ װערק, װאָס האָט אַן אמתן קינסטלערישן װערט און אמתע קינסטלערישע װערדע..." און עס פֿאַרדריסט אים, ש. ניגערן, „װאָס בערגעלסאָן פּטרט טײַערע קינסטלערישע כוחות אויף אַזוינע ביליקע, װײַל רײן (אָדער אומרײן) פּראָפּאַגאַנדיסטישע, צילן" (ז' 333).

װי אַנדערש האָבן אַ ישׂראל־שרײבער און ישׂראל־רעזשיסער אויפֿגענומען און אויפֿגעפֿאַסט בערגעלסאָנס „פּרינץ ראובני" און זײַנע געשטאַלטן!

7.

לאָמיר איצט איבערגײן צו דער פּיעסע „מיר װעלן לעבן!", װאָס מיר פֿאַרעפֿנטלעכן זי אינגאַנצן צום ערשטן מאָל, לויט דער אָריגינעלער קאָפּיע, װאָס מיר

האָבן געקראָגן פון דער „הבימה" אין תל־אביב. מיר דריקן דערביי אויס אונדזער האַרציקן דאַנק דער „הבימה"־פאַרוואַלטונג, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט איבער־צושרייבן די פּיעסע, וואָס האָט בשעתו געמאַכט אַ שטאַרקן רושם און אַפילו אַרויסגערופן שאַרפע פּאָלעמיק און הייס בלוט אין לאַנד. אַ דאַנק אייך מיין שוועס־טער רחל, וואָס האָט אים גרייט געמאַכט צום זעצן.

אין דער תל־אביבער „הבימה" איז „לא אמות כי אחיה" אויפגעפירט געוואָרן אָנהייב סעזאָן פון יאָר 1944.

מיר וועלן ברענגען טיילן פון דער פּראָגראַם: „לא אמות, כי אחיה", פרשה מחיי היהדות הרוסית במלחמה הזאת, מאת דוד ברגלסון, עברית — אברהם שלונסקי, ההצגה — צבי פרידלנד, הצייר — א. אל. חנני, מוסיקה — א. א. בוסקוביץ, הרקוד — פ. ליוביץ, המנצח — פורדהאוז בן ציסי.

די הויפּט־ראָלן — אברהם־בער — א. מעסקין, פרידע, זיין טאָכטער, — פאַניאַ ליוביץ, ברענדעקע — אַ. וואַרשעווער, פּראָפעסאָר קאַרנבליט — מ. גנעסין, ניעזאַ־בודקאַ — ר. קלאַצקין א. א. וו.

עס זיינען וועגן דער פּיעסע און איר אויפפירונג געדרוקט געוואָרן פיל אַרטיק־לען, עס זיינען אויך אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאַרזאַמלונגען, עס האָט זיך שטאַרק גע־טומלט אין דעמאָלטדיקן ישראל, עס זיינען געפאַלן שווערע ווערטער־באַשולדי־קונגען קעגן דעם מחבר, ווען מ'האָט פאַרגעוואָרפן זיין ניט־פריינטלעכע באַ־ציאונג צו ארץ־ישראל און עס זיינען אויך אַרויסגערוקט געוואָרן האַרבע טענות צום העברייאישן „הבימה"־טעאַטער, פאַרוואָס ער האָט אויף די ברעטער פונעם ישראל־טעאַטער אַרויסגעבראַכט די פּיעסע, א. א. וו.

עס ליגט פאַר מיר אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג פון זרובבל, געדרוקט אינעם אָנגעזעענעם טעאַטער־זשורנאַל „במה", וואו ער האָט געשריבן זייער פּאָזיטיוו סיי וועגן דער פּיעסע און סיי וועגן דער אויפפירונג, און אויף אַזוי ווייט — אַז די רעדאַקציע האָט נאָכן אַרטיקל, צוגעגעבן אַ באַמערקונג, וואו צווישן אַנדערע ווערט געזאָגט, אַז „זי איז נישט געניגט איינצושטימען מיט די געדאַנקען, וואָס זיינען אויסגעדריקט אינעם אַרטיקל... און דאָך גיבן זיי אָרט פאַר דער ברייטער אויפ־קלערונג, — ווייל זי איז נאָענט צו דער אויפפאַסונג פונעם טעאַטער און אויך צו דער פּאָזיטיווער באַציאונג מצד דעם צושויער־עולם א. א. וו."

די קעגנער זיינען געווען, הייסט עס, אין דער מינדערהייט.

זרובבל הייבט־אָן פון דעם, וואָס „די פאָרשטעלונג האָט אַרויסגערופן אַ טומל אין לאַנד, געוועקט צאָרן פון איין זייט און פאַרטיידיקונג־אויסדרוקן — פון דער אַנדערער זייט. די פאָרשטעלונג האָט געבראַכט שאַרפע וויכוחים, פּובליציסטישע אַרטיקלען, פעליעטאָנען און אפילו קאַריקאַטורן. די פּאָלעמיק איז ווייט אַריבער די ראַמען פון די טעאַטער־קרייזן און זי האָט אָנגערירט גרינטלעכע פּראָבלעמען וועגן די אויפגאַבן פון קונסט און אויך פראַגן, וואָס שטייען אין צענטער פון אונדזער יידיש לעבן אין דער איצטיקער צייט... מיר וועלן ניט איבערטרייבן, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז מען האָט געקאָנט פריער פאָראויסזען דעם געזעלשאַפטלעכן שטורעם אַרום אָט דער פאָרשטעלונג. די „הבימה האָט געוואָגט מיט דעם, וואָס זי האָט אויפגעפירט אויף דער העברייאישער בינע אין ארץ־ישראל אַ פּיעסע, אָנגעשריבן

דורך דוד בערגעלסאָן אין סאָוועטנפאַרבאַנד... דער נאָמען גופא פון בערגעלסאָן רופט אַרויס צאָרן און קעגנערשאַפט ביי פיל. עס זעט אויס, אַז בנוגע צו אים איז דאָ אַ באַזונדערער חשבון אינעם היגן יידישן ישוב... און דעריבער איז גערעכט דער פובליציסט, וואָס ער זאָגט, אַז „דער ענין איז כלל נישט קיין ליטעראַרישער אָדער קינסטלערישער..."

און נאָך דעם, ווי זרובבל טענהט זיך אויס און ענטפערט אויף אַ צאָל פאַר־וואורפן און באַשולדיקונגען צו דעם טעאַטער און צו בערגעלסאָנען, זאָגט ער, אַז „מען קאָן דעריבער נישט רעדן וועגן דער דאָזיקער אויפפירונג פשוט ווי מען רעדט וועגן אַ געוויינלעכער פאָרשטעלונג אין רואיקע טעג. מיר מוזן אין דעם פאַל, איצט אין די מלחמה־טעג, אין די טעג פון חורבן און פאַרוויסטונג, אויפקלערן אַ צאָל זאַכן, וואָס זעען אויס, אין פלוג, ווי זייטיקע און וואָס האָבן קיין דירעקטע שייכות נישט צום ענין. אָבער אין תוך איז עס אַן עיקר אין דער פראַגע".

און ער שרייבט ווייטער, אַז „דאָס איז דער דערהויבענער זכות פונעם טעאַטער און די נאַציאָנאַלע מיסיע פון דער קונסט אַרויסצואווייזן פאַר אונדז דעם גאָרן גרויל, און עס איז אונדזער חוב צו זען עס... און עס איז אַ פאַקט, וואָס מען קאָן עס נישט פאַרלייקענען, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט מען איצט גענומען צוגעבן אַ נייעם אינהאַלט צו אַלטע באַגריפן... און מען האָט שוין קיין מורא נישט זיך צו ווענדן צו דער פאַרגאַנגענהייט, כדי צו באַפעסטיקן זיך אין דער געגנוואַרט און כדי צו זיין זיכער אין דעם זיג, וואָס פירט צו דער צוקונפט...

און בערגעלסאָן איז געקומען און געפּראַוווט אַרויסברענגען פאַר אונדז אַ יידיש־געשטאַלט פון דער איצטיקער חורבן־צייט. עס איז די ערשטע פּיעסע, וואָס מאָלט דעם יידן נישט ווי אַ יחיד, נאָר ווי אַ זון פון זיין פאָלק... און בכיוון האָט ער אַרויסגעפירט ווי אַ הויפּט־העלד אברהם־בערן, אַן 'עמך'־מענטש, אַ פשוטן יידן פונעם אַלטן דור..." עס איז דער ייד, וואָס רופט אויס פאַר דער גאָרער וועלט: „איך וועל נישט שטאַרבן, כ'וועל לעבן!..." (זע אויספירלעכער דעם אַר־טיקל אין „במה", תל־אביב, 1944).

8.

ווען די „הבימה" האָט שוין געהאַט געשפּילט די פאָרשטעלונג צום 50סטן מאָל, האָט מען, דעם 19טן דעצעמבער 1944, אינעם ניו־יאָרקער ניי־געגרינדעטן פאָלקס־טעאַטער, אונטער דער הויפּט־אָנפירונג פון יעקב בן עמי (אינעם בנין, וואו עס געפינט זיך דער איקוף, 189 — 2טע עוועניו), גענומען שפּילן „מיר וועלן לעבן!" רעזשי — יעקב ראָטבוים. די צוגרייטונגען צו דער פאָרשטעלונג, די שטימונג, וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אין דער וועלט און אין ניו־יאָרק אַרום אָט דער אַקטועלער בערגעלסאָן־פּיעסע, דאָס אַלץ האָט פאַרוואַנדלט די ערשטע פאָרשטעלונג אין אַ גרויסער טעאַטער־פייערונג. אַ פּאָר שעה פאַר דעם, ווי דער פאָרהאַנג איז אין ניו־יאָרק אויפגעהויבן געוואָרן, איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע־באַגריסונג פון דער „הבימה", וואו עס איז געשריבן געוואָרן: „צום צוזאַמענפאַל

פון דער 50סטער פאַרשטעלונג פון בערגעלסאָנס פּיעסע אינעם ׳הבימה׳־טעאַטער מיט דער פּרעמיערע פון דער זעלבער פּיעסע אין ניו־יאָרקער־טעאַטער, שיקן מיר אייך אונדזערע האַרציקע באַגריסונג. מיר זיינען זיכער, אַז די פיינע פאַרשטעלונג וועט גלאָריפיצירן יידישע מאַרטירער און העלדן, וועט העלפן צו ברענגען די מפּלה אויף אונדזערע שונאים און די אויסלייזונג פון אונדזער יידיש פאָלק״.

אין דער צוגרייטונג פון דער פאַרשטעלונג, ווי אויך אין דער גרינדונג פון אָט דעם טעאַטער (אונטער יעקב בן עמי און יוסף גרינס דירעקציע), און זיין באַפעסטיקונג האָבן גענומען אָנטייל פאַרשיידענע שיכטן פון דער היגער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, — אַ זאַך, וואָס איז אַ זעלטנקייט אין אונדזערע היגע פאַרשאָלטענע באַדינגונגען. אָט די געמיינזאַמע, בשותפותדיקע צוזאַמענאַרבעט גופא איז געווען אַ נייעס אין דער היגער יידישער קולטור־וועלט. אין דער פאַרשטעלונג האָבן גענומען אָנטייל די אַנגעזעענסטע שוישפּילער, ווי יעקב בן עמי, בערטאַ גערסטין, מנחם רובין, איזידאָר קעשיר, דינה האַלפּערן, יעקב מעסטעל, מיכל גיבסאָן, מיכל גאָלדשטיין, משה שטראַסבערג, מירעלע גרובער, מאַקס פרידלענדער א. א. וו. מוזיק — שלום סעקונדאַ, דעקאָראַציעס — ה. א. קאַנדעל. צו דער פּרעמיערע זיינען געקומען די וויכטיקסטע פאַרשטייער פון דעם יידישן ניו־יאָרק, ווי אויך די רעדאַקטאָרן פון די דריי יידישע צייטונגען: „מאָרגן־פרייהייט״, „טאָג״, „מאָרגן־זשורנאַל...״

לאָמיר ברענגען אייניקע אויסצוגן פון דער וואַרעמער באַגריסונג, וואָס דער סאָוועטישער גענעראַל־קאָנסיל אין ניו־יאָרק יעווגעני קיסעלעוו האָט געהאַלטן אויף דער פּרעמיערע, דינסטיק, דעם 19טן דעצעמבער 1944: „איך בין באמת גליקלעך, וואָס איך קאָן דאָ היינט אָוונט זיין צוזאַמען מיט אייך ביי דער אַמעריקאַנער פּרעמיערע פון דער מלחמה־פּיעסע פון אַ גרויסן סאָוועטישן שרייבער דוד בערגעלסאָן, — איינער פון די ליכטיקסטע שטערן פון אונדזער יידישן טעאַטער״.

און ווייטער האָט ער געזאָגט אין זיין רעדע: „אין איינקלאַנג מיט אונדזער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וועלכע איז אייך גוט באַקאַנט, האָט מיין רעגירונג דערמוטיקט די אַנטוויקלונג און וואוקס פונעם יידישן טעאַטער מיט אַלע מיטלען, אַריינרעכנדיק פינאַנציעלע שטיצע. אין דער צייט פונעם נאַצישן אָנפאַל אויפן סאָוועטנפאַרבאַנד, זיינען שוין געווען דרייסיק יידישע מלוכה־טעאַטערן אינעם לאַנד... יידן אומעטום דאַרפן זיין שטאָלץ מיט דער ביישטייערונג פון דעם יידישן טעאַטער צו דער סאָוועטישער מלחמה־אָנשטרענגונג, צו אונדזער געמיינזאַמען קריגס־ציל. ענטפערנדיק אויף אַזאַ פּרעכטיקן אופן אויף דער לאָזונג: ׳אַלצדינג פאַרן פראָנט׳, האָבן די קינסטלער און שרייבער פונעם יידישן טעאַטער געטאָן זייער פליכט אויף אַ סך אופנים — אָנשליסנדיק זיך אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי און אין די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען, צו פאַרווילן די סאָלדאַטן אויפן פראָנט דורך צושטעלן צו זייער רעפּערטואַר פּאַטריאָטישע פּיעסן, ווי די וואָס ווערט היינט אָוונט אויפגעפירט. און אויך מיט דעם, וואָס אונטער די שווערסטע פיזישע באַדינגונגען, האָבן זיי אָנגעהאַלטן זייער הויכן ניוואָ פון שעפערישער קינסטלערישקייט און אין זייערע בעסטע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס...״

יעוגעני קיסעלעוו האָט דאַן באַטאָנט ווערטער, וואָס זיינען בכלל, און איצט אודאי וויכטיק זיי איבערצוחזרן: „...די אויפפירונג פון דער פּיעסע אין די פּאַראייניקטע שטאַטן מיט אַן אויסערגעוויינלעך פיינער טרופּע אַקטיאָרן, אונטער אַ מייסטערהאַפטער רעזשי, האָט אַ סך מער ווי בלויז אַ פאַרבייגייענדיקע באַדײַטונג. לויט מיין מיינונג, און איך בין זיכער, אַז ס'איז אויך אייער מיינונג, איז עס נאָך אַ רינג אין דער קייט פון פריינטשאַפט און סאָלידאַריטעט צווישן אונדזערע ביידע לענדער, — סאָוועטנפאַרבאַנד און אַמעריקע, און צווישן די יידישע ישובים פון די ביידע לענדער בפרט...״

און ער האָט צוגעגעבן אין זיין רעדע:

„ס'איז נאָך דאָ אַ ביטערער קאַמף דורכצומאַכן ביזן ענדגילטיקן זיג, — דערנאָך קומען שווערע יאָרן פון ווידעראויפבוי. אָבער אונדזער גייסט איז דערהויבן און מיר גייען פאָראויס, אַדורכגעדרונגען מיט אַ געפיל פון זיכערקייט, ווייל מיר ווייסן, אַז דער פאַשיסטישער שונא וועט סוף־כל־סוף פאַרניכטעט ווערן, סיי זיינע צווייגן סיי זיין וואָרצל, און אַז דוד בערגעלסאָנס ווערטער זיינען דער לאָזונג פון אַלע פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער און לענדער — 'מיר וועלן לעבן!'״...

און ווער וואָלט זיך עס געקאָנט ריכטן, אַז אין אַ פּאָר יאָר אַרום זאָל קומען אַזאַ ביטערער סוף צום יידישן קולטור־לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. און דוד בערגעלסאָן, וואָס האָט דורך זיין פּיעסע און דורך זיין „עמד״־מענטש אברהם־בער אויסגערופן „מיר וועלן נישט שטאַרבן, מיר וועלן לעבן!״, זאָל גאָר גרויזאַם־טראַגיש אומגעבראַכט ווערן...

9.

לאָמיר לסוף געבן אייניקע אויסצוגן פון נ. בוכוואַלדס לענגערער אָפּהאַנדלונג, געדרוקט אין „מאָרגן־פרייהייט״ דעם 22טן דעצעמבער (געשריבן באַלד נאָך דער פּרעמיערע) 1944.

ער הייבט אָן די רעצענזיע אַזוי: „דער מאָראַלישער כוח, וואָס האָט דערהאַלטן ביים לעבן דאָס יידישע פאָלק דורך די יאָרהונדערטער פון זיין יסורים־געשיכטע, האָט געקראָגן אַ טראַגעדיש־ליכטיקן אויסדרוק אין בערגעלסאָנס דראַמע 'מיר וועלן לעבן!' (לא אמות כי אחיה!), וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין יידישן פאָלקס־טעאַטער. אברהם־בער לעוויט, דער יידישער פאַרוואַלטער פון אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָוו־סטאַנציע, איז נישט סתם אַ קרבן פון נאַצי־בעסטיאַלישקייט — ער איז דער ייד, וואָס ווערט געשטעלט צו גרויסע נסיונות און דאַרף מאַכן גרויסע אַנטשיידונגען. איין וואָרט זיינס — און דער נאַצי־קאָמענדאַנט וועט שענקען דאָס לעבן די הונדערט צוואַנציק יידן, וואָס האַלטן ביים דערשאָסן ווערן. איין קליינינקע הנחה צום שונא, און אברהם־בערס טאָכטער וועט נישט געשיקט ווערן אין שאַנד־הויז פאַר נאַצי־סאָלדאַטן. ער דאַרף נאָר אויסזאָגן וואו עס געפינט זיך דאָס לאַבאָראַטאָריע־בוך מיט דער פאָרמולע פון דער וויכטיקער וויסנשאַפטלעכער דערפינדונג, אַ מיטל קעגן טריקעניש... — — — אָט די טראַגישע

סיטואַציע איז דער עיקר פון בערגעלסאָנס דראַמע. ס'איז אָבער אין דער פּאָבולע פאַראַן אַ סך מער ווי דאָס — אַ סך פּאַסירונגען, וואָס אַנטפּלעקן די 'טעכניק' פון נאַצי־בעסטיאַלישקייט, די מעטאָדישקייט פון דעם פאַשיסטישן אוממענטש".

„ווען בערגעלסאָן האָט געשריבן די פּיעסע, באַלד נאָך דעם נאַצי־איבערפאַל אויף דער סאָוועטישער ערד, איז זיין כוונה, קאָנטיק געוועזן, צו צעקלינגען איבערן לאַנד און איבער דער וועלט די שוידער־מעשים פון דער פאַשיסטישער בעסטיע, אַנטפּלעקן דעם היטלעריסט אין זיין גאַנצער מאָנסטערישקייט, צעציינדן ווי אַ מעכ־טיקע שרפה דעם יידישן צאָרן קעגן פאַשיזם... הכלל, צעקלונגען דעם גרויסן שרפה־גלאָק אין דער שעה פון דער גרעסטער סכנה אין דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק..."

און ווייטער: „...אברהם־בער האָט קיין רעכט נישט איינער אַליין צו באַ־שליסן אַזאַ גרויסן באַשלוס. ער דאַרף זיך אָן עצה האַלטן מיטן יידישן פאָלק, מיט דער יידישער געשיכטע, מיט דער יידישער מאָראַל, ער האָרכט צו דער שטים פון יאָרטויזנטער, צום קול פון פאָלק ישראל דורך די יאָרהונדערטער פון פאַר־פאָלגונג, פּיין און רדיפות און ער דערהערט:

„יהרג ואל יעבור" — געהרגעט ווערן אָבער נישט פאַרראַטן. —

„לא אמות כי אחיה" — איך וועל נישט שטאַרבן, ווייל איך וויל לעבן!... — — —

„אַזוי ווערט אַרויסגעבראַכט אברהם־בערס גרויסער באַשלוס: ניט פאַרראַטן, ניט איבערגעבן זיך, ווייל — מיר דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון פאַר דער צוקונפט, פאַר דער געשיכטע... מיר וועלן דאַרפן ווערט זיין דעם גרויסן שפּרוך פון יידישן אָפּטימיזים: 'לא אמות כי אחיה!'"

און ב. בוכוואַלד זאָגט ווייטער: „ס'איז אַ 'האַרצרייסנדיקע' טראַגעדיע, אָבער אויך — אַ האַרצהיילנדיקע טראַגעדיע. איבער אַלע שוידערס, איבער אַלע געשרי־סונגען, איבער אַלע גרויליקייטן פון דעם נאַצי־באַנדיט קלינגט דער אייביקער, דורך פּיין־דערוואָרבענער יידישער בטחון:

לא אמות כי אחיה!

אין אַזאַ גייסט פון באַהעפטונג מיט דער מאָראַל פונעם יידישן פאָלק, אין אַזאַ יסורימדיקער האָפערדיקייט דאַרפן מיר אויפנעמען דוד בערגעלסאָנס דראַמע".

אַזאַ איז געווען דער רושם פון דער פּיעסע, געשריבן אין די סאַמע הייסע טראַ־גישע און גרויל־טעג פון די פאַשיסטישע נאַצישע חורבנות, און אַזאַ איז געווען דער אָפּקלאַנג אין ארץ־ישראל און ביי אונדז אין אַמעריקע, — די פּיעסע, וואו טראַגעדיע און העראָאיזם, דערנידערונג און דערהויבונג, חורבן און אויפהעל האָבן זיך געמישט אין איר און אין די מאַרטירער־העראָאישע געשטאַלטן, וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט פון דער גרויזאַם־שוידערלעכער צייט.

איצט באַקומען די לייענער די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיטן פולן טעקסט פון דער היסטאָריש־געוואָרענער פּיעסע, ווי זי איז אַרויס פון דער געבענטשטער פּעדער פון דעם גרויסן יידישן שרייבער, וואָס האָט אויך נישט אויסגעמיטן דעם טראַגישן גורל — צו פאַלן אַ קרבן און אומגעבראַכט צו ווערן אויף אַ גרויליקן אופן על קידוש השם, על קידוש האומה.

זאָלן די צוויי טיף־יידישע און טראַגיש־העראָאישע דראַמאַטישע שאַפונגען פון דוד בערגעלסאָן דינען ווי אַ מאָנומענט, אַ מצבה אויף זיין קבר, וואָס מיר ווייסן נישט עד־היום וואו ער געפינט זיך... ווי אין פסוק שטייט געשריבן: „ולא ידע איש את קבורתו!״

אַפּריל 1963

וויכטיקסטע דאַטעס אין לעבן און שאַפן פון דוד בערגעלסאָן

1884 געבוירן געוואָרן אין שטעטל אָכרימאָוועָ, ביי דער באַן־סטאַנציע מאַנאַסטרישטשע, קיעווער גוב., נישט ווייט פון אומאַן, ביי רפאל בערגעלסאָן פון זיין צווייטער פרוי, דער יינגסטער ביי זיינע עלטערן. זיין פאָטער איז געשטאָרבן, ווען דוד איז אַלט געווען אַ 9 יאָר. באַקומט אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג. לערנט אויך העברייאיש און דערנאָך רוסיש. די מוטער, אויף דער עלטער אַ קראַנקע שטאַרבט, ווען דוד איז אַלט אַ 15־16 יאָר.

1903 באַזעצט זיך אין קיעוו, לעבט ביי זיין עלטערן ברודער יעקב. באַקענט זיך מיט דער פאַר־צווייגטער וואַרשאַווסקי־משפּחה, וואו זיין ברודער איז אַן איידעם. באַפריינדט זיך יונגער־הייט מיט נחמן מייזיל, אַן אייניקל פון די וואַרשאַווסקיס, און זיי מאַכן אַדורך אינאיינעם דעם אַנטוויקלונגס־וועג צו דעם העברייאישן און דערנאָך — צום יידישן שאַפן.

1905 הייבט־אָן צו עקסטערנעווען, זיך גרייטן צו גימנאַזיאַלע עקזאַמענס, טרעט־אַריין ווי אַ שילער אין דער צאָן־אַרצט־שולע צו גרייטן זיך פאַר אַ ציין־דאָקטער. כדי צו קאָנען באַ־קומען דערנאָך אַ דיפּלאָם, גרייט זיך אין קיעוו, דערנאָך אין אָדעס צום עקזאַמען פאַר 6 קלאַסן גימנאַזיע, אָבער אָן דערפאָלג.

1906 שרייבט אָן אין העברייאיש אַ דערציילונג „ריקות״, אַ מין אַריינפיר צו ״אַרום וואָקזאַל״. שיקט עס אין ווילנער „הזמן״, קריגט נישט קיין תשובה.

1907 זעצט פאָר צו שרייבן העברייאיש, הייבט אָן צו שרייבן יידיש. שיקט זיין ערשטע דער־ציילונג אין „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן״, קריגט נישט קיין תשובה. אויך זיין יידישע דערציילונג „די דריטע״, וואָס ער ברענגט אין דער רעדאַקציע פון אַ קיעווער טאָגבלאַט, ווערט נישט אָנגענומען. שרייבט אָן די דערציילונג „דער טויבער״, וואָס ליגט ביי הלל צייטלין אין וואַרשע, אָבער ווערט נישט געדרוקט.

1908 ער פאַרענדיקט זיין „אַרום וואָקזאַל״, וואָס דערשיינט אין וואַרשע אין אַ יאָר אַרום. נאָך דעם ווי נחמן מייזיל גיט עס איבער צו אַ פאַרלעגער מיט אַ צושטייער פאַרן דרוקן זי.

1909 עס באַווייזט זיך „אַרום וואָקזאַל״ און עס רופט אַרויס באַגייסטערטע אָפּרופן אין דער פּרעסע פון א. ווייטער, ש. ניגער, אברהם רייזען, שמריה גאָרעליק און נחמן מייזיל. רייסט איבער אָפּט זיין שרייבן און זעצט פאָר זיך גרייטן צו די עקזאַמענס.

1910 באַטייליקט זיך צוזאַמען מיט נחמן מייזיל אין אַרויסגעבן דעם „יידישן אַלמאַנאַך״ אין קיעוו, וואו עס דרוקט זיך צווישן אַנדערן זיין ״דער טויבער״ און אַ פראַגמענט „צוויי וועגן״. אינעם „אַלמאַנאַך״ איז אויך פאַרעפנטלעכט נחמן מייזילס אָפּהאַנדלונג וועגן „אַרום וואָקזאַל״, וואו עס איז באַטאָנט זיין קרובשאַפט צו קנוט האַמסון.

1911 בעתן באַזוך פון י. ל. פּרץ אין קיעוו, באַקענט זיך מיט אים, פאַרט מיט אים קיין בערדי־טשעוו, פאַרפאַסט צוזאַמען מיט נחמן מייזיל אַן „אַדרעס״ צו פּרצן.

טרעט צו צו שרייבן זיין „נאָך אַלעמען״, וואו ער ברענגט אַרויס געשטאַלטן און

סצענעס פון קיעווער לעבן און פון קיעווער באַקאַנטע און פריינט. באַטייליקט זיך אין דער זאַמלונג „פון צייט צו צייט", וואו ער דרוקט אָפּ די ערשטע קאַפּיטלען פון „נאָך אַלעמען".

1912 ווערט פאַרבעטן קיין ווילנע דורכן פאַרלאַג פון ב. קלעצקין זיך צו באַטייליקן אין דער רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „די יידישע וועלט", וואָס ש. ניגער נעמט שפּעטער איבער צו רעדאַקטירן.

1913 עס דערשיינט „נאָך אַלעמען", 344 זייטן, וואָס רופט אַרויס דוד בערגעלסאָנען אינעם אויבנאָן פון דער ניי־יידישער ליטעראַטור. באַגייסטערטע אַרטיקלען אין דער פּרעסע. אַ לויב־געזאַנג פון י. ח. ברענער (געחתמעט בן שלמה). עס דערשיינט אַ ביכל פון נחמן מייזיל וועגן „נאָך אַלעמען". קאַפּיטלען פון „נאָך אַלעמען" דרוקן זיך אין אָדעסער „העולם". עס קומען פאַרגלייכן אין די אַרטיקלען צווישן דוד בערגעלסאָן און שלום אַש, צווישן מירעלע און מערי.

1914 צוגעטראָטן צו שרייבן אַ נייעם ראָמאַן „רב־רבי", אָנגעשריבן אַ 20 קאַפּיטלען, נישט געענדיקט.

לעבט אין לעטיטשעוו, און שרייבט אָן דערנאָך די דערציילונג „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט", וואָס ער דרוקט אָפּ אין „יידישע וועלט".

1915 אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, צאַרישער פאַרבאָט אויף יידיש; דער חורבן אין די יידישע ישובים אין רוסלאַנד ווירקט שווער אויף בערגעלסאָנען, און ער פאַלט אַריין אין אַ יאוש, צי איז שוין קיין סוף מיט זיין שאַפן.

1917 ווערט ער אַריינגעצויגן אין דער האַסטיקער אויפלעבונג פונעם יידישן קולטור־געזעל־שאַפטלעכן לעבן, באַטייליקט זיך אין די אויסגאַבן פון דער „פאַראייניקטער פאַרטיי", ווערט מיטרעדאַקטאָר פאַר דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג פון „נייע צייט". איינער פון די איני־ציאַטאָרן פון דער שנעל־צעוואַקסנדיקער „קולטור ליגע", אויך באַטייליקט אינעם „קיעווער פאַרלאַג". עס דערשיינען זיינע אַרטיקלען און דערציילונגען אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס. עס דערשיינט זיינע אַ קינדער־מעשהלע „דאָס גאָלדענע קייקעלע".

1918 1919. לעבט אין קיעוו, העלפט בויען די פאַרשיידענע קולטור־אינסטיטוציעס אַרום דער „קולטור ליגע", שרייבט אָן זיין דערציילונג „אין פאַרטונקלטע צייטן" (שפּעטער — „יוסף שור"), וואָס ער פאַרעפנטלעכט אין זאַמלבוך „אייגנס". ער, מיט זיין פרוי ציפּע, אַ טאָכטער פון לייוויק און שרה קוצענאַני, וואוינען אין הייסין, פּאָדאָליער גוב., וואו ער לעבט איבער און איז אַן עדות פון די פּאָגראָמען אויף דער יידישער באַפעלקערונג.

1919 דערשיינט אין בוכפאָרם זיין „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט" און אַ „דרויב", אַ באַנד דער־ציילונגען. ער שרייבט אָן אַ שאַרפן ענטפער מ. ליטוואַקאָוון „דיכטונג און געזעלשאַפט־לעכקייט" (פאַרעפנטלעכט אין „ביכער וועלט", קיעוו).

1920 פאַרעפנטלעכט זיין ראָמאַן „אָפּגאַנג" אין צווייטן „אייגנס", קיעוו, און אַ „מעשה ביכל". צוליב די פּאָגראָמען אין קיעוו פאָרט אַריבער קיין מאָסקווע, וואו ער ליידט צוזאַמען מיט אַלעמען קעלט, הונגער און נויט.

1921 דערשיינט אין קיעוו אין „קולטור ליגע" זיין „אָפּגאַנג". סוף יאָר פאַרלאָזט ער מאָסקווע און דורך מינסק פאָרט ער אַריבער די גרענעץ, לעבט אַ קורצע צייט אין קאָוונע און דער־קלייבט זיך קיין בערלין, וואו ער לעבט און איז טעטיק עטלעכע יאָר.

1922 גרייט ער צו דורכן פאַרלאַג „וואָסטאָק" (מזרח) זיינע געזאַמלטע ווערק אין 6 קליינע בענ־דער, וואָס רופט זיך „נייע פאַרבעסערטע אויסגאַבע". הייבט אָן מיטצואַרבעטן אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" און באַטייליקט זיך אין דער ליטעראַרישער קינסטלערישער אויס־גאַבע „מילגרוים".

1923 עס דערשיינען די איבעריקע בענד פון זיינע געזאַמלטע ווערק. באַטייליקט זיך אין די קולטור־אונטערנעמונגען אין בערלין.

1924 מאַכט אַ רייזע איבער רומעניע און בעסאַראַביע אין שליחות פון „אָרט".

עס דערשיינען אין דייטש און אין רוסיש איבערזעצונגען פון „נאָך אַלעמען" — אין

דייטש — דורך א. עליאסבערג און אין רוסיש — דורך סאָפיאַ דובנאָוו־ערליך. גוטע אָפּ־רופן אין דער דייטשער פּרעסע. לעבט איבער אַן אינערלעכן איבערבראָך, הייבט זיך אָן דערנעענטערן צום סאָוועטנפאַרבאַנד.

1926 גיט אַרויס אין בערלין אַ זשורנאַל, אַ פּראָ־סאָוועטישן „אין שפּאַן", צוזאַמען מיט א. כאַשין. געגומען שרייבן זיין ראָמאַן „מידת הדין", וואו עס זיינען דאָ איינדרוקן און סצענעס פון דעם גרענעץ־פּאַס אַרום מינסק, אוזדא, ביי פּוילן. רייסט איבער מיטן „פאָרווערטס", מאַכט זיין ערשטע רייזע קיין מאָסקווע.

1927 דערשיינט זיין בוך דערציילונגען „שטורעם־טעג", קיעוו, קולטור־ליגע, 290 זייטן, וואו געגעבן שילדערונגען און עפּיזאָדן פון די פּאָגראָם־יאָרן אין אוקראַינע און אויך רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן, און רויטאַרמייער. באַאַרבעט זיין דערציילונג „דער טויבער" מיטן נאָמען „אויבן און אונטן", וואָס ווערט געשפּילט אין מינסק, האָמעל, דערנאָך רופט ער די דראַמע אָן „די ברויט מיל", וואָס ווערט געשפּילט אין מאָסקווער מלוכה־טעאַטער מיט שלמה מיכאָעלסן אין דער ראָל פונעם טויבן.

1928 אויפן וועג קיין מאָסקווע באַזוכט ער וואַרשע, וואו ער טרעט אויף, און שליסט אָן אָפּמאַך מיטן ווילנער פאַרלאַג אַרויסצוגעבן זיינע געקליבענע ווערק אין 8 בענד : „אַרום וואָקזאַל", „נאָך אַלעמען", „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט", „אָפּגאַנג", „שטורעם־טעג", „וועלט־אויס, וועלט־איין", „מידת הדין", „צוג־ווינטן", וואָס דערשיינען אין די יאָרן 1930־1929.

1929 דערשיינט אין קיעוו זיין „מידת הדין". באַזוכט דאָן צפון־אַמעריקע, ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, שיקאַגע, וואו ער טרעט אויף און פירט אויף זיין איינאַקטער און שפּילט אַליין (אַ ראָל פון אַ פּרוי), ווערט אַ מיטאַרבעטער פון דער „פרייהייט".

1929 צו זיין 20־יאָריקער שרייבערישער טעטיקייט דערשיינט אַ ספּעציעלער נומער „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע מיט דער באַטייליקונג פון אַ גרעסערער צאָל יידישע שרייבער פון פּוילן און אַמעריקע.

שרייבט אָן די דערציילונג „גירא־גירא", זיין איינציקע שאַפונג איבער אַמעריקע.

1930 פאָרט קיין מאָסקווע, אויף אַ באַזוך. נעמט זיך שרייבן זיין „פּענעק" (ביים דניעפּער), וואָס ער שרייבט עטלעכע יאָר, און דרוקט קאַפּיטלעך אין פאַרשיידענע זאַמלונגען. „דער טויבער" ווערט געשפּילט אין מאָסקווע. מען גרייט אויפצופירן אויך זיין „מידת הדין".

1931 שרייבט אָן די דערציילונג „חברטע בראָניע" פונעם סאָוועטיש־יידישן לעבן.

1932 מאַכט אַ רייזע קיין ביראָבידזשאַן, וואו ער פאַרברענגט עטלעכע חדשים (צוזאַמען מיט ש. גאָדינער און ש. האַלקין).

עס דערשיינט די ערשטע אויפלאַגע פון „ביים דניעפּער" אין מאָסקווע, 574 זייטן. אין די ווייטערדיקע יאָרן דערשיינען נאָך אייניקע אויפלאַגעס. אַרטיקלען אין פאַרשיידענע צייטונגען און צייטשריפטן. אין 1947 איז דערשינען די 5טע אויפלאַגע.

1933 דערשינען זיינס אַ בוך „דוד בערגעלסאָן אין שול", צונויפגעשטעלט דורך ד. קורלאַנד און מ. האָדעס, מינסק, 248 זייטן.

1934 באַטייליקט זיך צווישן די אַנדערע יידישע שרייבער אויפן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון סאָוועטישע שרייבער אין מאָסקווע (אין דער רשימה פאַרצייכנט ווי אַן אומפאַרטייאישער).

1934 עס דערשיינט זיין בוך „ביראָבידזשאַנער" (13 קאַפּיטלעך), איינדרוקן, שילדערונגען, פון ביראָבידזשאַן, פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 278 זייטן.

עס דערשיינט אַ ביכל פון שלמה בריאַנסקי „דוד בערגעלסאָן אין שפּיגל פון דער קריטיק", קיעוו, 80 זייטן.

ווערט מיטרעדאַקטאָר פון די זאַמלביכער „סאָוועטיש", ביז 1941.

1935 עס דערשיינט אַ בוך איבער דוד בערגעלסאָן פון משה מיזשיריצקי, קיעוו, 166 זייטן. עס דערשיינט אין טשערנאָוויץ אַ ביכל פון ב. טשובינסקי „בין השמשות און אין שטורעם־ווינטן" (דוד בערגעלסאָן), 82 זייטן.

1936 עס איז דערשינען זיין בוך פאַרצייכענונגען און בילדער אונטערן נאָמען „צווישן לעבעדיקע מענטשן", מינסק, 126 זייטן.

באַזוכט ווידער ביראָבידזשאַן מיטן ציל זיך צו באַקענען מיטן וואוקס פונעם ישוב. ווערט באַשטימט פאַר דעם רעדאַקטאָר פונעם ליטעראַרישן זשורנאַל, און דער פּלאַן צו וואוינען אַ האַלב יאָר אין דער אויטאָנאָמער געגנט.

1937 עס דערשיינט „ביים דניעפּער" (פּענעק), אין וואַרשע, אין די „ליטעראַרישע בלעטער", ווערט פאַרשפּרייט אין פּוילן, ליטע, רומעניע א.א.וו.

1938 עס דערשיינט זיין ביכל — „צוגאַסט", פאַרצייכענונגען (צו די וואַלן אין די אויבערשטע ראַטן פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן). מאָסקווע, 20 זייטן.

עס גייט אַרויס זיין בוך „טראָט נאָך טראָט", דערציילונגען, מאָסקווע, 320 זייטן.

1939 אַ ביכל „לעבן פענצטער־צוג", מאָסקווע, 52 זייטן.

אַ ביכל „ביראָבידזשאַן" (אַן אַלגעמיינער איבערזיכט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט), צוזאַמען מיט עמ. קאַזאַקעוויטש, מאָסקווע, 40 זייטן, אין צוויי אויפלאַגעס, איינע מיט דער געוויינלעכער אָרטאָגראַפיע, פאַר די לענדער מחוץ סאָוועטנפאַרבאַנד. עס ווערן איינגעאָרדנט פייערונגען און עס ווערן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען צום 30טן יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, עס פאַרציט זיך אין יאָר 1940. גיט אַרויס אַ ביכל וועגן שלום־עליכם, צום 80סטן געבוירנטאָג, מאָסקווע, 30 זייטן.

1940 עס דערשיינט אין מאָסקווע דער צווייטער טייל פון „ביים דניעפּער", 540 זייטן, עס דערשיינען נאָך עטלעכע אויפלאַגעס. די לעצטע 5טע אויפלאַגע אין 1948. נאָך זיין באַזוך אין ריגע, גיט אַרויס אַ ביכל „צוגאַסט", אין ריגע, 16 זייטן. עס דערשיינט אין ניו־יאָרק אַ ביכל פון נחמן מייזיל „דוד בערגעלסאָן", 40 זייטן.

1941 נאָכן אַריינמאַרש פון די היטלער־האָרדעס קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווערט טעטיק אין דעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. עס דערשיינט זיין רוף „יידן און די מלחמה מיט היטלערן", מאָסקווע, אין צוויי אויפלאַגעס, איינע מיט דער געוויינלעכער אָרטאָגראַפיע.

1941 דערשינען אַ באַנד „דערציילונגען", מאָסקווע, 320 זייטן.

1942 מיטרעדאַקטאָר פון „איינִיקייט", אָרגאַן פונעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, ערשטער נומער דעם 7טן יוני און דער לעצטער — דעם 20סטן נאָוועמבער 1948, ווען עס ווערט פאַרמאַכט די צייטונג, אַלע יידישע פאַרלאַגן און אַ טייל שרייבער, טוער ווערן אַרעסטירט.

1943 עס ווערט געגרייט אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער "דוד ראובני". ער פאַרפאַסט די פּיעסע „כ'וועל לעבן!" (לא אמות כי אחיה). עס דערשיינט זיין דערציילונג „געווען איז נאַכט און געוואָרן איז טאָג", מאָסקווע, 32 זייטן.

1944 ווערט אויפגעפירט אין „הבימה" זיין פּיעסע „לא אמות כי אחיה" (העברייאיש — א. שליאָנסקי, רעזשי — צבי פרידלאַנד), וואָס רופט אַרויס פאַרשיידענע אָפּרופן.

עס ווערט געפייערט זיין 60סטער געבוירנטאָג, 47 אָנגעזעענע יידישע שרייבער באַגריסן אים. עס ווערן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן אים.

1945 עס ווערט אויפגעפירט אין ניו־יאָרק אונטערן נאָמען „מיר וועלן נישט שטאַרבן", רעזשי יעקב ראָטבוים, מיט דער מיטהילף פון „איקוף".

1946 עס דערשיינט זיין „פּרינץ ראובני" (דראַמע אין 4 אַקטן), ניו־יאָרק, 126 זייטן.

1947 עס ווערט אַרויסגעגעבן י. דאָברושינס מאָנאָגראַפיע „דוד בערגעלסאָן", מאָסקווע, 342 ז"ז. מיטרעדאַקטאָר פון זשורנאַל „היימלאַנד", עס דערשיינען 6 נומערן, דער לעצטער ג' 7 (סעפּטעמבער 1948 נישט פאַרשפּרייט געוואָרן, עס איז פאַרבאָטן געוואָרן דורך דער סטאַלין־מאַכט).

נאָוועמבער טרעט ער אויף אויף אַ שרייבער־פאַרזאַמלונג, געווידמעט די 6 דערשינענע נומערן „היימלאַנד". מעגלעך, אַז עס איז זיין לעצטער אויפטריט און רעדע.

1948 ווערט פאַרמאַכט דער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט, די „איינִיקייט", „היימלאַנד", פאַרלאַג „עמעס". דאָס יידישע טעאַטער און עס הייבן זיך אָן די אַרעסטן פון יידישע שרייבער, שוישפּילער, טוער א.א.וו.

1949 ווערט אַרעסטירט ביי זיך אין הויז, אָן קיין שום סיבה, אָן קיין באַשולדיקונג. זיין קאַבינעט ווערט פֿאַרחתמעט. צוזאַמען מיט אַנדערע אָנגעזעענע יידישע שרייבער ווערט ער געהאַלטן אָן קיין שום געריכט, די אַרעסטן ווערן געהאַלטן בסוד. דערנאָך ווערט אויך אַרעסטירט די פֿרוי פֿון בערגעלסאָנען, ציפּע, זייער זון לייוויק, זיין פֿרוי און ווי אַנדערע שרייבער־פֿאַמיליעס ווערן זיי פֿאַרשיקט ערגעץ אין ווייטע לאַגערן. די פֿאַמיליעס ווייסן גאָרנישט וועגן דעם גורל פֿון זייערע מענער.

1952 נאָך איבער צוויי יאָר אַרעסט און „אויספֿאָרשונגען" ווערט ער דערשאָסן, צוזאַמען מיט די אַנדערע אָנגעזעענע יידישע שרייבער פּרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, איציק פֿעפֿער, י. נוסינאָוו אָן קיין שום עפֿנטלעכן געריכט, ביי געהיימע און פּיינלעכע פּייניקונגען פֿיזישע און גייסטיקע. און עטלעכע יאָר ווערט עס אויף דעם ברוטאַלסטן און אכזריותדיקן אופֿן באַהאַלטן פֿון דער עפֿנטלעכקייט און אויך פֿון זייערע פֿאַמיליעס. לויט ווי מען איז שפּעטער געוואויר געוואָרן — קיין עפֿנטלעכע דערקלערונג איז ביז איצט, פֿעברואַר 1962, באַלד 10 יאָר ווי עס איז געשען, נישט געגעבן געוואָרן. עס זיינען דאָ ידיעות, אַז די גרויזאַמע גרויליקע מאָרדן פֿון יידישע שרייבער זיינען פֿאָרגעקומען אין מאָסקווער תפֿיסה דעם 12טן אויגוסט 1952.

1953 אין דער יידישער וועלט זיינען נאָך אַלץ פֿאַרשפּרייט געוואָרן כלומרשטע ידיעות, אַז דוד בערגעלסאָן ווי אויך אַנדערע יידישע שרייבער לעבן און אַרבעטן ערגעץ־וואו. אָט די ידיעות האָבן זיך ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום, אין 1956, אַרויסבאַוויזן פֿאַר פֿאַלשע.

1956 ווערט באַקאַנט, אַז דוד בערגעלסאָן איז געפֿאַלן אַ קרבן, אַז ער איז איינער פֿון די הרוגי סטאַלין און זיינע מיטהעלפֿער.

עס דערשיינט אין „איקוף"־פֿאַרלאַג (ניו־יאָרק) „צוויי וועלטן" (קאַפּיטלען פֿון אַ גרעסערער דערציילונג), 176 ז"ז. די קאַפּיטלען זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין די זאַמלביכער „הײמלאַנד", מאָסקווע, 1947־1948. די דערציילונג איז, ווייזט אויס, נישט פֿאַרענדיקט געוואָרן, אָדער די וויטערדיקע קאַפּיטלען זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן בעתן אַרעסט.

1961 אַרגענטינער „איקוף"־פֿאַרלאַג איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן, צום 75סטן געבוירנטאָג פֿון דוד בערגעלסאָן און צום 50 יאָר זינט ס'איז דערשינען זיין „אַרום וואָקזאַל" אַ נייע אויפֿלאַגע פֿון אַלע זיינע ווערק. עס זיינען דערשינען צוויי בענד: באַנד 1 — 384 ז"ז; באַנד 2 — 348 ז"ז. עס איז דערשינען אין מלוכה־פֿאַרלאַג פֿון קינסטלערישער ליטעראַטור אין מאָסקווע דוד בערגעלסאָנס „אויסגעוויילטע ווערק" — 764 ז"ז, געטיילט אין 3 אָפּטיילן: 1907—1917; 1921—1934; 1943—1946. מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿון ה. רעמעניק.

1962 עס זיינען דערשינען אין ישראל אין העברייאיש (איבערגעזעצט פֿון ד. ב. מאלקין) „כתבי דוד ברגלסון", — די שריפֿטן פֿון דוד בערגעלסאָן אין 2 בענד — 616 ז"ז מיט אָפּהאַנדלונגען פֿון ד. ב. מאלקין און נחמן מייזיל, די ביכער זיינען אַרויסגעגעבן דורך „ספֿרית פּועלים" בשותפֿות מיטן וויינפֿער־מאָרגנשטערן־פֿאָנד.

1963 אין פֿאַרבינדונג מיט 50 יאָר זינט ס'איז דערשינען „נאָך אַלעמען" זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט אין „יידישע קולטור" (נ"נ 3 און 4) צוויי אַרטיקלען וועגן דוד בערגעלסאָן און זיין ראָמאַן.

דוד בערגעלסאָן

כ׳ וועל לעבן!

(לא אמות כי אחיה)

דראַמע אין 3 אַקטן

•

פּאַרשוינען:

אברהם־בער לעוויט

פרידע, זיין טאָכטער, אַ לערערין

גאַלינאַ אַנטאָנאָוונאַ, זיין שנור

יאַשקע, איר זון

ר׳ יונתן, אַ זקן, אברהם־בערס טאַטע

פּאַנאַסענקאָ, מיקיטאַ וואַסיליעוויטש,
דירעקטאָר פון דער פּרואוו־סטאַנציע

פּאַוולאָ, זיין זון, אַ פליער

חיה גראַנאַט, אַ קעכין

מישאַ, איר זון, אַ פליער

נאַסטיאַ, אַ וועשערין

ברוך, אַן אינסטרוקטאָר פון שיסן

כוועדער, אַ בריוו־טרעגער

פישל בראָדסקי, אַ שניידער

סענקאָ, אַ לייכט־פאַרוואונדעטער רויטאַרמייער

נאַטשאַלניק, פון וואָיענקאָם

אַ שילערין

אַ בלינדער ייד, אַ פּליט

זיין ייִנגעלע

פּראָפ. קראָנבליט, אַ דייטשער ייד

פרוי גינטער, אַ מיטליאָריקע דייטשקע
מאַיאָר ברענדעקע קאָמענדאַנט,
פּראָפ. קראָנבליטס געוועזענער געהילף
ניזאָבודקאָ, אוקראַינישער עמיגראַנט
יעפרעיטאָר
פעלדפעבל

יידן, קאָלווירטניקעס, פּאַרטיזאַנער,
רויטאַרמייער, דייטשע יידן.

ערשטער אַקט (בילד איינס)

דער פּאַסאַד פון אַ ניי צווייגאָרנדיק הויז אין ישוב אַרום דער אַגראָ־טעכנישער פּרוואָר־סטאַנציע איז אויסער אַנטי־פאַשיסטישע פּלאַקאַטן באַפּוצט מיט טראַנספּאַראַנטן, וואָס זייער אינהאַלט איז אַ באַגריסונג דער פּרוואָר־סטאַנציע צום פּאַרענדיקן איר גרויסע דערפינדונג. אין מיטלסטן אַריינגאַנג, וואָס מיט דער שילד „וואָיענקאָמאַט אָקטיאַבר־סקאָוואָ ראַיאָנאַ״, גייען אָפּ און אויף יונגע מאָביליזירטע אוקראַינער און יידן. זייערע עלטערן און קרובים וואַרטן ביים אַריינגאַנג און אויף די בענק, וואו לעבן זיי שפּילן זיך זייערע קליינע קינדער, פּייפן אין טרומפּייטלעך, האַלטן אויף פעדימער פאַרשיידנפאַרביקע לופט־באַלונדלעך. אַ גרופּע מענטשן הערן לעבן דעם ראַדיאָ־רעפּראָדוק־טאָר די „סוואָדקע״. צווישן אַנדערע אין דער גרופּע: אַברהם־בער לעוויט — אַ מיטלוואָקסיקער, אַ פעסטער, נאָך ניט אינגאַנצן גרוי (ער האַלט פאַר אַ הענטל זיין זיבניאָריק איניקל יאַשקע), פישל בראָדסקי — אַ העלער און אומרואיקער, סענקאָ — אַ לייכט־פאַר־וואונדעטער רויטאַרמייער, ר׳ יונתן — אַן אַלטער זקן מיט ברעמען, ווי וואָנצעס. אין דער טיף פירט אַ וועג, — עס זעט זיך פון דאָרט אַרויס דער גלעזערנער דאַך פונעם סעלעקציע־פּאַוויליאָן און מען הערט פון צייט צו צייט די פעסטע, הייזעריקע שטימע פון אַ קאָמאַנ־דיר, וואָס לערנט מאַרשירן אַ גרופּע מאָביליזירטע. אין דער זייט אויף אַ פּלויט, וואָס אַרום אַ קליינער כאַטע, צעהענגט די וועשערין נאַסטיאַ אויסגעוואַשן גרעט, צוזינגענדיק דערביי:

זאַוויאַזאַלי האַלאַוואַניקו
אַ יאַ־זש דומאַלאַ נאַ טשאַסאָק...

פישל (טיילט זיך אָפּ פון דער גרופּע און וויזט אַן נאַסטיען אויף די טראַנס־

פּאַראַנטן): אַ גרויסער יום־טוב, נאַסטיאַ! — אונדזער פּראָװאָר־סטאַנציע האָט אויס־געכאַפּט אַלע בעסטע אָרדנס! אַזױ שטײט הײנט אין בלאַט.

נאַסטיאַ: דו, פישקע, אויך?

פישל: איך, פישל דער שנײדער? (קראַצט זיך אין נאַקן): דאָס מאָל זעסטו, האָב איך זיך פון אַן אָרדן דווקא אַרויסגעדרייט.

נאַסטיאַ (דערזעט אברהם־בערן): באַטש, אברהם־בער לעוויט! ט׳עלעך חלשן! ווין טאַזשע, זאָגט מען, אויסגעכאַפּט אַן אָרדן...

פישל: און נאָך אַ װעלכן! — אײנעם פון די בעסטע אָרדנס, און דווקא ניט קײן אַגראָנאָם. אַפילו זײן מײדל, פרידע די לערערין, האָט אויך געקריגן אַ „זנאַק פּאָטשאָטאַ״. — געװוען איז ער אַמאָל אַ פּשוטער שנײדער, װי איך, און געװאָרן דאָ אויף דער פּראָװאָר־סטאַנציע אַ לײט — אַ גרויסער סלוזשישטשע!

נאַסטיאַ: קאָזשוט, װין קען גוט נאָך פון אַמאָל אין די קלײנע אותיולעך...

פישל: אברהם־בער?... װען איך האָב אַזאַ קאָפּ, װי ער, װער איך אַ ליט־װינאָװ.

ברוך (אַ יונגער שטאַלטנער בחור, קומט אַרויס פון װאַיענקאָמאַט): סענקאַ!

סענקאַ: איך. מען האָט דיר װידער אָפּגעזאָגט?

ברוך: איך װאַרט אויפן גלאַװני (בלײבט פאַרשטאַרבן, קוקנדיק אויף אברהם־בערן).

אברהם־בער (צום אײניקל): נו, יאַשקע, האָסט מיך שוין באַגלײט. גײ אַהײם און ענדיק דײנע בריװ צום פּאַפּקאַ.

יאַשקע: איך גײ, זײדע, איך גײ — פאַקט!

אברהם־בער: װי גײסטו, אַז דו שטײסט אויף אײן אָרט? (באַגלײט יאַשקען. פון הינטערן הויז דערהערט זיך שטאַרקער די שטימע פונעם קאָמאַנדיר: „פּראַ־װאָיע פּליעטשאָ, װפּעריאָד, שאַגאָם מאַרש!״...).

נאַסטיאַ (פון איבערן פּלויט): ברוך! כוועדער װאַרט אויף דיר! געקומען מיט זײנע טויבן!

ברוך: גוט, טיטקאַ נאַסטיאַ, זאָל ער װאַרטן (פאַרשװינדט צוריק אין װאַיענ־קאָמאַט).

פישל: געגלויבט האָט זיך דיר, נאַסטיאַ, האָבן דווקא אַ יידיש קינד פאַר אַ זון, אַ? איצט האָסטו פון אים צרות...

נאַסטיאַ: אוי, שטשע יאַקי צרות! אַ צעדרײטער — אָ! ני פּיטאַי װזשע, פישקאַ! זיך אַנגעפּרעגט עולם־הבא! (פאַרשװינדט אויף יענער זײט פּלויט).

פישל: ט׳האָסטו־אָ! פון די הײליקע מוטערס שרה, רבקה, רחל, לאה און... רביצין נאַסטיאַ!

סענקאַ (מײנט, פאַרבײגײענדיק, אַז צו אים רעדט עס פישל): טשאָהאָ?

פישל: איך זאָג: גײסט שוין צוריק אויפן פראָנט, פּאָטשאָטני פּאָטאָמסטװעני קאָניוך אונדזערער? אַ ריס ביי דיר — אָ! (נעמט אַרויס נאָדל־פאָדעם און פאַר־נײט סענקען דעם ריס אויף דער גימנאַסטיאָרקע): אַלע װילן אויפן פראָנט —

מיין בענטשיק אויך... בעט זיך פאַר אַ סאַמאָוואָליעץ, צי פאַר אַ דאָבראָוואָליעץ, כ׳ווייס, ווי מען רופט עס דאָרט ביי אייך? נאָך קיין אַכצן יאָר ניט אַלט.

סענקאָ: געקומען צו אונדז אין פּאָלק, ווייסטו, איינער אַ דאָבראָוואָליעץ אויך נאָך זייער אַ יונגער. איצט איז ער שוין אַ״אַ: גערא׳י סאָוועטסקאָווא סאָיוזאַ.

פישל (געענדיקט נייען, בייסט איבער דעם פאָדעם): אַ פּאַרטאַטש איז ער!

(נעמט ניט אָפּ די אויגן פון סענקעס גימנאַסטיאָרקע): אַ גרויסער פּאַרטאַטש!

סענקאָ: ווער?

פישל: יענער, וואָס האָט געגייט דיין גימנאַסטיאָרקע (ווייזט אויפן אַלטן יונתן): אָט פרעג ביי אים — ער איז אויך אַ שניידער. (צום אַלטן): איר באַגלייט שוין ווידער אַרויס אַן אייניקל?... אַ?... ר׳ יונתן!

יונתן: ווי?... (פאַרטראַכט זיך): עס שטייט געשריבן: ווען מען האָט אים צום ערשטן מאָל אָנגעזאָגט, אַז ער מוז גיין...

פישל: וועמען?

יונתן: נו, אים אַליין... משה רבנו עליו השלום... ער האָט דאָך שוין געהאַט צוגעפירט די יידן צום סאַמע נחת און דאָ זאָגט מען אים פּלוצלונג: לייג זיך אַוועק און שטאַרב!

פישל: איר מיט משה רבנו זייט דאָך אַלטע גוטע ברידער! (צום צוריקקומענדיקן אברהם־בער): חבר אברהם־בער לעוויט! עפּעס זייט איר דאָך אויך אַמאָל געווען פון אונדזער שניידערישן צעך. משה רבנון האָט איר דאָרט טימטשאַסאָם ניט באַגעגנט?

אברהם־בער: משה רבנו?

פישל: נו יאָ. יונתן האַלט, דאַכט מיר, אַז משה רבנו איז אויך געווען אַ שניידער. ער ווייסט נאָר ניט, צי אַ מוזשסקי, צי אַ דאַמסקי.

אברהם־בער: ניין, ר׳ יונתן, ניט קיין שניידער איז געווען משה רבנו, נאָר אַ צושניידער. דאָס האָט ער אונדז, יידן, אַזוי פיין צוגעשניטן. (גייט פאַרביי. הינטערן הויז שטאַרקט זיך די שטימע פונעם קאָמאַנדיר, וואָס לערנט מאַרשירן).

יונתן (קוקט נאָך אברהם־בערן): וועגן זיין זון אויפן פראָנט האָט ער שוין אַ ידיעה, צי נאָך אַלץ ניט?

פישל: ט׳עלן מיר הערן... חבר אברהם־בער! שיער פאַרגעסן: מזל־טוב אייך מיטן אָרדן... איר גייט אויך אין וואָיענקאָמאַט?

אברהם־בער: יאָ, עפּעס רופט מיך צו זיך דער וואָיענקאָם.

פישל: איר האָט דאָך גאָר אַ טאַכטער!

אברהם־בער: כ׳האָב אַ זון אויך! (כאַפּט אָן פישלען פאַר דער האַנט): האָסט עפּעס געהערט וועגן מיין זון? (קוקט אויספאַרשנדיק אויף פישלען און יונתן, גייט אַוועק).

פישל: אַ הייסער טאַטע! (גייט אַוועק אינאיינעם מיט יונתן אין וואָיענקאָמאַט).

כוועדער (אַ האַרבאַטינקער בריוו־טרעגער קומט אָן, טראַגנדיק עטלעכע געבונדענע פּאַרלעך טויבן אויף די הענט און אַ פול־געפּאַקטן בריוו־טאַש איבער

די אַקסלען, און דערזעט ברוכן אין טיר פון וואַיענקאַמאַט): נו, ברוך, האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט... (וויל אים אָנטאָן דעם בריון־טאַש און איבערגעבן די טויבן).

ברוך: וואַרט, באַלד ווער איך פריי. (דערזעט עטלעכע טעלעגראַמעס אין בריון־טאַש): צו וועמען אַזוי פיל טעלעגראַמעס? (קוקט אויף די אַדרעס): אַלץ צו פרידען?

כוועדער: נו, יאָ, איר פאָטער האָט דאָך געקראָגן אַן אָרדן און זי — אויך. אָט איז זי...

יאַשקע (קומט צוריק, פירנדיק נאָך זיך אַ יונג מיידל, וועלכן כוועדער גיט אָפּ די טעלעגראַמעס): אָט דאָ איז ער נאָר וואָס געווען, דער זיידע, אברהם־בער, פאַקט, טיאָטיאַ פרידאַ!

פרידע: וואו?

יאַשקע: נו, אָט דאָ. ער האָט געזאָגט: איך גיי זיך דערוויסן וועגן דעם פּאַפּקאַ, פאַקט!

נאַסטיאַ (צעהענגענדיק ניי־געבראַכט גרעט אויפן פלויט): אַ געזונט נאַ טעבי, פרידאָטשקאַ, כאָדי סיודי, דיטאָטשקאַ. ווי געפעלט דיר עפּעס מאַי ברוך, אַ? ווזשע ווין בודע מזל פאָטשטאַליאָן. יאַק יעמו ני בזיון? אַן אינסטרוקטאָר וו וואָראָשילאָווסקאָם קלוביע, אַ סטרעלאָק אָדין נאַ סוויטי און ראַביטסיא לייטן צו געלעכטער.

פרידע: ברוך ווערט אַ פאָטשטאַליאָן?

נאַסטיאַ: זאַכוואַריוו, זנאַיעש, כוועדער, דער האָרבאַטינקער פאָטשטאַליאָן. געשטאָרבן מיט אים אַמאָל טויבן שע וו דיטסווי, טאָ ווין ווזשע האטאוו פערעסניאַטי כוועדאַראָווי האָלובי דאַ נאַס נאַ קרישו, טאַי שע פאַרבייטן דעם האָרבאַטן נאַ פאָטשטי ביז מען וועט צוזוכן אַן אַנדערן.

פרידע: ער איז פונעם זינען?

ברוך (צוקומענדיק): מיטן אָרדן דיך, פרידע!

נאַסטיאַ: אָט אי ווין — דער תכשיט! סערצע מאָיע באָליט. יאָ, נאַסטיאַ — נאַר, נאַ ביאָהאָ רחמנות געהאַט, קאָלי ווין לישיוּוסיאַ סוואָיך טאַטי אי מאַמי לשלום שע נאַ גראַזשדאַנסקוי.

ברוך: נו, שיט שוין אויס, שיט אויס, טיטקאַ נאַסטיאַ: האָסטו מיך, אַ קליין יתומל, אַריינגענומען צו זיך אין שטוב און מיך אָפּגעגעבן אין שול. בין איך, דער ווייסער חברהניק, אַרויסגעפלויגן פון פינפטן קלאַס אַזוי ווייטער און וו... ווי איז דיר ניט מיאוס, טיטקאַ נאַסטיאַ, אייביק איין מעשה איבערצוקייען?

נאַסטיאַ: ססס!... סי אַ כבוד טוואָאים יידישע טאַטע און מאַמע נאַ טאָם סוויטי (צו פרידען): דוזשע גוטע פריינט בין איך מיט זיי געווען!

ברוך: מען ווייסט: דעם שבתדיקן קוגל פלעגן זיי אָן דיר קיינמאָל זיך ניט זעצן עסן. אַ גוטער קוגל, פלעגן זיי זאָגן, אין נאַסטיען געראָטן! (צו פרידען): שיער ניט פאַרגעסן, ליב דיר דיינע געסט, פרידע. פּאַוולאָ און מישאַ, האָב איך געהערט, זיינען אַראָפּגעקומען.

נאַסטיאַ: דורני טי. פּאַוולאָ, דעם דירעקטאָרס און מישאַ דעם „זאַווס" זיי־

נעען אַראָפּגעקומען זיך געזעגענען, איידער זיי גייען אַוועק אויפן פראָנט. פּאַוולאָ און מישאָ — ליאַטשיקעס, פרידאָ — אַ לערערין פון פיזקולטור אין שול, געקראָגן אַן אָרדן, און פון דיר וואָס איז אַרויס?

ברוך: נו, אַן עק, טיטקאָ נאַסטיאָ. פאַרן קוגל וואָס דו האָסט געגעסן ביי מיינע טאַטע־מאַמע, האָסטו זיי שוין אָפּגעדינט. (קוקט נאָך דער אַוועקגייענדיקער נאַסטיען, שטיל צוזינגענדיק):

קוגל הייסט עס
אין אויוון שטייט עס
און אין מויל צעגייט עס
און מען עסט עס
און מען פרעסט עס
און אין מאָגן דרייט עס.

(עס הערט זיך שטאַרקער, ווי הינטערן הויז לערנט מען מאַרשירן).

פרידע: ווען וועט נעמען אַן עק, ברוך?

ברוך: אַט אַזוי, מוסר מיך אויס, דעם צעבאַלעוועטן, לייג מיר אַריין אַ חלק... צו וואָס זאָל נעמען אַן עק, פרידע?

פרידע: אַמאָל, ווען מיר זיינען נאָך געווען אין פינפטן קלאַס, האָסטו גע־זאָגט, אַז מיר אויף צו להכעיס וואַרפסטו אַוועק די שול... ווער ביסטו פון דענסט־מאָלט אָן שוין ניט געווען?

ברוך: נאָך דער שול? (שמייכלט, ציילנדיק אויף די פינגער): געוואָרן אַ טויבן־טרייבער אינאיינעם מיט כוועדערן, דערנאָך — אַ גרוזטשיק, אַ שאָפער, אַ פּיראָטעכניק, געזונגען אין אַ כאָר, געשריבן לידלעך פאַר דער עסטראַדע און בין אַרויס אַ שיסער־אינסטרוקטאָר — ס'אַ סך?...

פרידע: וועמען אויף צו להכעיס טוסטו עס, ברוך?

ברוך: איך לערן זיך, ווייסטו, פון איינער אַ מיידל: זי קאָן זיך ניט צוקלייבן קיין ייִנגל, און איך — קיין אַרבעט. עס פאַרן זיך אָן צוליב איר געסט — אַ...

פרידע: פאַרוואָס צווינגסטו זיך זיין גראָב, ברוך? מיט פּאַוולען און מיט מישען, ווייסטו גוט, האָב איך געלערנט פונעם ערשטן ביזן לעצטן קלאַס אין שול. (גייט אַוועק).

ברוך: הער אויס, פרידע (פאַרהאַלט זי): ערגעץ־וואו ביי פושקינען ווייסטו שטייט (טראַכט): וואַרט, וואַרט, וואַרט... אַ שאָד!... פאַרגעסן שוין, וואָס ביי פושקינען שטייט... גראָד היינט, פרידע, גיי איך איבער אויף אַן אַרבעט, וואָס איז מיר אינגאַנצן צום האַרצן... און אפשר שוין אויף שטענדיק... נאָך היינט גיי איך אַוועק אויף דער מלחמה, פרידע.

פרידע: נאָך היינט?!

סענקאָ (פונעם אַריינגאַנג אין וואָיענקאָמאַט): ברוך! קום! דער גלאַוונער איז שוין דאָ. (ברוך אָפּ. אַלע לאָזן זיך אין וואָיענקאָמאַט).

חיה (קומט אָן אינאיינעם מיט צוויי שילערינס פון עלטערן קלאַס, וועלכע טראָגן בלומען־בוקעטן): טאַקע דיך זוכן מיר, פרידאַטשקאָ (שעלט מיט אַ דונער־

דיק קול, דערנעענטערנדיק זיך צו פרידען): אַ מפלה זאָל קומען אויף אים און אויף אַלע זיינע מחבלים, איינגעזונקען זאָל ער ווערן אָט דער משוגענער הונט!

פרידע: וועמען שעלט עס אונדזער „זאווי״, חיה גראַנאַט? ווידער היטלערן?

חיה: די כפרה זאָל ער ווערן פאַר דיין מינדסטן נאָגל. אַלע ציין זאָלן אים אַרויספאַלן און בלייבן זאָל אים איין־איינציקער צאָן ניט אויף צו בייסן, נאָר אויף ציינווייטיק! און דיך טאַקע זוכן מיר, פרידאַטשקאַ. (טוט אַ כאַפּ ביי די קינדער די בלומען און דערלאַנגט זיי פרידען): דאָס האָבן דיר צו דעם אָרדן, וואָס מען האָט דיר געגעבן, געשיקט אַלע מאַמעס פון די קינדער אין שול (גיט דעם „אַדרעס״, וואָס זי טראָגט מיט זיך, איינער פון די שילערינס): נאַ, לייען!

שילערין(לייענט): טייערע לערערין, פרידע. דער גרויסער יום־טוב פון דער פראַוואָר־סטאַנציע פאַלט צונויף...

חיה (רייסט אַרויס דעם „אַדרעס״ און גיט אים אָפּ פרידען): זי וועט שוין אַליין לייענען, לאָזט מיך אויסרעדן אַ וואָרט! די פראַוואָר־סטאַנציע, פרידאַטשקאַ, האָט דיך אויסגעקאָוועט. אַלע האָבן מיר זיך מיט דיר געניאַנטשעט. ווען דו פלעגסט קראַנק ווערן, פלעג זיך אונדז אויסדאַכטן: די גאַנצע פראַוואָר־סטאַנציע איז קראַנק. (ווישט די טרערן).

שילערין (צו איר חברטע): אוי, חלשט זי, פרידע זאָל חתונה האָבן מיט איר מישען... זי איז פריער געווען דאָ אַ קעכנע אין דער סטאָלאָווקע.

חיה (בייז): וועמען עס געפעלט ניט, וואָס איך בין געווען אַ קעכנע, יענער וועט זיך מיט מיר ניט משדך זיין!

שילערין: פאַרקערט!... (פאַרשעמט זיך).

פרידע: ווי לענין זאָגט: יעדער קעכנע דאַרף קאָנען פראַוועווען מיטן לאַנד.

חיה(מיט גיפּט צו דער שילערין): שטייט דיר אפשר ניט אָן, וואָס לענין האָט וועגן מיר אַזוי געזאָגט? (פון הינטערן הויז דערהערט זיך: „סטאָי!... ראַז... דוואַ...״ עס ווערט פּינצטער. עס רוקט זיך אויף אַ וועגטל אין פאַסאַד פונעם הויז און עס אַנטפּלעקט זיך אַ צימער — אַ קאַבינעט. ביים טיש זיצט דער וואָיענקאָם — אַ יונגער, אַ וואוקסיקער מיט אַ פאַרבונדן אויג. אַקעגן אים שטייען ברוך, סענקאָ און אברהם־בער).

ברוך: איז וואָס, אַז איך בין אַ שיסער־אינסטרוקטאָר? גוטע שיסער דאַרף מען דען ניט אויפן פראָנט? (אין פנים און אין די באַוועגונגען פון אברהם־בערן, וועלכער שאָקלט צו מיטן קאָפּ נאָך ברוכס ווערטער, איז צו זען, אַז ער איז אינגאַנצן מסכים מיט ברוכן).

נאַטשאַלניק: איר לערנט די יונגע שיסן — אויך אַ נוצלעכע זאַך פאַרן פראָנט, וואַרט ביז מען וועט אייך רופן. (אין אברהם־בערס פנים און אין זיינע באַוועגונגען איז צו זען, אַז ער לייגט זיך איבער און איז איצט שוין אינגאַנצן מסכים מיטן וואָ־יענקאָם).

ברוך: מיר הייסט איר וואַרטן? מיין טאַטע, האָב איך ידיעות, איז אומגע־קומען ווי אַ פאַרטיזאַן, און איך זאָל זיצן אינדערהיים? (דערזעט ווי אברהם־בעו

וואונדערט זיך און טוט אַ שעפּטשע): **ווי אַ פּאַרטיזאַן... נו... נאָך אין בירגער־קריג!**

אברהם־בער: **אהאַ!... שוין רעכט...** (קוקט פאַרוואונדערט אויפן וואַיענ־קאָם, וואָס קערט אום די פּאַפּירן דעם אַוועקגייענדיקן ברוכן און זאָגט דערביי שמייכ־לענדיק צו זיך אַליין: „ס׳וועט זיין גוט!״).

נאַטשאַלניק (קוקנדיק אין סענקאָס פּאַפּירן): **אייער אורלויב איז נאָך ניט אויסגעגאַנגען.** (מיט זיינע זשעסטן איז אברהם־בער ווידער מסכים מיטן וואַיענקאָם).

סענקאָ (ווייזט אויפן אַוועקגייענדיקן ברוך): **מיר זיינען חברים, ער גייט אויפן פראָנט און אַליין ווילט זיך ניט בלייבן.**

נאַטשאַלניק (מאַכט אַן אויפשריפט אין סענקאָס פּאַפּירן, אומקערנדיק זיי אים, שטעלט ער זיך אויף און זאָגט אים אין אויער גאַנץ הויך): **ס׳וועט זיין גוט!**

סענקאָ: **טשאַהאָ?**

אברהם־בער (צו סענקאָן): **ער זאָגט: „בודע כאַראַשאָ״, אויף יידיש הייסט עס** (הייבט אויף אַ פינגער): **— ס׳וועט זיין גוט! אַנו זאָג נאָך: ס׳וועט זיין גוט.**

סענקאָ (זאָגט נאָך שווערלעך): **סע. עס... וועט... זיין גוט!** (גייט אַוועק).

נאַטשאַלניק (צו אברהם־בערן): **און איר... שוין־זשע אויך זיך מאָביליזירן?**

אברהם־בער: **וויפל, מיינט איר, בין איך דען אַלט?**

נאַטשאַלניק: **אַזוי... ביי די זעכציק. ווי?**

אברהם־בער: **האָט איר דעם טעות, וואָס אַלע. אויב לויטן חשבון פון אַלע יידישע „גליקן״, בין איך שוין אַלט אוודאי...**

נאַטשאַלניק: **די בידנע פאַר טויזנט יאָר?**

אברהם־בער: **אַ!**

נאַטשאַלניק: **נאָר אויב לויט אייער אייגענעם חשבון?**

אברהם־בער: **נו, נעמט אַ יידן, וואָס איז ביז דער רעוואָלוציע געווען אַ ווייסטער פּאַלגי... נו... אַריינגעקוקט דערביי אין אַ ביכל און געהאַט אַ גע־פלאַצטע גאַל פון מבינות, ווי אַזוי מען פירט דאָס רעדל — איז וויפל מ׳שטיינס געזאָגט, קאָן אַזאַ ייד אַלט זיין ריכטיקע יאָרן?**

נאַטשאַלניק: **אַ יאָר פיר־און־צוואַנציק?...**

אברהם־בער: **אַ יאָר אַרויף אַ יאָר אַראָפּ, כמעט געטראָפן. הקיצור, פון וועלכן חשבון מען זאָל מיך ניט נעמען, בין איך אַן אינטערעסנע וואָזראָסט!**

נאַטשאַלניק: **ריכטיק. וואָס־זשע וועט איר עפּעס זאָגן גוטס?**

אברהם־בער: **גוטס?... דאָס זעט איר, וויל איך גראָד הערן פון אייך. כ׳האָב הייסט עס, אַ זון אין דער רויטער אַרמיי, אַ קאָמאַנדיר. כ׳האָב געמיינט: דאָס רופט איר מיך...**

נאַטשאַלניק: **ווי רופט מען אייער זון?**

אברהם־בער: **בן־ציון... עס הייסט: בען — דער זון, ציון — פון ציון... נו, בעני...**

נאַטשאַלניק: **בעני?...**

אברהם־בער: **בעני לעוויט.**

נאַטשאַלניק: לעוויט?! יאָ, כ'האָב אייך גערופן. זייט איר זיין פאָטער? (שטעלט זיך אויף): **איז זעצט זיך... זיצט... זיצט...** (דערלאַנגט אים אַ שטול. זייער לאַנגזאַם זעצט זיך אַראָפּ אברהם־בער און קוקט אין דערשראָקענער וואַר־טעניש אויפן וואַיענקאָס).

ערשטער אַקט (בילד צוויי)

אַ טיש מיט אַ ניט־דערעסענעם כיבוד און מיט אַ הילכנדיקן ראַדיאָ־רעפּראָדוקטאָר אין עס־צימער פון דער קוואַרטיר, וואו פרידע מיט איר פאַמיליע וואוינט. לינקס — אַ טיר אין אַריינגאַנג־קאָרידאָרל. רעכטס — אַן אָפענע טיר צו דער קליינער ווערענדע, וואו עס געפינען זיך פרידע און די יונגע פליער פּאַוולאָ און מישאַ. דער לעצטער האַלט אויף די קני יאַשקען און שעפּטשעט אים עפּעס אין אויער. דער ראַדיאָ־רעפּראָדוקטאָר שטערט צו הערן, וועגן וואָס פּאַוולאָ און פרידע רעדן. פון גאַס קומט אַן חיה גראַנאַט. שליסט־אויס דעם ראַדיאָ־רעפּראָדוקטאָר און דערהערט דעם שמועס אויף דער ווערענדע. פון דרויסן — די שטים פון אַ צווייטן קאָמאַנדיר, וואָס לערנט אויך ערגעץ דאָ נאָענט מאַרשירן: „ריאַדי סדוואַי!"

פּאַוולאָ: דאָ־אָ, איבערן סאַמע דאַך!

פרידע: ווען איז דאָס געווען?

פּאַוולאָ: אַנו, דערמאַן, מישאַ! ווען האָבן מיר פון דער הויך אַ קוש געטאָן פרידען?

מישאַ (צו פרידען): **מען קושט דיך, און דו פּילסט גאָרניט. ס'איז געווען אויף מאָרגן נאָך אונדזער אַרויסלאָז.**

פּאַוולאָ: איך כאַפּ אַ קוק אַראָפּ פון דער מאַשין און דערזע די גאַנצע פּראָוו־סטאַנציע — ווי אויף אַ טעלער ליגט זי מיטן סעלעקציע־פּאַוויליאָן, מיט דער שול, מיט אַלע נייע און אַלטע הייזער, מיט אַלע נאָענטע און ווייטע פּראָוו־פּעל־דער — קראַסאָטאַ! — מישאַ — טו איך צו אים אַ געשריי — מיר זיינען אינדער־היים — און ער מיר...

מישאַ (דעם לאַכנדיקן יאַשקען אין אויער): **אינדערהיים, פּאַוולאָ!**

חיה (קוקט דורך דער אָפענער טיר אויף מישאַן): **קינדער טייערע!** (גייט אַרויס אויף דער ווערענדע).

פּאַוולאָ: אין נאָז האָב איך גלייך דערפילט אַלע ריחות פון די קינדער־יאָרן. (אין קאָרידאָרל הייבט אָן קלינגען דאָס פּאַראַד־גלעקל).

יאַשקע: אָ! דער זיידע אברהם־בער! (גליטשט זיך אַראָפּ פון מישאָס קני און לויפט עפענען).

פּאַוולאָ: און דיר, מישאַ, מיט וואָס האָט דעמאָלט פאַרשמעקט?

מישאַ: מיר? (שטייט אויף, דערזעט חיהן אין טיר): **מיר — מיט וואָס?**

(טראַכט): **מיט הייסן וואַסער פון די אָפּגעזויגענע לאָקשן, מיט וועלכער די מאַמע פלעג מיך צוואָגן אויף שבת.** (צוהערנדיק זיך די גאַנצע צייט צום קאָרידאָרל, וואָר־הין יאַשקע איז אַוועקגעלאָפן, הייבט פרידע זיך אויף פון איר אָרט).

חיה (כאַפּט אַרום מישאַן, קושט אים): **מיר זאָל זיין פאַר דיר, מישענקאַ, זון איינציקער, משהלע!**

פרידע (אַריינקומענדיק אין עס־צימער — מיט אומגעדולד צום צוריק־געקו־מענעם יאַשקען): **נו, ווער?**

יאַשקע: גאָרניט דער זיידע... פּאַקט!

פרידע: ניט דער זיידע? (דערשטוינט מאַכט זי אַ טריט צו דער אָפן־גע־בליבענער טיר פון קאָרידאָרל).

ברוך (קומט אַריין באַלד נאָך יאַשקען. אויף זיינע אַקסלען הענגט כוועדערס שווערער בריוונטאַש): **נו, אַט, פרידע... כ'האָב גראָד זיך דערמאָנט, וואָס שטייט דאָרט ביי פּושקינען...** (דערזעט פּאַוולאַן און מישאַן אַריינקומענדיק פון וועראַנדע און בלייבט אָן לשון): **נו, אַט... שוין ווידער פאַרגעסן, ווי שטייט דאָרט ביי פּוש־קינען...** (קריגט אַרויס פון בריוונטאַש צייטונגען און דערלאַנגט פרידען. גייט האַסטיק אַרויס, בעת אַלע קוקן אים נאָך).

חיה (מישאַן אין אויער): **ער פּגרט אַוועק נאָך פרידען...** (אַ נייער קלונג, יאַשקע לויפט עפענען).

פאַנאַסענקאַ (קומט אַריין): **נו, קינדער, אייער מאַטאָרציקל איז פאַרפּראַוועט מיט ברענשטאָף, צייט אייך אין וועג אַריין.**

חיה: שוין... אַזוי פליט איבער דאָס גאַנצע לעבן! (כאַפּט זיך אַרום מיט מישאַן): **נו, משהלע, ווייס אַליין, וואָס דו האָסט צו טאָן** (ווישט די טרערן): **גע־דענק גוט, וואָס די היצליעס טוען מיט מאַמעס, מיט קינדער און מיט... יידן.** (פּאַוולאַ און מישאַ געזעגענען זיך מיט פרידען).

פאַנאַסענקאַ: נו, פּאַוולאַ! (נעמט אים אָן פאַר די אַקסלען): **איין־איינציקער זון ביסטו ביי מיר. האָבן האָסטו געקאָנט וויניקסטנס נאָך פינף ברידער, איז גע־דענק, דאַרפסטו זיך שלאָגן אייגער פאַר פינף** (נעמט אים אַרום): **איצט לויטן אַלטן שטייגער.** (אַלע זעצן זיך צו, פון דרויסן דערהערט זיך שטאַרקער, ווי מען לערנט מאַרשירן מאָביליזירטע. אַלע שטייען אויף און גייען אַרויס אינדרויסן, פונוואַנען מען דערהערט אינגיכן דאָס קלאַפּן פון אַן אָפּפאָרנדיק מאָטאָרציקל און נאָכדעם ווידער די טריט פון מאָביליזירטע, וואָס מאַרשירן לויט אַ קאָמאַנדע. יאַשקע קערט זיך אום דער ערשטער, שלעפּט אַריין פון ערגעץ זיינעם אַ גרויסן ניט־דערמאָלענעם פּלאַקאַט, ציט זיך אויס לעבן איס אין עס־צימער אויף דער פּאָדלאָגע און נעמט זיך אים דערמאָלן. נאָך אים קומט אַריין חיה, הייבט־אָן צוצוקלייבן פונעם טיש, פאַרטראַכט זיך, קומט צו צו פרידעס שרייב־טישל און באַטראַכט דאָרט פּאַוולאַס און מישאַס פאָטאָגראַפיעס, וואָס שטייען אין רעמלעך: פּאַוולאַס — אין סאַמע אויבנאָן און מישאַס — זייער פאַררוקט צו דער וואַנט).

חיה: איז דיין זיידע, יאַשקע, זאָגסטו, הייסט אברהם־בער בענציאַנאָוויטש,

דיין טאַטע דער קאָמאַנדיר — בענציאָן אַבראַמאָוויטש, דיין אוקראַינישע מאַמע — גאַלינאַ אַנטאָנאָוונאַ, און דו הייסט...

יאַשקע (ניט אויפהערנדיק מאָלן): **יאַקים בענציאָנאָוויטש!**

חיה: נו, און אַשטייגער, ווי מיינסטו, יאַשקע, וועט הייסן דיין טיאַטיע פרידעס מאַן? (רוקט אַוועק פּאַוולאָס פאָטאָגראַפיע צו דער סאַמע וואַנט און שטעלט אַוועק אויבנאָן איר מישאָס פאָטאָגראַפיע).

יאַשקע (ניט אומקוקנדיק זיך): **פּאַוולאַ מיקיטיטש — פּאַקט!**

חיה (אויפגערעגט): **פּאַקט!... ווי־זשע וועט הייסן דיין טיאָטיע פרידעס זון — מיקיטאַ אַווראַמאָווינאָוויטש?** (נעמט אַראָפּ געשיר פון טיש און גייט אַוועק אין קיך).

גאַלינאַ (אַריינקומענדיק): **נאָך אַלץ ניט געקומען דער זיידע?**

יאַשקע (ניט אויפהערנדיק מאָלן): מאַמאַ, איצט קומט שוין ביי מיר אויס — פּאַקט!

גאַלינאַ: וויפל מאָל דיר געזאָגט, הער אויף איבערחזרן נאָך יעדן וואָרט פּאַקט. ווי נאָר דער זיידע קומט, לויפסטו באַלד אין סעלעקציע־פּאַוויליאָן מיך רופן, געהערט?

יאַשקע: געהערט — פּאַקט!

גאַלינאַ: ווידער פּאַקט! (וויל אַוועקגיין, באַגעגנט אין טיר פּאַנאַסענקאָן).

פּאַנאַסענקאָ: אָנגעקומען אַ וויכטיקער באַפעל, גאַליאַ. (דערלאַנגט איר אַ קאָנווערט מיט אויפגעריסענעם טריוואָקס־חתימות).

גאַלינאַ (לייענט דאָס פּאַפּיר, וואָס זי נעמט אַרויס פון קאָנווערט): פאַרניכטן אַלע ניט וויכטיקע דאָקומענטן פון דער פּרואוו־סטאַנציע, דאָס איינשרייב־בוך, וואָס איז געפירט געוואָרן אין סעלעקציע־פּאַוויליאָן אין פאַרבינדונג מיט דער דער־פינדונג איבערגעבן אין נאַרקאָמזעט... (פאַרלוירן): דאָס איינשרייב־בוך פירט דאָך פּראָפעסאָר קראַנבליט.

פּאַנאַסענקאָ: דאָס איז עס דאָך. ווי קריגט מען עס ביי אים שטילינקער־הייט אַרויס?

גאַלינאַ: ער גלויבט שוין אַזוי אויך, אַז איר זייט אין דער מלחמה, האָט מען אים דאָ, ווי אַ געוועזענעם דייטשישן בירגער, אָנגעהויבן פיל וויניקער צו פאַרגלויבן?

פּאַנאַסענקאָ: גיי דו צו אים, גאַלינאַ.

פרידע (אַריינקומענדיק): דער טאַטע — נאָך אַלץ נישטאָ?

גאַלינאַ: נאָך אַלץ נישטאָ... ווער ווייסט, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט. (פרידע גייט צוריק אַוועק אינאיינעם מיט גאַלינאָן).

פּאַנאַסענקאָ (ווייזט־אָן דער צוריקגעקומענער חיהן אויף דער אַוועק־גייענ־דיקער פרידען): אַ פיינע שנור פאַר דיר, חיה.

חיה: שווייג שוין בעסער, מיקיטאַ וואַסיליטש! צו פרידען, ווייסן אַלע, שדכנט זיך ניט אויף קאַטאָוועס דיין פּאַוולאַ...

פּאַנאַסענקאָ: כ׳וועל דיר זאָגן, חיה, דעם גאַנצן אמת, כ׳בין אַן אוקראַינער פון אַלטן שניט. נאָך געדינט דאָ אַמאָל ביים פּריץ. כ׳וואָלט גאָרניט געהאַט צו מיין

פּאָוולאָן, ווען ער ברענגט מיר אַריין אין שטוב אַן אוקראַיִנישע שנור.

חיה: עס איז גאָר ניט קיין עבירה.

פּאַנאַסענקאָ: אַ קלוגעטשקע ביסטו! דאָס ווילסטו פרידען פאַר דיין מישאַן און רעדסט מיך אָפּ, אַ?... (לאַכט אָוועקגייענדיק).

חיה: מיקיטאָ וואַסיליטש, וואָס הייסט עס, איך רעד דיך אָפּ? וואָס איז גאָר פאַר ווערטער? (רוימט אויפגערעגט פונעם טיש. דורך די אָפענע פענצטער הערט זיך די קאָמאַנדע און דאָס מאַרשירן פון די מאָביליזירטע).

(געפירט פון אַ קליין יינגל קומט אַריין אַ מיטלוואוקסיקער ברייטביייניקער ייד מיט פאַרמאַכטע אויגן. ער איז באָרוועס, אין אַ צעפּליקטער סוויטקע, פאַרגאַרטלט מיט שטריק. די קליינע באָרד איז אים פאַרבויגן צום מויל און שאָקלט זיך נאָך יעדן וואָרט, ווען ער הייבט־אָן צו זינגען):

און אַז מען האָט מיין עלצטן זון געקוילעט
מיין עלצטן זון געקוילעט
האָט אויף מיין היים אין די קאַרפּאַטן
נאָך דער זומער־טאָג געברענט פון וויטן
נאָך דער זומער־טאָג געברענט פון וויטן,
און איך האָב נאָך געוויינט,
און איך האָב נאָך געוויינט.
נ׳אַז מען האָט מיין צווייטן זון געקוילעט,
מיין צווייטן זון געקוילעט,
האָט אויף מיין היים אין די קאַרפּאַטן
שוין נאָר אַ שטערנדל געשיינט פון וויטן,
שוין נאָר אַ שטערנדל געשיינט פון וויטן,
און, ווי איך, געקוקט פאַרשטיינט
און, ווי איך, געקוקט פאַרשטיינט.
נ׳אַז מען האָט מיר די אויגן אויסגעשטאָכן,
די אויגן אויסגעשטאָכן,
איז אויף מיין היים אין די קאַרפּאַטן
די נאַכט די פינצטערע געבליבן רייטן,
די נאַכט די פינצטערע געבליבן רייטן.

בלינדער ייד (זיפצט): אַ לאַנגע איז די נאַכט, און לאַנג איז היטלערס נאַכט, ווי דער גאַנצער גלות דער יידישער, וואוהין איך קום, דערלאַנגט זיך מיר...

חיה: קומט אַהער (זעצט אַוועק דעם יידן מיטן יינגעלע ביים טיש און גיט זיי עסן): פון וואַנען זייט איר?

בלינדער ייד: אַזש פון אונטער די קאַרפּאַטן. כ׳האָב דאָרט געטריבן פליטן אויף די טייכן... כ׳גיי פון היטלערן, גיי איך... איך גיי און גיי, און ער — נאָך מיר. ביי איין קינד געבליבן (טאַפּט־אָן מיט דער האַנט זיין יינגעלע): אַ שטאַרק

יינגל געוועזן — אַ!... מיט מיר אינאיינעם שוין געטריבן פּליטן... גוט געקענט די טייכן!

חיה: אַ תּכלית געוואָרן, אַ! (גייט אַוועק אין קיך).

יאַשקע (וועלכער באַטראַכט די גאַנצע צייט דעם בלינדן): פאַרוואָס זיינען ביי אים פאַרמאַכט די אויגן?

בלינדער ייד: זיי האָבן מיר זיי אויסגעשטאָכן, קינד.

יאַשקע: ווער? (בלינדער ייד ענטפערט ניט, גייט אַוועק אינאיינעם מיט זיין יינגעלע. יאַשקע קוקט זיי נאָך און נעמט ווידער זיך צו זיין פּלאַקאַט אויף דער פאָדלאָגע).

חיה (קערט זיך אום מיטן סערוועט, וואָס זי פאַרשפּרייט אויפן טיש): היט־לער... אויסגעגראָבן זאָל ער ווערן!

יאַשקע: וועלכע אויגן האָט היטלער, אַ?... חיה!

חיה: וועלכע אויגן?... פון אַ חיה, אויסגעלאָשן זאָלן זיי אים ווערן, ווי ער האָט אויסגעלאָשן יעדע פרייד ביי מאַמעס אין די הערצער! אוי, יאַשקע, ווען מען לאָזט מיך צו צום רוצח היטלערן, אָט מיך, חיה גראַנאַט זאָל מען צו אים צו־לאָזן!

יאַשקע: איר קאָנט דען שיסן?

חיה: הם, הם... ווען איך, חיה גראַנאַט, מיט מיין כאַראַקטערל זאָל נאָך דערצו קאָנען שיסן!... (נעמט איר קאָשיקל און גייט אַוועק; יאַשקע שלעפּט אַוועק זיין פּלאַקאַט אין ווייטערדיקן צימער).

גאַלינאַ (אַריינקומענדיק אינאיינעם מיטן פּראָפעסאָר קראַנבליט און מיטן די־רעקטאָר פּאַנאַסענקאָ און בעטנדיק זיי זיצן): פאַרוואָס, פּראָפעסאָר קראַנבליט, זאָל איך גאָר איינפאַלן, אַז מען האָט אייך דאָ אָנגעהויבן ווייניקער צו פאַרגלויבן?

פּאַנאַסענקאָ: גלויבט, פּראָפעסאָר, וועגן דעם איינשרייב־בוך איז געקומען צו רייד נאָר דערפאַר, ווייל עס איז אונדז אַלעמען, ווייסט איר, טייער.

פּראָפ. קראַנבליט: מעגלעך, מיך אַ דייטשישן יידן דערנערווירט מיט יעדן טאָג אַלץ מער דער צושטאַנד אויפן פראָנט — כ׳בין אַנטלאָפן פון די פאַשיסטן, ווייסט איר אַליין, ווי נאָר זיי זיינען געקומען צו דער מאַכט... איבערגעלאָזט ביי זיי אַלץ, וואָס איך האָב אין מיין לעבן דערוואָרבן. כ׳בין געוויס דאַנקבאַר פאַר גאַסטפריינטלעכקייט אייער לאַנד — אַ לאַנד, וואָס האָט ביי מיר ניט געפרעגט, צי בין איך אַן אַריער, צי איך בין אַ ייד... (קיינער באַמערקט ניט אַז דער נאַ־טשאַלניק פונעם וואַיענקאָמאַט האָט אַריינגעפירט אברהם־בערן, וועלכער איז גע־בליבן שטיין זייער דערשלאָגן ביי דער טיר).

אברהם־בער: ווער איז אַ ייד? (אַלע קוקן זיך אויף אים אום).

פּראָפ. קראַנבליט: איך... נו יאָ... אַ ייד...

אברהם־בער: איר זייט אַ ייד?... זעט איר... צו לאַנג איז אויסגעקומען צו וואַרטן, ביז איר אַליין זאָלט עס זאָגן. (באַזייטיקט פון זיך גאַלינאַן און די אָנ־געקומענע פרידע, וועלכע זיינען דערשראָקענע צו אים צוגעלאָפן): אָט איך בין אַ ייד. אַ ייד האָט געגנבעט, איז ווער איז אין דעם שולדיק? אברהם־בער דער

שניידער. אַ ייד האָט גע׳נואפט, צי געוואוכערט, אַ ייד האָט פּאַרראַטן, איז ווער איז אין דעם געווען שולדיק — זשידקאָ, אברהם־בער פּאָרטנאָי. געוואָלט צי ניט געוואָלט, נאָר געמוזט האָב איך אויף זיך דאָס נעמען. אין בירגער־קריג אָפּגעגעבן דעם עלצטן זון — נאָך אַ ייִנגל געווען. און אין דער איצטיקער מלחמה (דרייט זיך אויס מיטן פּנים צום פּאָרטרעט פונעם זון דעם קאָמאַנדיר, וואָס הענגט אויף דער וואַנט און קוקט אויף אים אַ רגע) : געֶנוג! (לייגט אַרויף זיין האַנט אויף דער ווייִנענדיקער פרידען) : עד כאן, טאָכטער! (וואַרט איבער, ביז דער פּראָפעסאָר פירט אַרויס אין צווייטן צימער גאַלינאַן, וועלכע האָט אויסגעשאָסן מיט אַ דערוואָרגן געוויין און נעמט־אָן די האַנט, וואָס דער נאַטשאַלניק פון וואָיענקאָמאַט דערלאַנגט אים אויף צו געזעגענען זיך) : ווי זאָגט איר?... „עס וועט זיין גוט״, אַ? עס וועט זיין גוט... (באַגלייט אים צו דער טיר און קערט זיך אום צו דער וויינענדיקער פרידען) : נו, טאָכטער, לייג אַוועק אַ קישן צי אַ רעדנע דאָ אין ווינקל... שבעה, טאָכטער, שבעה... (קוקט ווידער צום זונס פּאָרטרעט אויף דער וואַנט) : אומגע־קומען, ווי אַ העלד, זאָגט דער נאַטשאַלניק, אַ סוויאַזיסט געווען (צו פּאַנאַסענקאָן, וועלכער דריקט אים די האַנט) : סוויאַז, אַ?

פּאַנאַסענקאָ: סוויאַז, אברהם־בער!

אברהם־בער (לייגט אַוועק אין ווינקל דאָס טעפּיכל, וואָס פרידע האָט גע־בראַכט, טוט־אויס די שיך) : וואָס נאָך, אַ?... קריעה... (נעמט פונעם טיש אַ מעסער, כאַפּט זיך פאַר אַ לאַץ, גרייט אָנצושניידן זי, גראָד דערהערט פלוצלונג גלייך מיט פּאַנאַסענקאָן און מיט פרידען זייער אומרואיקע קולות פון גאַס. פון דרויסן יאָגט אַריין חיה און סענקאָ. דורך דער זייטיקער טיר קומען איילנדיק צוריק גאַלינאַ און דער פּראָפעסאָר. דורך די אָפענע פענצטער דערהערט מען די קאָמאַנ־דע: „ראָטאַ... סטאָי!״).

חיה: אַ דעסאַנט!

פּאַנאַסענקאָ: וואָס?!

סענקאָ: ניט ווייט, אויף יענער זייט אוראַסיווער וואַלד. (אַלע, חוץ אברהם־בערן און פרידען כאַפּן זיך אַרויסלויפנדיק אינדרויסן).

פרידע: סענקאָ! (אָנשרייבנדיק אויף גיך אַ צעטעלע גיט עס אים) : אָפּשיקן מיט אַ זיכערן מענטשן צו פּאַוולאָן און מישאַן. זייער אַעראָדראָם געפינט זיך (רעדט מיט אים שטיל) : געפין באַלד אַזאַ מענטשן, סענקאָ. (באַגלייט אים צו דער טיר) : זאָל ער זיך דורכגנבענען צו זיי מיט די וועלדער איבערן פראָנט, אויב מ׳וועט דאַרפן.

אברהם־בער (פון זיין האַנט פאַלט אַרויס דאָס מעסער) : מען זיצט שוין ניט קיין שבעה, מען רייסט שוין ניט קיין קריעה, איז וואָס טוט מען, אַ, טאָכטער? דו גייסט מיט מיר. (פירט אים אַרויס פון צימער).

פּאַנאַסענקאָ (אַריינקומענדיק צוריק אינאיינעם מיטן פּראָפעסאָר, וועלכער האַלט אין די הענט דאָס איינשרייב־בוך, און מיט גאַלינאַ) : אַלץ מוז באַשלאָסן ווערן באַלד, אין דער רגע, די דערפינדונג פון דער פּראָוואָר־סטאַנציע טאָר אין קיין פאַל ניט אַריינפאַלן צו די פאַשיסטן אין די הענט.

גאַלינאַ: די בייטן אין סעלעקציע־פּאַוויליאָן פאַרניכטן. דאָס איינשרייב־בוך, פּראָפעסאָר, גיט איר באַלד איבער אונדז.

פּראָפ. קראַנבליט: פאַרניכטן, אַלץ אינאיינעם מיטן איינשרייב־בוך. פאַר־ניכטן, פאַרברענען! סיי־ווי־סיי וועלן זיי דאָ פאַרניכטן סיי די פּרוואָוו־סטאַנציע, סיי די דערפינדונגען, סיי די מענטשן. איך קאָן זיי. אויף זיך האָב איך דערפילט זייער אַלפאַרניכטנדיקע מערדערישקייט. פאַרניכטונג שפּרייטן זיי אויף דער גאַנצער וועלט, און קיינער וועט זיי שוין ניט אָפּשטעלן — צו־שפּעט האָבן די לענדער זיך געכאַפּט.

גאַלינאַ: נו, דאָס וועלן מיר נאָך זען.

פאַנאַסענקאַ: דיסקוסיר איצט ניט מיט אים!

חיה (אַריינרוקנדיק איר קאָפּ פון דרויסן דורכן פענצטער): זיי זיינען דאָ!... ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט. מ'וואַרט דאָך אויף אייך! (אָפּ).

פרידע: מ'קעמפט, טאַטע! מ'ווערט פּאַרטיזאַנער! (פאַלט צו צו זיין ברוסט):

פאַנאַסענקאַ: (שרייט איר נאָך): איך קום באַלד (צום פּראָפעסאָר): און איר... איר מיט זיך אַליין, וואָס קלערט איר טאָן?

פּראָפ. קראַנבליט: כ'וועל טאָן, ווי פיל אַנדערע דייטשישע יידן — זעלבסט־מאָרד! (לייגט־אַרויף די האַנט אויפן איינשרייב־בוך): אינאיינעם מיטן טרוים פון מיין גאַנצן לעבן! (ביי די לעצטע ווערטער קומט אַריין אברהם־בער).

פאַנאַסענקאַ: קום, גאַליאַ. (גייען אַוועק).

(אברהם־בער דערנענטערט זיך צום פּראָפעסאָר מיט אַ פאַראויס־אויסגע־צויגענער פרעגנדיקער האַנט).

פּראָפ. קראַנבליט (צו אברהם־בערן): איר, אַ קלוגער מענטש, האָט אין אַזאַ מאָמענט גאָרניט באַדאַרפט קומען צו מיר מיט קיין פראַגן.

אברהם־בער: מעגלעך... האָט קיין פאַראיבל ניט... גראָד היינט צו טאָג, ווייסט איר, האָב איך נאָך אַנדערע זאָרגן.

פּראָפ. קראַנבליט: יאָ, איר האָט פאַרלוירן אַ זון.

אברהם־בער: פאַרלוירן אַ זון... דאָך געקומען צו אייך בין איך ניט פרעגן, נאָר בפירוש מאָנען.

פּראָפ. קראַנבליט: כ'פאַרשטיי אייך ניט.

אברהם־בער: איר מיינט, כ'האָב מורא פאַר האָבן אַ מת ביי זיך אין שטוב? מיר פּשוטע יידן האָבן זיך געגנוג אָנגעזען מיט מתים... וואָס מער מ'איז ביי אונדז געשטאָרבן, אַלץ מער האָבן מיר געוואָלט לעבן. ניט אין דעם גייט עס. איר האָט אָפּגעוואוינט ניט איין יאָר ביי מיר אין וואוינונג. מיר האָבן אייך געהאַלטן בכבוד גדול...

פּראָפ. קראַנבליט: ריכטיק.

אברהם־בער: נו, און צעצאָלן זיך?

פּראָפ. קראַנבליט: וואָס הייסט עס?

אברהם־בער: ס'הייסט, אַז זיך, דעם פּראָפעסאָר קראַנבליט האָט איר שוין באַשטאָט — מיט איין קנאַק וועט איר ווערן אויס ייד און אויס מענטש, נו, און אויף

וועמען לאָזט איר די באַלעבאַטים דאָ אין וואוינונג? אויף וועמען לאָזט איר מיך, מיין טאָכטער, מיין אייניקל? — מיר זיינען דאָך אויך יידן...

פּראָפ. קראַנבליט: איר, סאָוועטישע יידן, זייט דאָ איינגעפונדעוועט מיט אייער מי, מיט אייערע זין און טעכטער, וואָס קומען אום, ווי העלדן אין דער רויטער אַרמיי און זיינען גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן פאַר אָט דער פּראָוו־סטאַנציע.

אברהם־בער: גוט, איז אויף וועמען לאָזט איבער דער יידישער פּראָפעסאָר קראַנבליט אַלע אַנדערע יידן, נו... כלל־ישראל, וואָס איז בייגעשטאַנען אַלע רדיפות, אינקוויזיציעס, עלילת דמען, גזירות, שחיטות, גירושים פון לאַנד צו לאַנד, און האָט דאָך אויף זיך די האַנט ניט אויפגעהויבן? אויף וועמען לאָזט דער יידישער פּראָפעסאָר קראַנבליט זיין גאַנץ פאָלק, וואָס ביי אַלע צרות און אומגליקן האָט עס דאָך ניט אויפגעהערט צו־וויסן־געבן דער גאַנצער וועלט: „לא אמות — כ׳וועל ניט שטאַרבן, כי אחיה — כ׳וועל לעבן!” (עס דערהערט זיך פון ווייט אַ שטאַרקער אויפרייס).

פּראָפ. קראַנבליט (אויפשפּרינגענדיק): וואָס האָט פּאַסירט? (לאָזט זיך צו דער טיר און באַגעגנט אין אַריינגאַנג פרידען).

פרידע: מיר האָבן אויפגעריסן דעם בריק. (פאַרהאַלט דעם פּראָפעסאָר): זיי האָבן אונדז אַרומגערינגלט. אַנטלויפן איז ניטאָ וואוהין.

פּראָפ. קראַנבליט (שטייט אַ רגע דערשטוינט אַקעגן פרידען, כאַפּט פונעם טיש דאָס איינשרייב־בוך. אברהם־בער און פרידע שטרעקן־אויס צום בוך די הענט).

פרידע: פאַרגלויבט עס אונדז!... (אברהם־בער נעמט־צו דאָס בוך).

צווייטער אַקט (בילד איינס)

אין לערער־קאַבינעט פון דער שול אויף דער פּראָוו־סטאַנציע. די הינטערשטע וואַנט באַשטייט פון צוויי גרויסע אָפּרוק־טירן. זיי זיינען פאַרמאַכט און פאַרהאַנגען מיט אַ שווערער פאַבריקער פּאָרטיער. דאָס שרייב־געציי אויפן טיש שטויבט־אָפּ פרוי גינטער — אַ מיטל־יאָריקע דייטשקע מיט אַ הויכן פאַרקעס. עס קומען אַריין ניזאַבודקאָ — אַ רויט־אָנגעצונדענער, אַ פאַרשוויצטער, מיט בייטעלעך אונטער די אויגן מיט גראָ־ווערנדיקע האָר אויפן קאָפּ.

ניזאַבודקאָ: ווער האָט עס געהייסן צונויפטרייבן אַהער אין שול אַלע שול־קינדער?

פרוי גינטער (פאַרענדיק ביים טיש): איר וועט וויסן שפּעטער.

ניזאַבודקאָ (שרייט־אַרויס דורך דער טיר אין קאָרידאָר, פונוואַנען עס הערט זיך אַ קינדערשער טומל): אַלע אין די קלאַסן! לערנען!... לערנען! (צו פרוי גינטער): זאָלן זיי ניט טומלען. (זעצט זיך צו אויף אָפּצואָטעמען): ענדלעך בין איך צוריק דאָ, וואו איך בין געבוירן געוואָרן. כ׳גלויב ניט די אייגענע אויגן. כ׳האָב

צוריק מײנע זעכציק דעסיאַטין שוואַרצערד. איך בין דאָ סטאַראָסטע.

פרוי גינטער: און וואָס האָב איך דערפֿון? (שמעקט אַרום דאָס פּעקעלע קאַווע, וואָס ניזאַבודקאָ נעמט־אַרויס פֿון זײַן בוזעם און דערלאַנגט איר): ריכטיקע קאַווע? (דערלאַנגט אים די באַק אויף אַ קוש צו טאָן. פֿון יענער זײַט פּאַרטיער און צונויפֿגערוקטע טירן דערהערט זיך די פּאַרטעפּיאַנע־מוזיק, וואָס באַגלייט אין פּיז־קולטור־זאַל דעם לימוד. אין באַגלייטונג פֿון אַ יעפֿרעיטאָר און פֿון צוויי סאָלדאַטן קומט אַרײַן מיאָר ברענדעקע, באַטראַכט דעם צימער און קוקט זיך אום אויף די סאָלדאַטן).

ברענדעקע (צו די סאָלדאַטן): אויף אײַערע פּאָסטנס! (וואַרט ביז זיי וועלן אַרויסגיין, דערהערט די פּאַרטעפּיאַנע־מוזיק פֿון שכנישן פֿיזקולטור־זאַל): פֿאַר־וואָס האָט מען ניט אָפּגעריניקט די שול?

פרוי גינטער: דאָס האָב איך, הער מאַיאָר, געוואָלט זאָגן, צי וועלן צווישן די היגע לערערינס זיך ניט געפֿינען אַ פּאָר מיידלעך, וואָס טויגן פֿאַר אונדזערע בורשן אויפֿן פֿראָנט. די לערערינס, פֿאַרשטייט מען, האָבן צו אונדזער אָנקומען אַהער באַוויזן זיך צו באַהאַלטן.

ברענדעקע: און נו?

פרוי גינטער: איך האָב געהייסן צונויפֿטרייבן אַהער אין שול די קינדער, זײַנען די לערערינס אַליין אַלע ביז איינער אַהער געקומען. איך וואַרט, דער מאַיאָר זאָל באַגילטיקן מײַן אָפּקלייב.

ברענדעקע: שפּעטער.

פרוי גינטער: שיין (פֿאַרנייגט זיך, גייט אַרויס).

ברענדעקע: נו־נו, הער ניזאַבודקאָ. דאָס איינשרייב־בוך פֿון סעלעקציע־פֿאַוויליאָן געפֿונען?

ניזאַבודקאָ: ניין, הער מאַיאָר, די דאָקומענטן פֿון דער פּראָוו־סטאַנציע, זײַנען ווי אין דער ערד אַרײַן.

ברענדעקע: ביים פּראָפֿעסאָר קראַנבליט אינדערהיים געזוכט?

ניזאַבודקאָ: אויפֿגעריסן דאָרט אַלע דילן. ער האָט געוואוינט אין איין קוואַר־טיר מיט גאַלינאַ אַנטאָנאָוונאַ, מיט איר יידישן שווער, מיט זײַן טאָכטער, דער גימ־נאַסטיק־לערערין פֿרידע.

ברענדעקע: אַלץ, וואָס איר האָט זיך דערוואוסט?

ניזאַבודקאָ: ביי זיי אויף דער קוואַרטיר איז היינט געווען דער דירעקטאָר פֿון דער פּראָוו־סטאַנציע פּאַנאַסענקאָ. ביי איינעם פֿון זיי פֿיר מוז דאָס איינשרייב־בוך זיך געפֿינען.

ברענדעקע: זיי אַלע האָט מען פֿאַרהאַלטן?

ניזאַבודקאָ: אַלע געפֿינען זיך אונטער אַ וואַך דאָ אין שול, אויסער גאַלינאַ אַנטאָנאָוונאַ, וועלכע מען זוכט נאָך.

ברענדעקע: גיט איבער, מ׳זאָל אַהער אַרײַנפֿירן דעם פּראָפֿעסאָר. זעצט זיך צו. ניזאַבודקאָ — אָפּ. מ׳פֿירט אַרײַן דעם פּראָפֿעסאָר קראַנבליט).

ברענדעקע: ענדלעך!... זעען מיר זיך מיט אײַך נאָכאַמאָל, הער בירגער

אָבער־פּראָפעסאָר פון דער ווײמאַרער רעפּובליק! דערקענט איר אײער געוועזע־נעם אוניווערסיטעט־געהילף, ברענדעקע?

פּראָפּ. קראַנבליט: איך דערקען איך און אַלע אײערע... איך נאָכאַמאָל ניט צו זען, בין איך געווען גרייט צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

ברענדעקע: נאָר ניט באַוויזן? (שפּאַנט אַרום): אויף קיין אײן אויגנבליק האָב איך אײך ניט אויפגעהערט נאָכצושפּירן דאָ דורך אונדזערע מענטשן, געוואוסט די גאַנצע צייט, וואו איר געפינט זיך און צולעצט געפּאַקט. איצט וועלן מיר מיט אײך פאַרענדיקן אונדזער רעכענונג.

פּראָפּ. קראַנבליט: איך האָב מיט אײך ניט קיין שום רעכענונג.

ברענדעקע: אַזוי קאָן זאָגן נאָר אַ געמיינער שווינדלער. די דערפינדונג קעגן טריקעניש, ווייס איך, האָט איר געהאַט שוין ביי אונדז אין בערלין און האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון אונדז כדי צו ברענגען זי אַהער צו די באָלשעוויקעס?

פּראָפּ. קראַנבליט: ניט אמת. אין דייטשלאַנד בין איך געווען ערשט נאָר אויפן וועג צו אָט דער דערפינדונג, דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, אפילו ווען אין דייטשלאַנד זאָל איך זי שוין געווען האָבן, נו?... האָט דאָך די דערפינדונג גע־מאַכט איך, דער ייד קראַנבליט, און ניט איר, דייטשן, קער זי דאָך צו מיר...

ברענדעקע: אַלץ, וואָס קנעכט האָבן, קער צו זייערע הארן, אַריינגערעכנט דערפינדונגען. דאָס וועט זיין מיט אַלע דערפינדונגען אין אַלע לענדער, וואָס מיר באַזיגן — זיי וועלן אָנגערופן ווערן אויפן נאָמען פונעם באַלעבאָס דעם דייטשישן אַריער פונקט ווי די פּראָדוקציע פון אַ פאַבריק טראָגט אויפן עטיקעט ניט דעם נאָמען פונעם אַרבעטער, נאָר דעם נאָמען פונעם פאַבריקאַנט. איבער אייראָפּע, אַמעריקע און איבער אַלע קאָנטינענטן וועט קלינגען בלויז דער נאָמען פונעם דייטשישן אַריער. דער נאָמען פון מיר, דעם דייטשישן אַריער ברענדעקע, וועט מיט פייערדיקע בוכשטאַבן בייטאָג און ביינאַכט זיך לויכטן איבערן גאַנצן ערד־קוגל: ברענדעקע איבער אַלעס! פאַרשטאַנען?

פּראָפּ. קראַנבליט: ניין, ניט פאַרשטאַנען.

ברענדעקע: די דערפינדונג קעגן טריקעניש דאַרפן האָבן מיר, די דייטשן און איר האָט זי אָפּגעגעבן די באָלשעוויקעס. גייט איר איין מיר איבערצוגעבן דאָס איינשרייב־בוך פונעם סעלעקציע־פּאַוויליאָן?

פּראָפּ. קראַנבליט: איך האָב עס ניט.

ברענדעקע: נעמט איר אויף זיך מיר צושטעלן אַ גענויעם באַריכט, אין וואָס די דערפינדונג באַשטייט?

פּראָפּ. קראַנבליט: דאָס קאָן איך ניט טאָן.

ברענדעקע: פאַרוואָס קאָנט איר ניט?

פּראָפּ. קראַנבליט: איך האָב שוין געזאָגט: אין דייטשלאַנד בין איך געווען ערשט אויפן וועג צו דער דערפינדונג. אין אַלע אַגראָנאָמישע וועלט־פירמעס האָב איך פאַנאַנדערגעשיקט מיין פאַרשלאָג צו אַסיגנירן מיטלען, וואָס זיינען נויטיק אויף צוצוטרעטן צו דער פאָרשונג. קיין איין פירמע איז דערויף ניט איינגעגאַנגען. און דאָ, אויף דער פּראָוו־סטאַנציע האָט מען שוין פאַר מיר גאַנצע יאָרן געאַרבעט

אויף דער זעלבער טעמע, אָוועקגעלייגט אויף דער דערפינדונג פיל מי און מיטלען און מער קענטעניש איידער איך אײנער פאַרמאָג. איך האָב דאָ בלויז מיטגעאַרבעט מיט די אַרטיקע אָגראָנאָמען.

ברענדעקע: מיט וועמען? מיט דער קנאַבל־שמעקנדיקער יידישער שנור גאַלינאַ אַנטאָנאָוונאַ.

פּראָפ. קראַנבליט: זי איז אַ הויך־געבילדעטע פרוי.

ברענדעקע: דאָס ווייס איך: אַלע יידן און יידענעס זיינען הויך־געביל־דעטע... ננא! גיט איר אונדז אַרויס די דערפינדונג? אָדער איר ווילט פּרוּוון, וויפל קאָן אַ געמיינער יידישער שווינדלער איבערטראָגן מאַטערנישן?

פּראָפ. קראַנבליט: איך וועל פּרוּוון... קעגן מיין געוויסן וועל איך גאָר־נישט ניט טאָן.

ברענדעקע: כאַ־כאַ!... אייך בענקט זיך נאָכן לאַרבעריקראַנץ פון אַ מאַר־טירער. די באָלשעוויקעס זאָלן אייך שטעלן אַ דענקמאָל? — אין דעם וועלן מיר אייך אין איין אויגנבליק אַנטוישן. (אין דער צייט, ווען ער רעדט, באַווייזט ער צו געבן אַ צייכן דעם יעפרעיטאָר, וועלכער גייט אַרויס און ברענגט צו פירן פּאַנאַסענ־קאָן אינאיינעם מיט ניזאַבודקאָן).

ברענדעקע (צו פּאַנאַסענקאָן): דער פּראָפעסאָר זאָגט, אַז ביי אייך געפינט זיך דאָס איינשרייב־בוך פונעם סעלעקציע־פּאַווילאָן.

פּאַנאַסענקאָ: דער פּראָפעסאָר האָט דאָס געזאָגט?

פּראָפ. קראַנבליט: וואָס?!

ברענדעקע: (מאַכט מיט דער האַנט אַ צייכן, דעם פּראָפעסאָר שלעפּט מען אַרויס פון צימער): אייך, הער פּאַנאַסענקאָ, איז אַ וואונדער, וואָס ער האָט אויסגע־זאָגט?... נו... ער איז דאָך אונדזערער אַ שפּיאָן. נו, אין קורצן: דער פּראָ־פעסאָר קראַנבליט, אונטערגעשיקט פון אונדז, האָט דאָ נאָכגעשפּירט אויף דער פּרואוו־סטאַנציע נאָך דער דערפינדונג און וועט אונדז איצט אַרויסגעבן אין וואָס זי באַשטייט.

פּאַנאַסענקאָ: דער פּראָפעסאָר קראַנבליט?

ברענדעקאָ: נו זעט איר שוין, הער פּאַנאַסענקאָ! דאָס האָט קראַנבליט אומיסטן זיך אויסגעגעבן ביי אייך פאַר אַ יידן, מען זאָל אים ניט דעמאַסקירן. כאַ־כאַ!... גוט געשפּילט זיין ראָל!... געוואָלט אפילו פאַר אונדזער קומען כלומרשט באַגיין זעלבסטמאָרד... בראַוואָ, קראַנבליט! גוט געשפּילט זיין ראָל!... הייסט עס, אין וואָס די דערפינדונג באַשטייט, ווייסן מיר שוין אָן אייער הילף. פאַר אייך, אַ סאָלידן אוקראַאינער, איז אָבער בעסער, אַז אויך איר זאָלט אונדז צו־שטעלן אַ גענויעם באַריכט, אין וואָס די דערפינדונג באַשטייט, מיט דעם וואָלט איר ביי אונדז מיטאַמאָל זיך גוט פאַררעקאָמענדירט... אָדער מעגלעך, פאַר אייך ניט קיין אַגראָנאָם פון פאַך, וועט עס זיין שווערלעך דאָס צו טאָן... איז שטעלט אונדז דערווייל צו דאָס איינשרייב־בוך פון דער פּרואוו־סטאַנציע... גייט איר דערויף איין, הער דירעקטאָר?

פּאַנאַסענקאָ: דאָס איינשרייב־בוך פון דער פּרואוו־סטאַנציע האָב איך ניט.

ברענדעקע: אַך, אַזוי?... איבעריקנס, הער פּאַנאַסענקאָ, איר זייט דאָך,

ווי מיר האָט מען וועגן אייך באַריכטעט, ניט קיין קאָמוניסט, געווען זייט איר דאָ דער עקאָנאָם נאָך אַמאָל ביים גוטבאַזיצער, פאַרוואָס דען זאָלט איר ניט טאָן דאָ ווייטער אייער אַרבעט ?... ניין ?... פאַרוואָס ווילט איר ניט ?

ניזאַבודקאָ : עך ! אַלטער הונט !... דיר האָט געלוסט ביז היינט צו קאָ־מאַנדעווען דאָ מיט אַלץ, אַריינגערעכנט מיינע זעכציק דעסיאַטין, מיין בלוט, און איך אויף דער פרעמד האָב זיך געמוזט דורכשלאָגן מיט שפּילן גאַנצע נעכט אויף באַלאַלאַיקעס אין בערלינער נאַכט־שענקלעך ! איצט, סוקין סין, האָט מען זיך צו דיר דערקליבן. (באַמערקט, ווי קרום אויף אים קוקט דער מאַיאָר און בלייבט שטיל).

ברענדעקע : מיר ווילן לעבן מיט אייך גוט, הער פאַנאַסענקאָ, מיר דאַרפן, אַז מאָרגן גאַנץ פרי זאָלן דאָ אַלע אַרויס אויף די פעלדער צום שניט פון די צייטיקע קולטורן, און איר מוזט באַלד דערצו זיך נעמען. איר זאָגט צו ?

פאַנאַסענקאָ : ס'איז ניט אין מיינע מעגלעכקייטן.

ברענדעקע : פאַרוואָס איז דאָס געווען אין אייערע מעגלעכקייטן ביז היינט ?

פאַנאַסענקאָ : די מאַשין איז דאָ געווען אַוועקגעלאָזט. אַוועקלאָזן זי פונסניי פיל איך זיך ניט אין קראַפט. — איך בין שוין צו אַלט. מיר מיט מיין גרויען קאָפּ איז שוין צייט אויף דער סידעלע.

ברענדעקע : דאָך... טוט אַ טראַכט ! (דערזעט ווי פאַנאַסענקאָ גרייט זיך אַוועקצוגיין) : ניין... דאָ אין צימער גיט אַ טראַכט ! (צום סאָלדאַט ביי דער טיר) : אַריינרופן פרוי גינטער. (צו פאַנאַסענקאָן) : נו, האָט איר שוין אַ טראַכט געטאָן ?

פאַנאַסענקאָ : כ'האָב געזאָגט : ס'איז מער ניט אין מיינע מעגלעכקייטן

ברענדעקע : ווי, פרוי גינטער, האַלט עס מיט די לערערינס ? אַ האַלב טוץ מוידן האָט איר אָפּצוקלייבן דאָ פאַר אונדזערע בראַווע בורשן אויפן פראָנט.

פרוי גינטער : אַ פּאָר האָב איך אין אויג דאָ צווישן די לערערינס.

ברענדעקע : נו, הער פאַנאַסענקאָ, זיך נאָך אַלץ ניט דערטראַכט ?

ניזאַבודקאָ : אַ קאָמוניסט איז ער ! (ווייזט דעם מאַיאָר פאַוולאָס פאָטאָגראַ־פיע אינעם רעמל) : זיין זון — אָ ! אַ פּילאָט. ער האָט אים געוואָלט חתונה מאַכן פאַרן זשיד אַברהם־בערס מויד. אַלע ווייסן עס דאָ !

פרוי גינטער : די מויד, איינע פון יענע, וואָס איך וויל אָפּקלייבן, געפינט זיך איצט דאָ אין שול. קאָן דער הער מאַיאָר ניט אָפּרייסן אַן אויגנבליק דאָס צו באַוויליקן ?

זי פאַרציט די שווערע פאָרטיער. עס הערט זיך אַלץ שטאַרקער די קלאַוויר־מוזיק, וואָס באַגלייט דעם פיזקולטור־לימוד. עס רוקן זיך פאַנאַנדער די טירן און עס אַנטפּלעקט זיך דער גרויסער גימנאַסטיק־זאַל, וואו פרידע פירט דעם לימוד. מיט די רוקנס צום צושויער מאַכן די קינדער איבונגען אינאיינעם מיט פרידען; פאַרטאָגנענערהייט ווייסן זיי ניט, אַז די טירן האָבן זיך אָפּגערוקט און אַז אין אַריינ־גאַנג שטייען און קוקן אויף זיי ברענדעקע, פרוי גינטער און ניזאַבודקאָ. דערשראָקן, שווער און גיך איז אונטער דער קלאַוויר־באַגלייטונג דאָס ציילן פון די קינדער :

— איינס, צוויי דריי... איינס, צוויי דריי...

אינאיינעם מיט אַלע קינדער טוט פרידע זיך אַ דריי אויס מיט די פּנימער צום

אַריינגאַנג. אינאיינעם מיט אַלע קינדער ווערט זי צוגעשמידט מיט איר בליק צו ברענדעקען און זיינע באַגלייטער).

פרידע (ניט איבערגעריסנדיק די איבונגען): **רואיק, רואיק, קינדער... איינס, צוויי, דריי... זיך ניט שרעקן, קינדער... איינס, צוויי, דריי...** (אַלע דרייען זיך ווידער אויס מיט די רוקנס צום אַריינגאַנג און זעצן פאָר די איבונגען, אָפּציילנדיק אין גרויס שרעק דעם טאַקט).

יאַשקע (דער סאַמע קלענסטער אין דער הינטערשטער ריי קינדער קאָן זיך ניט איינהאַלטן, דרייט־אויס זיין קעפּל צו די שרעקלעכע „געסט״ און ציילט מיט גרויס שרעק, ווען אַלע ווערן שוין אַנטשוויגן): **איינס, צוויי, דריי...**

(די איבונגען ענדיקן זיך מיט אַ „פּיראַמידע״).

ניזאַבודקאָ (טוט פרידען אַ שלעפּ פון דאָרט): **קום!...** (ביי דער שווייגנדיקער שרעק פון אַלע קינדער דערנענטערט זיך פרוי גינטער צו פרידען און דורכווינקענדיק זיך מיטן מאַיאָר, נעמט זי אָן פרידען פאַר די הענט־מוסקולן. דער מאַיאָר טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און קערט זיך אום אין לערער־צימער מיט ניזאַבודקאָן, די טירן ווערן אונטער זיי צוריק צוגעפּגערוקט, די שווערע פּאָרטיערן — צוריק פאַרצויגן).

ברענדעקע (צו פאַנאַסענקאָן): **נאָך אַלץ ניט קיין טראַכט געטאָן?...** (טוט אַ קלאַפּ אין טיש): **דאָס איינשרייב־בוך זאָל אין פינף מינוט אַרום ליגן דאָ ביי מיר אויפן טיש, טויזנט סאַקראַמענטאָס!... אַ דירעקטאָר מוז צו יעדער צייט וויסן, וואו געפינט זיך אַזאַ וויכטיקער קאָנטראָל־דאָקומענט פון זיין אַנשטאַלט, ווי אָן איינשרייב־בוך!**

פאַנאַסענקאָ: כ׳האָב עס ניט און ווייס ניט, וואו עס געפינט זיך.

ברענדעקע (כאַפּט פּאַוולאָס פאָטאָגראַפיע פונעם טיש): **דיין זון?**

פאַנאַסענקאָ: מיין זון.

ברענדעקע: אַ קאָמוניסט?

פאַנאַסענקאָ: **מיט מיר האָט ער זיך וועגן דעם ניט באַראָטן.**

ברענדעקע: געוואָלט אים חתונה מאַכן פאַר אַ יידישקע?

ניזאַבודקאָ: **געוואָלט אַריינגעמען צו זיך אין שטוב אַ זשידאָווקאָ פאַר אַ שנור? נו! ענטפער!**

פאַנאַסענקאָ: געוואָלט...

ברענדעקע: **אַלץ קלאָר.** (דיקטירט דעם יעפרעיטאָר, וועלכער קלאַפּט אויף אַ שרייב־מאַשינקע): **אורטייל: פאַנאַסענקאָ פאַר וועלן פאַראומריינען און פאַרמיסטיקן עכט אוקראַיניש בלוט און חתונה מאַכן זיין איין־איינציקן זון פאַר אַ מינדערוואַרטיקער אומריינער יודין צום צ ע ש אָ ס ן ו ע ר ן.** (גיט דעם אורטייל ניזאַבודקאָן): **צונויפרופן אַלע אָרטיקע אוקראַינישע איינוואוינער, פאַר זיי איבערלייענען און פאַר זיי אין די אויגן אויספילן דעם אורטייל!** (פאַנאַסענקאָן פירט מען אַרויס).

ברענדעקע (צו ניזאַבודקאָן): **מיט אויספילן דעם אורטייל אויסוואַרטן. ביי די אָרטיקע איינוואוינער איז ער, זעט אויס, זייער באַליבט און געאַכטעט** (ווייזט

אין פענצטער): מ'איז זיך אָנגעלאָפן אַהער, ווען מ'האָט אים אַהער געפירט. קיין באָלשעוויק איז ער ניט געווען, אַ גוטער פּאַכמאַן. מיר וועלן אים מעגלעך נאָך איבערבייגן, און ער וועט אונדז דאָ דינען אַלס אונדזער סטאַראָסטאַ און פּאַרוואַלטער.

ניזאַבודקאַ: הער מאַיאָר!... בין איך דאָך אויך אַן אָרטיקער... געשיקט אַהער פּאַר אַ סטאַראָסטאַ... איז צו וואָס פּאַנאַסענקאַ?

ברענדעקע: צוואַנציק יאָר, הער ניזאַבודקאַ, האָט איר בלויז פּריילעך גע־מאַכט מיט אייער באַלאַלאַיקע אויסלענדער אין בערלינער נאַכט־קניפּעס — נאָך ניט געזאָגט, אַז דאָ וועט דאָס פאָלק וועלן טאַנצן אונטער אייער באַלאַלאַיקע, פּאַר־שטאַנען? באַווייזט, אַז אונטער אייער ווירקונג זאָלן דאָ מאָרגן אַלע ביז איינעם אַרויס צום שניט אויף די פעלדער.

ניזאַבודקאַ: איך וועל דערווייזן, הער מאַיאָר, איך וועל דערווייזן!

ברענדעקע: נו נאַ, וועלן מיר זען... (כאַפּט זיך פון אַ ניי־פּאָרטראַכטער אידייע): רופט צוריק אַריין פּאַנאַסענקאַ, נו שנעל! (צום צוריק־אַריינגעפירטן פּאַנאַסענקאָן): איר קאָנט גיין צו זיך אַהיים, הער דירעקטאָר, איר זייט פריי.

פּאַנאַסענקאַ: איך?...

ברענדעקע: אויף דער פריי וועט אייך זיין גרינגער איבערצולייגן ביי זיך די פּאָרשלאָגן, וואָס איך האָב אייך געמאַכט. לערנט זיך פונעם פּראָפעסאָר קראַנ־בליט, אויב אַזאַ וועלט־באַרימטן געלערנטן לוינט צו דינען אונדז געטריי, לוינט עס, מיין איך, אויך אייך. זעט, ווי מיר היטן אָפּ אונדזערע פריינט: קראַנבליטן, צום ביישפּיל, וועלן מיר דאָ צושטעלן אַ ספּעציעלן מענטשן, וועלכער וועט אים היטן אויף טריט און שריט איינפאַך — עמעצער פון די אויסבאַהאַלטענע באָלשע־וויקעס זאָל אים דאָ ניט אונטערשטעכן... נו, אויף ווידערזען, הער דירעקטאָר, געדענקט, אַז מיר דאַרפן וואָס גיכער וויסן, אין וואָס באַשטייט די נייע דערפינדונג. יעדנפאַלס דאַרף וואָס גיכער ליגן ביי מיר אויפן טיש דאָס איינשרייב־בוך פונעם סעלעקציע־פּאַוויליאָן. אויף ווידערזען! (צום סאָלדאַט ביי דער טיר, נאָכדעם ווי פּאַנאַסענקאַ איז אַוועקגעגאַנגען): אַריינפירן!

(אַ צעשלאָגענעם, דורכאויס אין בלוט פירט מען אַריין אברהם־בערן).

ברענדעקע: אָדך!... אַליין דער אַלטער מאַקאַבייער... זע נאָר! — אַליין דער הער קנאָבעלעך! כאַ־כאַ־כאַ! (קוקט אים אָרום): אויסגעצייכנט האָבן עס אונדזערע בורשן געמאַכט!... פון פיין דו זעסט אויס, הויכשטאַמיקער ביבל־פּאַן... פּאַטריאַרך אברא־א־א־ם! כאַ־כאַ!... צופרידן מיט די פּאַשיסטן? זיך דערפרייט מיט אונדזער קומען? ענטפער, ווען מען רעדט צו דיר!

אברהם־בער: דערווייל זע איך, האָט איר זייער זיך דערפרייט מיט מיר. (ווייזט אויפן בלוט, וואָס אויף זיין פּנים און אויף זיינע הענט): אָט איז זי — אייער פרייד. איך טראָג זי אויף זיך...

ברענדעקע: אהא! מיט שטאָלץ רעדסטו!... נו, איז זיי ניט וויניקער שטאָלץ פון דיינע יידישע גלויבנס־גענאָסן אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך — יענע באַגייען מאַסנווייז זעלבסטמאָרד. (כאַפּט דעם יעפּרעיטאָרס קורץ שווערדל און דערלאַנגט עס אברהם־בערן): נאַ, יודע!... באַגיי דאָ אויפן אָרט זעלבסט־

מאַרד — נו... פאַרשאַף צווי ריינע אַריער אַ ביסל פאַרגעניגן, נו, נעם דאָס שווערדל און שטעך עס אַריין זיך אין האַרצן, באַפעלט מען דיר!

אברהם־בער (פאַרקוועטשט דאָס דערלאַנגטע שווערדל אין האַנט, קוקנדיק אויף די צווי דייטשן, וואָס מאַכן ביידע אַ באַוועגונג, ווי אין שרעק).

ברענדעקע (שטויסט־אַרויס פון אברהם־בערס האַנט דאָס שווערדל, וואָס פאַלט אויף דער פאָדלאָגע): באַגייסטו זעלבסטמאָרד?... ניין?... פאַרוואָס? וואָס שטייט דיר דען נאָך פאָר אין לעבן גוטס ביי אונדז, פאַשיסטן, דו אַלטער הונט?... ענטפער!

אברהם־בער: יידן פון מיין גראַד הייבן ניט אויף אויף זיך די האַנט.

ברענדעקע: פאַרוואָס?

אברהם־בער: דאָס זאָלן טאָן אַנדערע.

ברענדעקע: ווער?

אברהם־בער: יענע, וואָס אַוועקגייענדיק פון דער וועלט, וועלן סיי־ווי־סיי לאָזן נאָך זיך אַ געשטאַנק.

ברענדעקע (צום יעפרעיטאָר, וואָס פאַרנעמט זיך שלאָגן אברהם־בערן): צוואוואַרטן! (צו אברהם־בערן): דיין באַרוף?

אברהם־בער: ביז דער רעוואָלוציע בין איך געווען אַ שניידער.

ברענדעקע: און געוואָרן ביסטו ביי די באָלשעוויקעס אַ וויכטיקער אָנגע־שטעלטער אין סעלעקציע־פאַוויליאָן?... ווי אַרום?

אברהם־בער: עס פאַסירט פאַרשיידנס. דייטשן, צום ביישפיל, זיינען אַמאָל געווען מענטשן, און ביים פאַשיזם זיינען זיי געוואָרן... שניידער.

ברענדעקע (צום יעפרעיטאָר, וואָס טוט זיך ווידער אַ ריס צו אברהם־בערן): צוואוואַרטן! (צו אברהם־בערן): האָסט דאָ געדריייט מיט אַלע געשעפטן פון דער פראוו־סטאַנציע — אין וואָס באַשטייט דאָ די נייע דערפינדונג?

אברהם־בער: די נייע דערפינדונג?... וואָס האָט עס צו טאָן מיט אַ.. שניידער?

ברענדעקע: און וואו איז דאָס איינשרייב־בוך פונעם סעלעקציע־פאַוויליאָן? באַלד זאָל עס ליגן ביי מיר דאָ אויפן טיש!

אברהם־בער: איך האָב עס ניט.

ברענדעקע: דאָנער וועטער! ווילסטו, מעגלעך, פאַרפלוכטער מאַקאַבייער זיך זען דאָ מיט דיין ליבלינג (טוט אַ וואונק דעם יעפרעיטאָר, וועלכער פירט אַריין פרידען): דערקענסט דיין הימלשאַץ?... נון, הייב־אויף אויף איר דיינע ביבל־אויגן און גיב איר דיין בענטשונג אין איר הויכן באַרוף אין לעבן — זי וועט פון היינט אָן באַפרידיקן דעם באַגער פון אונדזערע בראַווע בורשן אויפן פראָנט.

יעפרעיטאָר: די איינע, הער מאַיאָר, איז אימשטאַנד צופרידנשטעלן אַ גאַנצע ראָטע. (נעמט אויסדרייען פרידען מיטן פנים צום מאַיאָר און ווערט פון איר אָפגעשטויסן).

פרידע: ניט אַזוי גרינג וועט דאָס אייך געלינגען!

ברענדעקע: פאַרפלוכטע איר! (צום יעפרעיטאָר): באַווייז אַ נומער, ווי

אונדז געלינגט עס! באַוויז עס דעם אַלטן קנאַבעלאַך אין די אויגן און פאַרשאַף אים פרייד, פאַרשטאַנען?

יעפּרעיטאָר: יאַ־וואָל, הער מאַיאָר! (לאָזט זיך צו פרידען, כאַפּט פון איר אַ שטאַרקן שטויס, בלייבט צעריצט און וויל באַניים אויף איר זיך וואַרפן).

ברענדעקע (פאַרהאַלט אים): ערנסט און צום לעצטן מאָל, דו, יודע! זאָג אויס, אין וואָס באַשטייט די נייע דערפינדונג אויף דער פּראָוואָ־סטאַנציע, ברענג אַהער כאָטש דאָס איינשרייב־בוך און דו קויפסט מיט דעם אויס דיין טאָכטער פון פּראָס־טיטוציע אויף אייביק!

אברהם־בער: א?... אויף אייביק?... (צו פרידען): א?... אויף איי־ביק, קינד... אויף אייביק פון שאַנד?... א?... לאָז אַ טראַכט טאָן, קינד, לאָז אַ טראַכט טאָן...

פרידע (פאַרוואונדערט): טאַטע?!...

אברהם־בער: ניין, קינד, ניט וועגן יאָ אָדער ניין טראַכט איך... (אַנגע־שטרענגט פאַרטראַכט): דאָס איז ער... דער ערשטער נסיון מיינער?

פרידע: טאַטע?!...

אברהם־בער: וועגן דעם נסיון לאָז אַ טראַכט טאָן... איך בין דאָך אַ ייד — אַ ייד טראַכט. ער פאַרדינט דערפאַר מער שטראָף, אויב ער פעלשט!

ברענדעקע: זאָגסטו אויס, וואו איז דאָס איינשרייב־בוך פונעם סעלעקציע־פּאַווילאָן, נו, ענטפער!

אברהם־בער: איך האָב עס ניט.

ברענדעקע דרעקיגער יודע! (שלעפּט צו אברהם־בערן פרידען און הייבט־אויף אברהם־בערס בלוטיקע הענט אויף איר קאָפּ): גיב איר, דו אַלטער מאַקאַביי, דיין בענטשונג אויף איר הייליקן פּראָסטיטוציע־וועג! נו?... איך באַפעל דיר! בענטש ביבליש דיין קינד צו פּראָסטיטוציע, נו, שנעלער!

אברהם־בער (זיינע הענט איבער פרידעס קאָפּ): זאָלסט היטן דיין ריינקייט, קינד מיינס, באַצאָל דערפאַר מיט דיין לעבן, אויב מ׳וועט דאַרפן, באַצאָל, נאָר בלייב ריין. איך בענטש דיך דערויף מיטן בלוט, וואָס טריפט פון מיינע הענט אויף דיין קאָפּ.

ברענדעקע (צום סאָלדאַט): זיי פאַנאַנדערנעמען! (צום יעפּרעיטאָר): אור־טייל: (בעת דער יעפּרעיטאָר הייבט־אָן קלאַפּן אויף דער שרייב־מאַשין): ניין, ניט צום צעשיסן... נאָר וואָס? (לאַכט): ער וועט ביי מיר אויפגעהאַנגען ווערן אין איין ריי מיט אוקראַינער, און צו זיי וועט זיין צוגעקלעפּט אַ פּלאַקאַט: „דאָ הענגט די סאָוועטישע פריינטשאַפט פון פעלקער!" ווי גלענצנדיק דאָס וועט אויס־זען!...א? (דערזעט פלוצלונג, ווי די פענצטער ווערן באַלויכטן מיטן אָפּשיין פון ווייטע פייערן און דערהערט, אַז אינדרויסן קלינגט מען צו אַ שרפה).

ניזאַבודקאַ (אַריינלויפנדיק): זיי האָבן אונטערגעצונדן די בוימוואָל־פעלדער, הער מאַיאָר!

ברענדעקע: ווער?!

ניזאַבודקאַ (וויזט אויף אברהם־בערן): זיין שנור, די אוקראַינקע גאַלינאַ אַנטאָנאָוונאַ. מ׳האָט זי דאָרט געכאַפּט און פאַרהאַלטן.

ברענדעקע (קרימט זיין פּנים, קוקנדיק אויף פּרידען און אברהם־בערן): **זי איינשפּאָרן דאָ אין שול לעבן שטאָב, און אים — ברענגען מיר אַהין צו די ברענענ־דיקע פעלדער** (צו אברהם־בערן): **דיר אין די אויגן, יודע, וועט די שנור דיינע געקעפּט ווערן.** (לויפט אַוועק, שרייענדיק צו ניזאַבודקאָן): **אַנטרייבן אַהין מענטשן אויף איבערגראָבן די פעלדער און ניט לאָזן, דאָס פייער זאָל זיך אויסשפּרייטן.** (דער פייער־אָפּשיין און דער טומל אינדרויסן וואַקסן).

צווייטער אַקט (בילד צוויי)

דער לופט־דרוק אַרום אַן אַראָפּגעפאַלענער באַמבע הייבט־אויף דעם שטויב אויף אַ ווייטער שטרעקע. דער שטויב לייגט זיך אָפּ, און מען דערזעט אַ פעלד מיט געשלענגלטע ווערגלעך, וואָס זיינען באַלויכטן מיט פייער לבנה־שיין און פירן צווישן גרינע קוסטעס צו אַ באַרגיק אָרט. פון רעכטס פאַלט אַן אָפּשיין פון אַ שׂרפה. לינקס פונעם טייך, וואָס איז פאַרשטעלט מיטן הויכן ברעג, הערט זיך ברוכס קול:

טויבן פליען הויך, זיי דערהויבן,
פליט־זשע, פליט־זשע הויך מיינע טויבן!

ברוך (אַ נאַסער דראָפּעט זיך פונעם טייך אויפן ברעג *). צוגעבונדן מיט דינע שפּאַגאַטלעך צו זיין גאַרטל שוועבן איבער זיין קאָפּ עטלעכע טויבן. אין האַנט האַלט ער אַ ביקס און שרייט אַראָפּ צום טייך): **אַט אַזוי, פראַווילנאַ, שלעפּ זי, סענקאַ!... לאָז זי ניט אָפּ! אַזוי קומט איר!** (אויסגעצויגן זיך אויפן ברעג, לאָזט ער אַראָפּ די הענט צו העלפן סענקאָן אַרויסקריכן): **איז ווי זאָגט מען אויף יידיש: „בודיעט כאַראָשאָ"? אַ?... סענקאַ?...**

סענקאַ: **סע וועט זיין גוט!** (זיין קאָפּ באַווייזט זיך אינאיינעם מיטן קאָפּ פון נעם „זאָוו" חיה, וועלכע ער שלעפּט אויף זיינע פּלייצעס. ער רייסט זיך אָפּ פון ברוכס הענט און גליטשט זיך אַראָפּ מיט חיהן צוריק אין טייך).

חיה: **לאָז מיך אָפּ, קליפּעניק דו!**

סענקאַ: **ניין, וואַרט.... קריך צו מיר אויף די פּלייצעס, זאָגט מען דיר!** (זיין קאָפּ באַווייזט זיך ווידער מיט חיהס קאָפּ): **בודיעט כאַראָשאָ!**

ברוך (באַמיענדיק זיך אַרויסשלעפּן זיי אויפן ברעג): **און אויף יידיש, ווי?**

סענקאַ: **סע וועט זיין גוט!** (גליטשט זיך ווידער אַראָפּ אין טייך, מיטשלעפּנ־דיק מיט זיך אי חיהן, אי ברוכן. עס הערט זיך פון דאָרט, ווי מען הייבט פון טייך אַ שיפל. דאָס שיפל שטופּט מען אַרויף אויפן ברעג. ברוך און סענקאַ שלעפּן צו־לעצט אַרויף חיהן).

---

*) דעם טייך זעט מען ניט אַרויס.

ברוך (צו חיהן, וואָס שטייט קוים לעבעדיק אויף די פיס): **אַט אַזוי** (שטרעקט איר אויס די האַנט): **ס בלאַגאָפּאָלוטשנאַי עוואַקואַציע! וואָס! זאָוו אונדזוערער!**

חיה: **ווייסטו, וואָס איך וועל דיך בעטן, ברוך?... גיי אין דער ערד!**

ברוך (חיהן אין אויער): **וואו־זשע איז געבליבן פרידע?**

חיה: **דאָס קוק איך אַרויס... געזאָלט קומען אַהער מיטן פּאָטער און מיט פּאַנאָסענקאָן. אָפּנים שוין ניט באַוויזן נעבעך... געבליבן דאָרט.**

ברוך: **געבליבן?!...** (טראַכט אַ רגע): **סענקאָ!** (שלעפּט אים אָפּ אין אַ זייט): **וואָס האָט פרידע געשריבן צו פּאַוולאָן און מישאָן אויפן אַעראָדראָם? נו, גיכער זאָג!**

סענקאָ: **אַז מיר וועלן זיך געפינען לעבן דער קאָמענדאַנטוראַ, האָט זי געשריבן, — מ׳זאָל, הייסט עס, אונדז אַראָפּוואַרפן דאָרט פון אַן עראָפּלאַן געווער, — האָט זי געשריבן.**

ברוך (טראַכט אַ רגע): **בודיעט כאַראַשאָ!** (שרייבט אויף גיך אַ צעטעלע, בינדט עס צו צו איינער פון די טויבן, גייט צו צום ברעג פון טייך און לאָזט דאָרט אָפּ די טויב. אַלע קוקן זיך איין, וואו זי פליט אַוועק).

חיה: **זעט!** (ווייזט אויף דעם אָפּשיין פון דער שׂרפה, וואָס דערנעענטערט זיך און שטאַרקט זיך).

סענקאָ: **עס ברענען די בוימוואָל־פעלדער.** (אינאיינעם מיטן אָפּשיין פון דער שׂרפה הייבט־אָן אַהער דערגרייכן אַ רויך. מ׳הערט, ווי עס דערנעענטערט זיך איינציקע שאָסן): **מען גייט אַהער!**

ברוך (אָנצילעוועדיק זיין ביקס): **אַוועקגעגאַנגען! אַלע!** (אַלע גייען אַוועק און פאַרשווינדן אינעם רויך, וואָס ווערט אַלץ געדיכטער און פילט־אָן די גאַנצע לופט. די איינציקע שאָסן הערן־אויף. עס הערן זיך האַרטע דייטשיש־מאַרשירנדיקע טריט פון סאָלדאַטישע שטיוול און די שטרענגע קאָמאַנדע:

— **האַלט!**

מאָמענטנווייז, ווען דער ווינט צעזייט דעם רויך, זעט מען ביים אָפּשיין פון דער שׂרפה אַ לאַנגע ריי סילועטן פון אָנגעטריבענע קאָלווירטניצעס, וואָס גראָבן איבער דאָס פעלד. די ערשטע אין דער ריי שטייט נאַסטיאַ. ווי נאָר דער דייטשישער סאָלדאַט, דער היטער, גייט פאַרביי, הערן אַנדערע אין דער ריי אויף צו גראָבן.

נאַסטיאַ (צו איר שכנה אין דער ריי): **איר קינד... יאַשקע... ער שלאָגט זיך נעבעך דאָ אַרום...**

שכנה: **נו יאָ, אַ קינד... עס פּילט...**

נאַסטיאַ: **צו דער מוטער, נעבעך, אַלץ ער רייסט זיך... איך לעב ניט, זיי וועלן אים דערזען, וועלן זיי דאָ דער מוטער אין די אויגן אים דערשיסן.**

דייטשישער סאָלדאַט: (צו די קאָלווירטניצעס): **איבערגייין גיך, אָט אַהין און דאָרט ווייטער גראָבן!** (ביידע סאָלדאַטן שטופּן־אָפּ די קאָלווירטניצעס רעכטס און ווערן מיט זיי דאָרט פאַרשוואונדן).

(דער רויך פאַרפולט ווידער די גאַנצע לופט. די סאָלדאַטישע שטיוול מאַרשירן

ווידער מיט האַרטע טריט און האַקן זיך באַנײַס איבער מיט דער קאָמאַנדע):
— **האַלט!**

(ווידער מאַכט דער ווינט צעגיין דעם רויך. ביים רויטן אָפּשײַן פון דער שׂרפה דערזעט מען ברענדעקען און אַקעגן אים שטייען צוויי סאָלדאַטן איןביידע זייטן פון גאַלינאַן, ביי וועלכער די הענט זײַנען געבונדן אַהינטער).

ברענדעקע: **געענטער צופירן!** (קוקט ווי די סאָלדאַטן מאַכן צו אים אַ פּאָר טריט אינאיינעם מיט גאַלינאַן): **האַלט!** (צו גאַלינאַ): **איר זייט אַ קאָמוניסטקע? אין פּאַרטיי?**

גאַלינאַ: **יאָ, שוין זייער לאַנג אין פּאַרטיי.**

ברענדעקע: **זאָגט אויס, אין וואָס באַשטייט די נײַע דערפינדונג אויף דער פּראָוו־סטאַנציע... ברענגט מיר מינדסטנס דאָס איינשרייב־בוך פונעם סעלעקציע־פּאַוויליאָן און איר בלייבט לעבן.**

גאַלינאַ: **איך בין אַ קאָמוניסטין.**

ברענדעקע: **אײַלט זיך ניט זאָגן ניין. איר זייט אַ יונגע אוקראַיִנישע פרוי. אין אײַך, מעגלעך, קען זיך נאָך פאַרליבן אַן אַריער.** (דערזעט, ווי גאַלינאַ קוקט אויף אים אַ רגע און שפּייט אויס): **פאַרפלוכטע!** כאַפּט־אַרויס דעם רעוואָלווער. דער רויך, געטראָגן פון ווינט, פאַרשטעלט זיי און גייט זיך פאַנאַנדער אויף אַן אַנ־דער אָרט, וואו באַלויכטן מיטן אָפּשײַן פון דער שׂרפה לויפט־אָן יאַשקע).

יאַשקע: **מאַמע!... מאַ־מע!...** (היןאון־צוריק יאָגט ער אַרום דעם רויך, וואָס האָט פאַרשלונגען זיין מוטער).

נאַסטיאַ (יאָגט נאָך אים): **יאַשקע!... קינד! קום אַהער, צו מיר, צו מיר.**
(דער רויך פאַרשלינגט נאַסטיען און צעגייט אַ ביסל ווייטער, וואו מיטן רויכער־דיקן רעוואָלווער אין האַנט שטייט ברענדעקע לעבן דער דערשאָסענער גאַלינאַ).

יאַשקע (דערזעענדיק דער מוטערס קערפּער): **מאַ־אַ־מ־אַ־אַ!...** (מיטן לאַנגן האַרצרײַסנדיקן געשריי אַנטלויפט ער אין רויך אַריין, וואָס פּילט ווידער אָן דורכאויס די לופט).

(דער שטאַרקער ווינט צעזייט ווידער ערטערווייז דעם רויך. דאָ און דאָרט דערבערנען אײַנציקע קוסטעס. באַהיט פון אַ דייטשישן סאָלדאַט, אויף וועלכן עס איז צו זען, אַז אים הייבט־אָן ווערן קאַלט, שטייט אברהם־בער, איינגעבויגן איבער זיין שנורס קערפּער, וואָס איז איבערגעדעקט מיט זיין צעריסן פאַרבלו־טיקט רעקל).

סאָלדאַט: **נגאַ! שלוס מאַכן, יודע! אָוועקטראָגן די לייכע אַט אַהין אין גרוב.**

אברהם־בער (טוט זיך אַ שאָקל): **איי...** (מיט אַ ניגון פון קינות): **יושב בדד וידום כי נטל עליו** (קוקט זיך אַרום): **עלנט ווי אַ שטיין... אַליין...** (בויגט זיך אָן אויף אויפהייבן דעם טויטן קערפּער).

פאַנאַסענקאָ (קומט פאַמעלעך אָן פון רעכטס): **ניין, אברהם־בער, ניט אַליין.** (בויגט זיך אָן צום קערפּער).

אברהם־בער (טראַכט אַ רגע): **מיקיטאַ וואַסיליטש, סוויאַז, אַ?**

פאַנאַסענקאָ (גיט אים די האַנט): **יאָ, אברהם־בער, סוויאַז!**

(ביידע טראָגן אָוועק דעם קערפּער באַגלייט פונעם דייטשישן סאָלדאַט. דער ווינט שטאַרקט זיך אַלץ, רייניקט אָפּ די לופט פון רויך און גייט איבער אין אַ שטור־רעם. אויפן געשלענגלטן וועג באַווייזט זיך יאַשקע, וועלכער שרייט אַלץ „מאַמאַ״! באַלויכטן מיט לבנה־שיין, יאָגט ער מיטן וועג באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף. דער שטאַרקער ווינט דרייט מיט זיינע צעשויבערטע האָר און הייבט־אויף אַרום אים אַ שטויב און זשמוטן שטרוי. יאַשקע לויפט מיט גרויס שרעק פאַר יעדן שאָרך, וואָס דערטראָגט זיך צו אים פון די אַרומיקע שטאַרק־צעוויגטע געוויקסן. ער באַהאַלט זיך אין שאָטן פון אַן איינזאַמען קוסט און שפּאַרט זיך צו צום שטאַמל, אויך דאָס ביימעלע וויגט זיך און רוישט און וואַרפט־אָן אַ שרעק אויף יאַשקען, וועלכער שרייט אַלץ „מאַ־מאַ״! צו זיין גרויסער מורא דערזעט ער, ווי צו אים דערנעענטערט זיך אַ לאַנגער טונקעלער שאָטן פון עפּעס אַ מענטשן, וועלכן מ׳זעט נאָך ניט אַרויס. מיטן געשריי „מאַמאַ״! אַנטלויפט יאַשקע, אומקוקנדיק זיך אַלע־מאָל צום שאָטן, וועלכער רוקט זיך נאָך אים. יאַשקע פאַלט ענדלעך אויפן פעלד און ווינט זייער שטאַרק, באַהאַלטנדיק זיין קעפּל אין גראָז, דערהערט ער פּלוצלונג, ווי מ׳פרעגט ביי אים):

— וואָס וויינסטו, יתומל, דו קליינס?

יאַשקע (אויפהייבנדיק אין שרעק זיין קאָפּ און דערזעענדיק, אַז לעבן אים שטייט דער בלינדער ייד פון די קאַרפּאַטן): **פון וואַנען ווייסט איר? ... פון וואַנען ווייסט איר, אַז זיי האָבן דערהרגעט מיין מאַמען?**

בלינדער ייד: **איך הער, קינד... דאָס געוויין פון אַ יתום לאָזט זיך דער־קענען צווישן אַלע געוויינען.**

יאַשקע: **וואו איז אייער ייִנגל, וואָס האָט אייך געפירט?**

בלינדער ייד: **זיי האָבן אים דאָ דערשאָסן אין וועג.**

יאַשקע: **ווער?**

צווייטער אַקט (בילד דריי)

(דאָס קול פונעם בלינדן יידן אין דער פינצטער):

ב׳אַז מ׳האָט מיר די אויגן אויסגעשטאָכן,
מיר די אויגן אויסגעשטאָכן,
איז אויף מיין היים אין די קאַרפּאַטן
שוין נאָר די נאַכט געבליבן רייטן,
שוין נאָר די נאַכט געבליבן רייטן.

(ליכטיק. צווישן קוסטעס לעבן דער קאָמענדאַנטוראַ, אויף וועלכער עס פאָלן זונען־שטראַלן, לאָדט ברוך אויס אַ קוילנוואַרפער פון אַ פאַרמאַסקירטן באָמבאַר־דירער. אונטערן עק פליגל פונעם באָמבאַרדירער שלאָפט יאַשקע. לעבן אים

אויפן גראָז זיצן פּאַוולאַ, מישאַ און דער בלינדער ייד. אויף יענער זייט באַמבאַר־דירער אויף אַ בערגל שטייט סענקאַ אויף דער וואַך).

ברוך (צו דער צוגעקומענער חיה): **אָפּגעמאַכט! אַ „זאָוו" בלייבט איר אויך ביי אונדז.** (גיט איר איבער דעם קוילנוואַרפער אויף די רעדלעך): **נאַט, שלעפּט זי אַוועק צו זיך אויפן סקלאַד. ווי געפעלט זי אייך?**

חיה (אין כעס): **וואָס פאַר אַ „זי"?**

ברוך: ס'איז אַ פּאַרטיזאַנישע ציג, חיה. איר וועט זיך דאָ ביי אונדז אויס־לערנען זי מעלקן אויך.

בלינדער ייד: און דאָס איז אַלץ... (שטייט־אויף): **אפשר בין איך דאָ פאַר אייך גאָר אַ שטנז?** (טאַפּט מיטן שטעקן דעם וועג אויף אַוועקצוגיין).

פּאַוולאַ: מישאַ, וואוהין וויל ער גיין?

מישאַ: וואוהין לאָזט איר זיך, פעטער?

בלינדער ייד: וואוהין?... דאָס וויל איך טאַקע ביי אייך פרעגן: וואו איז ווייטער פון היטלערן?

ברוך (צו חיהן): **זאָוו!** (ווייזט איר אָן אויפן בלינדן): **ט'האָט איר נאָך אַ שטיקל באַלעבאַטישקייט פאַר אונדז. לאָזט אים ניט אַוועקגיין און נעמט אים צו זיך אויפן סקלאַד, נו?...**

חיה: ביסט פון די געדאַנקען!

ברוך: הערט, וואָס מ'רעדט צו אייך. ער קאָן אונדז דאָ אַמאָל צונוצקומען. (זאָגט איר עפּעס אויפן אויער): **ער איינאיינעם מיט יאַשקען. נו? פאַרשטאַנען? פאָלגן דעם נאַטשאַלניק.**

חיה: דעם „נאַטשאַלניק"... (קוקט קרום אויף ברוכן, וועלכער פאַרשווינדט אין באַמבאַרדירער): **משהלע, זאָג נאָר, כ'בעט דיך: ווער איז דאָ דער נאַטשאַל־ניק, ניט דו מיט פּאַוולאַן?**

מישאַ: ניין, מאַמע. איך און פּאַוולאַ האָבן נאָר געבראַכט פאַר אייך געווער. וואָס איז דען? (הערט, וואָס חיה זאָגט אים אויפן אויער, זאָגט עס שטיל איבער פּאַוולאַן און גייט צום בלינדן): **אָט דאָ, פעטער, איז ווייטער פון היטלערן.**

בלינדער ייד: דאָ?

מישאַ: אָט דאָ, וואו איר געפינט זיך... (אינאיינעם מיט חיהן פירט ער אַוועק דעם בלינדן אָן אַ זייט).

פּאַוולאַ (בויגט זיך אָן איבער יאַשקען, וועלכער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף): **איז וואו האָט דיך געפונען דער בלינדער, אַ, יאַשקע?...**

יאַשקע: אין פעלד. — „יינגעלע, פיר מיך". — האָט ער געזאָגט. און מיר זיינען געגאַנגען לאַנג, לאַנג, דערנאָך האָט אונדז דערזען ברוך. (פאַרטראַכט זיך): **און די מאַמע איז געבליבן אין רויך... אין רויך.** (פאַלט־אַריין צו פּאַוולאַן אין די אָרעמס, וויינט).

סענקאַ (אומרואיק, איינקוקנדיק זיך אויפן בערגל אין דער ווייט): **ברוך! דאָרט ווידער דייטשן, פיר שטיק!** (ווייזט ברוכן, פּאַוולאַן און מישאַן, וועלכע זיינען

אַרויף צו אים אויפן בערגל): אָט דאָרט רעכטס... (סענקאָ, פּאַוולאָ און מישאַ נעמען אָנצילעווען זייערע ביקסן).

ברוך: אָטסטאַוויט! (הייבט־אָן צילעווען פון זיין ביקס): ביי איך קאָן זיך אַמאָל מאַכן, איר זאָלט ניט טרעפן, און פון זיי פיר, אויב זיי האָבן אונדז דאָ געזען, טאָר ניט בלייבן לעבן קיין איינציקער, פאַרשטאַנען? (שיסט־אויס): איינער ליגט שוין.

סענקאָ (איינקוקנדיק זיך): עס וועט זיין גוט!

ברוך (צילט): בודיעט כאָראָשאָ! (שיסט־אויס דריי מאָל): אַלע? (שפּרינגט־אַראָפּ).

סענקאָ: אַלע. (זעט, ווי ברוך לאָזט זיך אַוועק): וואוהין?

ברוך: נאָך די טראָפּייען. (לויפט אַוועק): בודיעט כאָראָשאָ!

נאַסטיאַ (קומט־אָן מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס פון צווישן די קוסטעס): טייבעלעך מיינע!

חיה: זע נאָר, אַ גאַסט!

נאַסטיאַ: אַ יאַק־זשע? נאָר גאָסטיען זיך פעלט מיר. (דערזעט יאַשקען): יתומל דו טייערס. אַ גאַנצע נאַכט דיך אַרומגעזוכט. (צו די אַרומיקע): אוי! וואָס דאָרט טוט זיך (צום צוגעקומענעם פּאַוולאָן): דעם באַטקאָ דיינעם האָבן זיי גענומען אויפן ערשטן פייער.

פּאַוולאָ: מיין אַלטן?

נאַסטיאַ: מיקיטאַ וואַסיליטשן... זיי האָבן אים געהאַלטן אַ ביסל און אים אָפּגעלאָזט פריי.

פּאַוולאָ: אינגאַנצן פריי?... נאָר אים אַליין?

נאַסטיאַ: אים און דעם פּראָפעסאָר קראָנבליט. (אַלע קוקן אויף פּאָוולאָן, וועלכער גייט־אָפּ פאַרזאָרגט אויף אַ זייט. נאָך אים גייט נאָך מישאַ און שעפּטשעט אים עפּעס).

חיה: ווי איך האָב אים געשלעפּט! — „קומט גיכער אַוועק, מיקיטאַ וואַסיליטש". — און ער: „גיי, גיי". — געוואָלט ראַטעווען נאָך און נאָך נו, האָט ער זיך דערראַטעוועט. און וואָס איז מיט אברהם־בערן?

נאַסטיאַ: פרעגט שוין ניט. מ'ווייסט ניט צי ער לעבט נאָך, און פרידען האַלטן זיי לעבן זיך אין שול — דאָרט איז זייער שטאַב... אַ פאַרלוירענע פרידע... און אַלץ איבער ברוכן, אָט דעם ווילדן, וואו איז ער ערגעץ? פאַרקאָכט אין פרידען און קליין געוועזן זי צו ראַטעווען. די אויגן וועל איך אים אויסרייסן. כוועדערס טויבן האָט ער געראַטעוועט און דאָס מיידל געלאָזט!... נאָך רעכט טאָג ניט געוועזן, קלאַפּט צו מיר כוועדער — געקומען צופליען צו אים אויפן דאַך אַ טויב פון יענע, וואָס ברוך האָט מיטגענומען — אָ! (נעמט אַרויס אַ טויב פון איר טאָרבע): און צו דער טויב צוגעבונדן אַ צעטעלע, איך זאָל העלפן פרידען אַנטלויפן צו אים אַהער אויף דער קאָמענאָלאָמניע.

חיה (ווינקט צום צוריקגעקומענעם מישאַן אויף נאַסטיען): זאָרגט שוין וועגן פרידען דווקא ווי אַן אמתע שוויגער.

נאַסטיאַ: איך, נאַסטיאַ־נאַר, איינגעשטעלט דאָס לעבן... אַבי זעען זיך מיט פרידען... גאַנץ פרי גלייך אַוועק צו זיי אין שטאָב, אין שול — צי האָבן זיי ניט, הייסט עס, קויטיק גרעט צום וואַשן. — „קויטיק גרעט?" זאָגן זיי, — „שפעטער". — און דערוויל מיך אַוועקגעשטעלט וואַשן די פּאָלן אין שול — אַלע פּאָלן.

מישאַ: געזען דאָרט פרידען?

נאַסטיאַ: אַ יאַק־זשע? (קריגט אַרויס פון בוזעם אַ צעטעלע): פון פרידען — אַ! (מישאַ קוקט אַריין אין צעטעלע, בלייבט דערשראָקן, גיט עס לייענען דעם צו־קומענדיקן פּאַוולאָן, וועלכער בלייבט אויך דערשראָקן).

חיה (אַריינקוקנדיק אין צעטעלע): ווי און ווינד איז מיר!...

סענקאַ (דערזעענדיק, ווי אַלע זיינען באַאומרואיקט): טשאָהאָ?

פּאַוולאַ: פרידע האָט צוגעשיקט אַ צעטעלע (גיט אים דאָס צעטעלע).

סענקאַ (לייענט זילבנוויז): „באָמבאַרדירט די שול מאָרגן צוועלף אַזייגער ביינאַכט... פרידע" (קוקט פאַרוואונדערט אויף די אַרומיקע).

מישאַ: פרידען האַלטן זיי פאַרשפּאַרט אין שול, דאָרט איז זייער שטאָב.

סענקאַ (לייענט נאָכאַמאָל דאָס צעטעלע): אהאָ! באָמבאַרדירן, הייסט עס, דעם שטאָב זייערן... אוי גוט!

חיה: ס'איז גוט... אין שול געפינט זיך דאָך פרידע!...

סענקאַ: א־א!... יאָ... אַ שאָד פרידע. דוזשע ספּראַוונא דיווקאַ...

פּאַוולאַ: איז וואָס טאָן?... (אַלע שווייגן. פון אונטערן בערגל דערהערט זיך בדוכס פּריילעך קול: בודיעט כאַראָשאָ!).

ברוך (טראָגט מיט זיך אַ חוץ זיין ביקס אַ דייטשישן אויטאָמאַט און אַנדערע טראָפייען): איז ווי זאָגט מען עס אויף יידיש, אַ? סענקאַ?... (קוקט זיך אַרום אויף אַלע, וואָס שווייגן, דערזעט נאַסטיען): טיטקאַ נאַסטיאַ! (לאָזט זיך צו איר): געזען פרידען?... נו, זאָג... רעד אַ וואָרט... (בלייבט פאַרגליווערט, לייענענ־דיק פרידעס צעטעלע, וואָס סענקאַ דערלאַנגט אים. רעדנדיק צווישן זיך, גייען־אָפּ חיה און מישאַ צום באָמבאַרדירער).

פּאַוולאַ (אָפּגייענדיק מיט נאַסטיען אָן אַ זייט, נעמט־אַרויס פון זיין קאַבורע דעם רעוואָלווער און דערלאַנגט איר אים): נאַ! (רעדט מיט איר שטיל).

ברוך (דערזעט לעבן זיך די צוריקגעקומענע מישאַן און חיהן): ברענשטאָף, מישאַ, וועט קלעקן?

מישאַ: ברענשטאָף וועט קלעקן.

פּאַוולאַ (צוקומענדיק צו ברוכן און מישאַן): איז ווי ווערט באַשלאָסן?

ברוך: גייסט באַלד צוריק, טיטקאַ נאַסטיאַ? (פאַרטראַכט זיך באַנייס).

נאַסטיאַ: אַ יאַק־זשע? זיי האָבן מיר אָנגעזאָגט: קומען היינט צו זיי וואַשן גרעט.

חיה: ווי און ווינד, וואָס־זשע פאַרט טוט מען?

ברוך (הייבט־אויף דעם קאָפּ): אויב, טיטקאַ נאַסטיאַ, דיר וועט געלינגען זען דאָרט פרידען, איז גיב איר איבער: דעם שטאָב וועט מען באָמבאַרדירן מאָרגן צוועלף אַזייגער ביינאַכט.

צווייטער אַקט (בילד פיר)

אַ קנייטל צאַנקט פאַר אַ הייליק בילדל אין אַ פינצטער שטיבל. מיט בענקשאַפט מיאַוקעט אַ קאַץ. אינדרויסן פאַרקעט מען ביי דער טיר.

נאַסטיאַ (גיך זיך אַריינגעכאַפּט, הערט זיך צו צום דרויסן): **קוים לעבעדיק זיך דערקליבן אַהיים.** (זעצט זיך מיד אויף דער באַנק, נאָר דערהערט קלעפּ אין פענצטערל, שפּרינגט־אויף און צינדט־אָן אַ לעמפּל): **נאַסטיאַ־נאָר שטופּט זיך אין פייער!** (באַהאַלט אין בעט דעם רעוואָלווער, וואָס זי כאַפּט אַרויס פון בוזעם): **שטשע צעי שלח־מנות מיר געפּעלט, יאַק לאָך אין קאָפּ.** (גייט מיטן לעמפּל עפענען די טיר און קערט זיך אום אינאיינעם מיט פאַנאַסענקאָ).

פאַנאַסענקאָ (אומקוקנדיק זיך צו דער טיר): **עמעצער האָט זיך געשאַרט נאָך מיר אין דער פינצטער.**

נאַסטיאַ: ווער?

פאַנאַסענקאָ: נו, ווער? געוויס ניזאַבודקאַ. ער באַרימט זיך, אַז פון אים הענג איך אָפּ מיט מיין קאָפּ. האָסט ניט געהערט וועגן דעם?

נאַסטיאַ: געהערט, אַ יאַק־זשע?

פאַנאַסענקאָ: כ'האָב דיך געבעטן איבעררעדן מיט מענטשן, זיי זאָלן ניט אַרויסגיין אַרבעטן אין פעלד. האָסט עס געטאָן?

נאַסטיאַ: אַ יאַק־זשע?... מענטשן ציטערן זייער — פינף האָט מען גע־האַנגען.

פאַנאַסענקאָ: יאָ, די ערשטע פינף... נו? אויף דער מלחמה, נאַסטיאַ, קען מען דערשאָסן ווערן און דאָ — געהאַנגען ווערן — ניט אַלצאיינס? ניט אַר־בעטן פאַר זיי, הייסט מיט זיי מלחמה האַלטן. און אונדזערע קינדער אויף דער מלחמה האָבן מיר דאָך געשיקט: דו — דיין ברוכן, איך — מיין פּאַוולאָ.

נאַסטיאַ: פּאַוולאָ אייערן האָב איך היינט געזען.

פאַנאַסענקאָ: ביי דער קאָמענדאַנטורע?... דאָס קומסטו פון דאָרטן?

נאַסטיאַ: אַ יאַק־זשע?... פּולעמיאָטן, ביקסן און אַנדערע זאַכן האָבן פּאַוולאָ און מישאַ אַהין געבראַכט.

פאַנאַסענקאָ: הייסט עס, פרידעס בריוול איז צו זיי דערגאַנגען. (שפּאַנט אַרום): **דאָס איז גוט, נאַסטיאַ, זייער גוט. אַרום סענקאָן און ברוכן וועט דאָרט אויסוואַקסן אַ גוטער פּאַרטיזאַנער־טייל. אָט וועסטו זען... האָסטו דאָרט מיין פּאַוולאָן געזען?... גערעדט מיט אים?**

נאַסטיאַ: אַ יאַק־זשע? וואָס זאָרגסטו זיך אַזוי, דורין דו, זאָג איך צו אים, דיין באַטקאָ איז דאָך אויף דער פריי. און ער — אַלץ פאַרזאָרגט זייער: — פאַר־וואָס־זשע האָבן זיי עפּעס נאָר מיין באַטקאָ איינעם אַליין מיטאַמאָל אָפּגעלאָזן פריי?"

— „ניט נאָר דיין באַטקאָ" — זאָג איך צו אים. — „דעם פּראָפעסאָר אויך..."

פאַנאַסענקאָ: שוויג!... (שפּאַנט אַרום אויפגערעגט): **פאַרן פּראָפעסאָר**

קראַנבליט דאַרף מען זיך היטן. ער איז דאָ געווען אונטערגעשיקט פון די דייטשן. ער האָט זיי אויסגעגעבן אונדזערע סעקרעטן — דער פּראָפעסאָר איז אַ שפּיאָן.

נאַסטיאַ: אַ שפּיאָן?!... איי, איי, איי... און איך, נאַסטיאַ־נאַר, אים דאָ שטענדיק אַזוי ריין זיין גרעט געוואַשן.

פאַנאַסענקאָ: אַלע זיינען מיר דאָ געווען גרייט אים וואַשן די פיס און טרינ־קען דאָס וואַסער... האַסטו, הייסט עס, מיין פּאַוולאָן געזאָגט, אַז אַלע אויף דער פּראָוו־סטאַנציע זיינען אַרעסטירט, און אַז נאָר צוויי האָבן זיי אַרויסגעלאָזט פריי: דעם פּראָפעסאָר קראַנבליט און מיך... אַזוי?

נאַסטיאַ: אַ יאָק־זשע?

פאַנאַסענקאָ: וואָס דאָ טוט זיך! פּאַוולאָ, מיין איינציקן זון, איז איינגע־פאַלן, אַז איך... (טוט זיך אַ כאַפּ): ווי מיינסטו, נאַסטיאַ! ווען איך לאָז זיך גלייך פון דאַנען צו דער קאָמענדאַנטורע... פּאַוולאָ מיינעם וואָלט איך נאָך דאָרט גע־טראָפן?... זיי געזונט, נאַסטיאַ. (וויל אַוועקגיין).

נאַסטיאַ: נאַסטיאַ־נאַר... שיער פאַרגעסן! (נעמט דעם רעוואָלווער פון בעט): דאָס האָט פּאַוולאָ געבעטן אָפּגעבן.

פאַנאַסענקאָ: ווע מען? מיר?

נאַסטיאַ: אַ יאָק־זשע? געבעטן זאָגן: באַטקאָ! דאָס האָט איך געשיקט אייער איינציקער זון... דער קאָמאַנדיר פון דער רויטער אַרמיי, דער באָלשעוויק — אַן אַנגעלאָדענעם... אַ!

פאַנאַסענקאָ: ווי־ווי? (אויסדרייענדיק דעם רעוואָלווער מיטן שיס־לאָך צו זיין ברוסט): באַטקאָ, דאָס האָט אייך געשיקט אייער איינציקער זון, אַ קאָמאַנדיר אין דער רויטער אַרמיי, אַ באָלשעוויק... אַן אַנגעלאָדענעם... (עס דערהערן זיך שטילע קלעפּ איר טיר).

נאַסטיאַ: אומגליקן מיינע, ווער קאָן עס זיין?

פאַנאַסענקאָ: יענער, וואָס האָט זיך געשאַרט נאָך מיר אין דער פינצטער. (שטעלט־אָן דעם רעוואָלווער אַנטקעגן דער טיר).

פּראָפ. קראַנבליט (קומט אַריין און בלייבט שטיין אָן אַ היטל אינעם מאַנטל אויפן צעכראַסטעטן העמד): נו, שיסט!...

פאַנאַסענקאָ: זאָגט דעם אמת, ווי קומט איר אַהער אינמיטן נאַכט.

פּראָפ. קראַנבליט: כ׳האָב געמוזט אייך זען.

פאַנאַסענקאָ: דאָס האָבן „זיי" אייך געהייסן מיר נאָכשפּירן?

פּראָפ. קראַנבליט: וואָס?... נאָכשפּירן?...

פאַנאַסענקאָ: פאַרוואָס האָט איר זיך געשאַרט נאָך מיר אין דער פינצטער?

פּראָפ. קראַנבליט: ווען איך בין צוגעקומען צו אייער הויז, זייט איר גראָד פון דאָרט אַרויסגעקומען. אָנרופן אייך איז געווען געפערלעך. (קוקט אויף פאַנאַ־סענקאָן): איר זייט גרוי געוואָרן פאַר די צוויי טעג, מיקיטאַ וואַסיליטש.

פאַנאַסענקאָ: ניט אַזוי גרוי, ווי צייטיק. אַלץ, וואָס מיר, דעם אוקראַינער פון אַלטן שניט, איז פאַר פיר־און־צוואַנציק יאָר ראַטנמאַכט נאָך געבליבן אומ־קלאָר, איז מיר איצט שוין קלאָר — אַלץ.

פראָפ. קראַנבליט: אַלץ, נאָר ניט איך — דער ייד קראַנבליט.

פאַנאַסענקאָ: אַ ייד צי ניט קיין ייד, נאַר...

פראָפ. קראַנבליט: אַ שפיאָן?... (טראַכט): געווען געדעכט אברהם־בער... פּאַרוואָס איז עס אַזוי — האָב איך איינמאָל ביי אים געפרעגט: אַז אַ ייד גנבעט, זאָגט מען גלייך „יידן האָבן געגנבעט". ס'איז דערפאַר, האָט ער מיר גע־ענטפערט, וואָס אַ ייד דערפינדעט זאָגט מען ניט „יידן האָבן דערפונדן". דאָס איז מיין יידישער שיקזאַל.

פאַנאַסענקאָ: וועלכער שיקזאַל?

פראָפ. קראַנבליט: ניט אַלץ נאָך, אַפּנים, איז פאַר אייך קלאָר געוואָרן. זיי, די פאַשיסטן, איז ווייניק אויסצוראָטן יידן — זיי דאַרפן נאָך, אַז פון דער וועלט זאָל דאָס יידישע פאָלק אַוועקגיין מיט אַ קין־צייכן אויפן שטערן. און אין באַצוג צו מיר, דעם יידן קראַנבליט, האָבן זיי דאָס שוין, ביי אייך, מיקיטאַ וואַסיליטש, גע־פועלט. טוט אַ טראַכט...

פאַנאַסענקאָ (גייט צו האַרט צו קראַנבליטן): אויב עס זאָל מעגלעך זיין, אַז אַ מענטש, וואָס האָט דורכגעמאַכט מיט אונדז אויף דער פראָוו־סטאַנציע אַזאַ וויכטיקע אַרבעט, זאָל זיך אַרויסווייזן אַ שפּיאָן און איך זאָל עס אין פאַרלויף פון דריי יאָר ניט דערזען, איז נאָט (גיט אים אין די הענט אַריין דעם רעוואָלווער): שיסט!

פראָפ. קראַנבליט: וועמען?

פאַנאַסענקאָ: מיך... נאָט שיסט אין רוקן. (גייט אַוועק. קראַנבליט בלייבט שטיין פאַרטראַכט מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט).

דריטער אַקט (בילד איינס)

אין לערער־צימער. די פאַרטיערן, וואָס טיילן־אָפּ דעם פיזקולטור־זאַל — אַראָפּגעלאָזט, נאָר עס פילט זיך, אַז די רוק־טירן אונטער זיי — זיינען ברייט צעעפנט. ביים פענצטער שטייט ניזאַבודקאָ מיט פרוי גינטער, וועלכע רוקט דאָרט אַרויס איר קאָפּ אינדרויסן. פון דאָרט הערט מען, ווי אוקראַינישע פרויען און קינדער באַווייגען עמעצן.

פרוי גינטער: פון נעכטן־אָן האַלטן זיי אין איין קאַוואַטשען דאָ אויפן פּלאַץ לעבן די געהאַנגענע. ווילדע! עס רוישט מיר שוין אין די אויערן. ווער זיינען זיי?

ניזאַבודקאָ (וויזט דורכן פענצטער): אָט די אינעם שוואַרצן טיכל מיט די קינדער איז דאָס ווייב פון יענעם־אָ — דעם באָרועסן, וואָס דער ווינט שאָקלט אים.

פרוי גינטער: דער ווינט שאָקלט אַלע פינף געהאַנגענע.

ניזאַבודקאָ: אָט ציילט פון רעכטס אויף לינקס — ער הענגט דער דריטער.

פרוי גינטער: דער, וואָס די היטל איז אויף אים שטאַרק אַנגערוקט?

ניזאַבודקאָ: אָט־אָט... אַ בריגאַדיר געווען — אַ סטאַכאַנאָוועץ... פּאַנאַ־

סענקאָס רעכטע האַנט ביי אַלע אַרבעטן אין פעלד. און מיר האָט ער געענטפערט: „זאָלן אַנדערע אויף אייך אַרבעטן, אויב עס לוינט זיי״. נו, האָב איך אים אַ טובה געטאָן...

פרוי גינטער: אָרעמער ניזאָבודקאָ... קיינעם, קיינעם געלינגט אייך ניט אַרויסצופירן אַרבעטן אין פעלד. (זיפצט): אייך גליקט דאָ ניט. און דערצו האָט היינט ביינאַכט זיך נאָך אַרויסגעגליטשט פון אייערע הענט פאַנאַסענקאָ, פאַר וועלכן דער מאַיאָר האָט אייך געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך מיט אייער קאָפּ. ווי איז דאָס געשען?

ניזאָבודקאָ: זיך אַרויסגעגליטשט... אַ זיכערן מענטשן מיינעם אָוועקגעשטעלט אויף היטן פאַנאַסענקאָן בייטאָג און ביינאַכט. ביז איינער אַ כאַטע דאָ איז ער אים נאָכגעגאַנגען. דערנאָך אין דער פינצטער אים פאַרלוירן.

פרוי גינטער: אָרעמער מיינער, אָרעמער. (ווינקט צו די אַראָפּגעלאָזטע פאָרטיערן): ניט קיין גוטס גרייט זיך דאָ פאַר אייך.

ניזאָבודקאָ: איר האָט עפּעס געהערט? (כאַפּט זי אָן פאַר אַ האַנט): זאָגט, וואָס ווייסט איר?

פרוי גינטער: שפּעטער, מיין יונג. ניט איצטער און ניט דאָ... איבעריקנס, קאָנט איר מיטברענגען נאָך אַ פּעקעלע עכטע קאַווע, ווען איר וועט אַריינקומען צו מיר? (גיט אים אירע אַ באַק אַ קוש צו טאָן און דראָעט אים מיט אַ פינגער): און מיר האָט איר צוגעזאָגט אַ קאַראַקולענעם מאַנטל... (אָפּ).

ברענדעקע (קומט אַרויס פון אונטערן פאָרטיער אינאיינעם מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן פעלדפעבל): שאַנדע! פון פינף זיך אומגעקערט צוויי, און געהאַט צו טאָן ביי דער קאָמענדאַנטור, ווי איר אַליין זאָגט, ניט מער, ווי מיט צוויי פּאַרטיזאַנער.

פעלדפעבל: יאַוואָל, הער מאַיאָר. מיט די זעלבע צוויי, וואָס נעכטן.

ברענדעקע: מיט די זעלבע, וואָס נעכטן? פון וואַנען ווייסט איר עס?

פעלדפעבל: איינער פון זיי, הער מאַיאָר, איז זייער אַ גוטער שיסער. יעדעס מאָל, ווען ער טרעפט אין ציל, שרייט דער צווייטער זייער הויך, ווי אַ ווילדער — נעכטן אַזוי, היינט אַזוי.

ברענדעקע: וואָס שרייט ער?

פעלדפעבל: אַזוי עפּעס, ווי... „עס ווירדע שאָן גוט זיין!״

ברענדעקע: אָפּשיקן באַלד אַ גרופּע צו דער קאָמענדאַנטור און ברענגען דעם פּאַרטיזאַן אַ לעבעדיקן! (באַגלייט אַרויס מיטן בליק דעם פעלדפעבל און דערזעט ניזאָבודקאָן): מיט אייך, הער ניזאָבודקאָ, איז דער שמועס געענדיקט. די דאָקומענטן פון סעלעקציע־פּאַוויליאָן האָט איר ניט געקריגן, פאַנאַסענקאָ האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אייערע הענט. און קיינער איז ביי אייך נאָך אַלץ ניט אַרויס אין פעלד צו דער אַרבעט. איר זייט דאָ מער ניט קיין סטאַראָסטאַ. אויף אַ באַלאַלייקע קאָנט איר שפּילן, הער ניזאָבודקאָ... צום בריל?!

ניזאָבודקאָ: עס וועט אַרבעטן ביי מיר אין פעלד, הער מאַיאָר. דערלויבט מיר צו טאָן, ווי עס פלעגן דאָ אַמאָל טאָן די גוטבאַזיצער. מיט מוזיק, הער מאַיאָר,

מיט מוזיק און מיט טענץ פלעגן זיי פאַרנאַרן די יונגען און מוידן צו דער אַרבעט אין פעלד...

ברענדעקע: מיט מוזיק, צי מיט ריטער, מיט טענץ, צי מיט קאַנאָנען... דערטריבקט זיי אין שנאַפּס, צעשיסט זיי, נאָר מאָרגן זאָל ווערן געאַרבעט אין פעלד. האָט איר עס ענדלעך אין קאָפּ?...

ניזאַבודקאָ: היינט אין אָונט ווערט געטאַנצט און מאָרגן ווערט געאַרבעט אין פעלד, הער מאַיאָר. (דערלאַנגט אים אַ פּאַפּיר): די ליסטע פון אַלע, וואָס זיינען פאַרשוואונדן פון דאַנען אינעם טאָג פונעם דעסאַנט.

ברענדעקע (לייענט אין דער ליסטע): „סענקאָ קראַוטשוק..." אַ היגער? דאָ געבוירן?

ניזאַבודקאָ: ניין, הער מאַיאָר.

ברענדעקע (לייענט ווייטער): באַרוך שמי־ליאַוויטש...

ניזאַבודקאָ: אַ היגער, אַ זשיד.

ברענדעקע: קאָן ער זיין יענער אויסגעצייכנטער שיסער, וואָס אַפּערירט ביי דער קאָמענדאַנטור?

ניזאַבודקאָ: אַ־אַ! ער איז געווען דער שיסער־אינסטרוקטאָר דאָ אין קלוב.

ברענדעקע: אהא!... איז צום לעצטן מאָל, הער ניזאַבודקאָ... מאָרגן זאָל ווערן געאַרבעט אין פעלד, קאַפּירט? (פאַרשווינדט אונטער די פאָרטיערן).

ניזאַבודקאָ (קוקט אים נאָך מיט צעקרימט פּנים): אוף! (דערהערט פלוצלונג זינגען):

זאַוויאַזאַלאַ האַלאַוואָנקו
אַ יאַזש דומאַלאַ נאַ־טשאַסאָק...

נאַסטיאַ (אַריינקומענדיק מיט אַ פּאַק אויסגעפּרעסט גרעט און אַוועקלייגנדיק עס, קוקט זיך אום אויף ניזאַבודקאָן, וועלכער פאַרשטעלט איר דעם וועג צוריק): טשאָהאָ?

ניזאַבודקאָ: מיך געדענקסטו פון אַמאָל?... געווען דאָ דער אַלטער לוקיאַן, דער רייכער... דיין באַטקאָ איז געווען ביי אים אַ סטרוזש אין אַלע דריי ווינטמילן... בין איך זיין אייניקל.

נאַסטיאַ: זיינס אייניקל?... טצ, טצ... איי... איי... איי . . . (וויל אַוועקגיין).

ניזאַבודקאָ: דאָ בלייבן!... מיינער אַ מענטש האָט מיר איבערגעגעבן, אַז צו דיר האָט מען ביינאַכט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער... מיר זאָגט מען דעם אמת, אויב מען וויל ניט הענגען דאָרט־אָ. (ווייזט צום אָפענעם פענצטער): פאַרשטאַנען?

נאַסטיאַ: אַ יאַק־זשע?

ניזאַבודקאָ: נו, ווער האָט צו דיר ביינאַכט געקלאַפּט?

נאַסטיאַ: ווער?... פּאַנאַסענקאָ.

ניזאַבודקאָ: פּאַנאַסענקאָ?...

נאַסטיאַ: אַ יאַק־זשע?... ער אַליין, פּאַנאַסענקאָ. — „נאַסטיאַ, — זאָגט

ער צו מיר, — „האַלט מיך אונטער, ווי אַן אייגענע שוועסטער... און קום... — זאָגט ער, „אַרויס מאָרגן צו דער אַרבעט אין פעלד. קום אַרבעטן טײערע״.

ניזאַבודקאַ: דו?

נאַסטיאַ: ניט נאָר איך... רעד צו, זאָגט ער, אַלע שכנים, זיי זאָלן מיך פאָלגן און אַלע ביז איינעם אַרויסקומען אַרבעטן אין פעלד. אַז ניט, זאָגט ער, בין איך אַ פאַרלוירענער. פאַרלאָזט מיך ניט, זאָגט ער, אויף דער עלטער און קומט אַלע אַרבעטן אין פעלד.

ניזאַבודקאַ: אַזוי האָט ער געזאָגט?

נאַסטיאַ: אַ יאַק־זשע?... דאָס האָב איך איצט בײנאַכט, זאָגט ער, זיך געלאָזט אין דאָרף „כוטאָר־סעמיאַנאָווקע״. דאָרט, זאָגט ער, בין איך געווען אַמאָל דער פּראָווליאַישטשע ביים פּריץ און מיך קענען גוט אַלע עלטערע לייט. זיי וועלן מיך, זאָגט ער, ניט לאָזן פאַלן, און וועלן אַלע קומען אַהער אַרבעטן אין פעלד.

ניזאַבודקאַ: אַזוי גאָר?...

נאַסטיאַ: אַ יאַק־זשע? גיי, גיי, האַרציקער, האָב איך אים געזאָגט, און איך וועל זיך דאָ סטאַרען פאַר דיר... אָט, ווי איך פאַרענדיק נאָר מיטן גרעט אין שטאָב, לאָז איך זיך גלייך אַוועק צו די שכנים...

ניזאַבודקאַ: אַהאַ!... איז הער מיך אויס, טיטקאַ. צו וואָס זאָלסטו עס טאָן פאַר פאַנאַסענקאָן און אומזיסט, אַז דו קאָנסט עס טאָן פאַר מיר און פאַר באַ־לוינונג, פאַר גרויסער באַלוינונג. אוי, ס׳אַ פלאַן, טיטקאַ... זע! שוין ניט קיין יונגע באָבע און — נאָך אַ יאַדערדיקע אַזאַ און מיט אַ געמבעטשקע אַזאַ... (זינגט איר נאָך): „זאַוויאַזאַלאַ האַלאַוואַנקו״... קאָנסט מיר צונויף קומען... גוט צונויף קומען... נאָר פריער לאָמיר מיט דיר... (כאַפּט אַרויס אַ פלעשל, טרינקט און צווינגט נאַסטיאַן זופּן פונעם פלעשל): נאָך, נאָך... זע אַ באָבע!... טויגסט נאָך גאָר צו האָבן אַ פאַר קינדערלעך... אַ? קאָנסט נאָך פאַרשטעקן אַ פאַר מאָ־לאָדיצעס אין גאַרטל, אַ?

נאַסטיאַ: (חנדלט זיך): אַ יאַק־זשע?

ניזאַבודקאַ (טרינקט ווידער פונעם פלעשל און צווינגט נאַסטיאַן טאָן דאָס זעלבע): אַ!... איז נאָך איידער עס ווערט נאַכט, דו הערסט, טיטקאַ?...

נאַסטיאַ: טאַק.

ניזאַבודקאַ: גייסטו אַרום אַלע כאַטעס אין דאָרף און רופסט די דיוושאַטעס צום טאַנץ... אַלע דיוושאַטעס. דיך וועלן זיי דאָך פאָלגן.

נאַסטיאַ: פּעוונע.

ניזאַבודקאַ: איז רוף אַלע צום טאַנצן. פאַרשטאַנען?... ווּעסטו זיי ברענגען?

נאַסטיאַ: אַ יאַק־זשע?

ניזאַבודקאַ: אוי, אַ באָבע! און אַ געמבעטשקע אַזאַ! (קוקט זיך אַרום): קום, קום, קום מיט מיר... (שלעפּט זי מיט זיך אַרויס): אַנו זינג־זשע נאָך: „זאַ־וויאַזאַלאַ האַלאַוואַנקו״... (שלעפּט זי מיט זיך אַרויס. עס פאַרציען זיך די פאָר־טיערן. ביי אַ שרייב־טיש זיצט ברענדעקע און פאַר אים שטייט אברהם־בער. ביי אַ זייטיקן טישל הערט־אויף צו קלאַפּן אויף דער שרייב־מאַשין דער יעפּרעיטאָר).

ברענדעקע: נננא, ראַבין! דו הייבסט ווירקלעך אָן אָנצוקלייבן צופיל שמאַלץ אויף אונדזערע קעסט. (צום יעפּרעיטאָר): וויפל האָט ער פון נעכטן אָן פאַרלוירן וואָג?

יעפּרעיטאָר: צוויי קילא קאַמאַ פינף און פערציק, הער מאַיאָר.

ברענדעקע: פאַר איין טאָג?... דאָס איז שוין צופיל. צי ווייסטו, ראַבי, ווי טייער ביי אונדז איז יעדער גראַם דיינער, יעדער יידישער טראָפּן בלוט, וואָס מיר זויגן פון דיר אַרויס?

אברהם־בער: איך ווייס. באַלזאַם איז פאַר אייך די גיפט, וואָס איר לאָזט אַריין טאָג־טעגלעך אין מיין לייב.

ברענדעקע: וואָס פאַרשטייסטו? אַליין דער הער־גאָט האָט אייך צוגע־שיקט, ווי פּרוכטבאַר מיסט פאַר אונדז דייטשן — הערשער פון דער וועלט.

אברהם־בער: ריכטיק. „יודע" ווינקט איר צו יעדן אויסבאַהאַלטענעם פאַרברעכער, „זשיד", ענטפערט ער אייך, און איר פאַרשטייט באַלד איינער דעם אַנדערן — ס'איז אַ מיטל אויף צונויפצורעדן זיך וואָס גיכער.

ברענדעקע: באַנטעמסטו דאָס?... ווי לאַנג אָבער קאָן אונדז נאָך קלעקן דיין לייב און דיין בלוט?... געפינסט ניט, אַז מיר, ביז גאָר אויסגערעכנטע דייטשן, זיינען דאָ עפּעס צופיל פאַרשווענדעריש? צו־גיך ברענגען מיר דאָס פּרוכטבאַרע מיסט אונדזערס, וואָס רופט זיך „יודן". (לאַכט): ווי קאָמיש, ראַבי!... מיר קאָנען נאָך באַקומען אַ באַפעל, אַז יידן זאָלן מיר מאַטערן מער שפּאָרעוודיק...

אברהם־בער: אָ! דאָס איז זי — די דייטשישע שפּאָרעוודיקייט. שפּאָרעוו־דיקייט ביי אַ מענטשן איז דאָך אַ מעלה, און פון דער דייטשישער שפּאָרעוודיקייט האָט שטענדיק געשטונקען.

ברענדעקע: ס'מויל האַלטן!

אברהם־בער: אַ רוצח, ווען ער הרגעט אַ מענטשן איז ער הייס און ניט ביי זיך אין די הענט, און איר הרגעט קאַלט, מיט באַוואוסטזיין און מיט אויסגערעכנט־קייט, לויט אַ פּלאַן.

ברענדעקע: שווייג! (כאַפּט אַרויס זיין רעוואָלווער).

אברהם־בער: פאַרפּלאַנירט איז ביי אייך שוין אפילו אייער ענטפער אין פאַל, אויב אייער פאַרברעכערישע שפּיל וועט דורכפאַלן, און מען וועט אייך שטעלן פאַרן געריכט. „וואָס ווייסן מיר, דייטשן?" — האָט איר באַצייטנס זיך צוגעגרייט דעם ענטפער: „מיר דייטשן זיינען פון דער נאַטור אויטאָמאַטן — ס'איז אונדזער אומגליק, וואָס זיינען מיר שולדיק? — דער 'פיורער' האָט אונדז געהייסן, האָבן מיר געהרגעט". נו, וואָס קאָנט איר מאָנען ביי אויטאָמאַטן?

ברענדעקע (אָנשטעל'נדיק דעם רעוואָלווער): ווי שרעקסטו זיך ניט מיט מיר אַזוי צו רעדן, דו דרעקיגער יודע!

אברהם־בער: ווייל איך ווייס, ווי אויסגערעכנט איר זייט. איר וועט מיך ניט מאַטערן אויף קיין האָר ווייניקער און מיך ניט טויטן אויף קיין רגע פריער אָדער שפּעטער, ווי איך, דייטשן, וועט עס נוציק זיין. אָט איז זי — אייער דייטשישע פּינקטלעכקייט!

ברענדעקע: שטום בלייבן! נאָ!... וועלן מיר צוטרעטן גלייך. (דיקטירט דעם יעפּרעיטאָר): „דער יידישער באַפעלקערונג ווערט באַפוילן אַרויסגעבן דער דייטשישער קאָמענדאַטור די עלטערן פונעם פּאַרטיזאַנער, דעם געוועזענעם שי־סער־אינסטרוקטאָר ברוך שמיליאָוויטש". (צו אברהם־בערן): די עלטערן פון ברוך שמיליאָוויטש קאָנסטו רעטן, אויב דו וועסט אויסזאָגן, וואָס ווייסטו וועגן די דער־פינדונגען אין סעלעקציע־פּאַוויליאָן. מיר האָט מען געזאָגט: מיט זיי איז דיר פאַרגעשטאַנען צו ווערן אייגענע. ריכטיק?

אברהם־בער: ניין, דאָס האָט ניט געקאָנט זיין.

ברענדעקע: פאַרוואָס?

אברהם־בער: ברוך האָט ניט קיין עלטערן.

ברענדעקע: אהא!... (דיקטירט): אויב אין פאַרלויף פון זעקס שטונדן וועט דער באַפעל ניט אויסגעפילט ווערן, וועט יעדער אַרטיקער פינפטער ייד דער־שאָסן ווערן. (צו אברהם־בערן): דאָס, זע איך, האָט דיך ענדלעך דורכגענומען, דו אַלטער הונט. (צום יעפּרעיטאָר): וויפל באַטרעפט די צאָל פון אַ פינפטל יידן דאָ?

יעפּרעיטאָר: (רעכנט אויף גיך): אַכצן, אַריינגערעכנט פרויען און קינדער.

ברענדעקע: גלויב אַ רייכבלוטיקן אַריער: מיט דייטע אַ פּאָר ווערטער רעטעסטו אַלע אַכצן יידן... נו?

אברהם־בער (צו זיך אַליין): אַכצן יידן... אַכצן לעבעדיקע נפשות...

ברענדעקע: עס איז אַ האַנדל, יודע!... איך זע, דו פאַרטראַכסט זיך פונ־דעסטוועגן.

אברהם־בער: נו, יאָ אַ ייד טראַכט!...

ברענדעקע: נו, שנעלער! זאָגסטו אויס, וואו איז דאָס איינשרייב־בוך פונעם סעלעקציע־פּאַוויליאָן?

אברהם־בער: איך האָב עס ניט.

ברענדעקע: ניין? ווילסטו ניט רעטן דייבע יידן? (צום יעפּרעיטאָר): איז זאָל ער מיט זיינע אייגענע הענט דאָ באַלד זיי באַגייען מיט דער געלער לאַטע פאַר זייער טויט... כאַ־כאַ... ער איז דאָך געווען אַ שניידער!

דריטער אַקט (בילד צוויי)

אין פעלד צווישן קוסטעס איז געבליבן שטיין דער בלינדער ייד, אָנהאַלטנדיק זיך אין זיין פירער — יאַשקען, און הערט זיך איין.

בלינדער ייד: שטיי דו, דו אויגן מיינע... צו גיכע אויגן ביסטו פאַר מיר, צו פליענדיקע אויגן...

יאַשקע: אָט דאָ איז אַ בערגעלע, איז טוט אַ טריט נידעריקער. נו?... האָט קיין מורא ניט. ס'איז שוין ניט וויט צום פראָנט. מ'הערט שוין שיסן. — א!...

פאַקט!... (פאַרכאַפּט זיך): **אוי... אויב איר דערהערט פון מיר נאַכאַמאָל „פאַקט", איז שרייט אויף מיר אָן, איך בעט אייך.**

בלינדער ייד: וואָס איז דען?

יאַשקע: זי פּלעגט זיך אויף מיר אַזוי בייזערן: „זאָגסט שוין ווידער פאַקט?" (פאַרטראַכט זיך): **זי איז געבליבן אין רויך...** (הייבט זיך אויך אָן איינצוהערן צום ווייטלעכן גערויש).

בלינדער ייד: ווער? (ציטערט־אויף): **כ'הער: מענטשן ערגעץ דאָ נאָענט.**

יאַשקע: נו, ווייס איך דאָך שוין... וועט איר זינגען: "און אַז מען האָט מיין עלצטן זון געקוילעט, מיין עלצטן זון געקוילעט", און איך וועל צו זיי זאָגן: (שטרעקט־אויס דאָס הענטל): **גיט מיין בלינדן טאַטן אַ נדבה.**

בלינדער ייד: און אויב דאָס זיינען דייטשן?... דייטשן גיבן קיין נדבות ניט.

יאַשקע: מ'האָט דאָך אונדז אָבער געהייסן איבערגעבן וואָס גיכער די רויט־אַרמייער אָט דאָס בריוועלע. (טאַפּט־זיך אין שוך, וואו עס ליגט דאָס בריוועלע).

בלינדער ייד: דאָס איז דאָך די מעשה!!

יאַשקע: איז ווייסט איר וואָס? באַהאַלט איר זיך דאָ אין אַ גריבל און מיך — אַ קליינינקן וועט מען ניט זען. איך וועל לויפן גיך־גיך. (דער גערויש הערט זיך נעענטער).

בלינדער ייד: וואַרט, וואַרט! לויף ניט אַליין, לויף ניט, קינד! (נאָר יאַשקע איז שוין אַוועק): **קינד... קינד!** (זוכנדיק מיט די אויסגעצויגענע הענט, מאַכט דער בלינדער ייד אַ פּאָר טריט און פאַלט־אום).

יאַשקע (אַוועקלויפנדיק): **באַהאַלט זיך אונטערן קוסט!... מירן קומען נאָך אייך!**

(יאַשקע פויזעט אויף אַלע פיר, לויפט איבער פון איין קוסט צום צווייטן. פון איין זייט דערהערט זיך אַ שיסנדיק שטעפן און עס באַווייזט זיך אַן אויטאָמאָט מיט אַ דייטש, וואָס שיסט פון אים. יאַשקע לויפט אין דער אַנדערער זייט. נאָר אויך דאָרט באַווייזט זיך אים אַקעגן אַ דייטש מיט אַ שיסנדיק קוילנוואַרפער. יאַשקע לויפט אין אַלכסון. נאָר פון אַלע זייטן רוקן זיך אויף אים דייטשן מיט שיסנדיקע קוילנוואַרפער. יאַשקע פאַלט. צו אים לויפט־צו אַ דייטשישער סאָלדאַט, הייבט אים אויף אַ פאַרוואונדעטן און טראָגט אים אַוועק).

דריטער אַקט (בילד דריי)

אין לערער־צימער. אין בייזיין פון אברהם־בערן נייען־אָן גענע לאַטעס אויף פאַרשיידענע מענער־רעקלעך דער אַלטער יונתן און פישל בראָדסקי. דורך דעם אָפענעם פענצטער זעט מען יידן אין ווייסע אַרבל, וואָס וואַרטן אויף די רעקלעך.

פישל (קוקט אויף דער לאַטע, בעת ער נעמט זי צונייען צום רעקל, וואָס ליגט

אויף זיינע קני) : סדר־הכל ?... דאָס איז עס ?... און מיט דעם האָט מען געמיינט אָנשרעקן אונדזערע אבות אבותינו עלטערנס עלטערן זיי זאָלן ווערן אויס יידן ? וואָס ליגט אין דעם פּאַר אַ שכל, אַ ?... אברהם־בער ?

אברהם־בער : ס׳איז, פישל, אַ שכל.

פישל : פּכע !... און מיר דאַכט זיך, ס׳איז אַ שמאַטקע און שוין ! (נעמט פאַנאַנדער דאָס נייע רעקל, וואָס מ׳האָט אים דערלאַנגט דורכן פענצטער, באַקוקט עס און ציטערט־אויף) : אברהם־בער... ס׳איז דאָך מיין אייגן יינגלס רעקל...

אברהם־בער : איז וואָס ?

פישל : איך אַליין זאָל לייגן אַט די לאַטע אויף מיין בענטשיקס רעקל ?

יונתן : ביי, ביי, ווי אברהם, וואָס האָט אַליין געבונדן זיין זון צו דער עקידה.

פישל (פּרוּווט אָנקליידן די לאַטע אויפן רעקל, נאָר טרייסלט זיך אָפּ) : ווי־זשע קאָן עס טאָן מיט די אייגענע הענט איך, זיין אייגענער טאַטע... ער איז דאָך ביי מיר אַ בן־יחיד.

אברהם־בער : און מיט אַ צווייטן יידנס בן־יחיד קענסטו עס יאָ טאָן ?... איז נאַ. (גיט אים אָן אַנדער רעקל).

פישל (וויל אָנהייבן באַנייען זיין יינגלס רעקל, פאַרטראַכט זיך און פאַלט־צו צום רעקל מיטן שטערן) : בענטשיק, קינד מיינס איינציקס. קיינער האָט דיך ביי דער סאָוועטסקע וולאַסט ניט פאַרשעמט. (וויינט זיך פאַנאַנדער).

יונתן : דאָס איז עס : „און ברענגען וועל איך אויף אייך די מכה, וואָס שטייט ניט אין דער תורה״. אַזוי האָט געזאָגט ער אַליין... משה רבנו.

אברהם־בער : משה ?! וואָס האָט ער פון אונדז געוואָלט ? וואָס האָט ער גאָר געהאַט זיך אָנצוזעצן אויף יידן, זיי זאָלן ווערן אַ פאָלק ? כדי ער זאָל בלייבן משה ?

יונתן : שילט ניט, אברהם־בער ! שילט ניט ! „און ווער עס שילט זיין געבוירער, זאָל געטויט ווערן״ — אַזוי האָט מען אונדז פאַרזאָגט — ס׳איז אַ האַרבע זאַך !

אברהם־בער : נו, און איוב ?... איוב האָט געשאָלטן...

יונתן : איוב האָט געשאָלטן די נאַכט, ווען ער איז געבוירן, איז שילט די נאַכט, אברהם־בער, שילט זי שטאַרק, אַט ווי איך, ווי דאָס־אַ שילט זיי. (וואַרפט־אַראָפּ פון זיך די קאַפּאָטע — ער איז אָנגעטאָן הינטער איר אין תכריכים).

פישל : לעבעדיקערהייט אין תכריכים ?

יונתן : איך קען נאָך ניט וויסן, ווען זיי וועלן מיך נעמען. (טוט צוריק אָן די קאַפּאָטע).

יעפרעיטאָר (אַרויסקומענדיק פון אונטערן פּאַרטיער, ווייזט אויף יונתן) : דיך רופט מען. (צו פישלען : און דיך אויך. (לאָזט אים אויך אַרונטער אונטערן פּאַרטיער. צו אברהם־בערן) : און דו — נאָך מיר. (פירט־אַרויס אברהם־בערן. פון דרויסן דערהערט זיך נאַסטיאַס זינגען) :

זאַוויאַזאַלאַ האַלאַוואַנקו
אַ יאַזש דומאַלאַ נאַ טשאַסאַק.

ניזאַבודקאַ (אַריינקומענדיק שיכורלעך, טראָגט מיט זיך זיין באַלאַלאַיקע, שלעפּט נאָך זיך נאַסטיאַן): אָט אַזוי, זינג, אַז מ'הייסט דיר, פאָלג אַלץ, וואָס מען באַפעלט דיר, טיטקאַ — אַלץ! קום אַהער, אַהער. איך מוז דיר ווייזן אים, דעם מאַיאָר אַליין. ס'איז גוט פאַר דיר, טיטקאַ, ס'גוט... זאָל ער זען, ווער עס העלפט אונדז. (טרינקט פונעם פלעשל, וואָס ער נעמט אַרויס פון בוזעם און צווינגט אויך נאַסטיאַן טרינקען): ביסטו געווען אין דאָרף? אַרומגעגאַנגען אַלע הייזער?

נאַסטיאַ: טאַק.

ניזאַבודקאַ: געזאָגט אַלע דיוווטשאַטעס, זיי זאָלן קומען היינט אויף דער נאַכט אויפן טאַנץ?

נאַסטיאַ: פּעוונע.

ניזאַבודקאַ: און זיי וועלן קומען?

נאַסטיאַ: אַ יאַק-זשע?

ניזאַבודקאַ: איז טרינק — א... טרינק. (צווינגט זי טרינקען): איצט זינג: „זאַוויאַזאַלאַ האַלאַוואַנקו...״

נאַסטיאַ: וואו וועט דען זיין דער טאַנץ?

ניזאַבודקאַ: וואו וועט זיין דער טאַנץ?... דאָ אין זאַל. כ'האָב עס גע־פּועלט ביים מאַיאָר.

נאַסטיאַ: דאָ אין זאַל? (דערשראָקן): דאָ אין זאַל וועט זיין דער טאַנץ?... היינט ביינאַכט?!... (וויל אַרויסלויפן. ניזאַבודקאַ פאַרהאַלט זי. עס הייבן זיך אָן פאַנאַנדערציען די פאָרטיערן).

ניזאַבודקאַ: ששש! (שלעפּט־אָפּ נאַסטיאַן צום קליינעם דיוואַן, צווינגט זי זיצן און טרינקען. די פאָרטיערן — פאַנאַנדערגעצויגן. ביים טיש זיצט ברענדע־קע. פאַר אים שטייט פרידע. ביים זייטיקן טישל זיצט דער יעפרעיטאָר).

ברענדעקע: און שפּילט ניט מער מיט מיין געדולד! איך לאָז ניט, אַז פרוי גינטער זאָל אייך אָפּשיקן פאַר אונדזערע בורשן אויפן פראָנט. (שפּאַנט אַרום): מיר מוזן וויסן אין וואָס באַשטייען די דערפינדונגען אין סעלעקציע־פּאַוויליאָן, און דאָס איז אייער גליק, וואָס איר און אייער פאָטער לעבן נאָך און האָבן די מעג־לעכקייט אויך ווייטער צו לעבן. נו, ענטפערט: וואו איז דאָס איינשרייב־בוך פונעם סעלעקציע־פּאַוויליאָן?

פרידע: איך ווייס עס ניט.

ברענדעקע: מאָרגן ווערט איר אָפּגעשיקט אויפן פראָנט און מאָרגן ווערט אייער פאָטער דערשאָסן.

פרידע: מיין פאָטער?... ער לעבט דען נאָך?... איר האָט אים דען נאָך ניט פאַרמאַטערט?

ברענדעקע (צום יעפרעיטאָר): ברענגען אַהער איר פאָטער און אים לאָזן מיט איר אויג אויף אויג. און געדענקט פריילין! מיט נאָך איין מאָל ענטפערן „איך ווייס ניט״, טראָגט איר אַרויס אַ טויט־אורטייל אייער פאָטער.

פרידע: ווער עס רעדט קעגן טויט־אורטייל...

ברענדעקע אין דעם איז ניט קיין מינדסטע איבערגעטריבנקייט, פריילין.

פאַר איך שטייט די פראַגע: אויסגעבן אַ קליינע באַלשעוויסטישע געהיימניש אָדער פירן צום טויט דעם אייגענעם פאַטער. אַזאַ איז די אונטערשטע שורה.

(דער יעפרעיטאָר פירט־אַרויס פרידען אין לערער־צימער, פאַרציט די פאָר־טיערן און גייט אַרויס. דערזען נאַסטיאַן ווערט פרידע אַ רגע פאַרגליווערט און דרייט זיך אויס צו איר מיטן רוקן).

ניזאַבודקאַ (צו נאַסטיאַן): **טרינק, טיטקאַ, טרינק. אַט אַזוי... נו, איצט טאַנץ... טיטקאַ... טאַנץ, באַפעלט מען דיר!** (רימפּלט אויף דער באַלאַלאַיקע און אוקראַיניש טרעפּאַק. ווי ניט ביי זיך אין די הענט לאָזט זיך נאַסטיאַ טאַנצן מיט „פריסיאַדקעס״ ווינקענדיק משונה צו פרידען און זינגענדיק דערביי):

א אי טי־טי כלאָפּצי
א אי טי־טי טראיע
שטשאָ סולילי דיווקי קאָזשני פאַ קאַלעטשקאַ
סאכראַנילים וואַני טוט ני וודאַלעטשקאַ
פּערעדאַטי דיוּוטשיני וואַני נאַקאַזאַלי
בודע־זש סיאַהאַדניאַ באַטשוי, יאַק וואַנאַ פּראַסילאַ
בודע, בודע, בודע...

(דער יעפרעיטאָר פירט־אַריין אברהם־בערן, וועלכער דערזעט דאָ צום אַלעם ערשטן די טאַנצנדיקע נאַסטיאַ).

אברהם־בער (בלויז מיט די ליפּן פאַרוואונדערט): **נאַסטיאַ?!...** (באַמערקט פרידען, וואָס שפּאַנט צו אים פון אַקעגן און כאַפּט זי אַריין אין די אַרעמס).

יעפרעיטאָר (צו ניזאַבודקאַן און נאַסטיאַן): **נו?...** (פירט זיי אַרויס).

אברהם־בער (לאָזט־אָפּ פרידען, קוקט אין אַ זייט): **און ווער איז ביז איצט געווען שטאַרקער? „זיי״, צי אַ מיידל, וואָס האָט געלייענט לענינען?**

פרידע: איך, טאַטע.

אברהם־בער: וואָס פאָדערן זיי פון דיר?

פרידע: דאָס איינשרייב־בוך... און דיך... פאַרוואָס?

אברהם־בער: פאַרן זעלבן. און דערפאַר, וואָס זיי דאַרפן בלוט... גאַלי־נאַ... שוין נישטאַ...

פרידע: גאַלינאַ... איך האָב עס מיר פאַרגעשטעלט... און וואו איז יאַשקע?...

אברהם־בער: זיי האָבן אים שטאַרק פאַרוואונדעט. איצט היילן זיי אים, כדי עפּעס פון אים אַרויסצובאַקומען. — אַט אַזוי האָט עמעצער געזאָגט ביי מיר אין קאַמער. און נאָך האָט דאָרט עמעצער געזאָגט: מ׳האָט שוין דאָ אַרעסטירט אַלע יידן אויף צעשיסן יעדן פינפטן... פאַר ברוכן. (ווייזט צו די פאָרטיערן): **דאָס האָט ער מיר געגעבן די ברירה: אַרויסגעבן און דערמיט מציל זיין זיי אַלע פון טויט — אַכצן נפשות... ס׳איז אַלץ נסיונות... שוין צום דריטן מאָל... אַ שווערער נסיון?**

פרידע: איז וואָס וועט מיט דיר זיין, טאַטע?

אברהם־בער: פאַר מיר האָבן שוין באַשלאָסן די בעסטע אַמאָליקע יידן: „יהרג ואל יעבור".

פרידע: וואָס הייסט עס?

אברהם־בער: געהרגעט ווערן — און ניט אויסגעבן. אַזוי האָבן זיי געטאָן און אַזוי פאַרזאָגט אויף דור דורות. (ווישט־אָפּ די טרערן אויף פרידעס אויגן): זייער שטאַרק ליידן זאָלסטו ניט דערפון. ס'האָט אַ זינען: טאָן ווי די בעסטע מענטשן פון מיין פאָלק... יהרג ואל יעבור...

פרידע: יהרג ואל יעבור... נו... און אויב איינעם לייגט מען פאָר: אויסגעבן אָדער פאַראורטיילן צום טויט אַן אייגענעם טאַטן?

אברהם־בער: אַ?... אַן אייגענעם טאַטן?... (טראַכט): זעסטו, אויף דעם איז שוין ביי יידן קיין ביישפּיל ניט געווען. איך טו, ווי אַ סאָוועטישער ייד, און דו — אַ יידישע קאָמסאָמאָלקע... (כאַפּט זי אַרום).

יעפרעיטאָר (אַריינקומענדיק אינאיינעם מיט אַ סאָלדאַט): די צייט, יודע, איז אַריבער.

(דער סאָלדאַט פירט־אַוועק אברהם־בערן, און דער יעפרעיטאָר פירט־אַוועק פרידען. ברייט ציען זיך פאַנאַנדער די פאָרטיערן. אין שפּיץ מיטן הויכער ווערטער שפּילט אין העל־באַלויכטענעם צוגעפּוצטן פיזקולטור־זאַל אַ באַלאַלאַי־קע־אָרקעסטער. מיט זיין באַלאַלאַיקע אין די הענט שפּאַנט פון דאָרט אַרויס דער אויסגעפּוצטער ניזאַבודקאָ אַקעגן דער אַריינקומענדיקער נאַסטיאַן).

ניזאַבודקאָ: נו? פאַרוואָס־זשע קומען ניט אַריין די דיוטשאַטעס? וואָס לאָזט זיי אַלץ שטיין אין דרויסן? (וויל אַרויסלויפן נאָך די מיידלעך).

נאַסטיאַ (פאַרהאַלט אים): זאָג איך דאָך: זיי שעמען זיך. זייער טאַנץ, זאָגן זיי, וועט ניט געפעלן. און בעסער בלייב דאָ. אַזאַ מאָרדע, ווי דיינע האָבן זיי שוין דאָ לאַנג ניט געזען. וועסט זיי איבערשרעקן.

ניזאַבודקאָ: דריי ניט מיט מיר! (לויפט אַרויס אין דרויסן).

כוועדער (צוקומענדיק צו נאַסטיאַן): וואָס וועט דאָ זיין, טיטקאָ נאַסטיאַ?

נאַסטיאַ: פרעג ניט, כוועדער. ניט מיר און ניט דיר האָט זיך געגלוסט אַט דער טאַנץ. מירן נאָך זען, וואָס פון אים וועט אַרויס. (שעפּטשעט אים עפּעס אין אויער. איינע נאָך איינע ווערן דורך ניזאַבודקאָן אַריינגעשטויסן אין זאַל אַריין עטלעכע מיידלעך).

ניזאַבודקאָ (דרינזשענדיק אויף זיין באַלאַלאַיקע): שפּיל, אָרקעסטער! אַט אַזוי... שטאַרקער! פריילעכער! נאָך שטאַרקער! (לאָזט זיך מיט „פּריסיאַד־קעס" צו די דערשראָקענע מיידלעך): נו, פאַרוואָס־זשע טאַנצט איר ניט? (לאָזט זיך באַנייס אין אַ ווילדן גרימאַסן־טאַנץ. בלייבט שטיין): טפו!... אין בערלי־נער נאַכט־שענקען פלעג איך מיט מיין ברען אַלערליי פאַנעס און פאַניעס אַריינ־ברענגען אין עקסטאַז. הילצערנע זייט איר!... (אַ סאָלדאַט, אַריינגעלאָפן דורך דער זייטיקער טיר, ווינקט צום אָרקעסטער, ער זאָל שפּילן שטאַרקער און שטאַר־קער, מיט דער זייטיקער טיר קומען אַריין ברענדעקע, פראוי גינטער, דער יעפרעי־

טאַר. נאָך זיי אַ גרופּע סאָלדאַטן. דער אָרקעסטער האַקט־זיך אָפּ).

בּרענדעקע (קוקנדיק אויף די מיידלעך): **פאַרוואָס טאַנצן זיי ניט?**

פרוי גינטער (אַרומקוקנדיק די מיידלעך און צואווינקענדיק צו ברענדעקען אויף אייניקע פון זיי): **טאַנצן, טאַנצן, רוסין.** (ווייזט מיט איר קערפּער, וואָס זי מיינט).

נאַסטיאַ (צו ברענדעקען, אָפּשפּאַרנדיק מיט איר קערפּער פרוי גינטער פון די מיידלעך): **זיי זיינען צוגעוואוינט, אַז דעם טאַנץ זאָל פירן פרידע, די פיזקול־טורניצע. אָן פרידען קומט ביי זיי קיינמאָל ניט אַרויס דער טאַנץ.**

ברענדעקע (ווען מ'זעצט איבער נאַסטיאַס ווערטער): **פרידע?... נו, איז ברענגען זי אַהער!** (קוקט שפּאַטיש און טרעט אָפּ צו כוועדערן, וועלכער רוקט זיך פון אים אָפּ מיט צוריק־טריט אַ דערשראָקענער, ווייזנדיק דערביי אַרונטער זיך דעם אָרקעסטער, ער זאָל שפּילן שטאַרקער, שטאַרקער. דערשראָקן גייט דער אָרקעסטער איבער פון דער שטילסטער פּיאַנאָ צו דער שטאַרקסטער פאָרטאָ און האַקט זיך מיטאַמאָל איבער, בעת צוויי סאָלדאַטן אין הויפּט־אַריינגאַנג שלעפּן מיט גוואַלד אַריין פרידען און טוען זי אַ שטויס טיפער אין זאַל אַריין).

פרידע (מיטאַמאָל שטיין געבליבן): **וואָס טוט זיך דאָ?** (קוקט אויף די דייטשן, אויפן אָרקעסטער, אויף די דערשראָקענע מיידלעך): **אַ טאַנץ דאָ? אין היינטיקער נאַכט?!** (איר בליק פאַלט, בעת אַלע קוקן אויף איר, אויפן אָקעגנדיקן וואַנט־זייגער, וואָס האַלט אָן צוועלף מינוט צו צוועלף): **אַ טאַנץ איצט?...** (געבליבן אַ רגע פאַרגליווערט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, טוט זי זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ־אויף): **איז טאַנצן!... טאַנצן, מיידעלעך, אונדזער טאַנץ!** (טוט אַ יאָג איבערן זאַל און פירט־אָן מיטן קאַראַוואַר—אַ טאַנץ פון אומגעהויערער דורשט צו נקמה און פון שרעק פאַר די ווייזער פונעם זייגער, וואָס דערנעענטערט זיך אַלץ מער און מער צו צוועלף. מיט איטלעך מיידל דרייט זי זיך אין אַ באַזונדער טאַנץ, בעת וועלכן זי באַווייזט אַ שעפּ־טשע טאָן יעדערער אין אויער און אַרויסשטויסן פון זאַל. דאָס אייגענע טוט זי מיט יעדן פונעם אָרקעסטער. וואָס ווייניקער עס בלייבן מענטשן, אַלץ שטאַרקער און וויכערדיקער ווערט דער טאַנץ. די קליידער אויף איר ווערן צעריסן און הענגען אויף איר, ווי שמאַטעס. ווען זי איז שוין נאָר איינע מיט די דייטשן, דערהערט זיך אין זאַל אַ גערויש פון אַ פּליי־מאַשין. אויסגעמישט מיט געהילך פון אויפרייסן און פון קוילנוואַרפער־געשטעפּ. פון די ערשטע אַריינגעפלויגענע קוילן פאַלן פרוי גינטער און אייניקע פון די סאָלדאַטן. אַלע לויפן צו די טירן. עס ווערט פינצטער. עס הערט זיך אַ געוואַלגער, און פרידעס געשריי אינמיטן צעפלאַמטן טאַנץ: „אָט אַזוי, שטאַרקער, שטאַרקער!" דער גערויש און די באָמבאַרדירונג שטאַרבן ביס־לעכווייז אָפּ. אינעם ערטערווייז דורכגעלעכערטן זאַל ווערט צוריק ליכטיק).

סאָלדאַט (אַריינלויפנדיק קומט־צו צו ברענדעקען, וואָס קריכט אַרויס פון אונטערן געוואָלגער פון שטוקאַטור און מעבל): **הער מאַיאָר! די פרידע איז פאַר־שוואונדן.**

צווייטער סאָלדאַט (אַריינלויפנדיק, פאַרבאַנדאַזשירט און שטיינבלייבנדיק

אין פאָרנט פאַר ברענדעקען) : איך קום פון הינטער דער קאָמענדאַנטור, הער מאַיאָר.

ברענדעקע: די איבעריקע וואו זיינען?

סאָלדאַט: געפאַלן, הער מאַיאָר!

ברענדעקע: ווער האָט דאָרט אויף אייך געשאָסן?

סאָלדאַט: דער זעלבער פּאַרטיזאַנער, הער מאַיאָר!

ברענדעקע: איינער... און איר האָט אים ניט געקאָנט נעמען?

סאָלדאַט: ער איז זייער שלוי, הער מאַיאָר!

ברענדעקע: דאָנער וועטער! נאָך אַ פאַל! (צום יעפרעיטאָר): באַלד ברענגען אַהער די אַלע אַרעסטירטע יידן, וואָס גיבן ניט אַרויס דעם פּאַרטיזאַנס עלטערן און אויספירן דעם אורטייל. (גייט אַוועק).

(אייניקע סאָלדאַטן רייניקן אָפּ דעם צעלעכערטן זאַל פון די טויטע און פונעם ברוך־געוואַלגער. אַנדערע טרייבן אַריין אַ מענגע יידן. פרויען און קינדער און שטעלן זיי אויס לענגאויס דעם זאַל. צווישן די יידן שטייען ביינאַנד פישל און דער אַלטער יונתן, וועלכער שאָקלט מיט די ליפּן).

יונתן (צו פישלען, וועלכער שעפּטשעט אים עפּעס אין אויער) : אַ?

פישל: נו, טענה איך דאָס מיט אים. וואָס ווילט זיך דיר אַזוי לעבן? — טענה איך מיט אים.

יונתן: מיט וועמען?

פישל (וויזט אויף זיך אַליין) : מיט פישל בראָדסקי.

אַן אַלטע יידענע אין דער ריי (זיפצט טיף): אוי!... ווי און ווינד איז אונדז!

יונתן: אַ!.. מ׳לאָזט ניט.

פישל: וואָס לאָזט מען ניט?

יונתן: שטאַרבן מיט כוונה, לאָזט מען ניט... מיט אמונה, אַז עס וועט גע־צאָלט ווערן.

פישל: מיט אמונה, אַז עס וועט געצאָלט ווערן?...

יעפרעיטאָר (אַרויסקומענדיק מיט אַ פּאַפּיר אין די הענט): אַכטונג! (ליי־ענט פונעם פּאַפּיר) : פאַר אָפּזאָגן זיך אַרויסצוגעבן די עלטערן פונעם פּאַרטיזאַנער ברוך שמיליאָוויטש, דערשיסן יעדן פינפטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. — אַכטונג! (ציילט און מערקט־אָן יעדן פינפטן).

ברענדעקע (אַרויסקומענדיק פון דער זייטיקער טיר, דערזעט אברהם־בערן, וועלכן מען פירט־אַריין פון אַקעגן) : איז ווי וועט עס זיין, וואָלגעבאָרענער יודע? זע, ווי די אויגן פון זיי זיינען געווענדט צו דיר, ווי צו זייער גראָספאַטער, דעם פּאַטריאַרך אַבראַ־אַם. פון דיר הענגען זיי אָפּ מיט זייערע לעבנס. זאָג אויס, וואו געפינט זיך דאָס איינשרייב־בוך פונעם סעלעקציע־פּאַווילאָן און דו רעטעסט זיי אַלע פון טויט; ווי מיט אַ שפּרונג אַ וואונדערלעכער... שוויגסט אַלץ, דו אַלטער ליסל! דיין יידיש האַרץ בלייבט פון שטיין, אויך ווען עס האַנדלט זיך וועגן דיינע יידישע גלויבנס־גענאָסן?... איז פּיליכט וועל איך עס דאָך וויכער מאַכן. (צום

יעפרעיטאָר): פאַר ניט אַרויסגעבן די עלטערן פונעם פאַרטיזאַנער ברוך שמיליאָ־וויטש, יעדן דריטן יידן צום צעשאָסן ווערן. (בעת דער יעפרעיטאָר מערקט־אָפּ יעדן דריטן יידן אין דער ריי): שווייגסט אַלץ?... דיר איז אַלץ נאָך ווייניק בלוט פון דייַנע אייגענע ברידער? (צו די אָנגעמערקטע): זעט, ווער איר, יידן, זייט! — ניט קיין מענטשן, איר זייט אַלע קרעטינען, איר געמיינע באַרימער! געטומלט אויף דער וועלט, אַז איר, יידן, שטעלט זיך איין איינער פאַרן אַנדערן. און מיר, דייטשן, באַווייזן אַלעמען, אַז אויך דאָס איז אַ ליגן און אַז אויך דערויף זייט איר ניט פּייאיק. (ווייזט אויף אברהם־בערן): אייער אייגענער מענטש זאָגט זיך אָפּ צו ראַטעווען אייך פון טויט. זיין טאַכטער האָט ער געראַטעוועט און אויף אייך שפּייט ער. נו, איז פאַלט אים צו די פיס. ביי אים אין די הענט איז אייער לעבן. איין וואָרט זיינס און איר ווערט געראַטעוועט! (אַ פאַרלוירנקייט און אַ שעפּטשערייַ צווישן די אָנגעמערקטע. קוקט אויפן זייגער): איך גיב אייך דריי מינוט אויף צונויפרעדן זיך. (גייט אַרויס).

אַלטע יידענע: אברהם־בער!

(דער אַלטער יונתן וואַרפט־אַראָפּ פון זיך די קאַפּאָטע און בלייבט אין די תכריכים).

אַלטע יידענע (אָנווייזנדיק אויף יונתן): אברהם־בער!...

אברהם־בער (אויפגעטרייסלט): וואָס... אברהם־בער?!... יידן... מיט וואָס זאָל איך אייך ראַטעווען. אפילו, ווען איר זאָלט „זיי״ גלויבן? מיט פאַרשווען און פאַרשמוצן אויף אייביק דעם נאָמען ייד? יידן... איך געזעגן זיך מיט אייך... ניט ווי אַ קרעציקער... נאָר ווי אַ רייַנער מיט ריינע. אין זיבן ימען זאָל בלייבן געטובלט דער נאָמען ייד!... איך געזעגן זיך מיט אייך. נו?... איך שענק אייך אַוועק אַלץ, וואָס מיר קומט פאַר בייַשטיין אָט דעם נסיון — אָפּגעבן אייערע לעבנס פאַר געטריישאַפט צו אונדזער לאַנד — ס׳איז אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג. און זאָל מען נאָכדעם אין צייטן ניט זאָגן: געוועזן איינער אַן אָרנטלעכער ייד — אברהם־בער. נאָר זאָל מען זאָגן: געווען... געוועזן אָרנטלעכע מענטשן דאָ אויף אונדזער פּראָוו־סטאַנציע... און איצט מיין לעצט וואָרט צו אייך... יידן.

ברענדעקע (אַרייַנקומענדיק מיטן זייגער אין האַנט): די דריי מינוט זיינען אַריבער. זיך צונויפגערעדט?

אברהם־בער: זיך צונויפגערעדט...

ברענדעקע: אין נאָמען פון זיי אַלע רעדסטו?

אברהם־בער: ניט נאָר אין נאָמען פון זיי אַלע דאָ, אין נאָמען פון אַלע פעל־קער, וואָס איר ווילט זיי אויסראָטן... אין נאָמען פון מיין גאַנצער יידישער אומה. איך... איך ענטפער פאַר זיי: לא אמות — כ׳וועל ניט שטאַרבן, כי אחיה — מיר וועלן אייך איבערלעבן.

ברענדעקע: אַרויספירן אים פון דאַנען! (אברהם־בערן פירט מען אַרויס ביים שטיל־שווייגן פון אַלע, וואָס קוקן אים נאָך): פאַר אָפּזאָגן זיך אַרויסגעבן די עלטערן פונעם פאַרטיזאַנער ברוך שמיליאָוויטש...

נאַסטיאַ אַריינגעריסן זיך און געבליבן שטיין צווישן ברענדעקען און די יידן): **צע יאַ יעהאָ מאַמע!...**

ברענדעקע: **דו?**

ניזאַבודקאַ (אַריינגעלאָפן נאָך נאַסטיאַן, ווייזט מיט גיפט אויף די יידן): **הע־הע. שוין געמיינט, ס'וועט אַפּגיין, אַ?** (צו ברענדעקען וועגן נאַסטיען): **ניין... ס'איז די, וואָס וואַשט גרעט און די פאַלן אין שטאַב, גאָרניט קיין יידישע איז זי... דער פּאַרטיזאַנער האָט נאָר געוואוינט ביי איר.** (ברענדעקען אין אויער): **איך דאַרף זי נאָך דערוויל האָבן. זי קאָן מיר העלפן, מ'זאָל אַרויסגיין אַרבעטן אין פעלד.**

ברענדעקע (אָפּקערנדיק זיך פון נאַסטיען): **פאַר אָפּזאָגן זיך אַרויסגעבן דעם פּאַרטיזאַנער...**

פּראָפ. קראַנבליט (אַריינלויפנדיק, שלעפּט־נאָך מיט זיך די צוויי סאָלדאַטן, וואָס רייסן אים צוריק): **איך האָב וואָס צו מעלדן דעם מאַיאָר!**

ברענדעקע: **וואָס האָט פּאַסירט?**

פּראָפ. קראַנבליט (בלייבט שטיין אַקעגן ברענדעקען): **איר האָט דאָך געוואָלט וויסן פון מיר וועגן די לעצטע אַרבעטן אין סעלעקציע־פּאַוויליאָן... איר האָט דאָך מיר געגעבן צייט צו באַשליסן... נו, האָב איך באַשלאָסן... איר האָט געזאָגט: איצט וועלן מיר מיט אייך פאַרענדיקן אונדזער רעכענונג... איז אָט... איז וועלן מיר פאַרענדיקן.** (כאַפּט־אַרויס דעם רעוואָלווער און שיסט־אויס עטלעכע מאָל אין ברענדעקען).

(עטלעכע סאָלדאַטן שלאָגן־אַרויס פון זיין האַנט דעם רעוואָלווער און שלעפּן אים אַוועק. די פּאַרטיערן ווערן צעצויגן. ברענדעקען ברענגט מען פון דאָרט אויף אַ טראָג־בעטל אין לערער־צימער. אַ דאָקטער אין אַ ווייסן כאַלאַט קומט איילִיק אַריין, נאָך אים גייט־נאָך אַ שוועסטער מיט אַ בלוט־פּראָבע אין אַ גלעזערנעם טרייבעלע).

דאָקטער (אָננעמענדיק דעם דופּק ביי ברענדעקען און אָנבויגנדיק זיך צו אים): **אַזאַ איז די לאַגע, הער מאַיאָר. קיין איינע פון די גרופּעס בלוט, וואו מיר האָבן, גייען ניט אונטער. איין גרופּן בלוט מיט אייך האָט בלויז דאָס אונטערגעשאָסענע יינגל.** (צו דער שוועסטער): **ברענגען אַהער דאָס יינגל!** (שוועסטער אָפּ).

ברענדעקע: **וועלכן יינגל?**

דאָקטער: איר האָט באַפוילן אים ברענגען צו אַ צושטאַנד מ'זאָל אים קאָנען אויספרעגן... זיין מוטער איז געווען אַ סלאַווין, זיין פאָטער — אַ ייד. (זיינע פינגער, וואָס טאַפּן ברענדעקעס האַנט טוען זיך אומרואיק אַ ריר זוכנדיק דעם דופּק): **שנעלער באַשליסן, הער מאַיאָר, איך דראָט...**

ברענדעקע: **טויט?!**

דאָקטער: **שנעלער באַשליסן, הער מאַיאָר.**

ברענדעקע: **אייער וואָרט פון אַן אַריער... אַז קיינער וועט וועגן דעם ניט וויסן. איך דאַנק...**

(אויף אַ טראָג־בעטל דורכאויס אין ווייסן טראָגט מען אַריין דעם שווער־פאַר־

וואונדעטן יאַשקען. אין פּראַצעס פון איבערגיסן דאָס בלוט ווערט יאַשקע אַלץ שוואַכער און ברענדעקע — אַלץ פרישער).

שוועסטער (צום דאָקטער, האַלטנדיק יאַשקעס דופק): **ער גייט אויס!**

דאָקטער (צו ברענדעקען): **ער גייט אויס!**

ברענדעקע: ער גייט אויס?... נאָך, נאָך... נאָך אַ ביסל בלוט.

יאַשקע: מאַמע... קום אַרויס פון רויך... נו?... קום אַרויס צו מיר, מאַמע... קום אַרויס פון רויך...

שוועסטער (אַפּלאָזנדיק יאַשקעס דופק): **געשטאָרבן!**

דאָקטער (צו ברענדעקען): **געשטאָרבן.... אייער בעפינדן, הער מאַיאָר?**

ברענדעקע: **איך דאַנק... פיל בעסער.**

דאָקטער: באַפרייען דאָס צימער פון דער לייכע!

(די שוועסטער טראָגט יאַשקעס טויט קערפּערל צו דער טיר, אין וועלכער עס באַווייזט זיך נאַסטיאַ).

נאַסטיאַ (איבערנעמענדיק יאַשקעס קערפּערל אויף אירע הענט, קוקט אים אַריין אין פּנימל): **יאַשקאַ!...**

פּאָרהאַנג.

אַקט דריי (בילד פיר)

(דאָס פעלד אַרום דער קאַמענאָלאָמניע איז פול מיט גרופּעס רויטאַרמייער פון פאַרשיידענע טיילן, וואָס וואַרטן אויף אַ סיגנאַל צו אַן אַנגריף. צווישן זיי, אַרום דער באַוואָפענער פרידע, איז לעבן אַ פריש־אויסגעגראָבענעם קבר, פאַרזאַמלט דער פּאַרטיזאַנישער טייל פון ברוכן, פּאַנאַסענקאַ, סענקאַ און אַנדערע. דאָ געפינען זיך אויך חיה און נאַסטיאַ. עס קומען צו פאַראינטערעסירטע רויטאַרמייער).

פרידע (איבערנעמענדיק יאַשקעס קערפּערל פון נאַסטיאַס הענט): **און נאָך האָט מיר מיין פאָטער דערציילט פון דער אַלטער יידישער געשיכטע וועגן אַ פרוי אַ פאַרגוואַלדיקטער אויף טויט אין גבעה, וואָס מען האָט צעשניטן אויף צוועלף שטיקער און צעשיקט איבערן גאַנצן פאָלק: נאַט, זעט, וואָס מען האָט געטאָן אין גבעה! איז אויפגעשטאַנען דאָס גאַנצע פאָלק ווי איין מענטש און האָט אויסגעראָטן די מערדער פון גבעה...**

(מען דערזעט פון ווייטנס־אַן אַן אויפגעפלאַקערטע ראַקעטע. אַלע כאַפּן זיך צום געווער און לאָזן זיך אין אַנגרייפנדיקע שיסנדיקע רייען).

ברוך (צו פרידען): **לאָז אויף גיך אַריינלייגן יאַשקען אין קבר... נו, לאָז אים באַהאַלטן!**

פרידע: ניין, ניט באַהאַלטן, ניט אומקערן דער ערד, נאָר באַווייזן דער גאַנ־צער וועלט: זעט וואָס זיי טוען, און וואָרצלט זיי אויס! (שפּאַנט צווישן די אָנגריי־פנדיקע פּאַרטיזאַנער און שיסנדיקע רויטאַרמייער, וואָס קוקן זיך צו איר אום פאַר־ביילויפנדיק. — זי שפּאַנט מיט יאַשקעס קערפּערל אויףביידע אויסגעצויגענע הענט און שרייט איבער דעם געהילך פון דער שיסעריי): **איסטרעבליאַיטע איך! איסטרעבליאַיטע איך! — אויסראָטן זיי! אויסראָטן זיי!** (אָפּ).

פּ אָ ר ה אַ נ ג.

ס ו ף.

בער גרין

די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע

די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע האָט דערגרייכט אַ צושטאַנד, וואו זי איז ברייט און טיף אין פאַרנעם, אויסזען, כאַראַקטער, אידייען־וועלט, אינהאַלט און פאָרם. זי איז אַרום ניינציק יאָר אַלט. זי איז, בכלל גענומען, יידיש־נאַציאָנאַל אין פאָרם און יידיש־אוניווערסאַל, הומאַניסטיש אין אינהאַלט. אין גאַנצן און גרויסן גענומען (מיט קליינע אויסנאַמען) טראָגט זי אַ פאָלקס־כאַראַקטער.

אין די אַרום ניינציק יאָר זינט איר אויפקום אויפן אַמעריקאַנער באָדן, אַריבערברענגענדיק אַהער אייניקע יידישע און אוניווערסאַלע קולטור־טראַדיציעס פון אייראָפּע, האָט זי דורכגעמאַכט אַן אינטערעסאַנטן, אייגנאַרטיקן, ראַשיקן, שעפערישן אַנטוויקלונגס־וועג און דערגרייכט אַ גאָר הויכע קינסטלעריש־אידייאישע מדרגה, באַהערשט נייע פאָרמען, אַ נייע טעכניק, איבערקאָכנדיק געזונטע השפּעות פון דער וועלט־ליטעראַטור. איר הויפּט־סימן איז געווען און בלייבט: נאָענטקייט צום פאָלק און זיינע פּראָבלעמען; אירע הויפּט־מאָטיוון: יידיש לעבן דאָ אין לאַנד און אויך אין אַנדערע לענדער; דאָס לעבן און די קאַמפן פון אַנדערע פעלקער פאַר פולע רעכט (נעגערס, נאַציאָנאַלע מינדערהייטן), קאַמפן פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען אין שעפער און פאַבריקן; אירע הויפּט־טעמער: אַמעריקע, אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט, די צייט, אין וועלכער מיר לעבן.

די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז בעיקר אַרויסגעוואָקסן פונעם אַמעריקאַנער באָדן, פון די היגע טויטן, באַדערפענישן, קאַמפן און פּראָבלעמען. זי איז ניט קיין איבערגעפלאַנצטע. זי האָט איר אייגן פּנים, איר אייגענע שטים. זי ציט איר יניקה פון דער אַמעריקאַנער ערד, און טראָגט אין זיך אירע ריחות און ריטמען, היפש באַאיינפלוסט פון וויטמאַן און עמערסאָן, טהאָראָ און לאָנגפעלאָו; זי טראָגט אין זיך פולן באַוואוסטזיין וועגן דעם וויכטיקן אָנטייל פון אַמעריקאַנער יידן אין דער מלחמה פאַר אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט, אין די קאַמפן פון בירגער־קריג קעגן נעגער־שקלאַפעריי, אין דער מלחמה קעגן פאַשיזם, און וועגן דעם באַדייטנדיקן ביישטייער פונעם העכער 300־יאָר־אַלטן אַמעריקאַנער ישוב צו דער מאַטעריעלער און גייסטיקער באַרייכערונג פון אַמעריקע.

די פּיאָנערן־קלאַסיקער

די פּיאָנערן־קלאַסיקער, די אָבות און ראשונים פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, האָבן אָנגעהויבן ווירקן, ווי באַוואוסט, אין די אַכציקער יאָרן

פונעם 19טן יאָרהונדערט (דאָס ערשטע יידישע בוך אין אַמעריקע איז דערשינען אין 1877. דאָס איז געווען אַ משכיליש ווערק, אַ זאַמלונג לידער אויף העברייאיש און אויף יידיש: „ישראל דער אלטע״ פון יעקב־צבי סאָבעל, 1831־1913, אין אַמעריקע — זינט 1875). דער אויפקום פון דער אַמעריקאַנער יידישער ליטע־ראַטור רעכנט זיך אָבער פון דער מיט פון די אַכציקער יאָרן. דער אָנהויב פון דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור, איר ערשטער פּעריאָד, ביז אומגעפער אַרום 1908, איז געווען בעיקר אַ פּראָלעטאַרישער, אַ סאָציאַליסטישער. די גרינ־דער־פּיאָנערן פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור (דער עיקר — פּאָעזיע) אין אַמעריקע זיינען אַלע געווען סאָציאַליסטישע דיכטער און טוער: מאָריס ווינטשעווסקי (1856־1932), דוד עדעלשטאַט (1866־1892), יוסף באָוושאָ־ווער (1873־1915) און מאָריס ראָזענפעלד (1862־1923). זייערע לידער זיינען גע־ווען וועקער און רופער — לידער פון בויט, אַרבעט, קאַמף, פּראָטעסט קעגן עקספּלואַטאַציע, קעגן סאָציאַלן אומרעכט.

די פּיאָנערן־פּאָעטערס פונעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־ליד (פונעם יידישן ליד אין אַמעריקע) האָבן געהאָלפן צו אָרגאַניזירן דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פון די אַרבעטער, אַקטיוויזירן זיי פּאָליטיש, דערציען זיי, רופן זיי צום קאַמף קעגן דער שוידערלעכער שקלאַפישער „שוויץ־שאַפּ״ סיסטעם.

מאָריס ווינטשעווסקי, דער „זיידע״ פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער יידישער אַרבעטער־דיכטונג, איז אין די אַכ־ציקער יאָרן געווען אין לאָנדאָן דער גרינדער פון דער ערשטער יידישער סאָצי־אַליסטישער צייטונג, „דער פּוילישער אידל״, דערנאָך — פונעם זשורנאַל „אַרבע־טער־פריינט״. ער איז געווען דער מחבר פון דער ערשטער יידיש־סאָציאַליסטישער בראָשור „יהי אור״, 1885, און פון פיל אַנדערע יידיש־סאָציאַליסטישע בראָשורן; אַ מיטגליד פון דעם „קאָמוניסטישן אַרבעטער־פאַראיין״, אָרגאַניזירט דורך קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס. ער איז געווען דער ערשטער שאַפער פונעם יידישן אַרבעטער־ליד און דער ערשטער סאָציאַליסטישער פּראָזע־שרייבער. זינט 1894 — אין אַמעריקע. אַ גרויסע ליטעראַרישע פּערזענלעכקייט: מחבר פון פיל קריטיק, פּאָעטישע, בעלעטריסטישע, סאַטירישע קינסטלערישע ווערק. צען בענד פון זיינע געזאַמלטע ווערק זיינען דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1927 (אין „פרייהייט״־פאַרלאַג) אונטער דער רעדאַקציע פון קלמן מרמר (1876־1956). אין זיין ליד האָט ער זיך באַנוצט מיט פאַרשיידענע זשאַנרען (אויך ליבע־לידער און סאָנעטן); ער איז געווען דער „פאָטער״ און מייסטער פונעם קאַמף־ליד. צו אַ צאָל פון זיינע לידער איז געשאַפן געוואָרן מוזיק און זיי זיינען געזונגען געוואָרן (און ווערן עד־היום געזונגען) ווי פאָלקס־לידער. ער איז געווען אַ מיט־גרינדער פון דער „פרייהייט״ (איצט — „מאָרגן־פרייהייט״) אין 1922. אין 1924 אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

די לידער פון ווינטשעווסקי (ווי די לידער פון די אַנדערע דריי פּיאָנערן, (עדעלשטאַט, באָוושאָווער און ראָזענפעלד) האָבן באַגייסטערט די מאַסן יידישע אַרבעטער צום קאַמף. זיי זיינען געזונגען געוואָרן אין שעפּער און אויף מאַסן־

מיטינגען אין אַמעריקע, און אויך אין צאַרישן רוסלאַנד — אויף געהיימע „סכאָדקעס". זיי זיינען געהייליקט געוואָרן דורך דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון רעוואָלוציאָנערן — קרבנות פון צאַריזם. דער צאַרטער, רעוואָלוציאָנערער דיכטער־מאַרטירער, עדעלשטאַט, איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט (אין דענווער, קאָלאָראַדאָ) אין עלטער פון 26 יאָר. דער שאַפער פון מעכטיקע, רעוואָלוציאָנערע, פלאַמיקע געזאַנגען, באָרושאַווער, האָט זינט 1899, ביז זיין טויט אין 1915, געפלאָגט זיך אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע. יאָרן־לאַנג האָט זיך אין די שוויץ־שעפער געמאָטערט דער גרויסער אַרבעטער־דיכטער, דער פּאָעט און דערציילער פון שער־און־אייזן, מאָריס ראָזענפעלד, דער „טרערן־מיליאָנער", דער שאַפער אויך פון לויטערן, קרעפטיקן לירישן און באַטור־ליד, וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף פיל שפּראַכן און געוואָרן וועלט־באַרימט. די באַגייסטערטע, האַרציקע געזאַנגען פון אָט די פיר פּראָלעטאַרישע דיכטער (ראָזענפעלד האָט אויך געשאַפן לידער אויף נאַציאָנאַלע מאָטיוון) זיינען געווען אַן אָרגאַנישער טייל פונעם קאַמף פון די יידישע אַרבעטער (צוזאַמען מיט ניט־יידישע אַרבעטער) פאַר בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און קעגן דער רויבערישער סיסטעם פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע.

„אונדזער פאָן איז רויט, ליבע ברידער, ווייל מיר ווילן, אַז קיינער זאָל מער ניט זיין בלאָס", האָט קלוג און בביאיש געזונגען דער „זיידע" מאָריס ווינטשעווסקי אין זיין ליד „די רויטע פאָן". „צום פאָלק וועל איך פון קבר זינגען און וועל באַגייסטערן זיין האַרץ!"... האָט געזונגען דוד עדעלשטאַט אין זיין ליד „מיין צוואה". „איך קום, ווי אַ שטאָלצער קאָמעט, ווי די זון, ווען עס הויבט־אָן צו טאָגן", האָט געדונערט יוסף באָרושאַווער אין זיין מעכטיקן געזאַנג „רעוואָלוציאָן". „אויף דיין געוויסן, רייכער, אונדזער טרויער, אויף דיין געוויסן אונדזער פּלאָג", האָט געוואָרנט און געשאָלטן דער וואונדערלעכער זינגער פון די שוויץ־שעפער מאָריס ראָזענפעלד.

די לידער פון אָט די דיכטער האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער יידישער פּאָעזיע; זיי האָבן זי געענערט און באַרייכערט, שלייפנדיק, פיילנדיק, פּאָלירנדיק דאָס יידישע דיכטערישע וואָרט. פון גרויער נויט האָבן זיי אויסגעצויבערט סאָציאַלע קונסט. מיט יאָרן שפּעטער האָבן זיי אָפּגעקלונגען אין דער יונגער, פרישצאַפּלדיקער סאָוועטיש־יידישער פּאָעזיע באַלד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

אַרום די פיר פּיאָנערן האָבן זיך גרופּירט עטלעכע־און־צוואַנציק אַנדערע אַרבעטער־דיכטער, זינגער פון סאָציאַלע מאָטיוון און פּראָטעסטן. צווישן זיי: דוד גאָלדשטיין, נחום ב. באַבאַד, א. מ. שאַרקאַנסקי (זינגער פון פאָלקס־מאָטיוון), בנימין ראָזענבלום, יעקב מאַרינאָוו, יצחק ריינגאָלד, אברהם ראַדוצקי, און אַנדערע — אַ פּלעיאַדע קעמפערישע אַרבעטער־דיכטער. די טעמאַטיק פון יענע ערשטע פּיאָנערן־גרונטלייגער פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע האָט אָנגעהויבן ווערן אַלץ מער קאָנקרעט, רייכער און מער אויסגעברייטערט אין מאָטיוון.

צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציאָנערער יידישער אַרבעטער־דיכטונג אין יענעם פּעריאָד, צום סוף פונעם 19טן און אָנהויב פונעם 20טן יאָרהונדערט, הויבט־אָן

אויך וואַקסן און אַנטוויקלען זיך די בעלעטריסטיק, פּובליציסטיק, פּאָפּולערע וויסנ־שאַפט, ליטעראַטור־קריטיק — אַ ברייט־פאַרצווייגטע סאָציאַלע ליטעראַטור, אַ קאַמפס־ליטעראַטור.

דעם הויפּט־טאָן צווישן די אַרום זיבעציק ליטעראַטן און זשורנאַליסטן האָבן דאַן אין דער היגער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור געגעבן די סאָציאַליסטישע שרייבער; פיל פון זיי — ראַדיקאַלן און רעוואָלוציאָנערן נאָך אין צאַרישן רוס־לאַנד; פיל פון זיי — טוער, וואָרטזאָגער, אָרגאַניזאַטאָרס און פירערס פון דער היגער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. צווישן זיי זייַנען געווען — חוץ די פיר פּיאָנערן פון יידישן פּראָלעטאַרישן ליד און די דיכטער אַרום זיי — די פּובליציסטן, ליטעראַטור־קריטיקער און דעמאָלטדיקע סאָציאַליסטישע טוער: ב. פייגנבוים, פיליפּ קראַנץ, יעקב גאָרדין (שפּעטערדיקער וויכטיקער דערציילער, גרויסער דראַמאַטורג און רעפאָרמאַטאָר פון דער יידישער בינע), לואי מילער, אַב. קאַהאַן, אברהם ליעסין (גאָר באַדייטנדיקער פּיאָנער־דיכטער פון סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און לירישע מאָטיוון), מ. לעאָנטיעוו (ל. מאָיסעיעוו), אלכסנדר האַרקאַווי, דר. י. א. מעריסאָן, יעקב מילך, מ. זאַמעטקין, דר. אב. קאַספּע, יואל ענטין, ש. יאַנאָווסקי, ב. גאָרין (דערציילער און פאָרשער פון דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער), ל. בודיאַנאָוו (ל. בודין), און אַנדערע (ל. בודיאַנאָוו און י. מילך האָבן שוין אין די נייַנציקער יאָרן געשאַפן ליטעראַטור־קריטיק — פון אַ מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט).

צום עלטערן שרייבער־דור, וואָס האָט אין יענעם פּעריאָד געווירקט און גע־שאַפן אין אַמעריקע, געהערן אויך: דער פאָלקס־זינגער אליקום צונזער, שמ״ר (נ. מ. שייקעוויטש), מ. זייפערט, מחבר פון בוך „ניו יאָרק, ווי עס לאַכט און וויינט״; נפתלי־הערץ אימבער, י. קאָפּעלאָוו, י. א. קאַצאָוויטש, פּראָפ. געצל זעליקאָוויטש, עוזר סמאָלענסקין, א. ל. וואָלפסאָן, שלמה שמולעוויטש, ב. וולאַדעק, פּנחס יאַסי־נאָווסקי, משה קאַרמאַן, מיכל קאַפּלאַן, פּ. מ. ראַסקין.

דער צווייטער שרייבער־דור

אין די נייַנציקער יאָרן הויבן־אָן ווערן באַוואוסט די נעמען פון די דערציילער און דראַמאַטורגן: לעאָן קאָברין (1872־1946), יעקב גאָרדין, ז. ליבין (1872־1955), ב. גאָרין (1868־1925). דער טראָפּ איז נאָך אַלץ מערסטנס געשטעלט געוואָרן אויף דער סאָציאַלער פונקציע פון ליטעראַטור, אויף סאָציאַליסטישער אויפקלערונג. אין דער בעלעטריסטיק, אין דער ליטעראַטור־קריטיק, ווי אין דער פּאָעזיע, איז די הויפּט־השפּעה געגאַנגען פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור־קריטיק (פּיסאַרעוו, דאָבראָליובאָוו, בעלינסקי, טשערנישעווסקי) און פון דער געזונטער פאָלקס־געטרייער רעאַליסטישער טראַדיציע פון דער רוסישער ליטעראַטור (פּוש־קין, גאָגאָל, ניעקראַסאָוו, ליערמאָנטאָוו, טורגעניעוו, טאָלסטאָי, קאָראָלענקאָ, טשעכאָוו).

ל. קאָברין, אַן אויסגעצייכנטער רעאַליסט אויף דער בינע און אין דער דער־

ציילונג (צוזאַמען מיט יעקב גאָרדין), אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכער טוער, אַן אײַ־בערזעצער פון אייראָפּייאישע קלאַסיקער, האָט זיין רייכע שעפערישע טעטיקייט אָנגעהויבן מיט ברייטע, געטרייע שילדערונגען פון יידישע עקספּלואַטירטע שאַפּ־אַרבעטער, פון אָרעמע יידישע איינוואוינער פון די דלותדיקע טענעמענט־הייזער אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סאַיד. אַ מייסטער פון מאַסן־סצענעס, אַ מאָלער פון סטרייקס און סטרייק־פּירערס. זיינע נאָוועלן און דראַמאַטישע ווערק („יאַנקל בוילע", „מינע") האָבן שוין אין די ניינציקער יאָרן געמאַכט אַ טיפן רושם.

ז. ליבין האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע הונדערטער פּשוטע, פאָלקס־טימלעכע, וואַרעמע דערציילונגען און סקיצן פון פּשוטן אַרבעטער־לעבן, פונעם לעבן־שטייגער פון אָרעמע יידישע פּאַרדאגהטע אימיגראַנטן. אין זיין אויטאָבי־אָגראַפיע האָט ער געשריבן: „איך קאָן נאָר שרייבן וועגן די קרבנות פון נויט און דחקות, פונעם לעבן פון די יידישע אַרבעטער, ווייל נאָר דעם לעבן קאָן איך".

שוין אין יענעם פּעריאָד האָט אָנגעהויבן אַלץ מער פאַרשטאַרקט ווערן דער „קולטור־אויסטויש" צווישן די יידישע ליטעראַטורן פונעם אַמעריקאַנער יידישן ישוב און דעם יידישן ישוב אין רוסלאַנד.

אין די ערשטע יאָרן פונעם 20טן יאָרהונדערט האָבן אויפן אַמעריקאַנער באָדן אָנגעהויבן לויכטן די שטערן פון די גרויסע דיכטער אברהם ליעסין (1872־1938, פען־נאָמען פון אברהם וואַלט, אין אַמעריקע זינט 1897), יהואש (1870־1927, אין אַמעריקע זינט 1890) און דוד פּינסקי (1872־1959, אין אַמעריקע זינט 1899), באַ־רימטער דערציילער און דראַמאַטורג. ליעסין, אַקטיוו אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אין אַמעריקע זינט 1897, איז שוין אין רוסלאַנד געווען באַוווּסט מיט זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און מיט זיינע הייסע, רעוואָלוציאָנערע לידער. אַ פלאַמענדיקער דיכטער פון רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק, פון העלדן־עפּיק, פון היסטאָרישע, נאַציאָנאַלע און ביבלישע מאָטיוון, האָט ער (אויך אַ קרעפטיקער פּובליציסט) פאַרנומען אַן אויבנאָן אין דער יידישער פּאָעזיע. ער האָט אַרויסגע־וויזן טיפע פאַרערונג פאַר די שאַפונגען און בייטראָגן פון מ. ווינטשעווסקין. אַ היפּשער טייל פון זיין דיכטונג איז אָבער נאַציאָנאַליסטיש באַפאַרבט. יהואש (בלומגאַרטן), אַ זוכער פון נייע פאָרמען אין קונסט, האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין גרויסן פּאָעטישן ווערק „אין געוועב". שפּעטער איז ער געקומען צו זיין מאָנומענטאַלער דערגרייכונג: זיין תנ"ך־איבערזעצונג, וועלכער ער האָט געווידמעט יאָרן פון מי און שעפערישקייט. ער איז אויך דער מייסטער־איבערדיכטער פון לאָנגפעלאָוס „היאַוואַטאַ".

די „יונגע" און די „אינזיכיסטן"

מיטן וואוקס פון די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער־מאַסן אין אַמעריקע, און גלייכצייטיק מיטן פּאַראַלעלן וואוקס פון דער יידישער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַוועגונג, איז אַלץ מער געשטיגן די קינסטלערישע אַנטוויקלונג פון דער אַמע־

ריקאַנער ייִדישער ליטעראַטור (פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמע, ליטעראַטור־קריטיק, עסייאיסטיק, וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור). עס קומען־אויף די נעמען פון אַזעלכע אייגנאַרטיקע, טאַלאַנטפולע דיכטער ווי משה נאַדיר, משה־לייב האַלפּערן, מאַני לייב, ה. רויזענבלאַט, יוסף ראָלניק, י. י. שוואַרץ, מ. י. חיימאָוויטש, יואל סלאָנים. זינט 1914 באַזעצט זיך אין ניו־יאָרק דער גרויסער פאָלקס־דיכטער און מייסטער־דערציילער, אברהם רייזען, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין רוסלאַנד אין די נײַנציקער יאָרן אין אײַן צײַט מיט ליעסינען, יהואש, פּינסקין, און איז שוין געווען באַרימט מיט זײַנע רירנדיקע לידער פון שווידערלעכער בויט אין די ווייסרוסישע שטעטלעך. אָט דער שאַפער פון די סאָציאַלע לידער „הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן", די „קירכן־גלאָקן", „די וואַנט", און פון די סענטימענטאַלע דלות־לידער, פול מיט פּאַטאָס און מיט עכטער פּשטות און תמימות, איז געווען דער פּאָפּולערסטער שרײַבער פון זײַן דור (צוגלײַך מיט שלום אַש). ער איז אויך געווען באַקאַנט ווי דער „ייִדישער טשעכאָוו".

עס שײַנען־אויף די נעמען פון אַזעלכע קערנדיקע קינסטלער־דערציילער און שאַפער פון מאָדערנע גרויסשטאָטישע ראָמאַנען, ווי דוד איגנאַטאָוו (1885־1954), „אין קעסלגרוב" און אַנדערע), י. אָפּאַטאָשו (1887־1954), אייזיק ראַבאָי (1882־1944), ל. שאַפּיראָ (1878־1948, אין אַמעריקע זינט 1906), מייסטער פון צימצומדיקן, געשליפענעם פּראָזע־סטיל.

עס הויבט זיך אָן אַרום 1912, ערב דעם ערשטן וועלט־קריג, אַ נײַער פּעריאָד, אַ נײַע ליטעראַרישע ריכטונג — די גרופּע „יונגע", וואָס קאָנצענטרירט זיך אַרום די זאַמלביכער „שריפטן" (8 בענד פון 1912 ביז 1926). אָט די גרופּע האָט אײַנגעשלאָסן די דיכטער: זישע לאַנדוי, ראובן אײַזלאַנד, יוסף ראָלניק, מאַני לייב (אײנער פון די צאַרטסטע, לירישסטע דיכטער און באַלאַדן־זינגער), משה־לייב האַלפּערן (שפּעטער — אַ ראַדיקאַל און סאָציאַלער בונטאַר, אײנער פון די אָריגינעלסטע ייִדישע פּאָעטן, דיכטער פון גבורהדיקן ליד, פון שאַרפער גאַליקער סאַטירע און פון סאָציאַלן פּראָטעסט), י. י. שוואַרץ (מחבר פון וויכטיקן עפּישן ווערק „קענטאַקי", זינגער פון אַלט־ליטווישע אָרעמע ייִדישע שטעטלעך, איבערדיכטער פון אַלטער און נײַער העברעיִשער פּאָעזיע), יואל סלאָנים, ה. לייוויק, משה נאַדיר, א. מ. דילאָן, מ. י. חיימאָוויטש און אַנדערע.

די דאָזיקע ריכטונג אָדער גרופּע איז געקומען מיטן לאָזונג: „קונסט לשם קונסט!", מיט שטימונגען פון דעפּיטיזם און דעקאַדענץ (אונטער דער ווירקונג פון דער ירידה און פּעסימיזם, וואָס האָט געהאַט אַרומגעכאַפּט אַ טייל פון דער אינטעליגענץ נאָכן דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905). באַאײנפלוסט פון די סימבאָליסטישע ריכטונגען אין רוסלאַנד און דײַטשלאַנד, האָבן די „יונגע", אין נאָמען פון עסטעטיזם און פאָרמאַליזם, פון „ריינער קונסט", אויפגעהויבן אַ קאַמף קעגן סאָציאַלע מאָטיוון און אידייען, קעגן געזעלשאַפטלעכקייט אין דער ליטעראַטור, אפילו קעגן דער השפּעה, קעגן דעם רעאַליזם און פאָלקישקייט פון די ייִדישע קלאַסיקער: מענדעלע, שלום־עליכם, י. ל. פּרץ. זיי זײַנען געקומען

מיט „איך״־לידער, מיט מאָטיוון פון מיסטיק, אומקום, סימבאָליזם, קעגן מאָטיוון פון „וואָכעדיקן״ לעבן, פון שאַפ און אַרבעט, פון קאָלעקטיוו.

די „יונגע״, אַ פּראָדוקט פון אַ באַשטימטער סאָציאַלער סביבה, זיינען ניט געווען קיין איינהייטלעכע גרופּע. מיט דער צייט איז זיך אָט די גרופּע ווי אַזאַ צעפאַלן. אייניקע פון זיי זיינען צוגעשטאַנען צום לינקן, פּראָגרעסיוון לאַגער, וואו זיי האָבן געשאַפן אין משך פון יאָרן (ווי מ. ל. האַלפּערן, משה נאַדיר, א. אַנד.) אָדער זיינען דאָרט פאַרבליבן ביזן סוף פון זייער לעבן (א. ראַבאָי); אַנדערע זיינען אַוועק צו נאַציאָנאַליזם און גאָט־זוכעניש. קינסטלעריש, שעפעריש האָט זיך יעדער איינער פון זיי פאָרמירט אויף זיין אינדיווידועלן, ספּעציפישן אופן, לויט זיינע כוחות, און אייניקע פון זיי האָבן פאַרצייכנט וויכטיקע ליטעראַרישע בייטראָגן. א. ראַבאָי האָט באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור מיט זיין „הער גאָלדענבאַרג״, „דער קאובאָי״, „די ניין ברידער״ (וועגן ניו־יאָרקער שאַפ־לעבן); י. אָפּאַטאָשו, מיט זיין היסטאָרישן ראָמאַן „אין פּוילישע וועלדער״, „אַ טאָג אין רעגענסבורג״, „היברו״, „פון ניו יאָרקער געטאָ״ און אַנדערע לעבעדיקע, רעאַליסטישע ווערק וועגן יידישן לעבן אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סאַיד (אויך מיט זיין טרילאָגיע וועגן דעם בר־כוכבא אויפשטאַנד און מיט זיינע דערציילונגען וועגן דער וואַרשע־ווער געטאָ); מ. נאַדיר, מ. ל. האַלפּערן — מיט גרויסע דיכטערישע ווערק וועגן ניו־יאָרק; י. י. שוואַרץ, מיט זיין זאַפּטיקן, קערנדיקן עפּאָס.

די דאָזיקע גרופּע מאָדערניסטן־עסטעטן און קעמפער פאַר אַ נייעם סטיל, פאַר נייע טענער און קונסט־מעטאָדן, האָט אויך געבראַכט אַ פּאָזיטיוון בייטראָג צו דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער פּאָעזיע: זי האָט באַרייכערט און פאַרברייטערט די פערזן־טעכניק, די מעטאַפאָרן און אימאַזשן, אַריינגעבראַכט אַ וואַריאַציע פון טעמאַטיק און מאָטיוון, פאַרשאַרפט די באַוואוסטזיניקע באַציאונג צו פּאָעטיק, צו פאָרם, צו עקספּערימענטן אין דער ליטעראַרישער קונסט, צו וואָרט־ראַפינירונג.

דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־קריטיקער מ. אָלגין (1939־1878), לאַנג־יאָריקער רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרייהייט״, האָט אין אַן אַרטיקל (אין „יידישע קולטור״, 1939, 12־11) דערקלערט: „די ׳יונגע׳ האָבן ניט געבילדעט קיין ׳שול׳ אין פּרט פון אידעאָלאָגיע: עס איז שווער צו געפינען אַ פּאָזיטיווע אידייען־קרובהשאַפט, ניט צו רעדן וועגן אידייען־געמיינשאַפט, צווישן זישע לאַנדוי, וואָס האָט זיך אויסגעלאַכט פון דער וועלט; משה־לייב האַלפּערן, וואָס האָט גע־וויטיקט פון די אומפּאָלקאָמענהייטן פון דער וועלט; ה. לייוויק, וואָס האָט זיך פיל מער אינטערעסירט מיט די אייגענע איבערלעבונגען, ווי מיט דער גאַנצער אָביעקטיווער וועלט; י. אָפּאַטאָשו, וואָס האָט זיך געוואונדערט מיט קינסטלע־ריש נייגיר איבער דער טשעקאַווישקייט פון דער אַמעריקאַנער וועלט; משה נאַדיר, וואָס האָט זיין ניו־יאָרק פאַרצירט מיט פליטערלעך און פאַטשערקעס, גע־בראַכט פון דער גאַליציאַנער־נאַראַיעווער וועלט; און א. ראַבאָי, וועמען ס׳האָט גאָר געצויגן אַרויסצוציבערן פון זיין פאַנטאַזיע אַ שענערע, אַ אידעאַליזירטע וועלט...״

אַנווייזנדיק, אַז ס׳איז דאָך פאַראַן „עפּעס אַזוינס, וואָס עס פאַראייניקט אָט די

„גרופּע", האָט מ. אָלגין דערקלערט: „זיי אַליין האָבן געמיינט, אַז זיי אונטערשיידן זיך פון די צוויי פריערדיקע דורות יידישע שריפטשטעלער אין אַמעריקע (וויב־טשעווסקי, באָוושאָווער, עדעלשטאַט, ראָזענפעלד און קאָברין, ליבין, פּינסקי) דערמיט, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט וויסן פון קיין איזמען. זייער מאָטאָ איז, כלומרשט, געווען: „ניט סאָציאַליזם און ניט נאַציאָנאַליזם", אָדער, ווי איינער פון זיי האָט דאָס פאָרמולירט: זיי ווילן ניט קיין געטער. זיי האָבן זיך באַוואוסט־זיניק אָפּגעטיילט פון די עלטערע שריפטשטעלער, וואָס זיינען אַלע געווען סאָציאַ־ליסטן, האָבן זיך אינטערעסירט מיט סאָציאַלע פראַגן און געשטיצט די אַרבעטער־באַוועגונג. און אַמאָל געצאָלט צינז דעם נאַציאָנאַליזם... דער אמת איז אָבער, אַז אויך ביי די „יונגע" האָט מען געקענט אַנטדעקן די „איזמען", כאָטש אין קלע־נערע דאָזעס. לייוויק איז געווען אַ סאָציאַליסט, וואָס האָט זיך געגרויסט מיט זיין סיבירער רעקאָרד; אייזלאַנד האָט אין זיינע אידיליעס שיער ניט געגעבן אַ טאָן פון אַשס „שטעטל"דיקע מאָטיוון; משה־לייב האַלפּערן איז געווען אַ סאָ־ציאַלער בונטאַר; אָפּאַטאָשו האָט געוויזן קלאָרע סימפּאַטיעס פאַר דער אָרעמ־שאַפט; איגנאַטאָוו האָט געמאַכט עקספּערימענטן אין חסידישער מיסטיק, בשעת משה נאַדיר האָט מיט זיין סאַטירע געפּראוווט באַקעמפן דעם סאָציאַליזם (אַנטי־סאָציאַליזם איז אויך אַן 'איזם')"...

יאָ, מיט דער צייט זיינען די "יונגע" אַוועק פון זייער „פּרינציפּ" פון „ניט־געזעלשאַפטלעכקייט".

מיט דער צייט קומען־אויף נייע שרייבער־גרופּעס אָדער ריכטונגען. אינדי־ווידועלע שרייבער־פּערזענלעכקייטן הויבן־אָן פאַרנעמען אַ חשוב אָרט אין דער ליטעראַטור: די דערציילער פּרץ הירשביין (מחבר פון ראָמאַן־טרילאָגיע „בבל", וואָס נעמט־אַרום אַ צייט־אָפּשניט פון 70 יאָר וועגן יידישן ישוב אין ניו־יאָרק, באַרימטער דראַמאַטורג, וואָס האָט געלונגען אַריינגעוועבט יידישן פאָלקלאָר אין זיינע פּיעסן), זלמן שניאור, ברוך גלאַזמאַן, י. י. זינגער, ב. עפּלבוים; די דיכטער: מנחם באָריישאָ, אפרים אויערבאַך, ז. וויינפּער, מלך ראַוויטש, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, א. ניסענסאָן, י. י. סיגאַל, איציק מאַנגער, אהרן צייטלין. די טעמאַטיק שליסט־איין: די „אַלטע" און די „נייע" וועלט, שטעטל און גרויסשטאָט, דאָרף־מאָטיוון און אור־באַניזם. די ליטעראַטור רופט זיך אָפּ אויף די געשעענישן פון ערשטן וועלט־קריג, פּאָגראָמען אויף יידן, סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, געשעענישן אין לאַנד.

אין 1920 קומט־אויף די דיכטער־גרופּע „אינזיכיסטן", אָדער „אינטראָספּעק־טיוויסטן", אָנגעפירט דורך א. לעיעלעס־גלאַנץ, יעקב גלאַטשטיין און נ. ב. מינקאָוו. אָט די גרופּע איז אַרויסגעטראָטן קעגן ליריזם, פאַר דעם באַנוץ פון פרייען (ווייסן) פערז. די „אינזיכיסטן" האָבן באַטאָנט דעם עלעמענט פון באַוואוסטזיניקייט אין פּראָצעס פון שאַפן, פון קאָפּ־אַרבעט (אינטעלעקטואַליזם, מוחדיקע באַציאונג) אין דיכטונג. זיי זיינען אַוועק צו אינדיווידואַליזם, צו אַקצענטירן דער עיקר דעם דיכטערס ענג־פּערזענלעכע שטימונגען, רעגונגען, איבערלעבונגען — צו דער שמאָלער סטעזשקע אָנשטאָט צום ברייטן לעבנס־וועג. אַנדערע מיטגלידער פון יענער גרופּע (אַרום זייער חודש־זשורנאַל „פאַר אינטראָספּעקטיווער דיכטונג",

„אין זיך") זיינען געווען: ראובן לודוויג, בערנאַרד לואיס, מיכל ליכט, ב. אַלקוויט, יעקב סטאָדאָלסקי, שלמה שוואַרץ, מ. אַפּראַנעל, י. א. ווייסמאַן אל. גוריה.

אין זייער זאַמלונג פון 1920 האָבן די „אינזיכיסטן" דערקלערט: „מיכל גאָרדאָן, שמעון פרוג, מאָריס ראָזענפעלד, אברהם רייזען, א. ליעסין, ה. רויזענבלאַט — זיינען אַלע גוט אין זייער צייט, אָבער אַלע בלויז אין זייער צייט"... „איינהאָרן, מנחם, מאַני לייב, זישע לאַנדוי, ראָלניק, סלאָנים, שוואַרץ, אייזלאַנד, מ. ל. האַלפּערן, ב. לאַפּין — אַט די אַלע זיינען אויך גוט און גוט אין זייער צייט". די „אינזיכניקעס" האָבן זיך אַרויסגעשטעלט פאַר די, וואָס זיינען באַרופן אָנצופירן מיט דער וויטער־דיקער ריכטונג און אַנטוויקלונג פון דער יידישער דיכטונג. „בלויז איינער פון די עלטערע פאָרשטייער פון די יידישע פּאָעטן, האָט, לויט זייער מיינונג, אַריבערגע־שפּרייזט דעם גרענעץ פון צייט און איז פאַר אונדז ניט בלויז אַ פאָרלויפער, נאָר אַ מיט־פּאָעט — דאָס איז יהואש... און מיר ווילן פאַרצייכענען, אַז מיר האַלטן אים פאַר איינעם פון אונדזערע נאָענטע". און אויף נאָך איין אויסנאַם האָבן זיי אַנגעוויזן: „...דאָס איז ה. לייוויק... אויך אים האַלטן מיר פאַר נאָענט צו אונדז". די „אינזיכיסטן"־גרופּע עקזיסטירט שוין לאַנג ניט ווי אַ קאָלעקטיוו. בלויז איינצלנע פון זיי — גלאַטשטיין (דיכטער פון שפּילעוודיקן, שאַרפזיניקן, אי־ראָנישן, סאַטירישן פערז), מינקאָוו, לעיעלעס — האָבן באַוויזן צו שאַפן וויכטיקע פּאָעטישע ווערק (מינקאָוו און גלאַטשטיין האָבן אויך געגעבן איניקע וואַגיקע זאַמלונגען פון ליטעראַרישע עסייען).

סיי די „יונגע", סיי די „אינזיכיסטן", האָבן דער עיקר אונטערגעשטראָכן פאָרם (אַפּט אויפן חשבון פון אינהאַלט), דעם ווי אַזוי (צומאָל אויפן חשבון פון וואָס). זייער וועג איז אין משך פון אַ צייט געווען דער וועג פון פאָרמאַליזם, אינדיווידו־אַליזם, פּאָעזיע לשם פּאָעזיע; מיט דער צייט זיינען זיי צוגעקומען נעענטער צו סאָציאַלע מאָטיוון.

„פּראָלעטפּען" — פּראָגרעסיווע שרייבער

מיטן אויפקום פון דער סאָוועטן־מאַכט, מיט דער פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסן־קאַמף אין אַמעריקע, און מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דער אָרגאַניזירטער אַרבע־טער־באַוועגונג דאָ אין לאַנד אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן, האָבן די פּראָגע־שריטענע יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע באַשלאָסן אַרויסצו־געבן זייער אייגענע צייטונג, אַ טריבונע פון קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם און רעאַק־ציע, פאַר אַ פּראָגרעסיווער יידישער קולטור, בעסער לעבן. דעם 2טן אַפּריל, 1922, איז געבוירן געוואָרן די „פרייהייט" (איצט „מאָרגן־פרייהייט") מיט אַלגין אַלס רעדאַקטאָר. אין משך פון אַ צייט איז שכנא עפּשטיין געווען רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. זינט נאָוועמבער, 1939, ווען משה אַלגין איז געשטאָרבן, ווערט די צייטונג רעדאַקטירט דורך פּ. נאָוויק. אַרום אַט דער צייטונג האָבן זיך גרופּירט סאָציאַליסטיש־דענקענדיקע שרייבער־פּובליציסטן, דיכטער, דערציילער, ראָמאַ־

ניסטן, ליטעראַטור־פאַרשער. עס זיינען אין ערשטן פעריאָד צו איר צוגעשטאַנען שרייבער־„מיטלויפער", איינציקע פון די „יונגע". צווישן זיי די דיכטער און דער־ציילער : ה. לייוויק, א. רייזען, מנחם באָריישאַ, מאַני לייב, משה נאַדיר, ז. וויינפער (שפּעטערדיקער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון „איקוף", באַדייטנדיקער דיכטער, דערציילער און עסייאיסט), מ. ל. האַלפּערן, צבי הירשקאַן (מחבר פון „באַריס קאַבאַלקין" און אַנדערע ווערטפולע ווערק, געשטאָרבן אין 1938), א. לוצקי, ב. גלאַזמאַן (מחבר פון „סטעפּ" און „ישוב", „אויף אַ האָר" און אַנדערע נאָוועלן און ראָמאַנען), פסח מאַרקוס (מחבר פון „דער ווילנער גאון" און אַנדערע), שפּעטער — י. מעצקער (מחבר פון „ערד און זון", דעם „זיידנס פעלדער"), און אַ היפּשע צאָל אַנדערע. שפּעטער זיינען איינציקע פון אָט די שרייבער אַוועק פון דער „פריי־הייט" („מאָרגן־פרייהייט") — אַנדערע ווידער זיינען פאַרבליבן אין דעם פּראָ־גרעסיוון לאַגער (הירשקאַן, ראַבאַי, וויינפער, אויך : ל. קאַברין, י. מילך, דר. ח. זשיטלאָווסקי, א. אַנד.). אויך ראובן ברייניין איז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געשטאַנען נאָענט צום פּראָגרעסיוון יידישן לאַגער.

אין 1929 איז (אונטער אָלגינס פירערשאַפט) געגרינדעט געוואָרן דער פאַרבאַנד פון יידישע פּראָלעטאַרישע שרייבער אין אַמעריקע : „פּראָלעטפּען". אין משך פון די פריערדיקע צוואַנציקער יאָרן ביז דער „פּראָלעטפּען"־גרינדונג האָבן פונק־ציאָנירט די פּראָלעטאַרישע שרייבער־גרופּעס : „יונגער אַרבעטער־שרייבער־פאַר־איין", „יוניאָן סקווער" און דער „פרייהייט שרייבער־פאַראיין". זיי האָבן אַרויס־געגעבן די זשורנאַלן „יונג קוזניע", „יוגנט". דער „פּראָלעטפּען" האָט אַרויסגע־געבן (אין 1930) דעם זאַמלבוך „יוניאָן סקווער", אין די דרייסיקער יאָרן — דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „דער סיגנאַל". סוף צוואַנציקער יאָרן האָט אויך אָנגעהויבן דערשיינען דער מאַרקסיסטישער זשורנאַל „דער האַמער". שפּעטער זיינען צוגע־קומען נאָך זשורנאַלן : „פּראָלעטאַרישע דערציאונג", „היים און דערציאונג", נאָך שפּעטער — „יידיש אַמעריקע" ; אין די לעצטע צען יאָר — „זאַמלונגען", אַרויס־געגעבן דורך דעם יידישן שרייבער־פאַראיין ביים „איקוף". דער „איקוף" גיט אַרויס זינט סוף 1938 דעם חודש־זשורנאַל „יידישע קולטור". אָט דער זשורנאַל, אונטער דער רעדאַקציע פון נחמן מייזיל, איז איצט פון די בעסטע ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע צייטשריפטן אין דער יידישער וועלט. דער זשורנאַל איז די „היים" און טריבונע פון ממש הונדערטער יידישע דיכטער, דערציילער, עסייאיסטן, דראַמאַ־טורגן, היסטאָריקער אין אַמעריקע און אין פיל אַנדערע לענדער.

די פּראָלעטאַרישע שרייבער, אָרגאַניזירט אין „פּראָלעטפּען" (עקזיסטירט אַרום אַכט יאָר), האָבן אין די צוואַנציקער און אָנהויב דרייסיקער יאָרן אָנגע־הויבן שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין דער יידישער ליטעראַטור. זיי האָבן געשאַפן אַן אויסגעשפּראָכענע, ליטעראַרישע ריכטונג, וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף פיל אַנדערע שרייבער. זייער הויפּט־לאָזונג איז געווען : „מיטן פּנים צו אַמעריקע, מיטן פּנים צום היינט, מיטן פּנים צום אַרבעטער־קלאַס". עס זיינען דאַן געווען הונגער־יאָרן, יאָרן פון רוזיקע אויפברויזן אין לאַנד. די פּראָלעטאַרישע שרייבער האָבן אין דער יידישער דיכטונג און פּראָזע אַריינגעבראַכט נייע רעוואָ־

לוציאָנערע טענער און מאָטיוון. זיי האָבן זיך אָפּגערופֿן אויף די וויכטיקע סאָציאַלע קאַמפֿן אין לאַנד. אַרבעטער־נויט, הונגער, עקספּלואַטאַציע אין די פֿאַבריקן און אויף די פֿאַרמס, קאַמפֿן פֿון אַרבעטלאָזע פֿאַר סאָציאַלער און אַרבעטלאָזיקייט־פֿאַרזיכערונג, הונגער־מאַרשן און אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס, קאַמפֿן קעגן מלחמה, קעגן די פֿאַרברעכנס פֿון ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם, און ענלעכע „פּראָזאַאישע" ענינים, אָפּגערעדט שוין פֿון דער ברייטער אַמעריקאַנער פּאַנאָראַמע, — זיינען געווען די הויפּט־מאָטיוון און טעמעס אין די ווערק פֿון אָט די שרייבער. מיט דער צייט האָבן זיי אַלץ וווּרקזאַמער, קינסטלערישער, מיט גרעסערער פֿאַכמענישקייט, פּסיכאָלאָגיש פֿאַרטיפֿט זייערע ווערק. פֿיל פֿון אָט די שרייבער זיינען אַליין געווען שאַפּ־אַרבעטער אָדער שול־לערערס, האָרעפּאַשנע ראַדיקאַלע אינטעלעקטואַלן. אין די שאַפֿונגען פֿון אָט די שרייבער איז פֿאָרגעזעצט געוואָרן — מיט נייע, מאָדערנע קונסט־מיטלען — די ווינטשעווסקי־עדעלשטאַט־באָוושאָווער־ראָזענפֿעלד־טראַדיציע אין דער ליטעראַטור. פֿיל פֿון זייערע לידער האָבן זיך איבערגערופֿן מיט די סאָוועטיש־יידישע דיכטער.

די רשימה פֿון יענע שרייבער האָט איינגעשלאָסן — אַריינגערעכנט צוגעקומענע נאָך 1929 — די פּאָלגנדיקע דיכטער, פּובליציסטן, דערציילער: ש. אַלמאַזאָוו, פּעסי באַך, י. מ. בודיש, מאַרטין בירנבוים, בער גרין (א. פּרינץ), שלמה דאַווידמאַן, ל. דינסקי, ש. דייקסעל, לואי האַרקאַווי, פּוליע טשערנער, פּ. יודיטש, ראובן יוקלסאָן, לעאָן יורמאַן, כאַווער־פּאַווער (גרשון איינבינדער), לאַזאַר לאַמפּעל, סעם ליפּצין, ס. ד. לעווין, בערטאַ לעלטשוק, ב. מאָזער, ל. מילער, גינאַ מעדעם, פּייוול מעלצער, פּ. נאָוויק, מ. א. סול, משה סטרוגאַטש, דוד סעלצער, שרה פֿעל־יעלין, י. פֿריד, נ. ד. קאָרמאַן, אהרן קורץ, י. א. ראָנטש, חיים שוואַרץ, משה שיפֿריס, און די פּאַרשטאָרבענע שרייבער: משה אָלגין (משה־יוסף נאָוואָמיסקי), שרה באַרקאַן, י. ב.ביילין, משה באָרנשטיין, נ. בוכוואַלד, מ. בלעכמאַן, ב. צ. בורשטאָק, ל. גאָרעליק, י. גרינשפּאַן, חיים מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן, רחל האָלטמאַן, משה האָלטמאַן, אב. וויקטאָר, שפֿרה ווייס, נחום ווייסמאַן, זישע וויינפּער, דבורה טאַראַנט, ל. כאַנוקאָוו, י. כאַשמאַל (לייבוש קאַץ), משה כץ, זוני מאָוד, א. מייזעל, א. מ. מאַנדעלבוים, קלמן מרמר, א. ניסנעוויטש, משה נאַדיר (יצחק רייז), יצחק אפֿרת, לייב סאָברין, אייזיק פּלאַטנער (געשטאָרבן אין מינסק), בצלאל פֿרידמאַן, יאָסל קאָטלער, לאה האָפֿמאַן־קאַפּעלאָוויטש, מאיר קראַוועץ, אייזיק ראַבאָי. דאָס צעטל שליסט־איין אויך די פֿאָלגנדיקע, וואָס האָבן פֿאַרלאָזט דעם פּראָגרעסיוון סעקטאָר (אָדער זיך געשטעלט שאַרף קאַטעגאָריש קעגן אים): ל. פֿיינבערג, ב. פֿענסטער, פּ. סאַנדלער, וויליאַם אייבראַמס, אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ, מעינקע קאַץ, דוד קעשיר, אהרן ראַפּאָפּאָרט, מלכה לי, יאָסל קאָהן.

ערב און זינט דער גרינדונג פֿונעם „איקוף" (אין 1937) און זיין חודש־זשורנאַל „יידישע קולטור", זיינען צום פּראָגרעסיוון לאַגער צוגעקומען נאָך דיכטער, דערציילער און פּובליציסטן, צווישן זיי: אברהם ביק, שלום שטערן, דאָרע טייטלבוים, ש. בודין, אסתר כץ, יוסף ווייס, ברוך מילער, שלמה וואַסערמאַן, חנה סאַפֿראַן, אברהם יודין, פּ. האָנאָר, בען גאָלד, שמואל דן, רבקה רובין, ל. באַום, ש. בעלסקי, יודיקאַ, יעקב־לייב בעקער, ש. ווינער, ש. נעפּאָם, קלמן פֿרידמאַן, אַדעלע פֿרידמאַן, ראַשעל הירשקאַן־מילער, י. לייזעראָוויטש, משה קיש, י. אורבאַס, בנימין קאַץ, מינע סמאָלער, אהרן קרישטאַלקע, שרה קינדמאַן־מעסטעל, שין לעוו (לאַנדאַו), בעסי האַלאָוויץ, יוכבד אָלמאַן, פֿרומע האַלפּערן, בעלאַ גאָלדווירט, ש. י. קאָזיניץ, ס. בוימאַן, רפֿאל פּאָזנער, ירחמיאל פֿאַרבער, נ. פֿאָדעמבערג, ראָוז טאַנסק, מלכה גאָטפֿריד, א. שטראַוס, נ. קרופּין, ש. סעקולער, דאָרע ביירעק, פֿעני קאַופֿמאַן, אַניוטאַ גליקסמאַן, בלומע לאַמפּעל, וואָלף שאַפּין.

אַט די גרופּע פּראָלעטאַרישע שרייבער, צוזאַמען מיט די צוגעקומענע שרייבער פון די „יונגע" און מיט אַנדערע אַריבערגעקומענע, וואָס האָבן ניט געהערט צו קיין גרופּע, האָבן געשטרעבט צו געפינען געהעריקע קינסטלערישע מיטלען צו קענען פאַרוואַנדלען דעם רוי־שטאָף פון ברויזנדיקן אַרומיקן לעבן — אין ווירקנדיקער קינסטלערישער ליטעראַטור. זיי האָבן אויף אַט דעם וועג באַגעגנט אַ סך שטערונגען, שוועריקייטן — און האָבן דאָך פאַרצייכנט היפּשע דערגרייכונגען.

חוץ די אויבן־דערמאָנטע דיכטער פון פאַרשיידענע ריכטונגען און גרופּירונגען, דאַרף מען דערמאָנען אויך די דיכטער צווישן גרופּעס (וואָס מען קאָן ניט קלאַסיפיצירן ווי אַזעלכע, וואָס באַלאַנגען צו דער אָדער יענער באַשטימטער גרופּע): דוד אײנהאָרן, ה. רויזענבלאַט, מלך ראַוויטש, הערמאַן גאָלד, ב. לאַפּין, חיים גראַדע, א. אַלמי, א. בערגער, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, אהרן צייטלין, מ. באָריישאָ, מ. באַסין (אויך: אַנטאָלאָגיסט), איציק מאַנגער, אפרים אויערבאַך, עזרא קאָרמאַן, מאַרק שווייד, ל. בערמאַן, נחום יוד (משלים), ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, אהרן ניסענזאָן, אברהם טאַבאַטשניק, נפתלי גראָס, י. קיסין, אַלטער עסעלין, י. י. סיגאַל, בערטאַ קלינג, א. לוצקי, אַלעף כץ, מ. ז. טקאַטש, לוי גאָלדבערג, י. ל. קאַלושינער, בעריש ווײנשטיין, פּעסי הערשפעלד־פּאָמעראַנץ, ציליע דראַפּקין, ראַשעל וועפּרינסקי, אידאַ גלאַזער, אליעזר גרינבערג, קלמן הייזלער, מאַטעס דייטש, אַננאַ מאַרגאָלין, אסתר שומיאַטשער, ל. ראָזאָף, מרדכי יפה, פראַדל שטאָק, שרה רייזען, הינדע זאַרעצקי, ש. י. לאָנדינסקי, מאיר שטיקער, זעליג דאָרפמאַן, אסתר סיגאַל, ראָזע גוטמאַן, כאַסיע קופּערמאַן, איידאַ מאַזע, ברכה קודלי, משה וואַרשע, יוסף יפה, אַבא שטאָל־צענבערג, מאיר סעגאַל, י. ל. טעלער, שאול מאַלץ, הענעך אַקערמאַן, חיים פּלאַטקין, ח. ל. פוקס, רבקה גאַלין, ברכה קאָפּשטיין, כייקע אַבעלסאָן, מלכה חפץ־טוזמאַן, אָשר פּען, דוד אָפּאַלאָוו, גבריאל פּרייל, ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ, צבי שטאָק, ירמיה העשעלעס, אברהם טווערסקי, רייזל לאַנדוי, חיים קרול, וואָלף יונין, י. ח. ראַדאָשיצקי, י. ל. זיסעלמאַן, רחל קאָרן, מענדל נייגרעשל, ה. גאָלדאָווסקי, ס. טשעסטער, פּ. גודמאַן, דוד פּעפּער, הערשל מילער, ר. ז. ליליען, מ. נאַקס, נחום פּאָזנער, גרשון גראַפּשטיין, נחמיה קליין, אברהם רעגעלסאָן (איצט אין ישראל), משה שטיינהאַרט, מ. שאַפּיר, לעאָן קוסמאַן, מינאַ באָרדאָ־ריווקין, יצחק בלום, פּינטשע בערמאַן, מלך כמעלניצקי, י. גויכבערג, אברהם סאַפּירשטיין, זעליג העלער, אַבאָ אַבעלסאָן, רייזל זשיכלינסקי, מ. אָליצקי, לוי פרידמאַן, מרדכי ראָטענבערג, א. פריד־ווייבינגער, אהרן קאַרלין, הערש־לייב יונג, א. ש. שקאָלניקאָוו, ב. דיימאָנדשטיין, הערש גודעלמאַן, ז. בונין, י. ריווין, שבתי פּערל, ש. מיצמאַכער, י. י. פּיין־טווערסקי, דוד קריוויצקי, א. י. קריזאָווסקי, פּ. מ. ראַסקין, שלמה שניידער. פיל פון די אויסגערעכנטע דיכטער זיינען שוין אויפן עולם־האמת. (בלויז דריי פון אַט דער דיכטער־רשימה זיינען הי־געבוירענע: כאַסיע קופּערמאַן, סילוויע גובערמאַן, כייקע אַבעלסאָן).

דער אָנגעזעענסטער, אָריגינעלסטער און איינפלוסרייכסטער פון די מאָדערנע יידישע דיכטער אין אַמעריקע איז געווען ה. לייוויק (1888־1962). ער האָט אויך פאַרנומען אַן אויבנאָן אין דער יידישער דראַמאַטורגיע. אַט דער דיכטער האָט אין זיינע ווערק קינסטלעריש פאַראייביקט זיין יסורים־וועג פון אַ פּאָליטישן אַרעסטאַנט, אַ קאַטאָרזשניק און סיביר־פאַרשיקטן, אונטערן צאַרישן רעזשים. ער האָט געזונגען וועגן וועלט־צער, וועלכן ער האָט פאַרבונדן, פאַרוועבט מיט זיין פּערזענלעכן פּיין. אַריינפּאַלנדיק צייטנווייז אין שווערע שטימונגען פון יאוש, איז ער געבליבן אַ טרוימער פון מענטשלעכער דערלייזונג, אַ זינגער פון גאולה־מאָטיוון, אַ רופער פון — „גוואַלד, יידן, זייט זיך ניט מייאש!" („דער מענטש וועט נאָך ליכטיק זיין, ווי גאָטס געדאַנק" — אין „סאָנעטן־רינג"). דערביי האָט ער, אין

קלאַסישער פאָרם און אויך אין ראָמאַנטישן סטיל, דערגרייכט אַ הויכע לייטערונג פון יידישן דיכטערישן וואָרט.

אין משך פון די יאָרן איז אויסגעוואָקסן די רשימה פון יידישע דערציילער און ראָמאַניסטן אין אַמעריקע (כאָטש אין אַ קלענערער צאָל ווי די דיכטער):

אָט די רשימה שליסט־איין די פּראָזע־שרייבער: שלום אַש (1957־1880, אין אַמעריקע זינט 1909), אַ ריז פון דער יידישער ליטעראַטור, באַרימט אין דער וועלט־ליטעראַטור. מחבר פון פיל ברייט־אַרומנעמענדיקע, קאָלירפולע בילדער־רייכע שילדערונגען פון יידישן לעבן אין אַמעריקע, פון יידישע ישובים אין פיל לענדער און עפּאָכעס, אויטאָר פון די ראָמאַנען „אָנקל מאָזעס", „איסט ריווער", „טויט־אורטייל", „אַמעריקע", „חיים לעדערערס צוריקקומען", „גראָסמאַן און זיין זון" (1954) און פיל אַנדערע. (פון 1943 ביז 1949 שעפעריש מיטגעאַרבעט אין דער „מאָרגן־פרייהייט"), א. רייזען, קאָברין, ליבין, פּינסקי, גאָרדין, ז. שניאור, ז. לעווין, ל. שאַפּיראָ, הירשביין, ראַבאָי, י. אָפּאַטאָשו, איגנאַטאָוו, יונה ראָזענפעלד (ערשטער אין דער יידישער פּראָזע צו באַהאַנדלען פּראָבלעמען פון אַבנאָרמאַלער פּסיכאָלאָגיע), י. ד. בערקאָוויטש, חיימאָוויטש, עפּלבוים, גלאַזמאַן, י. י. זינגער, הירשקאַן, כאַווער־פּאַווער, ש. מילער, כאַנוקאָוו, גלאַטשטיין, יצחק באַשעוויס, בנימין רעסלער, וויינפּער, ל. פּאָרעס, ב. דעמבלין, דייקסעל, איסר תלוש, שיפּריס, מ. בלעכמאַן, ראָנטש, ש. טענענבוים, ש. איזבאַן, נח גאָלדבערג, ל. טרייסטער, דוד אָפּאַטאָשו, ב. אַלקוויט, מ. גיציס, א. מייזעל, מאיר קראַוועץ, ל. יורמאַן, ליפּצין, ש. וואַסערמאַן, ש. דאַווידמאַן, י. מעצקער, חיים פּעט, מ. באָרנשטיין, מאַקס פּערלאָוו, ב. מילער, בען גאָלד, פרומע האַלפּערן, בעלאַ גאָלדווירט, מ. סיגאַלאָווסקי, נ. סיגאַלאָווסקי, ה. אַקערמאַן, ע. פּערשלייסער, ש. י. קאָזיניץ, רחמיאל בריקס, רייזל גלאַס־פּענסטער, יוסף ווייס, אהרן ראַפּאַפּאָרט, ל. קאָברין, דוד קעשיר, ש. אַפּטער, וויליאַם איבראַמס, ל. באַום, מ. סטרוגאַטש, ב. מאָזער, יהושע אַלקאָן, ח. אַיאַלטי, שמואל לעווין, פּעסיע באַך, וואָלף מערקור, י. פרידלאַנד, א. פאָרסייט, מענדל אַקערמאַן און אַנדערע.

דאָס אַלגעמיינע אַמעריקאַנער לעבן, דער לעבן־שטייגער פון די אַמעריקאַנער יידישע מאַסן, די ענדערונגען (סאָציאַל, פּאָליטיש, עקאָנאָמיש, גייסטיק) אין דעם לעבנס־גאַנג פון לאַנד און פונעם היגן יידישן ישוב, האָבן אַרויפגעלייגט אַ באַ־שטימטן חותם אויפן ספּעציפישן כאַראַקטער פון דער אַמעריקאַנער יידישער לי־טעראַטור, אויף איר כמות און איכות. זי האָט דערגרייכט אַ הויכע מדרגה אין פּרט פון סטיל, לשון, מאָטיוון־עשירות. זי איז געוואָרן אַ וויכטיקער קולטור־אוצר, אַ גרויסער „יש" אין דעם לעבן פונעם פאָלק.

די טעמאַטיק איז אין משך פון די יאָרן געוואָרן אָן אַן ערך רייכער, פילפאַר־ביקער — סיי אין לירישע, סיי אין סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע מאָטיוון. זי איז, ביי פאַרשיידענע באַזונדערע שרייבער, כסדר געגאַנגען פון אָפּשפּיגלען דאָס אַמע־ריקאַנער יידישע לעבן (דעם אַמאָליקן און דעם איצטיקן יידן, דעם כלל און דעם פּרט) ביז מאָטיוון פון דער „אַלטער היים", אַמאָל און הייַנט, ביז אוניווערסאַלע מאָטיוון. אין אייניקע ווערק איז דער שטאָף טעמאַטיש, קינסטלעריש גענומען פון דער אַלטער היים, אַמאָל פון דורות צוריק, אין אַנדערע — דירעקט פון היגן, הייַנטיקן אָדער אַמאָליקן לעבן. געוואָקסן כסדר איז אויך די גאַלעריי געשטאַלטן, כאַראַקטערן אין די פּראָזע־ווערק, איינשליסנדיק מיט דער צייט וואָס מער ביט־יידן.

אין די קינסטלערישע ווערק פון די מערסטע היגע שרייבער זיינען רעאַליס־טיש אָפּגעשפּיגלט, צווישן אַנדערן: די אומבאַהאָלפנקייט פונעם אימיגראַנט ביים

אָנקומען צו דער שוועל פון נייעם לאַנד („עליס־איילאַנד״ — „טרערן־אינדזל״), די פּרוּאוון פון איניקע יידישע אימיגראַנטן איינצואָרדענען זיך אויף פאַרמס, אויף באַדן, אַלס ערד־אַרבעטער; די שווערע איבערלעבונגען פון די מערסטע „גרינע״ אין פּראָצעס פון אַקלימאַטיזירן זיך, איינוואָרצלען און איינהיימישן זיך אין דער נייער האַרטער, האַרבער סביבה, וואו עס הערשט דער קעניג דאָלאַר; דער פּראָצעס פון פּראָלעטאַריזאַציע — קריגן אַרבעט אין אַ פאַבריק, אויסלערנען זיך אַ פאַך, — די שאַפּ־אַטמאָספערע, די אומגעהויערע עקספּלואַטאַציע אין די שוויץ־שעפּער, די אָרגאַניזירונג פון טרעיד־יוניאָנס (פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען); דאָס ביטערע, הונגעריקע לעבן אין די גרויע, אומעטיקע, אַלטע טענעמענטס; דער יחיד און זיינע יסורים, אַנגסטן און געראַנגלענישן אין דער נייער ברוטאַלער אַרומרינגלונג.

אין פיל קינסטלערישע ווערק קלינגען־אָפּ עכט און מעכטיק אַזעלכע לאַנד־און־וועלט־געשעענישן, ווי די „העימאַרקעט״־טראַגעדיע און דאָס געבורט פונעם ערשטן מאַי — דעם יום־טוב פון אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט; די שרעקלעכע טראַיענגל־שריפה פון 1911; מאַטיוון פון אַמעריקאַנער בירגער־קריג און קאַמף קעגן שקלאַפעריי; דער סאַקאָ־און וואַנזעטי־פּראָצעס, וואָס איז געווען פון וועלט־באַדייטונג; די אויפברויזן אין די דרום־שטאַטן; די העלדישע קאַמפן פון בעגער־פאָלק פאַר פולע רעכט; דער סקאַטסבאָראָ־פּראָצעס; די וועבער־סטרייקס אין פּעטערסאָן, די טעקסטיל־סטרייקס אין גאַסטאָניע; די אַרבעטער־אויפברויזן אין דעטראָיט; די הונגער־מאַרשן; די געשטאַלטן פון די יידישע סאָציאַלע נביאים; די לינקאָלן־און וואָלט וויטמאַן־געשטאַלטן און די פּערזענלעכקייטן פון פיל אַנדערע פרייהייט־קעמפער און גייסטיקע ריזן אין משך פון דורות.

די יידישע ליטעראַטור, בכלל גענומען, האָט געשפּילט אַ וויכטיקע דערציערישע, וועג־ווייזערישע ראָלע.

די היגע יידישע ליטעראַטור איז כסדר געשטאַנען און שטייט נאָך אַלץ אונטער השפעות פון פאַרשיידענע ריכטונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור (קריטישער רעאַליזם, נאַטוראַליזם, סאָציאַליסטישער רעאַליזם, און אויך — אינדיווידואַליזם: פון סימבאָליזם ביז עקספּרעסיאָניזם), ווי בכלל אונטער דער השפעה פון אַנדערע ליטעראַטורן (אַמעריקאַנער, ענגלישע, העברייאישע, רוסישע, פּוילישע, פראַנצויזישע, סקאַנדינאַווישע, דייטשע). באַדייטנדיק גרויס איז די השפעה פון דער סאָוועטישער, באַזונדערס פון דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, אויפן היגן פּראָגרעסיוון יידישן ליטעראַרישן סעקטאָר.

די היגע יידישע ליטעראַטור (ווי יעדע ליטעראַטור) איז ניט פון איין טייג געקנאַטן: פאַראַן אין איר שאַרפע קלאַסן־דיפערענצירונגען, קלאַסן־צוגאַנגען צו פּראָבלעמען פון מענטש, ייד, וועלט, געשיכטע, קולטור, שפּראַך און ליטעראַטור.

אין משך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די נאַצי־באַרבאַרן האָבן חרוב געמאַכט הונדערטער יידישע ישובים און פאַרטיליקט מיליאָנען יידן, איז די דיפערענצירונג געוואָרן בוילעטער, שאַרפער און קלאָרער: בעת אַלע יידישע שרייבער, אָן אויסנאַם, זיינען געשטאַנען אויף דער זייט פון קאַמף קעגן פאַשיזם, האָט מען

אין דעם בירגערלעכן לאַגער אָפּט דערהערט טענער פון יאוש, קינות, רעזיגנאַציע, פעסימיזם; צוזאַמען מיט לידער פון טיפן צער־און־צאָרן און קללות צו די מערדער פון די פעלקער — אויך קללות צו דער „וועלט" און רופן „צוריק צו דער געטאָ". אין דעם פּראָגרעסיוון לאַגער האָט מען צוזאַמען מיט די דיכטערישע אויסרופן פון צער און צאָרן, מיטן ווי־געשריי פון דורות יידן פאַרפייניקטע אין שחיטות, צוזאַמען מיט גרענעצלאָזן האַס צו די פאַשיסטישע באַרבאַרן און קללות אויף זייערע בעסטיאַלישקייטן, געהערט אויך מונטערע טענער פון בטחון, גלויבן אין זיג איבער דעם שונא פון דער מענטשהייט, גלויבן אין דעם פּאַראויסמאַרש און פּראָגרעס פון מענטש. די פּראָגרעסיווע שרייבער רופן צו איניקייט פון אַקציע קעגן ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם, קעגן די היטלער־יורשים, די הויזינגערס, גלאָבקעס, ראַקוועלס.

אין געביט פון ליטעראַטור־קריטיק

מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן אויף די בורזשואַזע און פּראָלעטאַרישע איינפלוסן אין דער יידישער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. מיר האָבן דערמאָנט די רופן און טענדענצן פון די „יונגע"; זייערע אַנטי־סאָציאַלע לאָזונגען, זייערע פאַרזוכן אויסצוהוילן די ליטעראַטור פון געזעלשאַפטלעכקייט, דאָס הייסט, אָפּרייסן זי פון לעבן און פאָלק. „ליטעראַטור לשם ליטעראַטור", ליטעראַטור ווי אַן „ענד־ציל", אַ „זעלבסטצוועק" האָט אין לעצטן סך־הכל געמיינט: דורכגעדרונגען ווערן מיט די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען פון דער יידישער בורזשואַזיע, ביי וועמען די פּראָלעטאַרישע אידייען און דער אינטערנאַציאָנאַלער גייסט פון די פּראָגרעסיווע יידישע שרייבער זיינען געווען פאַרהאַסט (ביישפּילן פון נאַציאָנאַליזם זיינען פאַראַן אין די ווערק פון אהרן צייטלין, באַשעוויס, אפרים אויערבאַך).

די פּראָגרעסיווע ריכטונג האָט באַקאַנאַנד אונטערגעשטראָכן דעם ווערט, ווירקונג און כוח פון ליטעראַטור ווי אַ וואָפן אין קאַמף פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן. זי האָט פאַרשאַרפט דעם אינטערעס צו די אַרבעטער־קאַמפן אין לאַנד, צום קאַמף קעגן רעאַקציע, צו סאָציאַליסטישע זיגן אין דער וועלט.

די אָפיציעלע בירגערלעכע יידישע ליטעראַטור־קריטיק, וועלכע איז געווען פיינטלעך צו די „פאָטערס" און פיאָנערן פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, איז געווען און געבליבן פיינטלעך אויך צו די יורשים, פאָרזעצער, ממשיכים פון די ערשטע אַרבעטער־דיכטער דאָ אין לאַנד. די זעלבע קליין־בירגערלעכע קריטיק, וועלכע האָט באַצייכנט וויטשעוועסקין אַלס שרייבער פון „פּראָקלאַמאַציעס אין גראַמען", האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען די מאָדערנע יידישע פּראָלעטאַרישע אָדער פּראָגרעסיווע דיכטער. איר מעטאָד איז געווען: פאַרשווייגן, איגנאָרירן, אָדער מינימיזירן, אָפּוועקמאַכן מיט דער האַנט, אַרויסהויבנדיק גלייכצייטיק די בורזשואַזע אָדער נאַציאָנאַליסטישע דיכטער ווי די „עכטע, גאָט־געבענטשטע פּאָעטן", די „אמתע כוהנים פונעם פּאָעזיע־טעמפּל. די „פּראָלעטפּען"־ריכטונג האָט, למשל, געקראָגן געצײלטע עטלעכע

שורות — און ניט מער! — אין ש. ניגערס ברייטער אָפּהאַנדלונג וועגן יידישער ליטעראַטור (אין דעם באַנד 3 פון דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע „יידן", ניו־יאָרק, 1942).

„צוויי וועלט־אַנשויאונגען — צוויי מאַסן..." „צווייערליי צוגאַנגען — צוויי מאַסן" — האָט אויסגערופן מ. אָלגין אין זיינע אַרטיקלען: „מעגן דיכטער זיך אָפּרופן אויף די געשעענישן פון דער צייט?" און „צוויי מאַסן: ש. ניגערס באַציאונג צו רעוואָלוציאָנערער און באַלעבאַטישער דיכטונג" („יאַנואַר 17טן און 24טן, 1937, „מאָרגן־פרייהייט" — איבערגעדרוקט אין בוך „קולטור און פאָלק", 1949). אָלגין אילוסטרירט ש. ניגערס „צווייערליי מאָסן" דורך קאָנקרעטע פאַקטן, אָנרופנדיק נעמען פון אייניקע שרייבער, וועמען דער בירגערלעכער ליטעראַטור־קריטיקער גלעט און צערטלט, און נעמען פון אַנדערע שרייבער, וועמען ער פרואווט מבטל־זיין אַלס קינסטלער. „ש. ניגער" — שרייבט אָלגין — „האָט צוויי עסטעטישע מאָסן: איינע פאַר פאָליטישע פריינט, אַן אַנדערע — פאַר פאָליטישע קעגנער. אַ ליטעראַריש ווערק פון גלייכן עסטעטישן ווערט איז ביי אים אין די אויגן טאַלאַנטפולער, ווען דאָס האָט געשריבן אַ נאַציאָנאַליסט, און ווייניקער טאַלאַנטפול, ווען דאָס האָט געשריבן אַ רעוואָלוציאָנער. די פאָדערונגען, וואָס ער שטעלט צום רעוואָלוציאָנער, זיינען דעריבער אַ סך שטרענגער — איך וואָלט געזאָגט: אַ סך בייזער — ווי די פאָדערונגען, וואָס ער שטעלט אייגענע מענטשן". אָלגין באַווייזט, ווי אַזוי ש. ניגער, „אַ פאַראַנטוואָרטלעכער קריטיקער", „אַ קריטיקער אין אַ פירנדיקער פּאָזיציע", „מיט אויטאָריטעט", איז „פאַרביטערט קעגן רעוואָלוציאָנערע דיכטער", האָט אַ „ווידערווילן קעגן דער רעוואָלוציאָנערער פּאָעזיע בכלל".

דעם פּראָגרעסיוון ליטעראַטור־קריטיקער איז אויסגעקומען צו פירן אַ ביטערן, עקשנותדיקן קאַמף קעגן בורזשואַזע אידייען און איינפלוסן.

די דראַמאַטורגיע

גלייכצייטיק מיטן וואוקס פון יידישער פּאָעזיע און פּראָזע אויפן אַמעריקאַנער באָדן איז אויסגעוואַקסן דער געביט פון דער יידישער דראַמע, וועלכע האָט באַרייכערט דעם היגן יידישן טעאַטער מיט ווערק וועגן יידישן לעבן אין אַמעריקע און אין אויסלאַנד און מיט אַ גרויסער צאָל איבערזעצונגען און באַאַרבעטונגען פון דער וועלט־דראַמאַטורגיע. צווישן די באַדייטנדיקע דראַמאַטורגן זיינען: אברהם גאָלדפאַדן, יעקב גאָרדין, ל. קאָברין, פּרץ הירשביין, דוד פּינסקי, שלום אַש, דוד איגנאַטאָוו, ה. סעקלער, פישל בימקאָ, י. י. זינגער, משה נאַדיר, כאַווער־פּאַווער, בנימין רעסלער, ה. קאַלמאַנאָוויטש, א. אַנד.

דער פּאָטער און גרונטלייגער פונעם מאָדערנעם יידישן טעאַטער אברהם גאָלדפאַדן (1840־1908), געבוירן אין וואָלין, קאָן אויך באַצייכנט ווערן אַלס טייל־וויז אַמעריקאַנער. קיין אַמעריקע איז ער צום ערשטן מאָל געקומען אין 1887. ער האָט דאַן ניט געקאָנט צוקומען צו דער היגער יידישער בינע, וואו שונד האָט

געהערשט. צום צווייטן מאָל איז ער געקומען קיין אַמעריקע אין 1903 און האָט זיך דאָ באַזעצט. „דאָס יידישע טעאַטער האָט זיין טאָטן ניט דערקענט", האָט ער געשריבן צו יעקב דינעזאָנען. דער שאַפער פון די פאָלקס־אָפּערעטעס „שמענדריק", „די צווי קוני־לעמעלס", „שולמית", פון די טעאַטער־שטיק „ברײנדל קאָזאַק", „די כישוף־מאַכערין" („קאָלדוניע"), „די באָבע מיטן אייניקל", פון „יהודה המכבי", „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאַ", „בר־כוכבא", איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 9טן יאַנואַר, 1908.

גאָלדפאַדנס גרויסער אויפטו פאַר שאַפן דעם יידישן פּראָווינציעלן און גלייכ־צייטיק דערציערישן טעאַטער איז נאָך ברייטער און טיפער, און מיט מער מאָ־דערנע קונסט־מיטלען, פאַרגעזעצט און דערפאָלגרייך אַנטוויקלט געוואָרן דורך דעם רעפאָרמאַטאָר און איבערבויער פונעם יידישן טעאַטער, יעקב גאָרדין (1853־1909), וועלכער האָט אָנגעהויבן אין דעם לעבן און פאַנאַדערבלי פונעם טעאַטער אַ „גאָרדין־עפּאָכע" (1891־1909). גאָרדינס דרך איז געווען: לערנען און אויפ־הויבן דעם עולם, ברענגען אים אידייען, באַוועגן אים צו פאַרטראַכטן זיך וועגן פראַגן פון געזעלשאַפט, מאָראַל, דערציאונג, אחריות צו זיך און צום מיט־מענטש. ער האָט באַרייכערט די יידישע בינע אין אַמעריקע און אין אויסלאַנד מיט אַזוינע פּאָפּולערע, באַרימט־געוואָרענע דראַמען, ווי „גאָט, מענטש און טייוול", „מירעלע אפרת", „די שחיטה", „דער אומבאַקאַנטער", „דער מטורף", „כאַסיע די יתומה", „דער יידישער קעניג ליר", „דער ווילדער מענטש", „אלישע בן־אבויה", און פיל אַנדערע. אַ סך פון זיינע פּיעסן האָבן מיט זייער גערדאַנקען־רייכקייט, רעאַליס־טישע בילדער, לעבעדיקע געשטאַלטן, פּראָבלעמען פוןווירקלעכן טאָג־טעגלעכן לעבן, פּראָטעסט קעגן שרייענדיקע סאָציאַלע איבלען און עוולהס, באַצויבערט דעם טעאַטער־עולם, געהאַלטן אים געשפּאַנט, און גלייכצייטיק אויפגעקלערט אים. גאָרדינס ראָל אין קינסטלעריש־אידייאיש אַנטוויקלען דעם יידישן טעאַטער און רייך מאַכן דעם יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר מיט אייגענע פּיעסן, ווי אויך מיט קינסטלערישע באַאַרבעטונגען פון פּיעסן פונעם וועלט־רעפּערטואַר, איז ריזיק גרויס.

דער יידישער טעאַטער האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען דעם גרויסן וואָרט־קינסט־לער שלום אַש, דערציילער און ראָמאַניסט, פאַר זיינע העכער צוואַנציק דראַמעס, וואָס די מערסטע פון זיי זיינען אויפגעפירט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע און אין פיל אַנדערע לענדער. צווישן זיי זיינען אַממערסטן באַרימט: „גאָט פון נקמה", „קוילן" (דראַמע וועגן קוילן־גרובנס אין אַריזאָנאַ), „משיחס צייטן", „מיטן שטראָם", „שבתי צבי", „אמנון און תמר", „רעווערענד דר. סילווער", קאָמעדיע „דער לאַנדסמאַן". אויך אייניקע פון אַשס ראָמאַנען זיינען דראַמאַטיזירט געוואָרן און האָבן געדינט ווי פּרעכטיקע טעאַטער־שטיק, צווישן זיי: „דער תהילים־ייד", „אָנקל מאָזעס", „מאָטקע גנב", „דריי שטעט", „קידוש השם".

אין דעם יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר פינקלען מיט אָן אַ שיעור חן די פאָלקסטימלעכע פּיעסן פונעם ראָמאַניסט און דראַמאַטורג פּרץ הירשביין (1880־1948), גרינדער פון דער „הירשביין־טרופּע", שאַפער פון די דראַמען: „די גרינע פעלדער", „די פוסטע קרעטשמע", „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", „יואל", „דער תקיעת־כף", „די

נבלה". זיינע פיעסן אָטעמען מיט דאָרפישן חן, מיט ליריזם, מיט ערדישקייט, מיט ליבשאַפט צום פאָלקס־מענטש, צום לעבן און פשטות.

דוד פינסקי (1872־1959), וועלכער האָט אין די ניינציקער יאָרן אָנגעהויבן מיט דערציילונגען פון אַרבעטער־לעבן, פול מיט סימפּאַטיע צום אָרעמאַן, צום אונטערדריקטן, איז דער מחבר פון העכער זעכציק פּיעסן און איין־אַקטערס. צווישן זיי שיינט באַזונדערס אַרויס זיין גלענצנדיקע קאָמעדיע „דער אוצר", וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן אין פיל טעאַטערס. צווישן זיינע באַוואוסטע דראַמען זיינען: „יאַנקל דער שמיד", „אייזיק שעפטל", „די מוטער", „די פאַמיליע צבי". סאָציאַלע פּראָבלעמען פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין זיינע פּיעסן.

אַ גוטער תלמיד פון יעקב גאָרדין אין הלכות־טעאַטער איז געווען דער דער־ציילער, ראָמאַניסט און דראַמאַטורג לעאָן קאָברין, שעפער פון אַזעלכע באַרימטע פּיעסן, ווי „יאַנקל בוילע" („דער דאָרפס־יונג"), „שונאים", "צוריק צום פאָלק", „ריווערסאַיד דראַיוו" און אַנדערע. אַרום־און־אַרום האָט ער געשאַפן אַ פּאָר צענדליק פּיעסן. אין זיינע פּיעסן, ווי אין זיינע ראָמאַנען און נאָוועלן („אימיגראַנטן", „דערוואַכונג", „אָרע די באָרד", „פון אַ ליטוויש שטעטל ביז אַ טענעמענט־הויז"), שפּירט מען דעם מחברס נאָענטקייט צום פאָלק, לעבנס־פרייד, די דינאַמיק פון טאָג־טעגלעכערווירקלעכקייט. קאָברינס שאַרפער חוש פאַר דראַמע קומט צום אויסדרוק אויך אין די מערסטע פון זיינע דערציילונגען און נאָוועלן.

דער דיכטער ה. לייוויק (לייוויק האַלפּער), אַ וויזיאָנער, אַ טרוימער פון גאולה־טרוים, האָט זיך אויך באַרימט געמאַכט מיט זיינע דערהויבענע דראַמען און דראַ־מאַטישע פּאָעמען, וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן זינט 1921 אויף דער יידישער בינע אין פיל לענדער. צווישן זיי זיינען: „דער גולם", „דער גולם חלומט", „שמאַטעס", „בעטלער", „די אָרעמע מלוכה", „שאָפּ", „קייטן", „הירש לעקערט", „די חתונה אין פערנוואַלד".

נאָך איידער דער בינע־מייסטער און דראַמע־קענער אָסיפּ דימאָוו (יוסף פּערל־מאַן, 1878־1958) איז אין 1913 געקומען קיין אַמעריקע, איז ער שוין געווען באַ־רימט מיט זיין ערשטער פּאָגראָם־דראַמע, „שמע ישראל", ווי אויך מיט זיינע דערציילונגען אין רוסיש. דימאָוו האָט באַרייכערט דעם יידישן טעאַטער מיט זיינע פּיעסן: „דער אייביקער וואַנדערער", „יאָשקע מוזיקאַנט" („דער זינגער פון זיין טרויער"), „דער געדונגענער חתן", „בראָנקס עקספּרעס" (אַ פאָלקס־קאָ־מעדיע), „די וועלט אין פלאַמען", „דער גייסט פון דער שטאָט", א. אַנד. זיינע פּיעסן צייכענען זיך אויס אַממערסטן מיט זייער טעאַטראַלישקייט און מיט דער אינדיווידואַליזירונג פון די כאַראַקטערן (די פּיעסן האָט דער מחבר צוערשט גע־שריבן אין רוסיש, און דערנאָך זיינען זיי איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש).

רויע פּרימיטיווע כאַראַקטערן און זייערע הייסע ליידנשאַפטן ווערן אַרויס־געבראַכט אין די קרעפטיקע רעאַליסטישע פּיעסן פונעם דערציילער און דראַמאַ־טורג פישל בימקאָ, אַ געבוירענער אין פוילן אין 1890; געקומען קיין אַמעריקע אין 1921. בימקאָ איז דער מחבר פון העכער צוואַנציק פּיעסן און איין־אַקטערס, צווישן זיי: „גנבים", „דעמבעס", „אויפן ברעג ווייסל", א. אַנד.

דער גרויסער מייסטער פון יידישן וואָרט, משה נאַדיר (1885־1943), הומאָ־ריסט, מייסטער פון שאַרפער סאָציאַלער סאַטירע, האָט געגעבן דעם יידישן טעאַטער אַ היפשע צאָל פּיעסן, טעאַטער־שפּילן, הומאָרעסקעס, איין־אַקטערס. פון זיי זיינען אויפגעפירט געוואָרן: „סוקסעס", „אויף יענער וועלט", „די טראַגעדיע פון גאַרבישט". נאַדיר איז אויך געווען דער מחבר פון „משיח אין אַמעריקע", „מסעות בנימין השלישי" (באַאַרבעטונג פון מענדעלעס „מסעות בנימין השלישי"). אין 1932 זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן זיינע דראַמעס, איינאַקטערס, שפּילן, רעצי־טאַציעס, פּעדזשענטס אין בוך־פאָרם: „טעאַטער־טעקסטן". (נאַדיר איז אויך געווען דער מחבר פון פיל פּאָעטישע ווערק, דערציילונגען, מאָנאָלאָגן, קאַריקאַ־טורן, פּראָלעטאַרישע ווערק וועגן ניו־יאָרק און ראָמאַנטישע בענקשאַפט־ווערק וועגן זיין היים־שטעטל־נאַראַיעוו).

דער טאַלאַנטפולער דערציילער און ראָמאַניסט כּאַוועס־פּאַווער (גרשון איינ־בינדער, געבוירן אין בערשאַד, פּאָדאָליע, אין 1900), מחבר פון העכער צוואַנציק ביכער, צווישן זיי ביכער פאַר קינדער: „פון יענער זייט טייך", „לאַבזיק", „וואָוויק", די ראָמאַנען: „קלינטאָן סטריט", „צען לאַנדסלייט", „לעבנס אויפן וואָגשאָל", „גבורים פון דער נאַכט", „זלמן דער שוסטער", „גרשון מאיר דעם בלינדנס (אויטאָביאָגראַפיע), און אויך דער שאַפער פון פיל דראַמאַטיזאַציעס, איינאַקטערס, דראַמעס (צווישן זיי: „דער בלינדער שמיד"), קינדער־שפּילן, טעקסטן פאַר טעאַטער. דעם מחברס דינער, איידעלער הומאָר, זיין אינטימער טאָן און פאָלקס־טימלעך לשון באַחנען זיינע דראַמאַטישע ווערק.

דער יידישער טעאַטער־רעפּערטואַר אין אַמעריקע האָט אויך איינגעשלאָסן (מיר רעדן דאָ ניט וועגן קיין שונד־פּיעסן!) דראַמאַטישע ווערק, קינסטלערישע, רעאַליסטישע פּיעסן פון שלום־עליכם, ב. גאָרין („דער ווילנער בעל־הביתל", „ברוך שפּינאָזאַ" — דראַמאַטיזאַציע פון בערטאָלד אויערבאַכס ראָמאַן), מ. ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד („דער לעצטער כהן גדול", אָדער „רעליגיאָן און ליבע", 1896), אברהם רייזען („די רעפּעטיציע", „דעם שדכנס טאָכטער"), יואל ענטין און ז. לעווין („די שול פון לעבן", 1907), דראַמאַטיזאַציעס פון י. י. זינגערס ראָמאַנען „יאָשע קאַלב", „ברידער אשכנזי", און פון ז. שניאורס „געזאַנג פון דניעפּער", איינאַקטערס פון ש. דייקסעל און דר. מאָריס לעוויט, פּיעסן פון מ. דלוזשנאָווסקי, אליהו גילנער, פּוליע טשערנער, יעקב זינגער, און אַנדערע, ווי אויך באַאַרבעטונגען פון אַ גאַר גרויסער צאָל פּיעסן פון דער וועלט־בינע.

צום סוף פון זיין ווערטפולן ביכל "70 יאָר טעאַטער־רעפּערטואַר אין אַמע־ריקע" (ניו־יאָרק, 1954) דערקלערט יעקב מעסטעל (1884־1958): „מיר ברענגען דאָ אַ רשימה פון 243 בינע־מחברים און איבערזעצער (ווי ווייניק פרויען צווישן זיי!) מיט 267 געזאַנג־פּיעסן און מעלאָדראַמעס, וואָס געהערן אין יידישן רעפּער־טואַר מייסטנס צו איינעם און דעם זעלבן זשאַנר, 243 דראַמעס און קאָמעדיעס און 166 איבערזעצונגען, — צוזאַמען 676 רעפּערטואַר־פּיעסן". אָבער, קומט דער פאָרשער פון יידישער טעאַטער־געשיכטע צום אויספיר: „מען קאָן לייכט אָנ־נעמען, אַז די צאָל געשפּילטע פּיעסן איז מינימום איבער צוויי טויזנט (אין זיין

„געשיכטע פון יידישן טעאַטער" פאַרצייכנט ב. גאָרין, בלויז ביזן יאָר 1922, איבער 1350 פּיעסן!)".

די טעמאַטיק פון די מערסטע דראַמעס (מיר רעדן דאָ ניט וועגן מעלאָדראַמע אָדער שונד) איז אַ סאָציאַלע, אָפט אַן אַלמענטשלעכע, צייטנוויז וועגן נאַציאָנאַלע מאָטיוון אָדער משפּחה־פראַגן צי יחיד־פּראָבלעמען.

צווישן די וויכטיקע ווערק וועגן יידישן טעאַטער זיינען: נ. בוכוואַלדס גרויס ווערק „טעאַטער", י. מעסטלס „אונדזער טעאַטער", א. גאָלדבערגס „אונדזער דראַמאַטורגיע", ב. גאָרינס „געשיכטע פון יידישן טעאַטער", צוויי בענד; זילבערצוויגמעסטלס „יידישער טעאַטער לעקסיקאָן" (4 בענד); ווערק פון דר. י. שאַצקי, שלום פּערלמוטער, משה נאַדיר, בועז יאָנג, א. ה. ביאַלין, א. אַנד.

וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור

פּאַראַלעל מיט די געביטן פון פּאָעזיע, בעלעטריסטיק, דראַמע און עסייאיסטיק איז אויסגעוואַקסן אַ באַדייטנדיקע יידישע וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור: פאַרשונגען פון דער יידישער פּרעסע, ליטעראַטור, טעאַטער, דערציאונג, קונסט, געשיכטע, פאָלקלאָר, פילם, נגינה (מוזיק); ליטעראַטור־געשיכטע און ליטעראַטור־קריטיק, ביבליאָגראַפיע (וועגן י. ל. פּרץ, ש. ניגער, י. אָפּאַטאָשו און פיל אַנדערע), פילאָזאָפיע, סאָציאָלאָגישע ווערק, פּאָליטישע ליטעראַטור, נאַטור־וויסנשאַפט, וואָגיקע ווערק וועגן די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור און טעאַטער; אַנטאָלאָגיעס, זאַמל־ביכער און אַלמאַנאַכן פון ליטעראַטור; מאָנאָגראַפיעס און ביאָגראַפיעס פון איינצלנע שרייבער און דענקער.

צווישן די פּובליציסטן, ליטעראַטור־און־טעאַטער־פאָרשער און קריטיקער, היסטאָריקער, עסייאיסטן און פאָרשער, וואָס האָבן צוגעלייגט ציגל צו אָט דעם גרויסן בנין, וועלכער האַלט נאָך אַלץ אין שטייגן, זיינען: ב. גאָרין, דר. זשיטלאָווסקי, מ. אָלגין, ר. ברייניך, א. ליעסין, ק. מרמר, משה כץ, י. ב. ביילין, נ. בוכוואַלד, ש. ניגער, יואל ענטין, ב. ריווקין, נחמן מייזיל, פּ. נאָוויק, דר. א. מוקדוני, דר. י שאַצקי, משה נאַדיר, י. מעסטל, ב. צ. גאָלדבערג, זלמן זילבערצוויג, אברהם טייטלבוים, נ. ב. מינקאָוו, ב י. ביאַלאָסטאָצקי, ש. מאַרגאָשעס, אברהם ביק, שלום שטערן, בער גרין, ז. וויינפּער, נח שטיינבערג, דר. א. א. ראָבאַק, דר. א. קאָראַלניק, י. י. טרונק, דר. א. קלומאַק, ב. גראָבאַרד, יעפים ישורין, אַבאַ גאָרדין, דר. ה. פראַנק, א. ר. מלאכי, אליהו שולמאַן, משה שטאַרקמאַן, י. א. ראָנטש, מיכל ליכט, א. גלאַנץ־לעיעלעס, מ. ריבאַלאָוו, א. פּאָמעראַנץ, ל. כאַנוקאָוו, ע. פּערשלייסער, ש. ד. זינגער, י. ל. כהן, הלל ראָגאָף, מנשה אונגער, שמחה פּיעטרושקאָ, פּראָפּ. יודא א. יאָפע, דר. א. גינזבורג, ש. ווינער, ראובן גראַנאָווסקי, ש. אַלמאַזאָוו, ר. יוקלסאָן, פּ. יודיטש, ישראל פריד, דוד מאַטיס, אברהם טאָבאַטשניק, מרדכי יפה, איטשע גאָלדבערג, גרשם באַדער, רבקה רובין, מ. קאַטץ, משה וויטיעס (דר. סאַרגין), ש. גאָרעליק, אב. גאָלדבערג, חיים גרינבערג, שלמה ביקל, י. גלאַטשטיין, נחום סומער, ש. לעשצינסקי, דער לעבעדיקער (חיים גוטמאַן), ש. צ. זעצער, אליעזר גרינבערג, מענדל עלקין, מרדכי ירדני, מ. ש. שקלאַרסקי, ש. סיימאַן, וו. נאַטאַנסאָן, ב. טורטשינסקי, משה באָקאַל, ש. ערדבערג, דר. ח. לובין, דר. יצחק פאַלישוק, יעקב פּאַט, י. כאַרלאַש, לייבוש לעהרער, דר. יוסף טענענבוים, דר. פּ. פרידמאַן, דר. משה שולוואַס, דר. מאַרק ווײַנרייך, יודל מאַרק, נ. קרופּין, דר. הירש־לייב גאָרדאָן, יצחק ריבקינד.

די צוויי הויפּט־גרונטלייגער פון אָט דעם ברייטן געביט פון טעאָריע, קולטור, „הלכה״, זיינען דר. חיים זשיטלאָווסקי און מ. אָלגין. דר. חיים זשיטלאָווסקי (1865־1943), פּראָגרעסיווער דענקער, פּילזייטיקער שריפטשטעלער, פּאָפּולאַריזאַטאָר פון געזעלשאַפט־וויסנשאַפטן, מחבר פון „געשיכטע פון פילאָזאָפיע״ און פון פיל אַנדערע וויכטיקע פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען, פון ווערק, „וועגן דעם געשיכטלעכן גורל פון יידישן פאָלק״ (1887) און פיל פונדאַמענטאַלע ווערק איבער סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פראַגן, איז געווען איינער פון די בעסטע יידישע פּובליציסטן, אַ סאָציאַליסט — נאַציאָנאַליסטיש גענויגט — אַ קעמפער פאַר מענטשן־רעכט, פאַר יידיש ווי די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון פאָלק. ער האָט מיט זיך גופא, מיט זיין פּילזייטיקן שאַפן, פאַרקערפּערט דעם לאָזונג: די יידישע אינטעליגענץ — דעם יידישן פאָלק. ער איז געווען אַ וויכטיקע באַוועג־קראַפט ביי דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ (1908). אין אַמעריקע זינט 1907. מ. אָלגין (1878־1939), פּובליציסט, ליטעראַטור־קריטיקער, עסייאיסט, דיכטער, שאַפער פון אַ יידישער כרעסטאָמאַטיע נאָך אין 1912, פירער און פאָנען־טרעגער פון דער יידישער פּראָגרעסיווער באַוועגונג אין אַמעריקע.

צווישן די פירנדיקע ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער זיינען: ש. ניגער, מ. אָלגין, משה כץ, ק. מרמר, נחמן מייזיל, ב. ריווקין, נ. ב. מינקאָוו.

*
**

מיט דער צייט זיינען אויסגעברייטערט געוואָרן די באַזונדערע צווייגן אָדער געביטן פון יידישן ליטעראַרישן שאַפן אין אַמעריקע. עס זיינען אויסגעוואָקסן די געביטן פון שול־און־קינדער־ליטעראַטור (כרעסטאָמאַטיעס און פיל באַזונדערע זאַמלונגען פון לידער און מעשהלעך פאַר קינדער); איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן (מערסטנס פון רוסיש, העברייאיש, ענגליש, פּויליש, פראַנצויזיש, דייטש, א. אַנד.); פאָליטישע ליטעראַטור; רייזע־בילדער און באַשרייבונגען; קינסטלערישע רעפּאָרטאַזשן; מעמואַרן און אויטאָביאָגראַפיעס.

צווישן די שרייבער פון ווערטפולע רייזע־ווערק זיינען: יהואש, הירשביין, נ. מייזיל, פּ. נאָוויק, ש. אַלמאַזאָוו. צווישן די שאַפער פון מעמואַרן־ליטעראַטור (וואָס האָט אַ גרויסן קולטור־היסטאָרישן און ליטעראַרישן באַדייט) זיינען: י. קאַפּעלאָוו, א. קאַצאָוויטש, קאָברין, אלכסנדר האַרקאַווי, מ. ווינטשעווסקי, יעקב מילך, אב. קאַהאַן, דר. זשיטלאָווסקי, ר. ברייני, ק. מרמר, מ. אָלגין, משה כץ, א. ראַבאַי, גינאַ מעדעם, ר. אייזלאַנד, י. ראָלניק, דוד סעלצער, יוסף מאָרגענשטערן, אהרן גאָרעליק, ב. ווינשטיין („פערציק יאָר אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג״, 1924), אסתר מילער, שרה דזשאַקלין־האַמער, מאָריס גאָלדאָווסקי („פון ווייטן אַמאָל און היינט״), בעלאַ שאַגאַל („ברענענדיקע ליכט״, „די ערשטע באַגעגעניש״), א. פרומקין („אין פרילינג פון יידישן סאָציאַליזם״, 1940), שלום לעווין, בועז יאָנג, יוליוס אַדלער, ר. יוקלסאָן, ה. אַקערמאַן, און אַנדערע.

אייניקע פון אָט די טעלעכע צענדליק ווערק מעמואַרן זיינען פון באַזונדערער באַדייטונג פאַר דער פאָרשונג פון „שטיקער יידיש לעבן״, פון צענדליקער יאָרן

יידיש לעבן אין אייראָפּע און אַמעריקע, פאַר דער געשיכטע פון יידישער ליטע־ראַטור, יידיש טעאַטער, יידיש געזעלשאַפטלעך און קולטור־לעבן דאָ אין לאַנד.

פיל נעמען פון שרייבער (און איבערהויפּט ווערק) מוזן צוליב מאַנגל אין פּלאַץ אויסגעלאָזט ווערן. פאַר אַן אויספירלעכער אָפּהאַנדלונג וועגן די שרייבער און זייערע ווערק, און אפילו בלויז וועגן די גרונט־טענדענצן און ספּעציפישע עלעמענטן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אירע פאַרשיידענע „ריכטונגען" און „שולן", פּראָצעסן פון אַנטוויקלונג, השפּעות פון און אויף אַנדערע ליטעראַ־טורן, וואָלט זיך געפאָדערט אַ באַנד (אָדער בענד) פון עטלעכע הונדערט זייטן. אין דעם „'איקוף' אַלמאַנאַך 1961" (ניו־יאָרק, „איקוף"־פאַרלאַג) ווערט אַנגעגעבן אַ רשימה פון טויזנט יידישע שרייבער אין אַמעריקע (דיכטער, דערציילער, דראַ־מאַטורגן, עסייאיסטן און זשורנאַליסטן). די רשימה איז, אגב, באַגלייט מיט די דאַטעס פון געבורט, טויט, און ווען געקומען קיין אַמעריקע — צוזאַמענגעשטעלט פון נחמן מייזיל, דער צונויפשטעלער און רעדאַקטאָר פונעם אַלמאַנאַך.

אין דער אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין יידישן וואָרט", געקליבן און צונויפגע־שטעלט דורך נחמן מייזיל, „איקוף", 1955, ווערן געבראַכט — ווי עס זאָגט זיך אינעם פאָרוואָרט — „לידער און פּאָעמעס, דערציילונגען און קאַפּיטלען פון פּראָזע־ווערק, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין לויף פון דריי־פערטל יאָרהונדערט דורך איבער 200 יידישע דיכטער־דערציילער פון די עלטסטע ביז די יינגסטע". דער יינגסטער, וואָס איז פאַרטראָטן אין דער אַנטאָלאָגיע, דער פּאָעט א. קרישטאַלקע, איז געבוירן געוואָרן אין מאָנטרעאָל אין 1940. די אַנטאָלאָגיע (896 זייטן, גרויס פאָרמאַט) נעמט־אַריין, אגב, העכער טויזנט לידער און געזאַנגען, באַשרייבונגען און שילדערונגען פון און וועגן אַמעריקע.

סומירונג: די אַמעריקאַנער יידישע ליטעראַטור, בכלל גענומען, איז אין תוך הומאַניסטיש, מיטן טראָפּ אויף אינהאַלט, תכלית, סאָציאַלער פונקציע, האָבנדיק פאַרן אויג דעם אַנזאָג און די לערע פון די סאָציאַלע נביאים, די הערלעכע פאָלקס־טראַדיציע פון גרונטלייגער און קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור: מענ־דעלע, שלום־עליכם, פּרץ און אַלע פריי־גייסטער פון יידישן פאָלק אין אַלע דורות. טיף־פאַרוואָרצלט אין יידישן פאָלקס־לעבן, אין יידישער פאָלקישער ירושהדיקייט, איז זי מאָדערן, אוניווערסאַל, נאָענט צו די געזונטע, פּאָזיטיווע קוואַלן פון דער וועלט־ליטעראַטור.

די דריי גרויסע, היסטאָרישע געשעענישן אין יידישן לעבן: דער חורבן פונעם יידנטום אין מזרח־אייראָפּע (פאַרלוסט פון זעקס מיליאָן יידן, אומגעבראַכטע דורך די נאַציס), דער אויפקום פון מדינת־ישראל, און דער אומברענג פון יידישע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין די לעצטע יאָרן פונעם סטאַלין־פּעריאָד, האָבן באַדייטנדיק באַווירקט דעם גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. זיי האָבן באַאיינפלוסט איר טעמאַטיק, מאָטיוון, שטימונגען (ווי אומ מוט, פּיין און בטחון), געפאָדערט קינסטלערישן אויסדרוק, געשטעלט פאַר איר נייע התחייבותן, נייע אויפגאַבן. דער אומקום פון אַ גרויסער צאָל יידישע שרייבער אין סאָוועטנ־

פֿאַרבאַנד איז אַ שווערער קלאַפּ און פּערזענלעכער פֿאַרלוסט אויך פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

אונדזער היגע יידישע ליטעראַטור, אַן עטיש־אַחריותפֿולע, אַ פֿאָרגעשריטענע, אַ קינסטלעריש־הויך־אַנטוויקלטע, אידייען־רייכע, לאָזט ניט אויס פֿון אויג דעם שווערן פֿאַרלוסט, דעם גרויסן חורבן, דעם שרעקלעכן בראַך — דעם אומקום פֿון אַ דריטל פֿון אונדזער פֿאָלק דורך די הענט פֿון די נאַצי־באַרבאַרן. אָט דער פֿאַרלוסט לייגט־אַרויף באַזונדערס־גרויסע, היסטאָרישע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייטן אויף דער יידישער ליטעראַטור אין דעם לאַנד, וואו עס איז איצט קאָנצענטרירט דער גרעס־טער יידישער ישוב (פֿינף און אַ האַלב מיליאָן יידן פֿון דרייצן מיליאָן יידן איבער גאָר דער וועלט). איר איצטיקע הויפּט־אויפֿגאַבע איז: קאַמף פֿאַר וועלט־שלום, פֿאַרן קיום פֿון דער וועלט, פֿונעם פֿאָלק, פֿאַר פֿרידלעכער קאָ־עקזיסטענץ; אייניקייט צו באַוואָרענען די וועלט קעגן נייע אָשוויענטשימס.

די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע שטייט בטחונדיק און האָפֿענונגפֿול מיטן פּנים צום היינט און צום מאָרגן. זי איז המשך, שעפּנדיק דאָס געזונטע, ביצלעכע, טרייסטפֿולע, הומאַניסטישע פֿון דער ירושה פֿון דורות. זי איז אַן אַקטיווער, וויכ־טיקער, אָרגאַנישער, ווירקנדיקער און באַווירקטער טייל פֿון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור. זי איז אַ ווירדיקער טייל פֿון דער וועלט־ליטעראַטור, אַ חשובער מיטגליד אין דער משפּחה פֿון ליטעראַטורן (וואו זי פֿאַרדינט צו זיין ברייט־באַ־קאַנט דורך איבערזעצונגען). איר הויפּט־אינסטרומענט, די יידישע שפּראַך, איז די שפּראַך פֿון די ברייטסטע פֿאָראויס־מאַרשירנדיקע פֿאָלקס־מאַסן — אַ וואונדערלעך געצייג אין קאַמף פֿאַר אַלמענטשלעכקייט. איר הויפּט־לערע, איר צענטראַלע אידייע איז — שלום און פֿעלקער־פֿריינטשאַפֿט.

קלמן מרמר

וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען אין יידיש

די וויסנשאַפט אין יידיש איז דער ייִנגסטער צווייג פון דער יידישער קולטור. ער איז אויסגעוואַקסן ערשט אין די לעצטע 25 יאָר.

דאָס יידישע פאָלק האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל וויסנשאַפטלעכע פאָרשער אויף אַלע געביטן פון דער מענטשלעכער קולטור. בלויז אויף איין געביט זיינען יידישע וויסנשאַפטלער געבליבן הינטערשטעליק. דאָס איז — אין דער אויספאָרשונג פון דער קולטור פון זייער אייגענעם פאָלק. די ווייטע יידישע פאַרגאַנגענהייט און די אַלטע יידישע שפּראַך און ליטעראַטור זיינען אויסגע־פאָרשט געוואָרן אין דער ערשטער ריי דורך ניט־יידישע געלערנטע. ניט־יידישע פאָרשער האָבן אויך געשאַפן באַדייטנדיקע היסטאָרישע אַרבעטן וועגן די יידן אין מיטלאַלטער און אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע.

די פאָרשונגען פון די יידישע געלערנטע אויף די געביטן פון יידישער געשיכ־טע און ליטעראַטור האָבן אויך פיל פאַרלוירן פון זייער וויסנשאַפטלעכן ווערט צוליב דעם, וואָס זיי זיינען אָריגינעל ניט געווען געשריבן אין יידיש. דאָס שרייבן וועגן יידישן לעבן און יידישער קולטור אין אַנדערע שפּראַכן טראָגט תמיד אין זיך די געפאַר פון אַפּאָלאָגעטיק. אַזוי האָבן אָנגעהויבן די באַגרינדער פון דער „וויסנשאַפט דעס יודענטומס" אין דייטשלאַנד, און אַזוי שרייבט מען אויך היינט אין ענגליש און אין אַנדערע שפּראַכן.

אמת־וויסנשאַפטלעך, אָביעקטיוו, קען זיין אַ פאָרשער פון דער געשיכטע און ליטעראַטור פון זיין פאָלק, ווען ער שרייבט אין דער שפּראַך פון אָט דעם פאָלק. ער קומט דעמאָלט ניט צו קיין נסיון, אָפּצונויגן פונעם היסטאָרישן אמת צוליבן „למה יאמרו הגוים", וואָס וועלן פרעמדע לייט זאָגן ? ער רעדט יידיש צו יידן און קאָן אָנווייזן אויף די חסרונות פונקט אַזוי אָביעקטיוו ווי אויף די מעלות.

רעפעראַט, וואָס דער באַוואוסטער ליטעראַטור־היסטאָריקער קלמן מרמר (1956־1876) האָט געהאַלטן אויפן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז, זונטיק דעם 19טן סעפּטעמבער 1937. קלמן מרמר איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע איניציאַטאָרן פונעם קולטור־קאָנגרעס, דער סעקרעטאַר און הויפּט־טוער פון דער אַמעריקאַנער יידישער איניציאַטיוו־באַוועגונג, און פיל אַרויסגעהאָלפן דער פאַרווירקלעכונג פון דער אידייע און פּלענער צו רופן דעם קאָנגרעס. ער איז אויך געווען אָנפירער פונעם איקוף אין אַמעריקע, און אַ לענגערע צייט — פּרעזידענט, ווי אויך מיטגליד פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון "יידישע קולטור" און טעטיקער מיטאַרבעטער פונעם זשורנאַל.

דער רעפעראַט איז געגעבן דאָ גענוי ווי ער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין סטענאָגראַפישן באַריכט פונעם קולטור־קאָנגרעס, פּאַריז 1937.

רעד.

די יידישע שרייבער פון יידישער געשיכטע און יידישער קולטור־געשיכטע האָבן אויך, מיט ווייניק אויסנאַמען, זיך ניט אָריענטירט אויף די ברייטע יידישע מאַסן, וואָס לעבן פון אייגענער האַרעוואַניע און נייטיקן זיך ניט אין אַפּאָלאָגעטיק צו באַרעכטיקן זייער עקסיסטענץ. זייער מענטשלעך רעכט צו עקסיסטירן איז פאַר זיי אַזוי פשוט, ווי פאַר די מאַסן מענטשן פון אַנדערע פעלקער. טביה דער מילכיקער לעבט אינעם זכות פון זיין אַרבעט און ניט אַדאַנק דעם, וואָס זיין פאָלק האָט דער וועלט געגעבן די ביבל, שפּינאָזען אָדער מאַרקסן.

די נייע יידישע פאָרשונג, די פאָרשערישע אַרבעט אין יידיש, שטיצט זיך אויף די מער אַנטוויקלטע און אויפגעקלערטע יידישע מאַסן. אירע שעפערישע כוחות זייגען נאָך דערוויל באַשרענקט. דאָך האָבן מיר שוין אַ גאַנצע ריי פאָרשער אין יידיש, וואָס גרייטן צו מאַטעריאַלן פאַר די צוקונפטיקע בוימייסטער פון דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק און זיין קולטור. עס ווערט איצט ברייט און טיף אויסגעפאָרשט דאָס לעבן פון די יידישע פאָלקסמאַסן אין אַלע טיילן וועלט אין אָנהייב פון דער מאָדערנער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, דאָס יידישע טעאַטער, געזאַנג, מאַסן־שפּילן א. אַז. וו. הונדערטער און טויזנטער פאָלקס־אינטעליגענטן זאַמלען איצט פלייסיק מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע פון די פאַרשיידענע יידישע קיבוצים און אויך פון איינצלנע יידישע געמיינדעס. כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דער אַרבעט איז, וואָס עס באַטייליקן זיך אין איר ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן. צום ביישפּיל, ביי אונדז אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע העלפן די לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער שאַפונג פון מאָנאָגראַפיעס פון זייערע אַלטע היימען.

אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע (ייוו״אָ), וואָס האָט אויך אָפּטיילונגען אין אַמעריקע. זיינע אַנקעטעס האָבן געבראַכט העכסט וויכטיקע מאַטעריאַלן צו פאַרפיקסירן דעם אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער, צונויפצוזאַמלען דעם יידישן פאָלקלאָר און אויך פעסטצושטעלן דעם יידישן קולטור־צושטאַנד אין אַ סך לענדער.

די דאָזיקע אַרבעט איז נאָך ווייט ניט אָפּגעשלאָסן. די יידישע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג האָט נאָך פאַר זיך אומגעהויער גרויסע אויפגאַבן אויף אָט דעם געביט. אַ ביישפּיל האָבן מיר אין דעם אַמעריקאַנער יידיש־ריידנדיקן ישוב. ער איז נאָך גאָר יונג. דאָך איז מען שוין דאָרט איצט ווייט אַוועק פון דעם יידישן לעבנס־שטייגער פון די ערשטע יידיש־ריידנדיקע איינוואַנדערער. ס׳איז שוין איצט נייטיק אַ שווערע, ענערגישע, לאַנג־דויערנדיקע אַרבעט פעסטצושטעלן דעם לעבנס־שטייגער און דעם קולטור־צושטאַנד פון די איינגעוואַנדערטע מזרח־אייראָפּייאישע יידן אין אַמעריקע אין די זעכציקער, זיבעציקער, אַכציקער און נייַנציקער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט.

מיט אַ צען־צוועלף יאָר צוריק, אונטער דער ווירקונג פון דער יידישער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג אין מזרח־אייראָפּע, איז מען ביי אונדז צוגעטראָטן צו אַן אָרגאַניזירטער טעטיקייט אויסצופאָרשן דעם אָנהייב פונעם נייעם ישוב פון מזרח־אייראָפּייאישע יידן אין אַמעריקע.

מיר האָבן אין אַמעריקע אַן עלטערע אַמעריקאַנער יידישע היסטאָרישע גע־

זעלשאַפט פון די אַזוי גערופענע „יהודימשע" פאַרשער. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט געוויסע פאַרדינסטן פאַר דער געשיכטע פון די יידן אין דער נייער וועלט. זי האָט אַרויסגעגעבן אין ענגליש עטלעכע טויזנט זייטן מיט וויכטיקע היסטאָרישע מאַטעריאַלן. אונטער איר השפעה זיינען אויך געשאַפן געוואָרן אַ ריי באַדייטנדיקע היסטאָרישע ווערק. אירע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן זיינען אָבער, מיט ווייניק אויסנאַמען, דורכגעדרונגען מיט אַפּאָלאָגעטיק. אַפילו די מזרח־אײראָפּײאישע יידן אין אַמעריקע, וואָס שרייבן אין ענגליש, קאָנען זיך ניט באַפרייען פון אָט דער טענדענץ.

אַלנפאַלס, איז די געשיכטע פון די מזרח־אײראָפּײאישע יידן אין אַמעריקע ווייניק אויסגעפאָרשט געוואָרן פון דער אַלטער אַמעריקאַנער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט, הגם זי פאַרמאָגט באַדייטנדיקע גייסטיקע און מאַטעריעלע רעסורסן. די דאָזיקע אַרבעט וואַרט אויף פאָרשער אין יידיש, וואָס זייער צאָל האַלט אין וואַקסן, כאָטש ניט אין אַזאַ טעמפּאָ, ווי מיר ווינטשן.

אין אַמעריקע זיינען אויך פאַראַן גרויסע מעגלעכקייטן פאַר יידישע פאָלקלאָר־זאַמלונגען. ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט אין איין שטאָט יידן פון אַלע אַלטע קיבוצים פון מזרח־אײראָפּע. די עלטערע עלעמענטן צווישן זיי באַזיצן רייכע פאָלקלאָר־אוצרות. לײדער, האָבן מיר לעצטנס פאַרלאָרן אונדזער גרעסטן מייסטער אויף דעם דאָזיקן געביט: דעם אומפאַרגעסלעכן פאָלקלאָריסט יהודה לייב כהן. די פאָלקס־לידער און פאָלקס־מעשיות, וואָס ער האָט געזאַמלט צווישן די פאָלקס־מענטשן אין אַמעריקע, זיינען דער בעסטער באַווייז, וואָס מ'קאָן נאָך אויפטאָן ביי אונדז אויף דעם דאָזיקן געביט.

אַחוץ די מיטגעבראַכטע פאָלקלאָריסטישע אוצרות פון דער אַלטער וועלט, איז פאַראַן אויך אַ היפּשע צאָל פאָלקס־שאַפונגען אין דער נייער וועלט. באַזונדערס פון דער צייט, ווען די אימיגראַנטן זיינען געווען צעשפּרייט איבערן לאַנד, אָפּגעריסן פון די יידישע קולטור־צענטערס און זיינען נאָך ניט געווען באַאײנפלוסט פון דער מאָדערנער אַמעריקאַנער יידישער פרעסע.

אַ גאָר גרויסן פלאַץ פאַרנעמט איצט אין דער וויסנשאַפט אין יידיש גופא די אויספאָרשונג פון דער יידישער שפּראַך.

די באַדייטנדיקסטע אַרבעטן זיינען, נאַטירלעך, געשאַפן געוואָרן אין מזרח־אײראָפּע, צום גרעסטן טייל דורך די יידישע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן פון ווילנע, מינסק און קיעוו. דאָרט זיינען געשאַפן געוואָרן באַדייטנדיקע ווערק אויף אָט דעם געביט. דאָרט זיינען אויך צונויפגעשטעלט געוואָרן יידישע טערמינאָלאָגיעס פאַר אַלע געביטן פון דער מענטשלעכער קולטור: לאַנדווירטשאַפט, טעכניק, יוסטיץ, מאַטעמאַטיק, נאַטורוויסנשאַפט א. אַז. וו. דאָרט איז אויך פיל אויפגעטאָן געוואָרן אויף דעם געביט פון דער דיאַלעקטאָלאָגיע. אין מינסק איז שוין געמאַכט געוואָרן אַן ערנסטער אָנהייב פון אַ דיאַלעקטן־אַטלאַס.

אונדזער יונגער יידישער ישוב אין אַמעריקע האָט אויך צוגעלייגט אַ האַנט צו דער יידישער שפּראַך־פאָרשונג (יודאַ יאָפע א. אַנד.). באַזונדערס האָט זיך

אַמעריקע אויסגעצייכנט מיט אירע יידישע ווערטער־ביכער. דער אַמעריקאַנישער יידישער לעקסיקאָגראַף, דער 75־יאָריקער אַלכסנדר האַרקאַווי, אַרבעט שוין נאָענט צו 50 יאָר אויף דעם דאָזיקן געביט. זיין יידישער ווערטער־בוך איז פאַר־לויפיק דער באַדייטנדיקסטער, וואָס מיר האָבן אין דער יידישער שפּראַך, כאָטש ער האָט ניט די מינדסטע פּרעטענזיע אויף פולקאָמענהייט.

די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע איז אַ שווער פּראָבלעם אין אַלע לענדער. נאָר שווערער איז רעקאָנסטרואירן די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין דער נייער וועלט. די יידישע פּרעסע אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך באַוויזן צום סוף פון די זעכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם י״ה, איז צוגעפּאַסט געווען צום מאָמענט־באַדאַרף פונעם פּשוטן יידישן מאַסן־מענטש. קיינער האָט ניט געהאַלטן פאַר וויכטיק זי צו זאַמלען. עס זיינען נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין יידישע ביבליאָטעקן, וואָס זאָלן זי אָפּהיטן. דאָס רוב צייטונגען האָבן לאַנג ניט עקסיסטירט. אַ סך פון זייערע אַרויסגעבער און רעדאַקטאָרן זיינען איבערגע־גאַנגען צו אַנדערע באַשעפטיקונגען און אָפט ניט אָפּגעהיט אפילו קיין איינ־ציקן עקזעמפּלאַר פון זייערע אויסגאַבעס. די געוואוינהייט פון אַ סך צייטונגס־אַרויסגעבער איבערצודרוקן ראָמאַנען פון אַלטע צייטונגען, האָט מיטגעהאָלפן צו פאַרניכטן אויך יענע גאַנצע צייטונגס־קאָמפּלעקסן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די סטאַבילע רעדאַקציעס.

ניט געקוקט אויף אָט די אַלע שטערונגען, האָבן מיר דאָך שוין אין אַמעריקע צוגעגרייט דעם מאַטעריאַל פאַר זיבעציק יאָר יידישע פּרעסע, וואָס דאָס איז צוגלייך אַ וויכטיקער ביישטייער צו דער געשיכטע און ליטעראַטור פון אָט דעם נייעם, גרויסן, יידישן ישוב (געגנוג אָנצואווייזן אויף די אַרבעטן פון ד״ר י. שאַצקי, א. ר. מלאכי, י. ליפשיץ, א. שולמאַן, מ. שטאַרקמאַן און אַנדערע). נאָך איינס. די קלאַסיקער פון אונדזער יידישער ליטעראַטור זיינען שוין געווען באַקאַנט אין דער יידישער וועלט נאָך אין 19טן י״ה. דאָך איז אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר אַרויסגע־געבן געוואָרן אַ היפּשע פאָרשערישע ליטעראַטור וועגן זייער לעבן און שאַפן. ס׳זיינען אויך ברייט אויסגעפאָרשט געוואָרן די זיידעס און עלטער־זיידעס פון אונדזער ליטעראַטור.

די ליטעראַטור־געשיכטלעכע פאָרשונג פון דער אַלטער יידישיסטיק איז שוין איצט ניט מער אַ טעמע בלויז פאַר ריינע שפּראַך־פאָרשער. די אַלטע יידישע ליטעראַטור ווערט לעצטנס אויסגעפאָרשט אינעם צוזאַמענהאַנג מיט דעם סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן פון די ברייטע יידישע מאַסן און אויך פון זייער ניט־יידישער סביבה. ס׳ווערט אויפגעדעקט די סאָציאַלע באַזע פון די ערשטע שאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור און די אומזיכטבאַרע פעדים, וואָס פאַרבינדן זיי מיט דער וועלט־ליטעראַטור פון זייער צייט.

אינגאַנצן אַ ניי פעלד איז די פאָרשונג פון דער פּיאָנערישער יידישער לי־טעראַטור אין אַמעריקע. זיי, די ערשטע יידישע דיכטער אין אַמעריקע, זיינען אין

אויסלאַנד געווען ווייניק באַקאַנט, ניט געקוקט דערויף וואָס זייערע לידער זיינען געזונגען געוואָרן צווישן ברייטע אַרבעטער־מאַסן אין פאַרשיידענע לענדער.

איך וועט מיר דערלויבן דאָ אַ קליינע עקסקורסיע: דער יידישער עמיגראַנט פון די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַן אָרעמען באַגאַזש פון מזרח־אייראָפּע. דער ערשטער מחבר פון אַ ביכל יידישע לידער אין אַמעריקע (יעקב צבי סאָבעל) שילדערט אין די 70־קער יאָרן, ווי אַזוי דער יידי־שער איינוואַנדערער פון פּוילן וואַרפט זיך מיט זיין קולטור־ירושה, ער האָט פון איר קיין שום נוצן ניט. די גאַנצע קולטור־ירושה פון אָט דעם ערשטן מזרח־אייראָ־פּיאישן יידישן איינוואַנדערער אין אַמעריקע איז באַשטאַנען פון אַ הייפל רעליגיעזע מנהגים, וואָס האָבן ביי אים שנעל פאַרלוירן יעדן זין אין דער נייער פרעמדער סביבה. דערצו זיינען די ערשטע יידישע עמיגראַנטן אין זייער מערהייט באַשטאַנען פון פּעדלער (הויזירער). זיי האָבן געוואַנדערט איבער דעם נייעם ריזיקן לאַנד כמעט אויסשליסלעך צווישן ניט־יידן. די איינגעזעסענע יידן, אפילו די מזרח־אייראָפּיאישע, פלעגן זיך זעלטן לאָזן דערקענען פון דעם יידיש־רײדנדיקן עמי־גראַנט. דער איזאָלירטער יידישער פּעדלער האָט זיך דעריבער לייכט אָפּגעזאָגט פון זיין יידישקייט. ער האָט פאַרמיסטיקט זיין יידישע שפּראַך און געזוכט צו באַ־האַלטן זיין אָפּשטאַם, ווי דער פּוילישער ייד אין סאָבעלס ליד „דער אַלטער ישראל״ (ניו־יאָרק, 1877), וואָס האָט שטאָלצירט דערמיט, וואָס זיין קינד פאַרשטייט ניט מער קיין יידיש, וואָס זיין זון האָט זיך אַנגעשלאָסן אין אַ קריסטלעכער קירך.

די דאָזיקע אומנאָרמאַלע לאַגע ענדערט זיך אָבער אַזוי גיך, ווי ס׳הייבט זיך אָן די גרויסע יידישע מאַסן־עמיגראַציע אין די אַכציקער יאָרן. די פּעדלעריי האָט שוין מער ניט געגעבן קיין פּרנסה־מעגלעכקייטן. פון דער אַנדער זייט האָט דער אויפשוואונג פון דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע פאַראורזאַכט דעם אויפקום פון אַן אַ שיעור פאַבריקן און פאַבריקלעך — די טרויעריק באַרימטע שוויץ־שעפּער, קעגן וועלכע מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַדט, י. באָוושאָווער און זייערע נאָכפאָלגער האָבן אַזוי געצאָרנט. די פּאָגראָמען אויף יידן אין צאַרישן רוסלאַנד, דער דורכפאַל פון דער פאָלקיסטישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג דאָרט ברענגען אַ היפּשן טייל אינטעליגענטע יידן קיין אַמעריקע, וואָס זיינען געצוואונגען צו גיין אַרבעטן אין שוויץ־שאָפּ. זיי רעוואָלטירן קעגן דעם „סוועט״־שאָפּ. זיי דערנענטערן זיך צו די ברייטע יידישע אימיגראַנטישע מאַסן, געפינען דאָרט טאַלענטירטע קולטור־כוחות, אַ דראַנג צו גערעכטיקייט, פאַראייניקט מיט עקשנותדיקן מוט צום קאַמף. ס׳איז געווען אַ וואונק פון ניט־יידישע אַרבעטער, אַז זיי זיינען אין שטרייק, אַז זיי בעטן די יידישע עמיגראַנטן ניט צו פאַרנעמען זייערע פּלעצער, און אָט די יידישע פאָלקסמענטשן — קליינשטעטלדיקע הענדלער, באַלמעלאָכעס, קרעמער א. אַז. וו. — האָבן תיכף אָנערקענט דעם יושר פון דעם און האָבן באַשלאָסן ליבער צו הונגערן איידער צו ווערן שטרייק־ברעכער.

אָט די יידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע האָבן אָנגעהויבן שאַפן אַ נייע יידי־שע קולטור. זיי האָבן ניט געבויט אויף דעם פונדאַמענט, וואָס זיי האָבן מיטגע־

בראַכט פון זייערע שטעטלעך. זיי האָבן געשעפּט זייער באַגייסטערונג ביי די פּריוויליגירטע־העכערע פון אַלע לענדער. זיי האָבן זיך דערפילט ווי אַ ניי געבוירן פאָלק אין נייעם לאַנד. גאָר ווייניק פון זיי האָבן דעמאָלט געוואוסט פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער אַלטער היים. פאַר זיי האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאָדערן געזעלשאַפטלעך יידיש לעבן ערשט אין אַמעריקע. דאָרט האָבן זיי אָנגעהויבן לייענען אַ צייטונג, אַ בוך, הערן אַ לעקציע, זיך באַטייליקן אין עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף.

אין אָט דער נייער סביבה איז אויך געשאַפן געוואָרן די פּיאָנערישע יידישע ליטעראַטור. יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן גערעדט אין רוסיש און געשריבן אין העברייאיש אָדער אין אַנדערע שפּראַכן, וואָס דער יידישער מאַסן־מענטש האָט ניט פאַרשטאַנען, האָבן אָנגעהויבן ריידן און שרייבן אין יידיש. די פּיאָנערן האָבן ניט געקענט קיין אַנדער יידישע שפּראַך, ווי די פון שאָפּ, ווי די, וואָס דער יידישער מאַסן־מענטש האָט גערעדט. דאָך האָבן די פּיאָנערישע דיכטער פאַרפיינערט און באַרייכערט די יידישע שפּראַך און האָבן געשאַפן אַ ספּעציעלע ליטעראַטור אין פּאָעזיע און פּראָזע, כמעט אויסשליסלעך פאַר שאַפּ־אַרבעטער און בכלל פאַר מענטשן, וואָס לעבן פון זייער אייגענער האַרעוואַניע.

אַ מער קולטורעלן עלעמענט ברענגט דער צווייטער גרויסער איינוואַנדערונגס־שטראָם פון מזרח־אייראָפּע. דאָס איז געווען נאָכן צוזאַמענבראָך פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (1905). די דאָזיקע אימיגראַנטן זיינען שוין געווען פּאָליטיש און סאָציאַל אַנטוויקלט נאָך אין דער אַלטער היים. זיי האָבן געהערט צו געוויסע פּאָליטישע פּאַרטייען און געווען באַקאַנט מיט דער נייער יידישער ליטעראַטור אויך פון נאָך די קלאַסיקער. ס׳הייבט זיך דאַן אָן אין אַמעריקע אַ געראַנגל צווישן אָט די צוויי מינים יידישע קולטורן, פון וועלכע ס׳איז אַרויסגעוואַקסן די סינטעטישע, מאָדערנע, וועלטלעכע קולטור אין אַמעריקע, וועלכע פילט זיך ווי אַ באַרעכטיקטער טייל פון דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור.

דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב צייכנט זיך אויס פון אָנהייב אָן דורך זיין וועלטלעכער קולטור. אַרבעטער־קלובן, טרייד־יוניאָנס (פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען), ביבליאָטעקן, לייען־זאַלן, א. ד. גל. זיינען געוואָרן די זאַמל־פּונקטן פאַר ברייטע יידישע מאַסן. די יידישע דיכטער, דערציילער, פּובליציסטן, וויסנשאַפטלער, דראַ־מאַטורגן, שוישפּילער, מוזיקער א. אַז. וו., זיינען ביי די דאָזיקע מאַסן געוואָרן די גדולים פונעם יידישן פאָלק. דער יידישער אַרבעטער־קלוב, דער לעקציע־זאַל, און דאָס טעאַטער האָבן אַ געוויסע צייט געאַרבעט האַנט ביי האַנט. יעקב גאָרדינס דראַמען האָבן אין זייער צייט געהאַט אַ ווירקונג, ווי ביי אונדזערע זיידעס די פּאָ־פּולערסטע מגידים. דאָס טעאַטער אין יענער צייט איז געווען אַ לערער, אַ מוכיח, און אַ וועג־ווייזער.

די יידישע דיכטונג אין יענער צייט איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן קאָנצערט־זאַל. מאָריס ראָזענפעלד, וואָס האָט געהאַט אַ שיינע טענאָר־שטימע, פלעגט אויפ־טרעטן מיט לידער אויף קאָנצערטן. אויך מאָריס ווינטשעווסקי פלעגט ביי געלעגנ־הייטן דעקלאַמירן זיין פּאָעזיע און אפילו דער שעמעוודיקער יונגער דוד עדעלשטאַט

האָט געמאַכט אַ ניט־געלונגענעם פּרואוו צו דעקלאַמירן זיינע לידער אין אַ קאָנ־צערט־זאַל.

אַרום די יידישע דיכטער, דראַמאַטורגן און שוישפּילער האָבן זיך גרופּירט אַ גאַנצע ריי מוזיקער. ס'זיינען אויך אַנטשטאַנען אַרבעטער־כאָרן און אָרקעסטערס, וואָס האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן אַ היפּשע צאָל מוזיקער, זינגער, שפּילער און קאָמפּאָזיטאָרן. די אויפגעוואַכטע יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן אויך אַרויסגעוויזן אַ דראַנג צום שוישפּיל. זיי האָבן אָרגאַניזירט אַלערליי פאָלקס־בינעס און דראַמאַ־טישע געזעלשאַפטן, פון וועלכע ס'זיינען אַרויסגעוואַקסן אַ גאַנצע ריי באַגאַבטע שוישפּילער.

אונטער דער הערשנדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג אין אַמעריקע איז אָבער ניט מעגלעך, אַז דער ביזנעס־גייסט זאָל ניט אַריינדרינגען אויך אין די גע־ביטן פונעם יידישן קולטור־לעבן, זיי פאַרמיסטיקן און פאַרפּעסטן.

ריין און לעבעדיק זיינען געבליבן בלויז יענע קולטור־אַנשטאַלטן, וואָס שטייען דירעקט אונטער דער אויפזיכט פון אָרגאַניזירטע יידישע פאָלקס־מאַסן. דער „אַרטעף", די כאָרן און אָרקעסטערס, די וועלטלעכע יידישע קינדער־שולן, דער לערער־סעמינאַר, די אַרבעטער־אָדער פאָלקס־אוניווערסיטעטן און ענלעכע אַנשטאַלטן האַלטן אויף די חשיבות פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור אין אַמעריקע. אַרום אָט די אַנשטאַלטן גרופּירט זיך דאָס בעסטע אין דער יידישער קולטור־וועלט.

דאָס אַלץ האָב איך דאָ דערציילט, כדי אָנצואווייזן, אַז די באַזע פאַר דער וויסנ־שאַפטלעכער יידישער פאָרשונג אין אַמעריקע, אויף וועמען זי שטיצט זיך און צו וועמען זי רעדט, איז די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסע.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט באַלד ביי איר אויפקום געמאַכט אַלערליי פּרואוון צו פאַרשפּרייטן וויסנשאַפט צווישן די ברייטע פאָלקס־מאַסן. נאַטירלעך זיינען עס געווען פּאָפּולאַריזאַציעס, אָפט שטאַרק פּאַרוואָסערטע, אַמאָל אויך וואול־גאַריזירטע.

כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט איז אויך דאָס, וואָס די אַרטיקלען איבער נאַטורוויסנשאַפט, איבערזעצונגען פון וויסנשאַפטלעכע ווערק, האָבן אין דער פּיאָ־נערישער אַמעריקאַנער צייטונג פאַרנומען אַזאַ פּלאַץ, ווי די אַרטיקלען איבער דער אַרבעטער־פראַגע און ווי די איבערזעצונגען פון מאַרקס, ענגעלס, באַקונין און קראָ־פּאָטקין. דאָס גלייכן האָבן די לעקציעס איבער נאַטורוויסנשאַפט פאַרנומען אַזאַ פּלאַץ ווי די לעקציעס איבער די טאָג־טעגלעכע סאָציאַלע און פּאָליטישע פראַגן.

די דאָזיקע באַציאונג צו וויסנשאַפט איז עד־היום כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע און פאַר די ברייטע יידישע מאַסן, וואָס זיינען מיט איר פאַרבונדן. איצט אָבער באַנוגנט מען זיך שוין ניט מער מיט פּאָפּולאַריזאַציעס. ס'זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אַ גאַנצע ריי גרונטווערק אויף אַלע געביטן פון דער וויסנשאַפט. ס'ווערן אויך אַרויסגעגעבן אָריגינעלע וויסנשאַפט־לעכע ווערק אין יידיש, באַזונדערס וועגן פּעדאַגאָגיק, פּסיכאָלאָגיע און אַנטראָפּאָ־לאָגיע (לייבוש לערער, דר. מאַנדעל אַ. אַ.). ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אונדזערע לערער־סעמינאַרן און פאָלקס־אוניווערסיטעטן זיינען נאָך ווייט פון אַן אידעאַל

פון אַ הויך וויסנשאַפטלעכן לערן־אַנשטאַלט, צו וועלכן מיר שטרעבן, דאָך האָבן מיר שוין אַרויסגעגעבן אַ ריי יונגע פאָרשער, וואָס האָבן שוין בייגעטראָגן אַ ריי אַרבעטן צו דער געשיכטע פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור אין אַמעריקע. אונדזערע קולטור־אַנשטאַלטן האָבן אויך געשאַפן אַ ריי נייטיקע לערנביכער, ניט בלויז פאַר די יידישע קינדער־שולן, נאָר אויך פאַרן הויז און פאַר דעם פאָלקס־אוניוועור־סיטעט.

די פראַגע פון לערן־ביכער פאַרן פאָלקס־אוניווערסיטעט, ווי בכלל פון וויסנ־שאַפט אין יידיש, איז איצט איינע פון די וויכטיקסטע יידישע קולטור־פּראָבלעמען. ווער עס קריגט זיינע ערשטע וויסנשאַפטלעכע ידיעות אין דער יידישער שפּראַך, וועט פון איר קיינמאָל גאַנץ ניט פאַרפרעמדט ווערן און ממילא וועט ער אויך ניט אָפּגעריסן ווערן פון דער יידישער קולטור.

אַ באַדייטנדיקער יידישער קולטור־אויפטו איז דעריבער אויך די יידישע ענציקלאָפּעדיע, וואָס דערשיינט דאָ אין פּאַריז. זי איז פון העכסטער וויכטיקייט פאַר די סטודענטן פון אונדזערע לערער־סעמינאַרן און פאָלקס־אוניווערסיטעטן.

און רעדט מען וועגן די יידישע קולטור־אַנשטאַלטן אין אַמעריקע און וועגן די דאָרטיקע פּרוּוואון אויפן געביט פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג אין יידיש, דאַרף אויך גענומען ווערן אין אַכט, אַז די ברייטע יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן אין אַמעריקע זיינען זייער אָרעם, כאָטש זיי העלפן רייכלעך זייערע קרובים מעבר לים. די יידי־שע מאַסן אין אַמעריקע האָבן אויך ניט די מינדסטע שטיצע פון דער אַמעריקאַנער מלוכה פאַר זייערע יידישע קולטור־נויטן. דאָס ביסל, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן אויף אַלע געביטן פון דער יידישער קולטור, איז אויסגעטראָגן געוואָרן מיט זייערע אייגענע כוחות און מיט זייערע אייגענע באַשרענקטע מיטלען.

מיר פּלאַנען איצט אויפצוהייבן אין אַמעריקע אַ קאַמף דערפאַר, אַז די מלוכה זאָל אַריינעמען די יידישע שפּראַך אינעם פּראָגראַם פון איר מלוכהשן שול־סיסטעם. זי זאָל אויך אַריינעמען אין אַ גרעסערע מאָס דאָס יידישע בוך אין אירע פאָלקס־ביבליאָטעקן.

כ׳האָף, אַז דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס וועט דערמוטיקן און פאַרלייכטערן אונדזער קאַמף און אונדזער דערפאָלג דורך דער הויכער חשיבות, וואָס ער וועט געבן דער יידישער שפּראַך און דער יידישער קולטור.

דאָס וועט אויך באַפליגלען די פאַנטאַזיע פון די ברייטע יידישע מאַסן, זיי זאָלן זיך ניט באַנוגענען מיט פּאָפּולערער וויסנשאַפט, מיט עלעמענטאַרע פאָלקס־אוני־ווערסיטעטן, נאָר זיי זאָלן שאַפן די ברייטע מעגלעכקייטן פאַר עקזאַקטע וויסנ־שאַפטן אין יידיש און פאַר יידישע אוניווערסיטעטן, וואָס זאָלן שטיין אויף דער הייך, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ פאָלק, וואָס פאַרמאָגט געוונג קולטור־כוחות מזכה צו זיין מיט זיי אַ סך קולטור־פעלקער. זאָל נאָר פאָרקומען די געווינטשטע פאַראייניקונג צווישן אונדזער אינטעליגענץ מיט אונדזערע ברייטע מאַסן און מיר וועלן שאַפן קולטור־ווערטן מיט לייטן גלייך, אויב ניט נאָך מערער.

1937.

פראָפ. שמואל אייזענשטאַדט / תל־אביב

משה (מאָריץ) העס

(דער מענטש און דער ייד)

(צו זיין 150סטן געבוירנטאָג, 21סטן יאַנואַר 1812 — 21 יאַנואַר 1962)

א.

משה (מאָריץ) העס איז געבוירן געוואָרן אין באָן (דייטשלאַנד) דעם 21טן יאַנואַר 1812. ער האָט געשטאַמט פון אַ טראַדיציאָנעלער יידישער פאַמיליע פון פוילן, וועלכע האָט מיט דריי דורות פאַר אים אַריבערגעוואַנדערט קיין דייטשלאַנד. זיין עלטער־זיידע איז געווען דער אין זיין צייט גוט באַקאַנטער מאַנהיימער רב רבי טבלי העס און זיין זיידע איז געווען דער למדן און ירא־שמים רבי נתן העס אין באָן, וועלכער איז שוין צום טייל געווען באַהויכט מיט דעם גייסט פון דער מערבדיקער השכלה.

אין משה העס׳ קינדערשע יאָרן איז זיין פאָטער אַריבערגעפאָרן מיט דער משפחה אין דער נאָענטער שטאָט קעלן, מיט איר אַלט־געזעסענעם יידישן ישוב, וואו ער האָט געגרינדעט אַ צוקער־פאַבריק. דאָס קינד משה איז אָבער געבליבן אויך אויף ווייטער אין הויז פון זיין זיידן אין באָן, וואו ער האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג. דער זיידע האָט מיט אים פלייסיק געלערנט תנ״ך און תלמוד און אים אויך אַריינגעפירט אין די אוצרות פון דער העברייאישער שפראַך, וועלכע משה העס האָט ניט פאַרגעסן אויך בשעת זיינע לאַנגיאָריקע וואַנדערונגען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. אויך אין דער שפּעטערדיקער תקופה פון זיין לעבן, אין די 60־ער און 70־ער יאָרן, אין זיין בוך „רוים און ירושלים״ און אין זיינע אַנדערע פּובליציסטישע אַרבעטן, האָט ער זי אויפגעפאַסט אַלס דעם פונדאַמענטאַלן קולטור־אוצר פון זיין פאָלק און אַלס דעם אויסערגעוויינלעך רייכן רעזערוואַר פון פאָליטיש־היסטאָרישע דערינערונגען. ער האָט אויך געשריבן אַ גוטן העברייאיש אין משכילישן סטיל פון זיין צייט.

משה העס דערציילט שפּעטער: „ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט דער זיידע געלייענט אונדז מעשיות וועגן די ליידן פון יידישן פאָלק, און איבער דער שניי־ווייסער באָרד פון דעם ערנסטן אַלטן פלעגן זיך קייקלען ביטערע טרערן, ווען ער האָט דערציילט ווי די יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער אייגן לאַנד. אין מיין זכרון האָט זיך מער פון אַלץ איינגעקריצט די געשטאַלט פון דער מוטער רחל, וואָס שטייט אויף פון קבר און באַוויינט אירע פאַרטריבענע קינדער.״

ווי מיר וועלן ווייטער זען, האָבן זיך אין די שפּעטערדיקע גייסטרייכע און קאָמפּליצירטע וואַנדלונגען פון משה העס׳ לעבנס־וועג און אין זיינע סאָציאַלע קאַמפן סינטעטיזירט און פאַרפלאָכטן די ירושה־גיטער פון זיין פּויליש־יידישן שטאַם מיט דער דערוואָרבענער אַרומיקער פּראָגרעסיווער דייטשישער קולטור און וויסנשאַפט.

ניט אויף אַ לאַנגער צייט האָט זיך משה העס איינגעשלאָסן אין דעם קרייז פון רייִן־יידישע לימודים. ער איז פרי אַריין אין דער דייטשישער קולטור־וועלט, און צו 18 יאָר איז ער שוין אויפגענומען געוואָרן אַלס סטודענט אין דער באָנער אוני־ווערזיטעט, וואו ער האָט שטודירט פילאָזאָפיע. ער האָט פאָרמעל ניט פאַרענדיקט זיינע אוניווערזיטעט־לימודים. אָבער עס איז קיין ספק ניט, אַז אין משך פון די פּראָדוקטיווע און פלייסיקע באָנער הויכשול־שטודיען איז פאַרלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר זיין פילאָזאָפישן דענקען און פאַר זיין גאַנצן שפּעטערדיקן וועלט־באַנעם. ער האָט זיך אין יענער צייט באַקאַנט מיט די קלאַסישע ווערק פון דער וועלט־וויסנשאַפט און מיט די וויכטיקסטע גרונט־ווערק פון פילאָזאָפישער וויסנ־שאַפט פון זיין צייט.

וויניקסטנס ביז אין דער מיט פון די 40־ער יאָרן איז משה העס געווען שטאַרק גלויבעריש און האָט מעטאַפיזיש באַטראַכט דאָס לעבן אין דער נאַטור און אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אַזוי געפינען מיר, אַ שטייגער, אין אַ בריוו צו זיין יוגנט־פריינט מ. לוי, פון אָנהייב אַפּריל 1831, די פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע באַהויפּטונג: „מען לעבט זיך אויס גאָטפעליק, ווען מען נעמט זיך גאָטס לעבן אַלס אַ פאָרבילד. זיין לעבן... איז די אייביקע העכסטע ליבע, די אייביקע העכסטע גערעכטיקייט״.

לויט דער שפּעטערדיקער דערציילונג פון זיין פרוי סיבילאַ איז העס אַרויס־געטריבן געוואָרן פון דער באָנער אוניווערזיטעט אין יאָר 1840 פאַר אַ ווערק אי־בער סאָציאַליזם, וועלכן ער האָט געהאַט געשריבן, אָבער אַזאַ מאַנוסקריפּט איז ניט געפונען געוואָרן צווישן זיינע פּאַפּירן. מיר ווייסן נאָר, אַז אין באָן האָט אויך פאַרבראַכט אַ קורצע צייט אין די יאָרן 1835־1836 דער יונגער קאַרל מאַרקס. עס זיינען אָבער ניטאָ קיין באַווייזן, אַז שוין דאַן האָט זיך מיט אים משה העס פּערזענלעך באַקאַנט.

קאַרל מאַרקס איז געווען אויף 6 יאָר יינגער פון העסן. ער האָט אויך שטודירט מיט אַ קורצער צייט שפּעטער אין דער זעלביקער באָנער אוניווערזיטעט. ער האָט אָבער ניט אָנגעהויבן מיטן אַקאַדעמישן שטודיום פון פילאָזאָפיע, ווי העס, נאָר מיט רעכט־וויסנשאַפט און עקאָנאָמיק און האָט ערשט, נאָכן פאַרענדיקן זיינע לימודים אין באָן, זיך פאַרפולשטענדיקט אין געשיכטע און פילאָזאָפיע אין דער בערלינער אוניווערזיטעט און אין יאָר 1842 איז אים שוין פאָרגעלייגט געוואָרן אַ פּאָסטן פון אַ דאָצענט אין באָן.

זיכער איז, אַז העס האָט זיך באַקאַנט פּערזענלעך מיט מאַרקסן וויניקסטנס אין יאָר 1841 בשעת זייער בשותּפותדיקער אַרבעט אין דער „ריינישער צייטונג״ און אַז זינט דער ערשטער באַקאַנטשאַפט זייערער האָט זיך געלאָזט בולט מערקן דער גרינטלעכער אונטערשייד פון זייערע כאַראַקטערן און אַרבעט־מעטאָדן. אַחוץ

זיין געבוירענער גאונישקייט האָט זיך מאַרקס אויסגעצייכנט מיט זיין סיסטעמאַטיש־קייט, קאָנצענטרירטקייט און רעאַליסטישקייט. ער האָט פּראָדוקטיוו באַנוצט זיינע יוריסטישע, עקאָנאָמישע און היסטאָריש־פילאָזאָפישע גרינטלעך דערוואָרבענע קענ־טעגישן כדי אויפצואַקערן מיט זייער הילף דאָס פעלד פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע און שאַפן אויף אים זיינע יסודותדיקע וויסנשאַפטלעכע ווערטן. אַנדערש איז געווען דער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון משה העס. ניט געקוקט אויף זיין אויסערגעוויינלעכער באַגאַבטקייט און זיין אָנערקענטקייט אַלס דער ערשטער דייטשישער קאָמוניסט, האָט ער אין זיין לעבן דורכגעמאַכט פאַרשיידענע זיגזאַגאַרטיקע וואַנדלונגען און אָפּנייגונגען. ביי זיין אינטעלעקטועלער טיפקייט האָט ער אָבער כלל ניט פאַרמאָגט יענע אידייאישע קלאָרקייט און קאָלעגיאַלישן, חברישן צוגאַנג צו מענטשן, וואָס האָט געצויגן צו מאַרקסן ווי צו אַ רבין, צו אַ גייסטיקן צענטער. ער פלעגט ציטנווייז אויך אַריינפאַלן אין צו עקסטרעמע אָנשויאונגען, קעגן וועלכע ער האָט נאָך אין יולי 1830 אַליין ערנסט געוואָרנט אַן אומבאַקאַנטן פריינט, זאָגנדיק אים אין זיין בריוו, אַז „דער אומגליק פון די מענטשן אין אַלע צייטן איז אין דעם אַריינפאַלן אין עקסטרעמע געדאַנקען".

ניט קוקנדיק אויף מאַרקס' יונגקייט, האָט שוין העס דערשפּירט ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט אים זיין שאַפונגס־קראַפט און די טיפקייט פון זיין פי־לאָזאָפישן דענקען און אין זיין בריוו צו בערטאָלד אויערבאַכן פון 2טן סעפּטעמבער 1841 שרייבט ער שוין: „...דו קאָנסט האָפן, אַז דו וועסט זיך באַקענען מיט דעם גרעסטן אין דער פילאָזאָפיע פון אונדזער צייט, וועלכער איז אפשר דער איינציקער אמתער פילאָזאָף, וואָס לעבט מיט אונדז איצט"... „ער איז נאָך זייער יונג און ער וועט שלאָגן די מיטלאַלטערלעכע רעליגיע און פילאָזאָפיע דעם לעצטן דעצי־דירנדיקן שלאָג. אין זיין גייסט האָבן זיך באַהעפט צוזאַמען דאָס העכסטע ערנסטע און פאַרטיפטסטע שטודיום מיט דעם העכסטן שאַרפזין".

בשעת זיין אַרבעט אין דער „ריינישער ציטונג" האָט זיך משה העס אין יאָר 1842 צום ערשטן מאָל געטראָפן אויך מיט פרידריך ענגעלסן און האָט מיט אים פון דאַן אָן אַ לענגערע צייט מיטגעאַרבעט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן און פּאָליטישע קאָניונקטורן. עס איז אָבער שטאַרק איבערטריבן די געוואָגטע באַהויפּ־טונג פון משה העס, אַז ניט מאַרקס, נאָר גראָד ער, משה העס, האָט אויף אַ דע־צידירנדיקן אופן געווירקט אויף דער פיקסירונג פון ענגעלסעס געדאַנקען־וועלט; דען אַזוי שרייבט דאָך העס דעם 19טן יוני 1843 אין זיין בריוו צו זיין פריינט בער־טאָלד אויערבאַכן: „פאַריקן יאָר ווען איך האָב געהאַט בדעה צו פאָרן קיין פּאַריז, איז ער (ענגעלס) געקומען פון בערלין קיין קעלן... מיר האָבן גערעדט וועגן צייט־פראַגן און ער האָט זיך פון מיר אָפּגעשיידט אַלס אַ פלאַמיקער קאָמוניסט, נאָך דעם וואָס ער איז שוין פריער געווען אַ רעוואָלוציאָנער".

ווי קאַרל מאַרקס אַזוי האָט אויך משה העס געצויגן זיין ערשטע יניקה פון דער העגעלשער פילאָזאָפיע. ער האָט געשמט אין די 40־ער יאָרן ווי אַ „ליב־קער העגעליאַנער". ער האָט אָבער קיינמאָל ניט אָקצעפּטירט אין אַ פולער מאָס די פייערבאַכישע דיאַלעקטיק און האָט זי ניט אויפגעפאַסט סינטעטיש, ווי דאָס האָבן געטאָן מאַרקס און ענגעלס. ער האָט ביז די 50־ער יאָרן זיך בכלל ניט אָפּגעגעבן

מיט קיין עקאָנאָמישע פּראָבלעמען און האָט זיי ערשט דערנאָך פליייסיק שטודירט. ער האָט זיך נאָך אַ לאַנגע צייט געשלאָגן צווישן רעליגיע און געזעלשאַפט און איז אויף לאַנג געבליבן באַאיינפלוסט פון שלייערמאַכערס רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע. זיין ערשט ווערק „די הייליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט", וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1837, הייבט ער אָן מיט אַן עלעגישן אַריינפיר, וואו עס קומט צום אויסדרוק די סענטימענטאַלע וואַקלעניש און אומבאַשטימט־קייט פון אַ וואַנדערער איבער די לעבנס־וועגן פון זיין צייט. ער האַלט זיך אָבער שוין דאָ אָן ביי אַ פעסטן פונקט, אַרויסזאָגנדיק דעם גרונט־געדאַנק, אַז אין דער געשיכטע זיינען כלל ניטאָ קיין צופעליקע דערשיינונגען. דער מענטש איז אמת באַשענקט פון דער נאַטור מיט דער אייגנשאַפט פון פרייער מאָראַלישער אויס־וואַל, אָבער אין דעם פּרט — און דאָ פאַרזינקט ער ווידער אין דעם אָפּגרונט צווישן סאָציאָלאָגיע און מעטאַפיזיק — ווערט דער מענטש געפירט און אינספּי־רירט דורכן געטלעכן כוח, דורכן רוח הקודש, דורך שפּינאָזאָס גאָט־נאַטור. ער קומט דאָ, אמת, אויף מעטאַפיזישע וועגן, שוין צום סאָציאַליזם אַלס צוקונפט־אי־דעאַל, אַלס גערעכטער וועלט־סדר. די הערשאַפט פון גאָט־פאָטער פירט אים צו דער אחדות פון אַלע מענטשן אין דער וועלט און צו דער אַבסאָלוטער שותפות פון אַלע ווערטן און גיטער.

הגם „די הייליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט" גיט זיך כמעט ניט אָפּ מיטן יידישן פּראָבלעם, האָט משה העס אויסגעקליבן פאַר אַ מאָטאָ צו זיין בוך אַן אויסצוג פון יואל יעקאָבים „קלאָגן פון אַ יידן": „...די וועלט וועט בלייבן גלאַר־רייך. די געשלעכטער און די שמערצן בייטן זיך... אויך די טרויער־האַרפע פון מיין פאָלק וועט זיך צעברעכן. דער מידער גייסט וועט קומען צו רו..."

די געשיכטע איז אים הייליק און ער אָפּערירט דורכאויס מיטן וואָרט „הייליק". ער לעבט דורכאויס נאָך אין אַ וועלט פון מעטאַפיזישע פאַרשטעלונגען.

די אידייען זיינען אמת, ווייל זייער ערשטער מקור איז גאָט. די וועגן פון דער מענטשלעכער געשיכטע זיינען אין פאָרויס באַשטימט דורך זיין מעטאַפיזישער אויפפאַסונג. די מענטשהייט אַלס גאַנצע איז ניט ווייניקער ווי דער יחיד אונטער־געוואָרפן צו באַשטימטע וועלט־געזעצן.

מער ווי ער שעפּט פון די קוואַלן פון שפּינאָזאָס און העגעלס פילאָזאָפיע, שעפּט ער אין יענער תקופה פון די טיפענישן פון זיין געמיט. ער איז אַרומגעכאַפּט מיט רעוואָלוציאָנערע אימפּולסן און זוכט דורכצולייגן געשיכטס־פילאָזאָפישע וועגן צום צוקונפט־אידעאַל פון דער מענטשהייט.

די געשטאַלטן פון דענקער, שאַפער און קעמפער אין יעדן דור פאַרקערפּערן און שפּיגלען אָפּ אין זיך די דערקענטעניש פון גאָט, זיין רעגירנדיקע האַנט אין דער געשיכטע. די דאָזיקע דערקענטעניש איז ניט פאַרגליווערט אין האַרטע פאָרמען פון גלויבן. די וועלט־אמונה געפינט איר אויסדרוק אין ליבע.

און דאָ באַרירט ער פאַרבייגייענדיק דאָס יידנטום, וואָס ווערט אין יענער סטאַדיע פון זיין דענקען באַטראַכט פון אים ווי אַ פאַרשטופע צום קריסטנטום. ער גיט אָבער צו, אַז דער צענטער פון גאָט־באַוואוסטזיין איז געבליבן באַשטיין אין אַלטן יידנטום און אַז „ביי די יידן, דעם פאַראַכטעטן פאָלק, וואָס היט אָפּ זיינע

אַלטע זיטן, דערוועקט זיך נאָך אַ לאַנגן שלאָף דער העכערער באַוואוסטזיין, עס לעבט אויף דער אַלטער גײַסט... פון דער וועלט, וואָס איז פאַרזונקען אין כאַאָס וועט ווידער דערשיינען דער גײַסט, וועלכער וועט צוריקקווירקן אויפן מענטשלעכן באַוואוסטזיין".

בדרך כלל דערשיינט משה העס אין זײַן ערשטן און ניט גאַנץ קלאָרן ווערק אַלס רעליגיעזער דענקער, אַלס אַ מלוכה־סאָציאַליסט און אַ סאָציאַל־עטיקער. ער גלויבט, אַז די האַרמאָניע אין מלוכהשן און געזעלשאַפטלעכן לעבן וועט קומען ווי אַ גאָט־גאָב. ער וואַרפט אָפּ יעדע מענטשלעכע רעוואָלוציאָנערע אַרײַנמישונג, יעדער אַנאַרכיע און יעדן מענטשלעכן דיקטאַט.

זײַן העכסט פאַרזיכטיקער ביאָגראַף טעאָדאָר זלאָציסטי געפינט פאַר נויטיק דערביי צו באַמערקן, אַז „העס האָט זיך באַוויזן אין אַ נײַער וועלט, ער איז אָבער געשטאַנען מיט ביידע פיס אין דער אַלטער".

גאַנץ אַנדערש איז דער צוגאַנג העס' צו זײַן טעמע אין זײַן צווייטן גרעסערן ווערק, אין דער „אייראָפּייאישער טריאַרכיע", פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1841. דאָ פאַרנעמט זיך העס דורכאויס מיט פּאָליטישע פּראָבלעמען. זײַן גרונט־אידייע איז די פּאָליטישע פאַראייניקונג פון אייראָפּע. דורך זייער פאַרשמעלצונג אין אַן איינהייטלעכן מלוכה־אָרגאַניזם וועלן, נאָך זײַן מיינונג, דייטשלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד ברענגען צו אַ פּרוכטבאַרן שעפערישן סינטעז פון זייערע אייגנאַרטיקע קולטורן.

די דאָזיקע האַרמאָנישע איינהייטס־מדינה וועט כלל ניט האָבן צו זאָרגן בלויז פאַר די אויסווייניקסטע, מאַטעריעלע אינטערעסן פון אירע בירגער, די וועלט־בירגער, נאָר פאַר אַלץ וואָס עס באַנעמט נאָר דעם מענטשנס גייסט און אינטעלעקט. אין דער דאָזיקער צוקונפט־מדינה וועט ניט עקזיסטירן קיין שום קירכע. די אמונה וועט זיך סאָציאַליזירן. דער גלויבן וועט זיך אויסדריקן בלויז אין האַנדלען לויט די פאַרשריפטן פון גערעכטיקייט און יושר, וועלכע זיינען דער ריכטיקער שורש פון יעדער אמונה.

די פאַראייניקונג פון אייראָפּע וועט, ווי עס גלויבט העס, דערגרייכט ווערן ערשט נאָך אַ לאַנגן קאַמף און מיט פיל שמערצן. רוסלאַנד אַלס שונא פון דער אייראָפּייאישער ציוויליזאַציע, וועט שטיין אויפן וועג קעגן דער דאָזיקער פאַר־אייניקונג. אָבער דער אייביקער פרידן וועט סוף־כל־סוף דערגרייכט ווערן. אַלס עפעקטיווער מיטל, וואָס וועט צעברעכן דעם אַנטאַגאָניזם פון די ענגהאַרציקע, וועלן גילטן די געמישטע חתונות, וועלכע וועלן פאַרלייכטערן די דערנענטערונג פון מענטשן און די אויפשמעלצונג פון פעלקער.

דאָ באַמיט זיך העס ענדגילטיק צו באַפרייען זיך פון זײַן מעטאַפיזישן וועלט־באַנעם און צו שטעלן זיך מיט ביידע פיס אויפן וועלטלעכן, געזעלשאַפטלעכן באָדן. אין זיינעם אַ בריוו צו בערטאָלד אויערבאַך, וועלכן ער האָט געהאַט געשריבן נאָך אין יאָר 1840, אַ יאָר פאַרן דערשיינען פון דער „טריאַרכיע", האָט העס געזאָגט קלאָר: „... דאָס גרויסע בוך, מיט וועלכן איך פאַרנעם זיך איצט, גיט זיך אָפּ מיט אַ געזעלשאַפטלעכער טעמע, וואָס שטייט איצט אויף דער טאָג־אָרדענונג אין ענגלאַנד, און איך באַווײַז קלאָר, אַז נאָך אין דעם איצטיקן יאָרהונדערט

וועט אויסברעכן אַ רעוואָלוציע, וואָס וועט זיין אַן אַלגעמיינערע, אַ טיפערע און אַ רעזולטאַט־רייכערע, ווי די רעוואָלוציע, וואָס האָט געהאַט אויסגעבראָכן אין פאַריקן יאָרהונדערט. עס זעט מיר אויס, אַז די קומענדיקע רעוואָלוציע וועט אויס־ברעכן אין ענגלאַנד. פראַנקרייך האָט זי צוגעגרייט. דייטשלאַנד האָט פאַרלייגט איר פונדאַמענט".

אין זיין „טריאַרכיע" און גלייכצייטיק אויך אין זיינע אַרויסטרעטונגען אויף פאַרזאַמלונגען און אין יוגנט־קרייזן האָט ער אין יענער צייט געשטרעבט אויפצו־בויען דעם סאָציאַליזם אויפן יסוד פון די אידייען פון דער לינקער העגעלשער שולע און צו פאַרוואַנדלען אים אין אַ פּראַקטישער פּראָפּאַגאַנדיסטישער באַזע פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן אומבוי פון דער דייטשישער געזעלשאַפט.

אין זיין „טריאַרכיע" האָט ער נאָר, דרך אַגב, באַרירט דאָס יידישע פּראָבלעם, כדי דאָס אָפּצוּוואַרפן אַלס אַ ניט־מער עקזיסטירנדיקע. אָן קיין וואַקלענישן און ספקות דערקלערט ער פשוט, אַז די רעליגיעזע רעפאָרמאַציע און די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָבן געצייטיקט אויף אַ נאַטירלעכן אופן די עמאַנסיפּאַציע פון די יידן און האָבן זיי אויסגעגליכן מיט די אַנדערע בירגער פון לאַנד. די יידן וועלן זיך אויף אַזאַ אופן אַסימילירן, און דער משיח־געדאַנק וועט אָפּשטאַרבן.

דעם 9טן אָקטאָבער פון דעם זעלביקן יאָר 1841 האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין איינציקן אַרטיקל אין „אַטענעאום", דעם אָרגאַן פון דער בערלינער יוגנט, אונטערן טיטל „דער איצטיקער קריזיס פון דער דייטשישער פילאָזאָפיע", וואו ער באַטאָנט דעם איצטיקן קריזיס פון דער דייטשישער פילאָזאָפיע. אָננעמענדיק נאָך אַלץ אַלס גרונטלאַגע דעם העגעליאַניזם, ראָט ער דער יוגנט קריטיש צו באַטראַכטן די פאַרגאַנגענהייט און אויסצובויען פּאָזיטיוו די צוקונפט.

אין דעם זעלביקן יאָר לייטערן זיך מער אויס זיינע פּאָליטישע האָריזאָנטן און ער שטעלט זיך פּאַקטיש און אויסדריקלעך אויפן וועג פון סאָציאַליזם. אין אַ בריוו, וועלכן ער האָט געשריבן צו בערטאָלד אויערבאַכן, דערציילט ער אים וועגן זיין געפּלאַנטער וויטערדיקער אַרבעט, וואָס דאַרף טראָגן דעם נאָמען „די פילאָזאָפיע פון טאַט", אין וועלכער ער וועט זיך אָפּשטעלן אויף דער זיטלעכקייט פון אַרבעט און וועט באַווייזן, אַז דאָס פּריוואַט־אייגנטום האָט פאַרפעסטעט די מאָדערנע מדינה און אַז „גאָטס וועג" וועט פירן צו אַן אַנדערער אידעאַלערער פאָרם פון מענטשלעכער געמיינשאַפט, אין פאַרגלייך מיט וועלכער די מדינה איז וויט צו זיין פריי".—דאָ הערט זיך שוין דער ערשטער אָפּקלאַנג פון משה העס' שפּע־טערדיקע אַנאַרכיסטישע אָפּנייגונגען.

אין זיינע אַרטיקלען פון יענער צייט באַגנוגנט זיך העס ניט דערמיט, וואָס ער פאָדערט פרייהייט פאַר די אַרבעטנדיקע קלאַסן. עס מוז, ווי ער שטרייכט אונטער, אָפּגעשטעלט ווערן לחלוטין די שאַכער־מאַכעריי מיט מענטשן. כדי די ברודער־ליבע זאָל זיך באמת קאָנען פאַרוואַנדלען אין אַ מלוכה־מאָראַל. און דערצו גיט ער צו, אַז „די גלייכקייט פון קלאַסן וועט דערגרייכט ווערן ערשט אין רעזולטאַט פון גלייכקייט פון די פעלקער".

צווישן אַנדערע ליטעראַרישע אַרבעטן האָט ער דאַן געשריבן אויך אַ ניט פאַרעפנטלעכטע קריטיק אויף דעם אָריגינעלן בוך פון דעם סאָציאַליסטישן שניי־

דער־דענקער ווילהעלם וויטלינג „גאַראַנטיען דער האַרמאָניע און דער פרייהייט". ער האָט די דאָזיקע קריטיק פאַרגעלייענט אין קרייז פון זיינע פריינט. אין יענער קריטיק האָט העס, אַגב, אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז דער סאָציאַליזם איז ניט נאָר די העכסטע רעליגיע, נאָר אויך די העכסטע וויסנשאַפט.

אין מיטן דעצעמבער פון יאָר 1842 איז העס איבערגעפאָרן קיין פּאַריז אין די אינטערעסן פון דער „ריינישער צייטונג". מען האָט געהאָפט, אַז די צייטונג וועט קאָנען אָנהאַלטן און עס איז געווען העכסט נויטיק צו האָבן אין פּאַריז אַ ספּעציעלן און ערנסטן קאָרעספּאָנדענט. ער איז ווירקלעך אין יענער צייט געווען זייער פּראָדוקטיוו און האָט אַלע זיינע אַרטיקלען געשריבן ביי פאַרשיידענע אונטער־שריפטן, כדי ניט צו אַנטפּלעקן זיך צו אָפן פאַר דער פּרייסישער פּאָליציי. די צייטונג האָט אָבער ניט געקאָנט לאַנג דערשיינען. דעם 1טן יאַנואַר 1843 האָט די פּרייסישע רעגירונג באַשלאָסן זי אָפּצושטעלן און זינט דעם 1טן אַפּריל איז זי שוין ניט מער דערשינען.

דער וועג פון יונג־העגעליאַניזם האָט געפירט יעדנפאַלס העסן צום קאָמו־ניזם. שוין אין נאָוועמבער 1843 האָט ענגעלס געשריבן אין זיינעם אַ בריוו צו מאַרקסן, אַז העס איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אים געמאַכט פאַרשטענד־לעך, אַז דער קאָמוניזם איז די נויטיקע ווייטערע אַנטוויקלונג פון דער יונג־העגעליאַנישער דאָקטרין.

נאָך דעם ווי די „ריינישע צייטונג" האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך דער באַדן פאַר שריפטשטעלערישער און קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין פּאַריז אַרויסגעגליטשט פון אונטער משה העס׳ פיס. ער האָט זיך אומגעקערט קיין קעלן און געזוכט דאָרטן אַן אָנהאַלט־פּונקט פאַר זיין וויטערדיקער אַרבעט. ער איז גע־ווען גרייט מיטצואַרבעטן מיט די ראַדיקאַלן ווי פּרעבעל און רוגע, און לויט זיין עצה איז צוגעטראָטן געוואָרן צו גרינדן אין פּאַריז און אין שטראַסבורג אַ לי־טעראַרישן צענטער און אַרויסגעגעבן די „דייטש־פראַנצויזישע רעווי", וואָס האָט געזאָלט גילטן אַלס אַ מין המשך פון די פריערדיקע „דייטשישע יאַרביכער".

אָנהייב חודש אויגוסט 1843 האָט זיך העס ווידער אומגעקערט קיין פּאַריז און ווידער געפּרוווט אויסבויען דאָרטן אַ באַזע פאַר טעאָרעטישער אַרבעט. ער איז אָבער באַלד אונטערגעפאַלן אונטער דער אויפזיכט פון דער פּרייסישער פּאָליציי און אירע פּאַריזער געהיים־אַגענטן, ביי וועלכע משה העס איז געווען פאַררעכנט אַלס „איינער פון די פּאָפּולערסטע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג".

שטייענדיק שוין אונטער דער געהיימער אויפזיכט פון דער פּרייסישער פּאָ־ליציי, האָט העס פונדעסטוועגן מיטגעאַרבעט מיט פּרעבעלן און מיט די אַנדערע ראַדיקאַלן, און היות עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן אַרויסצוגעבן קיין פּעריאָדישע ראַדיקאַלע צייטשריפט ניט אין דייטשלאַנד און ניט אין פראַנקרייך, איז פּרעבעל אַריבערגעפאָרן אין דער שווייץ און האָט דאָרטן אַרויסגעגעבן דעם זאַמלבוך „21 בויגן", אין וועלכן העס האָט פאַרעפנטלעכט זיין אַרטיקל „דער סאָציאַליזם און קאָ־מוניזם" און אַ הקדמה צו זיין געפּלאַנטן גרויסן בוך מיטן נאָמען „די פילאָזאָפיע פון דער טאַט", וואו ער האָט געפּרוווט באַגרינדן זיין „פילאָזאָפישן סאָציאַליזם",

וועלכער איז מיט אַזאַ איראָניע אויפגענומען געוואָרן שפּעטער דורכן „קאָמו-ניסטישן מאַניפעסט".

ב.

וויבאַלד אַז העס איז דערגאַנגען פּרינציפּיעל און אויסדריקלעך צום קאָ-מוניזם, האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ טאָפּעלער קראַפט און אינטעלעקטועלער פּאַרטיי-פונג פּאַנאַנדערצואַרבעטן די קאָמוניסטישע אידייע טעאָרעטיש און גלייכצייטיק אויך צו מאַכן פאַר איר פּראָפּאַגאַנדע אין די קרייזן פון דייטשישע אַרבעטער אין פּאַריז, וואָס זייער צאָל איז אין יענער צייט דערגאַנגען ביז 80 טויזנט.

דער סאָציאַליזם, קאָמוניזם און אַנאַרכיזם לאָזן זיך ביי אים דאַן שווער אָפּ-גרענעצן, ער זעט אין זיי ניט נאָר די העכסטע רעליגיע, נאָר אויך די העכסטע ווינסנשאַפט. דעריבער גיט ער זיך טאַקע אָפּ גלייכצייטיק מיט ווינסנשאַפטלעכע שטודיען און מיט פּראָפּאַגאַנדע.

איינע נאָך די אַנדערע קומען איצט אויף, מיט דער באַטייליקונג פון העס, פּרעבעל און רוגע, וואָגיקע פּעריאָדישע אויסגאַבן, וועלכע האַלטן לאַנג ניט אָן און פאַלן דורך דער האַנט פון דער פּרייסישער פּאָליציי. נאָכן פאַלן פון די „דייטשישע יארביכער" קומען אויף אין יאָר 1843 די „דייטש-פראַנצויזישע יאַרביכער", וועלכע דערשיינען אין פּאַריז און אין שטראַסבורג. אין דעם זעלביקן יאָר פאַלן שוין די דערמאָנטע אויסגאַבן און אויף זייער אָרט קומט די „קעלנישע צייטונג", וועלכע האָט אויך ניט קיין לענגערע עקזיסטענץ.

אין זיינע צוויי אַרטיקלען „סאָציאַליזם און קאָמוניזם" און „פילאָזאָפיע פון טאַט", וועלכע משה העס האָט פאַרעפנטלעכט אין דעם זאַמלבוך „21 בויגן", אין דער שווייץ, האָט ער געמאַכט דעם ערשטן פּרוּוו אויסצואַרבעטן אויף זיין שטייגער די טעאָרעטישע גרונטלאַגע פון קאָמוניזם. ער דערקלערט זיין אַבסאָלוט נעגאַטיווע באַציאונג צו יעדער מלוכהשער פאָרם פון דער געזעלשאַפט, סיי צו דער מאָנאַרכיע און סיי צו דער רעפּובליק. יעדע אָרט פון הערשאַפט איבער דעם פרייען מענטשן איז אומבאַרעכטיקט. „די טיראַנען בייטן זיך — זאָגט העס אין זיין דערמאָנטן אַרטיקל „סאָציאַליזם און קאָמוניזם" — די טיראַניי אָבער בלייבט. כל-זמן עס בלייבן לעבן געזעלשאַפטלעכע קעגנזאַצן, עגאָאיזם און פּריוואַט-אייגנטום בלייבן במילא אפילו אין אַ דעמאָקראַטישער מלוכה הערשאַפט און קנעכטשאַפט. ערשט ווען עס וועט אָפּגעשאַפן ווערן פּריוואַט-אייגנטום, וועט די מלוכה פון זיך אַליין אונ-טערגיין און מיט איר אונטערגאַנג וועט אָנקומען די פרייהייט פון דעם מענטשן. אויך די רעליגיע איז אַ פאָרם פון הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש, וואָס דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן".

אין די „פיר בריוו", וועלכע ער האָט דאַן פאַרעפנטלעכט אין די „דייטש-פראַנצויזישע יאַרביכער" שטעלט זיך העס אָפּ אויף דעם פּראָבלעם, ווי עס לאָזט זיך פאַראייניקן די אידייע פון פרייהייט מיט דער אידייע פון אַבסאָלוטער גלייכ-קייט פון מענטשן און ער ווייזט אויף, אַז דאָס וועט קאָנען געשען ערשט דאַן, ווען

עס וועט זיך גרינטלעך ענדערן די עקאָנאָמישע אָרדענונג פון דער וועלט, ווען עס וועט אָפּגעשאַפן ווערן דאָס פּריוואַט־אייגנטום און ווען די היינטיקע ניט־אָרגאַניזיר־טע געזעלשאַפט וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּלאַנמעסיק אָרגאַניזירטן קאָלעקטיוו.

ניט ווייניק האָבן געווירקט, קאַנטיק, אויף העסן אויך זיינע באַגעגענישן מיטן טעאָרעטיקער פון רוסישן אַנאַרכיזם מיכאַיל באַקונין, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין פּאַריז אין יאָר 1844. מיר ווייסן נאָר, אַז באַקונין האָט ביי זיך באַטירט, אַז העס האָט אים באַקאַנט געמאַכט מיט דער אייגנאַרטיקייט פון פראַנצויזישן סאָציאַליזם.

אין יענער צייט האָבן אָנגעהויבן אָנצוואוואַקסן די ווידערשפּרוכן צווישן מאַרקסן־ענגעלסן און צווישן משה העסן. אין זיין בריוו צו מאַרקסן פון בארמען פון אָנהייב אָקטאָבער 1844 באַשולדיקט ענגעלס העסן אין „זיין אַלטער אידעאַליסטישער אָפּנייגונג", און אין זיינעם אַ שפּעטערן בריוו פון 17טן מערץ 1845 ראָט ער מאַרקסן, ער „זאָל זיך אָפּגרענעצן פון מערערע אויספירן, וואָס העס מאַכט".

דאָך שעצן אים קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס יענע יאָרן זייער שטאַרק. זיי רעכענען זיך מיט זיין פליייסיקייט, מיט זיין וואַקסנדיקער פּאָפּולערקייט אין די לינקע דייטשישע קרייזן און פאַרגיבן אים זיין געדאַנקען־שפּרונג, זיין עקסצענט־רישקייט און זיינע אָפט־עקסטרעמע פאָרשלאָגן.

אין יאָר 1845 האָט ענגעלס שטאַרק געריימט אין זיינעם אַן אַרטיקל אין דעם „ניו מאָראַל וואָרלד" העס' אַרטיקל וועגן דער אָרעמקייט וואָס הערשט אין דער איצטיקער געזעלשאַפט און וועגן די מיטלען זי צו באַקעמפן", וועלכער איז פאַרעפנט־לעכט געוואָרן אין פּיטמאַנס זאַמלבוך.

אויך אין דער קאָרעספּאָנדענץ צווישן מאַרקסן און ענגעלסן אין די יאָרן 1841־1845 ווערט פיל מאָל דערמאָנט העס' געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, וועלכע גע־פינט אַ פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג.

משה העס' מיטאַרבעט מיט ענגעלסן האַלט ווייטער אָן. אין דעם זעלביקן יאָר 1845 גיבן זיי אַרויס צוזאַמען אין האַגען דעם „געזעלשאַפטסשפּיגל", וואו העס פאַרעפנטלעכט זיינע פּאָליטישע אַרטיקלען. אויך באַטייליקן זיי זיך ביידע צוזאַמען אין די עלבערפעלדער עפנטלעכע דיסקוסיעס דעם 8טן פעברואַר פון דעם זעלביקן יאָר, וואו העס זאָגט זיך אַרויס פאַר דער אוידיטאָריע, אַז „די אידייע פון קאָ־מוניזם איז דער לעבנס־געזעץ פון ליבע אין זיין אָנווענדונג צום סאָציאַלן לעבן" און אַז „אונדזער מיטגעפיל מיט דער גייסטלעכער, זיטלעכער און פיזישער עלנט פון אונדזערע מיטמענטשן טרייבט אונדז צו דער ווייטערדיקער אויסבילדונג פון קאָמוניזם".

זיין מחשבה איז געווען פאַרנומען מיט זוכן וועגן צו דער פאַרווירקלעכונג פונעם קאָמוניזם. ער איז אין זיינע אַרויסטרעטונגען ניט געווען ניט סיסטעמאַטיש, ניט היסטאָריש און ניט דיאַלעקטיש. ער האָט אָפּערירט מיט דעם באַגריף פון ליבע און גערעדט וועגן „דעם מענטשלעכן האַרצן, וואָס פילט זיך אָן מיט באַוואוסטזיין", און ניט וועלנדיק אָבער בלייבן סענטימענטאַל ביזן סוף, האָט ער צוגעגעבן, אַז „דער ערשטער קוואַל פון יעדער שלעכטס איז דער עגאָאיסטישער פּריוואַט־אייגנ־טום".

אין איינער פון זיינע עלבערפעלדער דיסקוסיעס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט באַזונדער אויף דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. ער האָט אָנגעוויזן, אַז ביי דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם און דער אָנזאַמלונג פון גיטער איז עמעצער שטענדיק עקספּלואַטירט, און אַז די קללה פון קאַפּיטאַליזם באַשטייט אין דעם, אַז וואָס מער מען פּראָדוצירט ווערט אַלץ גרעסער די צאָל פון די אומגליקלעכע. נאָר די באַזירונג פון דער געזעלשאַפט אויף די יסודות פון קאָלעקטיוון אייגנטום וועט לייזן די פראַגע.

אין יענער צייט גייט העס אַריבער פון זיין פילאָזאָפיש־עטישער באַגרינדונג פון קאָמוניזם צו דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער באַגרינדונג, און אין דעם ערשטן העפט פון די „ריינישע יאַרביכער", וואָס זיינען דערשינען אין יאָר 1845, פאַרעפנט־לעכט ער זיין אַרטיקל וועגן „געלט־וועזן".

זיין וואַקסנדיקע דערנענטערונג צו דער פּראַקטישער מאַסן־אַרבעט רופט ביי אים אַרויס אין דער צווייטער העלפט פון די 40ער יאָרן דעם דראַנג גרינטלעכער צו שטודירן די עקאָנאָמיק און ער באַמיט זיך צו קאָנצענטרירן אויף דער דאָזיקער שטודיע זיין פילאָזאָפיש־אַבסטראַקטן און עקסצענטרישן גייסט. די דאָזיקע שטודיע ברענגט אים ווידער נענטער צו מאַרקסן און צו זיין אידייען־גאַנג און, ניט קוקנדיק אויף אַלע מיספאַרשטענדענישן און אָפּנייגונגען, סאָלידאַריזירט ער זיך אין אַ סך פּרטים מיט מאַרקסן. עס באַשטראַלט אים דאָס ליכט פון מאַרקס' עקאָ־נאָמישער לערע.

אין זיינעם אַ בריוו צו מאַרקסן פון 23טן יולי 1846 שרייבט העס: „...איך בין אין גאַנצן מסכים מיט דיין מיינונג וועגן דער קאָמוניסטישער ליטעראַרישער טעטיקייט. פונקט ווי מען האָט באַדאַרפט פריער באַגרינדן די קאָמוניסטישע שטרעבונגען אויף דער דייטשישער פילאָזאָפישער אידעאָלאָגיע, אַזוי דאַרף מען זיי איצט באַגרינדן אויף היסטאָרישע און עקאָנאָמישע טאַטזאַכן. איך גיב איצט אָפּ מיין גאַנצע צייט צו לערנען עקאָנאָמישע ווערק".

זיינע פּאַרטיפּטערע שטודיען פון עקאָנאָמישע פּראָבלעמען ווירקן שטאַרק אויף דעם כאַראַקטער פון זיינע אַרויסטרעטונגען אין דער פּרעסע און אויף פאַר־זאַמלונגען. זיי רופן ביי אים אַרויס אויך אַ שאַרפע פּאָלעמיק מיט מאַקס שטיר־נערן, דעם אידעאָלאָג פון אַנאַרכיזם און דעם מחבר פון בוך „דער איינציקער און זיין אייגנטום". ער האָט פאַרעפנטלעכט קעגן שטירנערן אַ פּאַמפלעט אונטערן נאָמען „די לעצטע פילאָזאָפן", אין וועלכן ער ווייזט אויף די צוריקגעשטאַנענקייט פון שטירנערישן עגאָאיזם און גיט צו אירער ביש, אַז שטירנערס אידעאַל איז שוין אייגנטלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן דורך דער עקזיסטירנדיקער בירגערלעכער געזעלשאַפט. ווידער דערקלערט העס אין יענעם פּאַמפלעט, אַז ווען די אַבסטראַקטע מענטשלעכע אייגנשאַפטן ווערן אַנטוויקלט מיט דער הילף פון סאָציאַלער דער־ציאונג און רעאַליזירן זיך אין דער געשטאַלט פון קאָלעקטיווער אַרבעט, שאַפן זיי ניט נאָר אַ פּערזענלעכן פּריוואַטן פאַרמעגן, נאָר אויך אַ געזעלשאַפטלעכן פאַר־מעגן.

אין זיינעם אַ בריוו צו מאַרקסן פון 17טן יאַנואַר 1845 דריקט העס אויס זיין

באַזונדערע צופרידנקייט מיט דעם, וואָס מאַרקס איז מסכים מיט זיין שטעלונג קעגן שטירנערן.

זינט דעם יאָר 1846 הערט העס אויף צו האַלטן זיך אַלס פאַרטרעטער פון אַזוי גערופענעם „סאָציאַלן קאָמוניזם". אין אַלע זיינע אַרטיקלען און רעדעס קומט ער אַרויס סתם אַלס קאָמוניסט און פּאָלעמיזירט מיט אַלע קעגנער אין נאָמען פון דער קאָמוניסטישער אידייע. ער געפינט איצט אײַן, אַז „דער אונטערשייד צווישן דייטשישן און פראַנצויזישן קאָמוניזם איז ניט מער ווי דער אונטערשייד צווישן טעאָריע און פּראַקטיק".

אין זיינע רעדעס פון יאָר 1846 שטעלט ער זיך באַזונדער אָפּ אויף דעם פּראָבלעם פון פרייער אַרבעט. „מיין אַרבעט איז ניט פריי — האָט ער דערקלערט, — ווען איך האָב די ברירה אויסצוקלייבן צווישן אַ שטענדיקער אַרבעט, וועלכע פּאַסט זיך ניט צו צו מיינע נייגונגען און צווישן דער נויטיקייט אויסצוגיין פון הונגער. די אַרבעט איז פריי נאָר דאַן, ווען זי ווערט געמאַכט אַדאַנק דער אינעווייניקסטער נייגונג, מיט חשק און ליבע, ווען איך דערגרייך דורך איר די אַנטפּלעקונג פון מיינע אינעווייניקסטע כוחות און זייער אַנטוויקלונג".

אין די יאָרן, אין וועלכע משה העס האָט געלעבט אין פּאַריז, האָט ער זיך אַקטיוו פאַרנומען מיט זשורנאַליסטיק, און, ווי עס שרייבט זיין פרוי סיבילא אין אירע זכרונות וועגן איר מאַן 28 יאָר נאָך זיין טויט, האָט ער געקראָגן גוטע האָ־נאָראַרן פון די אַמעריקאַנישע און ענגלישע זשורנאַלן און פלעגט זיינע פאַרדינסטן פאַרטיילן ביזן לעצטן גראָשן נויטבאַדערפטיקע חברים און פריינט. נאָר ווען עס איז אים אויסגעקומען אין יאָר 1846 צו זוכן פּאָליטישן אַזיל פון די פּרייסישע פּאָליציי־פאַרפאָלגונגען אין דער שווייץ, איז זיין מאַטעריעלע לאַגע געוואָרן זייער אַ שווערע, און, ווי ער שרייבט אין זיין בריוו צו מאַרקסן דעם 29טן מאַי פון יענעם יאָר מיט אַ ביטערער סאַטירע, „קאָן ער נישט מאַכן אין דער שווייץ קיין חובות, ווייל עס איז ניטאָ ווער עס זאָל אים באָרגן".

משה העס׳ מיטאַרבעט מיט קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס אויפן קולטור־געביט האָלט אָן אויך אין יאָר 1847. דער פאַראיין פאַר אַרבעטער־בילדונג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין בריסעל סוף אויגוסט 1847 אונטער דעם שוץ פון קאַרל מאַרקס און נאָך צוגרייטונגען מצד ענגעלסן האָט אויסדערוויילט העסן אַלס זיין פאַרזיצער. מיט 3 חדשים שפּעטער זיינען מאַרקס און ער געווען די איינציקע דייטשישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין פאַריז אין דער קאָנפערענץ פון „דער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט פאַר פאַראייניקונג פון אַלע נאַציאָנען", וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 7טן און 15טן נאָוועמבער.

אויך נאָך העס׳ צוריקקומען פון דער שווייץ קיין בריסל האָט ער אָנגעהאַלטן זיין קאָנטאַקט מיט מאַרקסן.

גלייכצייטיק פאַרנעמט ער זיך ספּעציעל מיט פראַגן פון אַרבעט־אָרגאַניזאַציע און שרייבט אַן אַרטיקל „וועגן דער נויט אין אונדזער געזעלשאַפט און איר ליי־זונג".

אין סוף פון די 40ער יאָרן שטעלט זיך משה העס אין זיינע זשורנאַליסטישע אַרבעטן אין אַ שאַרפן אַנטאַגאָניזם צום קריסטנטום און יידנטום. עס איז כמעט

אומגלויבלעך ווי אַזוי דער גרויסער מעטאַפיזיקער פון נעכטן און, ווי מיר וועלן נאָך זען, אויך דער מעטאַפיזיקער פון מאָרגן, האָט מיט ניט קיין קלענערער קאַטעגאָרישקייט ווי מאַרקס אָפּגעשאַצט אין יענער צייט אַבסאָלוט נעגאַטיוו ביידע רעליגיעס. ער האָט אָנגענומען בלינד פייערבאַכס מיינונג, אַז אין מאָנאָטעאיזם קומט צום אויסדרוק דער עגאָאיזם פון יידנטום.

ג.

דעם 24טן פעברואַר 1848, ווען עס איז אָנגענומען און פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" אַלס פּראָגראַם פון „קאָמוניסטן־בונד", האָט שוין משה העס זיך ניט באַטייליקט אין די באַראַטונגען. ער האָט ניט געהאַט אָקצעפּטירט דעם היסטאָרישן דאָקומענט אין זיין גאַנצן פאַרנעם און, ווי עס זעט אויס, איז קעגן אים און זיין גלייכן געווען געווענדט אויסדריקלעך יענע שטעלע אין „מאַניפעסט", וואו עס הייסט אונטערן קעפּל „דער דייטשישער אָדער 'דער ריכטיקער' סאָציאַליזם": „די גאַנצע אַרבעט פון די דייטשישע ליטעראַטן איז באַשטאַנען אויסשליסלעך אין קאָנטאַקטירן נייע פראַנצויזישע אידייען מיט זייער אַלטן פילאָזאָפישן געוויסן אָדער, ריכטיקער, אויפנעמען פראַנצויזישע אידייען דורך זייער פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט".

נאָך די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון פעברואַר 1848 אין פראַנקרייך איז ווידער באַנייט געוואָרן די אויסגאַבע פון דער „ריינישער צייטונג", און העס האָט זיך אין מאַי פון זעלביקן יאָר אומגעקערט קיין פּאַריז מיטן גוטן ווילן מיטצוהעלפן אויסבויען די באַנייטע צייטונג אַלס צענטער פון דעמאָקראַטישן און סאָציאַליסטישן דענקען. אָבער די אַנטוויקלונג, וואָס איז פאַר דער צייט פאָרגעקומען אין די לינקע קרייזן, האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג: עס איז פאָרגעקומען אַן אידייאישע שפּאַלטונג צווישן דעם „קאָמוניסטן־בונד", מיט מאַרקסן און ענגעלסן אין דער שפּיץ, און צווישן דעם „פאַרבאַנד פון דייטשישע אַרבעטער" אין פּאַריז, וועלכער האָט געהאַט אויסדערוויילט העסן פאַר זיין פאָרזיצער. די „ריינישע צייטונג" איז איצט געוואָרן אַ צענטער פאַרן מאַרקסיזם און האָט דערווייטערט פון זיך העסן.

אינצווישן האָט די פּרייסיש־רוסישע געהיים־פּאָליציי פאַרברייטערט די נעץ פון שפּיאָנאַזש און רדיפות. עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז קעגן העסן איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אונטער די אויגן אַ טויט־אורטייל דורך דער פּרייסישער רעגירונג און אַז מען שפּירט אים נאָך אין פראַנקרייך, און דעריבער איז העס אין אַפּריל 1849 אַרויסגעפאָרן פון פּאַריז און זיך באַזעצט אויף אַ לענגערער צייט אין דער שווייץ, אין זשענעוו.

דער דורכפאַל פון דער יוני־רעוואָלוציע האָט זיך שווער אָפּגערופן אויף משה העס' געמיט, אָבער אַדאַנק זיין שנעלער אָריענטאַציע איז ער דאַמאָלסט וויניקער פון אַנדערע געטראָפן געוואָרן דורך דעם אידייאישן קריזיס און איז געווען גרייט צו שטיין מיט דער זעלביקער וואַכזאַמקייט אויף זיין זשורנאַליסטישער פּאָזיציע.

אינטערעסאַנט פאַר העס׳ דענקען און פילן אין יענע טעג איז זיין מיינונגס־אויסטויש, וועלכן ער האָט געפירט מיטן באַרימטן רוסישן רעוואָלוציאָנערן דענ־קער און טוער אַלעקסאַנדער הערצען (איסקאַנדער), וועלכער האָט געלעבט אין פּאַריז, און די קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע ער האָט געפירט מיט אים אַ קורצע צייט שפּעטער נאָכן אַרויספאָר אין דער שווייץ, ווי אויך שפּעטער נאָך זיין איבערפאָרן קיין בעלגיע. די קאָרעספּאָנדענץ צווישן זיי האָט אָנגעהאַלטן מיט הפסקות אין משך פון די יאָרן 1850־1854 און מען קאָן זי געפינען נאָכפאָלגן לויט הערצענס בריוו, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 8טן באַנד פון זיינע כתבים (פּעטראָגראַד 1919) און לויט העס׳ בריוו צו אים, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך פּראָפ׳ עדמונד זילבערנער אין יאָר 1958 (זע ביבליאָגראַפיע צום סוף).

מיר שטעלן זיך דאָ אָפּ נאָר אויף אייניקע באַזונדער כאַראַקטעריסטישע בריוו פון העסן צו הערצענען.

הערצען האָט געלעבט אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך אין די שטורמישע טעג פון דעם רעוואָלוציאָנערן אויפברויז און זיין רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען־וועלט איז שטאַרק אויפגעשטורעמט געוואָרן דורך די געשעענישן, וועלכע האָבן אין אַ געוויסער מאָס אויך פאַרמירט זיין וועלט־באַנעם. ער איז געווען אין גרונט אַ ספּעציפיש רוסי־שער דענקער מיט אַ שטאַרקן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און אידייאישן צוגאַנג צו דער געזעלשאַפט, און די פאַרשיידנקייט פון זייערע ביידנס אויפפאַסונגען האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זייער קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע האָט זיך באַזונדער אַקטיוו געפירט אין יאָר 1950.

דער דורכפאַל פון דער יוני־רעוואָלוציע האָט ביי הערצענען אַרויסגערופן אַ געוויסע אַנטוישונג אין דעם מערבדיקן סאָציאַליזם און אין דער רעוואָלוציאָנעריש־קייט פון דעם מערב־מענטשן בכלל. ער איז געווען שטאַרק פאַרוואָרצלט אין דער רוסישער קולטור און האָט געגלויבט אין דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן אויפקום פון זיין פאָטערלאַנד. אין די שווערע טעג האָט ער געזוכט טרייסט אין זיינע אַנטוישונגען פון דער יוני־רעוואָלוציע, און האָט וועגן דעם אויך געשריבן העסן. העס האָט אויף זיין געדאַנקען־גאַנג רעאַגירט אויף זיין אופן. אַחוץ דעם האָבן זיי ביידע פּאָלעמיזירט איבער דער פראַגע וועגן דער ראָל, וועלכע עס דערפילט די פּערזענלעכקייט אין דער מענטשלעכער געשיכטע. הערצען אַלס אידעאַליסט האָט געגלויבט אין דער דעצידירנדער ראָל, וואָס די פּערזענלעכקייט האָט צו דערפילן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, בעת העס, וועלכער איז אין יענער צייט שוין דערגאַנגען צו די העכערע שטאַפּלען פון דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג, האָט אין זיינע בריוו צו הערצענען באַטאָנט דעם עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן יסוד פון אַלע סאָציאַלע דערשיינונגען.

לאָמיר לאָזן אין קורצן ריידן די צוויי דענקער:

אין זיינעם אַ בריוו צו העסן פון אָנהויב 1850 שרייבט הערצען: „...מיין אַרט זען איז מייך נאַציאָנאַליטעט. איך געהער פיזיאָלאָגיש צו אַן אַנדער וועלט. אין רוסלאַנד ליידן מיר פון אונדזער קינדהייט־מצב און מאַטעריעלער נויט, אָבער מיר האָבן די צוקונפט פאַר אונדז... מיר דערוואַרטן דעם מאָמענט, ווען מיר וועלן דערשיינען...״

אין זיינעם אַן ענטפער־בריוו פון אַפּריל 1850 זאָגט זיך העס אַרויס קעגן הערצענס „סלאַווישער אילוזיע״, וועלכע נעמט זיך נאָך זיין מיינונג נאָר פון דעם, וואָס הערצען פּרובירט זיך דערמיט צו טרייסטן פון זיין יאוש איבער דעם קראַך פון דער יוני־רעוואָלוציע. ער גיט דערביי צו, אַז „ווי נאָר די געשעענישן אין אייראָפּע וועלן ווערן גינסטיקער, וועט די סלאַווישע אילוזיע אָפּטרעטן אויפן הינטערגרונט.״

אין אַן אַנדער בריוו, פון פעברואַר 1850, וואַרפט העס פאַר הערצענען, אַז אין אים קעמפן דריי מענטשן: דער פילאָזאָף, דער רוס און דער אייראָפּייער.״

אין אַן אַנדער בריוו פון יענער צייט קריטיקירט העס הערצענס אידייע פון פרייען ווילן און אַנטוויקלט דעם מאַרקסיסטישן געדאַנק, אַז „דאָס לעבן פון דעם יחיד איז אין יעדן מאָמענט סאָלידאַריש פאַרבונדן מיט דער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט״, און דערמיט וואַרפט ער אָפּ הערצענס גלויבן אין דעם פרייען ווילן פון דעם מענטשלעכן זשעני, וועמעס האַנדלונג איז מסוגל צו באַשטימען דעם גורל פון פאָלק... „דער מענטש — גיט העס צו — קאָן די געשיכטע ענדערן נאָר אויף וויפל ער דרינגט אַריין אין אירע געזעצן.״

אין דער שווייץ האָט העס פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1851 אין פראַנצויזישער שפּראַך אַ קליינעם כאַראַקטעריסטישן בוך, מיטן נאָמען „דער לעצטער אורטייל איבער דער אַלטער וועלט־אָרדענונג״. אין דעם דאָזיקן בוך פּרוּווט ער ווידער צו באַגרינדן פילאָזאָפיש, אויף זיין שטייגער, דעם סאָציאַליזם. ער טרעט דאָרטן אַרויס קעגן די אַנאַרכיסטישע אָנזיכטן פון פּיער דזשאָזעף פּרודאָן מיט ניט קיין קלענערער שאַרפקייט ווי מאַרקס אין זיין „די אָרעמקייט פון פילאָזאָפיע״. ער שלאָגט זיך אָבער ניט אַרויס פון דעם קרייז פון זיינע אייגנאַרטיקע אינדיווידועלע בליקן און אַקצעפּטירט ניט דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם ווי ער האָט זיך שוין איבצווישן געהאַט אויסגעפאָרמט און פּאָליטיש זיך אָרגאַניזירט דורך מאַרקסן. ער טראָגט אַריבער דעם שווערפּונקט פון זיינע אָבסערוואַציעס אין דער נאַטור־וויסנשאַפט און שטרייכט אונטער די באַדייטונג פון דער פעלקער־פּסיכאָלאָגיע אַלס היסטאָרישער פאַקטאָר. ווען ער קומט אָבער צו עקאָנאָמישע פראַגן אין וועלכע ער פילט זיד יאד שוואַך, שטיצט ער זיך דורכאויס אויף מאַרקסן.

קאַרל מאַרקס גרענעצט זיך אָבער אָפּ פון אים אין יענער צייט מער ווי פריער. זיינע אומאויפהערלעכע וואַנדלונגען זעען אים אויס פרעמד און געפערלעד.

די אַטמאָספער צווישן דער פּאָליטישער עמיגראַציע אין זשענעוו איז פאַראייִנס געוואָרן אַ צעשעטערישע. מענטשן האָבן זיך געפלאָנטערט און געוואָקלט אין זייערע פּאָליטישע אָריענטאַציעס. אויך די לאַנגע האַנט פון דער פּרייסישער פּאָליציי האָט זיך איבערגעוואָרפן איבער די גרענעצן פון דער שווייצאַרישער רעפּובליק.

אָנהייב 1852 איז משה העס דעריבער אַרויסגעפאָרן אויף פאַלשע פּאַפּירן פון דער שווייץ און אין משך פון עטלעכע שווערע חדשים אַרומגעוואָגלט פון לאַנד צו לאַנד ביז ער איז ווידער געקומען קיין פּאַריז.

עס איז אָנגעקומען אַ מאָמענט פון גרעסערער סטאַבילקייט און קאָנצענטראַציע אין זיין געדאַנקען־גאַנג, הגם די סתירות צווישן אים און דעם אָרטאָדאָקסאַלן

מאַרקסיזם בלייבן פעסט און פאַרטיפן זיך, בפרט מיט דעם אָנהייב פון זיין מיט־אַרבעט מיט פערדינאַנד לאַסאַל.

אָנהייב די 50ער יאָרן הייבט זיך העס אָן מיט מער קאָנצענטרירטקייט און וויסנשאַפטלעכן פלייס צו פאַרנעמען מיט דער פאָרשונג אויפן געביט פון די נאַטור־וויסנשאַפטן. אין אַ ספּעציעלער פאָרשונגס־אַרבעט וועגן דער זון, אירע אייגנשאַפטן און איר אַרט ווירקן אויפן קאָסמאָס, טרעט ער אַרויס קעגן דער טעאָריע פון העשעל, וועלכער באַטראַכט די זון אַלס אַ פעסטן קערפער. אין אַ צווייטער אַרבעט אויף דעם זעלביקן געביט „געשיכטע און פיזישע באַשאַפנקייט אונזערס פּלאַנעטן־סיסטעמס״ פּאָלעמיזירט ער מיט לאַפּלאַס און ניוטאָנען און אַרבעט אויס זיין אייגענעם צוגאַנג צו דער פּלאַנעטן־פאָרשונג.

משה העס פאַרוואַנדלט זיך אָבער פאָר קיין פאַל ניט אין אַ קאַבינעט־געלערנטן, זיין גייסט און אינטעלעקט זיינען אָנגעלאָדן ווי פריער מיט אַקטועלע פראַגן פון זיין צייט. ער פאַרעפנטלעכט — דערהויפּט אין יאָר 1857 — זיינע אַרטיקלען אין זשורנאַל „דאַס יאָרהונדערט״, דער צייטשריפט פאַר פּאָליטיק און ליטעראַטור, וועלכע האָט געשטרעבט אויפצובויען אויפסניי אַן אידייען־וועלט אויף די חורבות פון דעם ראַדיקאַליזם.

אין יאָר 1859 נעמט ער אָנטייל אין פּאַריז אין די פייערונגען פון 100־יאָריקן געבוירן־טאָג פון דעם פריהייטס־דיכטער פרידריך שילער.

אַלס אַנזאָג פון די גייסטיקע גלגולים, וועלכע זיינען ביי אים אין אַ קורצער צייט אַרום ענדגילטיק אויסגעבראָכן, האָט ער סוף די 50ער יאָרן אַקצעפּטירט די פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פון דער נאַציאָן אַלס אָרגאַנישן אויסדרוק פון מענטשלעכן שאַפן און האָט זיך ערנסט פאַרנומען מיטן שטודיום פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל און דער יידישער פראַגע בפרט.

פערדינאַנד לאַסאַל האָט זיך אַ קורצע צייט אַקטיוו באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די יאָרן 1848־1849, אָבער אַדאַנק זיינע סאָציאַל־פּאָליטישע אָפּנייגן, האָט אים דער „קאָמוניסטן־בונד״ אָפּגעזאָגט אויפצונעמען אין זיינע רייען. מיט משה העסן איז ער געווען פערזענלעך באַקאַנט און אפילו באַפריינדט און אין פיל פּרטים האָבן זיי געפונען אַ שותּפישע שפּראַך.

זוכנדיק לייזנשאַפטלעך אַן אָנשפּאַר פאַר זיין ברויזנדיקער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו און שטיצנדיק זיך אויף זיין גרויסער פּאָפּולאַריטעט גאַנץ באַזונדער אין דייטשלאַנד, האָט זיך פערדינאַנד לאַסאַל אַקטיוו באַטייליקט אין יאָר 1863 אין דער גרינדונג פון דעם „אַלגעמיינעם דייטשישן אַרבעטער־פאַרבאַנד״ און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער טעאָרעטישער אויסאַרבעטונג פון זיין פּראָגראַם און מיט דער אָנפירונג פון זיין אַרבעט. דער פאַרבאַנד האָט זיך באַצויגן בעגאַטיוו צו שטרייקן און צו דער ראָל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אומקערנדיק זיך קיין דייטשלאַנד אין דעם זעלביקן יאָר נאָך דער געגעבענער אַלגעמיינער אַמנעסטיע פאַר אַלע פּאָליטישע קעגנער פון דער רעגירונג, האָט העס זיך דאָרטן אַקטיוו באַטייליקט אין דער אַרבעט פון פאַרבאַנד, ווי עס וואָלט אין זיין לעבן ניט פאָרגעקומען קיין שום דורכברוך. ער האָט אפילו אויף זיך גענומען די אָפיציעלע פונקציע פון אַ באַפולמעכטיקטן פון פאַרבאַנד אין קעלן.

העס׳ ביאָגראַף טעאָדאָר זלאָציסטי דערקלערט די מיטאַרבעט צווישן העסן און לאַסאַלן, נאָך העס׳ נייעם צוגאַנג צו דער יידישער פראַגע, אַזוי: „וויבאַלד לאַסאַל האָט איינגעזען אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע אַ וועלט־פאַקטאָר... איז העס במילא אים געוואָרן אַ חבר. בנוגע דעם ענדציל איז פאַר ביידן ניט באַשטאַנען קיין אונטערשייד צווישן פעלקער: די נאַציאָן איז נאָר אַן אַנטוויקלונגס־שטופע, אַן איבערגאַנגס־סטאַנציע אויפן וועג צו דער עקזיסטענץ פון אַן איבערנאַציאָנאַלער, פאַראייניקטער און סאָציאַלער מענטשהייט".

זיין אַרבעט אין קעלן האָט זיך אין יענער צייט באַגרענעצט דורכאויס אין די ראַמען פון פאַרבאַנד. דעם 14טן יוני פון יענעם יאָר איז ער צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן פאַר די חברים פון פאַרבאַנד אין קעלן און האָט פאָרגעלייגט אַ פּאָזיטיווע אַרבעט־פּראָגראַם פאַרן פאַרבאַנד, וועלכע לאַסאַל האָט באַגריסט און וועלכע איז אין יולי פון דעם זעלביקן יאָר דערשינען אין אַ באַזונדער בראָשור.

אין דעצעמבער 1863 איז העס ווידער אַריבערגעפאָרן קיין פּאַריז צוליב פאַמיליען־סיבות אָדער צוליב פּאָליטישע אומשטענדן. ער איז אָבער געבליבן טריי דעם פאַרבאַנד און האָט פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט לאַסאַלס אַנזיכטן און זיין שאַפן.

ד.

אָפּט קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז עס האָבן געלעבט, געטראַכט און געווירקט פּאַ־ראַלעל צוויי פאַרשיידענע, פּערזענלעכקייטן: משה העס דער דייטשישער קאָמוניסט און שרייבער, און משה העס — דער ייד און דער פּיאָנערישער דענקער און טרוי־מער וועגן דער צוקונפט פון זיין פאָלק.

נאָך דעם וואָס מיר האָבן זיך אין אַלגעמיינע שטריכן באַקאַנט מיט דער דינאַמישקייט און פילזייטיקייט פון העס׳ אַרט דענקען און שאַפן, וועט אונדז ניט שווער זיין אויך צו געפינען דעם שליסל צו דער טאָפּעלער און פּאַראַלעלער געדאַנקען־וועלט, וועלכע ער האָט געבויט און אין וועלכער ער האָט זיך גייסטיק אויסגעלעבט מינדסטנס אין זיינע לעצטע 15 יאָר לעבן, פון 1860 ביז 1875.

משה העס איז געווען אַ מערב־אייראָפּיאישער ייד לויט זיין דייטשישער בירגערשאַפט און בילדונג. ער איז אָבער געווען אַ מזרח־אייראָפּיאישער ייד נאָך זיין אָפּשטאַם, נאָך דעם גייסטיקן קלימאַט פון זיין יוגנט־היים. אפילו אין די יאָרן, ווען ער איז געווען בלב ונפש טריי דער אמונה פון זיינע עלטערן, האָט ער פאַר זיך געזען דעם לעבעדיקן קאָלעקטיוו פון יידישן פאָלק, און די יידישע עקזיסטענץ־פראַגע איז פאַר אים געשטאַנען אין איר גאַנצן פּאָליטישן פאַרנעם.

פאַרלאָזנדיק פרי זיין יידישע היים און פאַרטיפנדיק זיך מיט זיין דינאַמישן כאַראַקטער אין דער אַרומיקער דייטשישער קולטור־סביבה מיט אירע סאָציאַלע פּראָבלעמען, הערן אים ניט אויף צו אינטערעסירן די פּראָבלעמען פון יידישער עמאַנסיפּאַציע, אַרום וועלכע עס האָבן זיך געשלאָגן אין יענער צייט יידישע דענקער און כלל־טוער פון אַלע שאַטירונגען אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד.

שוין אין זיינע ערשטע גרעסערע ווערק, אין „דער הייליקער געשיכטע פון

דער מענטשהייט״, און אין „דער אייראָפּייאישער טריארכיע״, באַרירט ער אין קורצן דאָס יידישע פּראָבלעם. עס איז אים אפשר געגוג שווער געווען גובר צו זיין די נאַציאָנאַלע סענטימענטן פון זיין פריער יוגנט, ווען ער באַשליסט שוין אין ערשטן ווערק זיינעם צו באַגרינדן זיינע סאָציאַל־פילאָזאָפישע אויספירן אויף דעם געדאַנק פון הכרחיותדיקער אַסימילאַציע פון יידנטום. דערביי זוכט ער זיך אויס אַ טרייסט און אַ סאָציאַלן תיקון, באַמערקנדיק, אַז „דאָס פון גאָט דערוויילטע פאָלק דאַרף אונטערגיין, כדי אַז פון זיין טויט זאָל אַנטשטיין אַ נייער, מער ווערטפולער לעבן״.

אין „דער אייראָפּייאישער טריאַרכיע״, וועלכע טראָגט אַ מער פּאָליטישן ווי פילאָזאָפישן כאַראַקטער, דריקט משה העס דעם זעלביקן געדאַנק אויס קאָנקרעטער. דאָ זעען מיר שוין קלאָר, ווי ער שטעלט זיך פאָר דאָס פּאַקטישע פאַרשווינדן פון יידישן פאָלק. ער איז פעסט איבערצייגט, אַז נאָך דעם ווי די פאַראייניקטע ענגלאַנד, דייטשלאַנד און פראַנקרייך וועלן פאַרווירקלעכן אין פּאָליטישן לעבן ביי זיך און אויך אין רוסלאַנד די דעקלאַראַציע פון מענטשלעכע רעכט און אין העם כלל אויך די גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן, וועט די עמאַנסיפּאַציע פון יידן, וועלכע וועט זיין באַגלייט דורך מאַסנהאַפטע געמישטע חתונות, ברענגען במילא פון זיך אַליין צו זייער פולער אַסימילאַציע מיט דער אַרומיקער סביבה און צום אונטערגאַנג אַלס פאָלק.

עס איז שווער צו גלויבן, אַז אין די 40ער און 50ער יאָרן איז דאָס יידישע פּראָבלעם אין גאַנצן פאַרשוואונדן פון משה העס׳ס געדאַנקען־וועלט. ער האָט זיך אין יענע יאָרן אויסגעלעבט גייסטיק און פּאָליטיש צווישן די פאָרטגעשריטענע עלעמענטן פון דער דייטשישער און פראַנצויזישער געזעלשאַפט, וועלכע זיינען געווען אוניווערסאַליש און קאָסמאָפּאָליטיש געשטימט און פאַר וועלכע דאָס יידישע פּראָבלעם האָט כלל ניט עקזיסטירט.

צווישן דעם יאָר 1837, ווען משה העס האָט געהאַט געשריבן זיין „הייליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט״ און ביז צום יאָר 1862, ווען עס איז דערשינען זיין „רוים און ירושלים״ מיט זיין גרינטלעכער רעוויזיע פון יידישן פּראָבלעם און מיט דער אָנצייכענונג פון פּאָזיטיווע וועגן צו זיין לייזונג, האָט זיך ניט נאָר אומאויפהערלעך געלייטערט און פאַרטיפט העס׳ס צוגאַנג צו היסטאָרישע דערשיינונגען. עס האָט זיך פיל מער געענדערט זיין גאַנצע אָריענטאַציע אין דער אַרומיקער סביבה. ער האָט זיך, אמת, ניט אויפגעהערט צו באַטראַכטן אַלס אינדיווידועלער דענקער, אַלס פּיאָנערישער שאַפער און טוער פון דער פּראָגרעסיווער דייטשישער פילאָזאָפיע און געזעלשאַפטלעכקייט. מיר זעען, אַז זיין אַקטיווע באַטייליקונג אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג פון זיין צייט האַלט אָן מער ווי צען יאָר נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון „רוים און ירושלים״. אָבער די סאָציאַלע פּראָצעסן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין יענער גרויסער איבערגאַנגס־צייט אין לעבן פון די פעלקער בכלל און אין לעבן פון די יידישע מאַסן נאָכן איינברעכן די מויערן פון געטאָ, האָבן ביים שפּירזאַמען דינאַמישן דענקער געמוזט אַרויספירן גרינטלעכע איבערראַשונגען פון דעם יידישן פּראָבלעם.

ווי ער איז זיך מודה אין זיין „רוים און ירושלים״, האָט אין אים 20 קיילעכ־

דיקע יאָר טיף געגליט דער פייער פון עמפּערונג, וועלכן עס האָט אָנגעצונדן אין יידישן פאָלק און אין דער ברייטער וועלט־געזעלשאַפטלעכקייט דער העסלעכער בלבול פון דמשק פון יאָר 1840 און זיינע טראַגישע, בלוטיקע רעזולטאַטן. גלייך נאָכן אויסברוך פון די רדיפות אין יענעם יאָר, האָט ער שוין געהאַט געשריבן: „דער אופן ווי גאַנץ אייראָפּע און די קולטורעלע צייט באַציט זיך צו די רדיפות אויף יידן מוז אַרויסרופן אַן ענדערונג אין דער יידישער וועלט".

ער איז געווען שוין דאַן שרעקלעך אויפגעבראַכט אַלס ייד און אַלס מענטש. אויב אָבער דאַן אין אָנהייב פון זיין געזעלשאַפטלעכן וועג, האָט ער נאָך געזוכט אַן אויסוועג אין דער פולער עמאַנסיפּאַציע פון יידן, וועלכע וועט קומען, האָבן זיך זיין נאַציאָנאַלער זעלבסטגעפיל און שטאָלץ אין אים אַן אויפהער געוועקט דורך די באַפרייאונגס־באַוועגונגען, וואָס האָבן אין זיין צייט מיט אַ סטיכישער לעבנס־קראַפט אויפגעפלאַקערט אין איטאַליע, גריכנלאַנד, פּוילן און בולגאַריע. די פעל־קער האָבן זיך דערוועקט, כדי צו באַפרייען זייערע היסטאָרישע היימלענדער פון פרעמדער הערשאַפט, און דערמאָנענדיק זיך איצט מיט אַ נייער קראַפט אָן דער גרויסער פאַרגאַנגענהייט פון זיין פאָלק און די נאַציאָנאַלע און קולטורעלע ווערטן, וועלכע ער האָט געשאַפן, דערוועקט זיך אין אים די אידייע צו זען אויך זיין פאָלק פריי און זעלבסטשטענדיק אין זיין היסטאָרישן טעריטאָריעלן צענטער. אָנשטאָט די אויסגעלעבטע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, ברויזט אין אים, ווי אין די נאַ־ציאָנאַלע פרייהייטס־קעמפער פון זיין צייט, אַ גייסט פון נאַציאָנאַלער רענעסאַנס.

אין זיין אַריינפיר צו „רוים און ירושלים" רופט משה העס אויס: „ניט אומ־זיסט האָט זיך דאָס יידישע פאָלק געראַנגלט שוין צוויי טויזנט יאָר מיט די שטור־רעמס פון דער צייט, וועלכע זיינען איבער אים אויסגעבראָכן, און פון אַלע עקן וועלט, וואוהין עס האָט אים פאַרשלעפּט דער שטראָם פון צופאַל, האָט אים זיין גייסט געצויגן נאָר קיין ירושלים און אַהין איז געווענדט זיין האַרץ ביז צו היינ־טיקן טאָג".

„די ליבע צום פאָטערלאַנד איז נאָך ניט געשטאָרבן — זאָגט איצט משה העס — אויך ביי דעם קולטורעלן יידן, און זי נויטיקט זיך נאָר אין אַ קליינער דערוועקונג, כדי זי זאָל אָננעמען רעאַלע פאָרמען און רופן צו מעשים. און עס איז קיין ספק ניט, אַז פון איצט אָן און ווייטער וועלן אויך פון צווישן די קולטורעלע יידן אויפשטיין פּראַקטישע מענטשן, וועלכע וועלן זיך דערוועגן צו אַרבעטן פאַר אונדזער פּאָליטישער אויפלעבונג אין לאַנד פון אונדזערע עלטערן, פּונקט ווי ביי אונדז זיינען אויפגעשטאַנען אין אַנדערע צייטן מיטהעלפער פאַר אונדזער ביר־גערלעכער פרייהייט אין די אַנדערע לענדער".

„צו דער צאָל פאַר טויט גערעכנטע פעלקער געהערט אויך דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט ניט אומזיסט געקעמפט אין משך פון צוויי טויזנט יאָר קעגן די שטורעמס פון דער וועלט־געשיכטע... מיט דעם זיכערן ראַסן־אינסטינקט פון זיין קולטור־היסטאָרישער מיסיע, וועלכע באַשטייט פון דער אחדות פון דער וועלט און די מענטשן אין זייער פאַרברידערונג — מיט דעם דאָזיקן אינסטינקט האָט דאָס פאָלק דערהאַלטן זיין נאַציאָנאַליטעט און זיין רעליגיע. און האָט זיי ביידע פאַרבונדן מיט דעם לאַנד פון זיינע עלטערן" (8טער בריוו אין „רוים און ירושלים").

און צוליב דעם קומט ער איצט צו זיינע סאָציאַל־היסטאָרישע אויספֿירן: די נאַציאָנאַליטעט דאַרף זיך פּאַראיינהייטלעכן, צענטראַליזירן, אויסברייטערן איר ווירקונג. דאַן ערשט וועט זי ווערן אַ שטופּע אין דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם סאָציאַליזם.

די פֿעלקער און ראַסן דאַרפֿן זיך באַפֿרייען, דערנענטערן און סאָלידאַריזירן זיך אין זייער מיטאַרבעט. „מיט דעם אויפֿהערן פֿון ראַסן־אַנטאַגאַניזם הערט אויף אויך דער קלאַסן־קאַמף. די גלייכבאַרעכטיקונג פֿון אַלע סאָציאַלע קלאַסן וועט קומען ערשט נאָך דער גלייכבאַרעכטיקונג פֿון אַלע ראַסן.“

איצט שטעלט ער זיך שוין מער אין קיין פֿאַל ניט צופֿרידן מיט די אויסזיכטן אויף אַן אַסימילאַציע פֿון די מערב־אייראָפּייאישע יידן. ניט קוקנדיק אויף דער פֿאָרמעל דערקלערטער יידישער עמאַנסיפּאַציע, זעט ער איצט אין איר פֿולן באַנקראָט. בלייבנדיק יידן אין נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן זין פֿון דעם וואָרט, זיינען די יידן ניט אין שטאַנד צו דערגרייכן אין אייראָפּע קיין אמתע און פֿולע גלייכבאַרעכטיקונג. זיי געפֿינען זיך שטענדיק אונטער דעם אומאויפֿהערלעכן דרוק פֿון קנאה און שנאה. וועלכע קאָנען ניט אונטערגיין אַנדערש ווי אויפֿן וועג פֿון דער ניט מער געוואונטשענער פֿולער אַסימילאַציע פֿון יידן.

מער פֿון דעם: ער באַטראַכט איצט די אַסימילאַציע אַלס אַ זעלבסטמאָרד פֿון זיין פֿאָלק און ער זעט פֿון איר ניט קיין אַנדער אויסוועג ווי נאָר אין דעם אויפֿבוי פֿון אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל. ער שטעלט פּאַראַלעל איינע אַנטקעגן די אַנדערע רוים און ירושלים. ירושלים, וועלכע די רוימער האָבן צעשטערט, דאַרף אויפֿסניי אויפֿגעבויט ווערן. דורך דעם וועט זיך ענדערן ניט נאָר דער יידישער נאַציאָנאַלער זעלבסטגעפֿיל, נאָר אויך די יידישע עקאָנאָמיק. דאָס פֿאָלק וועט באַפֿרייען זיך פֿון דער הכרחיות צו פֿאַרנעמען זיך מיט ניט־פּראָדוקטיווע און פֿאַרמיטלערישע באַשעפֿטיקונגען. „אַ שותּפֿיש פֿאָטערלאַנד פֿאַר די זין פֿון יידישן פֿאָלק — שרייבט משה העס אין זיין „רוים און ירושלים“ — איז אויך אַן ערשטער פֿאַרבאַדינג צום איבערפֿירן די יידן צו אַן אַרבעט־לעבן, וואָס זאָל דערנערן די באַשעפֿטיקטע“.

ער דריקט אויס זיינע געדאַנקען אין דער פֿאָרם פֿון אילוזאָרישע, אָפֿט סענטימענטאַלע בריוו צו אַ פֿריינדין, וואָס דערמאָנען ערטערווייז די בריוו פֿון היינריך היינע, און נאָך מער — די „ווידויים“ פֿון זשאַן זשאַק רוססאָ.

דער צווייטער פֿון די דאָזיקע בריוו צייכנט זיך אויס מיט אַ געלונגענעם סאָציאַל־ריכטיק אויסגעדריקטן געדאַנק: „דאָס יידנטום איז, קודם כל, אַ פֿאָלק, וואָס זיין לעבנס־געשיכטע, וועלכע דויערט לאַנגע דורות, וועט גיין באַהעפֿט מיט דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פֿון דער גאַנצער מענטשהייט. אַ פֿאָלק, וואָס איז שוין געווען אַמאָל דער טרעגער פֿון גייסטיקן אויפֿקום פֿון דער געזעלשאַפֿט, וועט אויך איצט, בעת דער גייסטיקער אויפֿלעבונג פֿון די קולטור־פֿעלקער, וואָס באַוועגן דעם ראָד פֿון דער געשיכטע און נעענטערן זיך צו איר גייסטיקער שלימות, — זיך אויך שטעלן צווישן זיי כדי אָפּצוריכטן מיט זיי צוזאַמען דעם יום־טוב פֿון זיין אויפֿקום“.

אין זיין 9טער באַמערקונג צום סוף פֿון „רוים און ירושלים“ שטעלט זיך

העס אַפּ אויך ספּעציעל אויף דער פראַגע וועגן דער איבערוואַנדערונג פון די מערב־אייראָפּייאישע יידן קיין ארץ־ישראל. ווי פילע שפּעטערדיקע ציוניסטישע טוער, האָט העס דאָרטן אונטערגעשטראָכן, אַז די יידישע מדינה וועט בעיקר געבויט ווערן דורך די מזרח־אייראָפּייאישע יידן, ווי אויך דורך דעם מאַסן־יידנטום אין אַנדערע לענדער.

מיט אַן אויסערגעוויינלעכער האַרציקייט צייכנט זיך אויס אין דעם פּרט משה העס׳ס רוף צום סוף פון זיין „רוים און ירושלים”: „ווען איך וואָלט קענען גיין צו יענע מיליאָנען פון מיינע טרייע ברידער און אויסשרייען פאַר זיי: הייב אויף הויך דיין פאָן, מיין פאָלק! אין דיר זיינען קאָנסערווירט די לעבעדיקע עלע־מענטן, וואָס זייער זאַפט האָט זיך ניט אויסגעוועפּט און וועלכע האָבן געשלאָפן ווי די זוימען קאָרן אין די קברים פון די געפּאַלמעסטע עגיפּטער, וואָס זיינען גע־ווען פאַרזונקען אין שלומער טויזנטער יאָרן, האָבן אָבער ניט פאַרלאָרן די פּעאי־קייט פון אויפשפּראָצן און וועלכע וועלן באַלד ווערן צייטיקער ברויט, ווען עס וועט זיך אויפשפּאַלטן די האַרטע שאָלעכץ, אין וועלכער זיי זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן, ווען זיי וועלן פאַרזייט ווערן אויפן קולטור־באָדן פון דער קעגנוואַרט אין אַן אָרט פון ליכט, לופט און הימל־טוי. אויך זיי וועלן זייערס ביישטראָגן צו דער פולער אויפלעבונג.”

„וואָס אַנבאַלאַנגט די מערב־אייראָפּייאישע יידן — שרייבט משה העס אין דער באַמערקונג — טראַכטן מיר זעלבסטפאַרשטענדלעך ניט וועגן זייער אַלגע־מיינער אויסוואַנדערונג. אויך נאָך דעם ווען עס וועט געגרינדעט ווערן די יידישע מדינה אין גייסט פון דער מאָדערנער צייט, וועלן בלייבן יענע פון אונדזערע ברי־דער, וועלכע לעבן אין די מערבדיקע קולטור־לענדער און וואָס זייער צאָל איז פאַרהעלטניסמעסיק קליין, דאָרטן וואו זיי זיינען. די מערבדיקע יידן, וועלכע האָבן ערשט ניט לאַנג אויסגעטראָטן מיט מי אַ וועג צו דער קולטור און וואָס עסן איצט צו זאַט פון דער פּרוכט פון זייער מי, וועלן ניט פאַרלאָזן זייערע פּלעצער און ניט וואַנדערן אין דעם לאַנד, וואָס האָט (אַמאָל) אויסגעשפּיגן זייערע עלטערן. די מענטשלעכע נאַטור לאָזט ניט צו, אַז אַ מענטש זאָל איבערלאָזן פאַר אַנדערע דאָס וואָס ער האָט געהאַט דערגרייכט דורך זיין מי”.

ער, וואָס האָט אַמאָל ניט נאָר באַרעכטיקט, נאָר אפילו געפּריידיקט די אַסימילאַציע פון יידן, הערט ניט אויף איצט אין זיין צוועלפטן בריוו פון „רוים און ירושלים” צו פירן אַ שאַרפן וויכוח מיט די אַנהענגער פון דער אַסימילאַציע און מיט די אָפּלייקענער פון יידישן קיום.

און דאָ שטייען מיר מיטאַמאָל פאַר אַ ניט אויסגעהאַלטענער און שווער פאַרשטענדלעכער דערשיינונג, וועלכע וואַרפט אַ שאָטן אויף דער גאַנצער אידיי־אישער וועלט פון משה העס דעם קאָמוניסט.

אין די 40ער יאָרן האָבן מיר געזען משה העס׳ס דורכאויס נעגאַטיווע באַ־ציאונג צו דער יידישער רעליגיע ווי אויך צו דער קריסטלעכער אַלס אַזעלכער. מיר האָבן שוין אין אָנהייב פון די 70ער יאָרן, פולע 10 יאָר נאָכן פאַרעפנטלעכן זיין „רוים און ירושלים”, געהערט משה העס׳ס פולע הסכמה און טרייקייט צו די גרונט־פּרינציפּן פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם און מאַרקסיזם, — און פלוצ־

לונג זעען מיר אים אין „רוים און ירושלים״ ווי ער קערט זיך אום אין זיינע אַנשויאונגען אויף דער רעליגיע צו יענע מעטאַפיזישע אויסבליקן, וועלכע זיינען אים געווען אייגן אין זיין יוגנט.

ווי מיר ווייסן, האָט זיך משה העס שוין אין יאָר 1859 באַקענט מיטן יידישן גרויסן היסטאָריקער פון זיין צייט צבי (היינריך) גרעץ און זיך מיט אים שטאַרק באַפריינדט. און נאָך העס׳ס טויט האָט גרעץ געשריבן: „איך בין מיט אים געווען באַקאַנט ביי אַ 16 יאָר און זינט דעם אָנהייב פון אונדזער באַקאַנטשאַפט זיינען מיר געווען פאַרבונדן דורך פריינדשאַפט״. זיי האָבן זיך ביידע געטראָגן מיט דעם געדאַנק צו פאָרן אויף אַ באַזוך קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1875, און נאָך העס׳ס טויט האָט פאַרשטערט די רעאַליזירונג פון דעם פּלאַן. קאַנטיק, אַז דער רעליגיעז־סענטימענטאַלער גרעץ האָט געהאַט אויף אים אַ באַדייטנדיקע השפעה.

אַלס סאָציאַליסט און וועלטלעכער סאָציאַלער דענקער האָט העס אייגנטלעך באַדאַרפט איצט, צוטרעטנדיק צו לייזן רעאַל דאָס יידישע פּראָבלעם, אויסמיידן יעדן מעטאַפיזישן צוגאַנג און פאָרלייגן — אויפן גרונט פון מאַנטעסקיעס לערע וועגן דער אַפּזונדערונג פון די געוואַלטן און פון מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו דער אמונה — די סעקולאַריזירונג פון די רעליגיעזע ווערטן אין יידנטום און דעם אויפבוי פון אַן אויסגעשפּראָכענער וועלטלעכער קולטור אין דער פון אים געפּלאַנטער יידישער מדינה. ער קערט זיך אָבער אום דורכאויס צו דער רעליגיעזער אויפפאַסונג פון דער יידישער געשיכטע און קולטור, און, שטיצנדיק זיך אויף גרעצן, דעקט ער איצט אויף מיט אַ באַזונדער באַגייסטערונג אַ זאַך, וועלכע איז אין זיין צייט געווען נאָך במעט ניי, — דעם טיף נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער יידישער רעליגיע. דאָס יידישע פאָלק און די יידישע אמונה זעען אים איצט אויס ממש ווי אַן אומטיילבאַרער סיאַמישער צווילינג.

ער גייט איצט צו צום גאַנצן יידישן פּראָבלעם אויף מעטאַפיזישע און ניט אויף סאָציאַלע וועגן. דאָס פאַרקריסטלעכע יידנטום — דערקלערט משה העס — האָט פאַרמאָגט זיין אינעווייניקסטע שלימות, וועלכע איז צעבראָכן געוואָרן דורך דער אינוואַזיע פון געצנדינערישע גרויסמאַכטן. אַנטקעגן רוים, וואָס סימבאָליזירט די פיזישע קראַפט אַלס מיטל פון הערשאַפט, שטעלט — נאָך זיין מיינונג — דאָס יידנטום פאַר די מאָראַלישע קראַפט, וועלכע שפּרייט זיך איבער דער וועלט, איבערוועגנדיק אַלע שוועריקייטן. אויף די חורבות פון דער וועלט, וואָס וועט פאַלן אַלס קרבן פון דער טיראַניי, וועט אויפקומען אַ נייע וועלט־אָרדענונג, וועלכע וועט זיין געבויט אויף די פאַרצייטיקע יסודות פון יידנטום. די יידישע צוקונפט־מדינה וועט זיין אַ האַרמאָנישע שאַפונג פון דעם מענטשלעכן גייסט. זי וועט זיך דיאַלעקטיש אַרויפאַרבעטן פון די הערשנדיקע ווידערשפּרוכן. זי וועט ניט אויפקומען אויפן וועג פון אַנאַרכישע זוכונגען און אויך ניט פון רעוואָלוציעס.

דאָס איז געווען ביי העסן אַ מין אייגנאַרטיקע אויפפאַסונג פון אַ יידישן סאָציאַליזם, אַ יידיש־נביאישע אויפפאַסונג, פאַר וועלכער ער האָט געפּרואווט פאַרלייגן יסודות אויפן גרונט פון דער העגעלשער און שפּינאָזישער פילאָזאָפיע. און זיין פליייסיקער ביאָגראַף ד״ר טעאָדאָר זלאָציסטי, וועלכער רעדט וועגן אים בדרך כלל מיט באַגייסטערונג און אָנערקענונג, געפינט דאָ פאַר נויטיק צו באַמערקן, אַז

די פאַרשטעלונג וועגן דער געשילדערטער מדינה איז דאָ געווען ביי העסן דורכאויס ניט רעאַל און אַז „פאַקטיש איז ער נאָך געשטאַנען מיטביידע פיס אין דער אַלטער וועלט, הגם ער האָט מיט זיין גאַנצן וועזן געטרוימט און געבענקט נאָך אַ נייער וועלט."

ער שטעלט זיך אין פלוג אין אָפּאָזיציע צו דער יידישער אָרטאָדאָקסיע, וועל־כע איז פאַרשטיינערט געוואָרן און האָט אָפּגעלעבט איר צייט, אָבער ער אָנערקענט דערביי אירע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם, וואָס זי האָט קאָנסערווירט און אָפּגע־היט די פּאָליטישע און קולטורעלע אוצרות פון פאָלק.

אָפּהעקנדיק פאַרזיכטיק און מיט אַ געפּיל פון טיפער פּיעטעט דעם רעליגיעזן לבוש פון די נאַציאָנאַלע גיטער, און אַנטפּלעקנדיק זייער סאָציאַלן אינהאַלט, זוכט ער זיך אַליין צו איבערציַיגן און איבערציַיגן אַנדערע, אַז אין דער יידישער מדינה וועלן אויסגעמיטן ווערן שאַרפע איבערקערענישן און אַז נאָר אויפן וועג פון אינעוואָיניקסטע פּראָצעסן אין יידנטום וועט זיך אָפּשיילן די האַרטע הויט, וואָס איז אָנגעוואָקסן אויף די קולטור־גיטער אין משך פון דורות און אַז עס וועלן אויפלעבן די געזונטע נאַציאָנאַלע עמאַציעס פון יידישן פאָלק. די פאַר־טיפטע היסטאָרישע ווערטן, די העברייאישע שפּראַך און געאָגראַפישע סביבה פון היסטאָרישן פאָטערלאַנד — דאָס וועלן זיין די גרונט־אומשטענדן, וועלכע וועלן דערצו ברענגען.

פון דעם נעמט זיך שוין אויף אַ נאַטירלעכן אופן זיין פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פון דער חסידישער באַוועגונג, אַלס אָפּאָזיציע צום פאַרגליווערטן רבנישן יידנטום. אין דער 5טער דערגאַנצונגס־באַמערקונג צום סוף פון „רוים און ירושלים" שטרייכט ער אויף אַ באַזונדער אופן אונטער דעם באַזונדערן ווערט, וואָס די חסידות האָט גע־האָט פאַרן מזרח־אייראָפּייאישן יידנטום.

„די רבנים — זאָגט ער, — וואָס האָבן זי (די חסידות) צוערשט אָפּגעשטויסן פון זייערע גרענעצן, האָבן לסוף אָנגעהויבן צו שפּירן, אַז די יידישע פאָלקס־מאַסע אין מזרח האָט די ברירה אויסצוואוילן איינס פון ביידע: אָדער אָפּזאָגן זיך פון יידנטום צוזאַמען מיט די רעפאָרמיסטן, וועלכע ווערן אָוועקגעריסן דורך דער קראַפט פון דער נייער קולטור, וואָס קומט פון דרויסן ווי אַ שטאַרקער שטראָם, אָדער צו פאַרלויפן דאָס שלעכטס דורך דער פאַראייניקונג, וועלכע די חסידות קומט אָנצוזאָגן, אמת, נאָר אַלס איר שליח".

און כאַראַקטעריזירנדיק דערביי די גייסטיקע גיטער פון דער חסידות אַלס דעמאָקראַטישע באַוועגונג, געפינט העס איין, אַז „הגם די חסידים ווייסן ניט פון קיין פאַרפולקומענער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, פירן זיי זיך דאָך חסידיש דער־מיט, וואָס די רייכע (פון זיי) עפענען זייערע טירן יעדן אָרעמען און געפאַלענעם, וואָס קומט צו זיי אַריין ווי אַן אייגענער מענטש."

אַזוי האָט העס אַנטדעקט — וואָס עס איז נאָך געווען כמעט ניי אין זיין צייט — די נאַציאָנאַל־ און סאָציאַל־דערציערישע עלעמענטן, וואָס זיינען אַנטהאַלטן אין דער יידישער אמונה און אין יידישן רעליגיעזן שטייגער.

משה העס׳ס ביאָגראַף ד"ר טעאָדאָר זלאָציסטי שטייט אַ פאַרחידושטער פאַר די תהומותדיקע מעטאַמאָרפאָזן פון העס׳ס לעבנס־אָנשויאונגען און ער באַמיט זיך

צו לערנען זכות אויף אים און געפינען אַ רעכטפאַרטיקונג פאַר די שאַרפע ווינק־לען פון זיין לעבן, צו דערקלערן זיין אומדערוואַרטעטן קער צו די יידישע פּראָ־בלעמען און צו דער ארט פון זייער לייזונג נאָך לאַנגע יאָרן פון וואַנדלונגען און מאַרשירן אין אַוואַנגאַרד פון אוניווערסאַלע באַוועגונגען, אידייען און טרוימען.

זלאַציסטי גלויבט, אַז עס האָט אין העסן געלעבט די גאַנצע יאָרן אַ ניט אַנטפּלעקטעס „אומבאַוואוסטעס יידנטום", און אַז עס האָבן אין אים שפּעטער אויפ־געברויזט לאַנג פאַרבאַהאַלטענע און אונטערדריקטע געפילן. העס איז דאָך זיך אַליין מודה אין דעם אין האַרציקע ווערטער בעת ער זאָגט: „פריער פון אַלץ איז דאָס געווען מיין אייגן פאָלק, דאָס יידישע, וואָס האָט מיך אַלץ מער אַנגעהויבן צוצובינדן. די גייסטער פון מיינע אומגליקלעכע שטאַם־גענאָסן, וואָס האָבן אַרום מיר געשוועבט אין מיין קינדהייט, זיינען ווידער אויפגעשטאַנען, און די לאַנג אונטערדריקטע געפילן האָבן זיך ניט געלאָזן מער אָפּשטויסן. דער שמערץ, וואָס איז אין דער צייט פון דמשק (בלוט־בלבול) געווען אַ פאַרבייגייענ־דיקער, האָט זיך איצט פאַרוואַנדלט אין אַ הערשנדיקער גייסטיקער ריכטונג. איך האָב מער ניט געפּרואווט אונטערצודריקן די שטים פון מיין יידישן געוויסן. איך בין, פאַרקערט, מיט ברען נאָכגעגאַנגען אויף אירע שפּורן".

עס מאַכט דעם בפירושן איינדרוק, אַז ער האָט איצט מיט אַ באַזונדער שטאָלץ אויפגעהויבן זיין קאָפּ און דערפילט אַ באָדן אונטער זיינע וואַקלענדיקע פיס.

„די יידן — גיט איצט העס צו — זיינען די עלטסטע געשטאַלטונג פון דער סעמיטישער ראַסע ווי די גריכן פון דער אינדאָ־גערמאַנישער. די יידן זוכן די מענטשלעכקייט, דעם וועלט־פרינציפּ — גאָט! זיי האָבן נאָך צו דערפילן זייער גרויסע און אייגנאַרטיקע אויפגאַבע צווישן די מאָדערנע פעלקער, און כדי זיי זאָלן דאָס קאָנען דערפילן, מוזן זיי, קודם כל, זיך אַליין דערקענען. דאָס פאָלק מוז אויפלעבן. עס מוז זיך אין אים אַנטוויקלען די לוסט צום לעבן און דער שטאָלץ צו זיין אַ ייד".

מיט דער פלאַמיקייט פון זיין רעוואָלוציאָנערן גייסט האָט איצט העס גע־בראַכט צום אויסדרוק זיין דראַנג צום יידישן רענעסאַנס און איז אויך צוגעטראָטן צו פּראַקטישער פּלאַנירונג פון דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל. זיינע גע־דאַנקען זיינען געווען פּיאָנערישע און האָבן אַרויסגערופן אַ באַגייסטערונג אין יענע קרייזן פון יידישע אינטעלעקטואַליסטן אין מערב־־איראָפּע, וועלכע זיינען נאָך ניט אין גאַנצן פאַרפרעמדט געוואָרן פון די היסטאָרישע טראַדיציעס און די קולטור־ווערטן פון יידישן פאָלק.

זיינע אויספאַסונגען און באַגרינדונגען פון יידישן פּראָבלעם און די וועגן פון זיין לייזונג זיינען געווען אויף אַזוי פיל ביי, אַז ד״ר טעאָדאָר הערצל, וועלכער האָט גרינטלעך געלייענט משה העס׳ס „רוים און ירושלים" ערשט אין אַפּריל 1901 בשעת זיין באַזוך אין ירושלים, האָט געשריבן אין זיין טאָגבוך פון 25טן אַפּריל 1901: „די 19 שעה פון דער רייזע האָט מיר אָפּגעקירצט משה העס דורך זיין „רוים און ירושלים", וועלכן איך האָב אָנגעהויבן לייענען אין ירושלים, און נאָר אונטער דעם דרוק און איילעניש פון די יאָרן האָב איך אים פריער ניט געגרייכט צו לייענען ביזן סוף. איצט האָט ער מיך באַצויבערט און דערהויבן

מיין גייסט. — וואָס פאַר אַ קרעפטיקער און טייערער גייסט! אַלץ וואָס מיר האָבן געפּרואווט צו ברענגען צום אויסדרוק געפינט זיך שוין ביי אים באַשריבן. זינט דער צייט פון שפינאָזאַ האָט דאָס יידנטום ניט אַרויסגעבראַכט קיין גרעסערן גייסט ווי דעם דאָזיקן משה העס, וועלכער איז פאַרגעסן און פאַרגרייזט געוואָרן" (נייע אויסגאַבע פון טעאָדאָר הערצלס טאָגביכער אויף העברייאיש, ירושלים, תש"כ עמ' 389).

נאָך לאַנגע לירישע אָפּווייכונגען פאַרנעמט זיך העס אין 11טן בריוו פון „רוים און ירושלים" אין אַלגעמיינע שטריכן מיט דער פראַגע וועגן דער גרינדונג פון קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל און לייגט אין דעם פּרט גרויסע האָפענונגען אויף דער הילף פון פראַנקרייך. ער זעט פאַר זיינע גייסטיקע אויגן דאָס בילד פון דער צוקונפטיקער אַנטוויקלונג פון לאַנד און ציטירט מיט באַגייסטערונג דעם 40טן קאַפּיטל פון ישעיה מיט דעם פולן גלויבן, אַז די אָנגעזאָגטע דערלייזונג און אויפבליקן פון לעבן וועלן פאַרווירקלעכט ווערן אין אונדזער דור.

אין דעם 12טן בריוו פאָרמולירט ער צווערשט אין זיין „רוים און ירושלים" אין אַלגעמיינע שטריכן די יסודות, אויף וועלכע עס באַדאַרף נאָך זיין מיינונג געבויט ווערן די קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל: „דערוועראַבונגען פון באָדן אין דעם פאָטערלאַנד צו אַלגעמיינעם אייגנטום, איינפירונג פון ריכטיקע אָרדענונגען, וועלכע זאָלן זיך באַזירן אויף געזעץ און רעכט, וואָס זאָלן פירן צו דער אַנטוויקלונג און אויפבלי פון אַרבעט. גרינדונג פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטן פאַר ערד־אַרבעט, פאַר האַנדל און אינדוסטריע אויפן גרונט פון דער ביבלישער געזעצגעבונג, דאָס הייסט אויפן גרונט פון סאָציאַלע געזעצן".

ניט קוקנדיק אָבער אויף דער אַקטועלקייט פון די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען האָט „רוים און ירושלים" ווייניק וואָס פאַרמאָגט צו ברענגען פּאָקטישע רעזולטאַטן. דאָס רוסיש־פּוילישע יידנטום איז געווען דערשטיקט דורכן צאַרישן רעזשים, און דאָס בוך מיט זיין דייטשישן אַקאַדעמישן סטיל איז צו אים בכלל ווייניק וואָס דערגאַנגען, און דאָס מערב־יידנטום האָט נאָך געהאַט אָנגעשטרענגט אין יענער צייט זיינע כוחות צו עמאַנסיפּירן זיך, צו אַסימילירן זיך און איינלעבן זיך אין דער אָרטיקער ציוויליזאַציע און קולטור.

עס איז אָבער אַ טעות צו מיינען, אַז משה העס איז אין זיין צייט געווען דער איינציקער און דער ערשטער, וועלכער האָט דערוועקט די אידייע פון יידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און פון דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל.

בשעת משה העס האָט געשריבן זיין „רוים און ירושלים", האָט ער שוין געוואוסט — אָדער האָט זיך שפּעטער דערוואוסט — אַז מיט אַ קורצער צייט פריער האָט שוין דעם געדאַנק וועגן גרינדן אַ יידישע מדינה אַרויסגעזאָגט און צום טייל אויך באַגרינדעט רבי צבי קאַלישער אין זיין „אמונה ישרה".

אין סוף 1860 האָט שוין הרב קאַלישער אויפגערופן אין טאָרן אַ קאָנפערענץ פון רבנים און אָנפירער פון יידישע קהילות און פאַרלייגט דעם יסוד פאַר דער „חיבת־ציון"־באַוועגונג, און אין יאָר 1861 האָט שוין חיים לוריא געגרינדעט אין פראַנקפורט, וואָס אויפן אָדער, דעם „קאָלאָניזאַציאָנס פאַראיין פאַר פּאַלעסטינאַ" און האָט זיך שוין שפּעטער, נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון „רוים און ירושלים",

פאַרבונדן מיט העסן, וועלכער איז צוגעשטאַנען אַלס מיטגליד צו דער דאָזיקער געזעלשאַפט.

און נאָך פריער פאַר קאַלישערן האָט דער זעמעלינער ספּרדישער רב רבי יהודה אַלקאַלעי אין זיין פּלאַמיקן „קול קורא" און „חודו של מחט" פון יאָר 1848, גערופן צום ייִדישן אומקער קיין ארץ־ישראל.

אַחוץ די באַגייסטערטע אויפרופן און פאָרשלאָגן האָט זיך דאָך שוין אין יענער צייט אָנגעהויבן אין ארץ־ישראל די קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבעט פון משה מאָנטעפיאָרע.

ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען האָט משה העס'ס „רוים און ירושלים" דערוועקט אַן אויסערגעוויינלעכן אינטערעס און אפילו אַן איבערראַשונג אין די ייִדישע און אויך אין ניט־ייִדישע קרייזן אין מערב־אייראָפּע אַלס אַ העכסט אָריגינעל בוך, וואָס איז געשריבן אין דער דייטשישער שפּראַך און מיט אַ פּאַרטיפּטער אינספּיראַציע פון אַ בעל־תשובה דורך אַ מאַן, וואָס איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אַלס סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער דענקער און געזעלשאַפטלעכער עסקן. זיינע געדאַנקען און פאָרשלאָגן, וועלכע זיינען געבראַכט אין „רוים און ירושלים", זיינען אַזוי געוואָגט און באַהויכט מיט אַ נביאישן גייסט, אַז מען האָט זיך צו זיי ניט געקאָנט באַציען גלייכגילטיק. זיי האָבן אויך ווירקלעך אַרויסגערופן אַ מיינונגס־אויסטויש און צום טייל — אויך אַ פּאָלעמיק און קעגנערשאַפט אין דער ייִדישער און אַלגעמיינער פּרעסע פון יענער צייט.

דאָס בוך האָט שווער געטראָפן די אילוזיעס פון די, וואָס האָבן זיך געשפּירט, קודם כל, אַלס בירגער פון די לענדער, אין וועלכע זיי האָבן געלעבט. און האָבן געשטרעבט אויסצולעבן זיך אַלס דייטשן, פראַנצויזן און ענגלענדער פון ייִדישער רעליגיע.

פּראָפ' מאַרטין פיליפּסאָן, דער היסטאָריקער, וועלכער איז געווען אַליין נאָענט צו יענע קרייזן, דערקלערט דעם איינדרוק פונעם בוך אויף די מענטשן פון זיין קרייז: „זיי איז געווען שוין אומאָנגענעם די עצם מחשבה וועגן דעם, אַז זיי דאַרפן בייטן זייער לעבן אין באַקוועמלעכקייט און אָרדענונג פון דער היינטיקער ציוויליזאַציע אויף אַ לעבן אין ניט־קולטורעלן ארץ־ישראל, וואָס איז רואינירט געוואָרן דורכן טערקישן באַלעבאַטעווען, און אויסלעבן זיך צוזאַמען מיט זייערע גייסטיק און מאָראַליש אָפּגעשטאַנענע (?) פּוילישע און רוסישע רעליגיאָנס־ברידער." (זייע געשיכטע פון ייִדישן פאָלק. רוסישע אויסגאַבע ז' 133).

די נייע גרונט־אידייע פון „רוים און ירושלים", וואָס איז דערוועקט געוואָרן דורך אַ דייטש־ייִדישן סאָציאַליסט און קאָמוניסט, האָט אין דער בירגערלעכער ייִדישער פּרעסע אַרויסגערופן אַ צוריקגעהאַלטענע און אַ שטאַרקע פּאָלעמיק.

אַ פיינלעכע, הגם איינגעהאַלטענע רעצענזיע וועגן „רוים און ירושלים" איז געגעבן געוואָרן אין ד"ר מ. שטיינשניידערס צייטשריפט „המזכיר".

דער רעדאַקטאָר פון דער „אַלגעמיינער צייטונג דעס יודענטומס" לודוויג פיליפּסאָן האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין צייטונג די רעצענזיע פון מ. ק. פון פראַנקפורט, הגם ער אַליין האָט זיך פון איר לכתחילה רעזערווירט באַמערקנדיק, אַז „עס זיינען דאָ פיל פונקטן, וואָס מען קאָן זיין קעגן זיי."

„מיר אַלע — שרייבט דער רעצענזענט — זיינען קודם כל דייטשן, פראַנצויזן, ענגלענדער, אַמעריקאַנער, און נאָר אין צוגאָב־זין פון צווייטער מדרגה זיינען מיר יידן. אונדזער ליבע און פאַרערונג צום באָדן פון אונדזער שטאַם, צו ארץ־ישראל, האָט קיין שייכות ניט צו אונדזער פאַטערלאַנד־ליבע... מיר טראַכטן בכלל ניט צו ענדערן דעם סדר פון אונדזער לעבן לויט יענע פאַרצייטיקע דערי־נערונגען."

דער מחבר פון דער רעצענזיע גלויבט ניט אַחוץ דעם, אַז ענגלישע, דייטשישע און אַמעריקאַנישע יידן, וועלכע האָבן פאַרשיידענע אייגנשאַפטן, זאָלן קאָנען בשותפות בילדן אַ נייע געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל. אַ נויטיקע פאַרבאַדינגונג דערצו דאַרף זיין, אַז אַנדערע פעלקער זאָלן דערוועקן פריער די מזרח־לענדער פון זייער אָפּגעשטאַנענקייט. יידן זיינען בכלל ניט מסוגל צו ברענגען מיט זיך קיין נייע קולטור. זיי שטייען שטענדיק אויף דער קולטור־הויך פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן.

זיין צווייטער הויפּט־אָפּאָנענט לעאָפּאָלד לעף, דער פירער פון רעפאָרם־יידנטום אין אונגאַרן, האָט געשריבן אין זיין צייטשריפט „בן־חנניה", אַז „דאָס אויסערגעוויינלעכע בוך, דאָס אָריגינעלע, שאַרפזיניקע און זייער אינטערעסאַנ־טע, וועט מאַכן זיכער אַ גרויסן רושם אויפן עולם און עס וועט כלל ניט זיין קיין וואונדער ווען די נייע משיחישע לערע וועט צוציען דאָס האַרץ פון דער יוגנט". ער שטעלט זיך גוט פאָר, אַז „מען קאָן פאַראיינס ליב האָבן דאָס לאַנד, אין וועלכן מען לעבט, און אויך אַ צווייט לאַנד און די אינסטיטוציעס, וועלכע מען גרייט זיך דאַרטן צו גרינדן". ער גלויבט אָבער ניט, ווי העס, אַז די קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל דאַרף און קאָן האָבן דעם צוועק צו מאַכן די יידן פאַר פּיאָנערן, פון דעם געדאַנק פון סאָציאַלער פרייהייט און מענטשלעכער גלייכקייט אין גייסט פון תורת משה און די נביאים. ביי די יידן פעלן די גרונט־תנאים פאַר אַ נאַ־ציאָנאַלן לעבן. ער לייקנט אויך די מעגלעכקייט אויפצולעבן די העברייאישע שפּראַך, און „אָן דעם איז דער יידישער רענעסאַנס בלויז אַ פוסטע פאַנטאַזיע."

משה העס האָט זאַכלעך געענטפערט אויף לעאָפּאָלד לעפס קריטיק, און יע־נער האָט פאַרעפנטלעכט דעם ענטפער אין זיין צייטשריפט „בן־חנניה". אין זיין ענטפער האָט העס אונטערגעשטראָכן, אַז די אויפלעבונג פון יידישן פאָלק איז פאַר אים ניט קיין מיסטישער שטרעבן, נאָר אַ רעאַלע זאַך און אַז „די פעלקער, וועלכע דערוועקן זיך צום לעבן און שטעלן זיך קעגן זייערע אונטערדריקער, רופן שטענדיק אַרויס מוטיקע מענער. די העלדן פון דער געשיכטע זיינען קיין מאָל ניט געווען קיין שאַפער פון אַ גייסטיקער באַוועגונג, נאָר אידער אַ פראָ־דוקט."

עס איז קיין ספק ניט, אַז דער דאָזיקער ענטפער איז פאַרוואָרצלט אין דעם היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן קוק אויף דער געשיכטע, וועלכער האָט געלעבט אין דער טיפעניש פון משה העס'ס סאָציאַלן באַוואוסטזיין.

דעם זעלביקן יאָר 1862 האָט נאָך אַ יידישע צייטשריפט, „די מאָנאַטשריפט פיר געשיכטע און וויסנשאַפט דעס יודענטומס" געגעבן אַן אויספירלעכע און

פאַרזיכטיקע קריטיק אויף „רוים און ירושלים", דער מחבר פון וועלכער איז געווען ד"ר צבי גרעץ און וועלכע קומט צום אויספיר, אַז „קיינער קאָן ניט לייקע־נען, אַז אויך דאָס רעליגיעזע לעבן ווערט לעבעדיקער און אָפּגעפרישטער, ווען זייער טרעגער איז אַ פאָלק, וואָס איז גאַנץ אין גייסט און אין קערפּער."

וואַרעם און פּאָזיטיוו איז געווען דער צוגאַנג צו העס'ס „רוים און ירושלים" מצד דער צייטשריפט „אַרכיוועס איזראַעליטעס", וועלכע מעלדעט אין העפטל פון 15טן דעצעמבער 1863, אַז אַ „יידיש־דייטשישער באַרימטער שרייבער הער מאריץ העס, וואָס האָט ביז איצט געלעבט אין קעלן און האָט זיך לעצטנס באַ־זעצט אין פּאַריז און איז דער מחבר פונעם בוך „רוים און ירושלים", געהערט צו די מענטשן, וועמענס ליטעראַרישע חברשאַפט דאַרף מען שאַצן. דעריבער זעען מיר אַ גוטן סימן און אַ גרויסע הצלחה אין דעם, וואָס מיר זיינען אין שטאַנד צו מעלדן אונדזערע לעזער, אַז אונדז האָט זיך איינגעגעבן צוצוציען דעם הער העס אַלס אַ שרייבער־חבר פון אונדזער צייטשריפט. דער הער העס אַנטוויקלט דערהויפּט די משיח־אידייע, די אידייע, אַז אין דער נשמה פון יעדן יידן ליגט די מעגלעכקייט צו זיין משיח. דאָס פאָלק ישראל האָט געליטן יסורים פאַר ליבע און גערעכטיקייט, וואָס פון זיי וואַקסט אַרויס די העכסטע קולטור, וועלכע איז געבויט אויף ברודערשאַפט פון מענטשן. דאָס פאָלק איז געבליבן לעבן, כדי ער זאָל קאָנען דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבע."

אויך יוסף לעהמאַן דער רעדאַקטאָר פון „מאגאזין פאַר ליטעראַטור", באַ־האַנדלט אין אַן אַרטיקל העס'ס „רוים און ירושלים" און שאַצט פּאָזיטיוו אָפּ זיין צוגאַנג צו דער יידן־פראַגע. ער איז איבערצייגט, אַז די קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין ארץ־ישראל, וועלכע העס לייגט פאָר, „קאָן און דאַרף אונטערשטיצן יעדער מענטשן־פריינט אין אינטערעס פון דער ציוויליזאַציע און פון דער קולטור פון די מזרח־לענדער, און בפרט ווען פון דעם וועט זיך בילדן אַ נייע ליבעריא פון באַפרייטע יידישע העלאָטן".

דער באַקאַנטער יידישער היסטאָריקער און דענקער פון יענער צייט אברהם גייגער האָט באַך אַ לאַנגן שווייגן פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן העס'ס „רוים און ירושלים" אין זיין „יידישעס צייטשריפט פיר וויסענשאַפט און לעבען" אונטערן נאָמען „די אַלטע ראָמאַנטיק אין אַ נייער רעדאַקציע", וואו ער באַ־טראַכט העס'ס געדאַנק אַלס אַ פאַנטאַזיע און אַ טרוים, וואָס לאָזט זיך ניט פאַר־ווירקלעכן. אין זיין בריוו צו גייגערן פון יאַנואַר 1863 (אין פראָפ' עדמונד זילבערנערס פאַרעפנטלעכטן בריוו־אויסטויש פון העס, (נומ' 268), זע ביבליאָ־גראַפישע ביילאַגע), ענטפערט העס גייגערן שאַרף און שניידיק אויף זיין ביטול־באַציאונג צום בוך.

דער פּאָפּולערער וואָרטזאָגער פון אָרטאָדאָקסישן יידנטום אין יענער צייט רבי שמשון רפאל הירש האָט לחלוטין פאַרשוויגן אין זיין צייטשריפט „ישורון", דאָס דערשיינען פון משה העס'ס בוך.

דער רעדאַקטאָר פון „המגיד" דוד גאָרדאָן רופט זיך וואַרעם אָפּ אין זיינע אַרטיקלען אויף דער דערשיינונג פון „רוים און ירושלים" און זעט אין אים אַ באַדייטנדיקע ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע געשעעניש.

דער אַנגעזעענער געלערנטער ישראל מיכל ראַבינאָוויטש שרייבט אין זיי־נעם אַ בריוו צו העסן פון 3טן אָקטאָבער 1864 וועגן „רוים און ירושלים": „...איצט זיינען אַזוי זעלטן די פּאַרטיידיקער פון אונדזער פאָלק, אַז מען פילט זיך העכסט גליקלעך איינעם צו געפינען."

אויך די אַלגעמיינע פּרעסע האָט ניט אויפגענומען גלייכגילטיק די נייע ווענדונג אין לעבן און שאַפן פון משה העס, און אירע אָפּשאַצונגען זיינען געווען פאַרשיידענע און צום טייל עקסטרעמע.

די צייטשריפט „גרענצבאָטען" האָט זיך באַצויגן נעגאַטיוו צום בוך און „האָט געראָטן דעם הייליקן און דעם צוקונפט־זעער, ער זאָל זיך אומקערן צו דער ווירק־לעכקייט."

דער באַקאַנטער שרייבער (מחבר פון „אוריאל אַקאָסטאַ") גוצקאָוו האָט, פון זיין זייט, אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז אַזעלכע משונהדיקע פאַנטאַזיעס וועלן פאַרשטאַרקן די שנאה צו יידן אין דער וועלט.

אַנדערש האָט אָפּגעשאַצט דאָס דערשיינען פון „רוים און ירושלים" דער העגעליאַנישער פילאָזאָף קאַרל לודוויג מיטעלע (מיטעלעט). ער האָט זיך באַ־צויגן מיט ערע צו העסן, און לויט זיין פאָרשלאַג, איז העס אויסדערוויילט געוואָרן דעם 22טן פעברואַר 1862 פאַר אַ מיטגליד פון „בערלינער פילאָזאָפישן פאַראיין", און ער האָט איינעם אָרגאַן פון פאַראיין „דער געדאַנקע" אַרויסגעזאָגט זיין פּאָ־זיטיווע באַציאונג צו העס'ס „רוים און ירושלים". ער אָנערקענט, אַז יידן האָבן דאָס רעכט צו באַנייען די עקזיסטענץ פון זייער פּאַרצייטיקער מדינה אין ארץ־ישראל, הגם עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז זיי זאָלן זיין מסוגל צו דער־פילן אַ צווייטן מאָל אַ וועלט־היסטאָרישע פונקציע. ער מערקט ניט אין מאָדער־נעם יידנטום דאָס אויסשפּראָצן און דעם אָנזאָג פון אַ באַנייאונג. דאָס יידנטום איז, נאָך זיין מיינונג, עקסטרעם נאַציאָנאַל און עקזיסטירט ביז היינט נאָר אַדאַנק זיין נאַציאָנאַלער איזאָלירטקייט.

פון דעם קרייז פון העס'ס סאָציאַליסטישע מיטקעמפער, ווי אויך פון זיינע קעגנער אין דער דייטשישער, פראַנצויזישער און אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג, האָט זיך קיינער ניט אָפּגערופן אויף זיין „רוים און ירושלים".

און ניט נאָר אין דער ערשטער צייט נאָכן דערשיינען פון „רוים און ירושלים" האָט דאָס בוך און די אידייען, וועלכע העס האָט מיט אַזאַ באַגייסטערונג און אייגנ־אַרטיקייט אַרויסגעזאָגט, געוועקט אינטערעס מצד שרייבער, דענקער און גע־זעלשאַפטלעכע עסקנים. אין משך פון גאַנצן יאָרהונדערט און ביז היינטיקן טאָג שטעלן זיך אָפּ אויף אים יידישע שרייבער און אויסדריקער פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער מיינונג.

מיר האָבן שוין אָפּגעמערקט ד"ר טעאָדאָר הערצלס פאַרערונג צו די פּיאָ־נערישע אידייען פון משה העס. ניט ווייניקער האָבן אים מיט ערע און באַגייס־טערונג דערמאָנט היינטצייטיקע שרייבער און זשורנאַליסטן, וואָס זייערע מיינונגען קאָן מען געפינען אין זייערע ביכער און אַרטיקלען, וועלכע ווערן צום טייל אָנגעמערקט אין דער ביבליאָגראַפישער ביילאַגע.

מיר ווילן דאָ נאָר ברענגען עטלעכע כאַראַקטעריסטישע אָפּשאַצונגען:

נחמן סירקין האָט אַרויסגעזאָגט זײַן מײנונג נאָך אַ פּאַרטיפּטן לײענען פון „רוים און ירושלים", אַז אויפן סמך פון זײַן גוטער קענטעניש פון דער יידישער געשיכטע, איז העס געקומען צו דעם ריכטיקן געדאַנק, אַז די גרונט־אידייען פון יידנטום אַנטהאַלטן אין זיך דעם סאָציאַליזם פון דער צוקונפט און אַז ער האָט זיך אָן אים אָנגעהאַלטן ווי אָן אַ שליסל צו לייזן פאַראײנס די נאַציאָנאַלע און די סאָציאַלע פראַגע.

ראובן בריינין האָט אין זײַן פּאָזיטיווער אָפּשאַצונג פון „רוים און ירושלים" באַזונדער אונטערגעשטראָכן דעם געדאַנק, אַז „העס איז ניט געווען קיין בעל־תשובה אין דעם געוויינלעכן זין פון וואָרט; זײַן נאַציאָנאַל־ציוניסטישער געדאַנק איז געווען אַ לאָגישער שלוס פון זײַן אַנטוויקלטער און רײַפער געדאַנקען־וועלט."

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי גייט אין זײַן אָפּשאַצונג פון משה העס נאָך ווייטער. ער כאַראַקטעריזירט אים אַלס „אַ ווירדיקן תלמיד פון אונדזערע הייליקע נביאים".

ה.

זינט דער פאַרעפנטלעכונג פון „רוים און ירושלים" און ביז צום לעצטן טאָג פון זײַן לעבן, גייט איצט משה העס'ס געזעלשאַפטלעכע אַרבעט און ליטעראַרישער שאַפן פּאַראַלעל אויףביידע גאַנץ זעלבסטשטענדיקע פראָנטן — אויף דעם אַלגעמיינעם וויסנשאַפטלעכן און סאָציאַליסטישן, פאָרשערישן און פּראָפּאַגאַנדיסטישן, פראָנט און אויף דעם יידיש־נאַציאָנאַלן פראָנט.

אויף דעם אַלגעמיינעם סאָציאַליסטישן פראָנט פירט משה העס אויך ווייטער זײַן אַרבעט מיטן פריערדיקן טעמפּאָ, ווי עס וואָלט אין זײַן גייסטיקן לעבן גאָרנישט געשען. ער ווייזט אפילו אַרויס אַ נייע איניציאַטיוו, צושטייענדיק אין דעם זעלביקן יאָר פון זײַן גרויסן נאַציאָנאַלן דורכברוך צו דעם „אַלגעמיינעם דייטשישן אַרבעטער־בונד" פון פערדינאַנד לאַסאַל, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון די אַרבעטער־בילדונגס קרייזן אין דייטשלאַנד. ער צייכנט זיך אפילו אויס אַלס איינער פון זײַנע אַקטיווסטע טוער און פּראָפּאַגאַנדיסטן. פאַרוויילנדיק אין יענער צייט אין קעלן, איז ער דעם 14טן יולי 1863 אַרויסגעטראָטן דאָרטן מיט אַ גרויסער פּראָגראַם־רעדע אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין נאָמען פון פאַרבאַנד, און האָט דורך אַ ריי רעדעס און אַרטיקלען מיטגעהאָלפן דער פּאָפּולאַריזירונג פון פאַרבאַנד. ער האָט אויך געהאָלפן לאַסאַלן אויסצואַרבעטן די סטאַטוטן פון פאַרבאַנד.

ער פירט זײַן פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַרבעט אין דייטשלאַנד און נאָך זײַן אומקער קיין פּאַריז — אין די קרייזן פון דער דייטשישער פּאָליטישער עמיגראַציע.

אויף זײַן נייעם פראָנט, דער יידישער, איז ער טעטיק פאַראײנס ליטעראַריש און פּראַקטיש.

ער דערנענטערט זיך גאַנץ באַזונדער צו די קרייזן פון דער „אלליאַנס

איזראַעליט״ און באַטייליקט זיך מיט זיינע אַרטיקלען אין דער צייטשריפט „אַרכיוועס איזראַעליטעס״. דערמיט באַגרענעצט זיך אָבער ניט זיין קאָנטאַקט מיט דער „אַלליאַנס״, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1860 און איז געשטאַנען דעמאָלט אין דער יוגנט־תקופה פון איר אַרבעט, מיט וועלכער עס האָבן אָנגעפירט אַקטיווע יידישע טוער ווי קאַרל נעטער און נאַרציס לעווען. ער האָט פאַרהאַנדלט מיט די טוער פון דער „אַלליאַנס״ וועגן פראַקטישער אַר־בעט אין ארץ־ישראל און האָט אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע פאָרשלאָגן.

אין יענער צייט האָט זיך דערוועקט צו פראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל דער אונגאַרישער רב יוסף נאַטונעק. ער האָט אויפגערופן באַראַטונגען און האָט געפירט אַ ברייטע קאָרעספּאָנדענץ מיט אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן איבער פראַגן פון קאָלאָניזאַציע. ער האָט זיך אָפּגערופן מיט באַגייסטערונג אויף העס׳ס „רוים און ירושלים״ און האָט מיט אים פאַרבונדן אַ קאָרעספּאָנדענץ. דערנאָך איז ער געקומען קיין פּאַריז, האָט קאָנסולטירט מיט העסן זיינע פאָרשלאָגן, איידער ער האָט אין ווינטער 1867 דערלאַנגט זיין קאָלאָניזאַציאָנס־פּלאַן צו אַדאָלף קרעמיע, דעם פּאָרזיצער פון דער „אַלליאַנס״.

אין זיין בריוו צו העסן פון 12טן מערץ 1867 האָט יוסף נאַטונעק פאָרגע־לייגט אים, אַלס אַ געזעלשאַפטלעכן טוער און אַ גוטן קענער פון פראַנצויזיש, מיטצופאָרן מיט אים קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל כדי צו פירן פאַרהאַנדלונגען מיט דער טערקישער רעגירונג, מיט וועלכער ער האָט זיך געפּרוּווט פאַרבינדן מיט דער הילף פון שמעון דויטש.

אויך האָט העס געפירט אין יענער צייט אַ פלייסיקע קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם רעקטאָר פון אַמסטערדאַמער ראַבינער־סעמינאַר און דעם הויפּט־רב פון אַמסטערדאַם יוסף הירש דינער. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קאָלאָניזאַציאָנס־פּלענער אונטער אַ פראַנצויזישן פּראָטעקטאָראַט, לויט וועלכע עס האָט זיך די קאָלאָניזאַציע באַדאַרפט אָנהייבן פון דער געגנט פון דעם סועץ־קאַנאַל און פון דאָרטן אויסברייטערן זיך אין די אַנדערע טיילן פון לאַנד.

אין זיינעם אַ בריוו צו דער רעדאַקציע פון „אַרכיוועס איזראַעליטעס״ פון 15טן יאַנואַר 1869 רופט העס די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט צו אַרבעטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון ערד־אַרבעט און אינדוסטריע צווישן יידן אין ארץ־ישראל און ער זעט אין דעם אַ געבאָט פון דער צייט און די פאַרווירקלעכונג פון די נביאישע משיח־אָנזאָגן. ער זעט איין אין דער פּראַקטישער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אויך אַ האַרמאָנישן קאָנטאַקט מיט די דערהויבענע אידייען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכע דאַרפן ניט בלייבן בלויז געשריבן אויף די פּאַנען. די געזונטמאַכונג פון יידישן לעבן אין ארץ־ישראל — גיט העס ווייטער צו — וועט זיך במילא אָפּשטראַלן אויך אויפן יידישן לעבן אומעטום.

אויסער דעם אַלגעמיינעם קאָלאָניזאַציע־פּלאַן, איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט, האָט העס פאָרגעלייגט דער „אַלליאַנס״ שוין אין יאָר 1868 דעם פּלאַן וועגן דער גרינדונג פון אַן אַגראַנאָמישער שולע אין יפו. די אויפגאַבע פון דער שולע האָט באַדאַרפט זיין „אויפצולעבן דאָס פאַראָרעמטע ארץ־ישראל דורך אַרבעט, צו לאָזן אויפבליען אויפסניי די ערד־אַרבעט אין דעם לאַנד, וועלכן די יידישע ערד־

אַרבעט האָט אַמאָל געמאַכט פּרוכטבאַר, דורך די הענט פון אַ באַפעלקערונג, וואָס איז דורך פאַרפאָלגונגען פון איר אָפּגעריסן געוואָרן.״

ג. קרעסעל, אין זיינע ביאָגראַפישע פאָרשונגען וועגן משה העס, זאָגט אַרויס די השערה, אַז די קאָלאָניזאַטאָרישע געדאַנקען פון משה העס און יוסף נאַטאָנעק, מיט וועלכע עס האָבן זיך זיכער באַקאַנט די טוער פון דער „אַלליאַנס״, האָבן דירעקט געפירט צו דער פאָרשונגס־רייזע, וועלכע קאַרל נעטער האָט פאַרגענומען קיין ארץ־ישראל אין סוף פון די 60ער יאָרן, און צו דער גרינדונג פון דער ערשטער אַגראָנאָמישער שולע אין מקוה ישראל דורך קאַרל נעטער אין יאָר 1870, לויט דעם סולטאַנישן פירמאַן פון 5טן אַפּריל פון גלייכן יאָר.

אין יאָר 1865 האָט העס אויך געגרינדעט מיט דער אַקטיווער באַטייליקונג און אונטערשטיצונג פון אַלבערט כהן, אַדאָלף קרעמיע, ראַדריגעז, מונק און אַלפאָנס די־ראָטשילד די „סאָסיעטע סיענטיפיק עט ליטעראַריע איזראַעליטע״, וואָס האָט זיך געשטעלט דעם צוועק אַרויסצוגעבן ליטעראַטור איבער יידישע געשיכטע און קולטור אין פראַנצויזיש, וועלכע האָט געדאַרפט ברענגען צום אויסדרוק די טעטיקייט פון דער „אַלליאַנס״ אויפן קולטורעלן און וויסנשאַפטלעכן געביט. „עס האַנדלט זיך — האָט העס געשריבן אין פּראָגראַם פון דער קולטור־געזעלשאַפט — וועגן פאַרזעצן די קייט פון יידישע טראַדיציעס, וואָס זאָל ווייטער פאַרבינדן די פאַרגאַנגענהייט מיט דער צוקונפט״. אַלס איינע פון אירע ערשטע אויפגאַבן האָט די געגרינדעטע געזעלשאַפט באַדאַרפט אַרויסגעבן, לויט העס'ס פאָרשלאַג, אַ פראַנצויזישע באַאַרבעטונג פון גרעצעס יידישער געשיכטע, אין וועלכער ער, העס, האָט געזען איינעם פון די עפעקטיווסטע מיטלען צו דער־וועקן דעם יידיש־נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

העס'ס אומקער צו יידישע פּראָבלעמען האָט געווירקט אויך צום גרויסן טייל אויף דער ריכטונג פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט. עס פאַרנעמען אין איר איצט אַ קאָנטיקן אָרט יידישע טעמעס און אפילו יודאַאיסטישע פאָרשונגען. אין דעם לעצטן עטאַפּ פון זיין לעבן לעבט אויף די אויסגעבענקטע לומדות פון זיין יוגנט. ער שרייבט אויך העברייאיש אין משכילישן סטיל פון זיין צייט.

אין די יאָרן 1869, 1870 און 1873 באַטייליקט ער זיך מיט זיינע אַרטיקלען אויף יידישע טעמעס אין דער „מאָנאַטשריפט פאַר געשיכטע און וויסנשאַפט פון יידנטום״ און באַמיט זיך אפילו צוזאַמען מיט לעאָן האַלאַנדערסקי, לעווי־בינג און בענוא־לעווי אַרויסצוגעבן אַן אייגענעם וואָכנבלאַט.

***

גלייכצייטיק דויערט ווייטער זיין פּאָליטישע אַרבעט אויף דעם אַלגעמיינעם סאָציאַליסטישן פראָנט.

דעם 28טן סעפּטעמבער 1864 איז געגרינדעט געוואָרן אין לאָנדאָן דער ער־שטער אַרבעטער אינטערנאַציאָנאַל. צווישן די פירער און וואָרטזאָגער פון אינטער־נאַציאָנאַל און צווישן פערדינאַנד לאַסאַלן און משה העסן, אַלס זיין אָנהענגער, האָבן

זיך געהאַט איינגעשטעלט טיפע מיספאַרשטענדענישן. העס האָט זיך אומזיסט גע־פּרואווט רייגוואַשן און האָט דערקלערט: „ערשטנס האָב איך מיין גאַנצן לעבן לאַנג געשטרעבט צו איין זאַך: צו דער אייניקייט פון פּראָלעטאַריאַט אין אַלע לענדער פון דער וועלט. צווייטנס, האָב איך געהאַלטן, אַז די וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון פאַרבאַנד אין לאַנדאַן זיינען געגוג באַקאַנט און פּאָפּולער אַזוי, אַז זיי האָבן ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר פאַרדאַכטן". ער האָט אויך דערקלערט דער לאָנ־דאָנער פירונג פון אינטערנאַציאָנאַל, אַז ער זעט ניט איין קיין גרונט, פאַרוואָס ער זאָל ניט פאַרזעצן צו באַטייליקן זיך אין דעם „אַלגעמיינעם דייטשישן אַרבע־טער־פאַרבאַנד" און ער האָט פאַרגעוואָרפן די לאָנדאָנער, אַז זיי אָריענטירן זיך שלעכט אין דער פּאָליטישער סיטואַציע, וואָס הערשט אין פּרייסן.

יעדנפאַלס האָט זיך פון איצט אָן און ווייטער געבילדעט פאַר משה העס אַ טראַגישע סיטואַציע. ער, פון זיין זייט, האָט געשטרעבט מיטצואַרבעטן מיטן אינ־טערנאַציאָנאַל און באַטייליקן זיך אין זיינע קאָנגרעסן, בעת ער האָט פון טאָג אויף טאָג אַליך מער פאַרלאָרן דעם צוטרוי מצד קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס און מצד אַנדערע טוער פון אינטערנאַציאָנאַל.

העס האָט זיך באַטייליקט אין דער סעסיע פון אינטערנאַציאָנאַל אין ברוסעל דעם 6טן ביזן 13טן סעפּטעמבער 1868 און האָט — ווי עס גיט צו פרידריך ענגעלס — געהאַלטן די בעסטע רעדע קעגן די פּרודאָניסטן, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צום אינ־טערנאַציאָנאַל. ער האָט ביי דער געלעגנהייט אַנטוויקלט די מיינונגען, וועלכע ער האָט פריער שוין געהאַט אַרויסגעזאָגט אין זיינע אַרטיקלען אין „סאָציאַל־דע־מאָקראַט".

גענוי מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער זיך אויך באַטייליקט אין קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל אין באַזעל אַלס דעלעגאַט פון דער בערלינער סעקציע און צו־זאַמען מיט ווילהעלם ליבקנעכטן איז ער אויסדערוויילט געוואָרן אין ביוראָ פון קאָנגרעס. אויך האָט דער קאָנגרעס אים אויסדערוויילט אַלס מיטגליד פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע פאַר באָדן־אייגנטום, ירושה־רעכט און אומזיסטע בילדונג.

די פּאָליטישע געשעענישן אין פראַנקרייך סוף 60ער יאָרן האָבן אַרויסגערופן אַ פאַרשטאַרקטע אַקטיוויקייט פון די מאַסן, און משה העס, ביי זיין אַקטיוון געזעל־שאַפטלעכן טעמפּעראַמענט, בלייבט ניט הינטערשטעליק. אויסער זיין מינדלעכער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט גיט ער אַרויס אַ פּאַלעמישן פאַמפלעט אין פראַנצויזיש „די הויכע פינאַנסן און די מדינה", אין וועלכן ער שטייט פיל פעסטער און אַנט־שלאָסענער ווי פריער אויף דעם באָדן פון דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. ער ווייזט אויף דעם עקאָנאָמישן הינטערגרונט פון די פּאָליטישע דערשיינונגען, וועלכע קומען פאָר אין פראַנקרייך, און אפילו פון די רעליגיעזע וואַנדלונגען אין לאַנד. ער באַגרינדעט דעם געדאַנק, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג פון אונדזער צייט איז שולדיק אין אַלע קריזיסן און אַז זי איז די גרונט־סיבה פון מענטשלעכער עקספּלואַטאַציע אין אַלע אירע פאָרמען.

אין זיין בריוו צו יאָהאַן פיליפּ בעקער, איינעם פון די חשובסטע פאָרטרעטער פון דער דייטשישער סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַל, פון 10טן אויגוסט 1869 (זילבערנערס זאַמלונג נומ' 401) אַנטוויקלט ער עכט־קאָמוניסטישע געדאַנקען וועגן

דער קאָלעקטיװיסטישער פּראָדוקציע אַלס גרונטלאַגע פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, פאַר װעלכער די אַרבעטער דאַרפן קעמפן מיטן קאַפּיטאַליזם. און אין די טראַגישע טעג פון יאָר 1870 זאָגט העס אין זײן בריװ צו דער רעדאַקציע פון „פאָלקסשטאַאט״ פון 21טן אױגוסט 1870 (זילבערנער נומ׳ 418) אַרױס זײן בטחון, אַז דער דײטשיש־פראַנצױזישער קריג איז „דער אָנהײב פון סוף פון יעדער ביז־אַהעריקער ראַסן־ און קלאַסן־הערשאַפט״ און אַז די גרױסע בלוטפאַרגיסונג „קאָן נאָר ברענגען צו דער הערשאַפט פון סאָציאַלער פרײהײט און גערעכטיקײט.״

אין די זעלטן געװאָרענע רואיקע מינוטן פון זײן אַרבעט־טאָג האָט ער ניט אױפגעהערט צו פאַרנעמען זיך מיט אַרבעטן איבער נאַטור־װיסנשאַפט, װעלכע איז געבליבן ניט פאַרענדיקט און דעם ערשטן טײל פון װעלכער זײן פרוי האָט געגרײכט צו פאַרעפנטלעכן אױף איר אײגענער רעכענונג דרײ יאָר נאָך זײן טױט. די דאָזיקע אַרבעט האָט געטראָגן דעם טיטל „די דינאַמישע לערע פון דער מאַטעריע״ און האָט באַהאַנדלט דרײ מאָמענטן אין לעבן פון דער מאַטעריע: 1) דאָס לעבן אין זײן אַנטשטײאונג, 2) די אַנטװיקלונג פון לעבן, זײן אױפשטײגן און אָפּשטאַרבן, 3) דאָס געבורט פון אַ נײעם לעבן.

די דײטש־פראַנצױזישע מלחמה פון יאָר 1870 האָט אים װידער אַרױסגעשלאָגן פון זײן אַרבעט. ער איז געװען שטאַרק אױפגערודערט פון דעם ריזיקן צוזאַמענשטױס און פון זײנע טרויעריקע רעזולטאַטן. ער איז געװען לײדנשאַפטלעך פאַרליבט אין פראַנקרײך, די װיג פון דער גרױסער רעװאָלוציע, ער האָט ליב געהאַט דעם פראַנצױזישן מענטשן, װעלכער איז געװען דער פּראָקלאַמירער פון מענטשן־רעכט. איצט האָט ער געזען זײן געליבטע פראַנקרײך צעטראָטן מיט דעם פּרײסישן סאָלדאַטן־פוס, אירע פעסטונגען צעבראָכן, אירע פעלדער און גערטנער פאַרװיסט, און פאַריז — אין אַ צושטאַנד פון באַלאַגערונג.

ער האָט געזוכט אַ טראָפּן טרײסט פאַר זײן אָנגעװײטיקטן באַװאוסטזײן און האָט אים געפונען אין דעם, װאָס ער האָט איצט, זײענדיק געצװאונגען אַלס דײטשישער בירגער צו פאַרלאָזן פראַנקרײך, אױפגעזאַמלט זײנע מלחמה־אַרטיקלען, װעלכע ער האָט פריער פאַרעפנטלעכט אין דער „סאָלידאַריטע״ און דערנאָך אין דעם „פײפל בעלזש״ און האָט זײ פאַרעפנטלעכט אין אַ באַזונדער בוך מיטן נאָמען „דאָס געפאַלענע פאָלק״. דאָס איז געװען אַ מין איכה־קלאָג איבער פראַנקרײך.

אָנהײב 70ער יאָרן האָט ער נאָך אַלײן אױף זיך עדות געזאָגט, אַז ער איז אַ מענטש פון שטאַרקע שטימונגען און פון דינאַמישע װאַנדלונגען. װען ער װאָלט באַצײטנס אָקצעפּטירט דעם װיסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם אַזױ קאָנסעקװענט און לאָגיש אױסגעהאַלטן װי קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס אָן עקסטרעמע און אָפט אױך אַנאַרכישע אָפּנײגונגען, װען ער װאָלט שפּעטער בשעת זײן אומקער צו זײן פאָלק זײן אין אַ פולער מאָס באַװאָפנט מיט דעם אידײאישן באַגאַזש פון היסטאָרישן און דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, װאָלט ער אין זיך לײכט בײגעקומען די רעשטן פון אידעאַליזם און מעטאַפיזיק און װאָלט ניט אַרײנגעפאַלן אין דעם אָפּגרונט פון סענטימענטאַלע, טעאָלאָגישע אָנשױאונגען. ער װאָלט דאַן געװען זיכער מסוגל — און אױך באַרופן נאָך זײנע אַלע גײסטיקע אײגנשאַפטן — צו באַגרינדן די לײזונג פון יידישן פּראָבלעם אױף לאָגישע, ניכטערע און היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישע

יסודות. אַלס פּיאָנער פון אַ נייער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקייט האָט ער געקאָנט אויפשטעלן זיין פּראָגראַם פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל אויף אויסגע־שפּראָכן וועלטלעכע און רעאַליסטישע יסודות.

אין חודש מאַי 1871 באַקומט העס די מעגלעכקייט צו קומען ווידער קיין פּאַריז, אין דער קורצער און גלאָררייכער היסטאָרישער תקופה, ווען די קאָמונאַרן, אונ־טערשטיצטע דורך פּריוויליקע קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן־קאַדרען פון דער גאַנצער וועלט, האָבן הויך געהאַלטן זייערע פאָנען איבער דער הויפּט־שטאָט פון פראַנקרייך.

דער מיליטערישער אַריינמאַרש פון ווערסיי און דער טראַגישער בלוטיקער פאַלן פון דער פּאַריזער קאָמונע האָבן צעטראָטן און אונטערגעגראָבן משה העס׳ האָפענונגען צו זען נאָך ביי זיין לעבן דעם נצחון פון פרייהייט און פון סאָציאַליזם.

ער האָט אין זיין לעבן דורכגעמאַכט פאַרשיידענע שטאַפּלען פון אַנטוויקלונג, ער איז געווען שטענדיק דינאַמיש אין זיין אַרבעט און דענקען. ער האָט שטענדיק געזוכט און האָט זיך זעלטן באַרואיקט אויף דעם דערגרייכטן, אָבער ער האָט זיך פעסט פאַראַנקערט אין זיין סאָציאַליסטישן און קאָמוניסטישן וועלט־באַנעם ווי אין אַ מעכטיקן לעבנס־פּעלז און אין סוף פון זיין וועג דערקלערט ער אַלס זיין לעבנס־קרעדאָ: „דאָס וואָס דאַרווין האָט אויפגעקלערט בנוגע צו דער עקאָנאָמיק פון דער נאַטור, האָט מאַרקס אויפגעקלערט בנוגע צו דער עקאָנאָמיק פון דער געזעלשאַפט. דער באַזונדער פאַרדינסט פון ביידע פאָרשער באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן אויפגעדעקט דעם פאָרטשריטלעכן אַנטוויקלונגס־געזעץ אין דער נאַטור און אין דער געשיכטע און אים דערקלערט דורך דעם עקזיסטענץ־קאַמף.״

קיינע טאַקטישע קאָנפליקטן צווישן העסן און דעם אינטערנאַציאָנאַל האָבן ניט געקאָנט אָפּשטעלן זיין טיפע אָנערקענונג פון מאַרקס׳ס סאָציאַל־עקאָנאָמישער באַגרינדונג פון סאָציאַליזם, און גלייך נאָכן דערשיינען פון „קאַפּיטאַל״ אין יאָר 1867, זאָגט העס אַרויס זיין גרייטקייט צו איבערזעצן דעם „קאַפּיטאַל״ אויף פראַנ־צויזיש אָדער ווייניקסטנס אויסצוטייטשן אים די פראַנצויזן.

ווען ווילהעלם ליבקנעכט און אויגוסט בעבעל זיינען געשטעלט געוואָרן דעם 11טן ביזן 26טן מערץ 1872 פאַרן היסטאָרישן לייפּציגער געריכט אַלס באַשולדיקטע אין פאַרראַט פאַר זייער פּראָלעטאַרישן און אַנטי־מאָנאַרכישן פאַציפיזם, האָט זיך די פּראָקוראַטור געשטיצט צווישן אַנדערע דאָקומענטן אויך אויף העס׳ס געלונ־גענעם אַרטיקל אין דעם „פאָלקסשטאאט״ פון פעברואַר 1870 וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אין וועלכן ער האָט געשטעלט רעאַלע סאָציאַלע פאָדערונגען און באַגרינדעט דעם געדאַנק, אַז די אינטערעסן פון דעם קליין־קאַפּיטאַל וועלן זיך סאָלידאַריזירן מיט די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

***

מיד פון לאַנגיאָריקע אידייאישע וואַנדלונגען, פון פאַרטיפטער געדאַנקען־אַרבעט און פון זיינע אויפגעבראויזטע טעמפּעראַמענטפולע אַרויסטרעטונגען אין דער

פרעסע און אויף פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצן, האָט זיך משה העס לאַנגזאַם דערנעענטערט צו דער שקיעה־צייט פון זיין לעבן און שאַפן.

ווי אַלע אַקטיווע מענטשלעכע נאַטורן און אידייאישע גייסטיקע טוער און שאַפער האָט ער זיך ניט אונטערגעגעבן. ער איז געבליבן זיצן ביי זיין אַרבעט־טיש אין פאַריז און זיך אָנגעשטרענגט פאַרצווזעצן זיין שאַפן אַ לעבנס־מידער און אַ שטאַרק געבראָכענער דורך דעם בלוטיקן דורכפאַל פון דער פאַריזער קאָמונע און דורך זיין האָפענונגסלאָזן ריס מיטן אינטערנאַציאָנאַל.

ער האָט איצט געזוכט טרייסט אין זיין פאַרצווייגטער ליטעראַרישער אַרבעט. זיין שרייבטיש איז שווער באַלאָדן מיט ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן. אַ בכבודיקן אָרט צווישן זיי פאַרנעמט איצט אויך דער תנ"ך, אין וועלכן ער קוקט אַריין מיט אַ פאַרטיפטן פאַרשערישן בליק פון אַ סאָציאַלן דענקער און פרייהייטס־קעמפער.

ווען ער ווערט שטאַרק מיד פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע צייט־פּראָבלעמען זוכט ער זיך איצט קוואַלן פון גייסטיקער רו און טרייסט אין זיינע נאַטור־פאַרשונגען, אין וועלכע ער איז כלל ניט מער קיין דילעטאַנט.

דעם 6טן אַפּריל 1875 האָט זיך אין מיטן פון זיין אַרבעט אויסגעלאָשן דאָס פילזייטיקע לעבן פון משה העס. ער איז געשטאָרבן אין זיין פאַריזער וואוינונג, און ביי זיין טויטן־בעט זיינען צוזאַמענגעקומען דייטשישע, פראַנצויזישע און פוילישע סאָציאַליסטן, כדי צו באַגלייטן אים צו זיין אייביקער רו. לויט זיין בקשה, איז ער געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן יידישן בית־עלמין אין דויץ אויפן רהיין, ניט ווייט פון קעלן, אין שכנות מיט די קברים פון זיינע עלטערן.

ביי זיין טויטן־בעט האָט זיך ניט געוויזן קיינער פון די פאַרערער פון משה העס אַלס דעם מחבר פון „רוים און ירושלים" און דעם פאָנען־טרעגער פון יידישן רענעסאַנס. עס האָבן אים מספיד געווען נאָר זיינע פריינט און מיטאַרבעטער פון סאָציאַליסטישן לאַגער.

עס האָט געהאַלטן זיין טרויער־רעדע פּאַוועטי, דער רעדאַקטאָר פון אַ פילאָזאָפישער צייטשריפט. מיט אַ פאַרטיפטן טרויער־געפיל האָט גערעדט קאַרל הירש, וועלכער האָט געשילדערט זיין שאַפן און דערביי אַוועקגעלייגט אויף זיין אָרון אַ קראַנץ רויטע רויזן, זאָגנדיק דערביי: „רויט איז די ליבע. משה העס'ס שטרעבן איז געווען צו ברענגען די ברודער־ליבע צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. זאָל דעריבער מיט דעם דאָזיקן סימבאָל באַפּוצט ווערן זיין אָרון".

דער לעצטער רעדנער איז געווען פאָול קערסטען, וועלכער האָט דערנאָך פאַרעפנטלעכט זיין טרויער־רעדע אין לייפּציגער „פאָלקסשטאַט". ער האָט געזאָגט: „איך ברענג צום אויסדרוק דעם טרויער, וועלכן עס וועלן טיילן און מיטפילן מיט מיר 100 טויזנט דייטשישע אַרבעטער, בעת די ידיעה וועגן משה העס'ס טויט וועט זיך איבערטראָגן איבער דייטשלאַנד. ווי עס זאָל אונדז אָבער ניט פאַרשאַפן קיין טיפע שמערצן זיין טויט, איז דאָס גלייכצייטיק אויך אַ זיג, ווייל דער דענקער העס איז געשטאָרבן אַזוי ווי ער האָט געלעבט — אין טרייקייט דער זאַך פון דעם אַרבעטנדיקן און ליידנדן פאָלק, דער זאַך פון דער מענטשהייט. זיין געדאַנק האָט זיך די גאַנצע צייט געדרייט אַרום דער זון פון דער אַרבעט."

זיין פרוי סיבילאַ איז געבליבן אין משך פון אירע נאָך לאַנגע לעבנס־יאָרן

טריי זיין אָנדענק און זיינע אידייען. אין יאָר 1877 האָט זי מיט אייגענע מיטלען אַרויסגעגעבן אַ טייל פון העס׳ פאַרשונג „די דינאַמישע שטאָפלעהרע״ און האָט זי צווישן אַנדערע געשיקט אויך קאַרל מאַרקסן מיט אַ בייגעלייגטן בריוו פון 20טן אָקטאָבער 1877, אין וועלכן „זי דריקט אויס די האָפענונג, אַז ער און פרידריך ענגעלס וועלן אָפּהיטן מיט טרייקייט דעם אָנדענק פונעם אַלטן קאָמוניסט״ (זאַמלונג פון פּראָפ׳ זילבערנער נומ׳ 448). און מיט 4 יאָר שפּעטער דעם 11טן דעצעמבער 1881 האָט זי אין איר טרייסט־בריוו צו מאַרקסן אויפן טויט פון זיין פרוי זשעני אין אַ ביסל פאַרשטעלטער, אָבער האַרציקער אויסדרוק־פאָרם געשריבן: „דאָס קאַפּיטאַל״ האָט געפונען אַ באַגייסטערונגספולע אָנערקענונג... וואָס פאַר אַ ריזיקע פאַרשריטן האָט די דעמאָקראַטיע געמאַכט זינט דעם יאָר 1848. דאָס גיט אונדז אויך דעם קלאָרסטן באַוויז, אַז אייערע פּרינציפּן וועלן מיט דער צייט מקוים ווערן. די אַלטע טרייע קעמפער פון די 40ער יאָרן זיינען שוין כמעט אַלע אין קבר פאַרזונקען און די יונגע דורות פירן ווייטער דעם קאַמף מיט גרויסער באַגייסטערונג. זאָל מען דאָ ניט שטאַרבן געטרייסט?! מיר האָבן דאָך ניט אומזיסט געלעבט.״ (זאַמלונג פון פּראָפ׳ זילבערנער נומ׳ 452)...

***

נאָך דעם וואָס משה העס׳ ביינער האָבן גערוט זעקס און אַכציק און אַ האַלבן יאָר אין דער דייטשישער ערד זיינען זיי מיט ערע און טרייקייט געבראַכט געוואָרן קיין ישראל דעם 30טן תשרי תשכ״ב (דעם 10טן נאָוועמבער 1961) און זיינען געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין כינרת, אין שכנות מיט די קברים פון בערל קאַצנעלסאָן, שמואל יבנאלי און דער דיכטערין רחל.

אַזוי רוען די רעשטן פון דעם גרויסן טרוימער און קעמפער אונטער די בלויע הימלען פון דעם היימישן לאַנד, דער אויפבוי פון וועלכן אויף געזונטע סאָציאַלע יסודות איז געווען דער לעבנס־טרוים און די לעבנס־האָפענונג פון משה העס, בעיקר די לעצטע 15 יאָר פון זיין שעפערישן לעבן.

ביבליאָגראַפיע

משה העס' כתבים אין אָריגינאַל און זיין בריוו־אויסטויש:

Moses Hess — Rom and Jerusalem. Die letzte Nationalität-Frage. Leipzig 1862, 2-te Auflage — 1899.

Moses Hess — Sozialistische aufsatze 1841-1847, herausgegeben von *Theodor Zlocisti,* Welt-Verlag, Berlin 1921.

Edmund Silberner — Moses Hess Brief-Wechsel, herausgegeben unter Mitwirkung von *Werner Blumenberg* 1959 s Gravenhage, 678 pp.

איבערזעצונגען פון משה העס'ס שריפטן:

משה העס — רומא וירושלים, שאלת הלאמים האחרונה. אגרות וציונים. תרגום עברי בידי דוד צמח. „תושיה" ה. תרנ"ט, 156 עמ'.

משה העס — רוים און ירושלים. ניו־יאָרק 1916.

משה הס — רומא וירושלים, שאלת הלאמים האחרונה, 1862. מקוצר ומסודר מחדש על ידי תיאודור זלוציסטי. תרגם מגרמנית יעקב קופלוביץ. תל־אביב, „אמנות" תרצ"ט, 91 ע'.

משה הס — כתבים ציוניים ויהודיים. תרגם ישורון קשת. ירושלים, הספריה הציונית בעריכת מ. בובר תשי"ד, 264 ע'.

משה הס — כתבים כלליים. תרגם ישורון קשת, ירושלים הספריה הציונית בעריכת מ. בובר. תשט"ז 69 ע'.

תיאודור זלוציסטי — משה הס ובני—דורו. אגרות ממנו ואליו. תרגום, מבוא והערות מאת ג. קרסל. תל־אביב, הוצאת „עם עובד" תש"ז, 264 ע'.

עס איז דאָ אויך אַ רוסישע איבערזעצונג פון העס'ס „רוים און ירושלים".

ביכער און אַרטיקלען וועגן משה העס'ס לעבן און שאַפן:

(אויסער קורצע אַרטיקלען אין פאַרשיידענע יידישע ענציקלאָפּעדיעס):

מ. בובר — בין עם לארצו. ירושלים 1944.

יעקב בלובשטיין — משה הס. „השלח" כרך מ"ד. ירושלים.

ראובן ברײנין — משה העס — דער גייסטיקער פאָטער פון פּאָליטישן ציוניזם. צו זיין 50טן יאָרצייט „דער טאָג" 5 מאַי 1925.

אבא גארדין — משה העס. „דער אידישער קעמפער", ניו־יאָרק 1937, נומער 233.

משה גורליק — משה הס לשנת הששים לפטירתו. תל־אביב, „אמנות" תרצ"ה.

צבי ווייסלבסקי — משה הס. „מאזנים" כרך ה. ניסן תרצ"ז.

מ. ווינטשעווסקי — מאזעס העס. „צוקונפט" 1902, עמ' 73.

תיאודור זלוציסטי — משה הס, תרגום מגרמנית יוסף הלר. 2 כרכים, ירושלים תש"ה.

ד"ר ז. זשיטלאָווסקי — משה העס. „דאס נייע לעבן", מאַי 1912.

א. ר. מלאכי — משה הס. „הדואר תרצ״ז.
ב. ניקאָלאַיעווסקי — משה העס׳ס בריוו צו בערטאלד אויערבאַכן. „היסטאָרישע שריפטן״, ווילנע 1937, 2.
אהרן צייטלין — משה הס והיהדות. „הדואר״ ה. תשי״ח.
ג. קרסל — משה הס, הוצאת „תרבות וחינוך״. תל־אביב 1961: 94 עמ׳.
ש. ראַווידאָוויטש — משה העס. „צוקונפט״ 1937.
ש. רבידוביץ — משה הס. „מאזנים״ תרצ״ח־תרצ״ט.
Martin Buber — Moses Hess. — Jewish Social Studies. New York 1945, April.
Irma Goitein — Probleme der Geschichte und des Staates bei Moses Hess. Leipzig 1931. 181 pp.
E. Hammacher — Zur Würdigung des "wahren" Sozialismus. Archiv für Geschichte des Sozialismus und der Arberterbewegung XII, 1926.
Sidney Hook — Karl Marx and Moses Hess. The New International, December 1934. p. 140-144.
Edmund Silberner — Moses Hess. Historia Judaica B. XIII (1951) pp. 3-28.
D. Koigen — Zur Vorgeschichte des modernen Philosophischen Sozialismus in Deutschland. — Berner Studien zur Philosophie und ihrer Geschichte. Band 26. Bern 1901.
Hans Kohn — Moses Hess, "Zionistische Politik". M. Ostrau 1927.
K. Mieleke — Deutscher Frühsozialismus: Gesellschaft und Geschichte in den Schriften von Veitling und Hess. 1933.
Edmund Silberner — Moses Hess. Historia Judaica B. XII (1951) pp. 3-28.
Edmund Silberner — Der junge Moses Hess im Lichte bisher unerforschter Quellen. International Review of Social History B. III (1958) p. 43-70, 239-268.
Edmund Silberner — The works of Moses Hess. An inventory of his signed and anonymous Publications, manuscripts and correspondence. Leiden, Brill, 1958, XIV, 125 p.
Theodor Zlocisti — Moses Hess der Vorkämpfer des Sozialismus und Zionismus (1812 — 1875) Eine Biographie. Zweite volkommen neu bearbeitete Auflage, Berlin, Welt-Verlag 1921. 444 pp.
Theodor Zlocisti — Jüdische Schriften. Berlin 1905. 142 pp.

הויפּט־דאַטעס פון משה העס׳ לעבן און שאַפן

(געבוירן 21טן נאָוועמבער, 1812, אין באָן, דייטשלאַנד, געשטאָרבן דעם 6טן אַפּריל 1875 אין פּאַריז).

1830 (נאָוועמבער). נעמט־אויף די השפעה פון דער יולי־רעוואָלוציע. פאַרנעמט זיך מיט וויסנשאַפטלעכע יוגנט־שטודיען און קאָרעספּאָנדירט מיט פריינט איבער וויסנשאַפטלעכע פראַגן. אויפגענומען געוואָרן אַלס סטודענט אין דער באָנער אוניווערסיטעט.

1837. פאַרעפנטלעכט זיין ערשט גרעסער ווערק „די הייליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט״.

1840. דער בלוט־בלבול אויף יידן אין דמשק מאַכט אַ טיפן רושם אויף העסן.

1840 (אָקטאָבער). „די ריינישע צייטונג״ הייבט־אָן צו דערשיינען אין קעלן מיט העס׳ אַקטיווער באַטייליקונג.

1841. העס פאַרעפנטלעכט זיין צווייט גרעסער ווערק „די אייראָפּייאישע טריאַרכיע״. האָט זיך געטראָפן מיט קאַרל מאַרקסן ביי דער אַרבעט אין „די ריינישע צייטונג״. הערט־אויף אַרויסצו־

טרעטן אַלס „יונגער העגעליאַנער" און שטעלט זיך צוערשט אין זיינע זשורנאַליסטישע און גע־זעלשאַפטלעכע אַרויסטרעטונגען אויפן וועג פון סאָציאַליזם.

1842. שטענדיקער קאָרעספּאָנדענט פון „די ריינישע צייטונג" אין פּאַריז. טרעפט זיך בשעת זיין אַרבעט אין „די ריינישע צייטונג" צוערשט מיט פרידריך ענגעלסן. אַלס רעדאַקציע־מיטגליד און קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג פאָרט ער אַריבער סוף יאָר קיין פּאַריז.

1843 (סוף מערץ). די פּאָליציי האָט אָפּגעשטעלט די אויסגאַבע פון „די ריינישע צייטונג".

1843. עס דערשיינען די „דייטשישע יאַרביכער" און די „דייטש־פראַנצויזישע יאַרביכער" מיט העס'ס אַקטיווער באַטייליקונג. דעם זעלבן יאָר שפּעטער — „די קעלנישע צייטונג".

1844. באַקענט זיך מיטן פירער פון די אַנאַרכיסטן מיכאיל באַקונין און באַקענט אים מיט דער אייגנאַרטיקייט פון דעם פראַנצויזישן סאָציאַליזם.

1845. גיט אַרויס, צוזאַמען מיט פרידריך ענגעלסן, אין האגען, דעם „געזעלשאַפטס־שפּיגעל". באַטייליקט זיך צוזאַמען מיט פרידריך ענגעלסן און מיט דעם מאָלער קעטגען דעם 8טן פעברואַר אין די עלבערפעלדער דיסקוסיעס. עס דערשיינט דאָס ערשטע העפט פון „די ריינישע יאַרביכער" מיט העס' אַרטיקל איבער „געלטוועזן", פירט העס זיין שאַרפע פּאָלעמיק מיט מאַקס שטירנערן.

1846. העס'ס ערשטער אָפענער אַרויסטריט אַלס קאָמוניסט. טעטיק אין דעם „קאָמוניסטן־בונד".

1847. העס קאָנצענטרירט זיך אויף שטודיען און ליטעראַרישע אַרבעטן איבער עקאָנאָמישע פּראָגן. פאַרעפנטלעכט אין דער „דייטשישער בריסעלער צייטונג" זיין אַרבעט איבער „די פאָלגען דער רעוואָלוציאָן דעס פּראָלעטאַריאַטס".

1848. לעבט פון אָנהייב יאָר אין קעלן און אין יוני קערט זיך אום צוריק קיין פּאַריז. מאַכט באַ־קאַנטשאַפט מיטן רוסישן רעוואָלוציאָנערן שרייבער און דענקער אַלעקסאַנדער הערצען. ווערט דערוויילט אַלס פאָרזיצער פון דעם „דייטשישן פאַראיין".

1850. פאַרפאַסט זיין אַרבעט „דער רויטער קאַטעכיזמוס".

1850־1854. קאָרעספּאָנדירט מיט אַלעקסאַנדער הערצען.

1851. פאָרט אַריבער אין דער שווייץ. קאָנצענטרירט זיך מער אין דער פאָרשונג פון נאַ־טור־וויסנשאַפטן.

1852. פאָרט אַריבער פון זשענעווע קיין ליוטיך (בעלגיע). האָט חתונה מיט זיין פריינדין סיבילא פעש.

1853. קומט צוריק קיין פּאַריז.

1856. פאַרעפנטלעכט זיין פאָרשונג איבער „דעם קאָסמישן, אָרגאַנישן און סאָציאַלן לעבן", און וועגן דער „זון און איר ליכט" אין דער צייטשריפט „נאַטור" אין האללע.

1857. פאַרעפנטלעכט זיין פראַנצויזישע בראָשור „דער גרויסער יום־הדין פון דער אַלטער געזעלשאַפטלעכער וועלט", אַן אַרבעט איבער „נאַטור־וויסנשאַפט און געזעלשאַפטס־לעהרע" אין דער דייטשישער צייטשריפט „דאָס יאָרהונדערט" ווי אויך אַ ריי אַרטיקלען איבער רעליגיע און פילאָסאָפיע אין דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט.

1858. פאַרעפנטלעכט אין „דער נאַטור" זיין פאָרשונג וועגן „דער געשיכטע און פיזישער באַשאַפנהייט פון אונדזער פּלאַנעטן־סיסטעם".

1858. באַטייליקט זיך אין די פייערונגען פון 100־יאָריקן געבוירנטאָג פון פרידריך שילער.

1861־1863. פאַרברענגט אין דייטשלאַנד און גרייט צום דרוק זיין „רום און ירושלים". פאַרעפנטלעכט זיין „רום און ירושלים" און עפנט דערמיט די נייע תקופה פון זיין לעבן — די תקופה פון זיין באַהעפטונג צום יידישן קאָלעקטיוו און צו זיינע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען.

22.2.1862. ווערט דערוויילט אַלס אויסוועריקער מיטגליד פון דער בערלינער פילאָסאָפי־שער געזעלשאַפט.

1862 (סעפּטעמבער). איז ממשיך די פאַרעפנטלעכונג פון זיינע אַרבעטן איבער נאַציאָנאַלע און פילאָסאָפישע פּראַגן, דאָס מאָל אין דער צייטשריפט „דער געדאַנקע", „די גענעטישע וועלט־

אָנשויאונג אַלס רעזולטאַט דער פילאָזאָפיע אונד דער ערפאַהרונגסוויסענשאַפטען", „איבער פראַנ־צויזישער פילאָזאָפיע", „איבער נאַציאָנאַליטעט".

1863. שטייט־צו צו דעם פון פערדינאַנד לאַסאַל געגרינדעטן „אַלגעמיינעם דייטשישן אַר־בעטער־בונד" און טרעט אַרויס צום ערשטן מאָל דעם 14טן יולי פאַר אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג אין קעלן און מיט זיין רעדע „איבער סאָציאַל־עקאָנאָמישע רעפאָרמען" אין מיהלהיים דעם 15טן נאָוועמבער.

1863 (דעצעמבער). העס איז ווידער אַריבערגעפאָרן פון קעלן קיין פאַריז.

1864. פאַרעפנטלעכט זיינע אַרטיקלען אויף יידישע פראַגן „בריוו איבער ישראלס מיסיע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט" אין דער צייטשריפט "Archives Israelites".

1865. באַטייליקט זיך צוזאַמען מיט אַדאָלף קרעמיע, אַלבערט קאָן, ראָדריגעז, מונק און אַלפאָנס די־רוט אין דער גרינדונג פון דער „וויסנשאַפטלעך־ליטעראַרישער געזעלשאַפט".

1867. פאַרנעמט זיך מיט דער באַאַרבעטונג און פראַנצויזישער איבערזעצונג פון גרעצ׳ס „סיני און גאָלגאָפאַ".

1868 (סעפּטעמבער). באַטייליקט זיך אַלס דעלעגאַט אויפן קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל אין בריסעל.

1869 (סעפּטעמבער). באַטייליקט זיך אַלס דעלעגאַט אויפן קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל אין באַזעל.

1869־1873. פאַרעפנטלעכט זיינע אַרטיקלען אין דער „מאָנאַטשריפט פיר געשיכטע און וויסענשאַפט דעם יודענטומס".

1869. פאַרעפנטלעכט זיין פראַנצויזישן אַרטיקל איבער „די הויכע פינאַנסן און די אימפּעריע".

1870. פאַרעפנטלעכט אין „פאָלקסשטאַאַט" זיין אַרטיקל איבער „דער סאָציאַלער רעוואָלוציע" און אין „סאָלידאַריטע" און און „פּיפּל בעלגע" איבער דעם דייטש־פראַנצויזישן קריג. אויך אין בוך: Une Nation dé chue. ווערט אַרויסגעטריבן פון פראַנקרייך און געפינט אַזיל פון די פּאָליטישע רדיפות אין בריסעל.

1872, 11־26 (מערץ). בשעתן לייפּציגער האָכפאַרראַט־פּראָצעס קעגן ווילהעלם ליבקנעכטן און אויגוסט בעבעלן גילטן העס׳ס אַרטיקלען אַלס באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל קעגן די אָנגעקלאָגטע.

1875, 6 (אַפּריל). משה העס איז געשטאָרבן אין פאַריז.

1877. זיין פרוי פאַרעפנטלעכט אַ טייל פון זיין פאָרשונג „די דינאַמישע שטאָפלערע".

יצחק קאַצענעלסאָן

דאָס ליד וועגן ראַדזינער

גערווידמעט מיין חנהן

אַ רײַנפיר

כ׳וועל זינגען אייך אַ העלדן־ליד,
אַ, לאַכט פון מיר ניט, ברידער,
ניט וואונדערט זיך: ווי קומט אַ ייד
צו זינגען העלדן־לידער?

העלדן־לידער... יאָ, אַזוי!
וואָס האָט איר זיך דערשראָקן?
אַ העלדן־ליד איז פאַר אַ גוי,
ער האָט שוין די חזקה...

גוים... זייער איז דער זיג!
זיי, נאָר זיי די העלדן!
זיי, זיי טויטן זיך אין קריג
און פאַרוויסטן וועלטן.

ס׳וועט אָנקומען דערפאַר מיר שווער,
עס טראָגט אַ ייד שוין יאָרן
אויף זיינע לענדן קיין געווער,
זיין שטיוול איז אָן שפּאָרן.

ער פאָכעט מיט קיין שווערד ניט, ביין,
ער לערנט זיך ניט שיסן,
און ריין די הענט, די הערצער ריין,
און ריין, ריין דאָס געוויסן...

און פֿאַרגיסט שוין בלוט אַ ייִד,
איז עס זײַנס, זײַן אייגנס,
זינג איך אײַך אַ העלדן־ליד
אויף גאָר אַן אַנדער שטייגער.

געזאַנג א'

א

וולאָדאַווע! אמת... יאָ, וולאָדאַווע, יאָ,
אַ שטעטל אַזאַ איז אין קרוין־פּוילן דאָ,
איך בין ניט געווען דאָרט, איך האָב נאָר געהערט,
פֿאַראַן אַזאַ שטעטל ביי אונדז אויף דער ערד.

דער נאָמען האָט אָפּגעקלאַפּט זיך ניט איינמאָל
אין געהער מיר מיט שטעטעלעך נאָך אַן אַ צאָל,
שטעטעלעך געבענטשט און פֿאַרשאָלטן צוגלייך,
שטעטעלעך אָרעם, אי אָרעם, אי רייך...

שטעטעלעך פֿאַרוואָרלאָזט און האָפֿנדיק אויך,
צעוואָרפֿן אין טאָלן, אויף היגעלעך הויך,
הײַזער פֿון ציגל, פֿון האָלץ צי פֿון ליים,
אַ דאגה פֿון וואָס... אַבי וואָרעם אַ היים.

ייִדן אין שכנות מיט גוייִם... מען האָט
איין זון איבער הימל, אין האַרצן איין גאָט,
אַ הויכער אַ קלויסטער און נידעריק אַ שול,
אַ ייִדיקער קרעמל, אַ בית־מדרש פֿול.

און נאָך אַ בית־מדרש, און נאָך צוויי, — נאָך דרײַ,
אַ רב און אַ רבי און חסידימלעך טרײַ,
טויט די געוועלבער, די חסידים־שטוב וואַך —
וולאָדאַווע! איינע פֿון שטעטעלעך אַ סך...

ב

וולאָדאַווע! באַקאַנט איז דער נאָמען מיר נאָר,
איך אָבער, איך קען זי, איך קען זי ביז גאָר...

אַזוי ווי איך וואָלט דאָרט אַ לעבן פאַרבראַכט!
אָ, לאָזט אין וואָלאָדאַווע אַריין מיך בייטאַכט.

פירט מיך אַריין דאָרט און לאָזט מיך אַליין —
איך גיי... אָ, מיט אויגן פאַרמאַכט וועל איך גיין!
און טרעפן אין יידישן געסל — כאָטש ענג...
אַ יידישע גאַס איז נאָך יידן פאַרבענקט...

זי רופט מיך: דאָ בין איך! זי רופט אין אַ קול,
דאָס יידישע געסל — כאָטש ענג און כאָטש שמאָל,
איז ברייטער פון ברייט איז גרעסער פון גרויס,
קען ענג זיין, קען שמאָל זיין, אַ מאַמעס אַ שויס?

אַ מאַמעס אַ אָרעם נעמט אַלע אַרום,
די עופעלעך אַלע און וואַרעמט זיי שטום,
איר אויג ווינקט פון ווייטן: אָ, קום, קום אַהער!
זי ווינקט מיט אַ הייסער, באַהאַלטענער טרער.

אָ, קום... כאָטש געראַנצלט, געקנייטשט איז מיין הויט,
האַרט דער געלעגער און טרוקן דאָס ברויט,
זי רופט מיך, זי ווינקט צו מיר שטיל און ניט דרייסט:
„קום, זונעניו, טרייסט מיך און ווער דאָ געטרייסט".

ג

אַך, וואָלאָדאַווע, שטעטעלע אָרעם און קליין —
אָרעם און קליין? אָ, דו ביסט עס ניט. ניין!
ס'איז רייך דיין פאַרוואָרפענע, אָרעמע גאַס,
מיט בית־מדרשים, מיט תורה, מיט ש"ס!

מיט תוספותן, רשי"ס, רשבא'ס און רמבם'ס,
מיט שאלות ותשובותן זיס און באַטעמט,
מיט מעשים און מעשיות — צדיקים אַ סך —
און הייליק די ווערטער און איידל די שפּראַך.

וואָס לאָזן זיך הערן ביי דיר אין געצעלט —
וואָלאָדאַווע, לומדישע, חסידישע וועלט!
וואָלאָדאַווער לומדים, יונג, יונגינקע נאָך —
קוקט, קוקט זיי אין פּנים און זעט זייער תוך!

איר קוקט, קוקט אין אויג זיי, און זעט זייער זעל —
די אויגן־אַפּלען שוואַרצע, די בליקן העל־העל,
די פּנימלעך בלאַסע, די פּאהלעך שוואַרץ,
דער קאָפּ היציק־היציק און זידיק דאָס האַרץ.

אָ, וואָלאָדאַווער חסידים, — ווער, ווער צו אייך גלייך?
דער רבי, ער קומט פון ראַדזין דאָ צו אייך,
דער יונגינקער רבי, שאַ... שאַ פּתח־שין!
מען זוכט אים דעם רבין וואָס קומט פון ראַדזין.

ד

מען זוכט אים אין וואָלאָדאַווע אום, יאָ, מען זוכט,
און זוכנדיק זידלט מען אים און מען פלוכט,
ניט שרעקט פאַר אַ הונט זיך אַ בייזן וואָס בילט,
אַ דייטש — אָ, היט זיך פאַר אים בעת ער שילט!

עס רייסן זיך דייטשן אין „שטיבל" אַריין —
מיט ווילדע געשרייען — דער רבי זאָל גיין!
„דער הייליקער רבי... זאָגט יידן אונדז אויס —
מיר ווילן אים שיסן, דעם הייליקן בלויס...

אין ייד אָנשטאָט אַלע! וואו איז ער? זאָגט וואו?
אייך לאָזן מיר לעבן, אייך לאָזט מען צורו..."
„ניטאָ אין ראַדזין אים, דעם געטלעכן מאַן..."
„ער איז צווישן אייך דאָ, ביי אייך דאָ פאַראַן!

ער איז פון ראַדזין אין וואָלאָדאַווע אַוועק..."
די יידן — זיי הייבן די פּלייצעס אין שרעק:
„ניטאָ אים דעם רבין ביי אונדז, ליבע לייט,
דער רבי איז טויט שוין, שוין טויט פון אַ צייט,

ר'איז אַלט שוין געווען, ניטאָ אים שוין מער..."
„מיר ווילן דעם י ו נ ג ע ן! דעם יונגען אַהער!
דעם רבין דעם יונגען, איר ברענגט אים אונדז גלייך
און שטעלט איר ניט צו אים — דערשיסן מיר אייך!"

ה

און ס׳הערט אויס דער עולם די שרעקלעכע רייד
און רוקט זיך פון „שטיבל״ אַרויס שטילערהייט,
מען לאָזט זיך עס כלומרשט אין דער שטאָט
אויפזוכן אים... דעם ראַדזינער — אָ גאָט!

ציט ס׳האָט זיך באַוויזן דער רבי דאָ — און
גאָר אַנדערש פאַרשײַנט האָט אין הימל די זון,
די ערד האָט דערפרייט זיך, געקליידט זיך אין גרין —
דער רבי, דער רבי איז דאָ פון ראַדזין!

ווינטעלעך פלאַפּלען, פריי־פריילעך און וואַך,
פייגעלעך פּיפּסן אַראָפּ פונעם דאַך —
צוויטשערן פריילעך פּי־פּי און פּי־פּי!...
דער רבי! דער רבי! דער רבי איז הי!

דער רבי זאָל לעבן — ער וואוינט אין דעם הויז —
אָ פייגעלעך קליינינקע — זאָגט עס ניט אויס!
אָ, ווינטעלעך לייכטע, אָ, ווינטעלעך הויל —
פלאַפּלט ניט, ווינטעלעך, זומט ניט, האַלט ס׳מויל.

גרעזעלעך גרינע — פאַרבליט און פאַרוועלקט!
זון הויך אין הימל — ניט שיין אַזוי העל!
ביז עס וועט מיידן די שרעקלעכע שעה —
זאָל ניט זיין קענטיק אַז ער איז דאָ דאָ...

ו

אָ, זאָל ניט זיין קאַנטיק... און קאַנטיק איז פאַרט.
לאָזט, חס וחלילה, ניט פאַלן קיין וואָרט,
קיין וואונק מיטן אויג ניט, קיין מאַך מיט דער האַנט,
קוקט שווייגנדיק צו זיך און שטומט ווי די וואַנט...

וולאַדאַווע קען, זי קען האַלטן אַ סוד...
ווי אָבער באַהאַלט מען די גרויסע גענאָד?
זי שוועבט אין די גאַסן, זי רעדט און זי רופט —
מען הערט זי, מען זעט זי, זי הענגט אין דער לופט!

זי גיסט זיך אין אויגן אַריין ווי אַ שיין,
זי דרינגט אין די הערצער אין אַלע אַריין...
עס גיסט זיך, עס דרינגט טיף אַריין און אַרויס
אַ ליכטיקייט הייליק, אַ איידלקייט גרויס —

וולאַדאַווע די שטאָט — און דאָס ליכט פון ראַדזין!
פאַרשמעקט האָט דער האָניק און וואו איז די בין?
קען רוען די שכינה אין ערגעצוואו זיין
און גאָט — ער זאָל דאָרט ניט האָבן געווען?

צי פאַלט פונעם הימל אַ ליכט אַראָפּ פריי
און גאָלדיק די זון זאָל ניט זיין דאָן דערביי?
עס שוועבט גרויס אַ פרייד אום מיט שרעק גרויס געפּאָרט,
ס'איז דאַכט ניט קאָנטיק און קאָנטיק איז פאָרט.

ז

ס'איז קאָנטיק ווי קאָנטיק ס'איז דער אינדערפרי!
דער רבי, דער רבי, דער רבי איז הי...
דער רבי זאָל לעבן, אַ יונגער נאָך גאָר,
אַ דרייסיקער, ריין ווי אַ קינד פון אַ יאָר.

בן־שנה — אַ יאָר אַלט איז שאול געווען
ווערנדיק מלך — מאַכט רש"י: אַ בן
שלושים געווען איז שאול דאָן, נאָר
זיין תמימות איז ווי ביי אַ קינד פון אַ יאָר.

אַזוי ווי דער מלך — דער רבי אַזוי:
די אויגן ווי טויבן, דער קאָפּ פול מיט טוי,
און גוט ווי אַ קינד, ווי אַ קינד אַזוי ריין,
ער איז ניט געקומען דער רבי אַליין,

פאַרשמעקט האָט וולאַדאַווע פון עק ביזן עק,
וולאַדאַווע האָט מיט די אבות פאַרשמעקט,
מיט משה ואהרן, מיט הייליקע לייט
פון אַמאָל, פון אַ קיינמאָל פאַרגעסענער צייט,

זיין טאַטע זצ"ל און זיין זיידע — ער אויך,
זיין תכלית ציט נאָך זיך נאָך אים פון דער הויך,
אַ, ארחות חיים, דיין פאָדעם בלוי האָט
ווי אַ זון־שטראַל פאַרוויקלט די גאַנצע שטאָט.

ח

עס וויסן שוין אַלע אין שטאָט, קליין און גרויס,
עס זאָגט אָבער איינער דעם צווייטן ניט אויס,
פייגעלעך פיפסן פון וואָס נאָר איר ווילט,
נאָר ניט פון דעם רבין... און ווינטעלעך קיל

בלאָנדזשען אין גאַסן, אַרויס און אַריין —
ווילן וואָס זאָגן און האַלטן זיך איין...
ווינטעלעך קומען, צערייבען אין בלוי —
אַלץ ווייסט איר, איר ווייסט אָבער אַלץ ניט גענוי

וואָס זאָגן מען טאָר ניט און דאָס וואָס מען טאָר —
דערווייל וואַרט דער רבי דאָ קנאַפּע צוויי יאָר.
קיינער אין וואָלאָדאַווע ווייסט ניט דערפון,
נאָר יידן און פייגל און ווינטן און זון...

זיי פרייען זיך אַלע און שווייגן פאַר פרייד,
בענטשן זיך, ווערן געבענטשט שטילערהייט,
איינער פון צווייטן, און זיי, אַלע זיי
פון רבין וואָס וואַרט דאָרטן יאָרן באַלד צוויי,

דער רבי וואָס שטעלט זיך פאַר וואָלאָדאַווע איין,
ווי ער וואָלט שוין כל ימיו אין וואָלאָדאַווע זיין...
אַלץ לויבט שטיל זיין נאָמען, אַלץ לעבט אין זיין זכות,
מען ווייס און ס'איז ניט פאַר קיינעם באַוואוסט.

ט

צוויי יאָר שוין אַריבער, צוויי יאָר שוין כמעט —
ראַדזין נעבעך ווייסט האָט אַן אומגליק געהאַט,
און וואָלאָדאַווע, איר האָט אַ גליק באַשערט גאָר!
דער רבי האַלט אויף זיך דאָרט קנאַפּע צוויי יאָר!

פוילן צעבראָכן, פאַרניכט און פאַרוויסט,
דער פייַנט אַ רוצח, ער רויבט און דערשיסט,
די קויל האָט געטראָפן אויך וולאָדאַווע שווער,
ער פייַניקט פּאַליאַקן און יידן נאָך מער.

ווער אומשולדיק מער איז — געוויסער זייַן טויט,
און גרויס, גרויס דער עלנט און שרעקלעך די נויט...
אין שטוב איז אַ פּחד, אַ מורא צו זייַן —
מען דרינגט טיף אין קאַמערס, אין אַלקער אַרייַן

בייטאָג און בייַנאַכט, פון פרימאָרגן ביז שפּעט
מען רייסט פון שלאָף אויף, מען שלײַדערט פון בעט.
באַוויזט ווער אין גאַס זיך — ער קומט שוין ניט צוריק!
און שטאַרבט מיט זייַן טויט ווער — אַך, וואָס פאַר אַ גליק!

און שוואַרצע די נעכט און נאָך שוואַרצער די טעג,
און איינס איז דאָס אומגליק און איינע די שרעק,
וולאָדאַווע אָבער — זי טרייסט זיך אין שמאָך:
דער רבי זאָל לעבן — ער האַלט ביי איר וואַך.

י

ער שטייט אויף דער וואַך... אַך, וואָס אייגנטלעך קען
אַ רבי פאַרהיטן אונדז היינט און פאַרזען?
אַ הייליקער מאַן וואָס קען טאָן ווען אַ הערשט
פון אַ רויבער־פאָלק מיאוס געוועלטיקט און הערשט!

וואָס העלפט אונדז דער גרויסער דער ייד פון ראַדזין!
אַז אונדז האָט פאַרוועבט ענג און פינצטער אַ שפּין,
זי האָט אונדז פאַרוועבט און פאַרקלעפּט און פאַרמאַכט...
אָ, רבי, וואָס קומט אונדז אַרויס וואָס דו וואַכסט?

וואָס קומט אונדז אַרויס וואָס דו הייבסט דייַנע הענט
צו הימלען צו הויכע צו ווייטע געווענדט?
זיי זייַנען פאַרשלאָסן פאַר אונדז ווי די ערד —
דיין ליפּ, רבי, ציטערט, דייַן אויג איז פאַרטרערט...

דו ביסט עס מתפּלל פאַר אונדז, גרויסער מאַן?
צי איז נאָך אַ רעטונג פאַר אונדז דאָ פאַראַן?

צי קענסטו די פּיין נישט? און זעסט ניט די נויט?
די אַלטע דערהרגעט, די יונגע געטויט...

מיר אַלע פאַרמשפּט צום אומקום פון פּיינט,
עס ווייסט נאָך ניט קיינער, ווער מאָרגן, ווער היינט...
וואַקסט גרויס אין דיין ליבע און גרויס אין דיין גונסט,
וואָס העלפט אָבער, אַך, וואָס דו וואַקסט איבער אונדז?

יא

וואָס העלפט אונדז, אַ רבי, דיין שטיין אויף דער וואַך?
מיר זיינען געבליבן דאָ קנאַפּ פון אַ סך;
מיר זיינען געבליבן ווי גאָר ניט געווען —
און גאָט — אונדזער גאָט — ווי ער וואָלט ניט געווען...

ווי ער וואָלט ניט געהערט, ווי ער וואָלט ניט געוואוסט —
ליידיק די גאַסן — די וואוינונגען פּוסט,
מען זעט ניט קיין אַלטן, מען הערט ניט קיין קינד,
עס רייסט זיך אין אָפענע טירן אַ ווינט,

זיי עפענען אַליין זיך און מאַכן זיך צו —
וואו זיינען די יידן? אַ, פרעגט מיר ניט וואו...
די טירן זיי עפענען אויף זיך אַליין —
ניטאָ אין שטוב קיינער און מ'הערט אַ געוויין!

מען הערט אַ געוויין און מ'זעט ניט די טרער —
אַ טרער אַ באַהאַלטענע עגבערט נאָך מער!
ווער וויינט אין דער יידישער היים טאָג און נאַכט?
מען האָט דאָך זיי אַלעמען דאָרט אומגעבראַכט!

דער ווינט האָט צעוויינט זיך, ער וויל דאָרט ניט זיין,
ער רייסט ווילד אַרויס זיך, אַרויס און אַריין...
ער רייסט זיך אַרויס און אַריין זיך מיט האַסט —
פון גאַס אין די שטובן, פון שטובן אין גאַס...

יב

אָ, רבי, דו שטייסט אויף דער וואַך, ס'איז אומזיסט!
פאַריתומט מיין געסל, מיין צעלט איז פאַרוויסט...
מען זעט ניט קיין אַלטן ביי מיר, ניט קיין קינד,
מען האָט מיך אין וועגן אַוועקגעשיקט בלינד!

מען האָט מיך אַוועקגעשיקט נאַקעט אין גאַס,
אין מאַרק מיך דערשאָסן, פאַרגיפט מיט גאַז,
אין וועלדער, אין פעלדער אין וויסטע פאַרפירט,
געפּאַקט און געפּראַפּט אין וואַגאָנען פלאָמבירט,

צוזאַמענגעקוועטשט מיך ווי קעפּלעך, ווי קרויט —
פלאָמבירט און פאַרחתמעט, געחתמעט צום טויט,
אַלטע און יונגע צוזאַמענגעפּאַרט —
העי, מאַכט אַ וואַרע, דער טויטנצוג פאָרט!

און זעט אַ וואָקזאַל ער — ער לויפט אים פאַרביי,
ער לויפט אַ פאַרמאַכטער אין פעלד אַריין פריי,
ער פאָרט אָן אָן אָפּהאַלט, ער שטעלט זיך ניט אָפּ,
עס שטייגט קיינער אַרויף ניט, ס'גייט קיינער אַראָפּ...

וואו פאָרט איר וואַגאָנען, אָ, זאָגט וואו אַהין?
צום אומקום, צום אומקום, אָן משפּט, אָן דין...
„לית דין ולית דיין!" ווער קלאַפּט אַזוי קלוג?
צי קלאַפּט עס דער צוג אויס? צי יידן אין צוג?

יג

דער רבי, ער שטייט אויף דער וואַך און ער היט —
און רואיק די בליקן און זיכער די טריט,
ער איז אַזוי יונג און איז שטאַרק ווי אַ ריז —
ער איז אַזוי גלויביק און פרום ווי ער איז!

אָ, רבי, דו ביסט דאָך ניט רואיק, איך וויס —
עס שלאָגט דאָך אַרויס דיר אַ קאַלטער אַ שוויס...
דו ביסט דאָך ניט זיכער, דו ביסט עס ניט, ניין!
וואָס קוקסטו זיך אום יעדע ווילע ביים גיין?

און יונג ביסטו אויך ניט, ניט יונג און ניט שטאַרק,
געגרונצלט דיין שטערן, געבויגן דער קאַרק,
דיין טאַטע, דיין זיידע — ווען ביידע זיי גרויס,
קומען פון זייערע קברים אַרויס,

שטעלן אַוועק זיך מיט דיר אין איין ריי —
אַ, יונגינקער רבי, ביסט עלטער פון זיי!
דיין זיידע, ער האָט דעם פתיל תכלת געוועבט...
דיין טאַטע — צי האָט ער דען איבערגעלעבט,

צי פאַרגעשטעלט זיך, צי זיך צוגעקוקט ווען
צו דעם, וואָס זיין זון האָט אויף דער ערד דאָ געזען?
אַ שווידער גייט דורך די לייבער אונדז קאַלט.
אַ, יונג אַזוי, רבי, און שוין אַזוי אַלט?...

יד

אַ, הייליקער רבי, שטייסט רואיק און וואַכסט —
דו ביסט דאָך ניט רואיק! דו מאַכסט זיך נאַר, מאַכסט
אַזוי ווי וואָלסט געווען רואיק ביז גאַר
און זיכער... דו ביסט דאָך ניט זיכער, ניט וואָר!

און יונג ביסטו אויך ניט און שטאַרק שוין ניט אויך!
דו הויבסט דיינע אויגן, די הענט אין דער הויך —
דו גלויבסט נאָך... צו וועמען, זאָג, הויבסטו די הענט?
פאַרברעך זיי אין צער און פאַטש אויף די לענד!

רייס פון פאַרצווייפלונג די האָר זיך פון קאָפּ,
לאָז דיינע אויגן, די פייכטע אַראָפּ...
אַ, גלויביקער רבי, דו גלויבסט דאָך ניט מער!
ווייז ניט דעם הימל דיין זודיקע טרער...

ניט עפן פאַר אים דיין צעווייטיקטן האַרץ —
און ווייז ניט אַנשטאָט טיף דיין גלויבן, דיין שמאַרץ...
זיי מער ניט מתפלל... אין שוויגן פאַרשטום —
אַ, פרומער ראַדזינער, דו ביסט דאָך ניט פרום!

דו האָסט אים, דעם אויבערשטן דיינעם, נאָר ליב,
פֿאַרגיב אין דיין גוטסקייט, פֿאַרגיב אים, פֿאַרגיב!...
ער קוקט זיך צום אומקום פֿון פֿאָלק זיינעם צו —
און איז אומבאַהאָלפֿן און מאַכטלאָז ווי דו...

טו

ער שטייט אויף דער וואַך... אויב ער ניט — זאָג, ווער
וועט עס שטיין, אין דער פֿינצטערער נאַכט, ביי דעם סטער
פֿון צעבראָכענעם שיף? אויב ניט ער — טאָ זאָג,
ווער נאָך ווי ער, דער ראַדזינער, פֿאַרמאָגט

אַ כוח מיט אָפֿענע אויגן צו שטיין,
דעם אונטערגאַנג זען און אונטערצוגיין?
די שיף — זי גייט אונטער! ער זעט עס, ער זעט —
רבי, אַ ראַטעווע זיך אויף אַ ברעט...

אַ ברעטעלע, זע נאָר, שווימט לייכט צו דיר צו —
כאַפּ אָן זיך אָן ברעט, שווים און פֿרעג נישט אַוואו!
די וועל — כאַטש אַ ווילדע, אָן וועג און שטעג —
וועט זיכער דיך פֿירן צו ערגעץ אַ ברעג,

דו זעץ אויפֿן ברעט זיך אַוועק און אַנטלויף,
מען נעמט וואו דו קומסט נאָר מיט כבוד דיך אויף!
מען וועט דיך באַהאַלטן ווי מען באַהאַלט
די הייליקע תורה — אי הייליק, אי אַלט...

אָ, רבי, ביסט עלטער און הייליקער דאָך!
דו ביסט ווי די תורה און ביסט עפּעס נאָך...
די תורה איז גוואַלדיק, אַ ייד איז נאָך מער!
אָ, שטיי ניט, ראַדזינער, ניט שטיי איצט ביים סטער.

טז

איך שטיי... יאָ, איך שטיי... עס האָט ווער דאָ געלאַכט —
ווער האָט עס געזאָגט אַז איך שטיי אויף דער וואַך?...

ווער לאַכט פון ראַדזינער, פון רבין? אַ, ווער?
ווער לאַכט עס און לאָזט שטיל ביים לאַכן אַ טרער?

עס איז אַ געלעכטער געמישט מיט געוויין —
אַליין דער ראַדזינער, דער רבי אַליין.
ער האָט עס געלאַכט, אויף זיין גורל געלאַכט;
באַהאַלטענערהייט דאָ צו שטיין אויף דער וואַך,

אוןביילן די פויסטן באַהאַלטענערהייט —
ער וואָלט דאָך געצויגן אַ שווערד פון איר שייד,
אין באַהעלטעניש דאָ, און דערוואַרט זיי ער וואָלט
באַצאָלט די רשעים, די דייטשן באַצאָלט...

ער ביילט זיינע פויסטן און קריצט מיט די ציין —
ווער לאַכט עס און וויינט דאָ? דער רבי אַליין...
ער גיט אין באַהעלטעניש זיך אַ דערמאָן:
דאָ שטיי איך ביים סטער — און אַ שמייכל געטאָן...

דאָ שטיי איך און היט, דאָ שטיי איך און וואַך?
דער רבי! דאָס האָט זיך דער רבי צעלאַכט,
און לאָזט שטיל אַ טרער דערביי הייס דאָרט — אַ, פיין!
אַזוי שטיין... און אַזוי אומבאַהאַלפן צו זיין!

יז

עס קומען ידיעות אָן פון לובלין,
פון דאָרטן אַהער און פון דאַנען אַהין...
ידיעות וואָס וואַרפן אין קעלט און אין היץ,
עס פאַלט ווי אַ דונער און שנײַדט ווי אַ בליץ,

לובלין! די געקרוינטע, די עיר און די אם,
די אַלטע, די טרייע, די ידישע היים,
די שטאָט פונעם "ידן", פון אַלטן בית־הדפוס,
יעטוועדע גמרא גיט אָפּ אונדז אַ גרוס,

דער ריח־ניחוח דערגייט דאָך ביז וויַט,
די אַלטע די תורה דאָרט ווערט זי באַנייט!

די אַלטע די תורה און ניי דער לבוש...
לובלין שיקט אַ כלה דיר צו און דו קוש...

עס האָט זיך לובלין אויפֿן סיני פֿאַרקוקט,
שיקט אַלט דיר דעם ספר און ניי דיר דעם דרוק.
לובלין! אַך, עס קומען ידיעות איצט אָן —
צום רבין... וואָס טוט מען? וואָס הויבט מען אָן טאָן?

עס קומען ידיעות: לובלין ווערט פֿאַרלענדט!
דער רבי הויבט אויף און פֿאַרברעכט זיינע הענט.
לובלין, די אַלט־יידישע, הייליקע שטאָט —
לובלין — זי גייט אונטער... אָ, ראַטעווע, גאָט!

יח

עס קומען ידיעות — עס גליווערט דאָס בלוט —
וואָס טוט מען? ער ווייסט ניט אַליין וואָס מען טוט...
דער רבי, ער שטייט שטאַר אין ווינקל און הערט
וואָס פֿון לובלין פֿון דער יידישער ווערט,

וואָס פֿון די יידן פֿון אירע מען מאַכט —
דער רבי, דער רבי! ער שטייט אויף דער וואַך...
עס שמייכלט דער רבי, ער שמייכלט נאָך אַלץ,
דער שמייכל איז ביטער, די טרער איז ווי זאַלץ,

זי קאַפּעט און קאַפּעט — ער ווייסט ניט פֿון דעם,
זי גנבעט פֿון אים זיך אַרויס אויף דער ברעם,
פֿון ברעם אויפֿן באַק, פֿון באַק אין זיין באָרד —
ער שטייט אַ פֿאַרגליווערטער, שטייט אויף זיין אָרט

און פּלוצלונג — דער רבי שרייט אויס אין געוויין:
רבונו של עולם, איך שטיי ניט אַליין!
מיר שטייען דאָך צוויי אויף דער וואַך דאָ... אויך דו
קוקסט צו לובלין זיך פֿון וויטנס באַר צו...

אויך דו ביסט באַהאַלטן ווי איך דאָ... קוקסט אָן —
און קענסט פּונקט ווי איך פֿאַר דיין פֿאָלק גאָר ניט טאָן!...

איך וואַך ניט אַליין דאָ צווישן די ווענט —
דו אויך... און דער רבי פאַרברעכט זיינע הענט.

יט

רבונו של עולם, וואָס טוט מען? ער פרעגט
און קוקט זיך אין צווייפל אַרום און אין שרעק,
וואָס הויבט ער דעם קאָפּ ער צום אויבערשטן הויך?
ער אויך איז מיט אים דאָ באַהאַלטן... ער אויך

האָט פאַרבראָכן די הענט אין זיין גרויסן, זיין צער —
דער רבי קוקט ווידער אַרום זיך... קוקט שטאַר,
און שפּרינגט פון זיין אָרט און כאַפּט זיך ביים קאָפּ —
ר'איז דאָ, צוליב מיר דאָ! ער היט מיך דאָ אָפּ!

דו ראַטעוועסט מיך גאָר?! אָ, גאָטעניו גרויס, —
ער לויפט און ער עפנט די טיר אויף: אַרויס:
גיי קיין לובלין!... לובלין דאַרף דיך מער!...
וואָס בין איך לגבי אַן עדה און ווער?

אַן עדה מיט יידן איז בילכער... גיי, גיי,
— — — — — — — — — — — — — — *)
„דו טרייבסט מיך אַרויס?" צי דאַכט זיך אים באַר?
צי הערט ער דער רבי דעם קול זיינעם קלאָר?

„דו טרייבסט מיך..." איך טרייב דיך, איך טרייב דיך, יאָ, יאָ!
קיין לובלין! קיין לובלין! איך דאַרף דיך נישט דאָ...
פאַלגסט משה רבנוס בקשה, טאָ פאַלג
אויך מיינע — זיי, גאָטעניו, מציל דיין פאָלק!

כ

„ראַדזינער! דו ביסט ניט גערעכט, ניט געגוג...
דו טרייבסט דיין רבונו של עולם... אין פלוג

---

*) די שורה פעלט אינעם מאַנוסקריפּט.

קען איך אויף ערטער דאָך זיין, אויך אויף צוויי,
מיט דיר דאָ און דאָרט... אין לובלין דאָרט, מיט זיי

און העלפן איך אַלע... איך קען, יאָ, איך קען,
און איך טו'ס... דער ראַדזינער — ער מוז עס ניט זען...
ער איז ניט מחויב צו זען אַזוי וויט...
טרייבסט נעבעך אַרויס מיך... דו האָסט ניט קיין צייט!

שטייסט נעבעך אויף הייסע אויף קוילן און ברענסט —
זאַכטע... דו טו און דו מאַך וואָס דו קענסט!
און ראַטעוועסטו צי דו ראַטעוועסט ניט —
דו ביסט מיין געהייליקטער מיין גוטער ייד!

דו שרייסט אויף מיר אָן און דו גיסט ביי אַ טופּ
מיטן פוס און טרייבסט מיך אַרויס פון דיין שטוב...
טרייב, טרייב אין דיין צער מיך, ניט לאָז מיך צורה,
איך בין עס מקבל באהבה ווי דו...

איך אויך, איך געפין אין יסורים אַ טרייסט —
בעט מיך ניט.הייס מיר! כ'האָב ליב אַז דו הייסט!
דו ביסט פאַר סתם־יידן, און איך דאָ, איך בין
פאַר דעם לעתיד לבוא, איך בין פאַר ראַדזין!"

15.11.42

געזאַנג ב'

א

ראַדזין! וואָס ראַדזין? און פשיסכע? און גער?
שטעטעלעך קליינע אין פוילן, ניט מער!
אַ די רביים? מען לייקנט עס ניט —
הייליקע יידן! אַ הייליקער ייד,

איז אָבער נאָר איינער אַ ייד און ניט מיין!
און איינער אַ ייד — ער מעג גרויס זיין, זיין קליין —
איז איינער! נאָר איינער אַליין! טו און מאַך...
און ס'קומט ניט קיין איינער צו יידן אַ סך!

צען יידן אַ מנין! און מערער אַ שטאַם!
און פאַר צוועלף שבטים שפּאַלט זיך אַ ים!
און גאָט ברוך הוא לאָזט אַראָפּ זיך צו זיי,
און גיט זיי אַ תורה און לוחות זיי צוויי,

און פירט זיי אין מדבר און גיט זיי אַ לאַנד,
זיי בלאָזן אין שופרות און ס'פאַלט איין אַ וואַנט!
און גייען געהייליקט אַריין אין דער שטאָט —
און רעדן ניט, גאָר נישט, דאָס אַלץ איז פאַר גאָט!

עס זינדיקט נאָר ער, נאָר איינער אַליין —
און איינער אַ ייד — ער מעג גרויס זיין, זיין קליין —
איז איינער! און מעג ער זיין שטאַרק צי זיין שוואַך;
געבענטשט זאָלן יידן זיין, יידן אַ סך!

ב

ראַדזין! וואָס ראַדזין? יאָ, איך טאַקע בין
אַ רבי אין שטעטל געווען, אין ראַדזין...
מיין שטאַם ווי דאָס שטעטל: אי אַלט און אי פריש,
איך האָב דאָרט דעם טאַטנס געפירט אים דעם טיש.

דעם זיידנס פּתיל־תכלת, דעם פּעדימל בלוי
געצויגן... איך וואָלט אים געצויגן אַזוי
דעם דינינקן שנירל, דעם ליכטיקן פּתיל —
געווען איז עס אָבער ניט דאָס וואָס איך וויל...

עס איז אין ראַדזין מיר געווען צו ענג —
ס'איז ניט דאָס וואָס איך וויל און נאָך וועלכן איך בענק...
אָ, די קליינע ראַדזין איז לגמרי ניט קליין,
און חסידים — אָ, גאָט, קיין עין־הרע ניט, ניין!

ראַדזין האָט פון יאָרן אַ סך שוין פאַרשמט,
מען קומט מיט דער באַן, מיט דער פור פון דער פרעמד,
מען קומט קיין ראַדזין פון דער גאַנצענער וועלט —
חסידים... עס האָבן מיר יידן געפעלט!

טייערע חסידים און טרייע... נאָר ווער
ווער איז פון זיי מערער? אַ סתם־ייד איז מער!
חסידים — אַ סך כאַטש און גרויס כאַטש אין צאָל —
יידן — מיר אַלע, מיר דאָ, מיט אַמאָל!

ג

ראַדזין! וואָס ראַדזין? אַט די וואַרשע! זי! זי!
דער רבי פּאַרציט זיינע ליפּן, און פּי!
דער רבי האָט, דאַכט זיך, אַ פּייף געטאָן שטיל,
אַ פּייף געטאָן: וואַרשע! אַט וואָס איך וויל!

דער רבי, ער גיט זיך פאַרשעמט באַלד אַ כאַפּ —
האָט טאָמער געהערט ווער... נו, אַרט עס מיך קנאַפּ...
וואַרשע — ווי רחל ולאה, אַ שטאָט —
און צו די אמהות געגליכן, זי האָט

אַ יידישן פאָלק אין איר בויך! ווי אין וויר
שווימלט און גריבלט פון יידן אין איר...
יידן אין היטעלעך, היטלען און היט —
ניטאָ, ניט קיין חילוק — אַבי נאָר אַ ייד!

זיי מעגן ניט פרום זיין, זיי מעגן זיין פרום —
יידן! דער רבי — ער קוקט זיך אַרום...
אַ מימרא צו שאַרף — הם... פאַרשאַט אַפּט, פאַרשאַט,
נאָר... יידן — אַ ייד מעג זיין האַלב שוין געשמדט

איז אַ ייד! יאָ אַ ייד! נו, וויל איך אַזוי!
אַ האַלבער אַ ייד וועגט איבער אַ גוי...
איין שפּרונג אין אַ קדושה וועגט איבער זיין טאַנץ,
אַ גאַנצער אַ גוי איז לגמרי ניט גאַנץ...

ד

אַ גאַנצער אַ גוי איז ניט גאַנץ דאָך, אים פעלט
אין פּיין די צעבראָכענע חרובע העלפט...

עס פעלט אים צעוויטיקט אַ האַרץ, עס פעלט שווער
אַ געמיט אים... צי גיט ער, דער גוי, דען אַ קלער

פאַרן יריד ווי דער ייד פול מיט זאָרג ?
ער שפּאַנט איין זיין פערדל און פאָרט אויפן טאָרג !
עס פעלט אים דעם גוי אַן אומגליק... גאָט, שיק
אַן אומגליק אויף מיר... נאָך אַן אומגליק קומט גליק!

ניט געדינט האָט דער גוי אין מצרים, דערנאָך
באַפרייט ניט געוואָרן... ער טראָגט ניט קיין יאָך,
ער ברענט ניט קיין ציגל, ער קנעט ניט קיין ליים,
און הייבט ניט די אויגן אין בענקשאַפט אַהיים...

כאָטש זיס איז דאָס שטאַרבן אויף קידוש השם —
אַ גוי וויל ניט וויסן און וויס ניט פון דעם.
עס איז ניט פאַרטריבן געוואָרן מיט שאַנד
אַ גוי פון זיין חרוב געוואָרענעם לאַנד —

ער איז ניט געגאַנגען אין גלות פאַרשעמט,
און ווערט ניט געפייניקט אומזיסט אין דער פרעמד.
עס פעלן אים צרות, עס פעלן אים קלאָג —
אַ האַלבער אַ ייד האָט דעריבער מער וואָג !

ה

אַ גוי — לייכט זיין טראַכטן, זיין לשון איז שווער,
לייכט אין מחשבה און רירט זיך — אַ בער !
אַ שווערער אין אויסדרוק און לייכט אין געמיט —
צי האָסטו אים קומען געזען צום יריד ?

ער זיצט אויפן פור מיטן שטרוי ווי אַ בליי —
און יידן זיי רינגלען אַרום אים און שרייען,
און אַלע אינאיינעם, און אַלע זיי גלייך —
און הויבן דעם מקח און מאַכן אים רייך.

דער ז'מוסיף אַ רענדל, דער אַנדערער צוויי...
דער גוי ווערט נתעשר פון בינטעלע היי,

פון הינדל אין שטייג, פון קאַרטאָפּעלע אין זאַק,
אַ ייד האָט ליב קויפן און צאָלן געשמאַק.

נאָך גוט וואָס ער איז ניט קיין סוחר, דער גוי!
ער נעמט צו דאָס געלט מיר און גיט ניט דעם שטרוי...
נאָך גוט וואָס ער מאַכט מיט די הענט ניט אָן ענד —
דער ערל — ער האָט דאָך אַ האַק אין די הענט...

ער וואָלט דאָך אַ מענטשן געהרגעט אין ברען
פון געשפּרעך, און ער וואָלט דאָך ניט שולדיק געווען!
ווייל דעם וואָס ער היט זיך געניט און געפּרואווט
פאַר אַ גוי ווען ער מאַכט מיט די הענט אין דער לופט...

ו

אַ גאַנצער אַ גוי איז ניט גאַנץ דאָך, ער איז
ווי זיין קלויסטער, אי גרויס און אי מעכטיק — אַ ריז.
ער איז ווי זיין קלויסטער, פאַרריסן און שטאָלץ,
האַרט ווי זיין מויער און שטייף ווי זיין האָלץ.

זיי טראָגן דעם צלם פון גאָלד אויף דער ברוסט,
פון דרויסן געפּוצט און פון אינווייניק פּוסט...
אינווייניק טונקל און דרויסן אַ גלאַנץ,
דער גוי ווי זיין קלויסטער — זיי זיינען ניט גאַנץ.

עס רעדט ווער אַ פרעמדער פון קעל אים אַרויס,
און קאַלט איז די תפלה אין קאַלטן אין הויז...
ווי אַ ווידערקול הויל פון אַ פוסטער אַ פאַס —
ניט זיינע די ליבע, ניט זיינער דער האַס...

דו הערסט אים וואָס רעדן און ווייסט ביי אים באַלד
צי קומט ער פון גלח? פון שענק? פון וואַלד!...
אַ גוי ווי זיין קלויסטער, אַ ייד ווי זיין שול!
פון דרויסן פאַרוואָרלאָזט און אינווייניק פול!

קוק אָן דעם בית־מדרש און קוק אָן זיך אַליין —
איר ביידע אַ חורבה פון דרויסן און קליין,

עפן אַ טיר אויף און קום, קום אַריין —
אַ שיין האָט דיך וואָרעם פאַרפּלייצט, גרויס אַ שיין!

ז

וואַרשע! אַ גרויסער בית־מדרש אין פריִיד!
אין גאַסן אין אַלע, אין סקווערן פאַרשפּרייט,
אין הויפן, אין קעלערס, אין בוידעמער הויך!
פילט זיך דיין אָטעם, דיין וואַרעמער הויך...

די יידישע וואַרשע, די גאַנצע די שטאָט —
איין גרויסער בית־מדרש! ניט דווקא פאַר גאָט,
ר'איז מער פאַר זיין ייד, פאַר זיין טעגלעך געברויך...
די שכינה — זי רוט דאָרט, אוודאי, זי אויך!

דער ייד איז דאָרט אָבער דער עיקר, דער תוך!
ס'אַ הויז ניט פאַר שבת, ס'איז מער פאַר דער וואָך!
דו קום נאָר אין דעם מקום קדוש אַריין,
פאַרגין זיך אַ טאָג אין דער וואָכן דאָ זיין,

און קוק צו דעם וואָכן־טאָג דאָרטן זיך צו:
גיי לאַנגזאַם פאַרביי זיי... בלייב שטיין וואו ניט וואו...
דעם האָרץ מיט די הענט זע, דעם מאַן מיטן קאָפּ —
איינער דעם אַנדערן שווערט און נאַרט אָפּ...

דו נאַר, ניט שרעק זיך, און צינד זיך ניט הייס...
כ'בין מתיר די שבועה! נו, נו... ניט קיין בייז!
אַי — אַי... זיי גענאַרן! דער יענעם, דער דעם!
צי האָט, חס ושלום, געהרגעט ווער וועם?

ח

כ'האָב ליב אַ בית־מדרש און ניט נאָר צוליב
דעם ארון־קודש דאָרט האָב איך אים ליב,
און ניט פאַר דער תורה געקרוינט און געהילט
אין זיידענעם מאַנטל... איר זאָגט וואָס איר ווילט!

ביי מיר, אין מיין אַלקער — איך האָב דאָרטן שטיין
אַ רייניקייט הייליק — און ס'איז ניט, אָ, ניין,
ס'איז ניט קיין בית־מדרש! די תורה! יאָ, יאָ,
כבודה במקומה... נאָר אויב ס'איז ניטאָ

אַן עדה מיט יידן ביי מיר אין מיין שטוב,
דער שטייט ניט, דער גייט ניט, דער גיט ניט קיין שטופּ,
דער נעמט ניט אַרויס פון דער ספרים־שאַנק וואָס,
און לערנענדיק ברומט ער ניט אונטער דער נאָז

אַ ניגון... מען הערט אין אַ רעדל קיין נייס,
אַ דאַוונער פאַרוואַרפט ניט זיין טליתל ווייס
ביי זיך אויפן אַקסל און גורט ניט די לענד,
מען שטייט ניט ביים כיור, מען ווישט ניט די הענט,

מען זאָגט „אשר יצר" ניט, מען קוקט זיך ניט אום,
מען זוכט ניט פאַרבענקט אַ גמילות־חסדל שטום,
און קיינער פאַרקויפט ניט און קויפט ניט קיין הויז —
איז'ס ניט קיין בית־מדרש! עס איז ניט קיין קלויז!

ט

די תורה!... אוודאי... ניט איך און ניט דו —
די תורה! די תורה! עס ווענדט זיך נאָר וואו,
און ביי וועמען די תורה הקדושה שטייט איין —
מעג'ס זיין אויף אַ בוידעם, אין קעלער מעג'ס זיין.

אין זאַל, אין פּאַלאַץ... דער עיקר איז: טאָן,
— — — — — — — — — — — — — — *

אַליין פונעם הימל און איז פאַר דער ערד —
וואויל אונדז וואָס אונדז איז די תורה באַשערט!

אַליין איז זי שבת און רעדט דברי חול —
ניט שטייגט אויפן סיני, מען הערט זי אין טאָל.

*) די שורה פעלט אין מאַנוסקריפּט.

זי האָט אונדז דערהויבן און זי איז אַראָפּ,
דער עיקר: היט אָפּ זי! די תורה היט אָפּ!

איר הערט זיך נאָר צו גוט, און נאָך אַמאָל, נאָך
און ס׳מישט זיך דער שבת אויס א י י נ ס מיט דער וואָך...
די וואָך ווערט דערהויבן, דער שבת — ער אויך!
עס דאַרף אים דעם תיקון אויך האָבן די וואָך...

עס דאַרף אים, דעם תיקון אויך האָבן די הויך...
די הויך האָט אַ תיקון באַקומען דורך אייך —
אַריין איז דער שבת אין וואָך — זייט געבענטשט!
אַריין ווי גאָטס אָטעם אין ערשטן, אין מענטש!

י

איין שבת איז שקול כנגד אַ וואָך —
נאָר גזשיבאָוו און טוואַרדע און גענשע — וואָס נאָך?
סמאָטשע! געבענטשטער געזום און געברום,
איך ווער דאָרטן בטל, איך קום דאָרטן אום.

איך ווער ניט, ווער בטל בששים און מער —
אַ גאַס פול מיט יידן — וואָס בין איך און ווער?
אַרויף מאַרשאַלקאָווסקאָ און העכער אויף לעש,
דאָרט בין איך אַ רבי געוועזן, אַ יש!

ניט אָפּגעמעקט האָט מיך, חלילה וחס,
און מיך ניט פאַרלייקנט די גוישע גאַס...
ביי גויים אַ רבי, ביי יידן — ביין; נישט!
כ׳האָב ליב זיין מיט יידן פאַרמישט, אויסגעמישט...

אַ ייד דאַרף קיין רבין... ער קען זיך אַליין
מיט זיין רבונו של עולם פאַרשטיין...
די תורה — די זעלבע, די תפילין די פאָר,
די זעלבע גמרא, נישט אַנדערש קיין האָר,

אַ שווערע הלכה טרעפט — ר׳גיט זיך אַ קוועטש
און נאָך און באַקומט זי... וואָס טויג אים אַ געטש?

און מיך פרעג: וואָס טויג מיר דער כבוד, וואָס טויג?
וואַרשע! אָ, שוואַרצאַפּל דו, פון מיין אויג.

יא

ידישע וואַרשע — וואָרט... כ׳וואַש זיך די הענט —
געבענטשט זיי די שעה וואָס איך האָב דיך דערקענט,
איך האָב זי דערקענט און געבענטשט איז די שעה —
די יידישע וואַרשע — קיין צווייטע ז׳ניטאָ!

איך קען ניט קיין צווייטע — כאָטש גרויס איז זי, גרויס!
ניט מישט מיט דער יידישער וואַרשע זי אויס...
ווען כ׳בין צו די גויים דאָרט זעלטן אַראָפּ —
האָב איך אַ שטריימל געהאַט אויף מיין קאָפּ,

ביי מיר אין דער היים, צי אין גאַס, צי אין שטוב
האָב איך אַ היטל געטראָגן... כ׳האָב ליב
אַ היטל אַ יידישס... ס׳איז לייכט און ס׳איז קליין,
און ס׳טראָגן עס יידן — דערפאַר איז עס שיין!

דערפאַר איז עס הייליק... איך וויל אייך זיין גליך!
מיטן האַרץ, מיטן אויסזען געגליכן צו אייך!
איך וויל דער ווין זיין ביים שיכור אין פלאַש,
קיין גאָלדענער רענדל ביים עושר אין טאַש,

איך וויל זיין געזאָלצן אַ טראָפּן אין ים —
מען דאַרף עס צו זיין צו וויסן דעם טעם...
וואַרשע! ווי דוד זיין ציון געבוי,
איך וואָלט אויך מיין וואַרשע באַזונגען אַזוי...

יב

וואַרשע! עס בענקט זיך נאָך וואַרשע... איך בענק
נאָכן נאַלעווקער הו־האָ, צום גענשער געדרענג,
און מוראַנאָוו! דזשיקע! און מילע — אַ רוף!
איך מיש זיך דאָרט אויס מיטן עולם... גיי זוך!

באַווייז מיר אַ קונץ: זוך מיך אויף און געפֿין!
דו קענסט ניט! דו ווייסט ניט, מיין ייד, וואו איך בין...
דו קענסט ניט, דערקענסט ניט מיין חסידל טריי,
דערקענסט ניט דיין רבין... איז מאַי כולי האי?!

איז וואָס איז דער חילוק? דערקענסט ניט — איז ניט!
דו כאַפּ פאַרן האַנט אַן יעטוועדערן ייד,
טו אָן אים אַ שטריימל, אַ, חסידל מיין,
און זאָל ער אַ רבי, מיט מזל, דיר זיין!

דו פרעג נאָר ניט וואָס אים און פרעג אים ניט ווי?
טו אָן אים אַ שטריימל, אַ גאַרטל פאַרצי,
ער מעג זיין אַ שניידער, אַ שוסטער אָקאָרשט —
ניט פרעג וואָס געווען ער איז נעכטן, ניט פאָרש,

ניט פרעג אויף זיין האַנדל, ניט פרעג אויף זיין טאָן —
כאַפּ אָן יעדן יידן אין גאַס, כאַפּ אים אָן,
און רוף אים הויך: רבי! ער איז עס אין תוך —
רוף: ר ב י אים, און גיי נאָך אים נאָך.

יג

וואַרשע! איך מיין טאַקע וואַרשע, איך מיין
דעם יידישן אָנבליק, דעם יידישן חן
וואָס ליגט אויסגעגאָסן אויף אַלץ מיט אַנאַנד
און דווקא אין דרויסן... אַ שטיין פון אַ וואַנט

רופט דאָרט הויך: קדוש! אַ שטיין? יאָ, אַ שטיין!
האָרך, האָרך: — פאַרשטייסט יידיש? אָט וואָס איך מיין!
דאָס הייסט: אַז אפילו אויף שטיינער פון ברוק
רוט זי, די יידישע שכינה... קוק, קוק

און פריי זיך, און שאַר זיך און רייב זיך אָן זיי,
זיי זיינען ווי יידן — עס טוט זיי ניט וויי...
אַ ייד אַז דו רייבסט זיך אָן אים — איז וואויל דיר,
און וואויל אים... טאָמער האָט ער פון איך אַ געשוויר.

אַ וואונד צי אַ בלאָטער באַהאַלטן, ווי גרויס,
פּלאַצט ווי פון זיך עס און אייטערט זיך אויס.
אייטערט זיך אויס טיף אין אַרבל געהיים —
איילט זיך ניט יידן פון גאַסן אַהיים...

איר האָט זיך אַ רייב געטאָן און ווי זיך באַהעפט,
באַקענט זיך, באַקענט זיך און מאַכט אַ געשעפט!
אַמפּערט זיך! ס'שאַדט ניט, עס טריקנט די וואונד,
איר קומט אַהיים ביידע אי פריש, אי געזונט.

יד

אַמפּערט זיך, קריגט זיך! עס שאַדט ניט קיין האָר!
צי מאַכט איר אַ מסחר? איר לערנט דאָך גאָר!
צי האָט עס דער מיקח וממכר פאַרשייט —
צי גאָר די גמרא דערוועקט אים, דעם שטרייט —

איר שפּרינגט אויף פון בענקלעך, איר קוקט זיך בייז אָן,
איר מיינט אַ הלכה, צי גילט אַ מיליאָן?
נאָר וואָס איר זאָלט האָבן, איר ביידע, געמיינט —
אַ שקלא וטריא, צי תורה — אַלץ איינס!

איר הויבט דאָך די פויסט ניט, איר גיט נאָר אַ דריי
מיט אייערע פינגער די גראָבע, די צוויי
און ברענגט די „והא ראיה", און לערנט דעם פשט...
אַלץ איינס צי אַ מסחר, צי גמרא אַ בלאַט!

דער זעלביקער ניגון, דער זעלביקער טאָן
איר שפּרינגט פון די בענקלעך, איר קוקט זיך בייז אָן,
איר מישט באַלד דעם דין אויף, איר ברענגט אַ באַווייז,
איר כאַפּט פאַר דער אייגענער באָרד זיך און רייסט.

עס העלפט ניט, דער צד שכנגד האַלט קאָפּ,
און וויגערט... איז תיקו! כעס גייט אייך אָפּ,
ס'געשעפט איז געמאַכט און נאָך יעדערנס וואונטש —
רופט מיך צום „שהכל" מיט אייך, צו דעם פונטש.

טו

אַ פּונטש... יאָ, מאַך גיכער שהכל און כאַפּ׳ס
און לײדיק אויס דעם געוואַרעמטן שנאַפּס,
כּל־זמן ער איז וואַרעם טרינקט אויס אים, דעם כּוס?
כ׳האָב אײנמאָל געפרעגט מײנס אַ חסיד: פאַרוואָס

וואַרעמען אַ משקה? פון אַ קאַלטס — װי איך װײס —
פון אַ קאַלטן טרונק בראַנפן ווערט אויך דאָך אונדז הײס!
מײן חסיד — אַ װאַרשעװער טאַקע, בײ זיך,
אין זײן װאַרשע, זײן הײם — ער ענטפערט ניט גיך,

ער, יאָנקעט זיך, יאָנקעט זיך... רבי, מה־דאָך,
אַ קאַלטס... יאָ, עס װאַרעמט, יאָ... מערער אונדז נאָך
משקה אַ כּוס מיט אַ װאַרעמען הויך...
יידן, סתם יידן, טרינקען דאָך אויך,

דער „שהכל" איז אָבער פון אונדזער מין...
ס׳איז ניט דער „שהכל" װאָס ברענט פון ראַדזין!
װאַרשעװער! שרײט אויס דער רבי — ניט רײד
אויף יידן, אויף סתם־יידן... ס׳דאַרף ניט די פרײד

װערן געװאַרעמט װי יויך אויף דעם פּליט!
נעם דיר דײן פּונטש!... װי סתם, סתם אַ ייד
טרינק קאַלט איך אַ גלעזעלע פּשוטן יי״ש —
אַ האַרץ, אויב אויף קוילן געװאַרעמט, װערט אַש...

טז

װאַרשע! די יידישע װאַרשע, אַ ייד
ברענט אין די גאַסן אין אירע און ברײט...
עס דוכט זיך: ער ברײט... גענעץ נאָר, גענעץ,
װי משה צום סנה... האָסט דעם סנה דאָך דערזען!

נאָר אײדער דו קומסט נענטער צו אים — זע:
ער גײט דיר אַנטקעגן — דו אויך ביסט אַ סנה!
מאָגער — אַ דאָרן און טרוקן — אַ שטאָם,
איך פלאַמען די אויגן — די הײליקע פלאַם!

זי ברענט נאָר און בריט ניט... זי פלאַקערט אויף שטאַרק,
באַלייכט אַ שטיק שטאָט ווי דער סנה אַ שטיק באַרג...
דו שטעל אין זיין ליכט זיך און קוק זיך גוט איין,
קוק זיך אויף וואַרשע אַרום אין זיין שיין,

און וויס און פאַרשטיי אים דעם טייטש, וואָס באַטייט,
פונעם פינטעלע ייד איבעם לויף פון דער צייט...
דעם נצח ישראל אין יעטוועדער וויסט —
און וויס און פאַרשטיי דו אַליין, ווער דו ביסט!

דער ייד פון אַמאָל איז דאָך דער וואָס פון יעצט?
אין מוקדם ומאוחר — די ערשטע ווי די לעצט!
די וויטע די ע ר ש ט ווי די ל ע צ ט פונעם ייד —
וואַרשע! די גאָלדענע, יידישע מ י ט!

יז

האַנדלט און מאַכט אַ לחיים, איר מאָגט!
אַ ייד אַז ער האַנדלט און טרינקט — ווי געזאָגט
איז ווי ער וואָלט לערנען די תורה געשמאַק —
האַנדלט מיט חשק און טרינקט מיטן קנאַק —

דינגט זיך ביים קויפן, אַזוי ביים פאַרקויף —
אַ גראַשן אַראָפּ און אַ גראַשן אַרויף...
והגית בה יומם ולילה — אַזוי
אויך ביי אַ משא ומתן, געבוי!

האַלט נאָר ביט שטאַרק פון ממקומו לא מש —
מאַך דעם סך־הכל... נישקשה... נישקשה.
די פאָליצע ליידיק און פול איז די טאַש —
רוף מיך, איך קום צו דיין פלעשעלע יי״ש!

רופסט אויף אַ חתונה מיך, אויף אַ ברית,
רוף אויך נאָך אַ מסחר, רוף מיך... וואָס איז?
וואַרשעווער! אַלץ וואָס איר מאַכט, וואָס איר טוט,
איז הייליק, געהייליקט, איז וואויל און איז גוט!

אַהער די פֿלאַש משקה! דער פּראָפּן זיצט טיף —
איך שטעל אויף דער האַנט־פֿלאַך אויף מײַנער די שיף
און שיס... אָ, ניט זוכט אים, דעם פּראָפּן, צו וואָס?
די פֿלאַש איז שוין אָפֿן און פֿול שוין דער כוס.

יח

איך עפֿן זי לײַכט, די פֿאַרפּראָפּטע די פֿלאַש,
לײַכטער נאָך עפֿן איך אויף אײַער טאַש!
איך דאַרף זי ניט עפֿנען... ז'איז אָפֿן געווען!
אײדער איך זאָג עס אײך — איז עס געשען!

ניט איר האָט דעם גוטן געשעפֿט אים געמאַכט,
יתומימלעך עלנט און קראַנקע פֿאַרשמאַכט!
אין די תלמוד־תורהס, שפּיטעלער — אַהין,
דאָרט איז געפֿאַלן דאָס גרויסע געווינס...

געפֿאַלענע, יורדים פֿון הי און נישט הי —
אויפֿגעריכט זײַנען געוואָרן נאָר די!
אַז איך בין געקומען אַראָפּ צום גלאָז ווײַן —
די טיר נאָר געעפֿנט צו אײך און אַרײַן,

איך טרעף בײַ דעם טיש דעם געגרייטן בײַ אײך —
אָרעמע ייִדן... מער אָרעם ווי רײַך...
פֿאַר רײַך איז דער הערינג, פֿאַר אָרעם די פֿיש!
וואַשט זיך, לאָזט וואוילגיין זיך אַלע בײַם טיש!

מאַכט אַ לחיים, ווערט אײנס... יי"ש באַהעפֿט —
ניט איר האָט געמאַכט אים, דאָס גוטע געשעפֿט!
גאָט, ברוך הוא, ברוך שמו, ער, ער האָט
געמאַכטן... געבענטשט און געלויבט זײַ אונדז, גאָט!

יט

און איצט, אין דעם אומגליק אין אונדזערן גרויס
איז וואַרשע אַ טרייסט אונדז, זי שײַנט דאָך אַרויס

אין חושך, אין גרויסן וואָס נעמט אונדז אַרום,
ניטאָ, ניט קיין אָרט וואו מען ברענגט אונדז ניט אום.

די גאַנצע „גובערניע״ — איין בלוטיקע באָד!
גאַנץ ליטע, אוקראַינע, און רוסלאַנד — אָ, גאָט!
דו בלייבסט דאָך אַליין דאָ, אַליין אויף דער וועלט,
דיין פאָלק שוין נישטאָ אים, פאַרברענט זיין געצעלט!

אָן אַ בית־מדרש אויף דר׳ערד דאָ און אָן
יידן... אָן יידן וואָס וועסטו דען טאָן?
ווער זאָגט אַ יום תהלים? ווער לאָזט שטיל אַ טרער?
און ווער? ווער וועט ליידן אומזיסט אויף דער ערד?

ווער הויבט זיינע אויגן צום הימל? און דו —
דיין טרייסט — וועמען שיקסטו? זאָג וועמען און וואו?
וואָס דאַרף זי דען האָבן? די גוים דאָך ניט!
און יידן?... וואָס דאַרף אַ געהרגעטער ייד

שוין דיין טרייסט? זי פאַלט ווי דיין אָנשיין אומזיסט
אויף קברים, אין פעלדער צעגראָבענע וויסט...
אין וואַרשע, זי אָטעמט נאָך אָפּ עפּעס פריי,
שטיי גאָט אונדזער פּינצטער דער מאַמען איצט ביי!

כ

וואַרשע — זי רופט מיך, זי שיקט נאָכאַנאַנד
אויטאָס אויף אויטאָס: „אָ, בלייב ניט אויפס לאַנד!״
„וואָס דאַרפט איר מיך האָבן? איך... איך אַליין —
איך דאַרף דאָך אייך מערער... נאָר איך וועל ניט גיין,

אין געטאָ אין ענגן צוזאַמענגעפּרעסט —
ניט איר דערטריבקט דאָרט און ניט איר דערעסט,
מען שטאַרבט אין די גאַסן ביי אייך, מען גייט אויס,
מען וואַרפט פון שטוב נאַקעט די טויטע אַרויס,

און גרויס איז די עלנט, און שרעקלעך די נויט —
זי לעבט אָבער וואַרשע! זי׳ז שטאַרקער פון טויט,

זי דאַרף מיך ניט האָבן! איך פאָר ניט אַהין!
עס קומען ידיעות צו מיר פון לובלין...

כ'האָב מורא: לובלין דאַרף מיך אויך שוין ניט מער —
אָפּגעמעקט ווערט זי לובלין פון דער ערד...
די הייזער — זיי בלייבן, די שטיינער זיי אויך —
יידן — זיי ווערן אין בליק ניט ווי רויך...

די שיסט מען, און די אין וואַגאָנעס און — פיו!
אין וויסטע אין פעלדער... מען ווייסט ניט אַוואו?
איך פאָר ניט קיין וואַרשע צו אייך דאָרט... איך האָב
אַ לויה..." און ס'כאַפּט זיך דער רבי ביים קאָפּ...

געזאַנג ג'

א

איך האָב אַ לויה — לובלין איז פאַרלענדט,
חרוב די שולן, די תורות געשענדט,
די יידישע הייזער און היימען פאַרוויסט,
די זון שיינט אַריין אין די פענצטער אומזיסט,

אומזיסט רייסט דער טאָג זיך אין פענצטער אַריין —
ניטאָ דאָרט ניט קיינער וואָס זאָל נהנה זיין
פון דעם ליכט, פון דעם וואַרעמען גלאַנץ אויף דער שויב,
וואָס זאָל דאַנקען זיין נאָמען און זאָגן: איך גלויב

אין דיין חסד וואָס קומט מיט דיין ליכטיקייט גרויס,
נאָר וואָס, טאַטע־פאָטער, וואָס קומט דיר אַרויס,
וואָס דו שיקסט אים דיין ליכט קלאָר אַראָפּ דאָ אַהער,
ניטאָ דאָ, ניט קיינער, ניטאָ זיי דאָ מער...

אַ חוץ די געשאָסענע דאָ אין דער שטוב,
זיי ליגן אין בעט נאָך און ווי אין אַ גרוב,
אין אייגענעם בעט און אין אייגענעם בלוט,
זיי ליגן שוין, ליגן פאַרשטומט און באַרוט,

אומזיסט פאַלט דיין ליכט אויף די טויטע אין בעט,
אומזיסט זייַנען קושן, אומזיסט יעדער גלעט,
דיין ליכט, גרויסער גאָט, פאַלט אומזיסט ווי מיין טרער,
זיי עפענען זייערע אויגן ניט מער!

ב

אַזוי אין די הייזער און אַזוי אויף דער גאַס —
אַ, גאַסן לובלינער ווי רויט און ווי נאַס!
נאַס פון די טרערן און רויט פונעם בלוט —
וואויל אייך, דערהרגעטע, אייך איז שוין גוט!

הגם שטיקער מאַרך פון צעשמעטערטן קאָפּ
קוקן צום טויטן פון מויער אַראָפּ,
קוקן אים אָן, אָן געדאַנק, קאַלט און פרעמד...
אַ, יידישער מוח, דו ביסט אַזוי טעמפּ!

האָסט הייס וואָס געטראַכט ערשט, געברענט און געבריט
און שוין... ס'איז אים גוט שוין, דעם טויטן, דעם ייד...
הגם ס'איז נאָך וואַרעם זיין בלוט, שאַרלאַך־רויט,
שלעכט איז די טויטע וואָס זייַנען ניט טויט,

וואָס ראַנגלען זיך נאָך מיטן טויט נעבעך שווער
אין גאַס, אויפן ברוק, ניט אַהין, ניט אַהער.
מען ליגט אויף דער גרענעץ פון ליגנט און וואָר —
געשאָסענע און ניט דערשאָסן ביז גאָר...

אַ, ליגנעריש לעבן, אַ, לעש אין אונדז אויס!
נעם, טויט, אונדז, וואָס וואָר איז, אַריין אין דיין שויס,
ס'האָט דער דייטש מחמת שלעכטקייט געצילט שלעכט די קויל —
וואויל די געהרגעטע יידן דאָ, וואויל!

ג

אַזוי אין די גאַסן, אַזוי אין די מערק —
מען לויפט — הענט פאַרבראָכן, געבויגן די קערק.

מאַמעס און טאַטעס און טעכטער און זין —
וואו לויפט איר עס, יידן, אָ, זאָגט וואו אַהין?

„ווען מיר וואָלטן וויסן — מיר וואָלטן׳ס געזאָגט
מען יאָגט... קיינער ווייסט׳ס וואו מיר ווערן געיאָגט.
דעם זון טרעפט אַ קויל און ער לאָזט זיך אַראָפּ —
דער טאַטע לויפט ווייטער און שטעלט זיך ניט אָפּ.

הויט־ביינער אַ מאַמע און פאַלט ווי אַ בליי —
די טאָכטער זי זעט עס און לויפט איר פאַרביי...״
עס יאָגט דאָך ניט קיינער!... מען יאָגט אונדז, יאָ, יאָ...
מען שיסט פון די אויטאָס, אַ שאָס — און נישטאָ!

נישטאָ אים, דעם אויטאָ, נישטאָ דער עס־עס,
ניטאָ שוין דער ייד מער, אין גאַס ליגט אַ מת.
מען שיסט פון די אויטאָס אַרויס און מען טרעפט,
וואויל דעם וואָס ווערט אין זיין לויפן געפּלעפּט,

וואויל דעם געטראָפענעם אין מיטן זיין לויף,
וואויל ווער געפאַלן אין גאַס, אין זיין הויף,
אין זיין שטוב, אין זיין בעט, אויף די טרעפּ פון זיין הויז —
געשטאָרבן און כאָטש ניט באַגראָבן — און — אויס!

ד

אויס... אויס... ווער מאַכט שלום מיט אַט אַזאַ טויט?
אַ חלבן ליכטל גייט אויס מיט איר קנויט,
אַ מענטש אָבער, טאַטע אין הימל, ביין, ביין!
אַ מענטש לאָזט דאָך איבער אויף דר׳ערד זיין געביין!

אַ מענטש דאַרף דאָך האָבן זיין בערגעלע שטויב,
צו לאָזן אַ טרער דאָרט, אים זאָגן זיין לויב...
זיין נאָמען אַראָפּלייענען ווער פון זיין שטיין —
דערלאָז ניט, רבונו של עולם, אָ, ניין,

לאָז זיי ניט וואַלגערן זיך אויפן ברוק —
דו קוקסט אויף די לעבעדיקע יידן ניט, קוק

אויף די טויטע... די טויטע זיי הויבן אַרויף
פאַרלאָשענע אויגן צו דיר, צום אײן סוף —

באַטראַכט זיי, די טויטע, די ייִדן — ווי, ווי...
עס זײַנען דאָך פול אַלע גאַסן מיט זיי,
גאַנץ לובלין! אַלע גאַסן און סקווערן און מערק,
עס וואַלגערן מתים זיך ייִדישע — בערג!

געהרגעטע אַלע, געטויט אָן אַ צאָל,
און אַלע זיי שרייען צו דיר אין איין קול:
„דו העלפסט ניט ביים לעבן אונדז, אין אונדזער נויט,
טו חסד מיט די, גאָט, וואָס זײַנען שוין טויט!"

ה

דער רבי — ער לאָזט שווער אַרונטער זײַן קאָפּ —
און טרערן ווי באָב קאָפּען שווער אַראָפּ...
וואָס וויינט ער, דער רבי? און וויינט ער — פאַרוואָס
לאָזט ער דעם קאָפּ טיף אַרונטער? ניט לאָז

אָ, אַראָפּ אים, הויב אויף זיי די אויגן און וויין!
און זאָלן די ווענט אין דײַן צער דאָ צעגיין...
און זען זאָלן אַלע, דײַן פּולע, דײַן טרער —
אַ לאָז ניט אַראָפּ אים, דעם קאָפּ דײַנעם שווער...

טאָרסט שטיל ניט באַווייִנען דאָס וואָס ס'איז געשען,
באַהאַלט זי, די טרער ניט, אַ זאָל מען זי זען...
הערשטיק ניט דײַן קרעכץ טיף, דײַן שמאַרץ ניט באַהאַלט —
צעקרעכץ אויפן קול זיך און וויין מיט געוואַלד!

שריי אויס וויט דעם ווייטיק, רוף הויך אויס די בראָך —
דײַן געוואַלד שפּאַלט די ערד, מאַכט אין הימל אַ לאָך...
דער טיוול שפּרינגט אויף טיף און גאָט קומט אַראָפּ —
אָ, לאָז ניט אַרונטער, דעם שווערן, דעם קאָפּ,

דײַן טרער אין אויג אָפּן, דײַן טרער ניט פאַרשטעלט —
זאָל אויפטרייסלען גאַנץ איר, דער זינדיקער וועלט,

אָ, זאָל זי דערזעען זיך די וועלט אין דיין טרער —
אָ, לאָז ניט אַראָפּ אים, דעם קאָפּ דיינעם שווער.

ו

דער רבי צעווייגט זיך ... אָ, וויין ניט, פאַרשטעל!
פאַרשטעל דיר דאָס פּנים, ניט זען זאָל׳ס די וועלט...
די וועלט, אך די וועלט! די וועלט נעבעך — אך
זי קען, חס ושלום, פאַרשעמט ווערן נאָך...

אַ מעשה זיך אָנטאָן, חלילה וחס —
פון אָפּטאָן דעם גרויל פון צוזען דעם שפּאַס...
ס׳געוויסן קען אָנהויבן פלאָגן איר — איי!
ס׳געוויסן, דער וועלטס — נאָר עס האַלט ניט דערביי...

דייטשן זיי מאַכן׳ס, די וועלט קוקט זיך צו —
אָ, ווער פון זיי ביידן איז ערגער? זאָג, דו!
ניין, הויב אים דעם קאָפּ ניט דעם שווערן, ניין, ניין!
און זאָל זי ניט הערן די וועלט, דיין געוויין!

ניט שפּיגלען אַ שמוציקע זיך אין דיין טרער,
ז׳האָט ליב נביאים, די זינד ליבט זי מער.
עס ווייסלט איר אויג זיך, דער נפש איז שוואַרץ,
זי זינדיקט און קלאַפּט זיך בעת מעשל אין האַרץ,

און גראָב איז איר טראַכטן און איידל איר שפּראַך,
אין האַרץ זיבן גרוילן, אין האַנט דער תנ״ך...
אָ, הויב ניט דעם קאָפּ אויף, אָ, הויב אים ניט, ניין!
און זאָל זי ניט זען דיך, די וועלט, ווי דו וויינסט.

ז

די וועלט, אך, די וועלט ... ווער טראַכט פון דער וועלט,
ניטאָ, ניט קיין סימן פון איר אין געצעלט,
דעם רבינס געצעלט לאָזט דערווייל זי צורו,
ניטאָ דאָרטן קיינער, נאָר גאָט ברוך הוא.

דער רבי, דער רבי — ער האָט זיך צעוויינט,
צעווייִנט זיך פאַר גאָט און עס איז אַלץ איינס
צי זעט זי די וועלט אים, צי זעט זי אים ניט —
ער לייקנט די וועלט אָפּ, דער נסתר דער ייִד.

ער לייקנט אין איר ווי זי לייקנט זיין גאָט
פאַר וועלכן ער וויינט איצט, פאַר וועלכן ער האָט
פאַרוואָרפן דעם שטאַרן, צעוויטיקטן קאָפּ,
ער הויבט אים פאַרצווייפלט און לאָזט אים אַראָפּ.

ער קען ניט, דער רבי, ניט צוזען גאָטס־פּיין,
ער קען אים ניט קוקן אין פּנים אַריין,
אין פּנים פאַרוואָלקנט, זיין האַרץ פאַרקלעמט —
דער אויבערשטער, נעבעך, ער האָט זיך פאַרשעמט.

דער רבי וויינט שטילער, מען הערט קוים זיין שטים
ער האָט, דער ראַדזינער, רחמנות אויף אים,
ער וויינט — און גאָט שטיקט זיך, הייס, הייס מיט זיין טרער —
און ס׳לאָזט דער ראַדזינער דעם קאָפּ אַראָפּ שווער.

ח

באַלד קומט אַ שליח פון וואַרשע געשיקט —
מען לאָזט שטיל אַריין אים, ער וואַרפט שטום אַ בליק
אויפן רבין... דער רבי — געבראָכן אַ זייל —
ער זעט אים ניט, הערט ניט... ער וואַרט נאָך אַ וויל

און גייט צו צום רבין און זאָגט שטילערהייט:
פאָר, רבי, קיין וואַרשע, דער אויטאָ שטייט גרייט.
ער איז אַ פאַרמאַכטער און זיכער ביז גאָר...
„איך פאָר ניט קיין וואַרשע!״ „פאָר, רביני, פאָר!

דער אויטאָ איז דאָ שוין, ער שטייט פאַרן הויז,
דער שאָפער אַ דייטש... קוק, רבי, אַרויס,
און פאָר, פאָר קיין וואַרשע מיט אונדז, וואַרשע וואַרט...״
דער רבי איז בייז שוין, ער ענטפערט אים האַרט,

„איך פֿאָר ניט קיין וואַרשע!״ — „פֿאָר, רבינו, פֿאָר!
דער אויטאָ איז גרייט שוין און געלט האָב איך שפּאָר,
כאָטש זיכער דער וועג, די סכנה ניט גרויס —
נאָר טאָמער אַן אומגליק — מיר קויפֿן זיך אויס.

מיר ברענגען איך, רבי, קיין וואַרשע, זי גאַרט
זען איך... איך האָבן ביי זיך... וואַרשע וואַרט...״
„איך פֿאָר ניט, איך פֿאָר ניט קיין וואַרשע!... איך האָב
אַ לויה״... און ס׳פֿאַלט אים דער קאָפּ שווער אַראָפּ.

ט

„אָ, רבי, דער אויטאָ ער שטייט ביי דער טיר.
און וואַרשע קוקט אויס דיר, אָ, רבי... ווי מיר!״
„וואַרשע קוקט אויס מיר, וואַרשע די שטאָט!
איך פֿאָר ניט! אַליין ווען עס הייסט מיר מיין גאָט!

ווען איך, איך בין יונה הנביא, איך וואָלט
געגאַנגען קיין נינוה... יאָ, איך וואָלט געוואָלט
ראַטעווען נינוה, די גויים, פּיפּי —
וואַרשע איז אָבער ניט זינדיק ווי זי...

וואַרשע, מיין וואַרשע — זי דאַרף דאָך מיך ניט,
וואַרשע וויל ראַטעווען איינעם אַ ייד,
וואַרשע וויל ראַטעווען מיך גאָר, זי וויל
אַוועקפֿירן מיך אויף דער גיך, אין דער שטיל,

זי שיקט מיר אַן אויטאָ און געלט צו... אַהער!
אַהער גיב דאָס געלט מיר און מערער גיב, מער!
איך דאַרף זיי די געלטער אַ סך, גאָר אַ סך —
זיי זאָלן מיר צושיקן געלטער מיר נאָך...

כ׳דאַרף ראַטעווען טויטע... אַ טויטער אַ ייד
לעכצט נאָך אַ קבר, וויל ווערן פֿאַרשיט...
וויל האָבן מנוחה... אַריין אין זיין רו —
קבורה־געלט, יידן, שיקט קבורה־געלט צו!״

י

דער שליח פאַרשווינדט ווי געקומען — געהיים —
דער רבי — ער אויך איז אַוועק פון זיין היים,
דער רבי האָט איבערגעטאָן זיך אויף גיך —
אַ לעדערנע קורטקע פאַרוואָרפן אויף זיך,

פאַרוויקלט אַ רויטן אַ שאַל אַרום האַלדז —
אַ גלאַנציקן דאַשעק און שטיוול — דאָס אַלץ,
גויישע קליידער — אַ גוי הויך און בלאָנד,
די רביצין האָט ניט דעם רבין דערקאָנט!

דער רבי, דער רבי, ער האָט זיך פאַרשטעלט,
ער נעמט אויף די פּלייצעס אַ זאַק פול מיט געלט,
און גייט מיטן זאַק אויף די פּלייצעס אַרויס
שטיל — ניט געזען ניט געהערט פון זיין הויז,

און שפּרייזט דורך די וולאָדאַווער גאַסן אַזוי —
צי איז עס דער רבי? צי איז עס אַ גוי?
רבי, וואו גייסטו? אָ, זאָג, וואו אַהין?
אין דערפער, אויף וועגן אַרום, ביי לובלין,

אין פעלדער אין וויסטע, אין וועלדער — קוק, קוק,
אָט שטייען וואַגאָנעס פאַרמאַכטע — אַ צוג.
די טויטע וואַגאָנעס — ווער עפנט זיי אויף?
און ווער? ווער פאַרקויפט מיר די מתים? איך קויף!

יא

איך קויף! עפנט אויף די וואַגאָנעס פאַרשפּאַרט
און ברענגט מיינע טויטע צו מיר דאָ, איך וואַרט.
דער צוג שטייט אין פעלד דאָ כמעט שוין אַ וואָך,
עס הערט זיך פון דאָרטן קיין קרעכץ ניט, קיין אָך.

אַ טויטע אַ שטילקייט הילט איין דעם צוג, העי!
פאַרקויפט מיר די טויטע, פאַרהאַנדלט מיר זיי!
איך וויל ניט בחינם, באַצאָלט ווערן זאָל
איטלעכער מת וואָס איר ברענגט מיר... איך צאָל

דריי הונדערט גילדן פאַר איטלעכן מת,
געפינט איר אַ ייד דאָרט וואָס איז על פּי נס
געבליבן ביים לעבן — כ׳באַצאָל פאַר אים מער —
איר גיט מיינע יידן אַרויס מיר אַהער!

אַ טויטן, אַ לעבעדיקן — גיט זיי אַרויס,
דער צוג ציט, ציט לאַנג זיך, אי לאַנג און אי גרויס,
לאַנג, ווי דער גלות און גרויס ווי די וועלט,
איך גיב אַוועק גאַנץ דעם זאַק פול מיט געלט.

פאַר טויטע, פאַר יידן וואָס לעבן דאָרט נאָך,
דער צוג שטייט אין פעלד דאָ כמעט שוין אַ וואָך —
עפנט אים אויף זיין פאַרמאַכטן, זיין שויס
און גיט מיינע יידן מיר, גיט מיר אַרויס!

יב

עס האָט זיך דעם רבינס דער רוף שטילערהייט
אין דערפער פאַרוואָרפן, אויף וועגן פאַרשפּרייט,
און אָרעמע פויערים קוקן זיך אָן —
און גנבנען זיך צו פון וואַגאָן צו וואַגאָן.

דער קומט צו פון דאַנען און דער פון אַ זייט
און רייסט שנעל די פלאָמבע אַראָפּ און באַפרייט
די טויטע פון וואַגאָן, ציילט איבער די קעפּ —
און פרייט מיט אַ ייד זיך וואָס לעבט נאָך, וואָס לעבט.

עס איז ניט דער שימער פון לעבן וואָס האָט
דערפרייט אים, ניט ס׳לעבן געשאָנקען פון גאָט...
עס איז גאָר דער שימער, דער גלאַנץ פונעם גאָלד,
אַ ייד, אויב ער לעבט נאָך — ווערט טאָפּלט באַצאָלט!

דערצו מוז אַ טויטער שווער ווערן געשלעפּט...
אַנדערש גאָר איז מיט אַ יידן וואָס לעבט!
מען עפנט נאָר אויף דעם וואַגאָן שטילערהייט —
הויבט ער זיך וואַקלענדיק אויף און ער גייט.

מען האַלט אים נאָר צו און כאַטש — אַט, אַט ער פאַלט!
די לעדערנע קורטקע דערזעט אים און שטראַלט
און עפנט דעם זאַק אויף — דעם ייִד גיב אַהער!
אַ שאָד וואָס די לעבעדיקע זיינען ניט מער!

יג

די לעדערנע קורטקע, די שטיוול די פּאָר,
דער גלאַנציקער דאַשעק, דער בלאָנדער קאָפּ האָר!
דער וואוקס, און די אויגן די קלאָרע העל־בלוי —
צי איז עס דער רבי? צי איז עס אַ גוי?

ער שטייט פאַרן וועלדל, דאָס וועלדל שוואַרצט,
דער רבי ער האָט זיך די אַרבל פאַרשאַרצט!
אין האַנט די לאָפּאַטע, געבויגן דעם קאָפּ,
מיט די ייִדן געראַטעוועט ערשט, און ער גראָבט.

צוזאַמען מיט זיי גראָבט ער קברים דאָרט אויס,
אַ וועלדעלע קליין, אַ בית־עולמל גרויס,
מען טראָגט זיי די טויטע און נאָך זיי און נאָך
זיי ליגן ווי אָפּגעהאַקטע ביימער, אין מאָך,

זיי ליגן און וואַרטן, אַ קבר אין וואַלד
גראָבט זיך ניט גיך אַזוי, ניט אַזוי באַלד,
די צאָל פון די מתים אין וועלדל — וואַקסט,
די אויגן פאַרגלייזטע, די פּנימער וואַקס,

דער מתים־באַרג וואַקסט הויך אין הימל אַריין,
דער זאַק מיטן געלט פול גייט ביסלעכווייז איין,
דער לעצטער דער קדוש, מען טראָגט שוין ניט מער —
דער זאַק אויסגעליידיקט, ליידיק און לער!

יד

דאָס האָט פון באַגינען געדויערט ביז שפּעט —
מען זעט זיי די בערגעלעך ערד נאָך, מען זעט,

מען ליגט, כאָטש באַזונדער און נאָענט אַזוי נאָענט,
און ס׳רעדט יעדעס בערגל און מאָנט וואָס און מאָנט.

מיר מאָנען ניט גאָרניט, מיר ליגן באַרוט —
געשטאָרבן, באַגראָבן, עס איז אונדז שוין גוט...
שוין, שוין... דאַנקען גאָט, אָפּגעקומען די שטראָף.
די בוימער זיי שאָקלען זיך איבער זיי: שלאָפט!

יידן מיליאָנען דערשטיקט און פאַרסמט
וואָלטן זיך ווינטשן אַזאַ הייפל זאַמד...
מען האָט אייך צו קבר ישראל געבראַכט —
שלאָפט זשע... פינצטער פאַלט צו באַלד די נאַכט,

און שטילער די פיין שוין און שטומער דער ווי —
יתגדל! אָ, ווער? ווער זאָגט קדיש נאָך זיי?
דער רבי, דער רבי זאָגט קדיש, ער זאָגט.
אַ ווינט, בלינד, ניט זעעודיק קומט און צעטראָגט

די ווערטער די טרויעריקע וויט און געשווינד
און ס׳ענטפערן יידן אָפּ אָמן אין ווינט.
אַליין דער ראַדזינער, דער רבי אַליין —
דער רבי זאָגט קדיש און עמעצער וויינט...

טו

ווער וויינט עס? ווער וויינט עס אַריין אין דער נאַכט?
מיר האָבן דאָך אונדזערע טויטע געבראַכט
צו קבר ישראל און איר, איר לעבט —
וויינט ניט און לאָזט ניט אַרונטער די קעפּ...

מיר וויינען ניט, רבי, מיר פרייען זיך שטום,
באַגראָבענע קדושים — קומען ניט אום —
אַ מאָמעס אַ טראַכט צי אַ בערגעלע ערד,
מיר פרייען זיך, רבי, וואָס אונדז איז באַשערט

געראַטעוועט ווערן און העלפן אייך, יאָ,
ברענגען צו קבר ישראל זיי דאָ...

מיר פרייען זיך רבי... און בלייבן שטיל
נעבן דעם רבין אין נאַכט טיף געהילט...

דער רבי — ער קאָן אָבער רואיק ניט זיין
ער לייגט צו אַן אויער און הערט, הערט זיך איין:
עמעצער וויינט דאָ... די טויטע דאָך ניט,
די לעבן־געבליבענע זיצן דאָ מיד,

די פויערים זיינען אוועק שוין אַהיים —
ווער וויינט, און פאַרבאָרגן אַזוי און געהיים?
צי קומט פונעם באַרג עס, צי קומט עס פון טאָל?
דער רבי גייט נאָך, נאָכן וויינענדיקן קול...

טז

ער זעט ניט דעם וועג... נאָר ער פילט, ער פאַרשטייט,
ער וויס אים, דער רבי, דעם וועג ווי ער גייט,
ער גייט עס צום צוג צו, ער שטייט נאָך אין פעלד —
און אָט — די לבנה האָט פלוצלונג פאַרהעלט,

ז׳אַרויס פון אַ וואָלקן געדיכט און באַשטראַלט
דעם איינזאַמען צוג מיט אַ ליכט בלאַס און קאַלט,
וואַגאָנען ווי קברים געעפנט און הויל,
יעדער וואַגאָן מיט זיין אָפענעם מויל,

דער רבי באַטראַכט אים ביים בלאַסן ביים שיין:
ניטאָ דאָרטן קיינער און ווי ס׳וואָלט ווער דאָרט זיין!
אינווייניק וויינט ווער, דער רבי פרעגט אָן:
ווער וויינט דאָרט? זאָג, ווער! און אַריין אין וואַגאָן,

געשטעלט אין דעם פינצטערן ווינקל זיך דאָרט,
פאַרשוויגן אין ווייטיקן, איינזיכגעהאָרכט
צו דעם רבונו של עולמס געוויין.
דער רבי איז לאַנג נאָך געבליבן דאָרט שטיין

אין לײדיקן פינצטערן טיפן וואַגאָן —
דער רבי ער האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן,

צום אויבערשטנס וויינען זיך צוגעהערט דרייסט,
געשוויגן און ניט מיט קיין וואָרט אים געטרייסט.

יז

ער וועט נישט זיין אויבערשטן טרייסטן אין פּיין,
ר׳דאַרף בילכערע פּיל מנחם אבל צו זיין!
יידן פאַרשעמט און צעקלעמט אויף גאָטס ערד —
דער רבי שטייט אַלץ נאָך און הערט נאָך און הערט.

רבי, דו שטייסט אויף איין אָרט... דו פּרואוו גיין
און הער אים אין צווייטן וואַגאָן דעם געוויין,
אין דריטן, אין פערטן און ווייטער — גיי הער
וואָס אַ וואַגאָן אַלץ ביטערער די טרער,

אַלץ גרעסער דער ווייטיק, אַלץ טיפער די קלאָג,
הער צו זיך און זאָג אים ניט גאָר ניט, ניט זאָג!
דו דאַרפסט אים ניט טרייסטן און טרייסט אויך נישט די
וואָס דאַרפן אַ טרייסט נעבעך... ס׳איז נאָך צו פרי.

דער רבי ער גייט פון וואַגאָן צו וואַגאָן
און זאַפּט מיט דעם אויבערשטנס טרערן זיך אָן
און טיף מיט זיין צער און גרויס מיט זיין שרעק.
פאַרטאָג איז דער רבי צום ווערלדל אַוועק.

די יידן געראַטעוועט האָבן געוואָרט,
געוואָרט אויפן רבין, ער זאָגט צו זיי האַרט:
„קיין וולאָדאַווע, יידן", און זאָגט גאָר נישט נאָך,
ער לאָזט זיך אין וועג באַלד, זיי גייען אים נאָך.

6.1.43

יח

דער רבי ז׳אין שטאָט — און די זון האָט פאַרשיינט,
ער בלייבט פאַר זיין הויז שטיין און גייט ניט אַריין,

ער קלאַפּט אין דער טיר אָן אין איילעניש גרויס:
„טראָגט מיר מיין טלית ותפילין אַרויס!

דעם קיטל דעם ווייסן, און ברענגט אים אין שול...״
די שול איז געוואָרן מיט איינמאָל פאַרפולט!
דער עולם צעשראָקן: דער רבי — ווי, ווי —
איז בלאַסער און מער צעשראָקן ווי זיי...

ער שטייט, שטייט ביים ארון הקודש און וויל
וואָס אויסרופן הויך דאָ אין שול און בלייבט שטיל,
ער האָט וואָס דערהערט היינטער זיך און בלייבט שטיין,
דאָס זעלבע וואָס נעכטן... דאָס זעלבע געוויין

וואָס אין די וואַגאָנעס, וואָס נעכטן ביינאַכט
וויינט עמעצער אין ארון־קודש פאַרמאַכט.
דער רבי דרייט אום זיך צום קודשא בריך הוא
און שרייט אין פּרוכת, שרייט: „וויין ניט, ניט דו!

דו וויינסט דאָ אין ארון, אין יעדן וואַגאָן —
וויין ניט! דו דאַרפסט עפּעס אַנדערש איצט טאָן!
מיר! מיר וועלן וויינען...״ ער דרייט זיך אום גלייך:
„יידן! איך בין גוזר תענית אויף אייך!״

7.1.43

יט

דער רבי וויל זאָגן וואָס נאָך, און פאַרשטומט,
דער עולם, ער ווייס שוין פון וואַנען ער קומט,
און דאָס וואָס עס טוט אין זיין האַרץ זיך, ער ווייס,
און יידן אין שול — זיי צעוויינען זיך הייס

און שטיל ווערט אין ארון... אַ גאַנצע אַ שטאָט
מיט יידן געפּייניקט וויינט שטאַרקער פון גאָט!
מען זעט דעם ים טרערן פון וואַנען און וואו
ער רינט שווער אַרונטער... מען דאַרף ניט דערצו

זיין הייליק אַ רבי... דער רבי אַליין
צעווײנט זיך מיט יידן ביי זייער געוויין,
ער שווייגט ניט פאַרעקשנט אַזוי... מיט אַ ייד
ברעכט דער ראַדזינער זיך איין און וויינט מיט.

זיי וויינען צוזאַמען די גאַנצע, די שטאָט.
אַ, גרויסער, אַלמעכטיקער, יידישער גאָט,
דו ביסט אים מקנא, דעם עולמס געוויין?
ווילסט ווי ער הייס אַ וויין טאָן און קענסט עס ניט, ניין...

שאַ, שטילער, אַ דייטש רייסט אין שול זיך אַריין —
דער רבי! ער טאָר אַ מינוט דאָ ניט זיין!
מען מישט מיט דעם עולם אים אויס און אַרויס —
איין גאָט בלייבט אַליין דאָרט און וויינט שטיל אין זיין הויז.

כ

דער גוזר־תענית זיין פליט, פאַרפליט העט!
אַ תשעה באב ניי איבער שטעטעלעך און שטעט,
יידן אין געטאָס פון נאָענט און פון ווייט,
האָבן באַנייט אים, דעם תענית באַנייט.

לובלין איז ניטאָ שוין, פאַרלענדט און פאַרניכט,
מען פאַסט שטום איר תענית, מען צינדט פאַר איר ליכט,
איר שר, דער ראַדזינער איז אויך שוין ניטאָ,
דער דייטש האָט דערוואוסט זיך פון תענית און האָט

גערופן דעם רבין אויף אַ פאַרהער —
און ער איז אַהיים ניט געקומען שוין מער.
די רביצין האָט אים געוואָרנט: „ניט גיי!"
דער רבי קוקט אָן איר און גיט אַ געשריי:

„זיי וועלן מיך טויטן, יאָ!" זאָגט ער איר האַרב
און באַלד מיט אַ בענקשאַפט: „אַך, ווען איך שטאַרב,
ווי רבי עקיבא — מען קאַמט מיר מיין לייב
מיט אייזערנע קאַמען... ניט זינדיק, מיין ווייב,

ווי רבי עקיבא... למען השם,
וויין ניט!... אַך ווען איך בין זוכה צו דעם,
פֿאַר מיינע יידן, פֿאַר גאָט... אַזאַ גליק!"
און ער איז אַוועק, ניט געקומען מער צוריק.

7.1.43

וועגן מאַקס עריקס אָפּהאַנדלונג
„יוסף אָפּאַטאָשוס טרילאָגיע"

די אָפּהאַנדלונג פון מ. עריק וועגן יוסף אָפּאַטאָשוס טרילאָגיע („די פּוילישע וועלדער", „1863", און „אַליין"), וואָס מיר גיבן דאָ איז אָנגעשריבן דורך מאַקס עריק (1898־1937) אין ווילנע אין יאָר 1928, ווען ער איז נאָך קיין 30 יאָר נישט אַלט געווען. זי איז פּאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם זשורנאַל „יידישע וועלט" (וואַרשע, אויגוסט־נומער 1928, דאַטירט יוני 1928). אין אַ בריוו צו יוסף אָפּאַטאָשו (פון 19טן סעפּטעמבער, ווילנע 1928) שרייבט מאַקס עריק: „...איך בין זיך משער, אַז איר זייט ווייט ניט צופרידן פון מיין אַרטיקל וועגן אייער טרילאָגיע. ס'איז אָבער געשריבן מיט אַ סך ליבע צו אייער שאַפן און מיט אַ סך דרך־ארץ פאַר אַ טיטאַנישן געראַנגל צווישן אַ כמעט אומענדלעכן שטאָף. פון דאַנען איז די מורא, אַז איר זאָלט נישט פאַרבלאָנדזשען און נישט פאַרלירן די פּערספּעקטיוו. איך לייג גאָר שטאַרקע האָפנונגען אויף אייך („זאַמלביכער", ניו־יאָרק 1952, ז' 8, ז' 115).

די אָפּהאַנדלונג וואָס מיר דרוקן זי דאָ געטריי ווי זי איז געשריבן געוואָרן, באַווייזט אונדז נישט נאָר יוסף אָפּאַטאָשון, דעם קינסטלער און זיין גרויסן פאַרמעסט פון יענע יאָרן, נאָר אויך מאַקס עריקן, דעם קרעפּטיקן, פּרעכטיקן שאַצער־אָפּשאַצער פון י. אָפּאַטאָשו וועגן זיין אָרט און ראָלע אין דער יידישער ליטעראַטור פון די 20ער יאָרן פונעם היינטיקן י"ה. עס זיינען אויך זייער אינטערעסאַנט מ. עריקס וויכטיקע טרעפלעכע אַרויסזאָגונגען וועגן די דריי הויפּט־עטאַפּן און הויפּט־עלעמענטן ביי אָפּאַטאָשון פון יענער צייט, זיינע זוכענישן און דערגרייכונגען, ווי אויך — זיינע שטרויכלונגען. גאָר באַזונדערס און פון גרויס באַדייטונג זיינען מאַקס עריקס פאַרגלייכן, וואָס ער מאַכט אין דער אָפּהאַנדלונג, מיט אַנדערע יידישע און נישט־יידישע שרייבער, די השפּעות פון מענדעלע, שלום־עליכם און בעיקר — י. ל. פּרץ, און די אַנאַלאָגיעס מיט שלום אַש, י. מ. וויסענבערג און דוד בערגעלסאָן. אויך וויכטיק זיינען די געדאַנקען וועגן די באַריר־פּונקטן און איינפלוסן פונעם „יונגן פּוילן", וואָס עריק ווייזט אָן אין פאַרשיידענע אָפּאַטאָשו־ווערק. און פאַר אַ פּאַרטיפטע באַווייזן־אָנווייזן אויף השפּעות פון בזשאָזאָווסקי, זשעראָמסקי, — און די אַנדערשקייטן צווישן אָט די פּוילישע קינסטלער מיטן יידישן אָפּאַטאָשו!...

מערער וועגן מאַקס עריקס לעבן און וועגן זיינע וואָגיקע ווערק, סיי די פון געשיכטע פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, און סיי — וועגן זיינע אינטערעסאַנטע קריטישע עסייען און אָפּהאַנדלונגען, — זע צווישן אַנדערע אין „יידישע קולטור", פעברואַר און מערץ 1964. —

דער יידישער לייענער, נישט נאָר דאָ ביי אונדז אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אין דער גאָרער וועלט, ווייסן זייער ווייניק וועגן דעם לעבן און שאַפן,

לעבן און פֿאָרשן, און וועגן פּריצייטיקן אומזיניקן און טראַגישן טויט פֿון אַט דעם זעלטענעם יידישן פֿאָרשער און קריטיקער, וואָס נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיין לעבן איז אַזוי יונג און אַזוי ברוטאַל איבערגעריסן געוואָרן, האָט ער אי־בערגעלאָזט אַ רייכע ליטעראַרישע ירושה.

זאָל אַט די פֿאַרעפֿנטלעכטע מאַקס עריק־אָפּהאַנדלונג זיין אַן אָנדענק, און אַרויסרופֿן אַן אינטערעס צו דעם גרויסן, באַדייטנדיקן יידישן פֿאָרשער־קריטיקער, וואָס איז אומגעקומען אין דער סאַמע רייפֿסטן פּעריאָד פֿון זיין לעבן און פֿאָרשן און פֿון זיין פֿאַרמעסטן זיך אויף אַל־נייע ווערק.

רעד.

ניו־יאָרק, מערץ 1964.

מאַקס עריק

יוסף אָפּאַטאָשוס טרילאָגיע

„די פוילישע וועלדער" שטייען נאָך אַלץ אין צענטער פון אָפּאַטאָשוס שאַפן, דער שאַטן פונעם גרויסן ווערק פאַרשטעלט נאָך אַלץ וויכטיקע געביטן פון אָפּאַטאָשוס קינסטלערישער אַנשטרענגונג. אַזוי איז אַמאָל געבליבן אין טונקל דער ציקל דערציילונגען פונעם ניו־יאָרקער געטאָ; אַזוי גייען איצט אַדורך נישט באַמערקט די „זייטיקע וועגן", אָפּאַטאָשוס נאָוועלן פונעם לעצטן פעריאָד, און משמעות אויך „די טענצערין", אָפּאַטאָשוס לעצטער ראָמאַן. צי וועט שוין אָפּאַטאָשו טאַקע פאַרבלייבן דער „בעל הפוילישע וועלדער"? ס'וואָלט געווען אַ שאָד.

די ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן אָפּאַטאָשוס זיינען געווען די דערציילונגען, וואָס גרופּירן זיך אַרום דעם „ראָמאַן פון אַ פערד־גנב" (1915־1910). אין אַן אינטערעסאַנטן אינטערוויו („מאָמענט", 1928, נומ. 138) האָט אָפּאַטאָשו מיט אַ קורצער צייט צוריק אַזוי אָפּגעשאַצט דעם דאָזיקן פעריאָד: „די דאָזיקע צווי זאַכן („קאַטערינשטשיקעס" — 1910 און „אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גנב" — 1912. — מ. ע.) זיינען געווען די ערשטע שריט פון מיין ליטעראַרישער אַרבעט. איך האָב דערביי נישט געקוקט בלייבן שטיין. די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור: מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ א. אַ. האָבן די דאָזיקע סביבה שוין געהאַט באַשריבן, און איך האָב גענומען גיין אין דער טיף פון יידישן לעבן, כדי זיך נישט איבערצוחזרן. איך האָב געגעבן „פון ניו־יאָרקער געטאָ"... „ניו־יאָרקער געטאָ" איז טאַקע אַ ראַדיקאַלער קער אין אַ גאַנץ נייער ריכטונג. די דריי וויכטיקסטע זאַכן פון אָט דעם ציקל דאַטירן זיך אַזוי: „מאָריס און זיין זון פיליפּ" — 1913, „ניו־יאָרקער געטאָ" — 1914, און „לילי" — 1915. אָבער שוין אין 1915 הייבט זיך אָן די אַרבעט אַרום די „פוילישע וועלדער". אָפּאַטאָשו קומט צוריק צום לאַנדשאַפט, אַטמאָספער, און טעכניק פון די ערשטע זאַכן. ער קערט זיך אויס מיט די פּלייצעס צו דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט, פאַרלאָזט איר פּרוקטבאַרן באָדן, און דער קער איז ווידער אַמאָל אַ שאַרפער און ראַדיקאַלער. און ס'איז גאָר לייכט צו דערוויזן, אַז די „פוילישע וועלדער" וואַקסן אַן, ווי אַ המשך פון דעם ציקל „ראָמאַן פון אַ פערד־גנב". פאַראַן דאָ אַ נאָוועלע, „קאָנטראַבאַנדיסטן", וואָס וועט כמעט אָן ענדערונגען אַריין אין דעם צווייטן טייל פון די „פוילישע וועלדער" — „1863". אין אָט דער נאָוועלע (1915) פירט אַריין אָפּאַטאָשו אין דער יידישער ליטעראַטור דאָס ערשטע מאָל די טראַגישע פיגור פון מענדל קאָצקער. ווייטערדיקע צווי נאָוועלן „אין וואַלד" און „דער משפט" (1914) פירן אַריין אין די ליפּאָווצער וועלדער, און די וויכטיקסטע עלעמענטן פון ביידע נאָוועלן זיינען, לויט דער שטימונג און לאַנדשאַפט, עסקיזן צו

די ערשטע קאַפּיטלעך פון די „פּוילישע וועלדער”. אין יענע יאָרן, האַרט פאַר דער מלחמה, זאָל שוין אָפּאַטאָשו האָבן אָנגעשריבן „אַליין”, אַ נישט־געראָטן קינד, וואָס איז פאַרויסגעגאַנגען דער גרויסער טרילאָגיע.

אַ סך וויכטיקער איז אָבער די ליטעראַרישע אַטמאָספער, אין וועלכער ס׳זיינען געבוירן געוואָרן אָפּאַטאָשוס זאַכן פון אָט דעם ערשטן פּעריאָד. מען קאָן אָפּאַטאָשוס דערמאָנטן אינטערוויו אַזוי פאַרשטיין: די ערשטע זאַכן זיינען געווען אין גייסט פון די טראַדיציעס פון דער יידישער פאַרמלחמהדיקער ליטעראַטור, „ביו־יאָרקער געטאָ” איז אין אַ סך הינזיכטן געווען אַ ראַדיקאַלער אָפּקער פון אָט די טראַדיציעס. עס איז אַזוי. דער דאָזיקער ווירקונג־קרייז, די טראַדיציעס און השפּעות, וואַרפן זיך אין די אויגן. פון אונדזערע דריי קלאַסיקער איז אין אָפּאַטאָשוס שאַפן קענטיק בלויז פּרצעס השפּעה און נוסח. נישטאָ קיין שפּורן נישט פון מענדעלע (וואָס איז נאַטיר־לעך, ווארעם שוין סוף 19טן יאָרהונדערט איז מענדעלעס השפּעה געווען אַ מי־נימאַלע), נישט פון שלום־עליכם. אפשר בינדט זיך דאָס מיטן פאַקט, אַז פּרץ איז צווישן די דריי קלאַסיקער דער פּוילישער ייד. ווארעם אויך די צוויי אַנדערע שרייבער, וואָס אין זייער חדר איז געגאַנגען דער יונגער אָפּאַטאָשו, זיינען פּוי־לישע יידן. דאָס זיינען אַש און וויסענבערג. דער „ראָמאַן פון אַ פערד־גנב” איז טאַקע קאָמביגירט פון אַשישע און וויסענבערגישע שטימונג־שטאָפן: דער אַשישער מאָטיוו פון דער „יאַטישער טאָכטער”, פונעם יונג פונעם קוילער־געסל, וואָס טראַכט וועגן תשובה טאָן און לייטיש ווערן, — דער וויסענבערגישער „טאַטע מיט די בנים”, שלמה קראַדניק און זיין זון זאַנוול. אַשיש קלינגט, למשל, אַזאַ זאַץ: „זאַנוול באַשליסט פון מאָרגן אָן צו ווערן אויס גנב, נישט גריסן זיך צו זיינע באַקאַנטע און אין אַ קורצער צייט אַרום וועט די שטאָט וויסן, אַז זאַנוול איז געוואָרן אַן ערלעכער ייד”... גאָר קיין וואונדער נישט, אַז עטלעכע יאָר שפּעטער האָט אַש מיט אַזאַ לייכטקייט רעקאַפּיטולירט אָפּאַטאָשוס טעמע פון זיין „מאָטקע גנב”.

אָבער אויך „די פּוילישע וועלדער” האָבן נישט צעריסן מיט די טראַדיציעס פון דער פאַרמלחמהדיקער יידישער ליטעראַטור. געשריבן אין דער צייט פון דער מלחמה, געהערן זיי גיכער צום אָקאָרשט־אָפּגעלאָפענעם פּעריאָד פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. ווי אַן אָרגאַנישער המשך פון אַשס „שטעטל” לייענט זיך די ערשטע סצענע פון די „פּוילישע וועלדער”, ווי מען חשבונט זיך חנוכה־צייט מיט קרייד אויף דעמבאָווע טישן, מען עסט געבראָטענע קאַטשקעס, מען קריגט זיך אויף וואָס די וועלט שטייט, מען שליסט שידוכים צווישן זיך און מען צעפּאָרט זיך. און מרדכיס פֿאָטער ר׳ אברהם, דער ייד אין די פופציקער, דער נגיד, פון יענע יידן, „וואָס האַלטן קיינמאָל נישט געלט אין אַ בייטל, שיטן עס אין די הויזן־קעשענעס אַריין, עס זאָל קלימפּערן, מען זאָל לייכטער קאָנען געבן אַ נדבה און מיט אַ פולער האַנט”, איז גאָר אַ נאָענטער מחותן מיט ר׳ שלמה נגיד. די פּאַלאָנאָ־פּילישע טענדענצן פון די „פּוילישע וועלדער” זיינען אויך אָקאָרשט געקומען צום אויסדרוק אין דער יידישער ליטעראַטור, און ר׳ מענדל קאָצקער איז די אָרגאַ־נישע חתימה פון פּרצס „גאָלדענע קייט”. אָט דער פאַקט איז געווען איינע פון

די הויפּט־סיבות פונעם גרויסן דערפאַלג פון אַפּאַטאַשוס ראָמאַן: דער פאַקט, אַז די „פוילישע וועלדער" זיינען אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן פון די טראַדיציעס פון דער יידישער ליטעראַטור, אַז אין די „פוילישע וועלדער" זיינען די דאָזיקע טראַדיציעס רעאַליזירט געוואָרן אויף אַ מאָנומענטאַלן אופן, מיט אַ נאָך נישט געזעענער פלאַסטישער קראַפט.

***

אויפן גרויסן דערפאַלג פון די „פוילישע וועלדער" (און זיינע סיבות) לוינט זיך אָפּצושטעלן גענויער. ס'איז געווען אַ גרויס און וויכטיק געשעעניש אין דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע, ס'איז געווען אַ וויכטיק געשעעניש אין אַפּאַטאַשוס שאַפן; דער דערפאַלג האָט מחייב געווען צו אַ המשך, און גלייך איז געקומען דער נישט־געראָטענער צווייטער טייל, „1863". לייוויקס „גולם" האָט ביי אונדז אין פוילן אָנגעהויבן ווירקן כמעט גלייכצייטיק מיט אַפּאַטאַשוס „פוילישע וועלדער"; איז אָבער דער „גולם" געבליבן דער קנין פון אַ שמאָלן, ענגערן קרייז לייענער, בשעת די „פוילישע וועלדער" האָט געלייענט בפירוש יעדער יידישער לייענער, און אפילו אַזעלכע קרייזן האָבן עס לײדנשאַפטלעך געשלונגען, וואָס האָבן קיין שום שייכות נישט צו דער יידישער ליטעראַטור, אַ שטייגער חסידים אָדער די האַלב־אַסימילירטע שיכטן, די ערשטע צוליבן חסידישן שטאָף, די צווייטע — צוליב דער פּאָלאָנאָפילישער טענדענץ. אויף איין וויכטיקער סיבה פונעם גרויסן דערפאַלג פון די „פוילישע וועלדער" האָבן מיר שוין אָנגעוויזן: ס'איז אַ ווערק, וואָס האָט ווייטער געפירט מיט אַ נאָך נישט געזעענעם שוואונג די טראַדיציעס פון דער יידישער ליטעראַטור. און נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט: צום ערשטן מאָל, נאָך לאַנגע ראַנגלענישן, איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישער ראָמאַן, דער ערשטער יידישער ראָמאַן. נישט מענדעלע האָט געקאָנט לייזן די דאָזיקע אויפגאַבע, וואָרעם אָט איז זיין בעסטער ראָמאַן (אין טעכנישן זין), „פישקע דער קרומער", געגעבן פון דער צווייטער האַנט, אין פישקעס איבערדערציילונג; טעכנישע אומבאַהאָלפנקייט רעדט אַרויס דייטלעך פון אָט דעם נישט־דירעקטן צוגאַנג, נויט האָט אַרויפגעצוואונגען די דאָזיקע "oratio obliqua". פרץ האָט קיין ראָמאַנען נישט געשריבן, און הלוואי וואָלט שלום־עליכם זיי נישט געשריבן. שלום אַש וועט שוין, משמעות, אַ רעכטן ראָמאַן קיינמאָל נישט קענען קאָנסטרואירן. די אומבאַהאָלפנקייט פון זיינע פאַרמלחמהדיקע ראָמאַנען, פון „מערי" און „וועג צו זיך", איז נאַטאַריש. אין זיינע שפּעטערדיקע ראָמאַנען חזרן זיך איבער קאָנסעקווענט דריי קאָנסטרוקציע־סטאַדיעס: אין דער ערשטער באַשרייבט אַש די סביבה, די געשטאַלטן, דעם לאַנד־שאַפט — די איז די בעסטע; אין דער צווייטער זיינען שוין אַלע העלדן אויף דער בינע, זיי הייבן שוין אָן עפּעס טאָן, זיך צוזאַמענשטויסן, צוזאַמענפלעכטן און אָפּשטויסן — און גלייך הייבט זיך אָן דער כאַאָס, דער תוהו־ובוהו; די דריטע סטאַדיע איז די שוואַכסטע, וואָרעם ענדיקן אַ ראָמאַן האָט זיך אַש עד־היום נישט אויסגעלערנט, און די סופן פון זיינע ראָמאַנען זיינען אומבאַהאָלפן ביז גאָר. בלייבט דער גרויסער בערגעלסאָן; אָבער זיינע צאַרטע זאַכן, וואו ס'איז כמעט אויסגע־

מיטן דער דיאַלאָג, וואו ס׳פעלט די מאָסע און ס׳וויבערירט אַ צעשטויבטער, דינער און שטילער געפיל — זיינען ,גיכער פּאָעמען ווי ראָמאַנען. „אַפּגאַנג״ איז אַ פּאָע־מע, און „נאָך אַלעמען״ איז אַ פּאָעמע, און „יוסף שור״ איז אַ פּאָעמע.

אין די „פּוילישע וועלדער״ האָט דער יידישער לייענער צום ערשטן מאָל דערפילט דעם פּולבלוטיקן, געבוירענעם ראָמאַניסט, צום ערשטן מאָל געהאַט פאַר זיך נישט אַ יידישן ראָמאַן, נאָר דעם יידישן ראָמאַן; מיד פון דער יידישלעכער אָרדענונג אין אַשס ראָמאַנען, האָט ער זיך מיט פרייד אונטערגעוואָרפן דער פעס־טער האַנט, דער אָרגאַניזירטקייט פון אָפּאַטאָשוס טאַלאַנט. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אָפּאַטאָשו אָן ערך אַזוי כאַראַקטעריזירט דעם דאָזיקן מאָמענט, די אָרגאַניזאַציע־פראַגע פונעם ראָמאַן, אין אַ געדרוקטן געשפּרעך: אין די „פּוילישע וועלדער״ האָט דער מאַטעריאַל אים פאַרפּלייצט, אין „1863״ האָט ער, דער מחבר, באַהערשט דעם שטאָף״ *). ס׳איז אָבער לייכט צו זען, אַז בנוגע די „פּוילישע וועלדער״ איז די „פאַרפּלייצונג״ אַ מליצה־אויסדרוק. גראָד אין די „פּוילישע וועל־דער״ שטוינט מען איבער דער זיכערקייט, מיט וועלכער אָפּאַטאָשו געוועלטיקט איבערן אומגעהויערן שטאָף. די קאָנסטרוקציע פונעם ראָמאַן איז פּלאַנמעסיק־קאָנסעקווענט און דורכזיכטיק. די „פּוילישע וועלדער״ צעפאַלן זיך אין דריי טיילן: „אין וואַלד״, „קאָצק״ און „פאַרן שטורעם״. יעדער טייל איז פול געפּאַקט מיט געשטאַלטן, אָבער גלייך טיילט זיך אויס אַ הויפּט־העלד, פאַר יעדן טייל אַן אַנ־דערער; אויף אים פאַלט צוממייסטן ליכט, די אַנדערע געשטאַלטן גרופּירן זיך אַרום אים און בלייבן מער אין שאָטן. די דאָזיקע דריי הויפּט־געשטאַלטן זיינען: צוערשט מרדכי, דאַן ר׳ איטשע, דאַן ר׳ מענדל קאָצקער. פונעם צווייטן טייל אָן רוקט זיך מרדכי אַריבער אין שאָטן, באַקומט אָבער אַ נייע פונקציע: ער איז די טעכנישע פאַרבינדונג פון אַלע טיילן, דער פיזישער אויסדרוק פון דער איינהייט פונעם ראָמאַן. ס׳איז, טעכניש גענומען, אַ פּרעכטיקע, שלימותדיקע, כמעט־פול־קאָמענע קאָנסטרוקציע. אויך „1863״ צעפאַלט זיך אין דריי טיילן; איז אָבער אָפּאַטאָשון דאָ נישט געלונגען איינצוהאַלטן די זעלביקע סיסטעם פון דריי הויפּט־העלדן, מרדכי ווידער איז נישט אויסגעוואַקסן אין דער איינציקער גרויסער, אַלייניקער הויפּט־געשטאַלט; האָט עס טאַקע טעכניש אַרונטערגעריסן דעם ניווא פון „1863״.

און ווייטער זיינען די „פּוילישע וועלדער״ אַ היסטאָרישער ראָמאַן. זיי רײדן צו אַ דור, וואָס זיין געפיל פאַר געשיכטע איז, אין פאַרגלייך מיטן פאַרמלחמהדיקן פעריאָד, אומגעהויער אויסגעוואַקסן. מיר האָבן נישט קיין געגנוואַרט: מיט די פיס טרעטן מיר די פאַרגאַנגענהייט, אונדזער פּנים איז אויסגעדרייט צו דער צוקונפט... עס רוישן אַרום אונדז די פליגלען פון דער צייט, און דער דורשט צו אַ היסטאָרישן באַנעמען פון דער ווירקלעכקייט פילט זיך אומעטום, אין דער וויסנשאַפט און אין דער קונסט, אין דער פילאָזאָפיע און אין דער רעליגיע. די

---

*) ליידער, מוז איך ציטירן פון זכרון, נישט האָבנדיק דעם געשפּרעך אונטער דער האַנט.

„פוילישע וועלדער" זיינען נישט בלויז דער רעזולטאַט פון לאַנגיאַריקע שטודיעס, נישט נאָר אַ מוזיי פון געזאַמלטע לעגענדעס, אַנטיקן און היסטאָריש־וויסנשאַפט־לעכן שטאָף. עס פילט זיך אין דעם ראָמאַן יענע היסטאָרישע העלזעעריי, יענער זיכערער לונאַטיקער־טראַט אין דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס גאָר ווינציקע, גאָר גאָר־גרויסע ראָמאַניסטן האָבן צו דעם זוכה געווען. עס זאָגן דערויף עדות אָפט קליניקייטן, עפּיזאָדן, געשטאַלטן פון דריטן אָדער פערטן ראַנג. דער פּאַכמאַן בלייבט, צום ביישפּיל, שטיין, שטוינען און באַוואונדערן די דינינקע פיליגראַן־אַרבעט אַרום אַזאַ געשטאַלט, ווי דער אַלטער משכיל שטראַל, דער חבר פונעם רנ"ק. דאָ בלייבט בלויז צו שטוינען און באַוואונדערן, און איבערחזרן אַפּאַטאָשוס לויטערן זאַץ: „און דו, מענטש, וואָס גראָבסט זיך אין שטויב, ביסט מתקן פאַרגעסענע ווערטער — ווערסט אַ שותף צו מעשה בראשית". („1863", 10).

***

מרדכי איז דער פיזישער טרעגער פון דער איינהייט פונעם ראָמאַן; קיין אַנדערע איינהייט, אַ טיפערע, אַן אָרגאַנישע, איז אָבער נישטאָ. סיידן מען זאָל זיך צופרידנשטעלן מיט דער פאָרמול, אַז די „פוילישע וועלדער" זיינען גראַנדיעזע לאַנדשאַפטן־מאָלעריי, אַז דער ציל פונעם ווערק איז געווען בלויז צו געבן אַ סטאַ־טיש בילד פון דעם יידישן לעבן אין פוילן אַרום דער העלפט פונעם 19טן יאָרהונדערט.

מרדכי און פעליציע „האָבן ביידע געוואַרט אויף אַ נס, געוואָלט טויב צום שטילן געוויין, און פאַרבייגעגאַנגען איינער דעם צווייטן". מיט דעם דאָזיקן סענטימענטאַלן אַקאָרד שליסט זיך דאָס ווערק. מיר זיינען שוין פון בערגעלסאָנס ראָמאַנען געוואוינט צום בילד פון העלדן, וואָס גייען רק פאַרביי איינער דעם צווייטן; ביי אַפּאַטאָשון חזרט זיך דאָס איבער אין אַ ווייט גרעסערן פאַרנעם. נישט נאָר איינצלנע העלדן — גאַנצע שטיקער לעבן, גאַנצע סביבות, אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, שטייגער און טראַדיציעס, גייען פאַרביי אין די „פוילישע וועלדער" אָן דעם מינדסטן מגע ומשא. וואָס פאַר אַ שייכות האָט ר' מענדל קאָצקער צום פוילישן אויפשטאַנד? און שטראַל, דער טויטער שפּליטער פון דער גאַליציאַנער השכלה, וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער צו די ליפּאָווצער וועלדער, צו קאַהאַנען אָדער צו מרדכין? ס'פעלט כסדר דאָס דינאַמיש־היסטאָרישע, דער „נאָכאיינאַנדער", ווי דער דייטש זאָגט, סביבות און לעבנס רוקן זיך פאַרביי סטאַטיש, ליגן „נעבנאיינ־אַנדער". אַפּאַטאָשו האָט געשטרעבט צו דער פולקייט פונעם בילד, און ס'איז אים טאַקע געלונגען צו געבן אַ גרויסאַרטיקע פּאַנאָראַמע פון יענעם יידישן לעבן; אָבער די טיפערע איינהייט פון די געשעענישן האָט געליטן, און ס'פילט זיך נישט אַז מיר שטייען ביי היסטאָרישע פּראָצעסן, ביי געשעענישן, וואָס אַנטוויקלען זיך סטיכיש און מיט אַן אייזערנער קאָנסעקווענץ.

בלויז איין דערשיינונג איז דאָ פאַראַן, וואו מיר פילן דעם טראַגישן אָטעם פון היסטאָרישן פאַרגיין: ס'איז קאָצק און ר' מענדעלע, דער אונטערגאַנג פון חסידות

און איר לעצטער מאָהיקאַנער. באַטראַכט מען די „פּוילישע וועלדער" פון דעם שטאַנדפּונקט אויס, ווי אַן עפּאָפּייע וועגן סוף פון חסידות, באַקומט שוין דאָס ווערק אַ פעסטע שלימות. קומען אָבער די לעצטע קאַפּיטלעך פון צווייטן און דריטן טייל, ס'קומען אַריין קאַהאַנע, הראַביע קאַמאַראָווסקי, פּעליצע און „די גרויסע אימפּראָוויזאַציע", און דאָס בילד ווערט צעשטערט. די עפּיזאָדישע געשטאַלטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן שלומערנדיקן פּוילישן אויפשטאַנד, שלעפּן אַרויף אַן עפּיזאָדישן כאַראַקטער אויך אויף קאָצק און ר' מענדעלעס טראַגעדיע, און ס'ברעקלט זיך דאָס גרויסע בילד פון דער גסיסה פון חסידות.

ס'האָט געצויגן דעם מחבר צו אַ טרילאָגיע, צו דער גרעסט-מעגלעכער פּאַנאָראַמע פונעם יידישן לעבן אין 19טן יאָרהונדערט, און ממילא האָבן שוין אין דעם ערשטן טייל געמוזט אויפגעשטעלט ווערן בריקן צו די ווייטערדיקע טיילן, צו „1863". דאָס האָט שטאַרק געשעדיקט דעם ראָמאַן. ער וואָלט אַן אַ שיעור געוואונען, ווען אָפּאַטאָשו וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ טרילאָגיע, וואָלט געבויט דאָס ווערק ווי אַ זעלבשטענדיקן ראָמאַן. און אַ טרילאָגיע איז צו אַ סך זאַכן מחייב. אַ טרילאָגיע איז דאָך נישט סתם אַ גאַנג פון דריי ראָמאַנען, פאַרבונדן אויף דעם אָדער יענעם אופן. ס'איז אַן עפּאָס-פאָרם פאַר זיך, ווייט פונעם ראָמאַן, ווי דער ראָמאַן פון דער נאָוועלע. אַ טרילאָגיע איז קודם-כל מחייב צו אַן אידיי-אישער איינהייט און גאַנצקייט, צו אַ פעסטער וועלט- און לעבנס-אָנשויאונג. אַ טרילאָגיע דערלאָזט, אַז יעדער פון די דריי ראָמאַנען זאָל זיך אָפּשפּילן אין אַן אַנדערער תקופה (ביי מערעזשקאָווסקין שילדערט איין ראָמאַן יוליאַן אַפּאָסטאַטאַ, דער צווייטער — דעם רענעסאַנס, דער דריטער — רוסלאַנד אין פּיאָטר דעם גרויסנס צייטן), אין אַן אַנדערער לאַנדשאַפט, מיט גאַנץ פאַרשיידענע העלדן — איין זאַך דערלאָזט נישט טרילאָגיע: דאָס פעלן פון אַ באַשטימטן אידייאישן ווילן. וואָס פאַר אַן אידייע, וואָס פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן ווילן רעפּרעזענטירן אָבער די „פּוילישע וועלדער"?

די העלדן פון „פּאַפּיאַלי", — זשעראָמסקיס גראַנדיעזע עפּאָפּייע פון דער נאַפּאָלעאָנישער צייט, — זיינען אויך צעריסן, ריידן אויף פאַרשיידענע לשונות, בלוטיקן צווישן סקעפּסיס און גלויבן, טאַט און אַבסטראַקציע; דאָס זיינען אָבער געוועזן די אַקטועלע ספקות און זוכענישן פונעם „יונגן פּוילן" אויף דער גרענעץ פונעם 19טן און 20טן י"ה. וואָס האָט אָבער אונדזער דור צו זוכן אין די „פּויי-לישע וועלדער", אַחוץ דער פאַרביקער פּאַנאָראַמע פון אַמאָליקע יידישע דורות? מרדכי, דאָס ווילנאָזע יונג פערדל, וואָס שלעפּט דעם שווערן וואָגן פון דער טרילאָגיע, זעט רחלען און ווערט באַגייסטערט, זעט ר' איטשען און ווערט באַגייסטערט, זעט ר' מענדעלען און ווערט באַגייסטערט, זעט פּעליציען און ווערט באַגייסטערט... זאָל דאָס זיין דער העלד פון אונדזער צייט, פון אונדזער יוגנט? דער זיסלעכער און קריסטלעכער ר' איטשע דערגרייכט אפילו נישט צו דער הויך פונעם ביאַלער רבין, און איז אַ סך קינסטלעכער פון פּרצעס גע-שטאַלט. די איינציקע באמת-מאָנומענטאַלע געשטאַלט אינעם ראָמאַן איז ר' מענדל קאָצקער, און זיין טראַגישע סקעפּסיס רעדט צו אַ סך אַקטועלע חושים

און שטימונגען פון אונדזער צייט. ס'איז געלונגען אַפּאַטאָשון אַפּשליסן די „גאָל־דענע קייט", שאַפן יענע דריטע געשטאַלט, וואָס פּרץ האָט זי מיט אַ סך נישט פּרוכטבאַרע אָנשטרענגונגען, מיט בלוטיקער מי געזוכט. און וואָס ווייטער?

ווייטער האָבן געקאָנט ראַטעווען בלויז די אַנדערע טיילן פון דער טרילאָגיע. דאָ האָבן זיך געקאָנט עפענען ברייטע מעגלעכקייטן פאַר אַ מער דינאַמישער אויפ־פּאַסונג פון געשיכטע, דאָ האָט אויך דער מחבר געקאָנט און געדאַרפט אַרויס מיט לשון. ס'איז געווען אַ געלונגענער איינפאַל אַריבערצוטראָגן דעם ערשטן טייל פון „1863" אין פּאַריז, „אויסהאַקן אַ פענצטער אין אייראָפּע", ברייטער מאַכן די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו, אַריינלאָזן אַ ביסל לופט אין די טוכלע חדרים פון פּויליש־יידישן פּראָווינציאַנאַליזם. דאָ אָבער, אין „1863", איז געקומען די גרויסע מפּלה. אין די „פּוילישע וועלדער" זיינען נאָך געווען הויפּט־געשטאַלטן; וואו זיי האָבן אויסגעפּעלט, האָט געערדט מיט סטיכישן כּוח די סביבה, איינגע־פונדעוועטער שטייגער, דער שטומער קאָנסערוואַטיווער געבאָט פון דורות. דאָ, אין „1863", איז אַלץ צעשאָטן געוואָרן אין עפּיזאָדן און פראַגמענטן, אין אימ־פּרעסיאָניסטישע פלעקן און פינטעלעך. גאַנץ פּאַרביק, אָבער אָן פּאַרטיפונג, שוועבן אַדורך די געשטאַלטן פון דער רעוואָלוציאָנערער איירָאָפּע אַרום 1863. אַ ווייטיק צו טראַכטן, וואָס ס'איז דאָ געוואָרן פון נאַרווידן, פון באַקונינען, פון משה העס. אין זייער טאָג־טעגלעכקייט האָבן די גרויסע געשטאַלטן נאָך בעסער אָפּגעשניטן, ווי אין זייער פילאָזאָפירן, אין זייער אידייען־געראַנגל. איז דען ווירקלעך נאַרוויד געווען אַזוי אידייען־אָרעם? האָט דען באמת באַקונין אַזוי יינגליש געטראַכט וועגן מאַרקסן? און מיטאַמאָל רייסט זיך אָריין, מיר נישט, דיר נישט, אַ נאַ־ציאָנאַליסטיש־סענטימענטאַל קאַפּיטל וועגן שלמה מולכו, אַ גליק נאָך געשריבן פונעם ווייניק טאַלענטפולן מרדכי. לעבעדיקער ווערט מיט די ערשטע קאַפּיטלעך פונעם צווייטן טייל — דער וועג צו דער גרענעץ. די אויפשטאַנד־שילדערונג פונעם דריטן טייל האָט זיך ווידער צעשאָטן אין פּיצלעך און ברעקלעך.

***

איצט אַרבעט אַפּאַטאָשו אויפן דריטן טייל פון דער טרילאָגיע. ער זאָל אַרומנעמען די תקופה נאָך 1863, די תקופה פון פּאָזיטיוויזם, און אפשר דערגיין ביז 1905. מען מעג פּאַרבינדן גרויסע האָפענונגען מיט אָט דעם דריטן טייל, וואָרעם ס'דאַרף געשילדערט ווערן אַ תקופה פון אויסגעניכטערטקייט, ווען ס'איז געפּריידיקט געוואָרן די גרויע טאָג־טעגלעכע טאַט און ס'איז אויסגעלאַכט גע־וואָרן די סענטימענטאַלע לעבנס־ווייטקייט פון די פריערדיקע דורות. אַזאַ שטאָף איז מער צוגעפּאַסט פאַר אַפּאַטאָשוס טאַלאַנט, ס'קאָן צוריקפירן צום צוגאַנג און אָטעם פון „ניו־יאָרקער געטאָ", ס'קאָן באַפרייען פון די פריער אומפאַרמיידלעכע השפעות פון יידישן און פּוילישן ראָמאַנטיזם.

וואָרעם צוויי שולן האָבן אויסגעשפּרייט אַ סענטימענטאַלן נעפּל איבער די ראָמאַנען פון אַפּאַטאָשוס טרילאָגיע: די ראָמאַנטיש־נאַציאָנאַליסטישע שול פון

דער יידישער ליטעראַטור, און בפרט איר לעצטער אויסדרוק אין אַשס „שטעטל", „שלמה נגיד" און זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען, און די ניי־ראָמאַנטישע שול פונעם „יונגן פּוילן". דער סענטימענטאַלער נעפּל שטייט אָפּט געדיכט ווי אַ טשאַד. ווי טשאַד ווירקן אַזעלכע קאַפּיטלען, ווי דער שוין דערמאָנטער „קידוש השם" פון שלמה מולכו („1863"). ווי טשאַד ווירקט דער צענטער קאַפּיטל (2טער טייל „פּוילישע וועלדער"), ווידער מיטן טיטל „שלמה מולכו". ווי טשאַד ווירקן אַזעלכע זאַצן, ווי: „דער אַלטער שרה, דער לאַנג־וואָנסיקער שליאַכטשיץ מיטן פאַרמעטענעם הערב אויף דער וואַנט, מיט דער צוויי־רעריקער ביקס איבער זיין בעט, דער אמתער טאַטע פון דאָרף(!), איז געוואָרן אַלץ זעלטענער". סענטימענטאַלער טשאַד איז די סצענע מיט דער „גרויסער אימפּראָוויזאַציע" (206־211). דער סענטימענטאַלער טאָן פאַרוואָסערט די שילדערונג פונעם לאַנדשאַפט אין די ערשטע 4 קאַפּיטלעך פון די „פּוילישע וועלדער". און איבערן גאַנצן ווערק שטייט דער נערוועזער, אומרואיקער אָטעם פונעם יונג־פּוילישן געפיל־לעבן, בפרט אַזוי ווי ער איז געקומען צום אויסדרוק אין סטעפאַן זשעראָמסקיס ווערק.

דער איינפלוס פונעם „יונגן פּוילן" פילט זיך אין פאַרשיידענע ווערק אָפּאַ־טאָשוס. קיין שפּור פון אים פילט זיך נישט אין די שטרענג רעאַליסטישע זאַכן, אַ שטייגער אין „אונטערוועלט" אָדער אַנדערע רעאַליסטישע נאָוועלן. ער ווערט וואָס גלייך ווי אָפּאַטאָשו רירט אָן אַ נאַציאָנאַלע סטרונע. דער טערעזי־קאַפּיטל פון „1863" שיינט צו זיין געשריבן אונטער דער השפעה פון בזשאָזאָווסקיס „פּלאַ־מען". אָבער זשעראָמסקיס השפעה פילט זיך כסדר. שוין אין „אַליין" דערמאָנט די סצענע, ווי שרהקע לייענט מרדכין גאַזעטן, אַ פּאַראַלעלע סצענע פון „פּאָפּיאָלי". ס׳איז אָבער נאָר אַ ווייטע רעמיניסצענץ. נאָך אַמאָל אָבער חזרט זיך עס איבער אין דער נאָוועלע „יוגנט" („אַרום די חורבות", 127־131), אָן אונטערבאַוואוסטזיניקער שפּליטער פון ראַפאַלס עקסקורסיע אין אַ ווינטערנאַכט צו זיין געליבטער. נאָך שטאַרקער פילט זיך דער איינפלוס פון „פּאָפּיאָלי" אין דער טעכניק פון די „פּוילישע וועלדער". אויך ביי זשעראָמסקין איז דער פיזישער טרעגער פון דער איינהייט פון דער עפּאָפּייע אַ יונג בחורל, ראַפאַל אָלבראָמסקי, וואָס פאַרשטייט גאָר וויניק פון דעם, וואָס קומט פאַר אַרום אים, כאָטש ס׳קומט אים אויס צו וואַקסן צווישן מענטשן נישט געווינלעכע, דענקער, זוכער און טרוימער. אויף מרדכין איז אפשר געפאַלן אַן אָפּשיין פון ראַפאַלן — אַ יידישער קרוב, אָן ראַפאַלס ברויזנ־דיקן טעמפּעראַמענט, דערפאַר פאַרמוטשט, פאַרחושט, אויסגעווייקט.

דער כוח פון זשעראָמסקין האָט געשטעקט אין דעם הויך־עלעגישן, יאָמערנ־דיקן ניגון פון זיין פּראָזע; ווי דער יידישער משיח פאַר די טויערן פון רוים, האָט זשעראָמסקי כסדר געריסן און פאַרבונדן די פּוילישע וואונדן, געריסן און פאַרבונדן... אויף אָפּאַטאָשון האָט דער יונג־פּוילישער איינפלוס געווירקט פאַטאַל. אויף אַ קערן־געזונטן, לעבן־פריידיקן טאַלאַנט איז אַנגעצויגן געוואָרן די מרה־שחורה, דאָס שלוקערצן פונעם יונגן פּוילן, דער תוהו־ובוהו פון אַ ליטעראַרי־שער שול, וואָס איז תמיד געווען געשפּאַלטן צווישן הימל און ערד און האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט באַפרייען פון איר דעקאַדענטישן יסוד. דער געמיש פון

אָפּאַטאָשוס רעאַליזם און זשעראָמסקיס וויברירנדיקן, צעגאָסענעם געפיל האָט געגעבן יענעם מאָדנעם, איינגעשטאַנענעם, מאַנאָטאָנעם סענטימענטאַלן טאָן, אין װעלכן ס׳זיינען געשריבן די „פּוילישע וועלדער״.

אַזוי־אַרום איז נישט קיין וואונדער, אַז גראָד דאָס בעסטע אין די „פּוילישע וועלדער״ האָט געגעבן אַ דריטע שול, די שול פון אַמעריקע, פון ניו־יאָרק, וואו אָפּאַטאָשו האָט געבראַכן נאָדלען צוערשט אין אַ לעדער־שאַפּ, דאַן אין אַ שאַפּ פון העמדער, און נאָך שפּעטער געאַרבעט מיט אַ חברה בראָדיאַגעס אין אַ צייטונג־קאַנטאָר. אַמעריקע, דער אָרגאַניזירטער ריטם פון ניו־יאָרק האָט אונדז געגעבן אָפּאַטאָשוס טאַלאַנט, נישט פּוילן און נישט די יונג־פּוילישע ליטעראַטור... אַמע־ריקע האָט אויסגעלערנט אָפּאַטאָשון פילן זיך היימיש צווישן מאַסן, זיכער זיי אַרומוואַרפן אין זיינע ווערק, באַהערשן זיי און לעבן אין זיי. אַמעריקאַנער ריטם האָט מעגלעך געמאַכט די וואונדערבאַרע דינאַמישע סצענעס פון די „פּוילישע וועלדער״, אַ שטייגער דעם וועג אין קאָצק, אָדער דעם וועג צו דער גרענעץ אין „1863״.

***

פאַרפאַלן, אַזוי איז עס. צוויי נשמות קאָנען נישט לעבן אין איין גוף. אָפּאַ־טאָשו איז אַ רעאַליסט, און נאָר זיינע רעאַליסטישע זאַכן האָבן געעפנט אַ נייע תקופה אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּראָזע. ווי אַ ראָמאַנטיקער איז אים אויסגעקומען צו זיין אַן עפּיגאָנער, אָפּשליסן די תקופה 1914־1900 פון דער יידישער ליטעראַטור. ווי אַ רעאַליסט האָט ער אויפגעמישט אַ ניי בלאַט, אויס־געטראָטן נייע וועגן, איינגעשטעלט אַ נייעם, זייער הויכן ניוואָ פאַר אונדזער פּראָזע (און נישט נאָר פאַר אונדזער). ווי יענער נישט־דערפאַרענער גראַל־זוכער, האָט ער נישט געוואוסט, אַז די צעגליטע ווירקלעכקייט פון זיין רעאַליסטישער פּראָזע ברייט און ברענט מיט אַן אומהיימלעכן ליכט, און אפשר פירט דורך דאַנען אָפּאַטאָשוס וועג צו דער ראָמאַנטיק?

אָבער די געשיכטע פון אָפּאַטאָשוס שאַפן איז אַ בלאַט פאַר זיך. דאָ האָבן מיר געוואָלט געבן בלויז אַ פּאָר באַמערקונגען צו אָפּאַטאָשוס שווערע ראַנגלענישן אויף אַ נישט־דאַנקבאַרן באָדן, אויף ברייטע שליאַכן, וואָס זיינען אין תוך געווען פאַרפירערישע זייטיקע וועגן.

יולי 1928.

מ. ירדני

קאָמפּאָזיטאָרס ביים יידישן טעאַטער אין אַמעריקע

.1

טעאַטער באַשטייט פון פאַרשיידענע קונסט־צווייגן. עס איז אַ סינטעז פון וואָרט, מוזיק, געזאַנג, מאָלעריי, דעקאָראַציע, אַרכיטעקטור, ליכט, קאָסטיום, פּלאַסטיק, כאָרעאָגראַפיע. דאָס אַלץ זיינען וויכטיקע באַשטאַנדטיילן פון טעאַטער.

די קרובהשאַפט צווישן די קונסט־עלעמענטן איז דער יסוד פון טעאַטער. לאָזט מען אויס פון טעאַטער דעם אָדער יענעם פון די דערמאָנטע קונסט־געביטן, איז ווי מען וואָלט אויסגעשניטן אַן אבר פון אַ לעבעדיקן מענטשן. טעאַטער איז אַ לעבעדיק וועזן.

איך וויל אין מיין דאָזיקער אַרבעט זיך אָפּשטעלן אויף דער ראָל פון מוזיקער אין טעאַטער, ריכטיקער — וועגן קאָמפּאָזיטאָרס ביים יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

מוזיק פאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט אין דער טעאַטער־פאָרשטעלונג; וועגן אַן אָפּערעטע אָדער ספּעקטאַקל איז דאָך אָפּגערעדט! אָן מוזיק — צי אין אַ דירעקטער פאָרם, צי בלויז אין דער פאָרם פון באַגלייטונג דאָ און דאָרט, אָדער צווישן די אַנטראַקטן, איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה...

אַריסטאָטל גיט אָן דעם מוזיק־עלעמענט ווי איינעם פון די פינף אומבאַדינגט־נויטיקע מאַניפעסטאַציעס אין אַ טראַגעדיע. די דורכפירונג פון דער גריכישער טראַגעדיע איז געווען געבויט אויף אַ מוזיקאַלישער פאָן און איז באַשטאַנען מייסטנס פון געזאַנגען. אויך אין דער גריכישער קאָמעדיע האָט דער מוזיק־עלעמענט געשפּילט אַ גרויסע ראָל. פון אַ ספּעקטאַקל, צי פון אַן אָפּערעטע, אָדער פאָלק־שפּיל, פאָלק־פעסטיוואַל, איז שוין אָפּגערעדט! נאָך מער קאָן עס געזאָגט ווערן וועגן אַן אָפּערע, וואו די מוזיק שפּילט די הויפּט־ראָל. אויך אין דער מעלאָדראַמע, אָדער אפילו אין דער ערנסטער דראַמע, איז דער מוזיק־עלעמענט אַ וויכטיקער און ביז גאָר ווירקזאַמער מיטל אויף צו באַלעבן דעם גאַנג פון דער שפּיל.

מוזיק אין דעם יידישן טעאַטער האָט געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָל: „באַגלייט — און עפעקט־מוזיק — שרייבט יעקב מעסטל אין זיין ׳אונדזער טעאַטער׳, 1943, — האָט שטענדיק פאַרנומען אַ גרויסן פּלאַץ אין יידישן טעאַטער — בגיבה איז געווען דאָס זאַלץ־און־פעפער פון דער פאָרשטעלונג״.

דאָך האָט מען ביי אונדז וועגן דער יידישער טעאַטער־מוזיק ווייניק געשריבן.

ס'איז דאָך בפירוש געשאַפן געוואָרן, סיי אין אייראָפּע, ספּעציעל אין רוסלאַנד און פּוילן, און סיי אין אַמעריקע, אַ גאַר רייכע יידישע טעאַטער־מוזיק־ליטעראַטור!

פון דעם סטאַרא־קאָנסטאַנטינער, אין וואָלינער גובערניע, אין אוקראַינע, אברהם גאָלדפאַדן, ביז דעם ניו־יאָרקער, אין אַמעריקע, אברהם עלשטיין, איז אַ ווייטער מהלך, אָבער צווישן זיי ליגט אַן אייזערנער בריק, וואָס דער עלטערער אברהם האָט אויפגעבויט און פאַרוואָרפן איבער אַלע שבעה־ימים, אויף וועלכן יידישע טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרס איבער דער גאָרער וועלט זיינען שטענדיק געגאַנגען — און גייען נאָך איצט אויך. דער דאָזיקער בריק פון אברהם גאָלדפאַדן האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט בלויז פאַרן סאַמע סאָלידסטן, נאָר אויך פאַרן סאַמע לאַנגישטן.

וואָרעם וואָס, אַ שטייגער, קאָן נאָך זיין מער לאַנגישער דערפון, ווי אַ יידישער טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָר — און יידישע קאָמפּאָזיטאָרס בכלל! — זאָלן שעפּן פון די אייגענע קוואַלן?! אברהם גאָלדפאַדן האָט עס קלאָר פאַרשטאַנען — און אַזוי האָבן עס אויך קלאָר פאַרשטאַנען די יידישע טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרס, וועלכע זיינען געקומען שפּעטער נאָך אים.

דער יחוס פון די דאָזיקע קוואַלן, איז דער טראָפּ, פאָלקס־נוסח, פאָלקס־ניגונים, פאָלקס־מאָטיוון, תנועות, קנייטשן, חנען, און נאָך און נאָך.

„אין איינפלוס — שרייבט דער טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָר שלום סעקונדאַ, אין 'חזנים־זשורנאַל', ניו־יאָרק, 1950 — וואָס האָט געהאַט די ווירקזאַמסטע השפּעה אויף דער יידישער טעאַטער־מוזיק, און האָט זיך טיף איינגעוואָרצלט אין דעם מו־זיקאַלישן סטיל פון דעם יידישן טעאַטער, איז די חזנישע נגינה, די שול־מוזיק, וואָס הערט ניט אויף צו אינספּירירן דעם יידישן טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָר, — איצט פּונקט ווי אין יענער צייט, ווען אברהם גאָלדפאַדן האָט געלייגט דעם גרונטשטיין, דעם פונדאַמענט פאַר אַ טעאַטער פאַר יידן"... „עס וועט ניט זיין איבערטריבן — שרייבט ווייטער סעקונדאַ — צו זאָגן, אַז ווען ניט די שול־מוזיק, ווען ניט די חזנישע רעטשיטאַטיוון און כאָראַלישע קאָמפּאָזיציעס פון יענער פּעריאָדע, ווען גאָלדפאַדן האָט אָנגעהויבן צו חלומען 'יידיש טעאַטער', וואָלטן די ערשטע טעאַטער־לידער געהאַט אַן אַנדער פּנים, אַן אַנדער קלאַנג, אָדער אפשר אינגאַנצן ניט גע־בוירן געוואָרן". „... דער איינפלוס — זעצט פאָר סעקונדאַ — פון דער שול און דער ליטורגישער מוזיק איז קיינמאָל ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין יידישן טעאַטער און אויך ניט נימאס געוואָרן דעם יידישן טעאַטער־באַזוכער".

אברהם גאָלדפאַדנס מעלאָדיעס ליגן טיף איינגעבאַקן אין מיליאָנען יידישע הערצער! דאָס ערשטע טעאַטער־ליד וואָס איך האָב געהערט זינגען פון מיין מאַמע, איז געווען „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען" פון גאָלדפאַדנס באַרימטער אָפּע־רעטע „שולמית", וואָס איז געוואָרן אַ פאָלקס־ליד! די קערנער וואָס זיינען טיף פאַרזייט געוואָרן אין „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען", זייגען דורכאויס פון יידישער זריעה. דער ניגון ליגט זיך ניט בלויז מחיהדיק אויפן יידישן אויער, נאָר וואָרעמט אויך אָן די געפילן און רופט ביי יעדן אַרויס אַ זיסע בענקשאַפט און טרערן אין די אויגן...

אברהם גאָלדפאַדנס מוזיק צו זיינע צוויי אָפּערעטעס „שולמית" און „בר־כוכבא"

האָט אַזוי שטאַרק פאַרכאַפּט די יידישע געמיטער, הערצער און נשמות אומעטום, ווייל אַ חוץ דעם וואָס ער האָט געשפּרודלט מיט אַ נאַטירלעך־געבאָרענעם מוזיקאַלישן טאַלאַנט, און געקאָנט אויך צופּאַסן פרעמדע ניגונים און מעלאָדיעס, האָט ער געהאַט הערצו דעם חוש און געוואוסט גענוי פון וועלכע קוואַלן צו שעפּן — איבער־הויפּט האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט דעם דאָזיקן חוש טאַקע אין די צוויי דער־מאָנטע באַרימטע היסטאָריש־געוואָרענע אָפּערעטעס, וואָס האָבן געשאַפן געשיכטע אין דעם יידישן טעאַטער.

און אין דער אמתן איז דאָך אברהם גאָלדפאַדן קיין קאָמפּאָזיטאָר ניט געווען. ער אַליין האָט געשריבן וועגן זיך: „קודם־כל בין איך זיך מודה ומתודה: דער מחבר פון ‚שולמית׳ און אַ סך אַנדערע זינג־שפּילן האָט ניט קיין שום טעאָרעטישע ידיעות אין מוזיק און קען אפילו ניט ליִענען קיין נאָטן״ (לויט זלמן זילבערצווייגס „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״).

אָבער אויף וואָס פאַר אַ וואונדערלעכן אופן, אָט דער געבאָרענער מנגן אָן „שום טעאָרעטישע ידיעות אין מוזיק״, וואָס האָט ניט געקענט אפילו „ליִענען קיין נאָטן״, האָט „אויסגעבאָרגט״ פון די דעמאָלטדיקע באַרימטע חזנים: שעסטאָפּאָל, נאָומבערג, האַלפּערן, קופּער, בלומענטאַל, ירוחם הקטן, דונאַיעווסקי און נאָך אַ סך אַנדערע — זייערע שטייגערס, רעטשיטאַטיוון, כאָראַלע קאָמפּאָזיציעס, וואָלעכ־לעך און דוינעלעך, און טרעפלעך פאַרשטאַנען ווי אַזוי זיי איבערצוגיסן פון איין כלי אין דער אַנדערער און זיי צופּאַסן צו די לידער און קופּלעטן פון די דערמאָנטע צוויי אָפּערעטעס זיינע! וואָס פאַר אַ זעלטן־מוזיקאַלישן געשמאַק און אויער ער האָט פאַרמאָגט פאַר דער אייגנאַרטיקייט פון דער יידישער פאָלק־נגינה, טראַדיצי־אָנעלן־קאָלאָריט און פאָלקסטימלעכן חן!

אברהם גאָלדפאַדן, וועלכער איז געווען דראַמאַטורג, קאָמפּאָזיטאָר, אַקטיאָר, רעזשיסאָר — וועט בלייבן דער עמוד־האש פאַר יידישע טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרס פאַר לאַנגע דורות...

2.

צו די סאַמע ערשטע יידישע טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרס ביים יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, קאָן פאַררעכנט ווערן צוליב זיין ענלעכקייט אויף אברהם גאָלדפאַדן — דער אַקטיאָר, קופּלעטן־שרייבער און מוזיק־פּראָפעסאָר זעליג (זיגמונט) מאָגו־לעסקאָ. ער איז שוין געווען ניט בלויז אַ משורר ביי אַזעלכע באַרימטע חזנים ווי ניסי בעלזער, ישראל קופּער, נאָר אויך פאַרזוכט טאַקע דעם טעם פון אַן אמתער קאָנסערוואַטאָריע, אין בוקאַרעשט, רומעניע, וואו ער האָט זיך פלייסיק אויסגעצייכנט און נאָכן ערשטן יאָר דאָרט לערנען געקראָגן אַ פּרייז.

די ערשטע טריט אין יידישן טעאַטער, האָט זיגמונט מאָגולעסקאָ געשטעלט ביי אברהם גאָלדפאַדן, אין רומעניע, אָבער אָנגעהויבן צו ווערן אויף אַן אמתן באַרימט האָט ער ערשט אין אַמעריקע, וואו ער איז געוואָרן באַקאַנט ניט בלויז

ווי אַ שרייבער פון קופּלעטן, נאָר אויך ווי אַ פּראָפעסאָר פון מוזיק. אים גייען נאָך אַחוץ דריי באַרימטע ראָלן וואָס ער האָט געשאַפן אין יידישן טעאַטער: „שמואל גאָרגל" אין פּראָפ. הורוויצס פּיעסע „דאָס פּוילישע יינגל"; „זעליגל מנגן" אין לאַטיינערס פּיעסע „בלימעלע", און „פּיטל פּאַוואָליע" אין שאָמערס פּיעסע „די עמיגראַנטן", אויך די מוזיק וואָס ער האָט פאַרפאַסט צו פאַרשיידענע פּיעסן, לידער און קופּלעטן — צווישן זיי: „שלח־מנות", „מן־המצר" און אַ „ניגון" אָן ווערטער.

וועגן דעם „ניגון" אָן ווערטער, שרייבט לעאָן קאָברין, דער מחבר פון דער פּיעסע „איסט־סייד געטאָ", צו וועלכער מאָגולעסקאָ האָט געשריבן דעם דאָזיקן „ניגון", אין זיינע „ערינערונגען פון אַ יידישן דראַמאַטורג": „אין דער פּיעסע קומען אַרויף די אַרבעטער גוט־יום־טוב ביטן מיט געזאַנג, האָט מאָגולעסקאָ, וועל־כער איז פול מיט נגינה געווען, פאַרפאַסט אַ ניגון אָן ווערטער. און וואָס פאַר אַ שטימונג האָט דער דאָזיקער מאָגולעסקאָ־ניגון אויף דער בינע אַרויפגעבראַכט! די פריילעכקייט פון דעם יידישן קבצן, פון דעם יידישן אַרבעטער האָט אין אים געקלונגען, אַ פריילעכקייט, דורכגעוויקט אין קרעכצן און טרערן... אין דאָזיקן ניגון, וואָס מען האָט געזונגען אין ערשטן אַקט, האָט זיך געפילט די גאַנצע טראַ־געדיע פון דעם יידישן אַרבעטער, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די ווייטערדיקע אַקטן..."

קיין בעסערן אַטעסטאַט ווי דער, וואָס דער מחבר פון דער פּיעסע גיט דאָ מאָגולעסקאָן, באַדאַרף מען נית.

מיט דער זעלביקער באַגייסטערונג פאַר מאָגולעסקאָס מוזיק שרייבט אויך לעאָן קאָברין אין זיינע פריער־דערמאָנטע דעראינערונגען, וועגן יעקב גאָרדינס איינציקער אָפּערעטע „די שיינע מרים": „אַזוי האָט יעקב גאָרדינס 'שיינע מרים' אויך געהאַט צו פאַרדאַנקען מיט יאָרן צוריק איר גרויסן דערפאָלג מאָגולעסקאָס באַרימטן ליד 'דאָס פּעקעלע', וואָס מען האָט כמעט אין יעדן יידישן הויז דעמאָלט נאָכגעזונגען".

מאָגולעסקאָ האָט געשעפּט זיין מוזיק פון די זעלביקע קוואַלן, וואָס אברהם גאָלדפאַדן און מיט מער קענטשאַפט און צוגעגרייטקייט, אָבער נית געקוקט דערויף איז די מוזיקאַלישע ירושה וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אונדז אַ קליינע נית בלויז אין כמות נאָר אויך אין איכות. געבליבן טיף אין געדעכעניש אין און אַרום דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע איז נית מאָגולעסקאָ דער קאָמפּאָזיטאָר, נאָר מאָגו־לעסקאָ דער גרויסער אַקטיאָר, דער זינגער, דער טענצער, דער קאָמיקער, וועגן וועמען אַב. קאַהאַן שרייבט, אַז „ער האָט די טעאַטער־באַזוכער פאַרכישופט מיט זיין זינגען אַזוי גוט ווי מיט זיין שפּילן. זיין שטימע פלעגט עלעקטריזירן זיינע צוהערער, אי בשעת ער האָט געזונגען, אי בשעת ער האָט גערעדט. זיין יעדער קער איז דעם עולם ליב געווען" (זלמן זילבערצוויג „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער").

בעת מען הערט אַזוי געשמאַק זינגען אַ סך פון אברהם גאָלדפאַדנס לי־דער, סיי פון אַקטיאָרן און סיי פון קאָנצערט־זינגער, הערט מען זעלטן זינגען עפּעס וואָס פון מאָגולעסקאָס מוזיקאַלישער ירושה — אפילו פון יידישע אַקטיאָרן. עס

האָט מאָגולעסקאָ, נים געקוקט אויף דעם וואָס ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט יידישער מעלאָדיע און געהאַט די בויטיקע מוזיקאַלישע קענטעניש, געפעלט די קאָמפּאָזיטאָרישע פאַנטאַזיע, די וואָס דער פאָטער פון דער יידישער טעאַטער־מוזיק, אברהם גאָלדפאַדן, האָט פאַרמאָגט.

דאָך איז אפילו די קליינע מוזיקאַלישע ירושה וואָס זעליג מאָגולעסקאָ האָט אונדז איבערגעלאָזט, געווען אַ וויכטיקער צושטייער אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער טעאַטער־מוזיק אין אמעריקע. אויך זיין חותם, פונקט ווי דער חותם פון אברהם גאָלדפאַדן, איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אויף דעם נוסח און אויף דעם גאַנג פון דער יידישער טעאַטער־מוזיק, וואָס איז ביז איצט געשאַפן געוואָרן אין אַמעריקע — אַ יידיש־פאָלקסטימלעכע און האַרציק־געשמאַקע.

3.

ווי אַזוי הערקלערט מען, אַ שטייגער, און ווי שרייבט מען, למשל, וועגן מענטשן, ווי ס'איז געווען דוד מייעראָוויטש? דאָס איז געווען אַ ייד, וואָס האָט נים געקענט גוט אפילו קיין יידיש לייענען און שרייבן — און קיין מוזיק אוודאי נים. אָבער ווער נאָך פון זיין דור, אין און אַרום דעם יידישן טעאַטער, איז געווען אַזוי פּאָפּולער מיט זיינע אייגענע ליריקס און מעלאָדיעס — איבערהויפּט מיט אָט די לידער זיינע, וואָס האָבן געשאַפן געשיכטע אין דעם יידישן טעאַטער: „גאָט און זיין משפט איז גערעכט", „קום, ישראליקל אַהיים", „וואָס געווען איז געווען איז נישטאָ" און „וואו זיינען מיינע גוטע זיבן יאָר!" פרעגט זיך: ווי אַזוי האָט דער מענטש גע־שריבן ליריקס און האָט פאַרפאַסט אייגענע מעלאָדיעס?

איך פלעג אים אָפט זען זיצן אין קאַפע „ראָיאַל", אויף סעקאָנד עוועניו, וואו עס האָט שטענדיק געראַשט מיט יידישע אַקטיאָרן, דראַמאַטורגן, שרייבער, קאָמפּאָזיטאָרס. אַז מייעראָוויטש איז געווען טאַלאַנטפול, וועגן דעם איז קיין ספק נים! ווי נאָר ער פלעגט מיך כאַפּן, פלעגט ער גלייך פאַר מיר נעמען זינגען פאַר־שיידענע ניגונים, וואָס האָבן זיך ביי אים געבאַמבלט אין קאָפּ. און מערקווירדיק: איך האָב פון אים קיינמאָל נים געהערט נאָכזינגען עפּעס אַ פרעמדע מעלאָדיע, נאָר אַלעמאָל אַ ניגון פון אַ יידישן כאַראַקטער. ווי האָט ער עס באַוויזן, אַז ער איז קיינמאָל אפילו קיין משורר ביי קיין חזן נים געווען און איז געקומען קיין אַמע־ריקע אַ יונג בחורל? אַלץ וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט איז געווען מיט לידער פון אברהם גאָלדפאַדן, אליקום צונזער, וועלוול זבאַרזשער. און מיט אָט דעם „באַ־גאַזש" האָט ער אַליין אָנגעהויבן צו שרייבן אי זיינע אייגענע ליריקס, אי זיינע אייגענע מעלאָדיעס...

דאָס טעאַטער־ליד „גאָט און זיין משפט איז גערעכט" איז צום ערשטן מאָל געזונגען געוואָרן פון דעם באַרימטן יידישן אַקטיאָר, יעקב פּ. אַדלער, אין ז. ליבינס פּיעסע „צעבראָכענע הערצער".

און וואָס איז מיט אַזאַ פּאָפּולער־געוואָרענעם טעאַטער־ליד: „קום, ישראליקל

אהיים!״ וואָסער יידישער ייד האָט עס ניט געהערט, אָדער אַליין ניט געזונגען, אָט דאָס טעאַטער־ליד פון מייעראָוויטשן?

אויך דאָס דאָזיקע טעאַטער־ליד האָט געהאַט מזל און איז צום ערשטן מאָל געזונגען געוואָרן אין יידישן טעאַטער פון באַרימטן יידישן שוישפּילער, באָריס טאָמאַשעווסקי, אין אַ פּיעסע מיטן נאָמען „טאַטע־מאַמעס צרות!״

אָט די צוויי טעאַטער־לידער זאָגן עדות, וואָס רויער טאַלאַנט אפילו קאָן פאַר אַ מענטשן אויפטאָן!

נו, געוויס קאָן מען ניט רעדן פון מייעראָוויטשן ווי פון אַ טעאַטער־קאָמפּאָ־זיטאָר אין דעם אָנגענומענעם זין פון וואָרט, אָבער אַז זיינע אייגענע פאַרפאַסטע מעלאָדיעס צוזאַמען מיט די ליריקס האָבן אַ סך ביגעטראָגן צו די דערפאָלגן פון די פּיעסן, אין וועלכע זיי זיינען געזונגען געוואָרן — דאָס איז קיין שום ספק ניט! די צוויי הערמאָנטע טעאַטער־לידער וועלן בלייבן אינעם אוצר פון דער יידישער טעאַטער־מוזיק. די דאָזיקע צוויי טעאַטער־לידער זיינען דורכגעדרונגען ניט בלויז מיט יידישע טענער און קנייטשן, נאָר אויך מיט יידישן בטחון, בענקשאַפטן, האַרץ און נשמה...

4.

דער ערשטער וויכטיקער יידישער טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָר אין אַמעריקע אויף וועלכן איך האָב זיך דאָ אָנגעשלאָגן, איז געווען אין דעם „אַרטש סטריט טעאַטער״, אין פילאַדעלפיע, יודעלע בעלזער, — אַ זון פון וועלט־באַרימטן חזן ביי יידן, ניסי בעלזער. דאָס איז געווען אַ ייד אַ מנגן־גדול און אַ גראַדואירטער פון דער ווינער „קייזער־קעניגלעכער״ קאָנסערוואַטאָריע, אַ תלמיד־חכם, וואָס האָט גע־לערנט ש״ס און פוסקים, און פלעגט ימים־נוראים דאַווענען פאַרן עמוד, באַגלייט פון אַ גרויסן כאָר וואָס ער פלעגט אַליין מיט אים איינשטודירן און אָנפירן. איך האָב אים אַ סך מאָל געזען סיי אין „אַרטש סטריט טעאַטער״ שטיין און אָנפירן מיטן אָרקעסטער און סיי ווי אַ חזן ביים עמוד. דער ערנסטער צוגאַנג פון דעם דאָ־זיקן מענטשן צו ביידע „מלאכות״ זיינע, האָט מיך פאַרכישופט...

שווער צו זאָגן וואו יודעלע בעלזער האָט זיך געפילט בעסער: צי ווען ער איז געשטאַנען אין טעאַטער און דיריגירט מיטן אָרקעסטער, אָדער ווען ער איז געשטאַנען ביים עמוד און געדאַוונט? עס איז אויך ניט גרינג צו טרעפן ווען ער האָט זיך געפילט בעסער: צי בשעת ער האָט געשריבן מוזיק פאַרן טעאַטער, אָדער בשעת ער האָט פאַרפאַסט מוזיק פאַר די ימים־נוראימדיקע תפילות?

איינס איז אָבער זיכער: דער נוסח פון זיין באַרימטן טאַטן איז אויסגעגאָסן אויף ביידע מינים מוזיק. טענער פון דעם טאַטנס „ומפני חטאינו״, „יעלהס״, אָדער „וכך היה אומר״ פון דער יום־כיפורדיקער „עבודה״, און פון נאָך אַ סך אַנדערע פון דעם טאַטנס קאָמפּאָזיציעס, האָט מען גרינג געקאָנט אַרויסהערן ניט אין איין אָפּערעטע זיינער, וואָס ער האָט געשריבן פאַרן יידישן טעאַטער. דעם טאַטנס

טאַלאַנט פון אַנקליידן װערטער אין מוזיק האָט ניט בלויז אַרויסגעקוואָלן פון דעם זון, נאָר איז דורך דעם זונס טאַלאַנט, מיט דער געהעריקער אַקאַדעמישער ערודי־ציע, געקומען צו אַ תיקון — אין גאַנץ ניי־באַאַרבעטע פאָרמען פון געזאַנג און אָרקעסטראַציע אויף אַ מאָדערנעם אופן, וואָס דער גרויסער טאַטע זיינער האָט װעגן דעם אפילו ניט געחלומט...

אַקטיאָרן וואָס האָבן געזונגען סיי זיין מוזיק און סיי אונטער זיין דיריגענט־שאַפט, ווי אויך די שפּילער פונעם אָרקעסטער, האָבן ביי אים ניט געהאַט קיין גרינג לעבן, ער איז געווען אויסערגעוויינלעך שטרענג צו אַלעמען און ערנסט ביז גאָר.

5.

צו דעם וואוקס פון דער יידישער טעאַטער־מוזיק אין אַמעריקע, האָבן צוויי יידישע קאָמפּאָזיטאָרס, וואָס האָבן געאַרבעט בשותפות און זיינען געווען באַוואוסט אונטער דער פירמע: „פּערלמוטער און וואָל״, זייער פיל ביי־געטראָגן — סיי צו־זאַמען און דערנאָך יעדערער באַזונדער. זייער צושטייער איז געווען אַ גרויסער. זייערע אָפּערעטעס האָבן געשאַפן „היסטאָריע״ ניט בלויז אין דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, נאָר אין דעם יידישן טעאַטער איבער דער גאָרער וועלט. דער עיקר האָבן זיי געשריבן די מוזיק צו אַ גרויסער צאָל פון באָריס טאָמאַשעווסקיס פּיעסן און אָפּערעטעס, ווי: „דאָס פּינטעלע ייד״, „די יידישע קרוין״, „די פּוילישע חתונה״, „דאָס תורהלע״, „דאָס פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלע״, און נאָך און נאָך.

אין זיין בוך „קלאַנגען פון מיין לעבן״, שרייבט יוסף רומשינסקי וועגן אָט דער „מוזיקאַלישער פירמע״: „זייער מוזיק צו פּראָפעסאָר הורוויצעס פּיעסעס, שפּעטער מיט באָריס טאָמאַשעווסקין, האָט פאַרכאַפּט די יידישע גאַס. זיי האָבן אַריינגע־בראַכט די שיינע לירישע, יידישע, חסידישע כאָרעסלעך, און איבערהויפּט די רע־ליגיעזע און מוסר־השכלדיקע לידער, ווי ‚דאָס טליתל׳, ‚אַ מענטש זאָל מען זיין׳. דאָס מערקווירדיקסטע איז געווען דאָס, וואָס מען האָט פון זיי קיינמאָל ניט גע־קאָנט אַרויסקריגן ‚הו־איז־הו׳, — איך מיין צו זאָגן, ווער פון זיי האָט פאַרפאַסט דעם חסידישן ניגון און ווער דעם מאָדערנעם וואַלץ. מען פלעגט פּרובירן טרעפן, אַז די יידישע ניגונים זיינען וואָלס און די וועלטלעכע — פּערלמוטערס. האָט זיך אַמאָל אַרויסגעוויזן גראָד דאָס פאַרקערטע: אַז אַ זייער פּאָפּולערער יידישער ניגון איז געווען אַרונאָלד פּערלמוטערס, און אַ מאָדערנער וואַלץ איז געווען פון חסידישן יונגנמאַן הערמאַן וואָל. און טאַקע דערפאַר איז די קאָמבינאַציע געווען אַ זייער געלונגענע פאַר יאָרן לאַנג״.

צי „טאַקע דערפאַר איז די קאָמבינאַציע געווען אַ זייער געלונגענע״, אָדער צוליב אַנדערע סיבות, ווייס איך ניט, אָבער דער פאַקט איז דער, אַז דער יידישסטער פון אָט דעם „דועט״ איז געווען הערמאַן וואָל, ווי עס האָט זיך שפּעטער, נאָכדעם ווי די „פירמע״ איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, אין תוך אַרויסגעוויזן. בעת פּערלמו־טערן האָט מייסטנס טאַקע געצויגן צו „וואַלצן״, האָט וואָלן מייסטנס געצויגן צו

יידישע „ניגונים״, מיט וועלכע ער איז געווען אָנגעזאַפּט. דאָס זעט מען קלאָר פון די מוזיקאַלישע ירושות, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט.

איך האָב זיי נאָך ביידן פאַרכאַפּט: אי אַרנאָלד פּערלמוטערן און אי הערמאַן וואָלך. אוודאי זיינען ביידע געווען טאַלאַנטפולע קאָמפּאָזיטאָרס, אָבער נאָך אַן אַריינקוק זעט מען, אַז הערמאַן וואָל האָט זיך אויסגעצייכנט ניט בלויז מיט מער מעלאָדישקייט און נשמהדיקייט, נאָר אויך טאַקע מיט מער קאָמפּאָזיטאָרישקייט. באַזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט דער מוזיק אין זיינע אָפּערעטעס: „יאָשקע כוואַט״, „די גאַליציאַנער חתונה״ און „דעם רבינס זונדעלע״, אין וועלכער דער באַרימטער אהרון לעבעדיעוו איז געווען דער „סטאַר״. ער האָט אַרויסגע־שיינט מיט זיין מוזיק אין די דאָזיקע דריי אָפּערעטעס: דער יידישער ניגון, דער מינאָרנער ווי דער מאַזשאָרנער, האָט געפונען אַ תיקון אין די אַלע לידער, קופּ־לעטן, כאָר־געזאַנגען, וואָס זיינען אַריינגעקייטלט געוואָרן אין די דאָזיקע טעאַטער־שפּילן. דאָס זיינען געווען דריי יידישע אָפּערעטעס פון פאַרנעם, וואו די מוזיק האָט געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָל און האָט דעם קאָמפּאָזיטאָר געשאַפן אַ נאָמען אין דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

גלייכצייטיק איז הערמאַן וואָל אויך געווען אַ שול־דיריגענט ביי פאַרשיידענע באַרימטע חזנים, ווי יאָסעלע ראָזענבלאַט, וועלכע האָבן אים אינספּירירט צו שאַפן גרויסע צאָלן ליטורגישע כאָר־קאָמפּאָזיציעס וואו ער האָט זיך געפילט שטאַרק אינדערהיים. דאָ איז ער געווען דורכאויס יידישער מנגן, ווייל זיינע ערשטע גע־זאַנגען וואָס ער האָט געזונגען זיינען געווען שול־געזאַנגען — זייענדיק אַ משורר ביי חזנים, אין גאַליציע...

פון די סאַמע פּאָפּולערסטע יידישע טעאַטער־לידער פון וואָל זיינען: „דאָס פּינטעלע ייד״ און „דאָס טליתל״. מיט די דאָזיקע צוויי טעאַטער־לידער האָט ער זיך קונה־שם געווען ביי די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע, און אין דער גאָרער יידישער וועלט. ניט לאַנג צוריק האָב איך געהערט אַ באַאַרבעטונג אין אַ סימפאָנישער פאָרם, פאַר אָרקעסטער און כאָר, אָט די צוויי טעאַטער־לידער, וואָס האָבן איבערגעלאָזן אַ שטאַרקן רושם אויף מיר.

6.

פּונקט ווי זאָלאָטאַרעווסקיס פּיעסע דער „ישיבה בחור״ האָט געשאַפן געשיכטע אין דעם יידישן טעאַטער, אַזוי האָט אויך די מוזיק, דער עיקר די צוויי קאָמפּאָ־זיציעס דער „קדיש״ און „ברוך דיין האמת״, וואָס דער קאָמפּאָזיטאָר לואיס פרידזעל, האָט געשריבן צו דער פּיעסע, געשאַפן היסטאָריע אין דער יידישער טעאַטער־מוזיק. נאָך איצט שפּילט מען, פון צייט צו צייט, צו אַן „ערך־אָוונט״ אָדער צו עפּעס אַן אַנדער „שמחה״ אינעם יידישן טעאַטער, אומעטום אין דער גאָרער וועלט, דעם „ישיבה־בחור״, וואָס נעמט אויס ביים עולם — און נאָך אָפּטער קאָנט איר הערן זינגען סיי אַקטיאָרן און סיי קאָנצערט־זינגער די פריער־דערמאָנטע קאָמפּאָזיציע,

דעם „קדיש", וואָס פאַרקערפּערט אין זיך אַ שטיק יידישע טראַדיציע, שטייגער, און איז דורכגעוועבט מיט ריינע יידישע נוסחדיקע טענער, וועלכע דרינגען אַריין אין האַרצן און אין דער יידישער נשמה.

אַ חוץ אַט די צוויי דערמאָנטע קאָמפּאָזיציעס, דער „קדיש" און „ברוך דיין האמת", וואָס ווערט פאַררעכנט פאַרן בעסטן „טרויער־מאַרש", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן, אָבער וואָס זיינען אין תוך מער ליטורגיש־טעאַטראַליש ווי ריינע טעאַטער־מוזיק, האָט לואיס פרידזעל איבערגעלאָזט אַ מתנה דעם יידישן טעאַטער אַ העכסט־פּאָפּולערע קאָמפּאָזיציע „חוה", וואָס איז איינע פון די סאַמע באַקאַנטסטע יידישע טעאַטער־לידער אין דער וועלט. אויך פון „חוה" האָב איך אַנומלטן געהערט אַ סימפאָנישע באַאַרבעטונג, פאַר אָרקעסטער און כאָר, וואָס האָט שיין געקלונגען!

7.

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע און דאָס ערשטע מאָל געהערט דעם באַרימטן חזן, ישראל ברי, אַ שבת אינדערפרי מיט אַ כאָר זינגען דעם „קליינעם": „אַב הרחמים הוא ירחם עם עמוסים", בין איך נתפעל געוואָרן! שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז דער מחבר פון דער מוזיק איז דער באַרימטער יידישער טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָר, יוסף ברודי. און שפּעטער, ווען איך האָב איינמאָל בייגעוואוינט יעקב גאָרדינס פּיעסע „גאָט, מענטש און טייוול", מיט דעם באַרימטן יידישן שוישפּילער מיכאל מיכאַלעסקאָ אין דער טיטל־ראָל פון הערשעלע דובראָווגער, און האָב צום ערשטן מאָל אין דער פאָרשטעלונג געהערט זינגען ברודיס מוזיק צום קאַפּיטל תהילים „מזמור לדוד", וואָס גייט נאָך דעם באַרימטן יידישן שוישפּילער דוד קעסלער, וועלכער איז געווען דער ערשטער צו זינגען אָט די קאָמפּאָזיציע, האָב איך אָנגעהויבן צו באַנעמען דעם מהות פונעם קאָמפּאָזיטאָר.

יוסף ברודי איז געגאַנגען אין די פוס־טריט פון זיינע פאָרגייער: אברהם גאָלדפאַדן, יודעלע בעלזער, אַרנאָלד פּערלמוטער, הערמאַן וואָל, לואיס פרידזעל, וועלכע האָבן אין זייער מוזיק אַריינגעבראַכט אַ סך פון די אַלטע שול־ניגונים און נוסחאות. עס איז כמעט ניט געווען קיין איין פּיעסע און אָפּערעטע צו וועלכע ברודי האָט געשריבן מוזיק, ער זאָל ניט שאַפן כאָטש איין קאָמפּאָזיציע אויף אַ ליטורגישער טעמע. דעריבער וועט איר ביי אים געפינען דאָ אין אַ פּיעסע אַ קאָמפּאָזיציע „אָדם יסודו מעפר", דאָרט אין אַן אָפּערעטע אַ תפילה „אַל תשליכנו", און אַזוי כסדר. אין אַ סך פאַלן זיינען די דאָזיקע טעאַטראַליש־ליטורגישע געזאַנגען געווען די סיבה פון דעם הערפאָלג פון דער פּיעסע אָדער אָפּערעטע.

.8

ווען מען רעדט פון אַ נאָוואַטאָר אין דער יידישער טעאַטער־מוזיק אין אַמע־ריקע, קומט גלייך אויפן געדאַנק, יוסף רומשינסקי, דער „דין" פון אַ פּלעיאַדע יידישע טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרס, ווי: פּרץ סאַנדלער, אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי, שלום סעקונדאַ, אברהם עלשטיין — יידישע טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרס מיט אַ פּאָר־נעם און אַ מאָדערנעם צוגאַנג, אפילו ווען אויך זיי האָבן זיך אין אַ גרויסער מאָס באַנוצט אין זייערע שאַפונגען מיט דער שול־נגינה.

דער באַמען יוסף רומשינסקי איז באַוואוסט אין דער יידישער טעאַטער־וועלט און אויך צווישן די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן — איבערהויפּט קען מען זייער גוט יוסף רומשינסקין אין אַמעריקע. ער האָט געשאַפן די דערפאָלגרייכסטע יידישע אָפּערעטעס ביים יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, וואָס האָבן אים באַרימט געמאַכט און ער איז געוואָרן אַ ביז גאָר פּאָפּולערע פיגור אויך אין דער אַמעריקאַנער טע־אַטער־וועלט. ער איז געווען דער שעפער פון דער נייער יידישער אָפּערעטע אויף אַ מאָדערנעם שטייגער, וואָס האָט געהאַט אי פאָרנעם און אי קלאָר. מיט זיינע מוזיקאַלישע אָפּערעטעס האָט זיך פאַקטיש אָנגעהויבן אַ גאַנץ נייער פּעריאָד אין דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, וואָס האָט געהאַט אויך אַן איינפלוס אויפן יידישן טעאַטער אין אייראָפּע און דרום־אַמעריקע.

יוסף רומשינסקי איז געווען דער ערשטער טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָר אין אַמע־ריקע, וואָס האָט איינגעפירט גרויסע אָרקעסטערס אין היגן יידישן טעאַטער און האָט מיט דעם געוויזן ווי וויכטיק עס איז די ראָל וואָס אַ גרויסער אָרקעסטער קאָן שפּילן ביי אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג. ער האָט דערמיט געהויבן די חשיבות פון דער יידישער טעאַטער־מוזיק, אויך באַרייכערט איר קלאַנג, פאַרשענערט איר מעלאָדיע, אָנגעפילט זי מיט האַרמאָנישע קאָלירן און מוזיקאַלישע עפעקטן, אויף אַ מאָדערניזירטן שטייגער.

רומשינסקי האָט געשריבן די האַרציקסטע יידישע טעאַטער־מוזיק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביים יידישן טעאַטער אין אַמעריקע און דער גאָרער יידישער וועלט. זיינע טענער זיינען העכסט־מעלאָדישע און אָנגעפילט מיט לירישקייט, בענקשאַפט און סענטימענטאַלקייט. זיינע קאָמפּאָזיציעס צייכענען זיך אויס מיט אַ סך פאָלקסטימלעכקייט, וועלכע זינגען זיך גרינג נאָך. ער האָט געשאַפן אין דער מוזיק ביים יידישן טעאַטער אַן אייגנאַרטיקן סטיל — אַ רומשינסקי־סטיל. איר דערקענט רומשינסקיס אַ קאָמפּאָזיציע, רומשינסקיס אַ ליד, אַ קופּלעט, אפילו ווען זיין באַמען זאָל אויף דער קאָמפּאָזיציע ניט שטיין אונטערגעשריבן.

נעמט, צום ביישפּיל, רומשינסקיס אַ טעאַטער־ליד ווי: „אין מיינע אויגן ביסטו שיין", וואָס מאָלי פּיקאָן האָט געזונגען אַזוי חנעוודיק; גאַנץ געוויינלעכע טענער, אָבער האַרציק, געשמאַק און פאָלקסטימלעך. און ווי פאַכמעניש דער קאָמ־פּאָזיטאָר האָט אָט די פּשוטע, איינפאַכע פאָלקסטימלעכע טענער מוזיקאַליש באַ־אַרבעט! אַ צווייטע דערפאָלגרייכע טעאַטער־ליד, וואָס גייט נאָך רומשינסקין, איז „אוי, מלכהלע, אוי, שלמהלע!" דאָ האָט איר פאָלקסטימלעכע טענער, געשמאַק

און זינגעוודיק ביז גאָר! מען קאָן דאָס זעלביקע זאָגן וועגן זיין טעאַטער־ליד „שיין ווי די לבנה", וואָס קומט פונעם זעלביקן פאָלקסטימלעכן קוואַל!

רומשינסקיס אָפּערעטעס, ווי „דעם רביס ניגון", מיט לודוויג זאַץ אין דער טיטל־ראָל; „דאָס צעבראָכענע פידעלע", מיט באָריס טאָמאַשעווסקין בראש; „יאַנקעלע", „ציפּקע", „צאַרעוויטש פיאָדאָר", מיט מאָלע פּיקאָן אין דער שפּיץ; „שיר השירים", מיט סעמועל גאָלדענבורג אין דער טיטל־ראָל; „פישל דער גע־ראָטענער", מיט מנשה סקולניק אין דער שפּיץ, האָבן אָנגעקלייגט זייער חותם אויף דער יידישער טעאַטער־מוזיק און אויף דער יידישער אָפּערעטע אין אַמעריקע.

דעם שענסטן שניירל מוזיקאַלישע פּערל, וואו מען קאָן געפינען רומשינסקין אַ גאַנצן, אַן איינהייטלעכן, אַן אויסגעפורעמטן, אַן אָריגינעלן און אַ פּאַרטיפטן, איז אין דער מוזיק וואָס ער האָט געשריבן צו „הערשל אָסטראָפּאָליער", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין יידישן „קונסט־טעאַטער", אונטער מאָריס שוואַרצס רעזשי און מיט אים אין דער טיטל־ראָל. די פּאַראַיינינקונג פון אָט די צוויי חשובע דערפּאַרענע טעאַטראַלן, האָט אַרויסגעשפּרודלט פון דער דאָזיקער פאָרשטעלונג.

עס דאַרף דאָ אויך דערמאָנט ווערן יוסף רומשינסקיס מוזיק צו פּרצעס „דריי מתנות", וואָס מאָריס שוואַרץ האָט אויפגעפירט אין יידישן „קונסט־טעאַטער" — אויך דאָ האָט ער אויסגענוצט אַ סך פונעם פאָלקסטימלעכן קאָלאָריט, יידישן פאָלקס־קוואַל, אָבער שוין מיט אַ צומיש דאָ און דאָרט פון פרעמדע וויינשטאָקן...

יוסף רומשינסקי האָט אויך פאַרפאַסט ליטורגישע קאָמפּאָזיציעס, פאַר כאָר און אָרקעסטער, ווי: „אָז ישיר", „שמע קולנו", „ישמח משה", און האָט אויך גע־שריבן מוזיק צו ערנסטע דיכטערישע לידער, אַ שטייגער, מ. באַסינס „דעם בעל שם טובס זמירל" — אַ פּערל פון אַ יידישער קאָמפּאָזיציע, אַ קונסט־ליד.

9.

וועלכער יידישער טעאַטער־גייער האָט עס ניט געזען־געהערט די אָפּערעטע: „די רומענישע חתונה?!" אָבער וויפל פון די יידישע טעאַטער־גייערס וויסן אָדער געדענקען דעם נאָמען פון דעם קאָמפּאָזיטאָר, וואָס האָט געשאַפן די שפּרודלדיקע מוזיק צו דער אָפּערעטע? אַ חוץ טעאַטער־מענטשן, אין און אַרום דעם יידישן טעאַטער, איז דער נאָמען פּרץ סאַנדלער כמעט אַ פאַרגעסענער — און דאָס איז בפירוש אַ שאָד! ער איז געווען איינער פון אונדזערע באַגאַבטסטע יידישע טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרס, וועמעס שאַפונגען האָבן פאַרמאָגט אַן איינאָפּיי־אישן טעם און קלאַנג, פאַרנעם און צוגאַנג. ער האָט פאַרמאָגט אַ חוץ טיפן מוזי־קאַלישן וויסן, טעאַרעטישע בילדונג, געשולטקייט, אויך קאָמפּאָזיטאָרישן שוואונג, שאַפערישקייט און סטיל.

פּרץ סאַנדלער האָט גענומען אַ געוויינלעכן יידישן ניגון און אים צוגעגעבן קאָליר, ריטם און טאָן, וואָס האָט געקלונגען ווי שפּאָגל־ניי באַשאַפן, פריש און צאַפּלדיק. ער האָט פאַרמאָגט אַן ערנסטע באַציאונג צו זיין שאַפן און זיין ווערק;

עס האָט זיך ביי אים אַלעמאָל געפילט אַ זוכעניש פון נייע קלאַנג־מאַניפעסטאַציעס, נייע האַרמאָנישע קאָמבינאַציעס, וועלכע זאָלן גלייכצייטיק קלינגען אי מעלאָדיש און אי פּאָרנעמיק. ער האָט געקענט דעם זינגער און ער האָט געקענט דעם אָר־קעסטער; ער האָט גענוי געוואוסט ווי און וואָס צו שאַפן פאַר יעדן לויט זיין ראָל און זיין אָרט אין דער מוזיק.

איך געדענק גוט די מוזיק סיי פון דער פריער־דערמאָנטער אָפּערעטע „די רומענישע חתונה", און סיי אויך פון דער אָפּערעטע „קאַווקאַזער ליבע", וואָס פּרץ סאַנדלער האָט געשריבן.ביידע אָפּערעטעס זיינען מיט גרויס דערפאָלג געשפּילט געוואָרן אין דעם באַקאַנטן „נעשאָנאַל טעאַטער", אויף סעקאָנד עוועניו, די יידישע בראָדוויי פון ניו־יאָרק. דער איינדרוק איז געווען אַ קאָלאָסאַלער; איך בין אַרויס אַ באַרוישטער פון דער מוזיק פוןביידע שפּילן: דער אָרקעסטראַלער טייל פון די ביידע אָפּערעטעס איז זיך צעגאַנגען אין יעדן אבר. פּונקט ווי „די רומענישע חתונה" האָט געשפּרודלט מיט פאַרייִדישטע רומענישע דוינעס און האָרעס, אַזוי האָט אויך די אָפּערעטע „קאַווקאַזער ליבע" געפינקלט מיט פאַריידישטע פאַר־שיכורנדיקע אָריענטאַלישע טענער און קלאַנגען, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט דאָס אויער. די מוזיק פון ביידע אָפּערעטעס האָט פאַרמאָגט עכט־קאָמ־פּאָזיטאָרישן פאַרמעסט — אַ פאַרמעסט, וועמעס רעזולטאַטן עס האָבן איבערגעלאָזן טיפע שפּורן אין דער יידישער טעאַטער־מוזיק.

איינס פון דער גרויסער צאָל טעאַטער־לידער, — „בלימעלעך צוויי", — וואָס דער קאָמפּאָזיטאָר פּרץ סאַנדלער האָט אָנגעשריבן פאַר זיין אָפּערעטע „סיאָמקע ווערט אַ חתן", איז נאָך איצט אויך שטאַרק פּאָפּולער. דאָס איז אַ טעאַטער־ליד, וואָס ווערט אָפט געזונגען און געהערט צווישן די שענסטע מאָדערנע יידישע טעאַ־טער־לידער! ער האָט דעם יידישן קניטש פאַרוואַנדלט אין אַ מאָדערנעם טאָן.

.10

אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי איז געווען פאַררעכנט פאַרן „קוועק־זילבער" צווישן די יידישע טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרס אין אַמעריקע. ער איז געווען פלינק מיט דער פּען; ער האָט געקאָנט „איינס און צוויי" אָנשרייבן מוזיק צו אַן אָפּערעטע. ער האָט גוט געקענט דעם יידישן טעאַטער און דעם יידישן טעאַטער־עולם; ער האָט געוואוסט וואָס עס וועט אויסנעמען און וואָס דעם עולם וועט געפעלן. ער האָט געהאַט דעם חוש דערפאַר און אויך די פּען פאַר דעם — דערפון זיין גרויסער דער־פאָלג אין דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע אַלס קאָמפּאָזיטאָר. דערצו איז ער אויך געווען אַן אויסגעצייכנטער דיריגענט און געשיקטער פּיאַנאָ־באַגלייטער. נים קיין קליינע ראָל האָט אויך געשפּילט זיין גוטסקייט און צוגעלאָזטקייט צו מענטשן.

איך וועל דאָ דערמאָנען איין קאָמפּאָזיציע, איין טעאַטער־ליד זיינס, וואָס מיט איר איז דער נאָמען אָלשאַנעצקי צעקלונגען געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט — „מיין שטעטעלע בעלז", וואָס איז געוואָרן אַ פאָלקס־ליד און איז באַלד אַזוי

באַרימט, ווי גאָלדפאַדנס „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען!” ניט בלויז קאָנט איר הערן זינגען „מיין שטעטעלע בעלז” ערגעץ אין דער ווייטער קאָלאָמביאַ, אין דרום־אַמעריקע אָדער אין אַרגענטינע, בראַזיל, טשילי, פּערו, מעקסיקע, ווי איך האָב עס אַליין איבערגעלעבט, נאָר אויך אין מאָסקווע, ווי איך האָב אַמאָל געלייענט אין אַן אַמעריקאַנער ציַיטונג־באַריכט.

אגב, די ווערטער, וואָס האָט געזונגען „מיין שטעטעלע בעלז” און פאַר וועמען עס איז ספּעציעל געשריבן געוואָרן די אָפּערעטע, איז געווען די באַרימטע אינטערנאַציאָנאַלע יידישע פאָלקס־זינגערין, איזאַ קרעמער, אין דעם באַוואוסטן „נעשאָנאַל טעאַטער”, אויף סעקאָנד עוועניו. און עס דאַרף דאָ אויך בפירוש דער־מאָנט ווערן דער מחבר פון די ווערטער, דזשייקאָב דזשייקאָבס.

אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי איז געווען אויסגעצייכנט מיטן יידישן ניגון, יידישן מעלאָס, און ער האָט אים אויף אַ נאַטירלעכן אופן גרינג געקאָנט איבערגיסן אויף אַ זינגעוודיקן טעאַטראַלישע שטייגער, און צו מאַכן פון אים אַ חנעוודיקע אָרקעס־טראַציע. אַ חוץ זיינע מוזיקאַלישע קענטעניש, איז ער אויך געווען שאַפעריש און הערפינדעריש. מוזיקאַלישע פאַרשייטקייט און ערנסטקייט זיינען ביי אים געגאַנגען האַנט אין האַנט, ער האָט מיט זיין ברויזנדיקייט אויך אָנגעשטעקט אַלע זיינע שאַפונגען — אין ליד, קופּלעט און אָרקעסטראַציע.

אַ חוץ „מיין שטעטעלע בעלז” און „זלאַטאָפּאָל”, האָט אָלשאַנעצקי אויך אָנגע־שריבן אַ קאָמפּאָזיציע מיטן נאָמען „שירו לד׳ שיר חדש”, וואָס איז געזונגען גע־וואָרן אין דער אויפפירונג פון זשולאַווסקיס פּיעסע „שבתי צבי”, אין מאָריס שוואַרצס יידישן „קונסט־טעאַטער”. די דאָזיקע טעאַטראַלישע קאָמפּאָזיציע איז פון מאָריס שוואַרצן מיט אַ כאָר אַריינגעזונגען געוואָרן אין אַ רעקאָרד. דאָ ניט לאַנג צוריק האָט די זעלביקע קאָמפּאָזיציע אויך אַריינגעזונגען אין אַן אַר. סי. עי. וויקטאָר־פּלאַטע, אונטער דער באַגלייטונג פון אַ גרויסן סימפאָנישן אָרקעסטער, דער באַרימטער יידישער אָפּערע־זינגער, יאַן פּירס.

דרך־אגב, אָלשאַנעצקי האָט אָנגעשריבן די פּיאַנאָ־באַגלייטונג צו יעקב ראַפּאָפּאָרטס פּאָפּולער־געוואָרענער קאָמפּאָזיציע „אַ פּאַסטוכל אַ טרוימער”, אויפן טעקסט פון ז. וויינפּער, וואָס אויך יאַן פּירס האָט פאַראייביקט אין אַן אַר. סי. עי. וויקטאָר־רעקאָרד, אונטער דער באַגלייטונג פון אַ גרויסן סימפאָנישן אָרקעסטער.

אָלשאַנעצקי האָט פאַר מאָריס שוואַרצן און זיין יידישן „קונסט־טעאַטער” אויך געשריבן די מוזיק צו די אויפפירונגען פון אַנדרעיעווס „אַנאַטעמאַ”, סעקלערס „יזכור” און פּראַגערס „דער וואַסער־טרעגער”. זיין קאָמפּאָזיציע „לכבוד שבת” אין דעם „וואַסער־טרעגער” פאַרמאָגט אַ סך יידישן חן, געשמאַקייט און הייטער־קייט. עס איז איינע פון זיינע בעסטע שאַפונגען.

פון אָלשאַנעצקיס אָפּערעטעס וואָס האָבן איבערגעלאָזן אַ רושם סיי אויפן עולם און סיי אויפן מוזיק־מבין, זיינען: „דער ציגיינער פּרינץ”, „פּאַלעסטינער ליבע”, „פריילעכע קבצנים” און „דער קאַטערינשטשיק”. די קאָמפּאָזיציע „איך האָב דיך צופיל ליב”, וואָס איז געזונגען געוואָרן אין „דער קאַטערינשטשיק”, איז אויפגע־כאַפּט געוואָרן אויך פון דער אַמעריקאַנער טעאַטער־וועלט און איז געוואָרן אַזאַ

דערפֿאַלג, אַז דער באַוואוסטער אַמעריקאַנער קאָמפּאָזיטאָר, פרעד וואָרינג, האָט אויף דער דאָזיקער קאַנווע געשאַפֿן אַ סימפֿאָנישע באַאַרבעטונג, וואָס האָט נושא־חן געווען און ווערט זייער אָפֿט געשפּילט אויף דער ראַדיאָ, טעלעוויזיע און אויף פּאָפּולערע קאָנצערטן.

און דאָ קום איך צו אַ מאָמענט, וואו איך האָב געהאַט אַ שטיקל חלק אין דער שאַפֿונג פֿון אַלשאַנעצקיס באַרימט־געוואָרענער קאָמפּאָזיציע פֿאַר אָרקעסטער: די „ישראל־ראַפּסאָדיע". איך בין געווען איינער פֿון די ערשטע צו קומען אַהער מיט אַרץ־ישראלדיקע געזאַנגען, לידער־מאָטיוון פֿאַר דעם יידישן קאָנצערט־עולם אין אַמעריקע, און אויך אויף דער ראַדיאָ און דורך וויקטאָר־רעקאָרדס. די געזאַנגען האָבן אויסגענומען און באַווירקט אייניקע יידישע קאָמפּאָזיטאָרס זיי צו נעמען זיך באַאַרבעטן; צווישן די סאַמע ערשטע זיינען געווען מיין פֿריינט, דער ביז־לאַנג פֿאַרשטאָרבענער קאָמפּאָזיטאָר, מיכל געלבאַרט און אַלעקסאַנדער אַלשאַנעצקי. דער ערשטער האָט פֿון אַ טייל פֿון די דאָזיקע געזאַנגען געשאַפֿן אַ לייכטע פּאָפּורי, וואָס איז צום ערשטן מאָל געשפּילט געוואָרן פֿון אַ קליינעם אָרקעסטער אין קעמפּ „גן־עדן", וואו מיכל געלבאַרט איז געווען אָנגעשטעלט אַלס מוזיק־דירעקטאָר, און דער צווייטער, אַלעקסאַנדער אַלשאַנעצקי, האָט פֿון אַ טייל פֿון די דאָזיקע געזאַנגען אויף אַ ברייטערן און טיפֿערן פֿאַרנעם געשאַפֿן זיין „ישראל־ראַפּסאָדיע".

ווען אַלשאַנעצקי האָט פֿאַרטראַכט דעם פּלאַן צו שרייבן די דאָזיקע „ראַפּסאָדיע", האָט ער, ווי מיכל געלבאַרט, זיך געווענדעט צו מיר איך זאָל אים געבן אייניקע אַרץ־ישראל לידער, וואָס ער האָט מיך אָפֿט געהערט זינגען אויף קאָנצערטן און אויף דער ראַדיאָ און וואָס זיינען געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער צווישן דעם יידישן עולם אין אַמעריקע; איך האָב זיי ביידן צוגעשטעלט די פֿאַרלאַנגטע לידער — און אַזוי איז געבאָרן געוואָרן די „ישראל־ראַפּסאָדיע", איינע פֿון אַלעקסאַנדער אַלשאַנעצקיס שענסטע אָרקעסטראַלע שאַפֿונגען!

.11

אַ צווייטע יידישע טעאַטער־ליד, וואָס האָט דערגרייכט וואו נאָר די וועלט האָט אַן עק, אויף אַלע שפּראַכן און צווישן אַלע פֿעלקער, פּונקט ווי אַלשאַנעצקיס „מיין שטעטעלע בעלז", איז „ביי מיר ביסטו שיין", וואָס דער טאַלאַנטפֿולער קאָמפּאָזיטאָר שלום סעקונדאַ האָט אָנגעשריבן. און אויך פֿון דעם טעקסט איז דער זעלביקער פֿאַרפֿאַסער, ווי פֿון „מיין שטעטעלע בעלז", דזשייקאָב דזשייקאָבס. אָבער דאָס איז ביט די אייגציקע קאָמפּאָזיציע, וואָס האָט שלום סעקונדאַן אויעקגעשטעלט אין פֿאָדערגרונט צווישן דער פֿליעיאַדע יידישע טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרס אין אַמעריקע. שלום סעקונדאַ האָט אויף זיין קאָנטע ניט בלויז פּאָפּולער־געוואָרענע יידישע טעאַטער־לידער און צענדליקער יידישע טעאַטער־אָפּערעטעס, וואָס

ער האָט אָנגעשריבן דורך די יאָרן, וואָס ער איז פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער, נאָר אויך אַ גרויסע צאָל אָרקעסטראַלע שאַפונגען פון אַ ברייטן פאַרנעם — און מוזיק וואָס ער האָט געשריבן צו אַ סך לידער פון באַרימטע יידישע דיכטער, ווי משה־לייב האַלפּערן, אברהם רייזען, ה. לייוויק און נאָך אַנדערע. זיין מוזיק צו לייוויקס „אייביק“, איז אַריינגענומען אינעם רעפּערטואַר פון יעדן ערנסטן יידישן קאָנצערט־זינגער. אַזוי אויך מיט זיינע ליטורגישע שאַפונגען, וועלכע ווערן געזונגען פון די באַרימטסטע חזנים און כאָרן אין אַמעריקע.

וואו ליגט דער כוח, וואָס באַווירקט סעקונדאַס שאַפונגען? דער ענטפער איז אַ פּשוטער: ווייניק יידישע קאָמפּאָזיטאָרס זיינען, אַזוי אויסגעבונדן מיט דער יידישער נגינה, מיט דעם יידישן מאָטיוו, נוסחאות, און קאָנען אַזוי איבערגיסן אין אַזאַ אָדער אַ צווייטער פאָרם, ווי שלום סעקונדאַ. ער איז אויך דער אַקטיווסטער דאָ אין אַמעריקע אויפן פעלד פון דער יידישער מוזיק. אַ סך מאָל וואונדער איך זיך: וואו נעמט ער אַזויפיל צייט, כוח און ענערגיע? אומעטום פילט מען די קוואַליטעט פון זיין קאָמפּאָזיטאָרישן טאַלאַנט.

צווישן שלום סעקונדאַס ריינע אָרקעסטראַלע שאַפונגען, ווייס איך, אַז עס געפינט זיך אין אַ סימפאָנישער פאָרם אויך אַ „יידישע ראַפּסאָדיע“, וואָס איך האָב, לײדער, ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו הערן, אָבער איך בין באַקאַנט מיט שלום סעקונדאַס רייכער באַאַרבעטונג פון אברהם גאָלדפאַדענס „שולמית“ אין אַן אָפּערע־פאָרם, וואָס טיילן זיינען אויפגעפירט געוואָרן סיי אין טעאַטער און סיי אויף דער ראַדיאָ. דאָ זעט־הערט־פילט מען פאַר זיך אַ יידישן קאָמפּאָזיטאָר, וואָס שטייט אויף אַ געזונטן מוזיקאַלישן באָדן און ווייסט וואו צו געפינען ניט בלויז די יידישע מעלאָדיע, נאָר אויך די פאַרבן פאַר דער יידישער האַרמאָניע, דעם אייגנטימלעכן קאָלאָריט, קלאַנג און חן.

דורך די לאַנגע יאָרן וואָס שלום סעקונדאַ איז פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער האָט ער אָנגעשריבן צענדליקער אָפּערעטעס, אָבער צווישן די אָפּערעטעס וואָס האָבן איבערגעלאָזט אַ חותם אויף דער יידישער טעאַטער־מוזיק, זיינען: „די יידישע שיקסע“, „מאַשקאַ“, „אַ נאַכט פון ליבע“, „דער גאַסן־זינגער“. אין די דאָזיקע אָפּערעטעס פילט מען דעם רייפן יידישן טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָר מיט אַן אייגענעם פּנים. דערמאָנענדיק פריער „די יידישע שיקסע“, דאַרף דאָ אַרויסגעהויבן ווערן אַ ליד, וואָס איז געווען דער „טשוואַק“ פון דער גאַנצער שפּיל — אַ ליד, וואָס ווערט געזונגען סיי פון יידישע און סיי פון ניט־יידישע זינגערס, חזנים: „דאָס יידישע ליד“, אויפן טעקסט פון אַנשל שאָר. דער מחבר פון דער אָפּערעטע, וואו דער יידישער גייסט ווערט מיט דער הילף פון סעקונדאַס מוזיק שטאַרק באַטאָנט און באַזונגען — דער עיקר אין די שטעלן, וואו די מוזיק איז דורכגעפלאָכטן מיט די ימים־נוראימדיקע טענער פון „הנני“, „כל־נדרי“ און „שמחת־תורה“...

צום סוף וויל איך דאָ נאָך צוגעבן אַ וואָרט וועגן סעקונדאַס מוזיק צו די „ברידער אשכנזי“, אין יידישן „קונסט־טעאַטער“, און ספּעציעל וועגן דער אַראַנזשירונג פאַר אָרקעסטער פון אַ גרופּע יידישע פאָלקס־ניגונים, וואָס ער האָט ספּעציעל פאַרפאַסט צו מנחם רובינס אויפפירונג פון שלום־עליכמס „צוויי הונדערט

טויזנט״. די דאָזיקע פאָלקס־ניגונים, אין דער פאָרם ווי סעקונדאַ האָט זיי באַאַר־
בעט, האָלטן געמעגט אָפּגעדרוקט ווערן און מען האָלט זיי אַזוי אַרום אָפטער גע־
קאָנט הערן שפּילן. עס איז כדאי, אַז די יידישע גאַס זאָל זיך מיט זיי באַקענען.

12.

עס האָט זיך קיינער ניט געריכט, אַז די יידישע אַמעריקע וועט אַרויסגעבן אַן אייגענעם יידישן טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָר, וואָס זאָל ניט זיין הינטערשטעליק לגבי די יידישע טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרס, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן אויף יענער זייט ים. זיין נאָמען איז אַברהם עלשטיין. ער האָט ניט בלויז באַרייכערט די יידישע טעאַטער־מוזיק, נאָר די יידישע מוזיק בכלל. עס האָט שוין געהאַלטן אויך הערביי, אַז דער דאָזיקער העכסט־טאַלאַנטירטער יידישער קאָמפּאָזיטאָר זאָל ווייט אַריבערשפּאַנען די יידישע גרענעץ און דערגיין אויך צו דער ניט־יידישער וועלט, אָבער דער פּלוצעמדיקער טויט האָט אים יונג אַוועקגעריסן אין סאַמע מיטן פון זיין פאַנאַנדערבליען זיך.

אַברהם עלשטיין איז געבאָרן און דערצויגן געוואָרן אין ניו־יאָרק. ער איז אויך אויסגעוואַקסן געוואָרן מיט דער יידישער נגינה — קודם מיט דער שול־נגינה, דערנאָך מיט דער יידישער טעאַטער־מוזיק, פאָלקס־מוזיק וכדומה. זיין טאַלאַנט האָט זיך אַרויסגעוויזן אויף פאַרשיידענע מוזיק־געביטן. ער האָט געשריבן אָפּערעטעס פאַר באָריס טאָמאַשעווסקי, לודוויג זאַצן, מאַלי פּיקאָן; אין יעדער קאָמפּאָזיציע זיינער האָט מען געפילט די פרישקייט פון זיין טאַלאַנט, פון זיין מוזיקאַלישער געשולטקייט. ער האָט זיך געפילט היימיש מיטן יידישן וואָרט; ניט בלויז האָט ער גערעדט אַ געשמאַקן יידיש, נאָר ער האָט אויך געלייענט און געשריבן יידיש. אַחוץ אַ קאָמפּאָזיטאָר איז ער אויך געווען אַ פייערדיקער דיריגענט: אַן אָרקעסטער און די זינגער פון אַ כאָר, אָדער די אַקטיאָרן־זינגערס אויף דער בינע, האָבן ביי אים „גערעדט ווערטער״. ער איז אויך געווען איינער פון די באַגאַבטסטע פּיאַנאָ־באַגלייטער.

דעביוטירט ווי אַ טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָר אין יידישן טעאַטער, האָט עלשטיין דווקא ניט מיט קיין אָפּערעטעס נאָר מיט ערנסטע דראַמעס צו וועלכע ער האָט געשריבן מוזיק, ווי: ב. עפּעלבוימס „געראַנגל״, וואָס יעקב מעסטל האָט אויפגעפירט מיט דער „ווילנער טרופּע״, אין דעם „אינטימען טעאַטער״, אין ניו־יאָרק, און ביינוש שטיימאַנס „ביים טויער״, וואָס, ווידעראַמאָל, יעקב מעסטל האָט אויפגעפירט מיטן „אַרטעף״, אין ניו־יאָרק. ער האָט אויך געשריבן די מוזיק צו דעם שפּיל „בום און דריידל״, וואָס מענדל עלקין האָט אויפגעפירט מיט זיין „קינדער־טעאַטער־סטודיאָ״, אין מאָריס שוואַרצעס יידישן „קונסט־טעאַטער״. פאַרשטייט זיך, אַז נאָכדעם ווי מען האָט געהערט עלשטיינס מוזיק צו די דאָזיקע דריי טעאַטער־פאָרשטעלונגען, האָט מען אים גלייך אויסגעכאַפּט אין די טעאַטערס, וואו אָפּערעטעס זיינען געווען די הויפּט־סחורה...

און שוין מיט זיין ערשטער אָפּערעטע „זיין ווייבס ליובאָווניק", מיט לודוויג זאַצן אין דער טיטל־ראָל, האָט ער זיך גלייך אַנטפּלעקט פאַר אַ גרויסן געווינס פאַר דעם יידישן טעאַטער. פונקט ווי ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט ערנסטקייט אין זיין מוזיק צו די פריער־דערמאָנטע דריי דראַמעס, אַזוי האָט ער שוין אין דער ערשטער אָפּערעטע זיינער דעמאָנסטרירט ווי שפּילעוודיק, לייכט און שטיפעריש ער קען זיין. באַלד דערנאָך איז געקומען זיינע אַ צווייטע אָפּערעטע „דער בערדיטשעווער חתן", וואו זיין שפּרודלדיקער טאַלאַנט האָט זיך נאָך מער אַרויסגעוויזן, וויל דאָ האָט ער געהאַט צו טאָן מיט אַ היימישער יידישער סביבה, יידישן שטייגער־לעבן, הנהגות; אַן אַטמאָספערע, וואָס איז פאַר אים לחלוטין פרעמד געווען, אָבער ער האָט דאָס אַלצדינג קלאָר באַנומען, ווי ער וואָלט געווען אַ געבאָרענער ערגעץ אויף דער וואָלינער ערד, צי אין פּאָדאָליע, אָדער טאַקע אין בערדיטשעוו ממש — אַזוי געשמאַק־יידישלעך האָט געקלונגען די מוזיק!

ווייטער איז געקומען די אָפּערעטע „ארץ־ישראל". דאָ האָט מען אַרויסגעפילט דעם פולן מהות פונעם קאָמפּאָזיטאָר מיט אַן אייגענעם פּנים, וואָס איז געקומען עפּעס מתקן צו זיין אין דער יידישער טעאַטער־מוזיק אין אַמעריקע.

אברהם עלשטיין האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרשיידענע מוזיק־געביטן. זיין פידל־קאָמפּאָזיציע „בית־המדרש", איז געווען אַ מוסטער פון די ערנסטע מוזיקאַלישע ווערק זיינע, וואָס זיינען געקומען פון זיין פען שפּעטער. זיין אייגאַקטיקע אָפּערע „דער גנב און דער תליון", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אויף דער טעלעוויזיע און אין אַ צאָל אוניווערסיטעטן איבערן לאַנד, און די פאָרנעמיקע אָפּערע „דער גולם", אויפן טעקסט פון ה. לייוויקס באַרימטער דראַמע, וואָס ער האָט ספּעציעל געשריבן אויף דער איינלאַדונג פון דער „פאָרד פאַונדעישאָן" און איז אויפגעפירט געוואָרן מיט פאַרנעם פון דער ניו־יאָרקער „סיטי־סענטער" אָפּערע קאָמפּאַניע — די דאָזיקע צוויי פאַרמעסטונגען האָבן פאַר אים געוואונען אַ נאָמען אין דער אַמעריקאַנער מוזיק־וועלט.

אברהם עלשטיין וואָלט נאָך געווען אַ סך באַוויזן אויפן שאַפערישן מוזיק־געביט — הן פאַר דער יידישער מוזיק אין אַלע אירע פאָרמען צו וועלכער ער האָט צוגעלייגט אַ האַנט, און הן פאַר דער אַלגעמיינער מוזיק־וועלט.

*
**

צום סוף אַ באַמערקונג: מיין כוונה ביים צוגרייטן אָט די אַרבעט איז בשום אופן ניט געווען צו שרייבן די געשיכטע פון דער יידישער טעאַטער־מוזיק אין אַמעריקע, אָדער צו געבן גענויע ביאָגראַפיעס און אָפּשאַצונגען פון דעם צי אַ צווייטן יידישן טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָר, נאָר צו פאַרצייכענען און אַרויסהייבן בלויז אייניקע מאָמענטן און געבן אַלגעמיינע שטריכן פון דעם גאַנג פון דער יידישער טעאַטער־מוזיק אין אַמעריקע.

איך וואָלט אוודאי געדאַרפט אויך אָפּשטעלן זיך אויף אַזעלכע יידישע קאָמפּאָזיטאָרס ווי: יוסף אַחרון, וועלכער האָט געשריבן פּרעכטיקע מוזיק צו מאָריס

שוואַרצעס אויפפירונגען אין יידישן „קונסט־טעאַטער" פון שלום־עליכמס „סטעמ־פעניו", גאָלדפאַדענס „צענטער געבאָט" און שלום אַשס „קידוש השם"; יוסף טשערניאַווסקי, לעאָ ליאָוו, משה ראַוד, העטעך קאָן, וועלסע האָבן, ווער מער ווי אין מאָל, בייגעטראָגן זייער חלק מיט זייערע מוזיקאַלישע שאַפונגען פאַר דער יידישער טעאַטער־מוזיק אין אַמעריקע; ווי אויך וועגן פיליפ לאַסקאָווסקי, וואָס האָט פאַרפאַסט די מוזיק צו באָריס טאָמאַשעווסקיס אָפּערעטע „בר־מצוה"; איליאַ טריילינג, יאַשאַ קרייצבערג, אָבער די אַרבעט האָט זיך שוין אַזוי אויך צעוואָקסן און פאַרנעמט פיל מער פלאַץ, ווי מיר איז צוגעטיילט געוואָרן.

מאַי, 1963

זלמן זילבערצווייג

שעקספיר אין יידיש און אויף דער יידישער בינע

הונדערטער ביכער אין אַלע שפּראַכן זיינען שוין דאָ וועגן גאון פון דער וועלט־דראַמאַטורגיע, דעם „באַרד אָוו עוואָן", וויליאַם שעקספיר. אין אָט די ביכער ווערן צעגלידערט, באַהאַנדלט און אַנאַליזירט, אפילו פסוקים־וויז, זיינע דראַמעס און זיינע פּאָעמעס. אויסער אַ דראַמאַטורג, איז שעקספיר אויך געווען און פאַרבליבן דער גרויסער דיכטער.

אין יידיש איז פאַראַן ביז היינט נאָר איין בוך, וואָס איז ווי אַ שטודיום איבער שעקספירן, און דווקא פון אַ „קאָלעגע" — אַ שווישפּילער — אברהם טייטעלבוים (וויליאַם שעקספיר, איקוף־פאַרלאַג, 1946, 320 ז"ז).

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אין אַן אַרטיקל, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין, וועל איך ניט קאָנען אַרומנעמען די גאַנצע פּראָבלעם „שעקספּיר".

איך וועל אויך ניט רעדן וועגן דעם דיכטער שעקספיר, וועמענס פּאָעמעס זיינען איבערזעצט פון אַ ריי יידישע דיכטער.

אין 1953 איז דערשינען אין יידיש וויליאַם שעקספירס „סאָנעטן", איבערגעזעצט דורכן דיכטער ב. לאַפּין, וועלכער האָט איבער 10 יאָר געאַרבעט מיט גרויס פלייס אויף דער איבערדיכטונג (ניו־יאָרק, 96 זייטן, מיט אַ הקדמה פון שמואל לאַפּין).

שעקספּירס סאָנעטן זיינען איבערגעזעצט און דערשינען אין בוך־פאָרם פון ד"ר אברהם אייסען (ניו־יאָרק 1944).

מיין אויפגאַבע איז צו פאַרצייכענען וואָס מיר האָבן אין יידיש, אין געדרוקטער אָדער אין געשפּילטער פאָרם, פון שעקספּירן, און על־פּי רוב וועל איך זיך באַגנוגענען נאָר מיט ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונגען, און זעלטן מיט אַ באַמערקונג אָדער מיט אַ שטיקל „היסטאָריע" פון יעדער זאַך.

פון אַלע 38 שעקספּיר־פּיעסן זיינען אויף דער יידישער בינע לענגער געשפּילט געוואָרן נאָר 6 פּיעסן: „האַמלעט", „אָטעלאָ", „דער סוחר פון ווענעדיק" (שיילאָק), „ראָמעאָ און דזשוליעט", „קיניג ליר" און „דער שטורעם". אַנדערע שעקספּיר־פּיעסן האָט מען געשפּילט נאָר געציילטע מאָל, זיי זיינען קורץ פאַרשוואונדן פון דער בינע, אָדער זיי זיינען בלויז געדרוקט געוואָרן, ווי איך וועל ווייטער גענויער אָנגעבן.

אָבער אָט די עטלעכע שעקספּיר־פּיעסן, וואָס מען האָט יאָ אויפגעפירט, זיינען געשפּילט געוואָרן אין פאַרשיידענע איבערזעצונגען, און אויף צענדליקער יידישע בינעס איבער גאָר דער וועלט. אויסער דעם האָבן אייניקע פון זיי אַרויסגערופן אַ גרויסע ליטעראַטור אין דער פּעריאָדישער פּרעסע. אייניקע שעקספּיר־פּיעסן

זײַנען אויך געשפּילט געוואָרן אין אַ יידישער אדאפּטאַציע, און אַנדערע שעקספּיר־פּיעסן זײַנען געשפּילט געוואָרן ניט ווי איבערזעצונגען פון זייער אָריגינעלן טעקסט, נאָר זייער פאַבולע איז אויסגענוצט געוואָרן דורך דראַמאַטיקער אָדער פּיעסן־שרײַבער פאַר מעלאָדראַמעס און אפילו מוזיקאַלישע פּיעסן, וואו שעקספּירס נאָמען ווערט כלל ניט דערמאָנט, נאָר זייער אָפּשטאַם קאָנען לײַכט אויסגעפינען די, וועלכע קענען שעקספּירס פּיעסן אין אָריגינאַל אָדער דורך אַן איבערזעצונג אין אַנדערע שפּראַכן.

גאָר אַ מערקווירדיקן גורל האָבן שעקספּירס פּיעסן געהאַט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דרוק. די ערשטע שעקספּיר־פּיעסע אין יידיש איז געדרוקט געוואָרן אַ סך פריער ווי מען האָט געטראַכט צו שפּילן שעקספּירן אויף יידיש. אַ סך יאָרן שפּעטער, ווי מען האָט שעקספּירן שוין מער ניט געשפּילט, האָט מען אים גענומען דרוקן, און דווקא די איבערזעצונגען וואָס זײַנען יאָ געשפּילט געוואָרן, זײַנען געבליבן אין כתב־יד, און נאָר אייניקע פון זיי געפינען זיך אין אַרכיוו פון ייוואָ אין ניו־יאָרק, אָבער דער גרעסטער טייל איז פאַרבליבן בײַ זייערע איבערזעצער און זײַנען אומגעקומען צוזאַמען מיטן יידנטום אין דעם גרויסן וועלט־חורבן דורך די נאַציס, ימח שמם וזכרם.

יוליוס צעזאַר

די ערשטע באַקאַנטשאַפט, וואָס דער יידישער עולם האָט געהאַט מיט שעקספּירן, איז געשלאָסן געוואָרן אין 1886 (10 יאָר נאָך דער גרינדונג פון גאָלדפאַדען־טעאַטער), ווען אין וואַרשע איז דערשינען אַ פרייע איבערזעצונג און באַאַרבעטונג פון זײַן גרויסער היסטאָרישער טראַגעדיע „יוליוס צעזאַר״.

מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט דעם דעמאָלטדיקן מצב פון יידישן לשון, ווי אָרעם עס איז געווען סיי די יידישע אָריגינעלע, סיי די איבערזעצטע ליטעראַטור, כדי ניט צו קוקן מיט ביטול אויף דעם ערשטן פּיאָנער פון שעקספּירן אין יידיש, וואָס זײַן שער־בלאַט קלינגט הײַנט אַזוי אַנאַכראָניש פאַר אונדז:

יוליוס צעזאר

איינע איסטארישע, טראהעדישע דראמא — איבער רומא׳ר רעספּאבליקע. אין 5 ערשייַנונגען. פערפאסט פאן דעם בעריהמטען דיכטער אונ דראמאטורג וויליאם שעקספּיר פרייא איבערזעצט אונ בעארבייטעט אינם פּראָסט־יודישען זשארגאן פאן בצלאל ווישני־פאלסקי (היואלי) משדה לבן.

די פרייע איבערזעצונג עפנט זיך מיט אַ העברייאישער ווידמונג לכבוד דעם זיידן און באָבען פון איבערזעצער און מיט זײַנס אַ פאָרוואָרט.

עס איז זיכער, אַז די איבערזעצונג אָדער פרייע באַאַרבעטונג איז געמאַכט געוואָרן פון אַ רוסישער איבערזעצונג.

אין 1895 איז אַ פרייע באַאַרבעטונג פון דער טראַגעדיע געמאַכט פון ד. מ.

הערמאַלין (וואַרשיינלעך פון דייטש) געשפּילט געוואָרן אין ניו־יאָרק, אָבער זיך לאַנג ניט געהאַלטן און מער קיינמאָל ניט געשפּילט געוואָרן.

אַ סך יאָרן זיינען אַוועק ביז עס האָט זיך באַוויזן אין יידיש אַ פולשטענדיקע, פון אָריגינאַל, קינסטלערישע איבערזעצונג: אין 1918 איז אין ניו־יאָרק דערשינען, ווי דער ערשטער באַנד שעקספּירס געקליבענע ווערק (צוזאַמען מיט „האַמלעט"), אין י. י. שוואַרצס איבערזעצונג, „יוליוס צעזאַר", מיט אַ פאָרוואָרט פון איבערזעצער און דזשאָזעף איראַן, און הלל ראַגאָפס יידישע איבערזעצונג פון געאָרג בראַנדעסעס אָפּהאַנדלונג וועגן „יוליוס צעזאַר".

אין 1933 איז אין מינסק דערשינען י. גאָלדבערגס, פון אָריגינאַל איבערזעצט, „יוליוס צעזאַר".

ביידע יידישע קינסטלערישע איבערזעצונגען זיינען קיינמאָל ניט געשפּילט געוואָרן.

האַמלעט

שעקספּירס פּאָפּולערסטע פּיעסע אויף דער יידישער בינע איז געווען זיין „האַמלעט", סיי אין דער איבערזעצונג, סיי אין דער פרייער באַאַרבעטונג און סיי שפּעטער אין איזידאָר זאָלאָטאַרעווסקיס איבערגיסן זי אין אַ פּאָפּולערער, וואולגאַריזירטער פאָרם אין אַ „יידישער" פּיעסע.

די ערשטע דאַטע פון אַ „האַמלעט"־אויפפירונג אויף יידיש גייט אַזוי ווייט ווי דעם 24טן נאָוועמבער 1892. זי איז געמאַכט געוואָרן דורך דעם דעמאָלטדיקן פּאָפּולערן ראָמאַניסט און פּיעסן־שרייבער משה זייפערט. עס איז געווען, ווי עס איז דייטלעך אַנאָנסירט געוואָרן, אַ „פרייע באַאַרבעטונג", און זי איז זיכער ניט געמאַכט געוואָרן פון ענגלישן אָריגינאַל, נאָר וואַרשיינלעך פון אַ דייטשער איבערזעצונג, און איז אויפגעפירט און געשפּילט געוואָרן פון באָריס טאָמאַשעווסקין אין ניו־יאָרק.

ווי בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט אין אירע זכרונות, האָט דאָס פּובליקום ניט פאַרשטאַנען די פּיעסע, וועלכע איז אָבער פאָרט געשפּילט געוואָרן עטלעכע וואָכן און מ׳האָט דערביי געמאַכט גוטע געשעפטן. אויף ווייפל באַגריף דאָס פּובליקום האָט געהאַט וועגן שעקספּירן, איז צו זען פון בעסיס סאַרקאַסטישער באַמערקונג, אַז „דער עולם האָט געקלאַפּט, געשריגן און גערופן דעם פאַרפאַסער, שעקספּיר, ער זאָל קומען זיך בויגן פאַרן קורטן (פאָרהאַנג)... מיין גוטע דינסטמיידל בעקי האָט אונדז אפילו געגעבן אַן עצה מיר זאָלן גרימירן אַ יידן און אים אַרויסשיקן אַלס שעקספּיר, אָבער מיר פלעגן בעטן ביים פּובליקום אַנטשולדיקונג, וואָס שעקספּיר קומט ניט אַרויס זיך בויגן, ווייל ער וואוינט צו ווייט, אַזש אין לאָנדאָן, דערפאַר קאָן ער ניט קומען".

דער איבערזעצער אָדער באַאַרבעטער משה זייפערט אין זיינער אַן אַרבעט צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער דערציילט אין אַ גאָר הומאָריסטיש־סאַטירישן טאָן וועגן אָט דער „איבערזעצונג":

„די קאָמפּאַני פון טאַליא־טעאַטער האָט מיר דעם אָרדער געגעבן ׳האַמלעט

צו מאַכן׳. עס האָבן מיר ניט געהאָלפן קיינע טענות און קיינע פּראָטעסטן. איך האָב פּראָטעסטירט קעגן די פרעכהייט פון דער קאָמפּאַני, אָבער מיין מאָגן האָט פּראָטעסטירט קעגן מיין פרעכהייט.

— גזלן — האָט די שטימע פון מיין מאָגן אין מיינע אויערן געקלונגען — דלפון, דו באַקומסט פופציק דאָלאַר! ווייסטו דען ניט אַז מיט פופציק דאָלאַר ביזטו אַזוי רייך ווי וואַנאַמעקער?

„איך האָב מיך גענומען צו דער ׳אַרבעט׳. ווי געשריגן, וואָס האָב איך פון דעם ׳האַמלעט׳ ניט געמאַכט! אַלץ, אַ טומטום, איין אנדרוגינוס, אַלעס אין דער וועלט, נאָר ניט קיין האַמלעט! איך האָב פון אים גאַנצע פּאַסן געריסן. איך האָב פון דעם שיינעם בנין דעם פונדאַמענט, די ווענט און דעם דאַך אַוועקגענומען. איך האָב אין דעם פרעכטיקן פּאַלאַסט קיין גאַנצע שויב געלאָזן. אַביסל האָב איך דאָס געטאָן אויס פּאַטריאָטיזמוס. עס האָט זיך מיר געוואָלט נוקם זיין אָן דעם ׳אַנטיסעמיט׳ שעקספּיר, און אַביסל טאַקע פאַר די פופציק דאָלאַר, וואָס האָבן מיין מאָגן שטאַרק געקיצלט. קורץ, עס איז ביי מיר אַרויס אַ ׳האַמלעט׳ וועלכן דער אשמדאי אַליין וואָלט עס אַ מכה דערקענט, אַז דאָס שטאַמט פון שעקספּירס גייסט. די שוישפּילער, ווי דער מנהג ישראל איז, האָבן נאָך פון מיין ׳האַמלעט׳ צוויי דריטל מיט אַכט און פערציק פּערטלען אַרויסגעוואָרפן, אונד האָבן עס אויפגעפירט. ה׳ טאָמאַשעווסקי האָט געשפּילט די טיטל־ראָלע, אונד צום פאָהיבעל (טייוול) האָט ׳משה׳ (אַ זידל־וואָרט פאַרן יידישן טעאַטער־עולם) אָנגעקוואָלן. קיין פּיעסע האָט אַזעלכע גוואַלדיקע איינגאַמען געגעבן ווי מיט רעספּעקט צו זאָגן מיין ׳האַמלעט׳.״

דער שוישפּילער בועז יאַנג דערציילט, אַז טאָמאַשעווסקי האָט יאָרן־לאַנג געשפּילט זייפערטס „איבערזעצונג״, וואָס איז געווען האַלב־דייטש, אָבער ווען מען האָט אויפגעהערט צו רופן יידיש „זשאַרגאָן״, האָט טאָמאַשעווסקי באַקומען חשק צו שפּילן אַ לייטישע איבערזעצונג, און האָט אַזאַ איבערזעצונג באַשטעלט ביים באַקאַנטן דראַמאַטורג לעאָן קאָברין. ווי יאַנג דערציילט, האָט מען אפילו אָנגעהויבן מאַכן פּראָבן אין דער נייער איבערזעצונג, אָבער ביי די ערשטע צוויי אַקטן האָט מען געפילט ווי טאָמאַשעווסקי אַרבעט נעבעך שווער און ביטער ער זאָל קאָנען רעדן אויף מאַמע־לשון. אין דריטן אַקט, ווען עס איז געקומען צום מאָנאָלאָג „זיין אָדער ניט זיין״, האָט טאָמאַשעווסקי געגעבן אַ געשריי: „אויס! ניין! איך קען די שפּראַך ניט רעדן! גיט מיר צוריק זייפערטן!״, און מען האָט אָנגעהויבן רעדן צוריק „דו זאָלסט מיך ניכט טון זאַטשעפּען״... און טאָמאַשעווסקי האָט זיך ווידער דערפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. דער עקספּערימענט, אַז מען זאָל רעדן אַ ריינעם יידיש כאָטש ביי שעקספּירן איז דעמאָלט דורכגעפאַלן״.

שפּעטער האָט טאָמאַשעווסקי פאָרט געשפּילט אַ נייע איבערזעצונג, דאָס מאָל העכסט וואַרשיינלעך פון ענגליש, פון זיין איבערזעצער, דעם פּיעסן־שרייבער מיכל גאָלדבערג, וועלכער האָט פאַר אים איבערזעצט אויך אַנדערע שעקספּיר־פּיעסן.

דעם 18טן אויגוסט 1894 איז די באַרימטע שוישפּילערין קעני ליפּצין אויפ־

געטראָטן אַלס „אָפעליאַ". ווער עס איז געווען איר פּאַרטנער אַלס „האַמלעט", ווערט ניט אָנגעגעבן. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז באָריס טאָמאַשעווסקי.

דעם 1טן יאַנואַר 1904 איז דער באַרימטער יידיש־דייטשער שוישפּילער מאָריס מאָריסאָן אויפגעטראָטן אין ניו־יאָרק אַלס „האַמלעט"; מאָריסאָן האָט ניט געשפּילט אין יידיש, נאָר אויף דייטש, אָדער דייטשמעריש, אָבער די אַנדערע אַקטיאָרן האָבן יאָ געשפּילט אין יידיש. וועמענס איבערזעצונג זיי האָבן געשפּילט ווערט ניט אָנגעגעבן.

אין 1904 איז אויפגעטראָטן אין ניו־יאָרק אַלס „האַמלעט" די באַרימטע שוישפּילערין בערטאַ קאַליש. לאַנג איז די פּיעסע ניט פאַרבליבן אין איר רעפּער־טואַר. זי האָט געשפּילט אַ נייע איבערזעצונג, וואָס אַ מאַנוסקריפּט דערפון, אַנאָנים, איז פאַרבליבן אין אַרכיוו פון „ייוואָ" אין ניו־יאָרק.

אין די שפּעטערע יאָרן איז „האַמלעט" אויך געשפּילט געוואָרן אין אַמעריקע דורך די שוישפּילער מיכאַל מיכאַלעסקאָ און יאָזעף קעסלער, וועלכער פלעגט אויך די פּיעסע שפּילן אין פּאַריז און אין לאָנדאָן.

אָבער די ערשטע אויפפירונגען פון „האַמלעט" אויף יידיש אין אייראָפּע דאַטירן פון אַ סך פריער.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די דאַטע הייבט זיך אָן מיט אַ וויץ, וואָס דער וויסנשאַפטלער שמחה פּיעטרושקא דערציילט אין נאָמען פון היסטאָריקער גרשון קארפּעלעס, אַז בעת אַן אויפפירונג פון „האַמלעט" אויף יידיש אין בערלין, אין דער סצענע ווען פּרינץ האַמלעט באַגעגנט זיך מיט אפעליאַן און זאָגט איר „און איצט, אָפעליאַ, גיי אין קלויסטער", האָט אָפעליאַ אים ניט געענטפערט לויט שעקספּירס טעקסט, נאָר לויט איר אייגענעם: „פאַר עצות, פּרינץ, בין איך פאַרזאָרגט".

אָבער קיין היסטאָרישן געוויכט קאָן מען אויף דעם עפּיזאָד, וועלכער איז גיכער „טראַנספּערירט" געוואָרן פון אַן אַנדערער פּיעסע אויף דער יידישער בינע, ניט לייגן, ווייל אויף ווייפל אונדז איז באַקאַנט, האָט מען אין יענע יאָרן (דעם סוף פון ניינצנטן יאָרהונדערט) און אויך אַ סך שפּעטער נאָך ניט געשפּילט „האַמלעט" אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע.

די ערשטע דאַטע איז פון 1912, ווען דער באַקאַנטער שוישפּילער רודאָלף זאַסלאַווסקי האָט אין דער איבערזעצונג (וואַרשיינלעך פון רוסיש) פון דעם יידישן אַקטיאָר וואַסערמאַן, אויפגעפירט אין לאָדזש, פוילן, „האַמלעט". די פאַרשטעלונג האָט זיך פאַרשלעפּט ביז פאַרטאָג און איז געווען אַ שווינדלערלעכער דורכפאַל. שפּעטער האָט זאַסלאַווסקי שטאַרק געשניטן די פּיעסע און זי אָפט געשפּילט איבער פאַרשיידענע שטעט פון רוסלאַנד און פוילן.

דער באַקאַנטער טעאַטער־קריטיקער דר. א. מוקדוני, וועלכער האָט דעמאָלט געלעבט אין לאָדזש, דערציילט אין זיינע זכרונות, ווי זאַסלאַווסקי האָט אים פאַר־בעטן צו דער ערשטער אויפפירונג פון „האַמלעט" אויף יידיש, און ווען ער האָט אים געפרעגט: „ווער האָט איבערזעצט די דאָזיקע קלאַסישע טראַגעדיע?", האָט זאַסלאַווסקי געענטפערט: „עפּעס אַ יונגערמאַן", און ווען דר. מוקדוני האָט

אים געפּרעגט ווי לאַנג ער רעפּעטירט די אויפפירונג, האָט זאַסלאַווסקי מיט דער זעלבער האַפּערדיקייט געענטפערט: „היינט האָבן מיר די דריטע רעפּע־טיציע. מאָרגן פאַר דער פאָרשטעלונג וועל איך האָבן אַ פערטע רעפּעטיציע".

און דר. מוקדוני שילדערט אַזוי די אויפפירונג:

„איך האָב דערזען דאָס, וואָס מען זעט ניט אין קיין טעאַטער אויף דער וועלט; דער איבערזעצער האָט ניט פאַרשטאַנען ממש קיין איין וואָרט פון דער פּיעסע. דער הויפּט־שוישפּילער, וואָס האָט געשפּילט 'האַמלעט', האָט נאָך ווייניקער פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט. ער האָט געשריגן, געשליידערט קנוילן פון ווער־טער, וועלכע האָבן זיך ניט געקלעפּט איינס צום אַנדערן. היינט די איבעריקע אַקטיאָרן, די דעקאָראַציעס, די קליידער — אַלמעכטיקער גאָט! — אַזוינס קאָנען די גרעסטע וואַנדאַלן נישט טאָן!"

דעם 29טן דעצעמבער 1913 איז אין זלמן זילבערצווייגס איבערזעצונג (לויט די איבערזעצונגען פון דייטש טיק און שלעגל), פּויליש (קאַטראַבינסקי), העברייי־איש (בארנשטיין) און פאַרגלייכנדיק מיט אַ רוסישער איבערזעצונג, אויפגעפירט געוואָרן דורך יוליוס אַדלער מיט אים אין דער טיטל־ראָל „האַמלעט" אין לאָנדאָנער „סקאַלא"־טעאַטער. די פּיעסע אין דער דאָזיקער איבערזעצונג (וואָס איז פון אויפפירער שטאַרק געשניטן געוואָרן), איז פאַרבליבן יאָרן־לאַנג אין רעפּערטואַר פון אַדלערן איבער פאַרשיידענע שטעט פון צאַרישן רוסלאַנד.

גלייכצייטיק, אָדער אַ ביסל שפּעטער, איז איבער רוסלאַנד און אין מערב־אייראָפּע געשפּילט געוואָרן דורך אַנדערע שוישפּילער די איבערזעצונג פון שוישפּילער רובין פרידמאַן.

געדרוקט איז „האַמלעט" אין צוויי קינסטלערישע איבערזעצונגען: די ערשטע איז געמאַכט געוואָרן פון דיכטער י. י. שוואַרץ פון ענגלישן אָריגינאַל, און זי איז דערשינען אין 1918 אין ניו־יאָרק. די צווייטע, אויך פון אָריגינאַל, איז דערשינען אין 1934, אין מינסק, פון י. גאָלדבערג, וועלכער האָט זי געמאַכט „לויטן טעקסט פון דער קעמברידזשער אויסגאַבע פון שעקספּירס ווערק".

ביידע איבערזעצונגען זיינען קיינמאָל ניט געשפּילט געוואָרן.

די טעמע פון „האַמלעט" איז אַדאַפּטירט געוואָרן דורכן באַקאַנטן מעלאָ־דראַמע־שרייבער און געוועזענעם יידישן אַקטיאָר איזידאָר זאָלאָטאָרעווסקי, וועל־כער האָט אין 1897 אָנגעשריבן אַ פּיעסע, וועלכע ער האָט לכתחילה גערופן „דער יידישער האַמלעט", און וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן אין פילאַדעלפיע מיטן דעמאָלט באַרימטן שוישפּילער מאַקס ראָזענטאַל אין דער הויפּט־ראָל, און אין ניו־יאָרק, אין „ווינדזאָר־טעאַטער", וואו זי איז, אונטערן נאָמען „די שוואַרצע חופּה, אָדער, דער יידישער מאַרטירער", אויפגעפירט געוואָרן פון באָריס טאָמאַ־שעווסקי מיט אים אין דער הויפּט־ראָל. די פּיעסע האָט באַלד אויסגענומען און איר דערפאָלג האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. זי איז שפּעטער נאָך פּאָפּולערער געוואָרן אונטערן נאָמען „דער ישיבה בחור", און איז געשפּילט געוואָרן דורך אַלע יידישע דראַמאַטישע און ליבהאָבער־שוישפּילער איבער דער גאַנצער וועלט, ווי אויך דורך אָן אַ שיעור אַמאַטאָרן־טרופּעס. אין 1907 איז די פּיעסע געבראַכט גע־

וואָרן קיין אייראָפּע דורך דעם שוישפּילער יוליוס אַדלער, וועלכער האָט זי אויפ־געפירט און געשפּילט די הויפּט־ראָל. די פּיעסע איז אין 1912 געמאַכט געוואָרן אַלס אַ שטומער פילם און איז אין 1914 געדרוקט געוואָרן אין וואַרשע, אָן דעם וויסן פון מחבר.

אַלע העלדן פון שעקספּירס טראַגעדיע „האַמלעט" זיינען דאָ „פאַריידישט" געוואָרן. פון קיניג און די קיניגן זיינען געוואָרן אַ רבי און אַ רביצין, פון „פּאָלאָניוס" — אַ גבאי און פון „פּרינץ האַמלעט" — „דער ישיבה בחור אביגדורל".

אָטעלאָ

די צווייטע גרעסטע דערפאָלגרייכע שעקספּיר־פּיעסע אויף דער יידישער בינע איז געווען שעקספּירס „אָטעלאָ".

וועגן דער ערשטער „אָטעלאָ"־אויפפירונג אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע דערציילט אין אַ סאַרקאַסטיש־הומאָריסטישן טאָן דער שרייבער און איבערזעצער משה זייפערט :

„דעם ערשטן קלאַסיקער וועמען מ'האָט אַ באַק־צאָן אַרויסגעריסן איז געווען דער אָרעמער וויליאַם שעקספּיר. יאַקאָב אַדלער האָט ערגעץ־וואו אויסגעקראַצט אַ מיתה־משונהדיקע איבערזעצונג פון 'אָטעלאָ', באַטירלעך אין אַ האָטענטאָטען־שפּראַך, און האָט עס אויפגעפירט. ער אַליין האָט געשפּילט 'אָטעלאָ'. ז. פיינמאַן האָט געקאָלעטשעט דעם 'יאַגאָ' אונד 'דעסדעמאָנען' האָט געשפּילט די מאַדאַם אַדלער. דער עולם איז געגאַנגען זען שעקספּירן, האָט געצאָלט פיינע געלט, האָט אַ וואָרט ניט פאַרשטאַנען אונד איז אַרויס פון טעאַטער מיט געשוואָלענע הענט פון בראַוואָ פּאַטשן.

— מיר פאַרשטייען אפילו ניט וואָס דאָ טוט זיך, — האָט איין „משה" צו דעם אַנדערן „משה" געזאָגט, — נאָר אַז אַדלער שפּילט דאָס, מן־הסתם איז דאָס גוט".

ווער עס האָט געמאַכט די איבערזעצונג, וועגן וועלכער זייפערט רעדט אַזוי סאַרקאַסטיש, איז ניט באַקאַנט.

סוף פון די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט ווען די יידישע בינע אין אַמעריקע איז געווען פאַרפלייצט מיט אויפפירונגען פון קלאַסישע ווערק, וואָס זיינען „הענדום־פּענדום" איבערזעצט און אויפגעפירט געוואָרן, האָט אויך באָריס טאָמאַשעווסקי אויפגעפירט „אָטעלאָ" אין אַ פרייער איבערזעצונג פון מיכל גאָלדבערג.

דעם 18טן דעצעמבער 1903 איז דער באַקאַנטער יידיש־דייטשער שוישפּי־לער מאָריס מאָריסאָן אויפגעטראָטן אַלס „אָטעלאָ", אָבער ער האָט די הויפּט־ראָל געשפּילט אין דייטש אָדער דייטשמעריש, און נאָר די אַנדערע ראָלן („יאַגאָ" — באָריס טאָמאַשעווסקי, „דעסדעמאָנאַ" — מאַלוויני לאָבעל, א. א.) זיינען געשפּילט געוואָרן אין יידיש (דער נאָמען פון איבערזעצער איז אומבאַקאַנט).

די ערשטע באמת קינסטלערישע אויפפירונג פון „אָטעלאָ" אויף דער יידי־

שער בינע אין אַמעריקע, מיט דר. בן־צבי באַראַטאָוו אַלס „אַטעלאָ", און מאָריס שוואַרץ אַלס „יאַגאָ", איז געגעבן געוואָרן דעם 31טן יאַנואַר 1929 אין ניו־יאָרקער „סיטי טעאַטער" דורך דער טרופּע פון „יידישן קונסט טעאַטער" אונטער דער רעזשי פון רוסישן רעזשיסער באָריס גלאַגאָלין. די איבערזעצונג איז פון אָרי־גינאַל ספּעציעל געמאַכט געוואָרן פון דיכטער און שוישפּילער מאַרק שווייד.

אין אייראָפּע איז „אַטעלאָ" אויפגעפירט געוואָרן אויף דער יידישער בינע דורך זיגמונד פיינמאַן, און בעת זיינע גאַסטשפּילן אין בוקאַרעסט, רומעניע (1906־07), האָבן די דאָרטיקע רומענישע סטודענטן באַשלאָסן דורכצופירן אין טעאַטער אַ שטאַרקע דעמאָנסטראַציע קעגן דעם וואָס דער „זשידאַן"־אַקטיאָר דערלויבט זיך אויפצוטרעטן אין אַזאַ פּיעסע אין וועלכער זיי פלעגן באַוואונדערן קריסטלעכע וועלט־אַקטיאָרן. די סטודענטן זיינען בכיוון געקומען אין טעאַטער באַוואָפנט מיט פוילע עפּל, אייער און פּאַטלאַזשאַנעס. דער טעאַטער־דירעקטאָר, וויסנדיק וועגן דעם וואָס עס דערוואַרט דער פאַרשטעלונג, האָט געהאַט צוגעגרייט פּאָליציי, אָבער „באַלד נאָכן ערשטן אַקט האָט מען אָנגעהויבן פילן, אַז די מיינונג פון די אַנטיסעמיטן האָט זיך געביטן, און נאָך דער פאַרשטעלונג האָבן די זעלבע סטודענטן, באַגייסטערט פון פיינמאַנס שפּילן, אים אַריינגעזעצט אין אַ קאַרעטע, אויסגעשפּאַנט די פערד און געשלעפּט די קאַרעטע פון טעאַטער ביז פיינמאַנס האָטעל אונטער הילכיקע בראַוואָ־געשרייען".

אין אייראָפּע האָבן קורסירט נאָך דריי איבערזעצונגען: איינע (וואַרשיינלעך פון רוסיש) פון באַקאַנטן שוישפּילער מ. י. מייערסאָן, וואָס האָט זי אויך אויפגע־פירט; פון אביש מייזעלש (וואַרשיינלעך פון דייטש), און אַן איבערזעצונג (וואַר־שיינלעך פון פויליש) פון אַ לאָדזשער בחור קאַרנטייער, וועלכע איז בערך אין 1918 אויפגעפירט געוואָרן דורך יוליוס אַדלער אין פוילן.

אויך דער שוישפּילער לעאָניד סאָקאָלאָוו האָט אין דרום־אַמעריקע געשפּילט „אַטעלאָ", און נאָך יוליוס אַדלערס אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, האָט משה ליפּמאַן גע־שפּילט אין פוילן „אַטעלאָ".

די פאַבולע פון „אַטעלאָ" איז אויך באַנוצט געוואָרן פון באַקאַנטן יידישן דראַמאַטורג לעאָן קאָברין פאַר זיין פּיעסע „דער בלינדער מוזיקאַנט, אָדער, דער יידישער אָטעלאָ", וועלכע באָריס טאָמאַשעווסקי האָט אויפגעפירט דעם 6טן נאָ־וועמבער 1903 אין ניו־יאָרקער „פּיפּלס טעאַטער".

אין זיין רעצענזיע וועגן קאָברינס פּיעסע שרייבט דער באַקאַנטער יידישער קריטיקער ש. יאַנאָווסקי צווישן אַנדערן: „ער האָט אין דיזער הינזיכט נאָכגע־פאָלגט שטרענג אין די פוסטריט פון דעם אַלטן שעקספּיר, אָבער די אייפערזוכט, וואָס קאָברין שילדערט אין זיין דראַמע, טרעט פאַר אונדז אַרויס אין אַ פּיל־שטאַרקערער, מער ליידנשאַפטלעכער פאָרמע, ווייל דאָס איז די אייפערזוכט פון אַ בלינדן". אָבער אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג דריקט אויס דער באַקאַנטער טעאַטראַל נח פּרילוצקי. אין זיין קריטיק בעת טאָמאַשעווסקי האָט מיט דער פּיעסע גאַס־טראָלירט אין וואַרשע, האָט ער געשריבן, אַז עס איז „אַ טאַנדייט־פּיעסע... דאָרט וואו עס קלעקט ניט קיין טאַלענט, מוזן אַרויסהעלפן אומשולדיקע 'עפעקטן'. אין

סאַמע מיטן פון דער פייערלעכער צערעמאָניע, דאָ אויפן פלאַץ, צווישן די פיר שטאַנגען (בעת דער חופה) ווערט קאַברינס העלד פלוצעם בלינד. פאַרוואָס ניט טויב? פאַר אַ מוזיקער דאַרף דאָס, דאַכט זיך, זיין אַ גרעסער אומגליק!... אין פערטן אַקט... דער סגי נהור דערשטיקט דאָס ווייב. פאַרוואָס? פאַר ווען? זוכט ניט קיין פאַרבינדונג דאָרט וואו אַ וואָרט צו אַ וואָרט קלעפּט זיך ניט".

אין 1935 איז אין מינסק דערשינען אַ קינסטלערישע איבערזעצונג פון י. גאָלדבערג, פון ענגלישן אָריגינאַל, לויט דער קעמברידזשער אויסגאַבע פון שעקספּירס ווערק. די איבערזעצונג איז ניט געשפּילט געוואָרן.

ראָמעאָ און דזשוליעט

די ערשטע אויפפירונג פון „ראָמעאָ און דזשוליעט", אָדער ווי מען האָט זי אין יידיש על־פי רוב גערופן „ראָמעאָ און יוליא", איז געמאַכט געוואָרן אין דער קלאַסישער עפּאָכע פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע מיט באָריס טאָמאַשעווסקין אין דער ראָל פון „ראָמעאָ". די פּיעסע איז פריי איבערזעצט געוואָרן פון מיכל גאָלדבערג.

די אָדער אַן אַנדערע אומבאַקאַנטע איבערזעצונג איז אין אַמעריקע און דערנאָך אין איראָפּע אויך געשפּילט געוואָרן דורך יאָזעף קעסלער.

אין 1935 איז אין מינסק דערשינען „ראָמעאָ און זשוליעטאַ", אין דער קינסט־וועלט" זיין איבערזעצונג (וואַרשיינלעך פון דייטש) „ראָמעאָ און יוליא", אָבער איבערגעריסן נאָך דער 5טער סצענע פון צווייטן אַקט.

אין 1895 איז אין מינסק דערשינען „ראָמעאָ און זשוליעטאַ", אין דער קינסט־לערישער איבערזעצונג פון י. גאָלדבערג, לויט דער קעמברידזשער אויסגאַבע פון שעקספּירס ווערק. די איבערזעצונג איז ניט געשפּילט געוואָרן.

די טעמע פון „ראָמעאָ און דזשוליעט" איז אויסגענוצט געוואָרן אין אַ סך פּיעסן פון יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר. גאַנץ באַזונדערס אָבער פון יעקב גאָרדין אין זיין פּיעסע „די ליטווישע ברידער לוריא", וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן דעם 15טן סעפּטעמבער 1894 אין ניו־יאָרקער „טאַליאַ־טעאַטער" דורך באָריס טאָמאַשעווסקין, און וועלכע איז יאָרן־לאַנג פאַרבליבן אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער איבער דער וועלט, און נאָך שפּעטער, דורך נ. ראַקאָוו, אין זיין פּיעסע „די שבועה ביים ספר תורה", אָדער, „דער יידישער ראָמעאָ און יוליא", אויך אויפגעפירט דעם 10טן אַפּריל 1903 דורך טאָמאַשעווסקין. ראַקאָווס פּיעסע איז שנעל אַראָפּ פון דער בינע.

מ'קאָן אויך ניט אינגאַנצן פאַרזען די השפּעה פון שעקספּירס „ראָמעאָ און דזשוליעט" אויף פּרץ הירשביינס פאָלקס־קאָמעדיע „דעם שמידס טעכטער".

מאַקבעט

אין 1895 איז אין ניו־יאָרק אויפגעפירט געוואָרן ד. מ. הערמאַלינס באַאַר־בעטונג (וואָרשיינלעך פון דייטש) פון „מאַקבעט״, וואָס איז קורץ אַראָפּ פון דער בינע.

אין 1915 האָט, דער שפּעטער־באַוואוסטער יידישער שוישפּילער און רעזשיסער, זיגמונט טורקאָוו, וועלכער האָט דעמאָלט נאָר־וואָס געהאַט פאַרענדיקט די פּוילישע דראַמאַטישע שול, אָנגעהויבן זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען אין יידיש, און איבער־זעצט „מאַקבעט״, אָבער צו קיין אויפפירונג איז קיינמאָל ניט געקומען.

אין 1938 איז אין מינסק דערשינען י. גאָלדבערגס איבערזעצונג פון „מאַקבעט״, פון ענגלישן אָריגינאַל, לויט דעם טעקסט פון דער קעמברידזשער אויסגאַבע. אויך די איבערזעצונג איז קיינמאָל ניט געשפּילט געוואָרן.

קיניג ליר

אַ סך בעסער מזל האָט געהאַט שעקספּירס „קעניג ליר״.

דער יידישער טעאַטער־עולם האָט זיך מיטן דאָזיקן וועלט־באַרימטן ווערק פריער באַקענט דורך אַ סוראָגאַט, ערשט אַ סך שפּעטער מיטן אָריגינאַל.

דעם סוראָגאַט, דעם סאָבסטיטוט, האָט געגעבן דער יידישער דראַמאַטיקער יעקב גאָרדין, ווען בערך אָקטאָבער־נאָוועמבער 1892 האָט יעקב פּ. אַדלער אין ניו־יאָרקער „יוניאָן טעאַטער״ אויפגעפירט גאָרדינס פּיעסע „דער יידישער קיניג ליר״.

הגם דער נאָמען זאָגט דאָך דייטלעך אויס דעם סוד פון זיין אורקוואַל, דאָך ווערט דער אָפּשטאַם פון דער פּיעסע נאָך אָפּגעפרעגט.

דער טעאַטראַל שלום פּערלמוטער דערציילט, אַז גאָרדינען האָט די טעמע זייער געלאָקט, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז אויב ער וועט אַליין (כאָטש דורכן נאָמען פון דער פּיעסע) ניט דערמאָנען שעקספּירן, וועלן זיינע קעגנער אים באַ־שולדיקן אין פּלאַגיאַט. אָבער אַזוי ווי גאָרדין האָט די פּיעסע באַאַרבעט, ניט אי־בערזעצט, האָט ער באַשלאָסן צו שיסן צוויי האָזן מיט איין מאָל: אי זיינע קרי־טיקער וועלן אים ניט קאָנען מאַכן קיין פאָרוואורפן, אי שעקספּיר (וועלכן מ׳האָט אַליין באַשולדיקט אַלס דעם גרעסטן פּלאַגיאַטאָר) וועט צו אים „ניט האָבן קיין טענות, ווען זיי וועלן זיך אַמאָל באַגעגענען אין דראַמאַטישן גן־עדן״.

לעאָן קאָברין האַלט, אַז הגם גאָרדין האָט דעם סוזשעט פאַר דער פּיעסע טייל־ווייז גענומען פון שעקספּירס „קיניג ליר״ און טיילווייז פון אַ דייטשער פּיעסע „קעניג קראַוזא״, איז זי דאָך אינגאַנצן גאָרדינס. גוט אָדער שלעכט ווי די מענטשן זיינען דאָרט ניט געשילדערט פון דעם ליטעראַרישן און דראַמאַטישן שטאַנדפּונקט, זיינען זיי אָבער גאָרדינס מענטשן, יידישע געשטאַלטן, יידישע סצענעס, אַ יידישע סביבה, און דער עיקר, דער לערער גאָרדין דריקט זיך אויס דורך דער דאָזיקער גאַנצער פּיעסע.

דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער ב. גאָרין האַלט, אַז „די פריערדיקע יידישע פּיעסן־שרייבער פלעגן געוויינלעך נעמען אַ פרעמדע פּיעסע, אַרויסקוועטשן פון איר יעדן טראָפּן זאַפט, איבערבייטן די גויאישע נעמען אויף יידיש, אָנקלעפּן די מאַנסבילן בערד און פאות און לאָזן זיי פּאַראַדירן אויף דער בינע אַלס יידן. יעקב גאָרדין, אָבער, האָט גענומען פון שעקספּירן בלויז דעם טרוקענעם סקעלעט. די כאַראַקטערס ווי אויך די האַנדלונגען האָט ער אַליין געשאַפן. ...עס באַוועגן זיך יידישע געשטאַלטן, און, צי גוט צי שלעכט, צי בעסער צי ערגער, טרעט גאָר־דין אַרויס אַלס שעפער און ניט ווי אַ בעל־מלאכה".

דער באַקאַנטער יידישער שרייבער מאָריס ווינטשעווסקי ווייזט אָן, אַז יעקב גאָרדינס „יידישער קיניג ליר" אַזוי ווי טורגעניעווס „סטעפּאַני קאראל ליר" האָט ניט מיט שעקספּירס דראַמע קיין שום געמיינשאַפטלעכס: „גאָרדין האָט גע־נומען די אידייע פון שעקספּירס דראַמע, די אידייע און ניט מער. שעקספּיר אַליין האָט גענומען ניט נאָר די אידייע, זאָנדערן [נאָר] די גאַנצע מעשה פון צוויי ענגלישע שרייבער; סער פיליפ סידנעי און האָלינשעד". ווינטשעווסקי ווייזט אָן ווי מאָליער און לעסינג האָבן גענומען אידייען ביי אַנדערע, און ער פאַרענדיקט: „די פראַגע איז ניט פון וואַנען איר האָט עטוואָס גענומען, זאָנדערן, ווי איר האָט דאָס גענומענע באַאַרבעט".

דער שריפטשטעלער א. אַלמי האַלט, אַז עס איז „בפירוש אַן עוולה לגבי יעקב גאָרדינען (אויב מען באַשולדיקט אים אַז ער האָט די פּיעסע איבערזעצט אָדער באַאַרבעט פון שעקספּירס „קיניג ליר"). ראשית איז גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר" ניט קיין איבערזעצונג, און איז, נאַטירלעך, קיינמאָל ניט רעקלאַמירט געוואָרן „ווי אַזעלכע". „דער יידישער קעניג ליר" באַזירט אויף שעקספּירס טעמע (וואָס שעקספּיר האָט גענומען פון דזשיאָוואַני פלאָרענטינאָ), איז דורכאויס אַ יידיש ווערק, יידישע פאַמיליע און — מיליע, אַ גאַנץ אַנדערע קאָנסטרוקציע און איז גאָרדינס אייגענע פּראָזע, סטיל און מאַניער".

שטרענגער איז דוד פּינסקי אין זיין בכלל צעשמעטערנדיקער קריטיק וועגן גאָרדינס דראַמאַטורגיע. פּינסקי האַלט, אַז דער לץ „שמאי" איז ניט שעקספּירס נאַר, וואָס דרעשט קיניג ליר ווי מיט עקדישן פאַר זיין נאַרישקייט, וועלכע ער האָט אָפּגעטאָן, נאָר עס איז אַ קאַפּיע פון עפּעס גאָלדפאַדנס אַ לץ, אַז „דער ערשטער אַקט זעט זיך אָן בלויז ווי אַ פּאַראָדיע, אַ נאָכקרימעניש אויף שעקספּירס 'קיניג ליר'... גאָרדין גייט אַוועק אין דער ברייט, ניט אין דער טיפקייט... ער זעט בלויז אויף די צוזעערס טרערן אין דעם סטיל פון די שונד־שרייבער".

דער פּיעסן־שרייבער ז. קאָרנבליט מאַכט חוזק פון גאָרדינס פּיעסע, אַז דער הויפּט־העלד איז הונגעריק און וויל אַ שטיקל רעטעך: „איז אַ רחמנות אויף אים און מען וויינט מיט ביטערע טרערן. וואָלט מען אַרויפגעטראָגן אַ טעלער רעטעך מיט שמאַלץ אויף דער בינע, וואָלט געווען אויס טראַגעדיע".

גאָרדין אַליין האָט געפילט דעם חשד, אַז ער האָט די פּיעסע „גענומען" ביי שעקספּירן און אין דעצעמבער 1892 איז ער אַרויסגעטראָטן מיט אַ לעקציע „וואָס

שעקספּיר האָט צו טאָן מיט דעם יידישן קעניג ליר״, אין וועלכער ער האָט פאַר־טיידיקט זיין אויטאָרשאַפט.

די פּיעסע האָט, ניט געקוקט אויף די חשדים און דער קריטיק, געהאַט איינעם פון די גרעסטע דערפאָלגן אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. זי איז צענדלי־קער יאָרן געשפּילט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט. זי איז אויך געשפּילט געוואָרן אין איבערזעצונגען אין העברייאיש, רוסיש און ענגליש.

איר ווירקונג איז געווען אַ קאָלאָסאַלע אויפן עולם. דער באַקאַנטער טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָר יוסף רומשינסקי דערציילט, אַז יעדן מאָנטיק, נאָכדעם ווי די פּיעסע איז סוף וואָך געשפּילט געוואָרן אין טעאַטער אין ניו־יאָרק, פלעגט די יידישע באַנק פון יאַרמולאָווסקי זיין באַלאַגערט פון יידן, וואָס פלעגן, אונטערן איינדרוק פון דער מאָראַל און מוסר השכל פון דער פּיעסע, שיקן הילף צו זייערע עלטערן אָדער קרובים אויף יענער זייט ים.

די הויפּט־ראָל „דוד משהלעס״ איז געווען אַזאַ דערפאָלג, אַז זי האָט סוגעס־טירט, אַז גאָרדין זאָל אָנשרייבן „אַ ווייבערישן דוד משהלעס״ פאַר אַ סטאַר־אַקטריסע, און אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די פּיעסע „מירעלע אפרת״, וואָס איז דעם 19טן אויגוסט 1898 אויפגעפירט געוואָרן דורך דוד קעסלער אין ניו־יאָרקער „טאַליאַ טעאַטער״ מיט קעני ליפּצין אין דער טיטל־ראָל. די פּיעסע איז אפילו לכתחילה גערופן געוואָרן „די יידישע קעניגן ליר אָדער מירעלע אפרת״, אָבער ניט נאָר איר טיפּאַזש, נאָר אַזוי ווי אפילו איר סוזשעט האָט געהאַט גאָר קנאַפּ ענלעכס צו דער פאַבולע פון שעקספּירס „קיניג ליר״, איז אין משך פון אַ קורצער צייט דער נאָמען „די יידישע קעניגין ליר״ אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן און די פּיעסע איז פאַרבליבן אין שטענדיקן אוצר פון דער יידישער דראַמאַטורגיע אונטער איר צווייטן האַלבן נאָמען — „מירעלע אפרת״.

ערשט דעם 23טן אָקטאָבער 1903 האָט באָריס טאָמאַשעווסקי אויפגעפירט אַ וואָרשיינלעך פרייע איבערזעצונג פון מיכל גאָלדבערג פון שעקספּירס „קיניג ליר״, אָבער די פּיעסע איז באַלד אַראָפּ פון די בינע־ברעטער.

אין 1911, ווען מאָריס מאָריסאָן האָט געשפּילט ביי טאָמאַשעווסקין, און איז דווי זיין שטייגער, אויפגעטראָטן אין קלאַסישן רעפּערטואַר, האָט ער אויך אויפגעפירט, פריער אין ניו־יאָרק און שפּעטער אויף דער פּראָווינץ, „קיניג ליר״, שפּילנ־דיק אַליין די טיטל־ראָל אין דייטש, בעת די אַנדערע ראָליסטן האָבן געשפּילט אין (אַן אומבאַקאַנטער) יידישער איבערזעצונג.

אין 1912, ווען דער באַרימטער יידיש־דייטשער שוישפּילער רודאָלף שילד־קרויט האָט אָנגעהויבן שפּילן אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע, איז ער דאָרט פריער אויפגעטראָטן אין דייטש, און צווישן אַנדערע פּיעסן אויך געשפּילט „קיניג ליר״. שפּעטער ווען ער איז איבערגעגאַנגען שפּילן אין יידיש, האָט ער „קיניג ליר״ אין יידיש קיינמאָל ניט געשפּילט.

מאָריס שוואַרץ, וועלכער האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע לײדנשאַפט צו שפּילן „קיניג ליר״, און דווקא אין ענגליש, האָט זיך יאָרן־לאַנג געגרייט דערצו, אָבער קיין מאָל זיין חלום ניט פאַרווירקלעכט. ער האָט אָבער געשטילט זיין חשק צו

דער פּיעסע דורך אַ שאַרזש, וואָס ער האָט אַנגעשריבן אויפן „יידישן קיניג ליר" און עס אויפגעפירט דעם 30טן נאָוועמבער 1932 ביי זיך אין טעאַטער אונטערן נאָמען „די לעגענדע פון יידישן קיניג ליר", אַ טראַגי־קאָמעדיע פון יידישן אַק־טיאָרן־לעבן אין צוויי טיילן און 14 בילדער.

אין 1937 איז אין מאָסקווע דערשינען ש. האַלקינס איבערזעצונג פון (ניט קלאָר פון וועלכער שפּראַך) „קיניג ליר", וואָס איז געשפּילט געוואָרן פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער אין 1933 מיטן פאָלקס־אַרטיסט שלמה מיכאָעלס אין דער טיטל־ראָל. מיכאָעלס האָט מיט זיין שפּילן געמאַכט אַזאַ רושם, אַז עס איז וועגן דעם געשאַפן געוואָרן ממש אַ גאַנצע ליטעראַטור.

אין 1947 איז אין ניו־יאָרק דערשינען (פריער געדרוקט אין אַ זשורנאַל) „קיניג ליר" (איבערזעצט פון ענגלישן אָריגינאַל) פון דר. א. אייסען. די איבער־זעצונג עפנט זיך מיט אַ געקירצטער פאָררעדע, וועגן דער פּיעסע, פון געאָרג בראַנ־דעס. די איבערזעצונג איז אַנאָנסירט געוואָרן דורך שוואַרצן אויפגעפירט צו ווערן, אָבער עס איז דערצו קיינמאָל ניט געקומען.

קאָריאָלאַנוס

לויטן היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער ב. גאָרין, איז אין 1900 געשפּילט גע־וואָרן אין ניו־יאָרק שעקספּירס „קאָריאָלאַנוס", באַאַרבעט פון ד. מ. הערמאַלין. די פּיעסע האָט קיין אריכת ימים ניט געהאַט.

ריטשאַרד דער דריטער

אין דער רשימה געשפּילטע פּיעסן, פאַרצייכנט דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער ב. גאָרין, אַז אין 1894 איז אין ניו־יאָרק אויפגעפירט אויף דער יידישער בינע „קיניג ריטשאַרד דער דריטער", אויפגעפאַסט (וואָס דאָס מיינט איז ניט קלאָר, אָבער מען דאַרף אָננעמען „אויפגעפירט") פון באָריס טאָמאַשעווסקי. קיין נאָמען פון איבערזעצער ווערט ניט אָנגעגעבן. לויט יעקב מעסטעל האָט די איבערזעצונג געמאַכט ד. מ. הערמאַלין.

דעם 1טן מאַי 1912 איז דער דייטש־יידישער שוישפּילער מאָריס מאָריסאָן אויפגעטראָטן אין „קיניג ריכאַרד דער דריטער". ווי דער שטייגער האָט מאָריסאָן געשפּילט אין דייטש בעת די אַנדערע מיטשפּילער האָבן געשפּילט יידיש, אָבער עס ווערט ניט אָנגעגעבן ווער עס איז געווען דער איבערזעצער. די אויפפירונג האָט געהאַט קיצור ימים.

אין 1936 איז אין מינסק דערשינען י. גאָלדבערגס איבערזעצונג „ריטשאַרד דער דריטער", איבערזעצט פון ענגלישן אָריגינאַל. די איבערזעצונג איז ניט גע־שפּילט געוואָרן.

דהי טעימינג אָוו דהי שרו

קיין איבערזעצונג פון דער פיעסע איז אויף יידיש ניט געדרוקט געוואָרן און די פיעסע איז אויך אין קיין יידישער איבערזעצונג אָדער באַאַרבעטונג ניט געשפּילט געוואָרן, נאָר דעם 17טן יאַנואַר 1910 האָט באָריס טאָמאַשעווסקי אין זיין ניו־יאָרקער „פּיפּלס טעאַטער" אויפגעפירט זיינע אַ פּיעסע „די שיינע אַמעריקאַנערין" מיט מוזיק פון פּערלמוטער און וואָהל, לויטן סוזשעט פון שעקספּירס „דהי טעימינג אָוו דהי שרו". קיין אריכת ימים האָט די פּיעסע ניט געהאַט.

הענרי דער פערטער

די פּיעסע איז קיינמאָל אויף דער יידישער בינע ניט געשפּילט געוואָרן.

אין 1936 זיינעןביידע טיילן פון דער פּיעסע דערשינען אין מינסק אין דער יידישער איבערזעצונג פון י. גאָלדבערג, פון ענגלישן אָריגינאַל.

דער שטורעם

אין 1937 איז אין מינסק דערשינען אין דער יידישער איבערזעצונג פון י. גאָלדבערג „דער שטורעם", איבערזעצט פון אָריגינאַל.

אין 1938 איז אין לאָדזש, פּוילן, דורכן באַרימטן פּוילישן רעזשיסער לעאָן שילער אויפגעפירט געוואָרן דורכן „פאָלקס און יוגנט טעאַטער" שעקספּירס „דער שטורעם" איבערזעצט פון אהרן צייטלין. ווי דער רעזשיסער און טעאַטראַל דר. מיכאל וויכערט דערציילט אין זיינע זכרונות; האָט „די דעקאָראַציעס און קאָס־טיומען פּראָיעקטירט דער באַוואוסטער סצענאָגראַף וולאַדיסלאַוו דאשעווסקי, די כאָרעאָגראַפיע האָט איינגעשטעלט טאַציאַנאַ וויסאָצקאַ. די מיטאַרבעט פון דעם פּוילישן קינסטלערישן דריילינג מיט אַ יידישער טרופּע איז געווען אַ בפירושע דעמאָנסטראַציע קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין דער פּוילישער געזעלשאַפט. ניט בלויז די אויפפירונג איז געווען אַן אימפּאָנירנדיקע, אויך אַקטיאָריש איז זי גע־שטאַנען אויף אַ זעלטענער הויך. אָט דער ספּעקטאַקל האָט באַוויזן אַן איבעריק מאָל צו וועלכער מדרגה יידישע אַקטיאָרן פון עלטערן דור קאָנען דערגרייכן ביי דער פירונג דורך אַ גרויסן רעזשיסער".

די אויפפירונג איז שפּעטער אַריבערגעפירט געוואָרן קיין וואַרשע, און איז געגעבן געוואָרן אין די שווערסטע צייטן פון ערב־היטלער פּעריאָד.

דער סוחר פון ווענעדיק (שיילאָק)

מיר קומען איצט צו שעקספירס פּאָפּולערסט ווערק ביים יידישן עולם, צוליב דעם יידישן אינהאַלט זיינעם: צום „סוחר פון ווענעדיק", וואָס איז מער באַקאַנט אויפן נאָמען פון זיין הויפּט־העלד, דעם ייד שיילאָק.

דעם 9טן פעברואַר 1894 איז „שיילאָק" אין ניו־יאָרק געשפּילט געוואָרן אין דער איבערזעצונג (וואָרשיינלעך פון דייטש) און באַאַרבעטונג פון ראובן ווייסמאַן.

די ערשטע ליטעראַרישע איבערזעצונג פון „שיילאָק" איז געמאַכט געוואָרן פון דיכטער יוסף באָוושאָווער און אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ ניו־יאָרקער זשור־נאַל, און באַלד דערנאָך, אין 1899, דערשינען אין דער ניו־יאָרק „היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני", וועלכע האָט די איבערזעצונג אַ סך מאָל איבערגעדרוקט. באָוושאָווער האָט די איבערזעצונג געמאַכט אין גראַמען. זי האָט אַ קורצע ביאָגראַפיע פון שעקספירן און אַ פאָרוואָרט פון איבערזעצער. עס איז ניטאָ קיין זיכערקייט, אַז די איבערזעצונג איז געשפּילט געוואָרן.

דעם 5טן דעצעמבער 1901 איז דער באַרימטער שוישפּילער יעקב פּ. אַדלער אויפגעטראָטן, צום ערשטן מאָל, אין יידיש, אין דער טיטל־ראָל פון דער פּיעסע, און אין 1903 האָט אַדלער געמאַכט געשיכטע ווען ער איז, צוזאַמען מיט אַ גרופּע ענגלישע שוישפּילער, אויפגעטראָטן מיט דער פּיעסע אויף דער ענגלישער בינע, שפּילנדיק די ראָל אין יידיש, בעת די אַנדערע אַנטיילנעמער האָבן געשפּילט אין ענגליש.

די ראָל „שיילאָק" לאָזט ניט רוען אַנדערע באַרימטע יידישע שוישפּילער אָדער אַזעלכע וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון טעאַטערס און האָבן די מעגלעכ־קייט צו שפּילן הויפּט־ראָלן פון באַרימטע פּיעסן. אַזוי טרעטן אַרויס פון צייט צו צייט מיט „שיילאָק" איבער די אַמעריקאַנער פּראָווינץ־שטעט די שוישפּילער און טעאַטער־דירעקטאָרן בערנאַרד עלווינג און סעמיועל לאָהנפעלד.

אין 1912, ווען רודאָלף שילדקרויט האָט אָנגעהויבן גאַסטראָלירן אין אַמערי־קאַנער יידישן טעאַטער, איז ער לכתחילה אויפגעטראָטן אין „שיילאָק" אין דייטש, אָבער אין 1921, ווען ער איז ווידער צוריקגעקומען צו דער יידישער בינע אין אַמעריקע, איז ער שוין אויפגעטראָטן אין „שיילאָק" אין יידיש, און געמאַכט אַן אומגעהויערן רושם.

די פּיעסע „שיילאָק", און ניט ווייניקער די ראָל, האָבן שטענדיק געוואָלדיק אינטריגירט דעם באַקאַנטן שוישפּילער מאָריס שוואַרץ עס אַריינצונעמען אין זיין רעפּערטואַר, און דעם 17טן מערץ 1921 ווערט די פּיעסע אויפגעפירט אין „אורווינג פּלעיס טעאַטער", ווי די לעצטע פּיעסע פון סעזאָן. קיין גרויסן דערפאָלג האָט ניט די אויפפירונג, אָבער די פּיעסע לאָזט אַלץ ניט רוען שוואַרצן, און יאָרן שפּעטער באַנוצט ער די ערשטע געלעגנהייט אויפצוטרעטן אין ענגליש אין די באַרימטסטע סצענעס (אין געריכט, מיטן באַקאַנטן מאָנאָלאָג), בעת זיינע גאַסט־שפּילן אין אַן אַמעריקאַנער וואָדעוויל־טעאַטער. אָבער אויך דאָס שטילט ניט זיין נייגער פאַר

דער ראָל „שײַלאָק", וועלכע ער האָלט פֿאַר אַ פֿאַלשער שאַפֿונג פֿון שעקספּירן צו־זאַמען מיט דער גאַנצער פּאַבולע פֿון דער פּיעסע, און דעריבער, ווען שוואַרץ, זײַענדיק אין ארץ־ישׂראל, באַקענט זיך מיטן העברייִשן ראָמאַן וועגן שײַלאָקן פֿון ארי אבן זהב, וועלכער האָט דורכגעפֿירט אַ גרינטלעכע פֿאָרשונג וועגן ייִדישן לעבן אין דעם פּעריאָד וועלכן שעקספּיר שילדערט אין זײַן פּיעסע און איז געקומען צו גאָר פּאַרקערטע באַשלוסן, דראַמאַטיזירט שוואַרץ דעם ראָמאַן אין ייִדיש, פֿאַרבעט דעם מחבר קיין ניו־יאָרק און פֿירט אויף די דראַמאַטיזאַציע סוף סעפּ־טעמבער 1947 אין „פּאַבליק טעאַטער" א״נ „שײַלאָק און זײַן טאָכטער", שפּילנ־דיק טאַקע די ראָל „שײַלאָק", אָבער גאָר אין אַן אַנדער ליכט ווי ער ווערט אױפֿגעשטעלט אין שעקספּירס פּיעסע. די פּיעסע האָט אַ ריזיקן דערפֿאָלג. זי ווערט געשפּילט אַ גאַנצן סעזאָן אין ניו־יאָרק, דערנאָך איבער דער פּראָווינץ און נאָך שפּעטער אין אַרגענטינע, בעת שוואַרצס דאָרטיקע גאַסט־שפּילן. די פּיעסע ווערט אויך איבערזעצט אין ענגליש דורכן העברייִשן שרײַבער אברהם רעגעלסאָן און ווערט אַרויסגעגעבן דורך שוואַרצן אין 1947 אין ניו־יאָרק.

אין אײראָפּע האָבן קורסירט אייניקע איבערזעצונגען פֿון „שײַלאָק"; איינע פֿון שוישפּילער רובין פֿרידמאַן, וואָס איז וואַרשיינלעך געשפּילט געוואָרן דורך וואַנדער־טרופּעס. אין 1913 האָט מיט גרויס דערפֿאָלג גאַסטראָלירט אין לאָדזש, פּוילן, דער אַמעריקאַנער ייִדישער שוישפּילער יעקב זילבערט מיט „שײַלאָק". מאָריס מייער האָט געמאַכט אַ ייִדישע איבערזעצונג פֿון „שײַלאָק" פֿאַרן באַקאַנטן שוישפּילער זיגמונט פֿיינמאַן, וועלכער האָט די פּיעסע זיכער געשפּילט אין די לענדער, וואו ער פֿלעגט גאַסטראָלירן. עס זײַנען אָבער ניטאָ קיין אויספֿירלעכע דאַטעס וועגן די דערמאָנטע „שײַלאָק"־אויפֿפֿירונגען.

דאַקעגן האָט זיך שטאַרק אײַנגעקריצט אין זכרון די ייִדישע אויפֿפֿירונג פֿון „שײַלאָק" דורכן באַרימטן ייִדישן שוישפּילער מאָריס מאָשקאָוויטש צוליב זײַן — פֿאַרן ייִדישן אויער און אויג — אומגינסטיקע אינטערפּרעטאַציע, וואָס האָט אַ שטיקל צײַט אַרויסגערופֿן אין דער ייִדישער וועלט אַ גרויסע אויפֿרעגונג קעגן דאָזיקן שוישפּילער, איינעם פֿון די בויער פֿון דער „גאָלדענער עפּאָכע" פֿון ייִדישן טעאַטער.

מאָריס מייער אין זײַן בוך וועגן ייִדישן טעאַטער אין לאָנדאָן, שרײַבט וועגן דעם: „מיר איז ניט אויסגעקומען צו זײַן בײַ דער פֿאָרשטעלונג. אים האָט געזען דער ענגלישער אימפּרעסאַריאָ ב. פּיגין. ער האָט אים אַנגאַזשירט אַלס „שײַלאָק" אין ענגליש, צוערשט אין מאַנטשעסטער און דאַן אין קאָורט טעאַטער, לאָנדאָן. ער האָט געשפּילט מיט אַ זייער גרויסן מאַטעריעלן דערפֿאָלג. ער האָט געשפּילט אַזוי ווי זיי שטעלן פֿאָר שײַלאָקן, וועלכער פֿאָדערט אַ פֿונט פֿלייש פֿון קריסט. דער קריטיקער פֿון די 'טיימז' האָט געשריבן, אַז זעענדיק מאָשקאָוויטשן שפּילן אַלס שײַלאָק, באַרעכטיקט ער ניט פּאַגראָמען, אָבער ער 'פֿאַרשטייט זיי'".

דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער ייִדישער פּובליציסט דר. קאַראַלניק האָט געשריבן אין „די צײַט", אַז אַזוי ווי מאָשקאָוויטש שפּילט, טאָר מען ניט שפּילן שײַלאָק... דאָס איז אויך געווען מײַן מיינונג.

מאָשקאָוויטש, וועלכער איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן אַן ענגלישער שוישפּי־לער, איז יאָרן־לאַנג אַרומגעפאָרן איבער דער ברייטער ענגלישער וועלט מיט „שיילאָק״.

די ערשטע עכט־קינסטלערישע אויפפירונג פון „שיילאָק״ אויף יידיש האָט די פּיעסע באַקומען אין פעברואַר 1929 ווען זי איז פון דר. מיכאל וויכערט אויפ־געפירט געוואָרן אין וואַרשעווער „עליזעאום״ טעאַטער דורך דער „ווילנער טרופּע״ מיט אייזיק סאַמבערג אַלס „שיילאָק״ און מרים אָרלעסקאַ אַלס „פּאָרציאַ״ (ביידע שוישפּילער אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס י״ש). די איבערזעצונג איז גע־מאַכט געוואָרן דורכן דיכטער הקדוש ישראל שטערן, אָבער היות ווי ער האָט ניט געקענט קיין ענגליש, האָט ער צוגענומען ווי אַ שותף דעם באַקאַנטן איבער־זעצער מאַרק ראַקאָווסקי. די אויפפירונג האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און איז שפּעטער אויך געשפּילט געוואָרן אין אַנדערע שטעט. די איבערזעצונג איז ניט געדרוקט געוואָרן און איז וואַרשיינלעך פאַרניכטעט געוואָרן צוליב די מלחמה־געשעענישן און דעם היטלער־חורבן.

דער באַרימטער דייטשער שוישפּילער אַלעקסאַנדער גראַנאַך, וואָס איז שפּע־טער אַריבער צו דער יידישער בינע און האָט פאַרענדיקט זיין יונג לעבן אַלס ענגלישער שוישפּילער, האָט געשפּילט „שיילאָק״ אין דייטש, אָבער אין די דריי־סיקער יאָרן, פלעגט ער אין פּוילן אָפט אַרויסטרעטן, אין יידיש, מיטן באַרימטן „שיילאָק״־מאָנאָלאָג, און פלעגט אויך רעפערירן וועגן שיילאָקן, וואָס ער האָט שפּעטער אַריינגענומען אין זיין בוך.

גראַנאַך האָט געהאַט אַ לעבנס־חלום צו שפּילן „שיילאָק״ אויף יידיש, און ענדלעך, בעת ער האָט אין 1935 גאַסטראָלירט אין לאָדזש, אין שיינעם „ראַזמאַאיטאָשטשי״ טעאַטער (אַמאָליקער „פּוילישער״ טעאַטער), האָט ער דאָרט אויפגעפירט די פּיעסע „שיילאָק״ אין יידיש.

נחמן מייזיל האָט באַזוכט דאַן די פאָרשטעלונג און געווען באַגייסטערט פון גראַנאַכס „שיילאָק־געשטאַלט. אין זיין נאָכוואָרט אין גראַנאַכס בוך „אָט גייט אַ מענטש״, שרייבט ער וועגן דעם: „מיר איז אויסגעקומען צו זיין אויף דער לעצטער געזעגענונגס־פאָרשטעלונג פון זיין „שיילאָק״ אין לאָדזש. איך בין געווען זייער נייגעריק צו זען גראַנאַכן אין אָט דער ראָל, וועלכע ער האָט אַלע יאָרן, פון זיינע ערשטע אויפטריטן אויף דער דייטשער בינע, געהאַלטן פאַר זיין מענטשלעכן און יידישן חוב צו געבן אַן אַנדערע אויסטייטשונג און פאַרקערפּערונג. און ער האָט טאַקע אין זיין שפּילן אַרויסגעבראַכט אַ פולבלוטיקן, שטאָלצן ייד, וואָס איז דורך די פאַרפאָלגונגען און דערנידערונגען דערפירט געוואָרן צו די אומזיניק־ווילדע נקמה־געפילן קעגן זיינע פייניקער און שפּאָטער. אין דער ראָל זיינען געווען איינ־טערעסאַנטע איבערגעגאַנגען פון דערשלאָגנקייט צו אויפברויז, פון געפאַלנקייט צו ווירדע. אין דעם לעצטן אַקט איז ער געווען ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, גע־ברומט און געבלוטיקט און מיט פאַראַכטונג געקעמפט מיט זיינע שטאַרקערע קעג־נער. צו די אַלע ראָלן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען א. גראַנאַך אין דייטשן

און אין יידישן טעאַטער אין פאַרשיידענע צייטן, איז די שיילאָק־ראָל זיכער איינע פון די שטאַרקסטע, קאָמפּליצירטסטע און טראַגישסטע".

אין 1946 איז אין לאָנדאָן, ענגלאַנד, אַנטשטאַנען אַ „ניי יידיש טעאַטער", וואָס האָט אויפגעפירט אַ ריי בעסערע פיעסן, און אין סעפּטעמבער 1946 איז דאָרט אויפגעפירט געוואָרן, מיטן שוישפילער מאיר צעלניקער אין דער טיטל־ראָל, שעקספּירס „דער סוחר פון ווענעדיג", ספּעציעל איבערזעצט פון דעם טעאַטראַל א. מייזעלס. אין אַן אַרטיקל „ווי אַזוי קומען מיר צו שפּילן דעם סוחר פון ווענעדיג" שילדערט ער די חבלי לידה פון דער אידייע אויפצופירן די פּיעסע אויף יידיש, און ווייזט אָן, אַז ער האָט געמוזט מאַכן אַ ספּעציעלע איבערזעצונג, באַנוצנדיק דערביי אַ גאַנצע ריי ענגלישע, דייטשע און אפילו שול־אויסגאַבן. דער אַרטיקל האָט אַרויסגערופן אַ פּראָטעסט פון מ. י. פּאָמעראַנץ אין דעם דאָזיקן זשורנאַל „טעאַטער־שפּיגל", פאַרוואָס ער מאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געווען דער ערשטער איבערזעצער אויף יידיש פון שעקספּירס „שיילאָק", בעת ער, פּאָמעראַנץ, האָט אים צוגעשטעלט באָושאָווערס יידישע איבערזעצונג (וואָס איז נאָך געדרוקט געוואָרן אין תרנ"ט). מייזעלס ענטפערט אין זעלבן פלאַץ, אַז ער האָט ניט געהאַט בדעה צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער איז דער ערשטער איבערזעצער פון „שיילאָק" אויף יידיש, נאָר מען האָט זיך ניט געקאָנט באַנוצן מיט באָושאָווערס איבערזעצונג טאַקע דערפאַר, ווייל איר שפּראַך איז פאַר־עלטערט, און דערביי שטרייכט ער אונטער וואָס אין זיין ערשטן אַרטיקל האָט ער אָנגעגעבן אַ קורצן אויסצוג פון יידישע און יידיש־ענגלישע צייטונגען, וועלכע האָבן געלויבט זיין איבערזעצונג לגבי די אַנדערע יידישע איבערזעצונגען.

די אויפפירונג איז געווען דערפאָלגרייך און דאָס „מינכענער יידישע קונסט־טעאַטער" (מיקט) האָט זיך געווענדעט, אַז מען זאָל זיי צושיקן די איבערזעצונג, און דער פירער פון דער גרופּע, ישראל סעגאַל, האָט זיך געגרייט זי אויפצופירן, אָבער, דאַכט זיך, צו קיין אויפפירונג איז ניט געקומען.

דער באַרימטער שוישפילער אברהם מאָרעווסקי האָט אויך געהאַט אַ לאַנג־יאָריקן חלום צו שפּילן „שיילאָק" אויף יידיש, אָבער אין אַ גאָר אַנדערער אינ־טערפּרעטאַציע, אַרויסגייענדיק פון שטאַנדפּונקט, אַז דאָס ווערק איז אַ פילא־סעמיטיש, ניט, ווי אָנגענומען, אַן אַנטיסעמיטיש. ער האָט אָט דעם געדאַנק אויסגעדריקט אין אַ גאַנצע ריי רעפעראַטן, וואָס ער האָט געהאַלטן איבער פאַר־שיידענע שטעט פון פּוילן א"נ „שעקספּיר אין ליכט פון יידישן געוויסן", און אָנ־געשריבן אויף דעם געביט אַ סך אַרטיקלען, וועלכע ער האָט שפּעטער, אין אַ באַאַרבעטער און אין סיסטעמאַטיזירטער פאָרם אַרויסגעגעבן אין אַ בוך א"נ „שיילאָק און שעקספּיר".

*
**

וועגן דער קלאַסישער „מגפה" אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע גיט אַזאַ בילד דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער, ב. גאָרין:

„די דאָזיקע שטיקער זיינען מייסטנס איבערזעצט געוואָרן, נאָר די איבער־זעצונג איז געווען אַ האַמעטנע, אַז ניט די שוישפּילער און ניט דאָס פּובליקום האָבן געוואוסט פון זייערע הענט און פיס. דער עולם איז געזעסן אין טעאַטער און געקוקט ווי אַ האָן אויף ׳בני אדם׳, און די אַקטיאָרן האָבן געהאַקט פּראָזן, וואָס זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען. עס איז פאַרשפּאָרט צו זאָגן, אַז די קלאַסישע שטיקער זיינען דורכגעפאַלן איינס נאָכן אַנדערן, און דער חידוש איז, וואָס עט־לעכע שעקספּירס דראַמען האָבן שטאַרק אויסגענומען. די קלאַסישע פּיעסן, וואָס האָבן נושא חן געווען ביים יידישן עולם זיינען געווען „האַמלעט", „ראָמעאָ און דזשוליעט" און „אָטעלאָ".

ווען דער טומל פון די קלאַסיקער איז אַריבער, האָבן אייניקע טעאַטראַלן זיך ניט געקאָנט דערקלערן די אורזאַך פאַרוואָס די לעצטע דריי פּיעסן האָבן אַזוי אויס־גענומען ביים עולם און זיי זיינען געקומען צו אַ שלוס, אַז דאָס איז געווען אויס מורא פאַר דעם גרויסן נאָמען שעקספּיר. מענטשן האָבן זיך אַזויפיל אָנגעהערט וועגן דעם גרויסן ענגלישן דראַמאַטורג, אַז זיי האָבן זיך געשעמט צו זאָגן, אַז זיי גענעצן ביי זיינע דראַמען און זיי זיינען געלאָפן אין טעאַטער צו ווייזן זייער מבינות.

אויב אַזאַ דערקלערונג וואָלט געווען ווי עס איז גילטיק פאַר האַלב־אינטעלי־גענטע מענטשן, איז זי פּשוט לעכערלעך ווען עס איז נוגע פּראָסטע טעאַטער־באַ־זוכער, ווייל זיי זוכן ניט צו פּאַראַדירן אַלס מבינים. אַ חוץ דעם דערציילט מען, אַז ביי דער ערשטער פאַרשטעלונג פון „האַמלעט" איז דער עולם געווען אַזוי צו־פרידן, אַז זיי האָבן שטאַרק אַפּלאָדירט דעם פּאַרפאַסער און האָבן פאַרלאַנגט ער זאָל זיך ווייזן פאַרן פאָרהאַנג, און דאָס הייסט, אַז די באַזוכער האָבן קיין באַגריף ניט געהאַט ווער שעקספּיר איז.

די מעשה איז, אַז די וואָס זוכן דערקלערונגען, זיינען ניט אַריין אין דעם תוך פון די דערמאָנטע שטיקער. שעקספּיר איז געווען אַ דראַמאַטורג, וואָס האָט הויפּט־זעכלעך געשריבן פאַר אַ טעאַטער און האָט זיך גערעכנט מיטן געשמאַק פון זיין פּובליקום, און אַ גרויסער טייל פון זיין פּובליקום איז אין זיין אַנטוויקלונג ניט גע־שטאַנען העכער פון די געוויינלעכע באַזוכער פון יידישן טעאַטער. „האַמלעט", „ראָמעאָ און דזשוליעט" פאַרמאָגן אַלע עלעמענטן, וואָס אַפּעלירן צו דער פאַנטאַ־זיע פון יעדן דורכשניטלעכן טעאַטער־באַזוכער, און וואָס רירן זיין האַרץ. פאַרן סאַמע פּראָסטן עולם איז די האַנדלונג גענוג שטאַרק און רירנדיק צו האַלטן אים געשפּאַנט, און מער איז ער ניט אויסן. דאָס וואָס די דאָזיקע קלאַסישע ווערק זיינען אַרויסגעקומען צעקאַליעטשעט, האָט נאָר געקאָנט שאַדן אין די אויגן פון דעם איני־טעליגענטן באַזוכער, ווײַמען עס האָט געפעלט אויף דער יידישער בינע דער גאַנ־צער פּאָעטישער חן, וואָס די איבערזעצער האָבן ניט געקאָנט איבערגעבן, און דאָס איז פאַר דעם פּראָסטן עולם קיין חסרון ניט געווען.

אָבער די אַנדערע קלאַסישע ווערק האָבן ניט פאַרמאָגט די נויטיקע עלעמענטן צו פאַנגען די פאַנטאַזיע און האַרץ פון אַ פּראָסטן טעאַטער־באַזוכער און ער האָט זיך פון זיי אָפּגעקערט".

***

ווי שוין געזאָגט לאָז איך אַבסאָלוט אויס אַלע איבערזעצונגען פון שעקספּירס לידער און פּאָעמעס, וואָס זיינען דאָ אין יידיש, אָבער עס דאַרף אומבאַדינגט רע־גיסטרירט ווערן, אַז אויסער דאָס אויבנדערמאָנטע בוך פון מאַרעווסקין, זיינען אויך דאָ אין יידיש:

ד. מ. הערמאַלינס איבערזעצונג (ער שרייבט אויך באַארבעטונג) פון די סו־נעטן פון שעקספּירס פּיעסן א״נ „שעקספּיערס אויסגעוועהלטע ווערק״, וואָס איז זיבנט 1908 דערשינען אין ניו־יאָרק אין צוועלעכע אויפלאַגעס. הערמאַלין זאָגט, אַז ער נעמט עס פון ענגליש, אָבער ער גיט ניט אָן דעם נאָמען פון מחבר, דאָס שוין פריער־דערמאָנטע, אברהם טייטעלבוימס בוך „וויליאַם שעקספּיר״, ניו־יאָרק 1946, אַ גרינטלעכע אַרבעט אויף 320 זייטן וועגן שעקספּיר.

אויסער בוכשטעבלעך הונדערטער אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן שעקספּירן און זיינע פּיעסן, געדרוקט אין פאַרשיידענע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס איבער דער וועלט, זיינען באַזונדערס ווערט באַצייכנט צו ווערן אַ גרעסערע אַרבעט פון יואל ענטין „שעקספּירס פּרויען״, געדרוקט אין ניו־יאָרקער „טאָג״, משה קאַצס איבערזעצונג פון טורגעניעווס עסיי „האַמלעט און דאָן קיכאָט״, יעקב גאָרדינס עסיי „האַמלעט דער גריבלער״ און זיין אַרבעט „די גרויסע וועלט דראַמע״ אין פערטן באַנד פון זיינע שריפטן (ניו־יאָרק 1910), יעקב מילכס אַ גרעסערע עסיי וועגן „שיילאָק״ און זיין בוך „יידישע פּראָבלעמען״ (ניו־יאָרק 1920), הלל ראָגאָפס איבערזעצונג פון געאָרג בראַנדעסעס עסיי וועגן „יוליוס צעזאַר״, ז. קאָרנבליטס אַרבעט וועגן „שיילאָק״ און זיין בוך „די דראַמאַטישע קונסט״ (ניו־יאָרק 1928), אַלעקסאַנדער גראַנאַכס מעדיטאַציע וועגן „שיילאָק״ און זיין אָריגינעלע אַרבעט „דאָס לעצטע וואָרט פון באַשולדיקטן שיילאָק״ אין זיין בוך „אָט גייט אַ מענטש״ (ניו־יאָרק, 1948, יידיש — יעקב מעסטעל).

ס׳דאַרף אויך פאַרצייכנט ווערן אַ טעאַטער־סאַטירע „שעקספּיר און קאָמפּאַני״, וואָס מאָריס שוואַרץ האָט אָנגעשריבן אונטערן נאָמען מ. טשארנאַוו און אויפגעפירט דעם 19טן אָקטאָבער 1925 אין „קונסט טעאַטער״.

זיכער האָב איך דאָ און דאָרט דורכגעלאָזט אייניקע פּרטים צו אויפפירונגען און אפשר אפילו אַ פולשטענדיקע אויפפירונג פון אַ שעקספּיר־פּיעסע, וואָס איך דערמאָן לחלוטין ניט. מען טאָר אָבער ניט פאַרגעסן, אַז דאָס איז דער ערשטער פּרואוו אויף דעם געביט, און מיר האָבן שוין אַן אַלט, אָבער קלוג ווערטל „כל התחלות קשות״ (אַלע אָנהייבן זיינען שווער), און נאָך איינס „לא עליך המלאכה לגמור״ (איך מוז ניט טאָן די גאַנצע אַרבעט). דעם יסוד פאַר אַ שעקספּיר־אַרבעט, האָף איך, האָבן איך געלייגט.

הויפּט־דאַטעס אין לעבן און שאַפֿן פֿון דעם נסתּר

1884 געבוירן געוואָרן אין בערדיטשעוו, דעם 1טן נאָוועמבער, זיין נאָמען — פּנחס כּהנאָוויטש, מ׳האָט אים גערופן צווישן אייגענע פּיניע. לויט זלמן רייזען (וואָס די ידיעות זיינען אויטענטישע, באַקומען דירעקט פֿון שרייבער) — שטאַמט ער פֿון איין זייט פֿון יידן למדנים, מקובלים, שטאַרק־פֿרומע, — פֿון דער אַנדערער זייט — פֿון פּראָסטע דאָרף־יידן, האָרעפּאַשניקעס. זיין פֿאָטער, מנחם־מענדל, האָט אים געגעבן אַ געוויינלעכע יידישע דערציאונג. פּיניע האָט געלערנט אין חדר, אין בית־מדרש, געווען אונטער דער שטאַרקער השפּעה פֿון חסידות. און מסתּמא — פֿון די בראַסלאַווער חסידים. זיך באַשעפֿטיקט ווי אַ לערער פֿון העברייאיש. זעט אויס, אַז צוליב פּריזיוו־געשיכטעס געמוזט לעבן אויף אַן אַנדער נאָמען, און אפשר דערפֿון — דער נאָמען דער נסתּר. אָנגעהויבן צו שרייבן אין די יונגע יאָרן, — און מסתּמא — העברייאיש. ער גופא האָט זעלטן־ווען גערעדט וועגן זיך און וועגן זיין שרייבן, אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

1907 דעביוטירט מיט אַ ביכל „געדאַנקען און מאָטיוון" (לידער אין פּראָזע, ווילנע, 24 זייטן). די מעשיות — סיי לויט די נעמען און סיי לויטן אינהאַלט — מערקווירדיקע: „דער לעצטער מענטש" און „מרים" — אַ פּירוש אויפֿן מאָטיוו פֿון „מאַליטוואַ דיעווי". דאָס ביכל האָט געוועקט נייגער צום מחבר, אַרויסגערופֿן פֿאַראינטערעסירונג צווישן דער שרייבערישער וועלט.

1908 זיך באַטייליקט אינעם אָנגעזעענעם זשורנאַל „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפֿטן", פֿרייע בינע פֿאַר ליטעראַטור און קונסט, רעדאַגירט דורך: ש. גאָרעליק, א. וויטער, ש. ניגער. אין ערשטן און פֿערטן העפֿט, די מעשיות און שילדערונגען פֿון דעם נסתּר האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער שפּראַך, נאַטור־שילדערונגען און סטיל.

זיינע ערשטע ליטעראַרישע שריט האָבן געבראַכט דעם יונגן מחבר לויב־געזאַנגען, אויך וואָרנונגען און פֿאָרוואורפֿן פֿאַר זייער נישט־רעאַלן אינהאַלט און אויסטערלישער פֿאָרם.

בעל־מחשבות האָט, אין זיין רעצענזיע וועגן די זאַכן, וואָס זיינען געדרוקט געווען אין „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפֿטן", געשריבן, אַז „נסתּרן פֿעלט דער ריטם, די ריינע מנוחה מיט וועלכע עס צייכנט זיך אויס אַ פֿאַרטיקער קינסטלער", אָבער „די ליטעראַטור קאָן האָפֿן פֿון נסתּרן נאָך צו דערלעבן אַ סך, אַ סך נחת..." (געשריבן אין 1908).

ש. אַנסקי, אין אַ לענגערער אָפּהאַנדלונג וועגן די צוויי זאַכן אין „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפֿטן", האָט געשריבן, אַז „מיר האָבן קיין מורא נישט צו זאָגן, אַז מיר האָפֿן צו האָבן אין נסתּרן אַן ערשט־אַרטיקן קינסטלער פֿון וואָרט. זיינע בילדער זיינען אָפֿט ווי אויסגעשניטן פֿון שטאָל; זיינע באַשרייבונגען און פֿאַרגלייכענישן זיינען אומדערוואַרטעט־אָריגינעל, רעאַל און קלאָר, ממש אָנצוטאַפּן..." גלייכצייטיק זאָגט ער צו אים פֿאָטערלעך: „נסתּר האָט נאָך נישט אויסגעאַרבעט קיין מאָס־געפֿיל. אָפֿט פֿאַרלויפֿט ער אַזוי ווייט, אַז מען הערט אים אויף צו פֿאַרשטיין... ער ווערט פֿאַרשיכורט און נערוועז פֿון די אייגענע בילדער און פֿאַלט אַריין אין גוזמאות..."

ש. ניגער דערמאָנט זיך מיט יאָרן שפּעטער, ווי די יידישע אינטעליגענץ און די רעדאַקציע „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפֿטן" (וואָס ער איז געווען איינער פֿון די דריי) האָבן אויפֿגענומען דעם אָריגינעלן קינסטלער־דיכטער: „די גאַנצע יידיש־ליטעראַרישע יוגנט פֿון יענער צייט (ווי די רעדאַקציע) האָט געזוכט צו פֿאַראייניקן יידיש־גייסטיקע טראַדיציעס מיט רוסיש־אָדער פּויליש־קינסטלערישן מאָדערניזם... איז לייכט זיך פֿאָרצושטעלן די פֿרייד, וואָס זי האָט זיך געפֿרייט מיט נסתּרן... עפּעס אַ קלייניקייט — אַ מאָדערניסטיש־

ראַפינירטער דיכטער, וואָס איז אַזוי איינגעטונקט אין יידישע קולטור־טראַדיציעס!...
ס׳איז געווען אַ פּראָזע, וואָס פּרץ איז געווען דער ערשטער זי איינצופירן ביי אונדז...
די פּאָעטישקייט פון דער פּראָזע, וואָס נסתרן איז אַזוי לייכט איבערצוגיין פון איר צו פערזן,
(האָט) פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן אַלע יונגע ליבהאָבער פון יונג־יידיש".

נסתר אַליין דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן פּרצן פון יענער צייט, ווי פּרץ האָט אים געמוסרט, פאַר וואָס ער האָט גענומען אַלס טעמע פאַר זיינער אַ זאַך דאָס געבורט פון קריסטנטום... „ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן פאַרחידושט: ווי קום איך גאָר אַריינצוקוקן אין אַ ווינקל, וואָס לויט מיין דערציאונג, האָט דאָס מיר באַדאַרפט זיין אַזוי פרעמד..."
(זע וועגן דעם — נ. מייזיל — „די ערשטע ליטעראַרישע שריט פון דעם נסתר און די אָפּרופן וועגן זיי", „יידישע קולטור", נ׳ 8, 1962).

אַזוי האָט נסתר געוועקט מיט זיינע זאַכן אויסער אינטערעס, אויך גרויס האָפנונג, אַז עס איז אַריינגעטראָטן אַן אייגנאַרטיקער קינסטלער, סיי מיטן אינהאַלט און סיי לויט דער פאָרם, וואָס זיינען געווען גאָר ניי אין יענער צייט פאַרן יידישן לייענער.

1909 קומט קיין קיעוו, באַקענט זיך מיט דער קיעווער גרופּע יונגע שרייבער בראש פון דוד בערגעלסאָן, נחמן מייזיל.

באַטייליקט זיך אין „יידישן אַלמאַנאַך", וואו דוד בערגעלסאָן דרוקט זיין באַוואוסט־געוואָרענע דערציילונג „דער טויבער" און ער — זיין וואונדערלעכע באַשרייבונג „פרילינג".

1910 באַזוכט וואַרשע און טרעפט זיך מיט פּרצן. דער באַזוך איז באַשריבן אין יאָר 1940, איבערגעדרוקט אין זיין בוך „דערציילונגען און עסייען", וואו מיר האָבן וויכטיקע כאַראַקטער־שטריכן פון נסתרן.

פאַרעפנטלעכט אין י. ל. פּרצעס זאַמלבוך „יודיש" (באַנד 2), אַ טאָגבוך אונטערן נאָמען „אַ טאָג־ביכל פון אַ פאַרפירער", וואָס פאַרנעמט אַ גאָר באַזונדערן אָרט אין זיין שאַפן מיט דעם רעאַליסטישן אינהאַלט.

גיט אַרויס אַ ביכל „העכער פון דער ערד" (וואַרשע, 54 זייטן), וואו מיר האָבן מעשה־בראשית־מאָטיוון, אויך מיסטישע זוהר־וויזיעס און בילדער.

1912 האָט חתונה מיט דער קורסיסטין רחל זילבערבערג. לעבט אין קיעוו. איין צייט באַשעפטיקט זיך מיט לערעריי אין גאָלטע, כערסאָנער גוב. (צוזאַמען מיט אברהם גאָלאָמב).

עס דערשיינט אין קיעוו זיין בוך פּאָעמעס „געזאַנגען און געבעט" (84 זייטן).

1913 עס ווערט געבוירן זיין טעכטערל האָדעלע.

1914 עס ווערט פאַרעפנטלעכט אין „די צוקונפט", ניו־יאָרק, אַ שאַרפער אַרטיקל קעגן דעם נסתר און זיין אַרט שרייבן — פון ש. ראָזענפעלד.

בעת ערשטן וועלט־קריג איז באַשעפטיקט אין אַן אינדוסטריע, וואָס האָט אים באַפרייט פון זעלנעריי.

1917 ווערט אַריינגעצויגן אין דעם ליטעראַריש־קינסטלערישן לעבן פון קיעווער קרייז שרייבער.

באַטייליקט זיך אין אַ זאַמלונג, „צום צווייטן יאָרצייט פון י. ל. פּרץ".

1918 שטייט נאָענט צום „קיעווער פאַרלאַג", וואו עס דערשיינען זיינע לידער אין אַ קינדער־זאַמלונג „פאַר קליינע קינדער".

עס דערשיינט זיין ביכל קינדער־לידער „מעשהלעך" (קיעוו, 48 ז״ז), וואָס רופט אַרויס גרויס באַגייסטערונג.

באַטייליקט זיך אינעם זאַמלבוך "אייגנס", איינער פון די וואָגיקסטע זאַמלונגען, וואו עס דרוקן זיך דוד בערגעלסאָן, ל. קוויטקאָ, דוד האָפשטיין, אשר שוואַרצמאַן א.א.

1919 עס דערשיינען אַ צווייטע אויפלאַגע „מעשהלעך אין פערזן", קיעוו.

ס׳איז פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון נחמן מייזיל „רעליגיעזע און וועלטלעכע פאָלקס־מעשה". אַ פאַרגלייך צווישן פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" מיט נסתרס „מעשהלעך אין פערזן".

באַטייליקט זיך אינעם זאַמלבוך „אויפגאַנג".

זעצט און דיכטעט איבער אויף יידיש „אַנדערסענס מעשהלעך" (320 זייטן, קיעוו).

1920 פאָרט אַריבער קיין מאָסקווע, וואו ער אַרבעט אין דער קינדער־קאָלאָניע מאַלאַכאָווקע. באַטייליקט זיך אינעם צווייטן זאַמלבוך „אייגנס”.

עס דערשיינט אַ פאַרקירצטע אויסגאַבע פון „אַנדערסענס מעשהלעך” אין יידיש.

1921 עס דערשיינט די דריטע אויפלאַגע פון זיינע פּאָפּולער־געוואָרענע „מעשהלעך אין פערזן”, פאַרגרעסערט (64 זייטן).

עס גייט אַרויס אין קיעוו „אַ בבא־מעשה אָדער די מעשה מיט מלאכים” (80 זייטן).

1922 עס דערשיינט אין קיעוו „מאָטיוון” (זאַמלונג).

קומט קיין בערלין, אַרבעט דערנאָך אויך אין האַמבורג, וואו ער לעבט ביז 1926.

עס דערשיינט אין בערלין דער ערשטער באַנד מעשיות און געשיכטן „געדאַכט” (244 ז״ז).

1923 עס דערשיינט דער צווייטער באַנד „געדאַכט”, וואו עס קומען אַריין אַ 12 אויסטערלישע געשיכטן. ביידע בענד האַלטן אַ 530 זייטן.

עס דערשיינט די פערטע אויפלאַגע פון „מעשהלעך אין פערזן”, 12 קינדער־פּאָעמעס (בערלין, 66 זייטן).

באַטייליקט זיך אינעם זאַמלבוך „גייענדיק”, וואָס דערשיינט אין בערלין.

1926 קומענדיק קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, באַטייליקט ער זיך אינעם אַלמאַנאַך „אוקראַינע” (קיעוו).

1928 דער פּראָצעס פון איינוואָרצלען זיך אין סאָוועטנפאַרבאַנד גייט פּאַמעלעך.

1929 ס׳ווערט איבערגעדרוקט אַ באַנד מעשהלעך „פון מיינע גיטער” (7 מעשיות), און אַ באַנד „געדאַכט” מיט אַ פאָררעדע פון י. נוסינאָוו, מיט געוויסע טענות צום מחבר. די בענד דערשינען אין כאַרקאָוו און אין קיעוו, — 228 זייטן און 340 זייטן.

1932 זיך באַטייליקט אינעם זאַמלבוך „שלאַכטן” (15 יאָר אָקטאָבער אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור), קיעוו—כאַרקאָוו.

1933 נעמט אָנטייל אינעם קינדער־זאַמלבוך „זיי גרייט!” מיט אַ דערציילונג.

1934 באַטייליקט זיך אינעם „דעקלאַמאַטאָר פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור”, מאָסקווע.

עס דערשיינט זיין בוך פאַרצייכעניש „דריי הויפּט־שטעט”, אין כאַרקאָוו, מיט אַ פאָר־רעדע פון דער רעדאַקציע, וואו צווישן אַנדערן ווערט געזאָגט, אַז „מען קאָן שוין זיכער זאָגן, אַז אָט די ׳פאַרצייכענונגען׳ זיינען געוויס אַ וויכטיקער טריט פאָראויס אין נסתרס שעפערישן איבערבוי”. און דערביי ווערט אָנגעוויזן, אַז „דאָס דאָזיקע בוך איז דער ערשטער, דערוויל, פּרואוו אין דער יידישער ליטעראַטור צו געבן אין אַ פאָרמע פון פאַרצייכענונגען די סאָציאַליסטישע רעקאָנסטרוקציע פון אייניקע גרויסע שטעט ביי אונדז אין לאַנד”. אגב, מיר האָבן דאָ די שטעט כאַרקאָוו, לענינגראַד, מאָסקווע א.א.וו. דאָס בוך האַלט 276 זייטן.

האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אויף זיין ראָמאַן „די משפּחה מאַשבער”.

דערשינען אין כאַרקאָוו זיינע „דריי מעשהלעך” (32 זייטן).

באַאַרבעט שלום־עליכמס קינדער־דערציילונגען, 72 זייטן.

ס׳דערשיינט זיינס אַ ביכעלע פאַר קינדער „טוט דעם האָז ווי די ציין”, כאַרקאָוו, 12 ז״ז.

1936 באַאַרבעט פאַר קינדער מענדעלעס „ווינטשפינגערל”, כאַרקאָוו—אָדעס (92 זייטן).

עס דערשיינט זיין ביכל „מעשהלעך”, אָדעס, 32 זייטן.

1939 עס דערשיינט אין מאָסקווע דער ערשטער טייל פון „די משפּחה מאַשבער” (צייט — די 70קער יאָרן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט, 412 זייטן). דאָס בוך רופט אַרויס אַ צאָל אַר־טיקלען וועגן דעם נסתר, אין וועלכע עס ווערט אָנגעוויזן זיין נייער גאַנג פון זיין שאַפן און דאָס גאָר נייע, וואָס ער האָט מיטן בוך אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור.

דער באַוואוסטער אומגעקומענער סאָוועטיש־יידישער קריטיקער א. גורשטיין האָט גע־שריבן („יידישע קולטור”, 1944 נ׳ 12): „נסתרס בוך ׳די משפּחה מאַשבער׳ איז נישט נאָר אַ וויכטיקער עטאַפּ אין נסתרס אַנטוויקלונג אַלס שרייבער, נאָר אַ ביז־גאָר וויכטיקע דערשיינונג אין אונדזער סאָוועטישע ליטעראַטור. וועגן אָט דעם בוך איז פאַראַן פיל וואָס צו זאָגן, און נישט נאָר זאָגן, נאָר אויך צו שטרייטן קעגן די באַזונדערע מאָמענטן אין נסתרס קינסטלערישער לייזונג פון באַדייטנדיקע געשיכטלעכע און אידייאישע פּראָבלע־מען”. און ווייטער: „׳די משפּחה מאַשבער׳ איז אַ גרויס און זייער אַ באַדייטנדיק רע־אַליסטיש ווערק. מיט אַ גאַנצער ריי מאָמענטן זיינע רופט זיך נסתרס ראָמאַן איבער מיט

די ווערק פון אונדזער קלאַסישער ליטעראַטור". און לסוף: „נסתרס בוך האָט אַ גרויסן דערקענטעניש־ווערט, ווייל ער מאַכט באַקאַנט דעם לייענער מיט אַ גאַנצער אָפּגעלעבטער עפּאָכע, מיטן אייגנאַרט פון איר לעבנס־שטייגער און קולטור. אינעם ווערק ליגן לאַנגע יאָרן פון אַנגעשטרענגטער שעפערישער מי..."

נחמן מייזיל אין דער פאָררעדע צום בוך (אויסגאַבע פון ניו־יאָרקער „איקוף", יאָר 1943) האָט צווישן אַנדערן געשריבן: „משפחה מאַשבער" איז געווען אַן אמתע איבער־ראַשונג פאַר די אַלע, וואָס קענען גוט דעם קינסטלער... עס איז ממש אומגלויבלעך ווען מען הויבט אָן לייענען דאָס בוך, אַז דאָס איז געשריבן פון דעם נסתר, וואָס איז געווען די גאַנצע צייט אַזוי אומגעצוימט אין זיינע זעאונגען... די שטוינונג און פאַרגאַפונג וואַקסט כסדר און שטייגט וואָס מער מיר ווערן אַריינגעצויגן אין דער האַנדלונג, וואָס ווערט פאַ־נאַנדערגעוויקלט מיט אַזאַ פּלאַנמעסיקייט און רעאַלקייט, אויסגערעכנטקייט און געזעצ־מעסיקייט".

און מ. דובילעט, אַ סאָוועטיש־יידישער קריטיקער האָט געשריבן: „דער נסתר איז געוואָרן (אין זיין נייעם ראָמאַן) אַ נגלה..."

1939 עס דערשיינען אין קיעוו נייע „זעקס מעשהלעך", 48 זייטן.

1940 שרייבט אַן אינטערעסאַנטן בריוו צו דוד בערגעלסאָנען, צום 30סטן יובל פון זיין שאַפן, אין בריוו אייניקע ביאָגראַפישע שטריכן פון נסתר (איבערגעדרוקט אין זיין בוך „דערציי־לונגען און עסייען", ניו־יאָרק, 1957).

1942 פרילינג געשטאָרבן זיין טאָכטער האָדעלע, אין לענינגראַד, וואָס האָט אים לחלוטין צע־בראָכן. ער האָט זיך נישט געקאָנט טרייסטן. זע זיין ווידמונג צום צווייטן באַנד „משפחה מאַשבער", ניו־יאָרק, 1948: „מיין אומגליקלעך־אומגעקומענע טאָכטער, — זאָל דיין טאַטנס האַרץ זיין די מצבה אויף דיין פאַרלוירענעם קבר; זאָל אָט דאָס בוך זיין געוויד־מעט דיין אייביק הייליקן פאַר מיר אָנדענק, דיין טאַטע — דער מחבר".

1943 דערשינען אין ניו־יאָרק די צווייטע אויפלאַגע פונעם ערשטן באַנד „די משפחה מאַשבער", מיט אַן אַריינפיר פון נחמן מייזיל (440 זייטן).

זיך באַטייליקט אינעם זאַמלבוך „היימלאַנד" מיט דער דערציילונג „העשל אַנשעלעס".

דערשינען אין אַ ביכל די דערציילונג „דער זיידע מיטן אייניקל" (64 זייטן).

לענגערע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם נסתר אין „יידישע קולטור".

דערשינען אין מאָסקווע אַ ביכל מלחמה־דערציילונגען „קרבנות", 72 זייטן.

1944 זיך באַטייליקט אינעם זאַמלבוך „צום זיג", מאָסקווע.

1945 דערשינען אין בוענאָס־איירעס אַ ביכל „אינעם אָקופּירטן פּוילן" (דריי פּאָלן), 82 זייטן. די קריגס־געשיכטן, אָדער די „פּאָלן", ווי נסתר רופט אָן זיינע אויסטערלישע מעשיות, זיי־נען אויך, ווי אַלץ, וואָס נסתר האָט געשריבן, אייגנאַרטיק. נסתרן האָבן באַזונדערס אויפ־געטרייסלט, ווי דער דייטשער מערדער־פּייניקער האָט אויסגעקליבן די יידן כדי זיי צו דערנידעריקן, מאָראַליש און גייסטיק זיי באַשפּייען און פאַראומווערדיקן. ער האָט פאַר זיינע געשטאַלטן, וואָס ער ברענגט אַרויס פון דער גרויליקער צייט, גענומען נאָענטע פאַר אים מענטשן, און זיי אַרויסגעבראַכט, ווי דער דייטש מאַכט זיי פאַר אַ ציל־ברעט פון שפּאָט און חוזק, פון טראַגיק־סיטואַציע, ווען דאָס מענטשלעכע ווערט געטראָטן מיט די ברודיקע שטיוואַליעס.

1947 געפאָרן מיט איבערוואַנדערער קיין ביראָבידזשאַן, פאַרעפנטלעכט איינדרוקן אין „היימלאַנד" (איבערגעדרוקט אין בוך „דערציילונגען און עסייען", ניו־יאָרק, 1957). אין דער דאָזיקער רייזע מיט יידישע איבערוואַנדערער האָט נסתר אַריינגעגעבן פיל ראָמאַנטישקייט און העל־זעערישע וויזיעס. עס זיינען פיל מער ווי פּשוטע איינדרוקן פון אַ רייזע, נאָר נייע ראָמאַנ־טישקייט, נייע דערוואַכונג פון נאַציאָנאַלע געפילן און טרוימען.

1948 עס איז פאַרעפנטלעכט (אין ניו־יאָרק) די 3טע אויפלאַגע פונעם ערשטן באַנד „די משפחה מאַשבער". ס'איז אַרויס פון דרוק אין ניו־יאָרק דער צווייטער באַנד פון „די משפחה מאַש־בער", געדרוקט פון מאַנוסקריפּט, צוגעשיקט פון מאָסקווע (446 ז"ז), מיט אַ פאָרוואָרט פון נחמן מייזיל.

דער נסתר פּאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן דעם אומגעבראַכטן שלמה מיכאָעלס אין דעם זאַמלבוך „מיכאָעלס", אַרויסגעגעבן אינעם אָנדענק פון דעם דערמאָרדעטן שלמה מיכאָעלס. נסתר האָט מספּיד געווען דעם קרבן און באַוויינט די גרויסע אבידה.

עס איז דאַן, אָנהייב 1948, קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז באַלד אין אַ פּאָר חדשים אַרום וועט ער, נסתר, און נאָך פיל, פיל צענדליקער יידישע שרייבער, שוישפּילער אויך ווערן אַרעסטירט און נאָך עטלעכע יאָר פּיזישע און מאָראַלישע פּייניקונגען אויך פרי־צייטיק אַוועק פון דער וועלט, און מען וועט אויך אים נסתרן באַוויינען. מיט דעם אונטער־שייד, וואָס שלמה מיכאָעלס איז כלומרשט „רעהאַביליטירט" געוואָרן, און מען ווייסט וואו זיין קבר געפינט זיך. און דער נסתר איז אויך נאָך זיין טויט געבליבן אַ... נסתר, מ׳ווייסט נישט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען. ולא ידע איש את קבורתו, ווי מען ווייסט ניט וואו עס זיינען די קברים פון די איבעריקע אומגעבראַכטע יידישע שרייבער און שריפט־שטעלער, די קרבנות פון סטאַלין־בעריאַ.

1952 עס דערשיינט אין די „זאַמלונגען", ניו־יאָרק אַן אַרטיקל פון א. גאָלאָמב, וואו עס זיינען דאָ אייניקע זכרונות וועגן דעם נסתר אין גאלטע, כערסאָנער גוב. פון יאָר 1912־1913.

1956 פּאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „יידישע קולטור", נ׳ 1 „דוד בערגעלסאָן און דער נסתר", נאָך דעם ווי עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז אויך די צוויי נאָענטע פריינט־קאָלעגן זיינען אומ־געבראַכט געוואָרן אין 1952 דורך דער סטאַלין־מאַכט, מיט אַ מאָטאָ: „הנאהבים והנעימים — בחייהם ובמותם לא נפרדו". עס איז געגעבן אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון דעם נסתר, אויף וועלכן עס איז געווען צוגעשריבן דעם 23טן פעברואַר 1948 אַ צושריפט: „אייך, טייערער נחמן, ל ז כ ר ו ן. דער נסתר". (דער אַרטיקל איבערגעדרוקט אין בוך „דאָס יידישע שאַפן און דער יידישער שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד", ניו־יאָרק, 1959.

1957 עס דערשיינט זיין בוך „דערציילונגען און עסייען", מיט אַ לענגערן פאָרוואָרט וועגן נסתרן דעם מענטש און קינסטלער פון נחמן מייזיל (ניו־יאָרק, 196).

וויכטיקסטע דאַטעס אין לעבן און שאַפן פון פּרץ מאַרקיש

1895 געבוירן געוואָרן דעם 7טן דעצעמבער אינעם שטעטל פּאָלאָנע (פּולנאה), וואָלין, ביי נישט־פאַרמעגלעכע עלטערן, באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג. אין די יונגע יאָרן פאַרמאָגט אַ שיינע שטימע, געווען אַ משורר ביי באַקאַנטע חזנים, און אָפּט מיט זיי מיט־געפאָרן און באַזוכט יידישע שטעט און שטעטלעך.

אָנגעהויבן יונג זיך אינטערעסירן מיט ליטעראַטור, געלייענט און זיך געטראָפן מיט וואוילקענעוודיקע יידן און יונגלייט משכילים, געטרייע לייענער.

די איינגעזאַפּטע איינדרוקן פון זיין שטעטל און פון די אַרומיקע יידישע שטעטלעך דערנאָך איבערגעגעבן אין אַ צאָל ווערק — דיכטערישע און פּראָזאַאישע — בעיקר אין זיין ראָמאַן „וועלט־אויס, וועלט־איין".

1904 ביז 1906 געלעבט מיט די עלטערן אין שטעטל ראָמאַנאָוו, וואָס איז געשילדערט אין זיין פּאָעמע „וואָלין".

1907 ביז 1910 געווען אַ משורר ביי אַ חזן אין בערדיטשעוו.

1915 געלעבט אין אָדעס, געווען אַן עקסטערן און מאָביליזירט געוואָרן אין דער צאַרישער אַרמיי בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. פאַרוואונדעט געוואָרן און געלעגן אין שפּיטאָל.

1916 געווען אויפן דייטשן פראָנט.

1917 הייבט זיך אָן זיין פּראָדוקטיוו שאַפן אין יידיש. פריער געשריבן לידער אין רוסיש. אָנ־געהויבן, ווען אַלט געווען אַ 15 יאָר.

1917 געלעבט אין יעקאַטערינאָסלאַוו, וואו געווען אַקטיוו און באַליבט ביי דער דאָרטיקער יידי־שער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ. אין די ווייטערדיקע 2 יאָר, 1918־1919, איבערגע־לעבט די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן און די פּאָגראָמען, וואָס האָבן זיך כסדר געביטן מיט דער רעוואָלוציע. באַזונדערס אַדורכגעמאַכט די מאַכנאָ־צייט ווען דער אַנאַרכיסט, שפּעטער — ווייס־גוואַרדייער מאַכנאָ האָט באַהערשט די געגנט. די צייט איז אַרויסגעבראַכט גאַנץ געטריי דורך אים אינעם ראָמאַן „וועלט־אויס, וועלט־איין", בעיקר — אינעם צווייטן טייל. גענומען שרייבן לידער און געוואָרן פּאָפּולער אין זיין סביבה. אָפּט אויף פאַרזאַמלונגען פאַרגעלייענט זיינע לידער.

1918 אַ העפטל געשריבענע לידער ווערט געבראַכט קיין קיעוו, ווערט געלייענט דורך די קיעווער יונגע שרייבער דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, נחמן מייזיל. פּרץ מאַרקיש קומט קיין קיעוו, וואָס איז דאַן געוואָרן אַ ברויזנדיקער ליטעראַטור־צענטער. זיינע לידער דרוקן זיך אינעם זאַמלבוך „אייגנס", צוזאַמען מיט די לידער און דערציילונגען פון ל. קוויטקאָ, י. דאָברושין, דוד האָפשטיין, אשר שוואַרצמאַן, דוד בערגעלסאָן, אַלטער קאַציזנע, ביינוש שטיימאַן, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, ליפע רעזניק. דער צווייטער „אייגנס", מיט זיינע לידער דערשיינט אין יאָר 1920.

1919 עס דערשיינען זיינע עטלעכע לידער־זאַמלונגען אין יעקאַטערינאָסלאַוו: „אינמיטן וועג", פ׳ „מאיאק", 64 זייטן; „נאָכן טעלערל פון הימל" (אַ מעשהלע), פ׳ „נאַטור און מענטש", 48 זייטן; „פּוסט און פּאַס", פ׳ „וויסנשאַפט", 164 זייטן, „שטיפעריש", 48 זייטן.

עס דערשיינט אינעם „יידישן פאָלקס־פאַרלאַג", קיעוו, זיין בוך „שוועלן", 168 זייטן, וואָס רופט אַרויס אויפזען און באַגייסטערטע קריטיק.

1920 עס דערשיינען קריטישע אָפּהאַנדלונגען אין פאַרשיידענע צייטונגען און צייטשריפטן וועגן פּרץ מאַרקיש, ווען מען שטעלט אים אין איין ריי מיט דוד האָפשטיין, ל. קוויטקאָ, וואָס זייערע לידער־זאַמלונגען דערשיינען אין דער זעלביקער צייט. פון דאַן אָן ווערן די דריי דיכטער, אַ מין חוט המשולש, דערמאָנט כסדר אינאיינעם, צוזאַמען מיטן עלטערן אשר

שוואַרצמאַן, וואָס קומט אום אין שלאַכט מיט די ווייס־גוואַרדייאישע פּוילישע אָנגרייפער אויף קיעוו.

1921 באַטייליקט זיך אינעם זאַמלבוך „טרעפּ" (יעקאַטערינאָסלאַוו).

עס דערשיינט זיין נײַ לידער־בוך „סתם", יעקאַטערינאָסלאַוו, 192 זייטן.

זיינע לידער ווערן פאַרעפנטלעכט אין ע. קאָרמאַנס אַנטאָלאָגיע „אין פריערדיקן דויער", קיעוו.

1922 באַטייליקט זיך אין דער לידער־זאַמלונג „יוגנט", רעדאַקטאָר — א. קושניראָוו, כאַרקאָוו. קומט צו פאָרן קיין פּוילן, וואו ער לעבט מיט קורצע איבעררייסן אַ 4 יאָר. שרייבט אַר־טיקלען, רעצענזיעס אין דעם קריטיש־ביבליאָגראַפישן זשורנאַל „ביכער־וועלט". צווישן אַנדערן — וועגן די יונגע סאָוועטיש־יידישע דיכטער איציק פעפער, א. קושניראָוו א"א.

עס דערשיינט אין וואַרשע און אין קיעוו זיין פּאָעמע „די קופּע", וואו עס ווערן גע־שילדערט מיט טיפן צער און צאָרן די פּאָגראָמען אין אוקראַינע. די וואַרשעווער אויסגאַבע איז אַרויס אין שוואַרצע טאָוולען, אין גרויסן פאָרמאַט. אין די אָפּרופן ווערט די פּאָעמע פאַרגליכן צו ח. נ. ביאַליקס „אין שחיטה־שטאָט" א"א.

עס דערשיינט אין ווילנע זיין פּאָעמע „וואָלין".

גיט אַרויס אַ באַנד לידער „ראַדיאָ".

מיטגרינדער פון דער גרופּע שרייבער־דיכטער און מיטרעדאַקטאָר פון די זאַמלביכער „כאַליאַסטרע" (צוזאַמען מיט א. צ. גרינבערג, מלך ראַוויטש, אסתר שומיאַטשער א"א), „דער גאַלאַגאַנער האָן", פּראַכט־אויסגאַבע (בערלין).

עס דערשיינט זיין לידער־ביכל „נאַכט־רויב" אין מאָסקווע, פ' „ליריק", 32 זייטן.

1923 דערשיינט זיין ביכל לידער „זאַנג־געזאַנג", וואַרשע, 40 זייטן.

באַזוכט ארץ־ישראל. שרייבט אַ צאָל לידער, אונטערגעצייכנט ירושלים, צפת א.א.וו.

זעצט־פאָר זיין מיטאַרבעט אין „ביכער־וועלט", זיין פּאָפּולאַריטעט אין פּוילן האַלט אין איין וואַקסן. ער איז פון די באַליבטע דיכטער און רעדנער. זיינע טעמפּעראַמענטפולע אַרטיקלען און אַרויסטריטן רופן אַרויס שאַרפע אָפּקלאַנגען און הייסע דעבאַטן אין דער פּרעסע.

1924 מיטגרינדער און מיטרעדאַקטאָר (צוזאַמען מיט י. י. זינגער, נחמן מייזיל, מלך ראַוויטש) פון די „ליטעראַרישע בלעטער", דער ערשטער נומער פונעם 9טן מאַי הייבט זיך אָן מיטן אַרטיקל פון פּרץ מאַרקיש „בוך און לעזער".

אין די „ליטעראַרישע בלעטער" פאַרעפנטלעכט ער צענדליקער אַרטיקלען, אָפּהאַנד־לונגען, רעצענזיעס איבער ביכער און טעאַטער, פּאָלעמישע אַרטיקלען, געשריבן מיט פייער און ברען.

האַלט רעפעראַטן אין וואַרשע און אין פיל גרויסע און קלענערע שטעט פון פּוילן אויף די טעמעס „צוויי ליטעראַרישע עפּאָכעס", „די נייע רוסישע ליטעראַטור", „לשון־קודש", „לשון־יידיש", „אונדזער נייע דיכטונג". די רעפעראַטן רופן אַרויס גרויס אינטערעס און באַגייסטערונג ביי דער יידישער יוגנט אין פּוילן.

פאָרט אויף אַ באַזוך קיין בערלין, פּאַריז.

מיר האָבן אין זיינע לידער אַזעלכע שורות:

„עס טליען אומעטיק די כנרת־בערג פון גליל,
און אויף די שפּיצן טרויערן די בלויע רוימען;
אָט דאָ אין די פאַרטרויערט־טרוימערישע טאָלן,
האָט ווי אַ שאָף זיך פיטערן געמוזט אַ בלאָנדער 'טרוימער'".

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„קעמלען, דאַווענדיקע קעמלען אין דער נאַכט
באַלייכטע מיט טליתים אויסגעבליאַקעוועטע ווי קאָרע,
גייען איבער גאָלד־אַרויסגעפּירטע פון תנ"ך,
און שטראַלענדיקע שטרעקעס לייענען פון זכרון..."

1925 נאָך עטלעכע חדשים פאַרברענגען אין אויסלאַנד קומט ער צוריק, אויגוסט 1925, קיין פּוילן. אין בערלין און אין פּאַריז איז ער אויפגעטראָטן מיט רעפעראַטן. איינדרוקן פון זיין באַ־זוך פאַרעפנטלעכט אין די „ליטעראַרישע בלעטער". צווישן אַנדערן איז ער אין פּאַריז

אויפגעטראָטן אויף אַ גרויסן אָוונט לכבוד ה. לייוויק, וועלכער אויפן וועג קיין פּוילן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז.

1926 פאַרעפנטלעכט אַ שאַרפן בייסיקן אַרטיקל קעגן דעם פּראָ־סאָוועטישן חודש־זשורנאַל „אין שפּאַן", וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין בערלין אונטער דער רעדאַקציע פון דוד בערגעלסאָן און א. כאַשין. דער אַרטיקל הייסט „שפּאַן צדק", געדרוקט 14טן מאַי 1926. באַטייליקט זיך אין אַ גרויסן משה נאַדיר־אָוונט אין וואַרשע, דעם 22טן יולי. סוף יולי פאָרט ער אָפּ קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, און ווי עס ווערט געזאָגט אין דעם געזעגענונג־אַרטיקל פון נ. מייזיל: „און גאַנץ מעגלעך אויף אַ לענגערער צייט". אַ טייל נומער פונעם 30סטן יולי איז געווידמעט פּרץ מאַרקישן, זיין שאַפן און זיין ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט די עטלעכע יאָר פון זיין לעבן אין פּוילן.

1927 ער ווערט צוביסלעך איינגעבירגערט און איינגעוואָרצלט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָס איינ־בירגערן און איינוואָרצלען קומט אים אָן נישט לייכט.

עס דערשיינט אין קיעוו אַ פּאָעמע „עזריאל און שלמה בער", „קולטור־ליגע". פאַר־עפנטלעכט אַן אַרטיקל אין זאַמלבוך „טעאַטער־בוך" איבער דעם יידישן טעאַטער אין פּוילן.

1928 עס דערשיינט זיין פּאָעמע „נישט געדאגהט", וואו מיר האָבן שוין דעם נייעם סאָוועטישן פּרץ מאַרקיש.

הייבט־אָן זיך אַרויסרוקן אין פאָדערגרונט פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער, ווי אַ דיכטער, דראַמאַטורג און דערציילער.

1929 עס דערשיינט אין כאַרקאָווער מלוכה־פאַרלאַג זיין ראָמאַן „דור־אויס, דור־איין", 392 ז״ז. די צווייטע אויפלאַגע פונעם ראָמאַן, עטוואָס געענדערט, דערשיינט אין 1938.

עס דערשיינט זיין גרויסע פּאָעמע „ברידער", קיעוו, 270 זייטן: זי דערשיינט אין פיר אויפלאַגעס אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

עס ווערט פאַרעפנטלעכט אַ באַנד פון זיינע לידער „פאַרקלעפּטע ציפערבלאַטן", 302 זייטן, וואָס רופט אַרויס אויך קריטישע אַרטיקלען פאַר אַ צאָל לידער און מאָטיוון.

1930 באַטייליקט זיך אין פאַרשיידענע צייטונגען און צייטשריפטן. עס דערשיינט אַ נייע פאַר־גרעסערטע אויפלאַגע פון זיין בוך „ברידער", כאַרקאָוו, 364 זייטן.

1931 עס דערשיינט אין רוסיש זיין ראָמאַן „דור־אויס, דור־איין". צוגעגרייט פאַרן יידישן מלוכה־טעאַטער אַ פּיעסע „דער פינפטער האָריזאָנט", צי די פּיעסע איז אויפגעפירט — אומבאַקאַנט. זיין פּיעסע „נישט געדאגהט" ווערט געשפּילט אין באַוואוסטן רוסישן קאַרש־טעאַטער אין מאָסקווע. עס דערשיינט זיין לידער און פּאָעמעס־בוך „וואָכנטעג", כאַרקאָוו־קיעוו, 256 זייטן.

1932 באַטייליקט זיך אינעם גרויסן זאַמלבוך „שלאַכטן", 544 ז״ז. (15 יאָר אָקטאָבער אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור).

1933 דערשינען זיין ערשטער באַנד „געזאַמלטע ווערק", מאָסקווע, 382 זייטן. עס דערשיינט דער באַנד „פּיעסן", מאָסקווע, 288 זייטן.

1934 באַטייליקט זיך אינעם „דעקלאַמאַטאָר פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור", מאָסקווע.

עס איז פאַרעפנטלעכט אַ ביבליאָגראַפיש־קריטישער איבערזיכט איבער דער ליטעראַ־טור וועגן פּרץ מאַרקיש פון ד. קורלאַנד אין אַ מינסקער זאַמלבוך.

אַרויסגעפאָרן קיין בּיראָבידזשאַן צום ערשטן צוזאַמענפאָר פון די ראַטן (צוזאַמען מיט אַ גרופּע באַקאַנטע יידישע שרייבער).

מיטרעדאַקטאָר פון די ליטעראַרישע אַלמאַנאַכן „סאָוועטיש", וואו געדרוקט לידער, פּאָעמעס און אַרטיקלען. לעצטער באַנד דערשינען אין 1941, אין 450 זייטן.

באַטייליקט זיך מיט אַ רעפעראַט אויף דער אַלפאַרבאַנדישער באַראַטונג פון יידישע שרייבער.

צוזאַמען מיט נאָך 16 יידישע שרייבער באַגעגנט ער יוסף אָפּאַטאָשו, וואָס קומט צו־גאַסט פון אַמעריקע.

עס דערשיינט זיין ערשטער ראָמאַן „איינס אויף איינס", כאַרקאָוו־קיעוו, 282 זייטן. דער הויפּט־טיפּ אַ ייד פון אַמעריקע, וואָס קומט העלפן בויען דאָס לאַנד.

1935 עס דערשיינט זיין גרויסע פּאָעמע „דעם באַלעגופס טויט", מאָסקווע, 228 זייטן. אין די „ליטעראַרישע בלעטער" דערשיינט „אַנשל דער זאַליאַזניק", אַ קאַפּיטל פון „באַלעגוף", וואַרשע, 46 זייטן.

י. דאָברושין פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן מאַרקישעס „אויפגאַנג". באַטייליקט זיך אין דער לידער־זאַמלונג „רוף", מינסק.

1936 זיך באַטייליקט אין דער באַראַטונג „צו דער שפּראַך־קאָנפערענץ אין בירָאָבידזשאַן", מאָסקווע, דעם 15טן דעצעמבער.

טרעט־אויף אויף אַ גרויסן אָוונט לכבוד איזי כאַריק אין מאָסקווע.

עס דערשיינט זיינס אַ קינדער־ביכל לידער „שטעלט אייך פּאַר און מאַלט אייך אויס". 32 זייטן.

באַטייליקט זיך אינעם זאַמלבוך „בירָאָבידזשאַן". פאַרעפנטלעכט לידער אין „פאַר־פאָסט", זשורנאַל אין בירָאָבידזשאַן.

1937 עס דערשיינט אין מאָסקווע אַ בוך פון מ. וואַרטמאַן וועגן פּרץ מאַרקיש, 192 זייטן. פאַרעפנטלעכט אַ פּיעסע „משפּחה אָוואַדיס", פונעם לעבן אין בירָאָבידזשאַן. געלייענט זי פאַר די שרייבער און שוישפּילער פונעם יידישן מלוכה־טעאַטער אין מינסק. עס האָבן זיך באַטייליקט אינעם וויכוח משה קולבאַק, מ. טייף, ז. אַקסעלראָד, איזי כאַריק, מ. ראַפּאַלסקי. די דראַמע דערשיינט אויך אין רוסיש.

עס דערשיינט זיין פּאָעמע „אויפגאַנג אויפן דניעפּער".

פאַרעפנטלעכט דעם צווייטן באַנד פון זיינע געזאַמלטע ווערק און פּאָעמעס, מינסק, 268 זייטן.

1938 עס איז דערשינען זיין קינדער־ביכל „די מעלקערין מאַרפאַ", מאָסקווע, 32 זייטן. גיט אַרויס אַ ביכל „אונדזער קאָנסטיטוציע" (צו די וואַלן אין די אויבער־ראַטן פון די פאַר־באַנדישע רעפּובליקן). מאָסקווע, 16 זייטן.

איינער פון די רעדאַקטאָרן פונעם זאַמלבוך „קאָמיוג", מאָסקווע.

עס דערשיינט „פאַטערלעכע ערד" — אַ בוך געזאַמלטע לידער, מאָסקווע, 290 זייטן. אַרויסגעגעבן אַ ביכל לידער „וועגן שפּאַניע", מאָסקווע, 38 זייטן.

1939 אַרויס זיין בוך „דערציילונגען", מאָסקווע, 116 זייטן.

דערשינען זיין ביכל וועגן מיכאָעלסן — 56 זייטן (מיט בילדער).

עס דערשיינט זיין פּאָעמע „נישט געדאַגהט", צווייטע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע, 256 ז"ז. אַרויסגעגעבן אַ ביכל לידער „די נייע משפּחה", מאָסקווע, 32 זייטן.

1940 זיך באַטייליקט אין דער אשר שוואַרצמאַן־זאַמלונג (צום 20סטן יאָרטאָג פון זיין העלדישן טויט). אַרויסגעגעבן אַ בוך „רויטאַרמייאישע באַלאַדעס", מאָסקווע, 48 זייטן.

עס דערשיינט אין רוסישער איבערזעצונג זיין דראַמע „משפּחה אוואדיס" אין דריי אַקטן, לענינגראַד.

1941 באַטייליקט זיך אין דער זאַמלונג „פאַרן היימלאַנד אין שלאַכט", מאָסקווע.

עס דערשיינט דאָס צווייטע בוך „דור־אויס, דור־איין", ראָמאַן, מאָסקווע, 528 זייטן.

עס דערשיינט זיין לידער־ביכל „אַ טויט צו די קאַניבאַלן", 72 זייטן, מאָסקווע.

1942 דערשינען אין טאָראָנטאָ (קאַנאַדע) אַ ביכל וועגן פּרץ מאַרקיש פון נחמן מייזיל, 24 ז"ז.

1943 רעדאַקטאָר פונעם זאַמלבוך „היימלאַנד", מאָסקווע.

גיט אַרויס אַ בוך „פאַר פאַלק און היימלאַנד" (מלחמה־לידער), מאָסקווע, 128 זייטן.

עס ווערט געשפּילט זיין דראַמע „צום זיג" מיט אָפּטיילונגען: ברידער אין שלאַכט, ניט פאַרגעסן און ניט שענקען (באַטייליקן זיך אויך שרייבער, געקומענע פון פּוילן, ליטע און רומעניע).

פאַרעפנטלעכט אינעם „צום זיג" צוויי גרעסערע פּאָעמעס, פראַגמענטן פון בוך „מלחמה" — „דער כירורג", און „דער אַלטער שניצלער".

1945 פאַרפאַסט די דראַמע „דער אויפשטאַנד אין געטאָ", וואו עס זיינען אויך אַרויסגעבראַכט איציק וויטענבערג און הירש גליק, אַריבערגעטראָגן קיין וואַרשע.

1946 די דראַמע ווערט געשפּילט אין מאָסקווע, מינסק און אין ביראָבידזשאַן דורך פאַרשיידענע אַנסאַמבלען.

1947 מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון׳עם „היימלאַנד״, וואָס דער לעצטער נומער דערשיינט דעם 9טן סעפּטעמבער 1948.

באַהאַנדלונג אין מאָסקווער קאַבינעט פאַר נאַציאָנאַלע טעאַטערס די אויפפירונג פון זיין דראַמע „דער אויפשטאַנד אין געטאָ״, וואָס איז געשפּילט אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער.

1948 נאָך דער דערמאָרדונג פון שלמה מיכאָעלס, אָנגעשריבן דאָס שטאַרקע טיף־רירנדיק ליד „ש. מיכאָעלס — אַ נר תמיד ביים ארון״, אין פאַרקירצטער פאָרם געדרוקט אין „אייני־קייט״, מאָסקווע.

אין די אַלע יאָרן, זינט דעם דערשיינען פון „אייניקייט״, פאַרעפנטלעכט דאָרטן פיל אַרטיקלען פון גרויסן באַטייט.

עס דערשיינט אין מאָסקווע זיין גרויס בוך — פּאָעמע — „מלחמה״, מאָסקווע 660 ז״ז. אויפן עקזעמפּלאַר, צוגעשיקט פון מאָסקווע, דאַטירט דעם 12טן אָקטאָבער, איז דאָ זיין צושריפט: „ליבער נחמן, איך בין דיר שולדיק, אַז די האָר זיינען ניט מיינע. ווען מיר אָנהייבן פונעם דאָזיקן בוך. מיט די בעסטע גרוסן, פּרץ מאַרקיש״.

דאָס עפּאָפּייע־בוך באַשטייט פון 162 גרויסע קאַפּיטלען: אין אָנהייב (43 קאַפּ.), מאָסקווע — 42 קאַפּ., סטאַלינגראַד — 36 קאַפּ., אויף מערב 41 קאַפּ., אין סך־הכל — 1,276 זעכצן־שורהדיקע לידער. איבער 20 טויזנט שורות.

1949 פאַר זיין אַרעסט אָנהייב יאָר אָנגעשריבן דאָס ליד, דאָס לעצטע וואָס באַקאַנט, פאַרעפנט־לעכט דערנאָך דורך זיין פרוי אסתר, „גיסט זשע אָן״, וואו מיר האָבן פאָלגנדיקע סטראָפעס:

„אָפּגעבליט האָט גיך דער זומער,
און דער האַרבסט איז פרי געקומען.
ערגעץ שוין דער ווינטער שפּאַנט,
גיס זשע אָן מיט דער פולער האַנט
פאַר די נאָענטע, פאַר די ווייטע, —
די וואָס ווען אונדז פאַרבייטן.
ס׳טוט ניט באַנג אַזוי גרייז און גרוי זיין,
ווייל געלעבט מיר האָבן ברויזנד
מיטן פאָלק און מיטן לאַנד, —
גיס זשע אָן מיט דער פולער האַנט,
אַז צו גוטנס ביז מקנא,
זאָל די צוקונפט אונדז דערמאָנען;
וויפל נאָך איז אונדז געגעבן
זיך צו פרייען מיטן לעבן, —
ביז צום טרויעריקן ראַנד, —
גיס זשע אָן מיט דער ברייטער האַנט.
הויב דעם כוס אויף ביז די שטערן
פאַר די לעצטינקע באַגערן...״

ער האָט זיכער געפילט, אַז ער ווערט געפירט צום טרויעריקן ראַנד...

ער ווערט אַרעסטירט, ווערט „געפאַרשט״ און פיזיש און גייסטיק געפייניקט, ווערט באַשולדיקט ווער ווייס אין וואָסערע פאַרברעכנס און ווערט אויך צוזאַמען מיט די אַנ־דערע „געמשפּט״ און נאָך גרויל־עינוים, דערשאָסן געוואָרן דורך די סטאַלין־מערדער.

1952 דעם 12טן אויגוסט איז לויט ווי עס איז באַקאַנט געוואָרן, נישט אָפיציעל דערמאָרדעט אָדער דערשאָסן געוואָרן.

עד־היום איז נישט באַקאַנט ווען און וואו ער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

1953 און ווייטער גייען אַרום די ווידערשפּרעכנדיקסטע ידיעות וועגן דעם גורל פון פּרץ מאַרקיש און די איבעריקע סאָוועטיש־יידישע שרייבער.

אויף אַלע ווענדונגען און אָנפראַגן אין סאָוועטנפאַרבאַנד קריגט מען נישט קיין שום תשובה.

1956 עס דערשיינט אַ נייע אויפלאַגע פון זיין „מלחמה" אין 2 בענד, מיט אַן אַריינפירונג פון נחמן מייזיל, ניו־יאָרק, 608 זייטן. עס ווערן געבראַכט נישט קיין אָפיציעלע מיטטיילונגען וועגן דעם גרויזאַמען מאָרד איבער די סאָוועטישע יידישע שרייבער און בתוכם — פרץ מאַרקיש.

זיין פיעסע „דער אויפשטאַנד אין געטאָ" (אין 6 בילדער), פריער געדרוקט אין „יידישע קולטור", ניו־יאָרק, דערשיינט אין דער זאַמלונג „שאַפונגען פון יידישע שרייבער און דיכטער אין סאָוועטנפאַרבאַנד", אַרויסגעגעבן אין בראַזיל.

1957 עס ווערן פאַרעפנטלעכט קאַפּיטלעך פון זיין נישט־פאַרעפנטלעכן ראָמאַן „טראָט פון דורות" אין „פאַריזער צייטשריפט" און „יידישע קולטור".

עס ווערט פאַרעפנטלעכט אין דער „יידישע קולטור", נ' 5 אַ נייער גרויסער וואַריאַנט פון זיין ליד „ש. מיכאָעלס" — אַ נר תמיד „ביים ארון", דער ערשטער וואַריאַנט איז אָפּגעדרוקט אין „אייניקייט", מאָסקווע, באַלד נאָך מיכאָעלס דערמאָרדונג. אויסצוגן פון זיין אָפּהאַנדלונג וועגן שלמה מיכאָעלס (צום 10טן יאָרטאָג פון זיין גרויזאַמער דערמאָרדונג) פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קולטור".

עס דערשיינט אין רוסישער איבערזעצונג אַן אויסוואַל פון זיינע לידער מיט אַן אַריינפיר צום בוך פון באַוואוסטן סאָוועטיש־רוסישן שרייבער באַריס לאַווורעניעוו, וואו עס ווערט געשריבן אָפן וועגן זיין טראַגישן טויט. דאָס בוך האַלט 416 זייטן, צונויפגעשטעלט דורך זיין פרוי אסתר מאַרקיש, מאָסקווע.

1959 עס דערשיינט אין בוענאָס־איירעס אַ באַנד לידער און פּאָעמעס אונטערן נאָמען „ירושה". די לידער זיינען צוגעשיקט דורך אסתר מאַרקיש, 240 זייטן.

1961 עס דערשיינען צוויי בענד און פּאָעמעס איבערגעזעצט אין רוסיש פון אַ צאָל באַוואוסטע דיכטער.

עס ווערט פאַרעפנטלעכט אין מרדכי יפהס אנטאָלאָגיע „ארץ ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור", פראַגמענטן פון מאַרקישעס פּאָעמע, פּאָעטישע איינדרוקן פון זיין באַזוך אין ארץ־ישראל, 5 זייטן.

1962 צום צענטן יאָרטאָג פון דער טראַגיש־גרויזאַמער דערמאָרדונג פון די יידיש־סאָוועטישע שרייבער און פרץ מאַרקיש זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן פיל אַרטיקלען, זכרונות, אָפּשאַצונגען, אויך איבערגעדרוקט אין יידיש און אין העברייאיש זיינע לידער אין פאַרשיידענע צייטונגען און צייטשריפטן איבער דער וועלט.

עס דערשיינט „דור־אויס, דור־איין", אונטערן נאָמען „דור הולך ודור בא" (2 בענד, 672 ז"ז) אין „ספרית פועלים", ישראל, מיט דער הילף פון וויינפער־מאַרגענשטערן פאָנד, עברית אליהו מייטוס, מיט אַן אָפּשאַצונג וועגן פ. מאַרקיש פון גיטל מייזיל.

א. ר. מלאכי

מענדעלע מוכר ספרים ווי אַ פאַרלעגער און הסכמה־געבער

ווי באַקאַנט, זיינען מענדעלעס מערסטע דערציילונגען, אין יידיש און אין העברייאיש, סיי אין צייטונגען און זשורנאַלן און סיי אין באַזונדערע ביכער, געדרוקט בהשתדלות מענדעלע מוכר ספרים, ווי ער זאָל נאָר זיין דער מו״ל (מוציא לאור — פאַרלעגער), און ניט דער מחבר. עס איז אַ פאַרצייטיקער נוסח, וואָס מענדעלע האָט צוגעפּאַסט צו זיין פסעוודאָנים און זשאַנער אין שרייבן סיפורי־מעשיות.

עס געפינט זיך אָבער אַ העברייאיש בוך, ניט מענדעלעס, וואָס איז אָבער געדרוקט, אויב ניט „בהשתדלות מענדעלע מוכר ספרים״, איז אָבער דערשינען „על ידי ש״י אברמויץ״ — דורך שלום יעקב אַבראַמאָוויץ, ווי עס איז אָנגעגעבן אויפן שער־בלאַט. אַ „מביא לבית הדפוס״, ווי ער שרייבט אין זיין הקדמה צום בוך, דאָס זעלבע ווי „בהשתדלות״, וואָס מיינט אַ פאַרלעגער.

דער ספר „אדרת חכמים״, איז כמעט אומבאַקאַנט. עס איז אַ ביכל, פון קליין אָקטאַל פאָרמאַט, 67 זייטלעך, אַריינרעכענענדיק די צוויי שער־בלעטלעך, אין רוסיש און העברייאיש און די צוויי הקדמות צום ספר. דער מחבר, נפתלי הערץ בערנשטיין, איז געווען אַן אָדעסער תושב, אַ גביר אַ למדן און משכיל, אַ נדבן און ליבהאָבער פון העברייאיש, געשטיצט שרייבער און מחברים, און אַליין געשריבן מאמרים, וואָס ער האָט ניט באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן, און זיי זיינען אָפּגעהיט געוואָרן פון זיין זון, שמעון, אַן אָדעסער תושב, און „אַ גביר אַ משכיל און נדיב״, ווי זיין פאָטער, — איז געווען אַ מיטגליד פון „מפיצי השכלה״. ער ווערט דערמאָנט אין „המליץ״ פאַר זיינע וואוילטעטיקע צוועקן מיטן נאָמען סימאָן.

אין 1868, ווען מענדעלע האָט זיך אויפגעהאַלטן אין אָדעס צו פאַרשפּרייטן זיינע ספרים (1) און דרוקן זיין העברייאישן ראָמאַן „האבות והבנים״, האָט סימאָן בערנשטיין אים איבערגעגעבן זיין פאָטערס כתבים, ער זאָל זיי דורכקוקן און צוגרייטן צום דרוק.

אין אַ קורצן „וואָרט צום לייענער״ דערציילט סימאָן בערנשטיין אַז שוין לאַנג איז זיין שטרעבונג געווען צו מאַכן אַן אָנדענק צו זיין פאָטער און אַרויסגעבן זיינע כתבים און פאַרשפּרייטן זיי צווישן פאָלק, אָבער אים איז ניט געלונגען זיין וואונטש צו דערפילן, „ביז גאָט האָט מיר צוגעטראָפן אַ מענטש (2) נאָענט צו מיין האַרץ, דאָס איז דער געלערנטער הר״ר ש״י אַבראַמאָוויץ, וואָס ער איז צוליב זיינע געשעפטן־אָנגעלעגנהייטן געקומען אין מיין וואוין־שטאָט, און איך האָב אים געבעטן, ער זאָל אַ קוק טאָן אויף מיין פאָטערס מאַנוסקריפּטן און זיי

אַרויסגעבן. און דער הר״ר אַבראַמאָוויץ האָט מיר צוליב געטאָן און ער גיט איצט אַרויס צוויי מאמרים, וואָס גייען אַריין אין דעם דאָזיקן ביכל, וואָס ליגט פאַר דיר, לייענער!״

דער אינהאַלט פון די צוויי מאמרים איז אָנגעגעבן אויפן שער־בלאַט: „צו באַווייזן די גערעכטיקייט פון אונדזערע חכמים די בעלי־התלמוד, אַז אויף זיי איז אָנגעמאָסטן דער טייערער מאַנטל און עס פאַסט זיי די הילע פון לויב, וואָס זייערע פיינט ווילן אַראָפּציען פון זיי און זייער פּראַכט אויף אייביק צונעמען פון זיי״.

די מאמרים זיינען אינטערעסאַנט צו דער געשיכטע פון דער פּאָלעמיק מיט די מיסיאָנערן אין ענגלאַנד, וואָס מיט הונדערט יאָר צוריק זיינען זיי געווען שונאי ישראל און זייער ליטעראַטור — פול מיט פאַרלוימדונגען אויף דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט.

דער „אדרת חכמים״ איז אַ תשובה אויפן „נתיבות עולם״, דער פּאַשקוויל אויפן תלמוד פון דעם אירלענדישן מיסיאָנער מאַקול, וואָס איז אין 1839 דערשינען אין לאָנדאָן, איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן, און גלייך איבערגעזעצט געוואָרן אין פאַרשיידענע שפּראַכן, אויך אין העברייאיש, דורך יחזקאל האָגע, דער אַפּיקורס און חסידות־פּאַרטיידיקער אין וואַרשע, און משומד־מיסיאָנער אין לאָנדאָן. פול מיט שקרים און זלזולים אויף חז״ל, האָט דער מחבר פון „נתיבות עולם״ באַשמוצט די יידישע אמונה, איז אַרויס מיט בילבולים אויף יידן בכלל, אויפווייזנדיק כלומרשט פון דער תורה שבכתב אַז מיר זיינען אַ פאָלק פון באַטריגער, שווינדלער און גנבים.

דאָס בוך האָט שטאַרק אויפגערעגט יידישע געמיטער, איבערהויפּט אין דער העברייאישער איבערזעצונג, וואָס איז ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן אין רוסלאַנד און אין פּוילן. שרייבער און געלערנטע זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם מחבר, זיי האָבן זיינע שקרים אָפּגעוואָרפן און זיינע טענות צעקלאַפּט. ר׳ יצחק בער לעווינזאָן (ריב״ל) האָט פאַרפאַסט זיין ספר „אחיה השילוני״ וואָס איז געדרוקט יאָרן לאַנג נאָך דער דערשיינונג פון „נתיבות עולם״ און עטלעכע יאָר נאָך דעם ריב״ל׳ס טויט. אַ צווייטער משכיל יהודה כארי פון אָדעס האָט קעגן „נתיבות עולם״ געשריבן אַ בוך „קול יהודה״, וואָס איז אויך אַ לאַנגע צייט געלעגן ביי אים אין כתב־יד און ערשט אין 1864 געדרוקט אין ווין. אויך אליעזר צבי צווייפל האָט אין זיין אַפּאָלאָגעטיש בוך „סניגור״ אַן אַרטיקל „משובב נתיבות״ קעגן „נתיבות עולם״. דער „סניגור״ איז געשריבן אין 1876, דאָס יאָר וואָס עס איז דערשינען אַ נייע אויפלאַגע פון דער העברייאישער איבערזעצונג פון „נתיבות עולם״, צווייפלס בוך איז אָבער געדרוקט אין 1885, און האָט מער אַ ליטעראַרישן ווערט ווי אַן אַקטועלן.

דער „אדרת חכמים״ איז געשריבן אין 1839, אין דעם יאָר, וואָס דער „נתיבות עולם״ איז דערשינען. דער מחבר בערנשטיין, האָט צוליב געשעפט־אָנגעלעגנהייטן אויסגעוואַנדערט פון רוסלאַנד קיין לאָנדאָן. קיין גרויסע גליקן האָט ער אין ענגלאַנד ניט געמאַכט, און אַזוי ווי זיין ווייב און קינדער זיינען געבליבן אין רוסלאַנד, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים. אין רוסלאַנד האָט אים באַגליקט, און ער איז רייך געוואָרן.

אַ למדן און משכיל, האָט ער זייענדיק אין לאָנדאָן פאַרקערט צווישן לומדים און משכילים, אַריבערגעקומענע ווי ער. ער איז געווען אַ בן־בית ביים רב הכולל ר׳ שלמה הערשל, צו וועמען זיין ביכל „אדרת חכמים" איז געווידמעט. די דער־שיינונג פון „נתיבות עולם" אין 1839 האָט אים, ווי אַ סך יידן אין לאָנדאָן, שטאַרק אויפגערעגט. ער האָט, פונקט ווי זיי, געפילט, אַז מען טאָר ניט פאַרשווייגן און מען מוז דעם מחבר ענטפערן. ער שרייבט: „פיל האָבן מיך אויפגעפאָדערט איך זאָל אַרויס אין אַ מלחמה מיט די, וואָס לעקן די תורה פון אונדזערע חכמים זכרונם לברכה און בילן אויף זיי; אַרויס קעגן זיי מיט אַן אייזערנעם און בלייענעם פען (3) זיך אָננעמען דעם כבוד פון אונדזערע רבנים קעגן קריגערישע מענטשן ווי זיי זיינען".

אויפן ראַט פון רב־הכולל איז בערנשטיין אין זיין שריפט ניט אַריין אין וויכוחים מיטן מחבר פון „נתיבות עולם", נאָר ער האָט זיך בעיקר געווענדט צו יידן, זיי אויפגעקלערט די פאַלשקייט פון „נתיבות עולם". זיי זאָלן ניט פאַרפירט ווערן פון די מיסיאָנערן. דער מחבר דערציילט וועגן דעם באריכות אין זיין הקדמה צום ספר. אויך מענדעלע שטעלט זיך אויף דעם אָפּ אין זיין הקדמה.

מענדעלעס הקדמה איז אינטערעסאַנט מיט זיין שטעלונג צום „נתיבות עולם", וואָס אין די זעכציקער יאָרן איז דאָס בוך ווידער אַרויסגעשוואומען אין יידישן לעבן און געוואָרן אַן אַקטועלע טעמע, און מען האָט גענומען באַהאַנדלען אין צייטונ־גען; אויך ביכער קעגן אים זיינען אין יענער צייט דערשינען.

די הקדמה איז אַ קורצע. זי הייבט זיך אָן מיט זיין נוסח: „אמר"... נאָר אַנשטאָט: „אמר מענדעלע", קומט „אמר המביא לבית הדפוס" — זאָגט דער אַרויסגעבער. איך גיב זי דאָ איבער אין יידיש:

אויף דער בקשה פון דעם גביר און נדיב הר״ר סימאָן בערנשטיין, בין איך איבערגעגאַנגען די כתבים פון זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער, און איך האָב באַ־שלאָסן דערוויייל אַרויסגעבן דעם דאָזיקן חיבור זיינעם, וואָס בחייו האָט ער אים אָנגערופן מיטן נאָמען „אדרת חכמים", אָט דעם דאָזיקן ביכל האָט ער מיט יאָרן לאַנג פאַרפאַסט, בשעת ער האָט געוואוינט אין לאָנדאָן, אין דער צייט וואָס עס איז אין יאָר תקצ״ט דערשינען דער ספר „נתיבות עולם", וואָס האָט כל־בו אויסגערעדט אויף די חכמי־התלמוד, די ריזן פון תורה שבעל־פה. דער מחבר, אין זיין גרויסן איפער פאַר זייער הייליקן נאָמען, האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן, ניט אָננעמען זיך פאַר זייער פאַרשוועכטן כבוד, און אָנגעשריבן דעם ספר. אָבער צוליב פיל אורזאַכן, וואָס זיינען איצט פאַרהוילן פון אונדז, האָט דער מחבר זיך ניט אַריינגעלאָזן מיט זיי אין דיסקוסיעס, איבערצייגונגען און תשובות אויף יעדער איינצלהייט, ווייל אין יענער צייט האָבן אונדזערע געלערנטע געדענקט אַז עס לוינט זיך ניט צו ערגערן פון די שלעכטס־טוער; ער האָט בעסער אויסגעקליבן צו זיין פון די נעלבים ואינם עולבים (באַליידיקטע איידער פון די באַליידיקער). ווי דער מחבר דערציילט אין אָנהייב פון זיין ביכל, אַז דער לאָנדאָנער רב האָט אים עטלעכע מאָל געזאָגט ער זאָל מיט קיין וואָרט ניט ענטפערן אונדזערע פאַר־לוימדער, און ווי דער מחבר פון „נתיבות עולם" זעלבסט באַקלאָגט זיך: „שוין אַריבער אַ יאָר זינט מיר זיינען אַרויסגעטראָטן צו זאָגן צו דאָס יידישע הויז־

געזינט וואָרעם מיר זיינען אַזוי זיכער, אַז זיי גייען אין קרומע וועגן א.אַז.וו.. דער ווינטער איז אַריבער, דער רעגן איז אַוועק, עס איז אַריבער דער שניט און דער זומער האָט זיך געענדיקט און די יידן שווייגן נאָך אַלץ, עס הערט זיך ניט קיין קול און קיין ענטפער".

ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט אַ ראַט פֿון געלערנטע און פֿאַרשטענדיקע באַשלאָסן צו באַשטימען אַ פּרייז דעם יעניקן וואָס וועט צעקלאַפּן די טענות פֿון דעם מחבר פֿון „נתיבות עולם" פּונקט נאָך פּונקט, ווי עס ווערט געבראַכט אין „המזכיר" (4) און אין ספר „קול יהודה". אויך די געלערנטע אין אונדזער לאַנד האָבן אויף זיינע רייד געענטפֿערט אויספֿירלעך, יעדער איינער אויף זיין שטייגער. מיט פֿיר יאָר צוריק איז אַרויס דער ספר „אחיה השילוני" (געדרוקט אין לייפּציק אַן דעם יאָר רעכענונג, אַן דעם מחברס נאָמען), און דאָס בוך „קול יהודה" פֿון דעם געלערנטן הר"ר יהודה בן ישראל כּארי נ"י. אונדזער מחבר האָט אָבער זיינע רייד ניט אַרויסגעבראַכט אויספֿירלעך און האָט געזוכט צו רעכטפֿערטיקן אונדזערע חכמים בדרך כּלל, ער צילט אָבער אין די אַלגעמיינע ענינים צו די פּרטים פֿון די טענות אין „נתיבות עולם", ווי דער פֿאַרשטענדיקער לייענער וועט זען, און זיין צוועק איז צו באַפֿעסטיקן די טראַדיציע פֿון אונדזערע עלטערן און אונדזער אמונה אין די הערצער פֿון דער יוגנט וואָס זייער וועג איז אימער, אין אַמאָליקע יאָרן און היינטיקער צייט, צו האַלטן זיך אין פֿאַלשע דעות אַן פֿאַרשטענדעניש און פֿאַרטיפֿן זיך אין דעם ענין, און זייער שפּראַך איז פֿאַלש און באַטרוג, אַ סך פּלאַפּלעריי און אַ געמיש פֿון ווערטער און נייע אויסדרוקן, אָבער נאַרישקייט טוען זיי פּלוידערן, ניט קענענדיק עפּעס. וואָס עס איז געווען וועט ווייטער זיין און קיין נייס אונטער דער זון איז ניטאָ. דער אָרנטלעכער לייענער וועט געוויס אורטיילן דעם מחבר מיט יושר, רעכענענדיק זיך מיט זיין גוטער כוונה, און וועט אויך נעמען אין אַכט דאָס וואָס דער מחבר זעלבסט האָט זיין בוך ניט געדרוקט, און ווער ווייס, צי ער וואָלט איצט ניט געמאַכט קיין שינוים אין בוך, צוגעגעבן אָדער אַרויסגענומען שטעלן פֿון אים. דער מחבר איז ווערט מען זאָל זיך אינטערעסירן מיט אים, ווייל ער איז געווען איינער פֿון אונדזערע נדיבים, וואָס זיין האַרץ איז געווען מיט גאָט און געטריי דער העברייאישער שפּראַך און אונדזערע שרייבער, איז געגאַנגען אויפֿן אָרנטלעכן וועג און אויפֿריכטיק געווען גענעדיק און געטאָן טובות, אַזאַ מענטש באַדאַרף ווערן געבענטשט פֿון יעדן ליבהאָבער פֿון פֿאָלק און ווערן געאַכט פֿון יעדן אָרנטלעכן מענטש, וואָס צום באַדויערן זעען מיר אַז נדיבים־לומדים און ליבהאָבער פֿון אונדזער שפּראַך זיינען היינט אַ זעלטנהייט ביי אונדז. מיט דעם געזעגן איך זיך מיטן לייענער און ענדיק מיינע רייד.

ש"י אבראַמאָוויץ

געשריבן איז די הקדמה כ"ח אייר, תרכ"ח. ווי געזאָגט, איז מענדעלעס עקאָנאָמישע לאַגע דעמאָלט געווען אַ שווערע. ער איז מיט זיין חיונה געווען אָנגעוויזן אויף דעם פֿאַרקויף פֿון זיינע ביכער. אַזוי איז ער צופֿעליק געוואָרן אַ פֿאַרלעגער, און האָט פֿון „אדרת חכמים" געהאַט אַ זייטיקע הכנסה.

אַגב, סימאָן בערנשטיין האָט די הכנסות פֿון פֿאַרקויף פֿון בוך מנדב געווען פֿאַר די טויבע און שטומע און די תּלמידים פֿון דער ווערק־שול אין אָדעס — אַזוי

איז אָנגעגעבן אויפן שער־בלאַט פון „אדרת חכמים".

דאָס איז די איינציקע הקדמה וואָס מענדעלע האָט געשריבן צו אַ פרעמדן בוך; עס איז אויך די איינציקע הסכמה, וואָס ער האָט געגעבן אויף אַ ספר. בעת ער האָט געשריבן די הקדמה צום „אדרת חכמים" איז ער שוין געווען אַ באַוואוסטער שרייבער און ברייט באַקאַנט סיי מיט זיין נאָמען אַבראַמאָוויץ און סיי מיט זיין פסעוודאָנים, מענדעלע מוכר ספרים. די הסכמה האָט ער געשריבן אין 1861, ווען ער איז נאָך געווען גאָר אַ יונגערמאַן, זיין טאַלאַנט האָט זיך גענומען אַרויסשיילן. זיין ליטעראַרישער באַגאַזש איז נאָך געווען אַ קליינער, אָבער געשמט האָט ער שוין, אַזוי אַז אַ מחבר האָט זיך געווענדט צו אים נאָך אַ הסכמה אויף זיין ספר.

דער ספר, ווי אויך די הסכמה, זיינען קוריאָזע. עס איז אַ האַלב־משכילישער ספר מיטן נאָמען „תורת אל מות" פון איינעם אפרים מענקען זאַגאַרסקי. האַלט צוויי טיילן, ביידע געדרוקט אין וואַרשע. דער ערשטער אין 1860, און דער צווייטער — אין 1863. אין ביידע טיילן ווייזט דער מחבר אויף, אַז דער גלויבן אין השארת־הנפש האָט אַ יסוד; ברענגט ראיות פון נאַטור־פאָרשער, פילאָסאָפן און פסיכאָלאָגן, יידן און גויים, באַפעסטיקט און באַשטעטיקט זייערע מיינונגען לויט קוועלן פון תלמוד בבלי, אגדות און מדרשים. דער ספר איז געשריבן אין פאָרם פון געשפרעכן און דיאַלאָגן צווישן אַ מאמין און אַן אויפגעקלערטן, און איז באַלאָדן מיט הסכמות, לויב־בריוו פון גרויסע רבנים און משכילים און שירים לכבוד דעם מחבר. צווישן די מסכימים אויפן ערשטן טייל געפינען זיך ר' נפתלי צבי יהודה בערלין, וואָלאָזשינער ראש־ישיבה, ר' יעקב בארעט, ר' צבי הירש קאַצענעלענבויגן, אינ־ספעקטאָר פון רבנים־שולע אין ווילנע, ר' אַברהם זאַקהיים, ר' שמואל יוסף פין, ר' מרדכי פלונגיאַן, ר' יהודה אידל שערעשעווסקי און קלמן שולמאַן — פון די חשובסטע ווילנער משכילים. אויפן צווייטן טייל געפינען זיך הסכמות פון ר' משה יצחק אביגדור, קאָוונער רב, ר' אברהם צבי הירש אייזענשטאַדט, אוטיאַנער רב און מחבר פון „פתחי תשובה", ר' משה דיינא, אָדעסער רב, וואָס איז אויך געווען אַ משכיל, און פון משכילים, ווי דער פּאָעט און מאַטעמאַטיקער יעקב אייכנבוים, זיין אײדים שמואל הלוי הורוויץ, אליעזר צבי צוויפל און מענדעלע. עס איז ווערט צו דערמאָנען, אַז בעת די הסכמות פון די משכילים זיינען געדרוקט אין רש"י־כתב, איז מענדעלעס הסכמה געדרוקט אין אותיות מרובעות ווי די הסכמות פון די רבנים. בראש פון דער הסכמה (אָדער „מכתב תהלה" — לויב־בריוו), ווערט מענ־דעלע טיטולירט פון מחבר מיט פאָלגנדע שבחים: „דער וואונדער־יונגערמאַן, דער משכיל, באַרימטער מליץ, פלינקער שרייבער, באַקאַנט מיט זיינע חיבורים כמו"ה שלום יעקב אַבראַמאָוויץ". ווען דאָס בוך איז דערשינען אין 1863, איז מענדעלע באמת געווען באַרימט מיט דעם ערשטן טייל פון זיין „תולדות הטבע", וואָס איז דער־שינען אין 1862, מיט אַרטיקלען אין „המליץ" און „הצפירה" און מיט דער פאָלעמיק וואָס זיין „משפט שלום" אין „המליץ" האָט אַרויסגערופן.

די הסכמה איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם יונגן מענדעלע, פאַר זיינע ליטע־ראַרישע פאָדערונגען און וואונטשן צו דערהויבן דעם מצב פון דער העברייאישער ליטעראַטור, באַרייכערן זי מיט וויסנשאַפטלעכע ביכער וואָס מענדעלע זעלבסט האָט דאָס געפרואווט פאַרווירקלעכן מיט זיין „תולדות הטבע" און אַרטיקלען אין דער

העברייאישער פּרעסע אין די זעכציקער יאָרן. עס איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויפֿן וואָרט „ספרות״ פֿאַר ליטעראַטור, וואָס ווערט אין דער דאָזיקער הסכמה געברויכט. עס איז אָנגענומען אַז דאָס וואָרט האָט געשאַפֿן גאָטלאָבער, און גאָטלאָבער דערמאָנט טאַקע אין אַן אַרטיקל אין „המגיד״ פֿון די זיבעציקער יאָרן, אַז ער האָט דעם טערמין געשאַפֿן. פֿון מענדעלעס הסכמה, וואָס איז געשריבן אין 1861, איז צו זען אַז ער איז דער ערשטער געווען זיך צו באַנוצן מיט דעם וואָרט. ער פֿאַרטייטשט טאַקע דאָס וואָרט ספרות — „ליטעראַטור״.

איך גיב דאָ איבער די הסכמה אין יידיש:

איך קום איצט ניט רימען דעם דאָזיקן שאַצבאַרן ספר „תורת אל מות״, ווייל די דאָזיקע תורה איז באַרימט איבעראַל, אין אַלע וועלט־טיילן, באַרימט און אַלע פעלקער גיבן איר אָפּ כבוד. זי איז דאָך דער מלאך הגואל פֿון יעדן אָנשטענדיקן מענטש וואָס איז ווייט פֿון אַ פֿאַרדאָרבענער מחשבה, וואָס פֿון דער זעלע ביזן לייב טוט זי פֿאַרלענגערן, און באַגלייט אים שטענדיק אויף זיין לעבנס־וועג אויף דער וועלט. אַפֿילו ווען ער גייט אין טויטן־גרוב אַריין וועט ער פֿאַר שלעכטס ניט מורא האָבן און דער שרעק פֿון טויט וואָס פֿאַרדאַרבט יעדן איינעם וועט אים ניט נעמען, ווייל זי — די תורה — איז מיט אים. זי וועט אים לערנען וויסן, אַז גאָטס גייסט איז מיט אים און דעם איבערשטנס נשמה וועט אים לעבעדיק מאַכן, און די מענטשן־קינדער, וואָס כאָטש זיי ווערן געפּירט ווי שאָף צום אָפּגרונט און דער טויט דונערט אויף זיי, אָבער גאָט וועט זייער נשמה אויסלייזן פֿון קבר און זייער גייסט וועט זיך צוריקקערן צו גאָט וואָס כאָטש מיינע לעפּצן טוען איצט לויב־רייד צו רעדן דעם הרב המחבר, ווייל ער איז גערימט, און באַרימטע יידישע שרייבער האָבן מיט זייערע הענט אים מסמיך געווען, אָבער אויך איך וועל גאָט טאָן לויבן וואָס ער האָט מיך באַניייט און דערגרייכט צו דער דאָזיקער געלעכצטער צייט צו זען די אויפֿריכטונג פֿון דער העברייאישער ליטעראַטור, די פֿינצטערע, פֿאַרשעמטע און וויסטע, די וואָס קלאָגט אויף דעם וואָס זי האָט ניט קיין קיין וויכטיקע און אָנגענעמע ביכער פֿאַר דער מאַסע, וואָס זי איז פֿאַרשוועכט פֿון איר כבוד און וויסט־און־פֿאַרלאָזן אָן אַ לייע־נער וואָס זאָל זוכן און נאָכפֿרעגן זיך אויף אירע ביכער און שרייבער און זי זיצט אַ פֿאַרשעמטע אויף פֿרעמדע שפּראַכן, און איר קאָפּ איז אַראָפּגעלאָזן ווי אַן עקרה, אַ ניט געווויינעריין פֿון נייטיקע ידיעות וואָס ווערן געפֿאָדערט און וויסנשאַפֿטן וואָס האָבן היינט אַן אָפּגאַנג אויף דער גאַנצער וועלט. געלויבט איז גאָט, וואָס אירע טרויער־טעג האָבן זיך שוין געענדיקט, עס זיינען אויפֿגעשטאַנען איבערגעגעבענע שרייבער צו געבן איר אַ פּראַכט מיט קלוגע ספרים, און האָבן אירע טויערן געעפֿנט צו ברענגען איר די קראַפֿט פֿון די פעלקער־לשונות, און זייערע בוצלעכע ספרים ווערן איבערגעזעצט, ווייל אַזוי ווי די ערד גיט אַרויס איר שפּראָצונג, אַזוי שפּראָצט אויף די העברייאישע ליטעראַטור אַרויס מיט חכמה און וויסן קעגן אַלע פעלקער, און מען וועט מער ניט זאָגן צו איר אַז זי איז פֿאַרלאָזן און לער, ווייל מען וועט זי איצט טאָן רופֿן חפצי־בה (מיין גלוסטונג צו איר). מיין געבעט איז, אַז אַלע איינוואוינער פֿון מיין שטאָט זאָלן אָנערקענען די גרויסע טובה, וואָס מיין פֿריינט, דער באַרימטער הרב המשכיל מוהר״ר אפרים זאַגאָרסקי, נ״י, האָט געטאָן צו דער העברייאישער שפּראַך מיט זיין ווערק „תורת אל־מות״ וואָס ער האָט געגעבן צו די

יידישע קינדער אין אַ קלאָרער לייכטער שפּראַך כדי יעדער לייענער זאָל שנעל קענען לייענען איר, און זאָל זיין באַצאָלט זיין פאַרפולט פון אונדזערע ברידער אַריינצונעמען דעם בוך אין זייערע הייזער.

שלום יעקב אַבראַמאָוויץ.

ברדיטשוב, ב׳ ה׳ מנחם אב תרכ״א.

דאָס בוך האָט אַ גרויסע רשימה פּרענומעראַנטן אין אַ סך שטעט אין רוסלאַנד און פּוילן. אין דער רשימה געפינען זיך נעמען פון באַרימטע רבנים, משכילים און גבירים, צווישן זיי: ב. פעלטין, דר. מ. יאַסטראָוו, ח. ז. סלאָנימסקי, ל. בינשטאָק, זלמן לעווין (מענדעלעס שווער).

---

(1) וועגן זיין יעניקן באַזוך אין אָדעס געפינט זיך אין „המליץ" (1868, נומ. 7) פאָלגנדע מודעה: „דער אויסגעצייכנטער מחבר מו״ה שלום יעקב אַבראַמאָוויץ וואוינט אין אפרתיס הויז אויף דער פּאָסט־גאַס, אין הויף פון ה׳ פּרעסמאַן דער איידים פון ר׳ אברהם ז״ק. ווער עס וויל קויפן דעם צווייטן טייל און אויך דעם ערשטן פון זיין ספר „תולדות הטבע" קען זיך ווענדן צו אים דירעקט און פון אים זעלבסט באַקומען. ווייל אים איז שווער אַרומגיין איבער די הייזער ווי עס איז דער שטייגער פון פילע מחברים. די יעניקע וואָס די העברייאישע ליטעראַטור איז זיי טייער זאָלן אַנטקעגן קומען דעם מחבר כדי ער זאָל זיך ניט מבזה מאַכן ווי ער זאָל בעטן אַ נדבה". וועגן זיין באַזוך אין אָדעס יענעם יאָר און זיין געדריקטער מאַטעריעלער לאַגע אין יענעם יאָר, זע מענדעלעס בריוו צו ל. בינשטאָק, פון צענטן מאַי 1868, אין „דאָס מענדעלע בוך" פון נחמן מייזיל, זז. 9—93. אין דעם בריוו שרייבט ער אויך: „איך בין די גאַנצע צייט געווען זייער שטאַרק פאַרנומען מיטן דרוקן מיין ווערק „האבות והבנים", און דאָס בוך „אדרת חכמים" פון מיין פריינט סימאָן בערנשטיינס פּאַטער". אין בריוו ווערט אויך דערמאָנט פריסען, ביי וועמען מענדעלע איז איינגעשטאַנען.

(2) אין העברייאיש: אי״ש — ראשי־תבות. אַבראַמאָוויץ, יעקב שלום.

(3) די כוונה — געדרוקט.

(4) ביבליאָגראַפישער זשורנאַל, רעדאַקטירט פון משה שטיינשניידער.

(5) נאָך די מליצה ישעיה (20, ד׳): „לא־יאמר לך עוד עזובה ולארצך לא יאמר עוד שממה כי לך יקרא חפצי־בה".

ווי האַלט עס מיט דער פּראָדוקציע פון יידישע ביכער אין דער גאָרער יידישער וועלט ?

מיר גיבן דאָ צוויי רשימות פון יידישע ביכער און בראָשורן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן במשך די יאָרן 1961 — 1965 אין פאַרשיידענע לענדער. די רשימות זיינען צוזאַמענגעשטעלט לויט דער ביבליאָגראַפיע פון איסר גאָלדבערג, פּאַרוואַל־טער פון „ציקאָ״ ביכער־צענטראַלע אין ניו־יאָרק. אין דער ערשטער רשימה ווערן די ביכער געטיילט לויט זייער טעמאַטיק; אין דער צווייטער — לויט די לענדער, אין וועלכע מען האָט זיי געדרוקט.

ערשטע רשימה

	1961	1962	1963	1964	1965
ראָמאַנען, דערציילונגען נאָוועלן, אויסגעקליבענע ווערק	28	28	28	30	24
פּאָעזיע	23	27	19	25	27
עסייען, קריטיק, ליטעראַטור, געשיכטע, יידישע שפּראַך, ביאָגראַפיעס, זכרונות א״אַ	51	37	56	17	20
רייזע רעפּאָרטאַזש	4	11	—	—	6
רעליגיעזע, אַלטע קוואַלן יידישקייט	6	14	6	10	4
חורבן טעמאַטיק	10	11	19	7	9
פּנקסים	12	9	12	12	9
טעאַטער, דראַמע, קונסט פאָלקלאָר און פאַרשיידענע		4	5	29	29
שול, דערציאונג	12	20	15	11	12
	146	161	160	141	140

צווייטע רשימה

	1961	1962	1963	1964	1965
פּאַראייניקטע שטאַטן	47	56	57	41	39
ישראל	33	34	42	46	48
אַרגענטינע	31	32	24	23	22
פּוילן	10	9	13	9	11
פראַנקרייך	9	9	7	8	2
מעקסיקע	4	6	4	3	4
קאַנאַדע	1	4	5	4	3
דרום־אַפריקע	2	2	4	1	4
בראַזיל	2	2	—	1	—
ענגלאַנד	2	2	—	—	—
אויסטראַליע	1	2	2	2	1
רומעניע	2	1	1	1	3
ראַטן־פאַרבאַנד	2	2	1	—	3
האָלאַנד	—	—	—	1	1
	146	161	160	141	140

פון די דאָזיקע רשימות ווערן מיר געוואויר וויפל ביכער פון יעדער קאַטעגאָריע זיינען דערשינען און וויפל ביכער זיינען געדרוקט געוואָרן אין יעדן לאַנד באַזונדער. דאָ דאַרף מען אָבער געדענקען, אַז אַ צאָל מחברים האָבן געדרוקט זייערע ביכער ניט ביי זיך אין לאַנד, נאָר אין אַן אַנדער לאַנד, וואו דרוק־הוצאות זיינען אַ סך קלענערע.

די 748 יידישע ביכער וואָס זיינען דערשינען אין משך פון פינף יאָר ווייזן, אַז ניט געקוקט אויפן שוידערלעכן פאַרלוסט פון זעקס מיליאָן יידן, וואָס צווישן זיי זיינען געווען יידיש־שאַפער אין די טויזנטער און יידיש־געניסער אין די הונדערטער טויזנטער, פאַרמאָגן מיר נאָך אַלץ אַ קרעפטיקע יידישע ליטעראַטור, וואָס דערגרייכט פּראַקטיש יעדן יידישן ישוב אין דער וועלט.

ציפערן זיינען זייער וויכטיק: ציפערן דערציילן גאָר אַ סך, אָבער ניט אַלצדינג. אין דעם פאַל פון יידיש — פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור,

מערקט זיך אַ מאָדנע דערשיינונג: די שפּראַך וואָס האָט אַזוי פּל פאַרלאָרן אין כמות — אין דער צאָל שרייבער און געברויכער — האָט אָבער לחלוטין ניט פאַרלאָרן אין איכות, און אין פּרעסטיזש איז זי גאָר שטאַרק אויסגעוואַקסן! מיר האָבן געוואונען אין פּרעסטיזש סיי צווישן האַלב־ און גאַנץ־אַסימילירטע יידן, סיי צווישן ניט־יידן. צווישן די אַמעריקאַנער געבוירענע יידן, דער עיקר צווישן דער יוגנט, מערקט זיך אַ שטייגנדיקער אינטערעס צו יידיש; די צאָל קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, וואָס האָבן איינגעפירט קורסן אין יידיש, האַלט אין וואַקסן. ביי ניט־יידן איז די יידישע שפּראַך געשטיגן צו אַזאַ הויך, אַז די בריטאַניקאַ האָט זי אַריינגענומען אין איר ווערטערבוך פון די זיבן פאַרשפּרייטסטע שפּראַכן אין דער וועלט. און וואָס שייך איבערזעצונגען פון יידיש אויף אַנדערע שפּראַכן, ווערט זייער צאָל אַלץ גרעסער.

לאָמיר שוין אָנווייזן אויף אַ „מאָדנער" דערשיינונג, אַז אויך אין ישראל מערקט זיך אַ בעסערע באַציאונג צו יידיש מיט אַ באַדייטנדיקער צאָל יידיש־ביכער, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן דורך די דאָרטיקע פאַרלאַגן.

אין די געגעבענע רשימות האָבן מיר, צוליב דער גרויס פון די רשימות, ניט געקאָנט געבן די נעמען פון די מחברים און די טיטלען פון זייערע ביכער, וועלן מיר אייך איצט געבן אַ קלענערע רשימה פון ביכער, וועלכע וועט האָבן ניט נאָר דעם נאָמען פון דעם מחבר און זיין בוך, נאָר אויך די גרויס פון זיין בוך, ד"ה וויפל זייטן דאָס בוך פאַרנעמט. די איצטיקע רשימה איז פון די ביכער וואָס דער איקוף־פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן במשך די יאָרן 1961 — 1966. אַגב, די פולע צאָל ביכער וואָס דער איקוף־פאַרלאַג האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן האַלט שוין ביי דער צאָל 200.

איקוף־פאַרלאַג

רשימה פון אַרויסגעגעבענע יידישע ביכער אין די יאָרן 1966 — 1961

1961

איקוף־אַלמאַנאַך 1961, 576 ז"ז.
זעליק אַקסעלראָד — לידער־זאַמלונג, 77 ז"ז.
א. גאָלדבערג — אונדזער דראַמאַטורגיע, 536 ז"ז.
צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון שמעון דובנאָוו (זאַמלונג), 96 ז"ז.
משה גראַזול — עסייען וועגן די קלאַסיקער מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם, 87 ז"ז.

1962

מאָריס ראָזענפעלד — צו זיין הונדערטסטן געבוירנטאָג, 127 ז״ז.
ראובן ברייִנין — צו זיין הונדערטסטן געבוירנטאָג, 157 ז״ז.
דאָס ז. ווייִנפער־בוך, 383 ז״ז.
יוסף מאָרגענשטערן — איך געדענק די טעג, 264 ז״ז.
י. מעסטל — ליטעראַטור און טעאַטער, 346 ז״ז.
יעווגעני יעווטושענקאָ — זאַמלונג, 70 ז״ז.

1963

אברהם ביק — אידייע און געשטאַלט (עסייען), 317 ז״ז.
פרומע האַלפּערן — געבענטשטע הענט (דערציילונגען), 282 ז״ז.
בער גרין — יידישע שרייבער אין אַמעריקע, 335 ז״ז.
איציק פעפער — שאָטנס פון װאַרשעווער געטאָ (צווייטע אויפלאַגע), 59 ז״ז.
חיים סלאָוועס — די מלחמה פון גאָט (דראַמע אין 3 אַקטן), 107 ז״ז.
נחמן מייזיל — בער באָראָכאָוו — דער גאון פון דער יידישער פילאָלאָגיע, 16 ז״ז.
יצחק קאַצענעלסאָן — דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק
(צווייטע אויפלאַגע), 80 ז״ז.

1964

גרשון אין אַמעריקע, 479 ז״ז.
פרץ מאַרקיש — דור אויס, דור איין (ערשטער באַנד), 374 ז״ז.
דאָס פרענק קוירק־בוך (אַלבאָם פאָרמאַט מיט קונסט־רעפּראָדוקציעס), 112 ז״ז.
דאָרע טייטלבוים — דער וועג צו מענטש (לידער), 214 ז״ז.

1965

נחמן מייזיל — קעגנזייטיקע השפעות אין וועלט־שאַפן, 423 ז״ז.
נחמן מייזיל — ד״ר חיים זשיטלאָווסקי — צו זיין הונדערטסטן געבוירנטאָג, 128 ז״ז.
ש. גלאַזמאַן — מגילות פון ים המלח, 384 ז״ז.
משה סטרוגאַטש — אויף זוניקע וועגן (לידער און פאַבלען), 158 ז״ז.
שרה פעל־יעלין — מענטש און צייט (לידער), 190 ז״ז.
י. ב. ביילין — פערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע
(צווייטער באַנד), 459 ז״ז.
פרץ מאַרקיש — דור אויס, דור איין (צווייטער באַנד), 579 ז״ז.

1966

לעאָן קאָברין — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע, 288 ז״ז.
מלכה גאָטפריד — פרייד און וואונדער (לידער), 221 ז״ז.
(190 זייטן יידיש, 31 ענגליש)

בער גרין — אײביק גרין (לידער), 286 ז״ז.
רפאל פֿאַזנער — הײם און װעלט (נסיעות, אימפּרעסיעס און זכרונות), 362 ז״ז.
שלום עליכם — פּונעם יאַריד, 479 ז״ז.
בעלאַ גאָלדװירט — איבער גרענעצן (דערצײלונגען), 272 ז״ז.

דער איקוף האָט אויך אַרױסגעגעבן דרײַ ביכער אין דער ענגלישער שפּראַך:

The New Country — 512 pages.

דאָס איז אַ זאַמלונג פֿון קורצע דערצײלונגען פֿון באַקאַנטע ייִדישע שרײַבער, איבערגעזעצט אויף ענגליש דורך העַנרי גודמאַן.

Joseph Morgenstern — I Have Considered My Days — 1964, 256 pp.

דאָס איז אַן איבערזעצונג פֿון זײַן ייִדיש בוך „איך געדענק די טעג״, װאָס איז אַרױס אין 1962.

Morris Rosenfeld — Selections from His Poetry and Prose, Edited by Itche Goldberg and Max Rosenfeld, 1964, 144 pp.

מיר האַלטן איצט בײַם אַרױסגעבן א. ראַבאָיס „נײַן ברידער״ אין אַן ענגלישער איבערזעצונג.

•

װי אַ מינאָריטעטן־שפּראַך קומט ייִדיש אויס צו ראַנגלען זיך פֿאַר איר עקזיסטענץ, װאָוקס און פֿאַרשפּרײטונג — מיט שונאים, קעגנער און סתּם גלײַכגילטיקע מענטשן, װעמען עס װאָלט גאָר ניט געאַרט, אַז די ייִדישע שפּראַך זאָל אונטערגײן. זײ פֿאַרשטײען ניט, אַז אַ שפּראַך איז ניט קײן אינדיװידועלע שאַפֿונג, ניט אימיצנס אַן אויסטראַכטעניש אָדער קאַפּריז. אַ שפּראַך איז די שאַפֿונג פֿון אַ גאַנצן פֿאָלק און דער שאַפֿונג־פּראָצעס איז אַ לאַנג־דױערנדיקער, װײַל שפּראַך איז אַן אָרגאַניזם װאָס הערט קײנמאָל ניט אויף צו װאַקסן און אַנטװיקלען זיך. אַ פֿאָלק מוז האָבן אַן אײגענע שפּראַך. די ייִדישע שפּראַך איז די שאַפֿונג פֿון ייִדישן פֿאָלק און איר קיום איז ענג פֿאַרבונדן מיטן קיום פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק.

איז לאָמיר זיך ניט שרעקן פֿאַר די שװאַרצזעער װאָס רײדן װעגן אונטערגאַנג!

נ. הײקין

#ביישטייערער פאַר דעם איקוף־אַלמאַנאַך
גרעסערע סומעס

וועלוול און פריידע ראָזענבלאַט, ברוקלין.
סאָפיע באָבריק, ניו־יאָרק — אין אָנדענק פון איר שוועסטער און שוואָגער — נעמי און נתן גאָלוב.
פּאָולין טשודנאָווסקי, פילאַדעלפיע, אין איר אָנדענק.
דעטרויט איקוף, אין אָנדענק פון חיה גאָלדע עסטרין.
ל. שנור, אין אָנדענק פון זיין פרוי טילי.
טשאַרלס ווײַנטראַוב, מיאַמי, אין אָנדענק פון זיין זון נאַטאַניעל און טאָכטער אָלגאַ.
נתן ווינקלער, נאָרפאָלק, ווא., אין זיין אָנדענק.
יוסף גליקסמאַן, אין אָנדענק פון זיין פרוי לאה.
עדמאָנד האַהן, לאָס אַנדזשעלעס, אין אָנדענק פון זיין פרוי שרה.
אַדעלאַ פעלדשטיין, דזשאַמעיקאַ, אין אָנדענק פון איר מאַן דוד.
יוסף פיינשטיין, אין אָנדענק פון זיין פרוי בלומע.
עטל דייווידסאָן, אין אָנדענק פון איר מאַן זלמן.

ספּאָנסאָרס

י. אייזענבערג	שעווא מאָריס
בינאַ גאָלדשטיין	סעם און לאה נעלסאָן
יעקב און ציטל דאָראָשקין	מאָריס פּאָלען, וואַשינגטאָן
בען הערמאַן	בעלאַ און ל. פעלד
ה. און קלאַראַ דוליצקי	יוסף קאָהען
ש. דעמבוס	י. קאַפּלאַן
מאיר האַריטאָן	בערל און שרה קוואַלוואַסער
אַרטור ווייראַב	פּערל און אפרים ראָזענבערג
בערנאַרד וועלער	ליפּע רובמאַן
ראשע און יוסף שאַפּיראָ	הוירמען רייביס
י. לוסקין	ל. און ג. ריטשמאַן, אַרלינגטאָן
ב. און פרוי מאָנדשיין	ראָוז און סאַל שעלי

אַלמאַנאַך־אַבאָנענטן

ראָוז אורליכט	מרים באומעל
סעמיועל אייזנבערג	ליליען באָרטניק
ראָוז אַראָנאָף	אין אָנדענק פון איר מאַן מאָריס
ליליען אָרענשטיין	א. בלאַט

אַלמאַנאַך-אַבאָנענטן

לאה אדלער בענעמאָווסקי
אסתר גאָלדבערג
בעלאַ גאָלדווירט
בלענטש גודמאַן
מאָריס ה. גינזבורג
אהרן גלימטשער
הערי און שוירלי גליקסמאַן
א. דזשענאָווסקי
מאַקס דזשענקינס, און מיטגלידער
פון לעאָן קאָברין קלוב
רובין האָך,
אין אָנדענק פון הערי קעסלער
מיטגלידער פון ליובע שעפקאָוויטש
לייען־קרייז
נ. היימאן
עמאַ און דזשעק לערנער־בורלאַנט
באלטשע און וועלוול וואולקאן
נעטי וואָראָנץ
חיים זיידענוואָרט
י. זעלדין
דוד טאנסקי

יוסף און בעלא טשאַרנאָווער
סעם ליפּצין
ה. ב. מענדעלסאָן
ראָוז סאפרין
אַניוטאַ סאָשין
ל. סיב
סאל און רחל סילווערבערג
רחל קאַפּלאַן
דוד קאפּלאָף
לייבל קאהר
יודיף און ש. קאָרן
יעקב און יעטאַ קוואט
ראָוז קוירק
מישא און פּערל ראָזמאַן
י. ראָזענבאַום
בען און לאה ראָלער
ב. ריפּין
סעם שאַפּירא
בערטאַ שועל
טאַניאַ שניידערמאַן
דר. יוסף שעפּער